ל. גאָטליעב

# גאָלד און בלוט

Chas Greenberg
801 Buckeye St

**פרייז 50 סענט**

גרייזעל ענד קאָ. פּרינטערס
67-65 סאָפאָלק סטריט
ניו יאָרק.

277

„גאָלד איז קאַלט און בלוט איז הייס,
און ס׳וועט ניט געבען, ווי איך ווייס,
קיין איינציג טראָפּען בלוט דער וועלט
צו רעטען איהר דער מאַן פון געלד.
דען ער, פּונקט ווי זיין גאָלד, איז קאַלט,
איהם קען ניט ריהרען קיין געוואַלט,
קיין וועה, קיין יאַמער און קיין שמאַרץ —
ער פיהלט דיך ניט, ער האָט קיין האַרץ“.
מאָררים ראָזענפעלד.

## ערשטער קאַפּיטעל.

— „געד אַפּ ! געד אַפּ !“ — האָט אַ פּאָליסמאַן געוועקט אין אַ זומער פריה־מאָרגען די מענער, וואָס זיינען געשלאָפען אין איינעם פון די ניו יאָרקער פּאַרקס, שטורכענדיג זיי מיט זיין „קלאָב“.

די שלאָפענדע האָבען זיך שנעל אויפגעכאַפּט. קענטיג, דאָס זיי האָבען דיעזען „וועקער“ ערוואַרטעט, און זיך שטיל געלאָזען געהן פאַר זיך מיט בעזאַכטע טריט, אויסגלייכענדיג אויפ׳ן וועג זייערע מיעדע גליעדער, וועלכע זיינען יעצט געוועזן כמעט ווי צובראָכען פון דעם אונבעקוועמען געלעגער.

מיט די זעלבע ווערטער איז דער שטאָדט־היטער געגאַנגען פון איין באַנק צו דער צווייטער און געוועקט, געשטורכעט די אונגליקליכע היימאַטהס־לאָזע — ניו יאָרק׳ס פרייע בירגער...

מענשען פון פערשיעדענער עלטער זיינען דאָס געוועזן: אַלטע לייט מיט גרייז־גראָהע קעפּ, וועמעס געזיכטער האָבען עדות געזאָגט, אז זיי האָבען שוין אין זייערע יאָהרען פיעלע לעבענס־שטורעמס דורכגעמאַכט; מענשען אין די מיטעלע יאָהרען, אויף וועמעס פּנים׳ער עס האָט זיך אויך אָפּגעשפּיעגעלט שרעקליכער עלענד און נויטה, און פער׳חושך׳טע, ניעדערגעשלאָגענע יונגע לייט, אין וועמעס אויגען עס האָט זיך נאָך געזעהן אַ שוואַכער, האַלב־אויסגעלאָשענער שטראַהל פון האָפנונג אויף אַ גליקליכע צוקונפט..

מאנכע פון די אונגליקליכע, אַבגעהענדיג עטליכע טריט, האָבען אומגעקעהרט די קעפּ צו זעהען אויב דער פּאָליסמאַן קוקט זיי נאָך און זיך צוריק אַוועקגעזעצט. אָבער דער אָרדנונגס־היטער, אָפּפערטיגענדיג זיך מיט׳ן וועקען, האָט ער זיך גענומען טרייבען די עלענדע פון פּארק, ניט זשאלעוועדיג זיי דערביי קיין זידעל־ווערטער.

דער פּאָליסמאַן האָט דאָ אויסגעפיהרט דעם בעפעהל פון די שטאָדט־טאַטעס, וועלכע ווילען ניט, אז ניו יאָרק, די ריעזיגע וועלט־שטאָדט, די שטאָדט וואָס האָט א שם איבער דער גאַנצער וועלט מיט איהרע אונגעהייערע רייכטהימער, זאָל זעהען איהר עלענד, איהר שאַנדע אין דער העלער ליכט פון טאָג... דארום נאָך איידער עס בעווייזען זיך די ערשטע שטראַהלען פון דער אויפגעהענדער זונן, ווען אויפ׳ן הימעל הויבט אָן שיינען דער מאָרגען־שטערען, נעהמען זיך די אָרדנונגס־היטער גלייך צוטרייבען די היימאטהס־לאָזע פון די פּאַרקס.

ווי שאָטענס ציהען זיך דיעזע אונגליקליכע מיט אונזיכערע טריט. אָנפאנגס געהען זיי איינציגווייז; אין פערשיעדענע ריכטונגען געהען זיי, ווארפענדיג טרויעריגע בליקען איינער אויפ׳ן אנדערען, אזוי ווי זיי וואָלטען זיך געזעגענען און פערשפּראָכען ביינאַכט זיך ווידער דאָ צו בעגעגענען... ווען זיי קומען ארויס פון פּאַרק, פעראייניגען זיי זיך אין קלענערע און גרעסערע גרופּען און לאָזען זיך אַוועק איבער פערשיעדענע גאַסען.

צווישען דיעזע אונגליקליכע האָט זיך געפונען ארטהור נייமאַן, א יונגער מאן פון אַ יאָהר דרייסיג, פון מיטעלען וואוקס, אָבער מיט א פעסט־געבויטען קערפּער, א ברונעט, מיט גרויסע, שווארצע, קלוגע אויגען. אויף זיין סימפּאַטישע, גלאַט־ראַזירטע געזיכט האָט דער עלענד אָפּגעסטעמפּעלט שארפע סמנים... א קוק טהוענדיג אויף דיעזען יונגען מאַן, האָט מען פון ערשטען בליק גלייך געקענט בעמערקען, אז מען האָט פאַר זיך א ליידענדען, אן עלענדען, אן אונגליקליכען.

ער איז געגאַנגען אָפּגעזונדערט פון זיינע מיט־שלעפער, אזוי

ווי ער וואָלט ניט געהאט די דרייסטקייט צו זיי צוצוגעהן. און ווירקליך, ער האָט זיי מקנא געווען. יענע איז בעסער געווען ווי איהם. זיי האָבען כאָטש נעכטען געגעסען וועטשערע אין די „ברויט-ליין“ אויף דער באָוערי, וועהרענד ער האָט שוין זינד די לעצטע צוויי טעג קיין שטיקעל ברויט אין מויל ניט געהאט. ער האָט זיך ניט געוואָלט בענוצען מיט דיעזען פרייען מאָהל-צייט, כאָטש דער הונגער האָט איהם שרעקליך געפּייניגט. ער איז צו שטאָלץ געווען זיך אַוועקצושטעלען אין דער לאַנגער שורה פון די הונגעריגע און עלענדע און אויסשטרעקען זיין האנד צו אַ מיסיאָנער, ער זאָל איהם געבען א שטיקעל ברויט...

ניימאן איז געווען אן ארבייטער. ער האָט אימער פערדיענט און נאָך אַנדערע געהאָלפען, ווען מען האָט זיך צו איהם געווענדעט נאָך הילף. ער איז שוין אָבער א היבשע פּאָר מאָנאטען אָהן אר־בייט. דאָס ביסעל געלד, וואָס ער האָט געהאט אָפּגעשפּאָרט, האָט ער שוין אויפגעגעסען און זינט די לעצטע פּאָר טעג געפינט ער זיך אָהן א סענט און ער איז געצוואונגען צו נעכטיגען אין גאס, אונטער דעם פרייען הימעל.

ביים ארויסגאנג פון פּארק, האָט זיך ארטהור אָבגעשטעלט לע־בען א שטיינערנעם טאפעל, וואָס איז עהנליך געווען צו א מצבה, אויף וועלכען ס'איז געווען אויסגעקריצט אַן אויפשריפט און אין וועלכען עס איז געווען אן אייזערנער קראן, פון וואנען עס האָט אונאויפהערליך גערונען וואסער. ער האָט אונטערגעשטעלט אונ־טער דעם קראן דאָס אויסגעווייסטע קופערנע טעפּעל, וועלכעס האָט דאָרט געהאנגען אויף אַן אייזערנע קייטעל און ווען עס איז פול גע־וואָרען, האָט ער עס צוגעטראָגען צו זיינע פערשמאכטע ליפּען, וועל־כע זיינען געווען צוברענט פון הונגער און עס מיט איין זשעדנעם שלונג האסטיג אויסגעטרונקען. דאָס זעלבע האָט ער געטהאָן א צווייטען און אַ דריטען מאָל, אזוי ווי ער וואָלט וועלען מיט דעם וואסער לעשען ניט בלויז זיין דורשט, נאָר אויך דעם הונגער...

דאן האָט ער זיך געלאָזען געהן איבער דער גאס. צוקומענדיג צו א צייטונגס-סטענד האָט ער זיך אָבגעשטעלט און געבעטען דעם

אידען, וואָס האָט פערקויפט די צייטונגען, ער זאָל איהם ערלויבען דורכצוקוקען די אדווערטייזמענטס פון א געוויסער צייטונג, ער־קלעהרענדיג איהם, אז ער האָט קיין סענט ניט צו קויפען א פייפער. דער מאן האָט איהם געגעבען די פערלאַנגטע צייטונג. ניימאן האָט שנעל אויפגעמישט די „פיידזש“, וואו די אנאָנסען האָבען זיך גע־פונען און מיט זשערנע בליקען געגומען לייענען די געדיכטע שורות מיט די דראָבנע בוכשטאַבען. ער האָט איבערגעלעזען איין קאָלומן, א צווייטען און אויף זיין געזיכט האָט זיך בעוויזען אן אויסדרוק פון פערצווייפלונג. צווישען די אלע אנאָנסען האָט ער ניט געפונען קיין איינע, וואו ער זאָל קענען געהען פרעגען וועגען ארבייט. אין זיין פאך — סטאָלעריי — האָט מען קיין „העגד“ ניט געדארפט. ניימאַן האָט אויך געקענט ארבייטען אלס פיינטער. אָבער אויך אין דיעזען „טרייד“ איז יעצט קיין ארבייט ניט געווען, און ער איז אלזאָ געוואָרען זעהר פערצווייפעלט. דאָס האָט געהייסען פאר איהם — ווייטער הונגערען, ווייטער זיך ארומבלאָנקען גע ונד און ניט האָבען וואו דעם מיעדען קאָפּ אוועקצולייגען...

ער האָט ווייטער גענומען לעזען. דאָ האָבען זיך זיינע בליקען אָפּגעשטעלט אויף א געוויסען אדווערטייזמענט, וועלכען ער האָט עטליכע מאָל איבערגעלייענט. די פערצווייפלונג האָט ביסלעכווייז גענומען פארשווינדען פון זיין געזיכט און עס האָט זיך דאָרט בע־וויזען א שטראהל פון האָפנונג.

אויף דעם פאָלגענדען אדווערטייזמענט האָט ער זיך אָפּגע־שטעלט:

„פערלאַנגט א מאן פון א יאָהר 30, א געזונטער, קרעפ־טיגער, וועלכער איז קיינמאָל ניט קראנק געווען אויף אן אנ־שטעקענדע קראנקהייט, וואָס איז וויליג אוועקצוגעבען א קוואָרט בלוט צו א קראנקען. ער מוז וועגען ניט ווייניגער פון 150 פונט. „אלס בעלאָהנונג וועט ער בעקומען 50 דאָלאר. בלויז דער ריכטיגער מאן זאָל זיך מעלדען היינט אום 8 אוהר אין דער פריה צו דאָקטאָר ס.... „אין — — — האָספּיטאל“.

ניימאַן האָט אַ לייכטען ציטער געטהאָן און אַ געפיהל פון פרייד האָט דורכגענומען זיין הארץ — אַ געפיהל, וועלכער איז איהם שוין אַ היבשע צייט פרעמד געוועזן... דיעזער געפיהל איז אָבער באלד פערשוואונדען און אַן אנדער געפיהל, אַ טרויעריגער, האָט זיין פּלאַץ פערנומען.

— וועל איך דען זיין דער איינציגער אויף דיעזען „דזשאב"?

— האָט ער זיך זעלבסט אין הארצען געפרעגט — עס וועלען דאָך געוויס קומען נאָך פיעלע, פּונקט ווי עס פּאסירט אויף אַלע אנדערע דזשאבס.

און ער האָט בעשלאָסען, דאָס מאָל צו זיין דער ערשטער. ער טאָר דיעזען „דזשאב" ניט פערלירען; ער מוז איהם אָננעהמען. די 50 דאָלאר וועלען איהם אויף די פיס שטעלען. ער וועט קענען ארויסנעהמען די „טולס" וואָס ער האָט פארזעצט אין אַ פּאָאָן־שאָפּ און אוועקפאָהרען אין אַן אנדער שטאָדט, פיליכט צוריק קיין שי־קאגאָ, פון וואנען ער איז מיט עטליכע מאָנאטען צוריק געקומען אהער — ער מוז דיעזען „דזשאב" אָננעהמען.

ער האָט אוועקגעגעבען דעם סטענד־קיפּער די צייטונג, איהם העפליך בעדאנקט און מיט שנעלע טריט זיך געלאָזען געהן. אָפּ־געהענדיג אַ שטיקעל וועג, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און זיך וועגען עטוואָס פערטראכט מיט אַן אויסדרוק פון טיעפע זאָרג און קומער.

— ווער וויים צו איך האלט אוים די וואָג וואָס מען פאָדערט אין דעם אדווערטייזמענט? — האָט ער זיך וויעדער זעלבסט גע־פרעגט.

ער דערמאָנט זיך, אַז מיט אַ יאָהר צוריק האָט ער געוואויגען קנאַפּע 170 פונט. אַז ער האלט היינט ניט די זעלבע וואָג — דאָס איז ער זיכער געוועזן. אַ קלייניגקייט וויפיעל צרות, וויפיעל יסורים ער האָט שוין דורך דיעזע צייט איבערגעלעבט! ער האָט צייטענ־וויין ממש געפיהלט ווי דאָס פלייש פאלט פון איהם אראָפּ פונטען־ווייז.. און ער האָט אויך געגומען צווייפלען, צו ער איז געזונד גע־נוג, צו וועט זיין בלוט גאָר טויגען, צו וועט עס דער דאָקטאָר גאָר וועלען קויפען... ער איז זאָגאַר בערייט געוועזן ארונטערצולאָזען פון

פרייז, אַוועקצוגעבען אַ קוואָרט בלוט פאַר ביליגער ווי 50 דאָלאַר און זאָגאַר מעהר ווי אַ קוואָרט, אַבי ער זאָל זיך קענען אַרויסראַטעווען פון זיין יעצטיגער שרעקליכער לאַגע.

ער איז צוריק געגאַנגען מיט נערוועזע טריט צו דעם סטענד־קיפּער און געזאָגט צו איהם אין אַ שטילען, בעטענדען טאָן:

— ענטשולדיגט מיר, מיסטער, וואָס איך באַדער אייך. וויפיעל דיינקט איהר דאַרף איך וועגען?

דער צייטונגס פערקויפער, אַ מאַן פון אַ יאָהר פופציג, פון וועמעס געזיכט מען האָט גלייך געקענט לעזען, ווי אין אַן אָפענעם בוך, אַז דער דלות איז מיט איהם „פאַן־בראַט“, האָט אויף ניימאַן׳ען אויסגעשטעלט אַ פּאָר פערוואונדערטע אויגען און איהם אַ היבשע ווײַלע בעטראַכט.

— מיין פראַגע קומט אייך פאָר זאָנדערבאַר, האַ? — האָט דער אַרבייטס־לאָזער יונגער מאַן זיך ווידער אָפּגערופען, — איהר בעטראַכט מיך פיעלייכט פאַר אַ משוגענעם. איך בין עס אָבער נאָך ניט. איך וועל פיעלייכט שפּעטער דעם זינן פערליערען. דערווייל בין איך נאָך ביי דעם קלאָהרען פערשטאַנד. איך בעט אייך, זאָגט מיר, וויפיל אַ שטייגער, דיינקט איהר, קען איך וועגען. איך דאַרף דאָס זעהר נייטיג וויסען.

— וואָס וויים איך צו זאָגען וויפיעל איהר וועגט? — האָט דער איד געצויגען מיט די פּלייצעס, ניט אַרונטערנעהמענדיג אַלץ פון ניימאַן׳ען זיינע ערשטוינטע בליקען — ווער קען דאָס אויפ׳ן אויג וויסען?

— דאָך, טרעפט — האָט ניימאַן זיך געבעטען ביי איהם — וועט איהר טרעפען מיט עטליכע פונט מעהר אָדער ווייניגער.

ביי דעם וואָרט „ווייניגער“ האָט ער זיך אַ קרום געטהאָן און איז געוואָרען אין כעס אויף זיך זעלבסט, וואָרום ער האָט דאָס וואָרט פון זיין מויל אַרויסגעלאָזען... ער וואָלט וועלען, אַז דער איד זאָל טרעפען וואָס מעהרער...

— איך וועל אייך זאָגען דעם אמת — האָט דער אייגענטהימער פון דעם צייטונגס־סטענד געזאָגט שוין מיט אַ געוויסען אינטע־

רעם — אַז איך גיב אַ קוק אויף אַ באַנדעל פּייפּערס, קען איך גלייך טרעפען וויפיעל עס וועגט. איך קען אַמאָל מאַכען אַ טעות אין אַ צוויי, דריי פונט דאָס העכסטע. אָבער אויפ'ן קוק צו זאָגען וויפיעל אַ מענש וועגט, איבערהויפּט אַ דערוואַקסענער מענש — דאָס איז שווער צו זאָגען. אָבער זאָגט מיר — האָט ער צוגעגעבען, ווערענדיג שוין טשיקאַווע, — נאָך וואָס דאַרפט איהר דאָס וויסען און גראַדע יעצט?

— אָה, איך מוז דאָס נויטיג וויסען — האָט ניימאַן גערעדט אין אַ נערוועזען טאָן, און דאָס טאַקע שוין, אויפ'ן שטעל.

— עס וועט אייך קאָסטען איין פּעני, וועט איהר דאָס גלייך וויסען — האָט דער איד איהם געענטפערט — אָט זיינען דאָרטען פאַראַן אַ פּאָר וואָגען — האָט ער איהם אָנגעוויזען אויף איינִיגע אוי־טאָמאַטישע וואָג־מאַשינען, בעפּאַרבט מיט אַש־קאָליער, וואָס זיינען געשטאַנען אין דיא פראָנט פון קענדי־סטאָרקעס — וואַרפט אַריין אַ סענט אין איינע פון דיזע מאַשינען און איהר וועט באַלד וויסען וויפיעל איהר וועגט.

— ווען איך וואָלט געהאַט אַ סענט! — האָט דער אונגליק־ליכער ארבייטסלאָזער געזאָגט מיט אַ זיפץ.

דער צייטונגס־הענדלער האָט וויעדער גענומען בעטראַכטען דעם יונגען־מאַן. זיינע אויגען האָבען שוין יעצט ניט אויסגעדריקט ערשטוינונג, נאָר טיעפען מיטלייד. ער האָט אַריינגעשטעקט דיא האַנד אין דער הויזען־טאַש, אַרויסגענומען עטליכע סענט און דאָס איהם דערלאַנגט, זאָגענדיג:

— נעהמט דאָס... עס טהוט מיר זעהר לייד וואָס איך קען אייך מעהר ניט געבען.

ניימאַן האָט נערוועז אַ כאַפּ געטהאָן מיט זיינעביידע הענד דעם אידען'ס האַנד און, דריקענדיג זי הייס, האָט ער געזאָגט אין אַ ריהרענדע, ציטערענדע שטימע, אין וועלכע עס האָט געקלונגען טיעפע דאַנקבאַרקייט:

— איך דאַנק אייך זעהר, מיסטער, פאַר אייער גוטהערציגקייט! איך וועל ביי אייך בלויז נעהמען איין סענט, ניט מעהר; איך דאַרף

מעהר ניט; און דעם סענט וועל איך אייך נאָך מאָרגען מיט דאנק־באַרקייט אָבגעבען. איך וועל מאָרגען האָבען געלד, א סך געלד. איהר מעגט מיר גלויבען, אַז איך רייד דעם אמת. איך בין ניט קיין בעטלער.

דאָס זאָגענדיג, האָט ניימאַן א כאַפּ געטהאָן א פּעני און איז צוגעלאָפען צו א וואָג־מאַשין, וואָס איז געשטאַנען ניט ווייט פון דעם צייטונגס־סטענד אין דער פראָנט פון א קענדי סטאָר.

מיט א קלאַפּענדע הארץ האָט ער זיך ארויפגעשטעלט אויף דער וואָג און מיט אונרוהיגע בליקען האָט ער געקוקט אויף דעם לאַנגען, שוואַרצען ווייזער וואָס איז געשטאַנען אויף דער „נול“ אין דעם רונדען, ווייסען ציפער־בלאַט. דער ווייזער האָט גענומען ציטע־רען פון ניימאַן׳ס אונרוהיגע בעוועגונגען. דעם יונגען־מאַן האָט זיך פון דעם געדוכט, אַז דיא מאַשין איז עפּעס ניט אין אָרדנונג. ער איז אַרונטערגעגאַנגען, האָט אַשטאַרקען טרייסעל געטהאָן די וואָג, אַזוי ווי ער וואָלט דערמיט וועלען איהר ברייננען אין אָרדנונג; און זיך צוריק אויף איהר אַרויפגעשטעלט. דאַן האָט ער מיט א ציטערענ־דער האַנד אַריינגעוואָרפען דעם סענט אין דעם קליינעם שפּעלטעל, וואָס האָט זיך געפונען אין דער רעכטער זייט אויבען אויף דער מאַ־שין איבער דעם ציפער־בלאַט. די מטבע האָט זיך גענומען קייק־לען אינעווייניג און איז ענדליך דאָרט ערגעץ אַריינגעפאַלען מיט אַ הייזעריגען קלונג, און באַלד האָט זיך דער לאַנגער ווייזער גענומען דרעהען און האָט ענדליך מיט אַ שנעלען שפּרונג זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם ציפער 158.

ניימאַן האָט לייכט אָפּגעזיפצט און זיין געזיכט האָט גענומען שטראַהלען פון אינערליכען גליק. ער האָט מיט אַלע זיינע קרעפטען זיך אָנגעשטרענגט צו מאַכען זיך שווערער, האָט אונטערגעטאַנצט, צודריקענדיג פעסט דיא פיס צו דעם פּלאַטשיגען אייזערנעם טאַפּעל, אויף וועלכען ער איז געשטאַנען, אַזוי וויא ער וואָלט וועלען דערמיט געווינען נאָך א פּאָר פונט. דער ווייזער האָט זיך א רוק געגעבען א ביסעל ווייטער, אָבער ווען ניימאַן איז געבליבען שטעהן רוהיג, האָט זיך דער ווייזער צוריק אָבגעשטעלט אויף די פריהערדיגע ציפער 158.

עטליכע מאָל האָט אַרטהור דאָס זעלבע ווידערהאָלט. ענדליך איז ער אַרונטערגעשפּרונגען פון דער מאַשין, צוגעלאָפען צוריק צום ציימונגס־הענדלער און אין אַ פריילעכער שטימע געזאָגט:

— עס איז אַלל רייט, מיסטער, איך וועג 158 פונט!

דער איד, וועלכער האָט דיא גאַנצע צייט וואָס ניימאַן האָט געמייסטערעוועט מיט דער וואָג־מאַשין, פון איהם זיינע אויגען ניט אַרונטערגענומען, האָט איהם ווידער בעטראַכט מיט ערשטוי־נענדע בליקען און געפרעגט:

— נאָך וואָס דאַרפט איהר דאָס אַזוי נויטיג וויסען וויפיעל איהר וועגט, און דאָס יעצט, פאַר טאָג?

ניימאַן האָט אַ כאַפּ געטהאָן פון דעם סטענד איינע פון דיא צייטונגען, אין וועלכער ער האָט פריהער דורכגעקוקט דיא אַדווער־טייזמענטס און, אָנווייזענדיג אויף דער אויבען־דערמאָנטער אַנאָנ־סע, האָט ער געזאָגט אין דעם זעלבען פריילעכען טאָן וואָס פריהער:

— איהר זעהט, איך בין אָלל רייט. איך וועג נאָך מעהר וויפיעל מען פערלאַנגט.

דער איד האָט איהם ערקלעהרט, אַז ער קען ניט לעזען קיין ענג־ליש און ווען ניימאַן האָט איהם איבערגעגעבען דעם אינהאַלט פון דעם אַדווערטייזמענט, האָט ער מיט אַ ביטערען זיפץ בעמערקט:

— געהט איהר, הייסט עס, פערקויפען אַ קוואָרט בלוט פאַר 50 דאָלאַר?

— איך האָב קיין אַנדער ברירה ניט, מיין ליעבער פריינד — האָט ניימאַן שוין ניט אין קיין פריילעכען טאָן געזאָגט — איך בין זעהר געבראָכען. איך אַרבייט שוין ניט אַ לאַנגע צייט. איך שלאָף אין דיא פּאַרקס, איך האָב זיך ניט וואו אהין צו טהאָן. דיא פופציג דאָלאַר וועלען מיך יעצט ראַטעווען, הלואי איך זאָל נאָר קענען קריע־גען דעם „דזשאָב“! — האָט ער אין אַ טרויעריגען טאָן געענדיגט.

— יעס, מען קען ניט לייקענען — האָט דער צייטונגס־הענד־לער ווייטער גערעדט מיט אַ ביטערען זיפץ, שאָקלענדיג טרויעריג מיט׳ן קאָפּ — אַמעריקאַ איז אַ גאָלדענע מדינה, אַ גאָלדען לאַנד... האָט מען קיין געלד ניט, פערקויפט מען אַביסעל בלוט...

נײמאַן האָט זיך אַ װײלע ערנסט פערטראַכט און נאָכהער זיך געװענדעט צו דעם אידען מיט אַ פראַגע.

— װיא דענקט איהר, מיסטער, אַז מען שרײבט, דאָס דער מאַן זאָל װעגען ניט װעניגער פון הונדערט און פופציג פונט, װיא מײנען זײ אין דיא קלײדער צו אָהן דיא קלײדער?

— ס'איז אָלרײט, ס'איז אָלרײט — האָט דער צײטונגס־פּער־קױפער מיט מיטלײד איהם בערוהיגט, בעטראַכטענדיג איהם פון קאָפּ ביז דיא פיס — איהר האַלט אױס דיא װאָג. װיפיעל װעגען דען אין גאַנצען אײערע קלײדער? איך װײס ניט צו פינף פונט אפילו.

— איך דאַנק אײך זעהר דערפאַר װאָס איך האָב אײך אַזױ פיעל געבאַדערט — האָט נײמאַן, מיט אַ מינע פון אמת'ע דאַנק־באַרקײט, אױסגעשטרעקט דיא האַנד צו דעם צײטונגס־הענדלער און זיך שױן געקליבען אַװעקצוגעהן.

— װאַרט נאָך אַ װײלע — האָט דער איד איהם פערהאַלטען— איהר מוזט דאָך פריהער עפּעס עסען, אום איהר זאָלט גוט אױסזעהן. אַז דער דאָקטאָר װעט אײך בעטראַכטען און דערקענען אַז איהר זײט הונגעריג, װעט ער אפשר אײך ניט װעלען אָננעהמען. איהר דאַרפט יעצט עסען אַ גוטען „ברעקפעסט".

דאָס זאָגענדיג, האָט ער אַרױסגענומען פון טאַש אַ האַלבען דאָלאַר שטיק און איהם אַרײנגעשטופּט נײמאַן'ען אין דער האַנד אַרײן, זאָגענדיג:

— געהט אַרײן אין אַ רעסטאָראַן, הײסט זיך געבען אַ גוטען ברעקפעסט און לאָז אײך װאױל בעקומען.

— איך דאַרף ניט אַזױ פיעל — האָט נײמאַן שטאַרק פער־שעהמט געזאָגט אין אַ טאָן פון טיעפע דאַנקבאַרקײט — עס װעט זײן גענוג אַ קװאָדער.

— נעװער מײנד, נעװער מײנד — האָט דער איד איהם לײכט אָבגעשטױסען פון זיך — געהט און עסט געזונטערהײד. איהר װעט דאָך מיר צוריק אַװעקגעבען. איהר װעט דאָך יעצט האָבען געלד...

— אַז ניט װאָלט איך בײ אײך ניט גענומען זאָגאַר אַ סענט — האָט נײמאַן מיט טרעהרען אין דיא אױגען געזאָגט — איך האָב גע־

הונגערט און ביי קיינעם ניט געבעטען. פון דיא מיסט־באַרעלס האָב איך שטיקלאַך ברויט געקליבען. נעכטען פאַרטאָג האָב איך זיך גע־פייט מיט אַ הונט, וואָס האָט ניט געוואָלט אָפּטרעטען פון אַ מיסט־באַרעל. ער איז אויך געוועזן הונגעריג און האָט אויך געזוכט עפּעס צו עסען... אָבער איך בין שטאַרקער געוועזן און האָב איהם פער־טריבען. איך מוז שוין לויפען, עס ווערט שפּעט — האָט ער צוגעגע־בען, ווערענדיג זעהר נערוועז — איך טאָר זיך ניט פערשפּעטיגען. איך וועל געוויס ניט זיין דער איינציגער אויף דיעזען דזשאָב; פיעלע וועלען קומען אין האָספּיטאַל. גוד באַי. מאָרגען אָדער איבערמאָרגען וועל איך דאָ זיין ביי אייך און מיט דאַנק אייך אָבגעבען וואָס איך האָב ביי אייך גענומען.

ער איז שנעל אַוועק און איז אַריין אין דעם ערשטען רעסטאָ־ראַן, וואָס ער האָט אויפ׳ן וועג געטראָפען.

— אַ גאָלדען לאַנד איז אַמעריקאַ, אַ גאָלדענע מדינה!... —

האָט דער איד טרויעריג געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, נאָכקוקענדיג מיט מיטליידענדע בליקען דעם אונגליקליכען יונגען־מאַן.

ניימאַן האָט שנעל אָפּגעגעסען און פערטרונקען מיט עטליכע גלעזער קאַלטע וואַסער, אַזוי וויא ער וואָלט זיך וועלען בעזאָרגען, אַז ער זאָל זיין וואָס שווערער...

צום האָספּיטאַל איז ניט געוועזן וויית. אָבער ניימאַן האָט גענו־מען דיא קאַר. ער האָט מורא געהאַט צו געהן צו־פוס, כדי דאָס עסען זאָל ניט שנעלער אין איהם פערדייהעט ווערען... ווען ער איז צו־געקומען צום האָספּיטאַל, איז ער אַריין אין אַ קענדי סטאָר, וואו ער האָט ווידער אויסגעטרונקען עטליכע גלעזער וואַסער. זיין מאָגען איז יעצט געוועזן אַזוי פולל, אַז ער האָט זיך קוים געקענט ריהרען.

## צווייטער קאַפּיטעל.

מיט אַ קלאַפּענדע האַרץ איז ניימאַן געבליבען שטעהן ביי דער טיהר פון האָספּיטאַל און געוואָרפען אַרום זיך אונרוהיגע, דערשראָ־קענע בליקען. אין דעם גרויסען עמפּפאַנג־זאַאַל איז געוועזן שטיל — אַ בית־הקברות־שטילקייט האָט דאָרט יעצט געהערשט. אין אַרטהור׳ן

האָט דיא הארץ גענומען נאָך האסטיגער קלאפּען און ער האָט מורא געהאַט צו מאַכען אַ טריט ווייטער, אום דיעזע שטילקייט ניט צו שטערען. ענדליך האָט זיך פון אַ זייטיגען צימער בעוויעזען אַ בעדי־נער פון האָספּיטאַל, געקליידעט אין ווייסען. קענטיג, אַז ער האָט פערשטאַנען וואָס דער אריינגעקומענער פערלאַנגט, דען ער איז גלייך צו איהם צוגעגאַנגען און געזאָגט:

איהר זייט אודאי געקומען וועגען דעם אדווערטייזמענט וואָס מיר האָבען געשטעלט אין די פּייפּערס. געהט אריין דאָרט — האָט ער איהם אָנגעוויעזען אויף אַ ציםער — און זעצט זיך. ווען דער דאָקטאָר וועט קומען, וועל איך אייך רופען.

ניימאַן האָט זיך עטוואָס בערוהיגט און מיט שטילע, בעזאַכטע טריט האָט ער זיך געלאָזען געהן צו דעם אָנגעוויעזענעם צימער. אַריינקומענדיג אינוועניג, איז אַ ציטער דורכגעלאָפען איבער אַלע זיינע גליעדער. ער האָט שוין דאָרטען געפונען פינף יונגע לייט וואַר־טענדיג. ער האָט אַלזאָ קיין טעות ניט געהאַט — איז איהם דורכ׳ן מוח דורכגעלאָפען אַ געדאַנק — ער איז ניט דער איינציגער אויף דיעזען „דזשאַב“.

ער איז געבליבען שטעהן מיט אַרונטערגעלאָזענע אויגען און זיין געזיכט האָט אויסגעדריקט אַ מין פערשעהמטקייט, אַזוי וויא מען וואָלט איהם כאַפּען ביי דער האַנד בשעת ער האָט געוואָלט בע־געהן עפּעס אַ מיאוס׳ען פערברעכען... ער האָט בדעה געהאַט אַוועקצוגעהן. אָבער באַלד איז זיין שרעקליכע לאַגע אין העלע פאַר־בען אַרויסגעשוואומען פאַר זיינע אויגען — ער האָט זיין עלענד דערזעהן... ער האָט געמאַכט אַ האַסטיגע בעוועגונג מיט זיין קער־פּער, אַזוי וויא ער וואָלט זיך מיט אימיצען ראַנגלען און זיך ענדליך פון יענעמ׳ס הענד אַרויסגעריסען... איז מיט פעסטע טריט צוגע־גאַנגען צו אַ ווייסע, גלאַנציגע, האַלב־אויסגעבויגענע באַנק און זיך אַוועקגעזעצט. איבער זיין געזיכט זיינען נערוועזע צוקען דורכגעלאָ־פען. אָבער באַלד האָט ער זיך בערוהיגט און אויף זיין פּנים האָט מען געקענט לעזען פעסטע ענטשלאָסענהייט.

אין צימער האָט געהערשט דיא זעלבע שטילקייט, וויא אין דעם

גרויסען עמפפאנגס־זאאל, אזוי ווי עס וואָלט זיך דאָ קיין לעבעריגער נפש ניט געפונען. מיט איינגעהאלטענע אטהעמס זיינען אלע זעקס מענער געזעסען. עס איז אזוי שטיל געווען, אז מען האָט געקענט הערען דאָס האסטיגע קלאפפען פון זייערע הערצער.

ניימאן האָט אויפגעהויבען די אויגען, וועלענדיג בעטראכ־טען זיינע קאָנקורענטען. ער האָט אבער דיא אויגען שנעל צוריק אראָנטערגעלאָזען. זיין געזיכט האָט זיך קראמפפהאפט אויסגעקרימט. ער האָט דערזעהן פינף פאָר אויגען, געריכטעט אויף איהם. אך, וואָס פאר א שרעקליכע אויגען דאָס זיינען געווען! ער האָט נאָך אזעלכע בליקען אין זיין לעבען ניט געזעהן. ניין, ער האָט יא אַמאָל אזא פאָר אויגען דערזעהן — דאָס איז געווען אין א מענגעדזשערי. ביי אַן אויפ־גערייצטען טיגער האָט ער אזעלכע אויגען געזעהען... ער איז וויע־דער געוואָרען זעהר נערוועז, פיהלענדיג אויף זיך דיא שרעקליכע בליקען פון זיינע קאָנקורענטען.

עס האָט זיך געהערט פון דעם גרויסען זאאל טריט פון עטליכע מענשען. אללע זעקס מענער אין דעם צימער האָבען זיך גענומען נערוועז בעוועגען אויף זייערע פלעצער און אלעמענס אויגען זיינען געווען געריכטעט צו דער טהיר. דיא טהיר האָט זיך געעפענט און עס האָבען זיך בעוויזען 3 מענער, איינער פון וועלכע איז געווען אין דער עלטער פון א יאָהר עטליכע און פערציג. דיא אריינגעקומע־נע האָבען קענטיג, שוין געוואוסט פון דעם בעדיענער, אז זיי זיינען ניט דיא איינציגע וואָס האָבען זיך אָפגערופען אויף דעם אדווער־טייזמענט, דען זיי זיינען גאָר ניט איבעראשט געוואָרען און האָבען זיך גלייך אוועקגעזעצט לעבען ניימאן'ען, וועלכער איז געזעסען איי־נער אליין אויף א באנק.

און וויעדער איז אין צימער שטיל געוואָרען. ניימאן איז געווען אָנפאנגס צופריעדען וואָס עס זיינען נאָך א פאָר מענשען צוגעקו־מען; ער האָט שוין יעצט אויף זיך ניט געפיהלט דיא פינף פאָר שטרענגע אויגען... אָבער דיעזע צופריעדענהייט האָט לאנג אין איהם ניט אָנגעהאלטען. א געפיהל פון שרעק האָט וויעדער דורכגענו־מען זיין גאנצעס וועזען — ער וועט זיכער דעם „דזשאב" ניט אָננעה־

מען. עס זיינען דאָך פאַראַן אַזוי פיעל...

דאָס מאָל איז די שטילקייט איבערגעריסען געוואָרען פון איי־נעם פון די ערשטע פינף מענער, וועלכע ניימאַן האָט שוין דאָ גע־פונען. יענער האָט זיך געווענדעט צו דעם עלטערען מאַן, זאָגענ־דיג מיט ביטערקייט אין זיין טאָן:

— נאָך וואָס זייט איהר אַהערגעקומען? אין דעם אדוואר־טייזמענט שטעהט דאָך אויסדריקליך, אז מען פערלאַנגט א מאַן פון דרייסיג יאָהר!

— איך האָב געמיינט — האָט זיך ווי פערענטפערט דער, צו וועמען די פראַגע איז געווען געריכטעט — אז איך וועל זיין דער איינציגער און דער דאָקטאָר וועט קיין ברירה ניט האָבען און וועט ניט קוקען אויף מיינע יאָהרען.

אויף אַלעמענס געזיכטער האָט זיך א ביטערער, טרויעריגער שמייכעל אָפּגעשפּיעגעלט.

— איהר מוזט נאָך זיין א גרינהאָרן — האָט א צווייטער בע־מערקט איראָניש — ווען איהר האָט אזוי געדענקט. איהר וועט זעהן וויפיעל עס וועלען נאָך קומען. אין אַמעריקא איז מענשלי־כע בלוט ניט קיין טהייער אַרטיקעל... עס איז כמעט אזוי ביליג ווי וואַסער...

דאָ האָט זיך צווישען די וואַרטענדע ענטוויקעלט אַן אַלגעמיי־נער געשפּרעך. יעדער האָט דערצעהלט וועגען זיין טרויעריגע לאַגע — „האַרד לאָק סטאָריעס" זיינען דאָס געווען. אַלעמענס הער־צער האָבען זיך פּלוצלונג אין קוואַלען פערוואַנדעלט, פון וועלכע עס האָבען גענומען פליסען הערצרייסענדע געשיכטען פון עלענד און נויטה...

מיט יעדער פּאָר מינוט זיינען צוגעקומען אַלץ מעהר בעלנים צו פערקויפען זייער בלוט. אַן עולם פון עטליכע און דרייסיג מע־נער האָבען זיך שוין אין דעם צימער פערזאַמעלט. עס איז שוין ניט געווען קיין פּלאַץ וואו צו זיצען, האָבען פיעלע געמוזט שטעהן. מענשען פון פערשיעדענע נאַציאָנען זיינען דאָס געווען — א מין אינטערנאַציאָנאַלער צוזאַמענקונפט.. עס האָבען זיך דאָ געפונען

אמעריקאנער, אירלענדער, דייטשען, אונגארען, איטאליענער, א פאליאק, צוויי נעגערס און איין איד — ניימאן. און אזוי ווי ער איז געווען דער איינציגער איד, האט ער זיך די גאנצע צייט געהאל־טען אפגעזונדערט און ניט גענומען קיין אנטהייל אין די געשפרע־כען. ער איז געזעסען טיעף פערטראכט און אלץ א טיעפערער טרויער האט זיך איבער זיין הארץ פערשפרייט. ער האט זיך שוין יעצט כמעט ניט געריכט, אז ער זאל זיין דער איינציגער גליקליכער צו בעקומען דיעזען „דושאב“.

אין דעם גרויסען עמפפאנגס־זאאל איז געווארען לעבעדיג. נוירסעס אין לאנגע, ווייסע, שטייף־אויסגעפרעסטע קליידער, מיט קליינע ווייסע טשעפיקעס אויף די קעפ זיינען ווי יונגע הירשען מיט לייכטע טריט אומגעלאפען איבער דער אויסגעפלאסטעטער שטיי־נערנער פאדלאגע. מאנכע פון זיי האבען שטיפעריש זיך א גליטש געטהאן פון איין עק זאל ביז דעם אנדערען.

באלד איז אין דעם צימער אריינגעקומען דער זעלבער בע־דיענער, וועלכער האט די יונגע לייט אהער אריינגעפיהרט און מיט אן ערנסטע מינע אויף זיין געזיכט געזאגט:

—זייט שטיל, דער דאקטאר איז שוין דא. ער וועט באלד אריינקומען.

אלע זיינען פלוצלונג אנשוויעגען געווארען און דורך אלעמענס קערפערס איז א ציטער דורכגעלאפען, אזוי ווי אן עלעקטרישער שטראם וואלט אין זיי אריינגעלאזען געווארען... די וואס זיינען געשטאנען, האבען זיך אינסטינקטיוו גענומען צורוקען נעהענטער צו דער טהיר, אום דער דאקטאר זאל זיי פריהער בעמערקען.

מיט איינגעהאלטענע אטהעמס, מיט קלאפענדע הערצער און מיט דערשראקענע בליקען, געריכטעט צו דער אפענער טהיר, האָ־בען די פערזאמעלטע ערווארטעט דאס אנקומען פון דעם דאקטאר.

אין עטליכע מינוטען ארום איז אנגעקומען דער ארצט, אין דער בעגלייטונג פון צוויי נוירסעס.

דאס איז געווען א מאן פון א יאהר עטליכע און פערציג, א דיקליכער, הויכער מיט א שטרענגען אויסזעהן. ער האט א מאך

געטהאָן מיט׳ן קאָפּ און שטיל געזאָגט צו די נוירסעס :

— איהר זעהט וויפיעל עס האָבען זיך אָפּגערופען !

דאַן האָט ער די פּערזאמעלטע בעגריסט מיט א העפליכען נייג מיט׳ן קאָפּ און זיי געהייסען זיך אויסשטעלען אין איין שורה, וואָס דער עולם האָט גלייך געפאָלגט. דער דאָקטאָר איז דאַן צוגעגאַנ־גען צו יעדען פון זיי, געקוקט אין די אויגען אריין און אונטערזוכט דעם פּולס. פון אלעמען האָט ער אויסגעקליבען דריי, צווישען וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען ניימאַן. די איבעריגע האָט ער געגעבען יעדען איינעם צו קוואָדער און זיי געהייסען געהן.

ניימאַן איז יעצט געווען אויף דעם זיבעגטען הימעל פון גליק. מען האָט איהם אלזאָ ניט אויסבראַקירט ! ער וועט בעקומען דעם „דזשאב“ ! זיין לאַגע וועט פערבעסערט ווערען ! ער האָט גע־פיהלט, ווי צו פאַלען דעם דאָקטאָר צו די פיס, קושען זיינע הענד און איהם דאַנקען פאַר די גרויסע טובה וואָס ער האָט איהם דאָ גע־טהאָן. דאָס וואָס ער האָט צו זיך נאָך צוויי קאָנקורענטען האָט איהם יעצט ניט געקימערט. ער איז זיכער געווען ביי זיך, אז ער וועט אויסגעקליבען ווערען.

— קומט מיט מיר ! — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט צו די דריי יונגע לייט, נאָכדעם ווי די איבעריגע וואָס האָבען זיך אָפּגערופען אויף דעם אדווערטייזמענט, זיינען שוין געווען אוועקגעגאַנגען, זייענדיג צופריעדען וואָס זיי האָבען כאָטש בעקומען צו פינף און צוואַנציג סענט.

זיי זיינען אלע אריין אין דעם עלעווייטער, וועלכער האָט זיי ארויפגעפיהרט אויף דעם פערטען שטאָק. דאָרט האָט מען זיי אריינגעפיהרט אין א גרויסען, ליכטיגען צימער, אין וועלכען עס האָ־בען זיך געפונען פערשיעדענע בלישצענדע כירורגישע אינסטרומענ־טען. דאָס איז געווען דאָס אָפּעראַציאָנס־צימער.

— נעהמט ארונטער אייערע קליידער ! — האָט דער דאָקטאָר צו די דריי יונגע לייט געזאָגט — איך וועל באַלד אריינקומען.

ער איז מיט די נוירסעס ארויס פון צימער.

די יונגע לייט האָבען שנעל, מיט נערוועזע בעוועגונגען, געגנו־

מען אויסטאָהן זייערע קליידער, ניט ריידענדיג דערביי קיין וואָרט. א מין „ריים" איז דאָ צווישען זיי פאָרגעקומען, אַ יאָגעניש. יעדער פון זיי האָט זיך געאיילט וואָס פריהער צו זיין אויסגעטאָהן. נייר מאַן איז פריהער פערטיג געוואָרען. ער האָט זיך עפּעס געפיהלט אזוי גוט, די האָפנונג, אז ער וועט זיין דער גליקליכער צו פערקויפען א קוואָרט פון זיין בלוט איז אין איהם מיט יעדע סעקונדע אלץ שטארקער געוואָרען.

— איהר וועט זעהן, אז איך וועל אָננעהמען דעם „דזשאָב" — האָט ניימאַן א זאָג געטהאָן אין א פרעהליכען טאָן, — ניט קענ־ענדיג לענגער פערבאָרגען אין זיך די פריידענס־געפיהלען — ווען איך וועל בעקומען דאָס געלד, וועל איך אייך אויך עפּעס געבען. זאָגט מיר וואו איך וועל אייך קענען געפינען.

די צוויי יונגע לייט האָבען איהם אָנגעקוקט מיט בייזע בליקען און אויף זייערע געזיכטער האָט זיך בעוויעזען אן איראָנישער שמייר כעל.

— וואָס ביזטו עס אזוי זיכער, אז דו וועסט אויסגעקליעבען ווערען? — האָט איינער פון די צוויי מיט איינגעהאלטענעם כעס געזאָגט — מיר האָבען די זעלבע „טשענסעס" וואָס דו!

דאָ איז דער דאָקטאָר אריינגעקומען מיט די זעלבע נוירסעס. ער האָט פערשריעבען יעדען'ס נאָמען און די יאָהרען, האָט יעדען איינעם פון די מענער גוט אונטערזוכט, צו געהאָרכט זיך צו זייערע לונגען, צו די הערצער, זיי געוואויגען און צום לעצט מיט אן אויס־געבויגענע אָנגעגליהטע שפּילקע א שטאָך געטהאָן יעדען פון זיי אין א פינגער, פון וועלכען די נוירסעס האָבען דורך גומענע און גלעז־זערנע רעהרליך גענומען צו עטליכע טראָפּען בלוט.

— איהר קענט זיך שוין אָנטהאָן — האָט דער דאָקטאָר זיי ערקלעהרט, קלייבענדיג זיך אוועקצוגעהן — אין א שטונדע ארום וועל איך אייך זאָגען, וועמען פון אייך איך וועל דארפען.

דער דאָקטאָר איז מיט די טראָפּענס בלוט אוועק אין דעם לאַבאָראַטאָריום פון האָספּיטאל, וואו ער האָט עס אונטערזוכט אונ־טער דעם מיקראָסקאָפּ צו זעהען, אויב דער, פון וועמען דאָס בלוט

איז גענומען געוואָרען, ליידעט ניט פון שווינדזוכט אָדער פון אַן אַנדער אַנשטעקענדער קראַנקהייט.

ביי ניימאַן׳עס איז דיעזע שטונדע געוועזען אַן אייביגקייט. אָבּ־וואָהל ער איז כמעט אין הארצען זיכער געוועזען, אַז ער וועט זיין דער אויסגעקליעבענער, דאָך האָבען עפּעס די פריהערדיגע ווערטער פון זיין „קאָנקורענט" איהם שווער געמאַכט דאָס האַרץ. אַך, ווען ער וואָלט דאָ געוועזען איינער אַליין! — האָט ער געטראַכט.

ער איז געזעסען אָבגעזונדערט אָן א זייט און זיך איינגעקוקט אין די פערשיעדענע כירורגישע אינסטרומענטען, וועלכע זיינען גע־לעגען אין די ווייס־לאַקירטע שראַנקען אויף גלעזערנע טאַפּלען און וועלכע האָבען געבלישצעט אַנטקעגען די סנאָפּעס זונען־שטראַהלען, וואָס האָבען זיך אין צימער אריינגעריסען דורך די ברייטע, גרויסע, האַלב אָפענע פענסטער.

ענדליך איז דער דאָקטאָר אריינגעקומען און געפרעגט אין עט־וואָס א שטרייננגען טאָן:

— ארטהור ניימאַן, ביזטו וויליג צו געבען א קוואָרט בלוט?

— יעס, סער! — האָט דער ארבייטסלאָזער יונגערמאַן א גליקליכער געענטפערט, קוקענדיג אויף דעם אַרצט מיט דאַנקבאַרע בליקען.

דער דאָקטאָר האָט דאַן געגעבען די איבעריגע צוויי יונגע לייט צו דאָלאַר יעדען איינעם און זיי געהייסען געהן.

— וואו וועל איך אייך קענען זעהן? — האָט ניימאַן ביי זיי געפרעגט אין דער שטיל, ווען זיי זיינען שוין געשטאַנען ביי דער טהיר.

די יונגע לייט האָבען איהם אָנגעקוקט מיט אויגען, פול מיט קנאה און האס און איינער פון זיי האָט איהם אָנגערופען א געוויי־סען ביליגען האָטעל אויף דער באוערי, ערקלעהרענדיג איהם, אַז דאָרטען וועט ער זיי קענען געפינען.

— דו דאַרפסט זיך גאָר ניט שרעקען, ניימאַן — האָט דער דאָקטאָר ווייטער געזאָגט, ווען די צוויי יונגע לייט זיינען שוין געוועזען אַרויסגעגאַנגען — עס וועט דיין געזונד קיין האָאָר ניט שאַדען.

ניימאַן האָט געשוויגען. זיינע גרויסע, שעהנע, קלוגע אויגען האָבען בלויז געגערעדט — אונבעשרייבליכע דאַנקבאַרקייט האָבען זיי אויסגעדריקט...

— מיט די קוואָרט בלוט וואָס דו ווערסט געבען — האָט דער דאָקטאָר פאָרטגעזעצט, ניט אַרונטערנעהמענדיג זיינע פאָרשענדע בליקען פון ניימאַן'ען, וועסטו ראַטעווען דאָס לעבען פון אַ מענשען. דאָס איז אַ גרויסע, אַ הייליגע זאַך. יענע פערזאָן וועט דיר דעם גאַנצען לעבען דאַנקבאַר זיין, ד'ען נאָר דיר וועט זי האָבען צו פער־דאַנקען וואָס זי וועט לעבען בלייבען. דו האָסט אין זיך געזונטע, ריינע בלוט און מיין פּאַציענטין האָט דאַדורך שנעל אויסקורירט ווערען.

ניימאַן האָט אַ לייכטען ציטער געטהאָן, דערהערענדיג דאָס וואָרט „פּאַציענטין". ער האָט ביז איצט גאָר ניט אַ טראַכט געטהאָן זאָגאַר פאַר וועמען מען דאַרף דאָס האָבען דאָס בלוט. און דאָס האָט איהם טאַקע קנאַפּ אינטערעסירט. איהם האָט בלויז אינטערעסירט איין זאַך — אַז ער זאָל זיין דער יעניגער, ביי וועמען מען זאָל דאָס בלוט נעהמען. אָבער יעצט, ווען ער האָט שוין געהאט דאָס גליק אויסגעקליבען צו ווערען און הערענדיג, אַז מען דאַרף זיין בלוט אום צו ראַטעווען דאָס לעבען פון אַ פרויענצימער, איז ער עפּעס בעהערשט געוואָרען פון אַ מאָדנעם געפיהל. אין זיין הארצען איז ענטשטאַנען אַ שטאַרקער באַגעהר דיעזע קראַנקע צו זעהען.

דער דאָקטאָר האָט אַ קוק געטהאָן אויף זיין זייגער'ל און זיך אָפּגערופען:

— מיר וועלען זיך באַלד נעהמען צו דער ארבייט. איך וואַרט נאָר אויף מיין פּאַציענטין'ס פאַמיליע.

ניימאַן האָט געדיינקט, אַז מען וועט דאָ, אין דעם אָפּעראַצ־יאָנס־צימער, אָפּצאַפּען פון איהם די קוואָרט בלוט און דאָס שפּע־טער אַריינלאָזען אין דער קראַנקער'ס קערפּער אריין. ער וועט אַלזאָ ניט האָבען קיין געלעגענהייט די קראַנקע צו זעהען. דאָס האָט איהם עפּעס געבראַכט אין אַ פערלעגענהייט. ער האָט געוואָלט בעטען דעם דאָקטאָר, ער זאָל איהם ערלויבען אַ קוק צו טהאָן כאָטש

אויף דער קראנקער, אָבער ער האָט זיך געשעהמט דאָס פאָרצושלאָ־
גען. דער דאָקטאָר האָט בעמערקט אָן ניימאַן'ס געזיכט, אז ער איז
עפּעס צוטראָגען און ער האָט איהם געפרעגט:

— וואָס ביזטו עפּעס אזוי פערטראכט און פאר וואָס שווייגסטו
די גאנצע צייט?

אויף ניימאַן'ס געזיכט, וועלכע איז פּלוצלונג רויט געוואָרען,
האָט זיך בעוויזען א פערשעהמטער שמייכעל.

— דו קלעהרסט פּיעלייכט ווען דו וועסט בעקומען די פופציג
דאָלאַר? — האָט דער ארצט ווייטער געזאָגט — וועגען דעם
דארפסטו זיך גאָר ניט זאָרגען. איך וועל דיר געבען דאָס געלד.

— דאָקטאָר, איך האָב גאָר וועגען דעם ניט געקלעהרט —
האָט ניימאַן ענדליך זיך אָפּגערופען אין א שטילען טאָן — איך
האָב גאָר געטראכט וועגען עפּעס אנדערש.

— מעג איך וויסען וועגען וואָס? — איז דער דאָקטאָר גע־
וואָרען פעראינטערעסירט.

— איך האָב געקלעהרט, צי וועל איך באלד נאָכדעם ווי איהר
וועט ביי מיר נעהמען די בלוט, קענען אוועקפאָהרען — האָט ניימאַן
איהם ניט געזאָגט דעם אמת.

— איך וועל דיר זאָגען — האָט דער דאָקטאָר איהם ער־
קלעהרט — אין מאנכע פעלע קען דער, ביי וועמען מען נעהמט די
בלוט, גלייך נאָכדעם געהן זאָגאַר ארבייטען; עס פּאַסירט אָבער
אויך, דאָס ער מוז בלייבען א פּאָר טעג אין בעט. עס ווענדט זיך
אָן דעם ווי ער פיהלט; עס איז אָבער ראַטהזאמער צו בלייבען א
פּאָר טעג אין בעט. דו דאַרפסט דען ערגעץ נויטיג פאָהרען? —
האָט ער געענדיגט מיט א פראגע.

ניימאַן האָט ניט געוואוסט ווי זיך דאָ ארויסצודרעהען. ער
איז פון דער נאטור געווען אן עהרליכער, אָפענהערציגער מענש. ער
האָט געהאסט ליגען. עס האָט איהם שוין פערדראָסען וואָרום ער
האָט ארויסגערעדט די פּאָר ווערטער. אין דער זעלבער צייט איז
אָבער אין איהם אלץ שטאַרקער געוואָרען דער חשק צו זעהען די
קראַנקע, וועמעס לעבען ער געהט יעצט ראַטעווען מיט זיין בלוט.

ער האָט איינפאך געברענט פון נייגיעריגקייט כאָטש א בליק צו טהאָן אויף איהר.

דער דאָקטאָר, זעהענדיג, אז ניימאַן ענטפערט ניט אויף זיין פראגע, האָט געזאָגט אין א טאָן פון ענטשולדיגונג:

— פערצייהע מיר פאר מיין פריהעריגע פראגע. אויב דאָס איז א פערזענליכע אנגעלעגענהייט, דאַרפסטו עס מיר ניט זאָגען.

ניימאַן האָט דאָ דעם דאָקטאָר דערצעהלט זיין גאנצע לאגע און אויך וואָס עס האָט מיט איהם פאַסירט דעם היינטיגען פריה-מאָרגען. דער דאָקטאָר האָט זיך אויפמערקזאם צוגעהאָרכט צו יעדען וואָרט, און ווען דער יונגער מאן האָט געענדיגט ריידען, האָט ער זיך אָפּגערופען אין א טאָן פון אויפריכטיגע מיטלייד:

— פיעלייכט וועסטו זיך יעצט קענען ארויסראַטעווען פון דיין לאגע. איך וועל זעהן, אז מיסטער זינגער (דאָס איז דער פאָטער פון דער קראַנקער פריילין, מיין פאַציענטין) זאָל דיר געבען נאָך עטליכע דאָלאַר. ער איז זעהר א רייכער מאן.

— ניין, דאָקטאָר, איך פערלאַנג ניט מעהר — האָט ניימאַן, ווערענדיג צוטומעלט, געזאָגט — עס איז גענוג פופציג דאָלאַר, עס איז גענוג...

ניימאַן האָט ניט געוואוסט אויף וואָס פאַר א וועלט ער איז. ער איז אזוי צוטומעלט געוואָרען, דערהערענדיג, אז די קראַנקע איז א פריילין. ער האָט זיך מיט אַלע קרעפטען געסטאַרעט זיך צו בע-הערשען, אָבער דאָס האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען. דער בע-געהר צו זעהן די קראַנקע מיידעל האָט זיך יעצט אין איהם אזוי צופלאַקערט, אז ער האָט בעשלאָסען צו בעטען דעם דאָקטאָר ער-לויבניס זי צו זעהן.

— איך וועל בעטען ביי מיסטער זינגער'ען, אז ער זאָל דיר געבען בעשעפטיגונג — האָט דער דאָקטאָר ווייטער גערעדט — ער האָט זעהר פיעל הייזער און דו, אַלס קאַרפּענטער, וואָלסט ביי איהם געקענט קריגען ארבייט.

— איך דאנק אייך זעהר! — האָט ניימאַן זיך טיעף פער-נייגט פאַר דעם דאָקטאָר — איך וואָלט געוועזען אמת גליקליך, ווען

איך זאָל קריגען ארבייט. דאָס וואָס איך האָב אייך פריהער דער־צעהלט, איז נאָר א זעהר קליינע טהייל פון מיינע ליידען וואָס איך האָב בלויז אין די לעצטע עטליכע מאָנאטען דורכגעמאכט. איך האָב אָבער אין מיין לעבען פיעל מעהר געליטען. ניט איינמאָל בין איך שוין געוועזן אין די הענד פון טויט. א פּאָר יאָהר האָב איך געלעבט אלס טרעמפּ. איך האָב שוין כמעט די גאנצע פעראייניגטע שטאאטען דורכגעוואנדערט.

— אַ טרעמפּ? א איד א טרעמפּ? — האָט דער דאָקטאָר, וועלכער איז געוועזן א קריסט, א פערוואונדערטער איבערגעפרעגט, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ — דאָס ערשטע מאָל וואָס איך הער, אז צווישען טרעמפּס געפינען זיך אויך אידען.

— עס זיינען פאַראַן, אָבער זעהר וועניג — האָט ניימאַן איהם ערקלעהרט.

— דאָס איז זעהר אינטערעסאנט — האָט דער דאָקטאָר וויי־טער געזאָגט — עס איז איבערהויפּט זעהר אינטערעסאנט צו ווי־סען דעם לעבען פון דיעזע אונגליקליכע. מיר וויסען וועגען דעם בלויז פון די בעשרייבונגען, וועלכע זיינען מעהרסטענטהייל אין גאַנצען ניט ריכטיג אָדער שטאַרק איבערטריבען. איך וואָלט זעהר וועלען, אז דו זאָלסט מיר אמאָל דערצעהלען דיינע ערפאהרונגען מיט אַלע איינצעלהייטען, דיין גאנצע לעבענס־געשיכטע, וועלכע, ווי איך זעה, מוז זיין זעהר אינטערעסאנט.

— מיט פערגעניגען וועל איך דאָס טהאָן — האָט אַרטהור געענטפערט.

— דאָ האָסטו מיין פּריוואַט־אדרעס — האָט דער דאָקטאָר ניימאַן'ען דערלאנגט זיין וויזיט־קאַרטע — באַמיה זיך צו מיר צו קומען אין עטליכע טעג ארום. שרייב מיר פריהער אָדער לאָז מיר וויסען דורך דעם טעלעפאָן ווען דו וועסט קומען. איך וועל דאַן איינלאַדען אַ פּאָר פון מיינע פריינד, צווישען וועלכע עס וועט זיך געפינען א שרייבער. ער וועט זיך מיט דיר נאָך מעהר אינטערע־סירען, ער וועט מיר דיר האָבען געשפּרעכען, און ער וועט דאָס שפּע־טער בעשרייבען. און וואָס אנבעלאַנגט וועגען ארבייט — האָט ער

צוגעגעבען — וועל איך זעהן, אז מיסטער זינגער זאָל דיר בעשטימט געבען בעשעפטיגונג.

— זאָל נאָר פריהער די דאָקטער זיינע געזונד ווערען — האָט ניימאן געזאָגט מיט אָפענהערציגקייט.

— אָה, זי וועט זיין אָלל רייט — האָט דער דאָקטאָר איהם ערקלעהרט — דיין בלוט וועט איהר ראַטעווען. זי איז זעהר א וואוילע מיידעל — האָט ער צוגעגעבען — איך קען זי נאָך אלס קינד. איך בין שוין באלד צוואנציג יאָהר דער הויז־ארצט ביי דיע־זער פאמיליע.

— איך וואָלט איהר וועלען כאָטש זעהען — האָט ניימאן פערשעהמט געזאָגט, ארונטערלאָזענדיג צו דער ערד די אויגען.

— געוויס וועסטו זי זעהן — האָט דער דאָקטאָר איהם ער־קלעהרט, ניט פערשטעהענדיג ניימאן'ס כונה דערביי — דו מוזט איהר זעהן. דו וועסט דאָך ליגען אין א בעטעל לעבען איהר.

דאָ האָט זיך די טהיר געעפענט און עס האָט זיך בעוויזען א נוירס, וועלכע האָט געמעלדעט דעם דאָקטאָר, אז מיסטער זינגער און זיין פאמיליע געפינען זיך אין דער קראנקער'ס צימער.

דער ארצט האָט ארויסגעגעבען דער נוירס א בעפעהל, אז זי זאָל אלעס צוגרייטען. נאכהער האָט ער זיך אויפגעשטעלט פון דער שטוהל און א מאַך טהוענדיג מיט'ן קאָפּ צו ניימאַן'ען, האָט ער געזאָגט:

— קום, וועסטו זעהען די קראַנקע, וועמעס לעבען דו געהסט ראַטעווען.

ניימאַן איז יעצט געווען בעהערשט פון מאָדנע געפיהלען — געפיהלען, וועלכע ער האָט נאָך ביז יעצט ניט דורכגעלעבט.

---

## דריטער קאַפּיטעל.

אין א פּריוואט־צימער פון דעם האָספּיטאל אויף דעם צוויי־טען שטאָק איז געלעגען אין א ווייס־לאַקירטע, גלאַנציגע בעט א מיידעל פון אַ יאָהר דריי און צוואנציג. איהר ענגליכע געזיכט איז געווען ווייס, פּונקט ווי די קאָלדרע, מיט וועלכע זי איז געווען אי־

בערגעדעקט און וועלכע איז געוועזן אזוי אויסגעפּרעסט, דאָס עס האָט זיך אויף איהר קיין פּעלבעלע ניט געפונען. איהר קאָפּ מיט א ים פעך־שווארצע האָאר, פערפלאָכטען אין א פאנטאסטישע אונ־אָרדנונג, האָט גערוהט אויף א שנעע־ווייסע קישעלע. איהרע גרוי־סע, קלוגע אויגען, וועלכע האָבען געהאט די זעלבע קאָליער וואָס איהרע האָאר, האָבען מיט א בעטענדען בליק געקוקט ערגעץ ווייט, ווייט, אזוי ווי זיי וואָלטען פון דאָרט הילף געבעטען... איהר ברוסט האָט זיך לאנגזאם און שווער געהויבען און ארונטערגעלאָזען, וועה־רענד איהרע בלייכע, דארע הענד, אויף וועלכע עס האָבען זיך גע־זעהן די בלאָהע אָדערן, זיינען געלעגען בעוועגלאָז אויסגעצויגען אויף דער קאָלדרע פון ביידע זייטען פון קערפּער.

ארום דעם בעט זיינען געשטאנען פיער פּערזאָן — צוויי מענער און צוויי פרויען. איינער פון די מאנסבילען איז געוועזן א מאן פון א יאָהר פופציג, פון מיטעלען וואוקס, א דיקליכער מיט ברייטע גע־זונטע שולטערן. זיין געזיכט, וועלכע איז געוועזן ארומגענומען מיט א רונד־פערשאָרענע שווארצע בערדעל, אין וועלכע עס האָבען זיך שוין געזעהן ביי ביידע זייטען גרויע האָאר, האָט אויסגעדריקט טיע־פע אינערליכע ליידען. אָבער אריינקוקענדיג זיך גוט אין דעם גע־זיכט, האָט מען געקענט בעמערקען נאָך א זאך: אז דער מאן בע־זיצט אן אייזערנעם כאראקטער, א פעלזען־שטארקע ווילענס־קראפט... זיינע שטאָלצע, שטרייגגע בליקען זיינען געוועזן געריכ־טעט אויף דער קראנקער און פון זיין ברוסט האָט זיך פון צייט צו צייט א פערשטיקטער זיפץ ארויסגעריסען.

דער צווייטער איז געוועזן א יונגער מאַן פון א יאָהר דרייסיג. א הויכער ברונעט, געזונד געבויט. זיין געזיכט איז געוועזן גלאט ראַ־זירט און עס האָט אויך אויסגעדריקט ענערגיע און א שטארקען כאַ־ראַקטער. זיינע בליקען זיינען אויך געוועזן געריכטעט אויף דער קראנקער. צוקאָפּענס פון חולה איז געשטאנען א פרוי פון אונ־געפעהר די זעלבע יאָהרען, וואָס דער עלטערער מאנספּערזאָן. א קוק טהאָנעדיג אויף איהר, האָט מען גלייך געקענט בעמערקען, אז דאָס איז דער קראנקער׳ס מוטער, דען זיי זיינען זעהר עהנליך גע־

װען צו זיך. זי איז געשטאַנען מיט פערבראָכענע הענד. איהר געזיכט איז געװען בלײך און עס האָט זיך אויף איהר אָפּגעשפּיעגעלט פערצװייפלונג און טיעפע אינערליכע שמערצען. איהרע אויגען זיינען געװען פערלאָפען מיט טרעהרען. עס איז קענטיג געװען, אז זי האָט זיך מיט אַלע קרעפטען געסטארעט די טרעהרען דאָרט צו פערהאַלטען און אז אָט, אָט װעלען זײ נעהמען פליסען, װי פון א קװאַל...

די צװייטע איז געװען דער קראנקער'ס נוירס. איהר געזיכט האָט קײן בעזאָנדערס ניט אויסגעדריקט. זי איז געװען רוהיג, קאַלטבלוטיג, אזוי װי עס װאָלט דאָ קײן אויסערגעװײנליכעס ניט פּאַסירט. זי האָט פון צייט צו צייט צערטליך א גלעט געטהאָן דער קראנקער איבער'ן געזיכט אָדער אויפגעהויבען אביסעל האָאָר, װאָס האָבען זיך געהאַט ארונטערגעלאָזען איבער איהר פּאַציענטין'ס פּנים.

אין צימער האָט געהערשט אן ערנסטע שטילקייט. די פערזאַמעלטע זיינען געשטאַנען מיט איינגעהאַלטענע אָטהעמס. עס האָט זיך בלויז געהערט דאָס שװערע אָטהעמען פון דער קראַנקער.

די טהיר האָט זיך געעפענט און עס זיינען אריינגעקומען דער דאָקטאָר מיט ניימאן'ען.

די פערזאמעלטע האָבען אומגעקעהרט זייערע קעפּ צו די אריינגעקומענע און זייערע בליקען האָבען זיך אָפּגעשטעלט אויף ניימאן'ען, װעלכער איז געבליעבען שטעהן א צוטומעלטער און דערשראָקענער ביי דער שװעל. דער דאָקטאָר איז צוגעגאנגען צו דער נוירס, װעלכע האָט איהם דערלאַנגט א געדרוקטען פּאַפּיער — דער „טשארט“, אויף װעלכען עס איז מיט רויטע טינט געװען אָנגעשריעבען דעם גראד טעמפּעראטור פון די קראנקע און אנדערע איינצעלהייטען, װאָס זיינען געװען װיכטיג פאַר דעם ארצט צו װיסען. דער דאָקטאָר האָט דאָס אויפמערקזאם דורכגעקוקט, נאכהער איז ער צוגעגאנגען צו דער קראנקער, װעלכע האָט איהם בעגעגענט מיט בעטענדע בליקען און מיט א שװאַכען, אָנגעשטרייגטען שמייכעל אויף איהרע ליפּען. ער האָט אָנ־

גענומען איהר לינקע האנד, אונטערזוכט איהר פּולס און געזאָגט אין א ליעבליכען טאָן:

— נאָר ניט געזאָרגט, פלאָרא! דו וועסט באלד געזונד ווע־רען. העכסטענס אין צוויי וואָכען ארום, וועסט דו זיך שוין דאָ ניט געפינען.

דער קראנקער׳ס ליפּען האָבען זיך לייכט בעוועגט, אָבער זיי האָבען קיין וואָרט ניט ארויסגעבראַכט. זי איז געוועזען אזוי אָפּ־געשוואכט, אז זי האָט ריידען ניט געקענט. אויף איהר טויט־בליי־כע געזיכט האָבען זיך צוויי קליינע קיילעכיגע רויטע פלעקען בע־וויזען, דאָס גאנצע בלוט וואָס זי האָט געהאט אין זיך איז איהר יעצט אין פּנים אריינגעקומען.

— מיסטער ניימאן! — האָט דער דאָקטאָר צוגערופען דעם ארבייטסלאָזען יונגען מאן, וועלכער האָט זיך געלאָזען געהן מיט באזאכטע טריט און וועמעס געזיכט עס איז פּלוצלונג בלייך געוואָ־רען ווי קאלך — אָט דאָס איז מיין פּאציענטין — האָט ער אָנגע־וויזען אויף דער קראנקער — מיסס זינגער איז אפילו א „בעד גורל“, אָבער געזונד מאכען דארף מען איהר — האָט ער געענדיגט מיט א גוטהערציגען שמייכעל.

ניימאן איז געבליעבען שטעהן מיט זיינע אויגען איינגעגראָ־בען אין דער קראנקער׳ס געזיכט. אין זיין פּנים האָבען זיך גע־נומען בייטען אלערליי קאָליערען און זיין הארץ איז פערקלעמט גע־וואָרען פון אן אונבעשרייבליכען געפיהל פון מיטלייד. ער האָט זיך בעגעגענט מיט דער קראנקער׳ס בליקען, וועלכע האָבען זיך ווי געבעטען ביי איהם: האָט מיטלייד מיט מיר און ראטעוועט מיך. איך וועל אייך מיין גאַנצען לעבען דאַנקבאַר זיין. ראַטעוועט מיך!..

אין ניימאַן׳ען האָט זיך אין דיעזען מאָמענט דער געפיהל פון רחמנות צו דער קראנקער שטאַרק צופלאקערט. ניט איין קוואָרט בלוט וואָלט ער מיט פערגעניגען אַוועקגעגעבען, אום איהר געזונד צו מאַכען, נאָר פיעלע, פיעלע קוואָרט בלוט — זיין גאַנצע בלוט וואָלט ער יעצט אָפּגעגעבען פאַר דער ליידענדער. און עס האָט איהם יעצט בעהערשט אַ שטאַרקע אונגעדולד. ער האָט געוואָלט, אז מען זאָל

שוין נעהמען ביי איהם צאַפּען די בלוט, שוין, אויפ'ן שטעל, עס זאָל ניט זיין צו שפּעט; די קראנקע זאָל וואָס שנעלער געזונד ווערען. און גליקליך האָט ער זיך יעצט געפיהלט, זעהר גליקליך, וואָס ער וועט זיין דיעזער מיידעל'ס רעטער. ער האָט נאָך ביז יעצט קיינמאָל אזוי גוט זיך ניט געפיהלט, קיינמאָל...

זיינע בליקען האָבען זיך וויעדער בעגעגענט מיט דער קראנ־קער'ס אויגען. איהם האָט זיך געדוכט, אז זי האָט פון זיינע אויגען ארויסגעלעזען זיינע געדאנקען; ער האָט דאָס דערקענט אָן איהר ליעבליכען שמייכעל, וואָס האָט זיך פּלוצלונג בעוויעזען אויף איהר קרענקליכע געזיכט און אָן איהרע אויגען, וועלכע האָבען שוין יעצט ניט געקוקט אזוי בעטענד ווי פריהער, נאָר וועלכע האָבען אויסגע־דריקט טיעפע, הערצליכע דאנקבארקייט.

א שטאַרק פערשעהמטער האָט ניימאן ארונטערגעלאָזען די אויגען צו דער ערד, וועהרענד אין הארצען האָט איהם זעהר הנאה געטהאָן וואָס זי האָט פערשטאנען זיינע געדאנקען...

— מיסטער זינגער — האָט דער דאָקטאָר זיך געוועגדעט צו דעם עלטערען מאן — איך וועל זיך באלד נעהמען צו דער ארבייט. איחר וועט אזוי גוט זיין ווארטען אויף מיר אין מיין פּריוואט־צי־מער. איך וויל אייך זעהן, איך האָב מיט אייך וועגען עטוואָס צו ריידען.

— אָלל־רייט, דאָקטאָר — האָט דער קראנקער'ס פאָטער, פערנייגענדיג זיך, געענטפערט.

דאן האָט דער דאָקטאָר צוגערופען די נוירס, איהר געגעבען עפּעס א בעפעהל און זי איז ארויסגעגאנגען. אין א ווייל ארום האָט זי זיך צוריק אומגעקעהרט, טראָגענדיג אין האנד א געוויסען פּאפּיר, וואָס זי האָט איבערגעגעבען דעם דאָקטאָר.

— מיסטער ניימאן — האָט דער ארצט זיך געווענדעט צו ארטהור'ען — דו מוזט אונטערשרייבען דיעזען פּאפּיער, דורך וועל־כען דו בעשטעטיגסט, אז דו גיבסט דאָס בלוט מיט דיין אייגענעם ווילען, קיינער צווינגט דיך ניט דערצו און טאָמער האָסטו חרטה, קענסטו דאָס נאָך יעצט טהאָן.

נײמאַן האָט א קוק געטהאָן אויף דעם דאָקטאָר מיט א מינע פון פאָרוואורף. ווי אזוי איהם האָט גאָר געקענט איינפאלען, אז ער זאָל חרטה האָבען... ער פיהלט זיך יעצט אזוי גליקליך, קומט ער גאָר צוגעהן מיט חרטה האָבען. ער האָט שנעל א כאפּ געטהאָן די פעדער, וואָס דער דאָקטאָר האָט געהאלטען אין דער האַנד און מיט א ציטערנדע האנד, אונטערגעשריעבען זיין נאמען.

דער דאָקטאָר האָט צוגענומען דעם פּאפּיער און געהייסען נײ־מאַן'ען ארייננגעהן אין אָפּעראַציאָנס־צימער.

אַרויסגעהענדיג, האָט נײמאַן זיך אָנגעשטויסען אָן דעם יונ־גען מאַן, וועלכער איז נאָך אליץ געשטאַנען לעבען בעטעל. זייערע ביידען'ס בליקען האָבען זיך א ווײילע דורכגעקרייצט און נײמאַן איז עפּעס פון א מאָדנעם געפיהל בעהערשט געוואָרען. עפּעס איז איהם דיעזער מענש ניט געפעלען געווען. ער איז אינסטינקטיוו אויף איהם אין כעס געוואָרען. דאָס איז געווען יענער סאָרט געפיהל וואָס מען שפּירט אמאָל צו א מענשען ביי דעם ערשטען מאָל וואָס מען בעגעגענט זיך מיט איהם, פון דעם ערשטען בליק וואָס מען טהוט אויף איהם — אָן אנטיפּאטישער געפיהל...

ער האָט זיך נערוועז אָפּגעקעהרט פון איהם און איז שנעל צו־געגאַנגען צו דער טהיר און זי געעפענט. פון דער שוועל האָט ער געוואָרפען א בליק אויף דער קראַנקער און אַ ווארימער, מחיה'דיגער געפיהל האָט זיך צוגאָסען איבער אלע זיינע גליעדער — ער האָט בעמערקט די זעלבע דאנקבארע בליקען איהרע געריכטעט אויף איהם, און ווען ער איז געווען אין דעם אָפּעראַציאָנס־צימער, האָט ער נאָך געפיהלט אויף זיך דיעזע בליקען, און דער גליקליכער גע־פיהל האָט נאָך טיעפער זיך פאַרנאַנדערגעגאָסען איבער זיין גאַנצען קערפּער...

אין דעם אָפּעראַציאָנס־זאאל האָט א נוירס געהאלטען אין צו־גרייטען די נויטיגע אינסטרומענטען צו דער אָפּעראַציאָן. נײמאַן האָט זיך נײגעריג צוגעקוקט צו איהר יעדע בעוועגונג, בעטראַכט די אינסטרומענטען, דעם אָפּעראַציאָנס־טיש; און יעדעס מאָל וואָס זי האָט אַוועקגעלעגט אויף דעם גלעזערנעם טישעל עפּעס א

זאך, איז אין איהם די צופריעדענהייט אלץ מעהר געוואקסען. ער האט זיך יעצט געפיהלט ווי א הונגעריגער, וועלכער זעהט ווי מען גרייט צום טיש פערשיעדענע געשמאקע פאטראוועס פון זיינעט וועגען...

פלוצלונג האט פאר זיינע אויגען א שוועב געטהאן דער אנ־בליק פון דעם יונגען מאן, מיט וועלכען ער האט זיך פריהער אנ־געשטויסען אין דער קראנקער'ס צימער. און נאך א פיעל טיע־פערען כעס האט ער יעצט געפיהלט צו דיעזען אונבעקאנטען. עס האט זיך איהם געדוכט, אז יענער האט איהם מיט זיינע בליקען געשטאכען, בעליידיגט; אז ער האט געקוקט אויף איהם מיט פעראכטונג דערפאר וואס ער, ניימאן, איז אזוי נידעריג געפא־לען, דאס ער מוז פערקויפען זיין בלוט... „ווער איז דאס דיעזער יונגער מאן?" — האט ער זיך אליין געפרעגט — „וואס טהוט ער דארט?" אז דאס איז ניט דער קראנקער'ס א ברודער — דאס איז ער זיכער געווען. דען דער מיידעל'ס עלטערען האבען איהם בעגריסט מיט פריינדליכע בליקען, אין וועלכע ער האט געלעזען אן אויסדרוק פון דאנקבארקייט דערפאר וואס ער געהט ראטע־וועז זייער קינד. ווער זשע דען איז ער? — האט איהם ווידער גענומען עגבערען אין מח די פריהערדיגע פראגע.

ניימאן האט בעשלאסען צו פרעגען די נוירס ווער ער איז. ער איז אבער ניט דרייסט געווען זיך אריינצולאזען מיט דער נוירס אין א געשפרעך.

דא האט זיך די טהיר געעפענט און א בעדיענער האט אריינגעפיהרט אן אייזערנע בעטעל אויף רעדלעך און עס אוועק־געשטעלט לעבען דעם אפעראציאנס־טיש.

א שוידער איז דורכגעלאפען איבער ניימאן'ס אלע גליעדער. „אט דא וועל איך ליעגען" — האט ער צו זיך זעלבסט געזאגט, ווערענד די הארץ האט אין איהם גענומען האסטיג קלאפען.

די נוירס איז ארויס און אין א ווייל ארום איז זי צוריק אריינגעקומען, טראגענדיג אין האנד קליידער וואס עס טראגען

מענער־חולאים און, דערלאַנגענדיג זיי ניימאַן׳ען, האָט זי געזאָגט:

— איהר וועט אזוי גוט זיין זיך איבערטהאָן.

די נוירס האָט איהם געלאָזען אליין. ניימאַן האָט נערוועז גענומען זיך אויסטהאָן. אין אַ פּאָאַר מינוטען האָט ער שוין געטראָגען אויף זיך די האָספּיטאַל־קליידער, וועלכע זיינען בעשטאַנען פון אַ פּאָר גראָהע לייווענטענע הויזען מיט דינע בלאָהע שטרייפען און אַ לאַנגען כאַלאַט אויך פון דעם זעלבען שטאָף. ער האָט זיך דערזעהן אָפּשפּיעגלענדיג זיך אין די שויב פון דער שראַנק מיט די כירורגישע אינסטרומענטען און אויף זיין געזיכט האָט זיך אַ שמייכעל בעוויזען.

— אָט דאָס הייסט ווי דאָס ווערטעל געהט: „געהן מיט אַ געזונטען קאָפּ אין אַ קראַנקע בעט אריין“ — האָט ער צו זיך זעלבסט געזאָגט.

פּלוצלונג האָט פאר זיינע אויגען אַ שוועב געטהאָן דער קראַנקער׳ס געזיכט און ער איז אויף זיך זעלבסט שטארק אין כעס געוואָרען, פאר וואָס ער האָט זיך ערלויבט צו מאכען לוסטיג אין אַזאַ ערנסטען מאָמענט. ער געהט דאָך יעצט טהאָן אַזאַ הייליגע, אַזאַ ערהאבענע זאך — האָט ניימאַן ווי איבערגעבעטען זיין געוויסען... ער געהט מיט זיין בלוט ראַטעווען אַ מענשען׳ס לעבען — דאָס לעבען פון אַ יונגע, אונגליקליכע מיידעל, וועלכע דאַרף ערשט אָנפאַנגען צו לעבען.

דיעזע געדאַנקען האָבען איהם יעצט אריינגעבראַכט אין אַן ערנסטע שטימונג. ער האָט ניט געטראַכט וועגען זיין אייגענע טרויעריגע לאַגע, וועגען די צרות וואָס ער האָט ביז יעצט איבערגעלעבט און וועגען די ניט בעסערע צוקונפט וואָס איהם ערווארטעט; ער האָט אויך ניט געדיינקט וועגען די פופציג דאָלאַר וואָס ער האָט געדאַרפט בעקומען פאר זיין בלוט — די סומע וואָס האָט איהם געדאַרפט ארויספיהרען פון זיין יעצטיגען עלענד — ער האָט בלויז געטראַכט וועגען דער קראַנקער, וועלכע איז איהם עפּעס אזוי איינגעבאַקען געוואָרען אין הארצען, וועלכע איז

איהם עפּעס אזוי ליעב און טהייער געוואָרען... פון זיינע אויגען האָט יעצט אויף קיין איין סעקונדע ניט אָפּגעטראָטען דער מיי־דעל'ס טויט־בלייכע געזיכט און איהרע בעטענדע בליקען.

ווידער האָט זיך די טיהר געעפענט און עס איז אריינגע־קומען דער דאָקטאָר, אָנגעטהאָן אין א שנעע־ווייסען ראָק און אין א לאנגען ווייסען פאַרטוך. נאָך איהם זיינען נאָכגעגאנגען צוויי נוירסעס און דער מיידעל'ס עלטערען.

— ביזט שוין איבערגעטהאָן! — האָט דער ארצט פריינד־ליך א קלאפּ געטהאָן ניימאן'ען איבער די פּלייצע — דו ביזט א „גוד באָי". אָט באלד נעהמען מיר זיך צו דער ארבייט.

דער קראנקער'ס פאָטער איז צוגעגאנגען צו ניימאן'ען און דערלאנגט איהם א טשעק אויף פופציג דאָלאַר, זאָגענדיג דער־ביי:

— דאָ האָט איהר א טשעק אויף פופציג דאָלאַר און אז גאָט וועט העלפען מיין טאָכטער וועט געזונד ווערען, וועל איך אָן אייך ניט פערגעסען... דער דאָקטאָר האָט מיט מיר שוין גע־רעדט וועגען אייך.

ניימאן האָט צוגענומען דעם טשעק. ער האָט א קוק גע־טהאָן אויף דעם ציפער 50 און א גליקליכער ציטער איז דורכגע־לאָפען איבער זיין גאנצען קערפּער. אָה, ווי לאנג ער האָט שוין אזא סומע פאר די אויגען ניט געזעהען! אָבער דיעזער געפיהל איז באלד פערשוואונדען און אן אנדער געפיהל האָט איהם בע־הערשט. ער האָט געזעהן אין דיעזע פופציג דאָלאַר א פערשוועט־כוגג פון זיינע עדעלע, הייליגע געפיהלען. ער וואָלט פיעלייכט צופריעדען געווען, ווען מען גיט איהם קיין איין סענט ניט יעצט... ניימאן האָט צוגענומען דעם טשעק, דאנקענדיג דערביי דער קראנקער'ס פאָטער. דאן האָט ער דעם טשעק אוועקגעגעבען דעם דאָקטאָר, זאָגענדיג מיט א האלבען שמייכעל:

— איך האָב דאָך אין דיעזע קליידער קיין פּאקעטס ניט. האלט איהר דאָס פאר מיר. ווען איך וועל אהיים געהן, וועט איהר עס מיר געבען.

דער דאָקטאָר האָט צוגענומען דעם טשעק און געהייסען די נויירסעס, זיי זאָלען ארייננפיהרען די קראנקע. מיסעס זינגער איז צוגעלאָפען מיט נערוועזע טריט צו ניימאַן'ען און, אויס־שטרעקענדיג צו איהם איהר האנד, וועלכע ארטהור האָט פער־שעהמט אָנגענומען, האָט זי געזאָגט אין א שטימע, פול מיט טרעהרען:

— יונגער מאן, איך בין אייך ווירקליך מקנא פאר די גרויסע מצוה וואָס איהר געהט זיך יעצט קויפען. ווען מען זאָל געבען מיליאָנען צדקה קען מען זיך אזא מצוה ניט קויפען. איך האָב גערן געוואָלט געבען מיין אייגען בלוט, אום צו ראטעווען מיין קינד. איך בין אָבער א שוואכע, און דער דאָקטאָר האָט מיין בלוט ניט געוואָלט אָננעהמען. ביי דעם געזונד פון מיין איינצי־גע קינד שווער איך אייך, אז איך וועל אייך מיין גאנצען לעבען ניט פערגעסען דאָס, וואָס איהר טהוט יעצט פאר מיר, און אויב איהר וועט זיך אמאָל נויטיגען אין הילף, קומט צו מיר, און איך וועל זיין גליקליך אייך אָבצוהאנקען מיט וואָס איך וועל נאָר קענען.

דיעזע אויפריכטיגע ווארימע ווערטער האָבען ניימאַן'ען ביז צו טרעהרען גערירהט. אָבער פּלוצלונג האָט אין איהם וויעדער ערוואכט זיין פריהעריגער כעס צו דעם אונבעקאנטען יונגען מאן. ער איז אַלזאָ ניט זייער זוהן, ווער זשע דען איז ער? ער געפינט זיך יעצט דאָרט מיט דער קראנקער אין צימער. זאָל דאָס זיין איהר חתן?...

ביי דעם לעצטען געדאנק האָט ניימאַן דערפיהלט א שמערצ־ליכען שטאָך אין הארצען.

די נויירסעס האָבען ארייננעבראכט די קראנקע און זיי האָ־בען איהר אוועקגעלייגט אויף דעם אָפּעראַציאָנס־טיש. דער מיי־דעל'ס בליקען האָבען נערוועז ארומגעבלאָנדזשעט איבער'ן צי־מער, אזוי ווי זיי וואָלטען עפּעס געזוכט. ענדליך האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט אויף ניימאַן'ען, וועלכער איז וויעדער געוואָרען פרעהליך. דער קראנקער'ס מוטער האָט אויסגעבראָכען אין א

האַרצרייסענדען געוויין. דער דאָקטאָר האָט א וואונק געטהאָן צו די נוירסעס, וועלכע האָבען אָנגענומען די פרוי און זי ארויסגע־פיהרט פון צימער.. ווען די נוירסעס זיינען צוריק אריינגעקומען, האָט דער דאָקטאָר געהייסען ניימאַן׳ען, ער זאָל זיך אװעקלייגען אויף דעם בעטעל. ער האָט שנעל ערפילט דעם ארצט׳ס בעפעהל. און וויעדער האָבען זיך ניימאַן׳ס בליקען בעגעגענט מיט דער קראַנקער׳ס בליקען. זייערע שטומע אויגען האָבען יעצט זעהר פיעל גערעדט... איבערהויפּט ארטהור׳ס אויגען האָ־בען גערעדט אויף יענער שפּראַך, אין וועלכע עס ריידען די מענ־שען־קינדער בלויז אין געוויסע מאָמענטען — אין די וויכטיגסטע, גליקליכסטע מאָמענטען פון לעבען...

האָט די קראַנקע ריכטיג פערשטאַנען ניימאַן׳ס שטומען גע־שפּרעך? האָט זי געפיהלט דאָס האַסטיגע קלאַפּען פון זיין הארץ? האָט זי געפיהלט זיין הייסע ליעבע צו איהר?

אך, ווי גליקליך דער אָרימער, ארבייטס־לאָזער אונגליקלי־כער קאַרפּענטער איז יעצט געוועזען! די גאַנצע וועלט איז יעצט זיינע געוועזען. און אין דיעזען צושטאַנד איז ער געבליבען ביז דער דאָקטאָר האָט איהם, מיט דער הילף פון א נוירס, איינגעשלעפערט מיט כלאָראָפאָרם. דאָס זעלבע איז אויך געטהאָן געוואָרען מיט דער קראַנקער.

דאַן איז די אָפּעראַציאָן געמאַכט געוואָרען: פון ניימאַן׳ס געזונטען קערפּער האָט געגומען פליסען רויטע, קאָכיגע בלוט אין דעם בלייכען, אויסגעצערטען בלוט־אָרימען קערפּער פון דער קראַנ־קער מיידעל.

---

## פערטער קאַפּיטעל.

ווען ניימאַן האָט זיינע אויגען געעפענט, האָט ער דערזעהן, אז ער געפינט זיך אין א גרויסען זאָל מיט פיעלע בעטלעך, אין וועלכע עס זיינען געלעגען חולאים פון פערשיעדענער עלטער. ער האָט שנעל צוריק צוגעמאַכט די אויגען מיט א מינע פון אונצו־פריעדענהייט, אזוי ווי עס וואָלט איהם פערדראָסען, ווארום ער

האָט ערוואַכט. און דיעזער פּערדרוס איז ניט געווען אָהן אַן אור־זאַכע. פון אַ הערליכען חלום האָט ער יעצט ערוואַכט. ווען ער האָט די אויגען געעפענט, איז דיעזער גליקליכער טרוים פערשוואונדען ווי רויך... ער האָט דארום שנעל צוגעמאַכט צוריק די אייגען, אַזוי ווי ער וואָלט דערמיט וועלען צוריקכאַפּען דעם טרוים... זיין אַנשטרענגונג איז אָבער געווען אומזיסט. פאַר זיינע אויגען איז יעצט געשטאַנען די ווירקליכקייט — די נאַקעטע, שטרענגע, האַרצלאָזע ווירקליכקייט...

מיט אַ האַסטיגע בעוועגונג האָט ער זיך אויפגעזעצט אויף דעם בעט. אין קאָפּ האָט זיך איהם געגומען מישען און ער האָט דערפיהלט אַן אונאַנגענעהמען טעם אין מויל, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט געהאַט איינגעשלונגען אַ וואָלקען רויך...

א נוירס איז צוגעקומען, איהם איינגעגעבען אַ געוויסע מע־דיצין און איהם צוריק אַוועקגעלייגט, אָנזאָגענדיג איהם, אַז ער דאַרף ליגען רוהיג, זיך ניט בעוועגען.

— איך בין אָל־רייט — האָט ניימאַן געזאָגט מיט אַ שמייכעל — איך פיהל זיך ניט קראַנק און איך וואָלט שוין וועלען אַהיים געהן.

— איהר קענט נאָך אַהיים ניט געהן — האָט איהם די נוירס ערקלעהרט אין אַ העפליכען טאָן.

— ווארום דען? — האָט אויף ניימאַן'ס געזיכט נאָך אַלץ געשוועבט דער זעלבער שמייכעל.

— אָהן די ערלויבניס פון דעם דאָקטאָר טאָר קיינער דעם האָספּיטאַל ניט פערלאָזען.

— וואו איז ער דען, דער דאָקטאָר?

— ער איז יעצט ניטאָ, אבענדס וועט ער קומען.

ניימאַן האָט געברענט פון אונגעדולד צו וויסען וואָס די קראַנקע מאַכט. ער האָט זיך אָבער געשעהמט דאָס צו פרעגען ביי דער נוירס. ער האָט דארום געצעהלט די סעקונדען ווען דער דאָקטאָר וועט שוין קומען. איהם וועט ער דאָס גלייך פרעגען. ער האָט זיך עפּעס געפיהלט היימיש צו דעם דאָקטאָר און ער האָט

איהם ליעב בעקומען מיט א מין דאַנקבאַרע ליעבע. אינסטינקטיוו האָט ער געפיהלט, אז ער וועט דעם דאָקטאָר האָבען פאר עטוואָס דאַנקבאַר צו זיין, אז ער, דער דאָקטאָר, וועט שפּיעלען אַ וויכטיגע ראָלע אין זיין לעבען — אין דעם נייעם לעבען, אין וועלכען ער טרעט אריין. יא, ניימאַן האָט געפיהלט, אז פון יעצט אָן פאַנגט זיך פאַר איהם אָן א נייער לעבען; עס איז אין איהם עפּעס אַ וויכטיגע ענדערונג פאָרגעקומען.

יעדע ווײַלע האָט ניימאַן געקוקט אויף דעם גרויסען זייגער וואָס האָט דאָרט געהאַנגען. מיט אונגעדולד האָט ער געקוקט אויף די ווייזערס, אַזוי ווי ער וואָלט זיי מיט זיינע בליקען וועלען אונטערשטופּען, זיי זאָלען זיך שנעלער ריהרען און ברייננגען די שטונדע, ווען דער דאָקטאָר וועט קומען... א נערוועזער האָט ער זיך געוואָרפען אויף זיין בעטעל. דאָס שמערצליכע אָכצען און קרעכצען פון די קראַנקע האָט איהם, דעם געזונטען, וועלכער איז נאָך אין זיין לעבען קיינמאָל ניט קראַנק געווען, שטאַרק נערוועז געמאַכט.

מיטאָג צייט האָט מען איהם דערלאַנגט א געשמאַקען מיטאָג, וועלכען ער האָט מיט אַפּעטיט אויפגעגעסען. דאָ האָט ער זיך שוין ניט געקענט לענגער איינהאַלטען און ער האָט בעשלאָסען ביי דער נוירס צו פרעגען עטוואָס וועגען דער קראַנקער מיידעל, אין וועמעס אָדערען עס האָט יעצט געפליסט זיין בלוט, און ער האָט זיך אָפּגערופען מיט א שמייכעל אויף זיינע ליפּען:

— בעקומען אַלע קראַנקע אַזעלכע גוטע מאָל־צייטען ווי איך?

— עס ווענדעט זיך ווי דער פּאַציענט פיהלט. די עסען ווערט געגעבען לויט דעם געזונדס־צושטאַנד פון יעדען חולה — האָט די נוירס איהם ערקלעהרט.

ניימאַן איז מיט דיעזען אַנטוואָרט ניט געווען צופריעדען. ניט דאָס האָט איהם אינטערעסירט... ער האָט אָבער ניט געהאַט קיין מוטה צו פרעגען דירעקט אויף מיסס זיננגער.

— עס לוינט זיך שוין טאַקע ניט ארויסצוגעהן פון דאַנען,

אז מען גיט דאָ אזוי גוט צו עסען — האָט ער געשפּאַסט.

די נוירס האָט שווייגענד געשמייכעלט.

די פריינדליכע בענעהמונג פון דער נוירס האָט איהם צוגעגע־בען קוראַזש און ער האָט זיך ווידער אָפּגערופען:

— האָט די פרייליין, וועמען מען האָט ארייגעלאָזען מיין בלוט, אויך געהאט אזא געשמאקען „דינער“?

דיעזע ווערטער האָט ער ארויסגערעדט שטאַמלענדיג און זיך דערביי שטאַרק פערשעהמט. די נוירס, ניט פערדעכטענדיג קיין זאַך, האָט געמיינט, אז ער פרעגט דאָס אויס איינפאַכע נייגיעריגקייט און האָט געענטפערט:

— אָה, ווען זי וועט אזא דינער עסען אין א וואָך ארום, וועט אויך זיין גוט. זי ווערט געשפּייזט מיט מילך, זופּ און שי־טערע אייער.

— אזוי קראַנק איז זי נעבאך! — האָט ניימאן ווייטער גע־רעדט שוין אין אן ערנסטען טאָן.

— יעצט איז זי שוין אָבער אויסער געפאהר. זי וועט זיכער געזונד ווערען און פאר דעם וועט זי האָבען אייך צו פערדאנקען — האָט די נוירס אויף איהם געקוקט מיט ליעבליכע בליקען.

ווי א הערליכע מוזיק האָבען אין זיינע אויערען יעצט גע־קלונגען דער נוירס' ווערטער. א י ה ם וועט זי האָבען צו פער־דאנקען פאר איהר לעבען...

ווען די נוירס איז אוועק, האָט ניימאן זיך דערמאָנט אָן זיין גליקליכען טרוים וואָס ער האָט געזעהען בשעת ער איז איינגע־שלאָפען געוואָרען פון כלאָראָפאָרם. ער האָט פעסט פערמאכט די אויגען. אין דער פינסטער איז איהם לייכטער געווען זיך צו דערמאָנען אָן אלע איינצעלהייטען פון דיעזען גליקליכען חלום. זיין געזיכט האָט דערביי געשטראהלט פון אינערליכען גליק. א פּאָר שטונדען איז ער אזוי אָפּגעלעגען מיט צוגעשלאָסענע אויגען קוויקענדיג זיך מיט די ערינערונגען פון זיין זיסען טרוים.

אבענדס איז דער דאָקטאָר געקומען. ניימאן איז א פרייליי־כער ארונטערגעשפּרונגען פון בעט און איז אנטקעגען געלאָפען

דעם אַרצט. דער דאָקטאָר האָט איהם בעגריסט מיט אַ פריינדלי־כען שמייכעל און געפרעגט ווי ער פיהלט.

— איך בין אָלל־רייט, דאָקטאָר! — האָט ניימאַן אַ פריי־ליכער געענטפערט.

דער דאָקטאָר האָט איהם געהייסען זיך אוועקלייגען אויפ'ן בעטעל און ער האָט זיך צוגעהאָרכט צו זיין פּולס.

— איהר אונטערזוכט מיך אַזוי ווי איך וואָלט געוועזן קראַנק — האָט ניימאַן ווייטער געזאָגט מיט שפּאַס. — הלואי די אַלע פּאַציענטען וואָס געפינען זיך דאָ — האָט ער אָנגעוויזען מיט די האַנד אויף די חולאים אין די בעטלעך — זאָלען אַזוי קראַנק זיין ווי איך.

— דו האָסט אַביסעל היץ, ניימאַן — האָט דער אַרצט גע־זאָגט, בעטראַכטענדיג איהם מיט ערנסטע בליקען — דו האָסט זיך געמוזט אויפרעגען.

— איך האָב היץ? — האָט ניימאַן ערשטוינט איבערגע־פרעגט אַלץ ניט אין קיין ערנסטען טאָן — און איך האָב געמיינט, אַז איך קען שוין פערלאָזען דעם האָספּיטאַל.

— איך האָב אויך געדיינקט דיך היינט צו בעפרייען — האָט דער דאָקטאָר איהם גוטמוטהיג ערקלעהרט — אָבער ווי איך זעה, וועסטו מוזען דאָ פערבלייבען אַ פּאָר טעג און איך בעט דיך האָט ער צוגעגעבען, אַז דו זאָלסט זיין רוהיג, זיך ניט אויפרעגען.

ניימאַן וואָלט צופריעדען געוועזן דאָ צו פערבלייבען לענגער, נאָר ווען ער זאָל קענען זיין לעבען דער קראַנקער מיידעל. אַך, ווי איהם האָט געצויגען צו איהר! ער איז זאָגאַר גליקליך געוועזן, וואָס ער געפינט זיך מיט איהר אין איין הויז, אונטער איין דאַך... עס האָט איהם אָבער אינערליך שטאַרק פערדראָסען, פאַר וואָס דער דאָקטאָר האָט דערקענט אָן איהם, אַז ער איז אונרוהיג, אַז ער האָט זיך אויפגערעגט... ער האָט דורכאויס געוואָלט, אַז מען זאָל ניט דערקענען אָן איהם די ענדערונג וואָס איז יעצט אין איהם פאָרגעקומען, מען זאָל ניט בעמערקען די געפיהלען, מיט וועלכע זיין הארץ איז יעצט געוועזן איבערפילט און וועלכע האָבען זיך פון

דאָרט ארויסגעריסען און אָפּגעשפּיעגעלט זיך אויף זיין געזיכט... זיין וואונש איז געווען, אַז דאָס אַלעס זאָל בלייבען א סוד. א הייליגער סוד אין איהם, טיעף, טיעף אין זיין הארצען, אין זיין נשמה...

— איך ווייס ניט פון וואָס איך האָב זיך דאָס אזוי אויפגערעגט — האָט ניימאַן, ווי צו זיך ריידענדיג, געזאָגט תם׳עוואַטע, וועלענדיג דערמיט צוגעהמען ביי דעם דאָקטאָר דעם מינדעסטען פערדאכט וועגען זיינע יעצטיגע געפיהלען — איך האָב דאכט זיך געגעסען מיט אן אויסגעצייכענטען אַפּעטיט דינער און סאַפּער... אפשר איז דאָס פון די כלאָראָפּאָרם — האָט ער צוגעגעבען מיט אן אונשולדיגע מינע.

— עס קען זיין טאַקע פון די כלאָראָפּאָרם — האָט דער דאָקטאָר צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ — יעדענפאלס וועסטו שוין היינט דאָ איבערנעכטיגען און מאָרגען וועל איך זעהען ווי דו וועסט פיהלען. איך וועל דיר הייסען יעצט געבען מעדיצין, אז דאָס פיבער זאָל אָפּטרעטען.

דאָס זאָגענדיג, האָט דער דאָקטאָר געהייסען דער נוירס, זי זאָל ברייננגען א געוויסע מעדיצין.

ווען דער ארצט האָט שוין געוואָלט אַוועקגעהן, האָט איהם ניימאַן אָנגעכאפּט פאר די האנד און געזאָגט אין א שטילען, פערשעהמטען טאָן:

— ענטשולדיגט מיר, דאָקטאָר, וואָס איך באדער אייך אזוי פיעל, איך האָב צו אייך א קליינע ביטע!

דער דאָקטאָר האָט זיך גלייך צוריק אַוועקגעזעצט און אין א זעהר פריינדליכען טאָן געזאָגט:

— דו באַדערסט מיך גאָר ניט. זאָג וואָס דו פערלאַנגסט. איך וועל מיט פערגעניגען טהאָן פאַר דיר אַלעס וואָס איך וועל נאָר קענען.

דיעזע אמת פריינדליכע ווערטער האָבען ניימאן׳ען צוגעגעבען קוראַזש און ער האָט שוין אין א מעהר דרייסטען טאָן געזאָגט:

— איך וואָלט וועלען וויסען וואָס מיסס זינגער מאַכט, ווי פיהלט זי זיך?

דער ארצט האָט איהם א ווײלע בעטראַכט מיט פאַרשענדע בליקען און נאכהער געענטפערט:

— זי איז אַלל־רייט. איך בין נאָר וואָס ביי איהר געוועזן. זי פיהלט זיך שוין יעצט בעדייטענד בעסער ווי אין דער פריה.

ניימאַן איז יעצט געוועזן איבערגליקליך. דיעזע נאכריכט האָט אין איהם א נייע נשמה אריינגעבלאָזען. ער האָט געפיהלט ווי ארומצונעהמען דעם דאָקטאָר און איהם קושען, דאנקען פאר די פרעהליכע בשורה וואָס ער האָט איהם געבראַכט. ער האָט געמאַכט א בעוועגונג, אזוי ווי ער וואָלט עפּעס וועלען זאָגען, אָבער ער האָט זיך צוריקגעהאלטען און איז אנשוויגען געוואָרען. דער דאָקטאָר האָט דאָס בעמערקט און ער האָט זיך אָפּגערופען:

— האָסט דאָך עפּעס געוואָלט זאָגען, ווארום שווייגסטו?

ניימאַן האָט זיך געפונען אין א פערלעגענהייט. ער האָט ניט געוואוסט וואָס דעם דאָקטאָר צו ענטפערען. דאָס וואָס ער האָט פריהער געוואָלט זאָגען האָט ער יעצט ניט געהאַט דעם מוטה ארויסצוריידען. האָט ער זיך געפּרובירט ארויסצודרעהען, זאָגענדיג:

— ענטשולדיגט מיר פאר מיין דרייסטקייט, דאָקטאָר. איך האָב אייך געוואָלט בעמערקען, אז די היץ וואָס איך האָב שטאַמט פיעלייכט דערפון וואָס איך, א געזונטער, געפין זיך צווישען קראנקע, ליידענדע. זייערע קרעכצען, זייערע שמערצענס־געשרייען מאַכען מיר נערוועז.

— דו האָסט רעכט — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט אין א טאָן אזוי ווי ער וואָלט זיך ענטשולדיגען פאר איהם — איך האָב אָבער געדיינקט, אז דו וועסט דאָ פערבלייבען אין גאנצען עטליכע שטונדען, דערפאר האָב איך געהייסען, אז מען זאָל דיר אהער בריינגען.

דאן האָט ער זיך געווענדעט צו דער נוירס, זאָגענדיג איהר, אז זי זאָל פרעגען ביים סופּעראינטענדענט, אויב עס איז דאָ א לעדיגער צימער אין דעם פּריוואט־וואָרד. ווען די נוירס איז אוועק

ערפילען איהר שליחות, האָט דער דאָקטאָר ווייטער געזאָגט צו ניימאן׳ען:

— אויב עס וועט זיין א ליידיגער פּריוואט־צימער, וועסטו אהין ארייננעהן.

ניימאן איז געווען זעהר צופריעדען פון זיין גוטען איינפאל און ער האָט בעדאנקט דעם דאָקטאָר.

די נוירס איז צוריקגעקומען מיט דער תשובה, אז עס איז דאָ א צימער און ניימאַן איז, אין דער בעגלייטונג פון דער נוירס און דעם דאָקטאָר, אַוועק אהין. דיעזער צימער האָט זיך געפונען אויף דעם זעלבען פּלאַאר, וואו עס איז געלעגען פריילין זינגער און עס איז אויסגעקומען פּאַרבייצוגעהן פערביי איהר צימער. אָן דעם נומער אויף דער טהיר האָט ניימאן דערקענט, אז דאָרטען געפינט זיך דיא יעניגע, וועלכע האָט יעצט אויסגעפּיהלט זיין גאַנצע הארץ, זיין גאַנצע נשמה — די מיידעל, וועמעס געשטאַלט עס איז אויף קיין איין סעקונדע ניט אָפּגעטראָטען פון זיינע אויגען און וועגען וועל־כער זיין מח האָט ניט אויפגעהערט צו דיינקען. צוקומענדיג נע־הענטער צו דיעזען צימער, זיינען ניימאַן׳ס פיס געבליבען שטעהן, אזוי ווי זיי וואָלטען פּלוצלונג צוגעשמיעדט געוואָרען צו דיעזען פּלאַץ, און איבער זיין קערפּער איז א מין אנגענעהמער ציטער דורכגעלאָפען. אום דער דאָקטאָר און די נוירס זאָלען דאָס ניט בע־מערקען, האָט ער זיך כלומרשט גענומען אומקוקען.

— דו זעהסט, ניימאַן, דאָ ליגט מיסס זינגער — האָט דער דאָקטאָר אָנגעוויזען אויף די ווייסע, גלאַנציגע טהיר פון דעם צימער, וואו די קראַנקע האָט זיך געפונען.

— אָט דאָ ליגט זי? האָט ניימאַן נאַאיוו בעמערקט — איך האָב גאָר ניט דערקענט. אַלע צימערען האָבען דאָ איין פּנים. לאָמיר אהין ארייננעהן — האָט ער מיט דער זעלבער נאַאיוויטעט צוגע־געבען, קוקענדיג אויף דעם דאָקטאָר מיט בעטענדע בליקען — איך וואָלט איהר גערן וועלען זעהן.

— אָל־רייט! האָט דער דאָקטאָר געזאָגט און ער האָט גע־עפענט די טהיר.

מיט אן איינגעהאַלטענעם אָטהעם און מיט א האַסטיג קלאַ־פּענדע הארץ האָט ניימאַן אַריבערגעטראָטען די שוועל פון דער קראַנקער'ס צימער. די פּריוואַט נוירס, וועלכע איז אויף קיין מי־נוט ניט אָפּגעטראָטען פון דער קראַנקער'ס בעט, איז זיי אַנטקעגען געגאַנגען אויף די שפּיץ נעגעל און מיט'ן וואונק און אין א שטילער, קוים הערבאַרער שטימע ערקלעהרט, אַז איהר פּאַציענטין איז נאָר וואָס איינגעשלאָפען. דער דאָקטאָר האָט א וואונק געטהאָן צו ניי־מאַן'ען, וואָס עס האָט בעדייטעט, אַז מען מוז פערלאָזען דעם צי־מער. ניימאַן האָט זיך אָבער ניט גערירט פון אָרט. ער האָט זיך מיט זיינע אויגען איינגעגראָבען אין דער קראַנקער'ס געזיכט, וועל־כעס האָט אין דער העלער שיין פון דער עלעקטרישער ליכט אויס־געזעהען ניט אזוי בלייך. זיין געזיכט האָט גענומען שטראַהלען פון גליקזעליגקייט, פון אונבעשרייבליכען תענוג. אזוי ווי א דורשטיגער אין א וויסטע, וועלכער געפינט ענדליך א פליסיגען קוואַל פרישע וואַסער, אזוי האָט ניימאַן אַלץ טיעפער, שטאַרקער זיך איינגעגראָ־בען מיט זיינע בליקען אין דער מיידעל'ס צאַרטע געזיכט און איהם האָט זיך געדוכט, אַז זי טרוימט יעצט, זי איז פערזונקען אין א גליקליכען חלום... עס טרוימט זיך איהר פיעלייכט דאָס זעלבע וואָס עס האָט זיך איהם היינט גע'חלום'ט... זי זעהט איהם יעצט, פונקט ווי ער האָט זי געזעהען... איז זי אויך אזוי גליקליך ווי ער איז גע־ווען?.. אה ווען ער זאָל דאָס קענען וויסען!..

פון דיעזע געדאַנקען האָט איהם אָפּגעריסען דער דאָקטאָר, וועלכער האָט איהם אָנגענומען פאַר די האַנד און א ציה געטהאָן מיט זיך. ער האָט נאָך אוספּייעט צו וואַרפען אויף דער קראַנקער איין בליק, דורך וועלכען ער האָט איהר געזאָגט א גוטע נאַכט און געוואונשען, אַז זי זאָל וואָס גיכער געזונד ווערען...

— איך קען אייך ניט אַרויסזאָגען וואָס איך פיהל צו דיעזער פּריילין — האָט ניימאַן זיך אָפּגערופען, ווען זיי זיינען געווען אין קאָרידאָר, וועלענדיג וויעדער פערמיידען, אַז דער דאָקטאָר זאָל איהם גאָר ניט חושד זיין — עפּעס אזוי ווי זי וואָלט געווען מיינע א

שוועסטער, אזוי ליעב האב איך זי און איך ווינש פון טיעפען הארנען, אז זי זאל פאלשטענדיג געזונד ווערען.

דער דאקטאר האט ווירקליך גאר ניט פערדעכטיגט. ער האט ניימאן'ס רייד אנגענומען אין זייער געוועהנליכען זינען; ער האט זיי בעטראכט אלס אן אויסדרוק פון דאנקבארקייט פון ניימאן'ס זייט, וואס ער וועט זיך קענען דורך דיעזען צופאל בעפרייען פון זיין קריטישער לאגע.

— דו ביזט א בראווער, עהרליכער מאן — האט דער דאקטאר גוטמוטהיג געקלאפט ניימאן'ען איבער די פלייצע — איך הויב דיך אן אלץ מעהר ליעב צו קריגען.

דער ארימער קארפענטער האט יעצט געשוועבט אויף דעם זיעבענטען הימעל פון גליק...

בלייבענדיג אליין אין זיין צימער, איז ניימאן געווארען זעהר נערוועז. א היבשע ווײלע איז ער ארומגעגאנגען פערזונקען אין א ים פון געדאנקען הין און צוריק איבער זיין צימער. פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך אפשטעלען אויף עטליכע סעקונדען, זיך איינגעהארכט אין דער שטילקייט וואס האט יעצט ארום איהם געהערשט. דיעזע שטילקייט פלעגט בלויז אויף א קורצע ווײלע איבערגעריסען ווערען פון די שטילע, פלינקע טריט פון א נוירס, וועלכע איז דורכגעלאפען איבער דעם קארידאר און פון דעם גערויש וואס איהר שטייף־געפרעסטע קלייד האט דערביי געמאכט. אט דיעזע שטילקייט האט איהם נאך מעהר אויפגערעגט. עס האט אויף איהם געמאכט דעם איינדרוק, אזוי ווי ער וואלט זיך געפונען אויף א בית עלמן, וואו אלעס ארום איז טויט, שטיל, וואו עס הערט זיך ניט קיין שארך פון לעבען... ניט צו טויטער שטילקייט, נאר צו קאכיגעס, רוישיגעס לעבען האט זיך זיין הארץ יעצט געריסען, — זיין הארץ און זיין נשמה. א געוויטער האט יעצט אין איהם געבושעשעוועט, א ווילדער שטורם, וועלכער האט אויפגעטרייסעלט אלע זיינע גליעדער, זיין יעדען נערוו — א לעבענס־שטורם... זיינע געדאנקען זיינען געוועזן רוישיגע, שטורמיגע און די הערשענדע שטילקייט ארום איהם האט איהם געשטערט אין זיין טראכטען.

ער האָט זיך ענדליך אַ מיעדער און אויפגערעגטער אוועקגע־
זעצט אויפ׳ן בעטעל. ווען ער וואָלט נעכטען געהאַט אַזאַ בעט, וואָלט
ער זיך דאָך מחיה געווען. ער וואָלט אויסגערוהט זיינע צובראָכענע
גליעדער, אָבער יעצט האָט איהם גאָר קיין חשק ניט אָנגענומען זיך
צו לייגען. וואָך זיין האָט ער געוואָלט; און ער איז טאַקע די גאַנצע
**נאַכט ניט געשלאָפען.**

אָך, וואָס ער האָט דורך דיעזע נאַכט איבערגעלעבט!

אין דער פריה איז דער דאָקטאָר צו איהם געקומען און איהם
אונטערזוכט.

— דו האָסט נאָך היץ — האָט דער אַרצט מיט אַן ערנסטע
מינע געזאָגט — דאָס איז ניט ווי איך האָב ערוואַרטעט. איך האָב
געדייקנט, אַז אויף אַזאַ געזונטען מענשען ווי דו ביזט, וועט די
אָפּעראַציאָן ניט איבערלזאָען קיין שום פאָלגען, אָבער, ווי איך זעה,
האָב איך געהאַט אַ טעות.

— איך פיהל זיך, דאַכט זיך, געזונט — האָט ניימאַן תם׳עוואַ־
טע געזאָגט, — אום ניט אַרויסצורופען ביים דאָקטאָר קיין פער־
דאַכט — איך האָב אַ גוטען אַפּעטיט צום עסען און אין אַלגעמיין
טהוט מיר גאָר ניט וועה.

— אָבער די טעמפּעראַטור וואָס דו האָסט צייגט, אַז דו ביזט
ניט געזונד — האָט דער דאָקטאָר איהם גענויער גענומען אונטער־
זוכען — איך בין זיכער געווען, אַז דו וועסט שוין היינט קענען
אַהיים געהן. אָבער ווי איך זעה, וועסטו נאָך מוזען דאָ פערבלייבען,
אַם ווייניגסטענס כאָטש נאָך דעם היינטיגען טאָג.

ניימאַן האָט זיך זעהר געפרעהט, הערענדיג אַז ער וועט נאָך
פערבלייבען אין האָספּיטאַל. ער האָט געהאָפט, אַז ער וועט די
קראַנקע זעהען און ער האָט בעשלאָסען צו בעטען דעם דאָקטאָר, ער
זאָל מיט איהם צו איהר אַריינגעהן.

— איך געפין גאָר ניט אין דיר — האָט דער דאָקטאָר ווייטער
גערעדט, נאָכדעם ווי ער האָט ניימאַן׳ען גרינדליך אונטערזוכט —
דו ביזט פאָלקאָם געזונד און די היץ וואָס דו האָסט שטאַמט פון
צופיעל אויפרעגונג, ווי איך האָב עס דיר שוין נעכטען בעמערקט.

— הלואי זאָל מיסס זינגער זיין אזוי געזונד ווי איך! — האָט ניימאַן געזאָגט מיט אַ צופריעדענעם שמייכעל.

ער איז געווען גליקליך וואָס ער קען אַרויסברייִנגען אויף זיינע ליפּען דעם נאָמען פון דער, וועלכע איז איהם אזוי ליעב און טהייער...

— אָה, זי וועט אויך געזונד זיין — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט — איך בין נאָר וואָס ביי איהר געווען. זי בעסערט זיך מיט יעדע מינוט. זי האָט מיר אויף דיר געפרעגט.

— וואָס רעדט איהר! — האָט אַרטהור אַ גליקליכער אויסגעשריען.

אָבער באַלד איז ער שטאַרק פערשעהמט געוואָרען און אין הארצען האָט ער זיך זעלבסט פאָרווירפע געמאַכט, ווארום ער האָט דיעזע ווערטער אַרויסגערעדט מיט אַזאַ פרייד. ער איז זיכער געווען, אַז ער האָט דערמיט פערראַטהען זיינע געפיהלען, אַז דער דאָקטאָר האָט שוין יעצט אָן איהם אַלעס דערקענט...

— זי האָט מיר געפרעגט וואָס דו מאַכסט און צו דו ביזט שוין אַהיים געגאַנגען — האָט דער דאָקטאָר ווייטער גערעדט אין אַ געלאַסענעם טאָן, אָננעהמענדיג ניימאַן'ס בעגייסטערונג אַלס אַ געוועהנליכען אויסדרוק פון פרייד, וואָס די מיידעל פיהלט זיך בעסער.

— און וואָס האָט איהר איהר געענטפערט — האָט דאָס מאָל ניימאַן זיך שוין געסטאַרעט צו קאָנטראָלירען זיינע געפיהלען.

— איך האָב איהר געזאָגט דעם אמת, אַז דו פיהלסט זיך אַלל־רייט און איך האָב איהר אויך דערצעהלט, אַז מיר זיינען נעכטען אבענד ביי איהר געווען, ווען זי איז געשלאָפען.

— איך וואָלט איהר געוואָלט זעהן! — האָט אַרטהור געזאָגט אין אַ בעטענדען טאָן.

— איך האָב איהר טאַקע געזאָגט, אַז מיר וועלען שפּעטער איהר אָפּשטאַטען אַ וויזיט — האָט דער דאָקטאָר איהם ערקלעהרט — איך מוז יעצט בעזוכען מיינע פּאַציענטען. ווען איך וועל זיך אָפּפערטיגען, וועל איך מיט דיר צו איהר אַריינגעהן.

ווען ניימאַן איז געבליבען אַליין אין צימער, האָט ער אויס־

געבראָכען אין א געוויין. א פריידענס־געוויין איז דאָס געווען. זיין הארץ איז יעצט געווען איבערפולל מיט דעם העכסטען גליק. די גרויזאַמע, שרעקליכע צרות וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין לע־בען, דער עלענד, די ביטערע נויט, אין וועלכע ער האָט יאָהרען לאַנג געלעבט — דיעזע אַלע פּלאָגענישען האָבען אין איהם קיינ־מאָל קיין איין טרעהר ניט אַרויסגערופען; פאַר קעהרט, דיעזע אַלע צרות האָבען אין איהם נאָך פערהאַרטעוועט, פערטעמפּט זיינע געפיהלען, פערשטיינערט זיין הארץ. ער האָט געמעגט צוזעהן די שוידערליכסטע אונגליקען, האָט עס זיין הארץ ניט געריהרט. יעצט האָט ער דאָס ערשטע מאָל זינט פיעלע יאָהרען זיך צו־וויינט — צו־וויינט פון גליק...

— זי האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף מיר! — האָט ניימאַן צו זיך זעלבסט גערעדט, וועהרענד די טרעהרען האָבען ניט אויפגע־הערט צו פליסען פון זיינע אויגען — זי וויל וויסען ווי איך פיהל, זי אינטערעסירט זיך מיט מיר!...

ביי די לעצטע ווערטער האָט א פרישער קוואל טרעהרען א שטראָם געטהאָן פון זיינע אויגען. ער האָט זיך פּלוצלונג דערפיהלט, אַז ער איז מעהר ניט עלענד, אַז ער איז מעהר ניט ווי א שטיין אויף דער גרויסער, ברייטער וועלט. ביז יעצט האָט זיך קיינער מיט איהם ניט אינטערעסירט. אַן איינזאַמער האָט ער זיך יאָהרען לאַנג ארומגעוואַלגערט, געוואַנדערט פון איין שטאָדט אין דער אַנדערער. ער איז ניט געווען קיינעמס און קיינער איז ניט געווען זיינס. אויף זיין לאַנגען וואַנדער־וועג, פערברייננגענדיג יאָהרען לאַנג צווישען אונגליקליכע, עלענדע, היימאַטהס־לאָזע, צווישען טרעמפּס און אויך צווישען פערשיעדענע אויסוואורפען פון דער געזעלשאַפט, פלעגט ער אָפט בעגעגענען עלענדע הינד. אָבער די לאַגע פון די פיער־פי־סיגע בעשעפענישען איז געווען פיעל בעסער ווי זיינע. יענע האָבען כאָטש אַמאָל בעגעגענט א גוט־הערציגען מענשען, וועהרענד אויף איהם האָט זיך קיינער ניט אומגעקוקט. און יעצט — ווער קען זיך צו זיין גליק פערגלייכען? ער איז מעהר ניט עלענד. מען אינטע־רעסירט זיך מיט איהם — און ווער? די פּערזאָן, וועלכע איז איהם

געוואָרען אזוי טהייער, וועמעס געשטאַלט עס טרעט ניט אָפּ אויף קיין איין סעקונדע פון זיינע אויגען פון דער ערשטער מינוט וואָס ער האָט איהר דערזעהען! — זי אינטערעסירט זיך יעצט מיט איהם!.. אַלזאָ, זיין טרוים הויבט אָן פערווירקליכט צו ווערען!..

ער האָט דערהערט אין קאָרידאָר טריט. מיינענדיג אַז דאָס קומט דער דאָקטאָר, האָט ער שנעל אויסגעווישט די אויגען און זיך פערטיעפט אין א צייטונג, וואָס די נוירס האָט איהם געהאַט גע־בראַכט.

די טהיר האָט זיך געעפענט, אָבער אַנשטאַט דעם דאָקטאָר איז אַריינגעקומען דער קראַנקער'ס מוטער. זי האָט ניימאַן'ען פריינד־ליך בעגריסט און איהם געפרעגט ווי ער פיהלט זיך.

— איך בין אָלל־רייט — האָט אַרטהור געענטפערט א פרעה־ליכער — הלואי אייער טאָכטער זאָל זיך שוין אזוי פיהלען ווי איך!

די פרוי האָט איהם הערצליך בעדאַנקט פאַר זיין פריינדליכען וואונש.

ניימאַן'ס געזיכט האָט געשטראַהלט מיט צופריעדענהייט. ער האָט זיך איינגעקוקט אין דער פרוי'ס פּנים, וועלכעס איז אַזוי עהנ־ליך געוועזן צו דער טאָכטערס געזיכט, ווי צוויי טראָפּפען וואַסער. מיט ליעבליכע בליקען האָט ער אויף איהר געקוקט און אין זיין האַרצען האָט ער אויך געפיהלט ליעבע צו דיעזער פרוי. זי האָט אין זיינע אויגען געשיינט צו זיין אַן עדעלע, גוטהערציגע פרוי. „יא, זי מוז זיין אַזעלכע", האָט ער געטראַכט, „ווייל איהר טאָכ־טער איז אַזוי עהנליך צו איהר"... און אז די טאָכטער איז די גוטס־קייט און עדעלקייט אַליין, אַז זי איז א מלאך — אין דעם האָט ער ניט געצווייפעלט. ער האָט דאָס געפיהלט פון דעם ערשטען אויגענ־בליק וואָס ער האָט זי דערזעהן. דען ווען זי וואָלט דאָס ניט געוועזן, וואָלט זי דאָך אין איהם אַזא אינטערעס ניט ערוועקט, וואָלט ער דאָך צו איהר ניט געפיהלט דאָס, וואָס ער פיהלט. אויך אין טרוים האָט ער דאָך געזעהן איהר גוטע, עדעלע נשמה... מיסעס זינגער'ס וויזיט האָט דאַרום ניימאַן'ען גרויס פערגניגען פערשאַפט.

— דער דאָקטאָר האָט מיר געזאָגט, אז איהר פיהלט זיך עפּעס ניט גוט — האָט מאדאם זינגער ווייטער געזאָגט.

— עס איז מיר גאָר ניט — האָט ניימאַן זי בערוהיגט — איהר ווייסט דאָך, אַ דאָקטאָר קען אין יעדען מענשען אויסגעפינען, אַז ער איז ניט מיט אַלעמען...

— מיין טאָכטער האָט מיר געבעטען, איך זאָל אַריינגעהען צו אייך געוואָהר ווערען וואָס איהר מאַכט — האָט די פרוי ווייטער גערעדט — זי האַלט זיך אין איין נאָכפרעגען אויף אייך.

ניימאַן האָט דערפיהלט ווי אַ שטראָם טרעהרען נעהמען זיך האַסטיג שפּאַרען איהם אין האַלז אריין. מיט אַלע כוחות האָט ער זיך אָנגעשטרענגט צו בעהערשען זיך און געזאָגט עטוואָס פער־שעהמט:

— איך טהו אויך דאָס זעלבע. איך ווינש, אַז זי זאָל וואָס שנעלער געזונד ווערען.

דאָ האָט איהם דער קראַנקער׳ס מוטער גענומען דערצעהלען וואָס פאַר אַ טהייער קינד איהר טאָכטער איז, וואָס פאַר אַ גוטע נשמה זי בעזיצט. וועהרענד זי האָט גערעדט האָבען הייסע טרעה־רען געפלאָסען פון איהרע אויגען.

ניימאַן האָט געשלונגען איהר יעדעס וואָרט און אין דער זעל־בער צייט האָט ער אויך געשלונגען די טרעהרען, וועלכע האָבען ניט אויפגעהערט אַלץ צו שפּאַרען זיך אין זיין קעהל אריין... ווי אַ הערליכע מעלאָדיע האָבען דיעזע רייד אין זיינע אויערן אָפּגע־קלונגען. אַלעס איז פּונקט ווי ער האָט געדיינקט; אַלס אזעלכע האָט ער זיך אין זיינע געדאַנקען די קראַנקע מיידעל פאָרגעשטעלט; אַזוי האָט ער זי געזעהען נעכטען אין טרוים...

לאַנג וואָלט נאָך די פרוי דערצעהלט וועגען איהר טאָכטער׳ס מעלות, ווען עס וואָלט ניט געווען אריינגעקומען דער דאָקטאָר.

— איך קום דאָס דאָך נאָך מיסטער ניימאַן׳ען — האָט דער אריינגעקומענער געזאָגט, ווענדענדיג זיך צו מיסעס זינגער — איך וויל מיט איהם אריינגעהען צו פלאָראַ׳ן.

— פלאָראַ! — האָט ניימאַן אין הארצען אַרויסגערעדט דער

קראַנקער׳ס נאָמען — אַך, וואָס פאַר אַ שעהנער נאָמען דאָס איז! און ער פאַסט איהר טאַקע! פלאָרא — אַ בלום. זי איז טאַקע אַזוי צערטליך און עדעל ווי אַ בלום... פלאָרא! פלאָרא! האָט ער אַ פּאָר מאָל איבערגעחזר׳ט דיעזען נאָמען ביי זיך אין הארצען און אַ מחיה׳דיגער, זיסער געפיהל האָט זיך דערביי צוגאָסען איבער אַלע זיינע גליעדער.

ווען ניימאַן איז אַריינגעקומען צו דער קראַנקער איז דיעזער געפיהל פון איהם פערשוואונדען און אַ׳ן אויפרעגענדער ביי־ סענדער געפיהל האָט אַרומגענומען זיין גאַנצען וועזען. ער האָט דאָרט געטראָפען דעם יונגען מאַן, וועלכען ער האָט אינסטינקטיוו אַזוי פיינט געהאַט. ער איז געזעסען לעבען דער קראַנקער, געהאַל־ טען איהר האַנד אין זיינע און האָט מיט איהר עפּעס גערעדט. אין אַרטהור׳ען האָט די בלוט געגומען זידען און ער האָט געפיהלט, ווי אַ כאַפּ צו טהאָן דעם יונגען מאַן און איהם פון צימער אַרויס־ צוּוואַרפען.

די קראַנקע האָט ניימאַן׳ען בעגעגענט מיט אַ ליעבליכען שמיי־ כעל אויף איהר געזיכט, וואָס האָט שוין יעצט אויף זיך ניט געהאַט די טויט־בלייכע קאָליער פון נעכטען און, אויסשטרעקענדיג צו איהם איהר ביינערדיגע האַנד, האָט זי אין אַ שוואַכע שטימע איהם גע־ פרעגט:

— ווי פיהלט איהר זיך, מיסטער ניימאַן?

ניימאַן האָט יעצט פערגעסען אָן זיין שנאה צו דעם יונגען מאַן. ער איז יעצט געווען אַזוי גליקליך, דאָס ער וואָלט פון גרויס פרייד די גאַנצע וועלט אַרומגענומען און זי געקושט... אין זיינע אויערען האָבען געקלונגען, ווי אַ מלאכים־געזאַנג דער קראַנקער׳ס ווערטער — זי האָט איהם ביי זיין נאָמען אָנגערופען!..

ער איז שנעל צוגעלאָפען צו דער קראַנקער, מיט אַ הייליגען געפיהל אָנגעכאַפּט איהר האַנד און, דריקענדיג זי אין זיינע, אַזוי ווי ער וואָלט דערמיט וועלען אַרויסגעבען אַלע זיינע געפיהלען... האָט ער געענטפערט אין אַ זאַנפטען טאָן:

— איך פיהל זיך אויסגעצייכענט! איך בין פאָלקאָם געזונד.

זאָל גאָט געבען, אַז איהר זאָלט אין גיכען אַזוי זיך פיהלען ווי איך.

די לעצטע ווערטער האָבען געקלונגען אַזוי ווי אַ הארציגע תפילה...

— איך האָב ניט גענוג קיין ווערטער און איך בין יעצט צו שוואך, אום אייך אויסצודריקען מיין דאנקבארקייט, מיסטער ניי־מאַן — האָט די מיידעל ווידער אָנגעפאַנגען, ווערהרענד טרעהרען האָבען גענומען בלישצען אין איהרע שעהנע, מילדע, טרוימערישע אויגען — איך וויל אייך בלויז זאָגען, אַז אייביג, אייביג, אין מיין גאַנצען לעבען וועל איך אייך...

זי האָט ווייטער ניט געקענט ריידען. אַ שטראָם טרעהרען האָט זיך האַסטיג גענומען גיסען פון איהרע אויגען און זי האָט זיך האר־ציג צו־וויינט.

דער דאָקטאָר איז צוגעלאָפען צו איהר און איהר געמאַכט פאָרווירפע, ווארום זי רעגט זיך אויף.

— אויב דו וועסט מיך ניט פאָלגען, וועלען מיר מוזען ווערען אויס גוטע פריינד — האָט ער האַלב שפאַסיג, האַלב ערנסט גע־זאָגט — וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ וויינען ווידער?

די קראַנקע האָט זיך אָבער ניט געקענט בערוהיגען. די טרעה־רען האָבען ניט אויפגעהערט צו פליסען, זיי האָבען ווייטער האס־טיג געשטראָמט, אזוי ווי זיי וואָלטען פון אַ קוואַל געקומען...

דאָ איז די מוטער צו איהר צוגעגאַנגען און, קושענדיג זי, האָט זי מיט טרעהרען אין די אויגען געבעטען די טאָכטער זי זאָל זיך בערוהיגען:

— פלאָראַ, קינד מיינס, פאַר וואָס פאָלגסטו ניט דעם דאָק־טאָר? — האָט זי גערעדט מיט אַן אַנגסטפאָלע שטימע — דאָס וועט דאָך נאָך דיר חלילה פערשאַטען.

אָבער אויך די מוטער האָט די קראַנקע ניט געקענט איינשטי־לען. דאַן האָט דער יונגער מאַן, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזע־סען אַ קאַלטבלוטיגער אויף דער שטוהל לעבען דעם בעטעל, געזאָגט אין אַ געלאַסענעם, קאַלטען טאָן, אַזוי ווי ער וואָלט יעצט ריידען

וועגען א ביזנעס־אנגעלעגנהייט, אָננעהמענדיג איהר פאר די האַנד:

— פלאָרא, געגוג שוין. וואָרום הערסטו ניט וואָס מען זאָגט דיר?

די מיידעל האָט לייכט אָפּגעשטויסען פון זיך זיין האַנד און אויף איהם געוואָרפען א ניט־פריינדליכען בליק.

ניימאַן איז געווען זעהר פערביטערט פון דיעזער סצענע. אין איהם האָט אויף די האַרץ געוויינט און ער האָט זיך מיט אַלע זיינע קרעפטען בעהערשט, ניט אויסצוברעכען אין א געוויין. דאָס האָבען דאָך איהרע דאַנקבאַרקייטס־געפיהלען צו איהם אין איהר דיעזע טרעהרען אַרויסגערופען. אה, ווען זי זאָל וויסען ווי גרויס עס איז ז י י ן דאַנקבאַרקייט צו איהר! ווען זי זאָל וויסען אַלע זיינע געפיהלען!.. און אפשר ווייס זי טאַקע דאָס אַלעס? פיעלייכט האָט זי אויך געהאַט דעם זעלבען טרוים וואָס ער?.. און צוליעב דעם וויינט זי דאָס יעצט...

אָט דיעזע געדאַנקען זיינען יעצט שנעל, ווי בליצען, דורכגעלאָפען דורך ניימאַן'ס מוח. דערזעהענדיג ווי זי שטויסט אָפּ פון זיך דעם יונגען מאַן'ס האַנד און בעמערקענדיג איהר ניט־פריינדליכען בליק וואָס זי האָט אויף איהם געוואָרפען, איז א גליקליכער ציטער דורכגעלאָפען איבער אַלע זיינע גליעדער און א געפיהל פון נקמה האָט געגלעט, געלאַשצעט זיין האַרץ...

— ער איז איהר אויך ניט סימפּאַטיש, פּונקט ווי איהם — האָט ער געטראַכט — זי קען איהם ניט פערטראָגען. און דיעזער נקמה־געפיהל איז אַלץ שטאַרקער געוואָרען אין איהם. אָה, ווי הייס ער האָט געוואונשען, אז עס זאָל ווירקליך אַזוי זיין, אז זי, די קראַנקע, זאָל צו דעזען יונגען מאַן האָבען די זעלבע פיינדליכע געפיהלען וואָס ער!..

די קראַנקע האָט נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט צו וויינען. יעצט האָט ניימאַן צו איהר זיך נעהענטער צוגעבויגען און, קוקענדיג איהר גלייך אין די אויגען מיט בעטענדע בליקען, האָט ער געזאָגט אין דעם זעלבען זאַנפטען טאָן וואָס פריהער:

— מיסס זינגער, ווען איהר ווילט אויף זיך זעלבסט קיין מיט־

לייד ניט האָבען, האָט זשע איינזעהען אויף אונז אַלעמען. איהר פערשאַפּט דאָך אונז אַלעמען שמערצען. וואָרום בערוהיגט איהר זיך ניט, הא?

די ווערטער „אונז אַלעמען" האָט ער אזוי בעטאָנט, אַז מען האָט געקענט בעמערקען, אַז ער מיינט דערמיט מעהר זיך זעלבסט, ווי די איבעריגע אַנוועזענדע.

און מערקווירדיג! זיינע רייד האָבען געווירקט ווי אַ צויבער־מיטעל. די קראַנקע האָט זיך גלייך בערוהיגט און אויפגעהערט צו וויינען. זי האָט ניימאַנען אָנגעקוקט מיט איהרע געוועהנליכע ליעבליכע בליקען און אויף איהרע ליפּען האָט גענומען שוועבען אַ גליקליכער שמייכעל. דער דאָקטאָר און מיסעס זינגער האָבען זיך איבערגעוואָרפען מיט פערוואונדערטע, ערשטוינטע בליקען, ווע־רענד דער יונגער מאַן האָט אויף ניימאַן'ען פון דער זייט אַ בייזען קוק געגעבען. ניימאַן האָט איהם אָפּגעענטפערט מיט אַ פערעכטלי־כען, שטאָלצען בליק, אזוי ווי ער וואָלט איהם זאָגען: „איך שרעק זיך פאר דיר ניט!"...

אין צימער האָט אַ ווײַלע געהערשט אַ שטילקייט.

— אַז מען וויינט זיך אַביסעל אויס, ווערט לייכטער אויף דעם הארצען — האָט די קראַנקע איבערגעריסען די שטילקייט, ווענדענ־דיג זיך צום אַרצט — ניט וואָהר, דאָקטאָר?

— עס ווענדעט זיך וואו און ווען — האָט דער דאָקטאָר בלומרשט אין כעס געזאָגט — ביי דיר איז ניט די האַרץ שווער, דו האָסט דאָרום ניט וואָס צו וויינען, און דו טאָרסט ניט וויינען.

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגען. איהר געזיכט איז מיט אַ לייכטע ראָזעווע פאַרב בעצויגען געוואָרען און איהרע בליקען האָבען זיך ווידער אָפּגעשטעלט אויף ניימאַן'ען, וועמעס פּנים עס האָט יעצט געשטראַהלט פון אונבעשרייבליכען גליק. נאָכהער האָט זי זיך ווי־דער אָפּגערופען אין אַ טאָן, אַזוי ווי זי וואָלט ריידען מעהר צו זיך זעלבסט, ווי צו די אנוועזענדע:

— מען קען גאָר ניט וויסען אויב אימיצען'ס האַרץ איז בע־שווערט אָדער ניט. און, ווענדענדיג זיך צום דאָקטאָר, האָט זי גלייך

צוגעגעבען מיט אַ פּיעל־בעדייטענדען שמייכעל אויף איהר געזיכט, וואָס איז מיט יעדער מינוט אַלץ רויטער געוואָרען, אַזוי ווי עס וואָלט זיך אין דער קראַנקער פּלוצלונג די בלוט צואוואַרעמט — איך גלויב, אַז דאָס קען דער גרעסטער דאָקטאָר ניט וויסען. האָב איך רעכט, דאָקטאָר?

— איך וויל מיט דיר יעצט ניט דעבאַטירען — האָט דער אַרצט זיך אָפּגערופען מיט דער זעלבער געמאַכטער שטרענגקייט וואָס פריהער — אונזערע פילאָזאָפישע געשפּרעכען וועלען מיר אָפּ־לייגען אויף אַן אַנדערס מאָל, ווען איך וועל קומען צו דיר מיט אַ וויזיט ניט אַלס פּראָפעסיאָנעלער מענש, נאָר אַלס פריינד. דערווייל ביזטו מיין פּאַציענטין און דו מוזט מיר זיין געהאָרכזאַם. איך וויע־דערהאָל נאָך אַמאָל: געדענק, דו ביזט נאָך ניט אויסער געפאַהר! די מינדעסטע אויפרעגונג קען דיר פערשאַטען. דו זאָלסט עס דיר גוט נעהמען אין אַכט!

— הער זיך גוט איין, מיין קינד, וואָס דער דאָקטאָר זאָגט דיר — האָט די מוטער געזאָגט צו דער קראַנקער אין אַ ציטערענדע שטימע, אין וועלכע עס האָט געקלונגען אַ טיעפער געבעט — דאָס איז ניט קיין שפּיעלכעל, פלאָראַ!

— זי וועט זיך שוין מעהר ניט אויפרעגען, איהר וועט זעהן — האָט ניימאַן געזאָגט אין אַ דרייסטען טאָן.

די קראַנקע האָט איהם ווידער אָנגעקוקט מיט אַ ליעבליכען בליק און פון איהרע אויגען האָט מען געקענט אַרויסזעהן, אַז אויף זיין פערלאַנג פערשפּרעכט זי דאָס — א י ה ם פערשפּרעכט זי דאָס...

— און דו, העלד מיינער — האָט דער דאָקטאָר מיט אַ פּער־באָרגענעם שמייכעל געזאָגט צו ניימאַן׳ען — דו דאַרפסט זיך אויך ניט אויפרעגען. ווען דו וואָלסט דעם נעכטיגען טאָג געוועזען רוהיג פערבראַכט, וואָלסטו היינט דאָ זיך שוין ניט געפונען. איך דאַרף דיך דאָ ניט האָבען...

ניימאַן האָט פאַרשעהמט אַרונטערגעלאָזען די אויגען, וועה־רענד זיין געזיכט איז פּלוצלונג רויט געוואָרען ווי צונטער. דאָ האָ־

בען זיך ווידער בעגעגענט ניימאַן'ס בליקען מיט דער קראַנקער'ס. ער האָט פון איהרע אויגען יעצט ארויסגעלעזען, אזוי ווי זי וואָלט איהם אויפגעפאָדערט, ארויסצוגעבען זיך זעלבסט דעם זעלבען בע־פעהל וואָס ער האָט איהר ארויסגעגעבען — צו זיין רוהיג.

ער האָט דאָס איהר פערשפּראָכען מיט זיינע אויגען — הייליג האָט ער עס פערשפּראָכען.

דאָ האָט דער יונגער מאַן זיך געלאָסען אויפגעהויבען פון דער שטוהל, אָפּגערופען מיסעס זינגער אָן א זייט און צו איהר געזאָגט:

— איך האָב שוין קיין צייט ניט. איך האָב זעהר פיעל ביזנעס צו אַטענדען. איהר בלייבט נאָך דאָ?

— איך וועל דאָ זיין דעם גאַנצען טאָג — האָט די פרוי גע־ענטפערט.

— האָט איהר איהם געזאָגט, אַז איך גיב איהם אויף פינף און צוואַנציג דאָלאַר? — האָט ער ווייטער געזאָגט.

— ניין, איך האָב גאַר פאַרגעסען — האָט די פרוי ווי זיך פערענטפערט — איך וועל עס איהם באַלד זאָגען.

— נעווער מיינד, איך וועל איהם אליין זאָגען.

ער האָט ארויסגענומען פון בוזעם־טאַש א טשעק־ביכעל, אויס־געמאַכט א טשעק אויף דער אויבענדערמאָנטער סומע, איז צוגע־גאַנגען צו ניימאַן'ען און געזאָגט, דערלאַנגענדיג איהם דעם טשעק:

— דאָ האָט איהר א טשעק אויף פינף און צוואַנציג דאָלאַר. דאָס גיב איך אייך עקסטראַ.

די לעצטע ווערטער האָט ער ארויסגערעדט אין א שטאָלצען טאָן.

ניימאַן האָט אויף איהם א שטרענגען קוק געטהאָן און, ניט צו־נעהמענדיג דעם טשעק, האָט ער געזאָגט אין א טאָן פון זעלבסט־ווירדע:

— איך דאַנק אייך. איך האָב דאָך קיין עקסטראַ געלד ביי קיינעם ניט געבעטען.

דער דאָקטאָר, מאַדאַם זינגער, דער יונגערמאַן און די נוירס זיינען געבליבען שטעהן ערשטוינטע, ווערענד דער קראַנקער'ס גע־

זיכט האָט אויסגעדריקט צופריעדענהייט און איהרע אויגען האָבען ווי אַפּלאָדירט ניימאַן'ען פאַר זיין יעצטיגע האַנדלונג. ניימאַן האָט דיעזען אויסדרוק אין איהרע אויגען בעמערקט און ער איז געווען העכסט גליקליך וואָס ער האָט איהר צושטימונג.

— איהר דאַרפט זיך ניט בעליידיגען, מר. ניימאַן — האָט מיסעס זינגער זיך אָפּגערופען — דיעזער דזשענטעלמאַן, מיסטער פרענק, איז מיין טאָכטער'ס חתן, ער וויל איך איינפאַך בעדאַנקען...

ניימאַן האָט דערפיהלט אַ שמערצליכען שטאָך אין האַרצען, אזוי ווי אַ גיפטיגע שלאַנג וואָלט איהם אַ ביס געטהאָן. „אַלזאָ, דאָס איז טאַקע איהר חתן!" — האָט ער צו זיך געזאָגט — „איך האָב טאַקע קיין טעות ניט געהאַט!" ער איז געוואָרען זעהר אויפגערעגט, אָבער ער האָט זיך מיט אַלע זיינע קרעפטען בעהערשט צו זיין רוהיג און געזאָגט, ווענדענדיג זיך צו דער פרוי:

— אַ דאַנק דאַרף דוקא ניט אויסגעדריקט ווערען אין געלד...

— איך ווייס דאָך אָבער, אַז איהר נויטיגט זיך יעצט אין געלד — האָט דער קראַנקער'ס חתן געזאָגט אין אַ געלאַסענעם טאָן.

— ווער האָט עס אייך געזאָגט, אַז איך נויטיג זיך אין געלד?

— האָט ניימאַן געפרעגט אין אַ שטימע, אין וועלכער עס האָט זיך געהערט אַ טיעפע בעליידיגונג — איך בין ניט קיין שנאָרער...

ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגען, אָבער ער האָט ווייטער ניט געקענט ריידען. ער איז איבערגעוועלטיגט געוואָרען פון אַ טיעפען איננערליכען כעס און זיינע אויגען האָבען גענומען שליידערען שטעכיגע בליקען אויף דעם יונגען מאַן, וועלכען ער האָט שוין יעצט בעטראַכט אַלס אַן אָפענעם קאָנקורענט — אַ שונא...

אויף דעם דאָקטאָר האָט דיעזע סצענע געמאַכט ניט קיין אַנגענעהמען איינדרוק. פון זיינע געשפּרעכען מיט ניימאַן'ען האָט ער געזעהן, אַז ער האָט אין זיך שטאָלץ, מענשען-ווירדע, זעלבסט-רעספּעקט און ער האָט פערשטאַנען, אַז ער האָט זיך טיעף בעליידיגט. פון דער אַנדערער זייט האָט ער אָבער געדיינקט, אַז דער קראַנקער'ס חתן איז דאָ גאָר ניט אויסען געווען; ער האָט ניט

געמיינט ניימאַן׳ען צו בעליידיגען ; ער האָט בלויז געהאַנדעלט ניט טאַקטיש. ער האָט דאַרום געוואָלט די געשיכטע פאַרגלעטען און ער האָט זיך אָפּגערופען מיט א שמייכעל, ווענדענדיג זיך צו ניימאַן׳ען :

— איך פערזיכער דיר, אז מיסטער פרענק האָט דיך ניט געוואָלט בעליידיגען, פערקעהרט, ער האָט צו דיר די בעסטע געפיהלען.

ניימאַן איז געוואָרען נאָך מעהר אויפגערעגט, זעהענדיג דאָס אי דער דאָקטאָר, אי די פרוי זוכען צו פערטהיידיגען זיין געגנער. ער איז געוועזען ביי זיך זיכער, אז פרענק האָט איהם געגעבען די פינף און צוואנציג דאָלאַר, אום זיך דערמיט ארויסצושטעלען פאר זיין כלה, אום איהר צו צייגען וואָס פאר א גוטער מענש ער איז ; און דאָס האָט איהם טיעף געקרענקט.

ער האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען אויף דער קראַנקער, אזוי ווי ער וואָלט וועלען וויסען וואָס זי האָט וועגען דעם צו זאָגען און א גליקליכער געפיהל האָט זיך צוגאָסען איבער זיין האַרצען, א נייע נשמה איז אין איהם יעצט אריינגעקומען — זי האָט איהם ווידער אפּלאָדירט. ער האָט אין איהרע אויגען געלעזען די ווערטער : בראַוואָ ! איהר האָט ריכטיג געהאַנדעלט. בראַוואָ ! . . .

— איך בעטראַכט דאָס יאָ אַלס אַ בעליידיגונג ! — האָט ניימאַן שאַרף אַ זאָג געטהאָן, קוקענדיג אַלץ אויף דער קראַנקער, אזוי ווי ער וואָלט דאָס צו איהר דירעקט ריידען — האָב איך דען געבעטען מעהר געלד, וויפיעל עס איז געוועזען אדווערטייזט, דאָקטאָר ? — האָט ער זיך געווענדעט צום ארצט.

— ענטשולדיג מיר — האָט דער דאָקטאָר זיך אָפּגערופען — דו רעדסט קינדיש. מיסטער פרענק, ווי איך האָב דיר שוין געזאָגט, איז דאָ גאָר ניט אויסען געוועזען. ער האָט מיר פריהער געזאָגט, אז ער וועט דיר געבען פינף און צוואנציג דאָלאַר און איך האָב עס בעטראַכט אלס א גאנץ שעהנע טהאַט פון זיין זייט.

— און איך וועל קיין סענט ניט נעהמען — האָט ניימאַן

עקשנות׳דיג א זאָג געטהאָן, פיהלענדיג א כעס צום דאָקטאָר, פאַר וואָס ער זוכט זיין געגנער צו פערענטפערען...

— איך וועל אייך ניט צווינגען — האָט דער קראנקער׳ס חתן מיט א שמייכעל געזאָגט — אז איהר ווילט ניט, דארף מען ניט.

— געוויס וויל איך ניט קיין נדבות! — האָט ניימאַן איהם געזוכט צו שטעכען מיט די רייד.

דער דאָקטאָר, זעהענדיג דאָס ניימאַן רעגט זיך אויף, האָט ער איהם וועגען דעם בעמערקט און האָט פערצויגען אַן אנדער געשפרעך. פרענק איז נאָך אַ ווײלע געבליבען, דאַן האָט ער זיך געזעגנט מיט דער קראנקער, א קוש טהוענדיג איהר אין האנד און נאכהער געזאָגט צו ניימאַן׳ען:

— איך האָף, אז איהר זייט ניט בייז אויף מיר. איך זאָג אייך אויף מיין עהרען וואָרט, אז איך האָב חלילה ניט געמיינט אייך צו בעליידיגען. איך בין אייך פון טיעפען הארצען דאנקבאר וואָס איהר האָט געראַטעוועט דאָס לעבען פון מיין כלה.

ניימאַן האָט א ווײלע געשוויגען מיט פערביסענע ליפען. אויף זיין צונג זיינען געלעגען עטליכע שארפע ווערטער, אָבער ער האָט זיך מיט אלע קרעפטען בעהערשט זיי ניט ארויסצוריידען. ער האָט געוואונשען, אז ער זאָל שוין אוועקגעהן. ער האָט דארום מיט א געמאכטע רוהיגקייט געזאָגט:

— איך בין ניט אין כעס אויף אייך. אָבער עס וועט ניט אויסמאַכען, אז איהר זאָלט ווייטער וויסען, דאָס מיט א מענשען׳ס געפיהלען דארף מען זיך ניט שפּיעלען, אזוי ווי מיט א באַלל...

דער יונגער מאַן האָט אַ ציה געטהאָן מיט די פּלייצעס, אזוי ווי ער וואָלט ניט פערשטאנען ניימאַן׳ס ווערטער און איז ארויס פון צימער. אָבער באלד האָט ער זיך צוריק אומגעקעהרט און געבעטען דעם דאָקטאָר, ער זאָל מיט איהם ארויסגעהן אויף א ווײלע.

— דאָס איז עפּעס א שטיק משוגענער! — האָט פרענק געזאָגט צום דאָקטאָר, ווען זיי האָבען זיך געפונען אין קאָרידאָר.

— ער איז ניט קיין משוגענער — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט.

— איז ער גלאַט אַ „קרענק״, אַ שטאָלצער טרעמפּ — האָט דער יונגערמאַן זיך שפּאָטיש צולאַכט.

— גיט מיר דעם טשעק און איך וועל איהם דאָס שוין אוועקגעבען — האָט דער דאָקטאָר ווייטער געזאָגט — ער נויטיגט זיך זעהר אין געלד. פון מיר וועט ער איהם שוין נעהמען. איך האָב דאָך נאָך ביי זיך מיסטער זינגער׳ס טשעק.

פרענק האָט דעם דאָקטאָר דערלאַנגט דעם טשעק.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אין דער קראַנקער׳ס צימער אָפּגעשפּיעלט אַ דראַמאַטישע סצענע.

ניימאַן, אין וועמען עס האָט געזאָדען אַ שרעקליכער כעס, האָט זיך אָפּגערופען, ווען דער דאָקטאָר און פרענק זיינען געוועזן ארויס־געגאַנגען:

— ניט אַלעס קען מען קויפען מיט געלד. עס זיינען פאַראַן זאַכען, וועלכע מען קען מיט קיין מיליאָנען ניט אָפּקויפען...

ער האָט מיט דיזע ווערטער זיך געווענדעט צו מיסעס זינגער, אָבער געמיינט האָט ער די קראַנקע...

— איהר קענט ניט מיין טאָכטער׳ס חתן — האָט די פרוי געזאָגט אין אַ ליעבליכען טאָן — ער איז זעהר אַ גוטער מענש און ער...

— אַזוי, ער איז אַ גוטער מענש! — האָט ניימאַן זיך נאָך מעהר געקאָכט — מען זעהט עס טאַקע... און איך זאָג אייך, אַז ער איז גאָר קיין מענש ניט. פאַר וואָס האָט ער ניט אוועקגעגעבען ז י י ן בלוט פאַר זיין כלה, פאַר זיין געליעבטע, האַ? אַ גוטער, אַן עדעלער מענש וואָלט אַזוי ניט געטהאָן. ער איז אָבער אַן עגאָאיסט. ער האָט זיך זעלבסט ליעבער ווי אַלעמען. יעצט איז ער געגאַנגען ארויסווייזען זיין גוטסקייט דערמיט וואָס ער האָט מיר געוואָלט געבען פינף און צוואַנציג דאָלאַרעס!.. איך שפּיי אויף אַזאַ גוטסקייט!

דאָ האָט די קראַנקע אויסגעבראָכען אין אַ היסטערישען געוויין.

ניימאַן איז אַ פערציטערטער געוואָרען, זעהענדיג ווי די קראַנ־

קע האָט זיך צו־וויינט און ער האָט זיך שטאַרק געערגערט וואָרום ער האָט דיעזע ווערטער אַרויסגערעדט. איהר יעדער טרעהר האָט איהם געקאָסט געזונד. און דאָ איז איהם אַרויפגעקומען אַ געדאַנק אויפ׳ן זינען, פּיעלייכט האָט זי איהם שלעכט פערשטאַנען, אפּשר דיינקט זי גאָר, אַז ער האָט חרטה פאַר וואָס ער האָט איהר געגעבען בלוט. און ער האָט ווייטער גענומען ריידען אין אַ נערוועזען טאָן, ווערלענדיג געניער ערקלעהרען זיינע פריהעריגע רייד:

— איך בעדויער חלילה ניט וואָס איך האָב געגעבען מיין בלוט, פערקעהרט, איך בין גליקליך, זעהר גליקליך. און ניט נאָר איין קוואָרט, נאָר מיין גאַנצע בלוט וואָלט איך מיט פערגניגען אַוועקגעגעבען, אום אייך צו ראַטעווען. איך האָב בלויז געוואָלט זאָגען, אַז מיסטער פרענק...

— גענוג שוין, גענוג שוין! — האָט מיסעס זינגער איהם איבערגעשלאָגען די רייד, וועהרענד די נוירס האָט איינגעשטילט די קראַנקע — איך האָב ניט ליעב אַז מען רעדט דאָס, וואָס מען דאַרף ניט — האָט זי געענדיגט, אָפּקעהרענדיג זיך פון ניימאַן׳ען בייזליך און צוגעהענדיג צו דער קראַנקער, וועלכע האָט זיך נאָך אַלץ ניט געהאַט בערוהיגט.

דער דאָקטאָר איז צוריק אַריינגעקומען. ער האָט אַן ערשטוינטער געפרעגט וואָס עס האָט פּאַסירט. דער קראַנקער׳ס מוטער האָט איהם אַלעס איבערגעגעבען. ער האָט געוואָרפען אַ קרומען בליק אויף ניימאַן׳ען, וועלכער האָט זיך יעצט געטרייסעלט ווי אין אַ פיבער און איז צוגעגאַנגען צו דער קראַנקער און זי גענומען בערוהיגען.

עס האָט גענומען אַ היבשע ווייל ביז זי האָט זיך עטוואָס איינגעשטילט. דער דאָקטאָר האָט ווידער אַ קוק געטהאָן אויף ניימאַן׳ען און געדרעהט מיט׳ן קאָפּ, וואָס עס האָט געהייסען, אַז ער האָט פּאַראיבעל אויף איהם פאַר וואָס ער האָט די קראַנקע אויפגערעגט. ניימאַן איז יעצט געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגען, אַזוי ווי אַ אינגעל, וועמען מען האָט געכאַפּט ביי אַ פערברעכען... נאָכהער האָט דער דאָקטאָר געהייסען די נוירס, זי זאָל דער קראַנ־

קער איינגעבען א לעפעלע פון א געוויסע מעדיצין און ער איז ארויס, צוזאמען מיט ניימאן'ען.

— ניימאן, דו האסט געהאנדעלט זעהר ניט טאקטיש אי פריי־ער, ווען מר. פרענק האט דיר געגעבען דעם טשעק, אי יעצט, ווען דו האסט גערעדט וואס מען דארף ניט — האט דער דאקטאר גע־זאגט, ווען זיי האבען זיך געפונען אין ניימאן'ס צימער.

ארטהור האט זיך פערענטפערט, אז ווען ער וואלט וויסען, אז זיינע רייד וועלען די קראנקע ברייינגען צו טרעהרען, וואלט ער קייןווארט ניט גערעדט. דער ארצט האט זיך מיט איהם געזעגענט און איהם אנגעזאגט, אז ער זאל זיך מעהר ניט אויפרעגען, וועט ער אין א טאג, צוויי ארום ארויסגעהן פון האספיטאל.

ניימאן האט זיך יעצט קיין ארט ניט געקענט געפינען. ווי א ווילדער טיגער איז ער ארומגעלאפען איבער זיין צימער. זיין מח האט געעגבערט איין געדאנק: וואס דיינקט יעצט די קראנקע ווע־גען איהם? האט זי איהם פערשטאנען? אך, ווען זי זאל דאס קענען וויסען! א העלפט פון זיין לעבען וואלט ער אוועקגעגעבען, ער זאל דאס קענען דערגעהן. אבער ווי אזוי? זיינע פריהעריגע געפיהלען צו דער מיידעל האבען זיך יעצט אין איהם נאך שטאר־קער צופלאקערט. ער האט געפיהלט, אז זי איז יעצט זיין נשמה, אז אהן איהר וועט ער ניט קענען לעבען. דער געדאנק אז זי האט א חתן האט אין איהם דיזע געפיהלען נאך מעהר פערשטארקט. ווי קומט אזא פראסטער, גראבער מענש צו אזא עדעלע, צארטע זעע־לע? — האט ער געטראכט — און ער האט גאר ניט געוואלט גלויי־בען, אז די מיידעל זאל יענעם ליעב האבען. מען האט איהר צו דעם שידוך געמוזט צווינגען — האט די פאנטאזיע אין איהם ווייי־טער געארבייט — אנדערש קען דאס ניט זיין. און וואס מעהר ער האט געטראכט וועגען דעם, אלץ מעהר איז ער זיכער געווען ביי זיך, אז אזוי איז עס אין דער ווירקליכקייט. און יעצט האט ער שוין פערשטאנען ווארום זי האט געוויינט: ער האט ארויסגע־זאגט דאס, וואס זי האט געדיינקט און געפיהלט... און ער דער־מאנט זיך ווי זי האט איהם ליעבליך אנגעקוקט, ווען ער האט צו־

ריקגעוויזען דעם טשעק. ער האָט דאָך דייטליך געזעהן, אז זי אפּלאָדירט איהם פאר זיין האנדלונג...

ביי דיזע געדאנקען איז ער אריינגעפאלען אין א גוטען מוטה, אָבער באלד האָט זיך די שטימונג אין איהם געביטען און ער איז ווידער געוואָרען אומעטיג, אויפגערעגט. פאר זיינע אויגען האָט זיך פּלוצלונג מיט שארפע פארבען אָפּגעשפּיעגעלט זיין שרעקליכע לאגע, זיין שוידערליכער עלענד... ווי וואגט ער גאָר צו טראכטען וועגען דער מיידעל? — האָט אן איננערליכע שטימע גענומען ריי־דען צו איהם — ווי קומט ער, אן עלענדער, היימאטהס־לאָזער צו דיינקען וועגען איהר?... אָבער זיין פלאמענדע ליעבע צו פלאָרא׳ן האָט פארטויבט אין איהם דיזע שטימע. ער האָט א רעכט צו דיינקען וועגען איהר, ווייל ער ליעבט זי, ווייל אין איהרע אָדערען פליסט יעצט זיין בלוט...

— האָט מען דיר דען ניט בעצאָהלט דערפאר פופציג דאָלאר?

— האָט די זעלבע געהיימע שטימע ווידער גענומען ריידען צו איהם — ווען דו וואָלסט זיך ניט געווען אָפּגערופען, וואָלט זיך אן אנדערער געפונען. עס זיינען דאָך געקומען אזוי פיעל...

ניימאן איז יעצט נאָך ווילדער געוואָרען. זיין געזיכט איז גע־ווען בלייך און שטארק אויסגעקרימט, אזוי ווי ער וואָלט געביסען געוואָרען פון א ווילדע שלאנג. א היבשע ווייל איז ער געשטא־נען בעוועגלאָז און די פריהעריגע שטימע אין איהם איז נאָך אלץ ניט אנשוויגען געוואָרען. זי האָט ווידערהאָלט די זעלבע ווערטער, אזוי ווי זי וואָלט זיך גערייצט מיט איהם...

מיטאָג־צייט האָט די נוירס איהם אריינגעבראכט עסען. ניי־מאן האָט זיך אָבער ניט צוגעריהרט צו די מאכלים. די פערשיע־דענע אומעטיגע געדאנקען האָבען איהם אזוי געמאטערט, אז ער האָט אָפּט פארגעסען וואו ער געפינט זיך.

ווען די נוירס איז שפּעטער אריינגעקומען נאָך די געשיער און זעהענדיג אז דאָס עסען וואָס זי האָט געבראכט שטעהט אונבע־ריהרט, האָט זי ביי איהם געפרעגט, ווארום ער האָט ניט גענעסען.

— איך האָב קיין אַפּעטיט ניט — האָט ער פאַרשעהמט געי זאָגט א תירוץ.

די נוירס האָט איהם געמאָסטען די טעמפּעראַטור און, געפי־ ענדיג, אז ער האָט פיבער, האָט זי איהם געהייסען, ער זאָל זיך אוועקלייגען און האָט וועגען דעם גלייך טעלעפאָנירט צום דאָקטאָר.

ניימאַן, בלייבענדיג אליין אין צימער, האָט ווידער גענומען טראַכטען וועגען דער קראַנקער. די געהיימע שטימע האָט איהם ווידער גענומען מאַטערען, רייסען זיין נשמה.

— דו בויסט לופט־שלעסער — האָט זי פון דעם אָרימען יונגען מאַן חוזק געמאַכט — העך בעסער אויף וועגען איהר צו טראַכטען, דען דיינע פאַנטאַזיעס וועלען זיך קיינמאָל ניט פאַרווירקליכען...

ער האָט זיך געסטאַרעט צו דיינקען וועגען עפּעס אנדערש. ער האָט געהאָפט, אז דורך דעם וועט ער דיעזע געהיימע שטימע פער־ טרייבען פון זיך. אומזיסט איז אָבער געווען זיין אנשטרענגונג. ער האָט וועגען קיין אנדער זאַך אויסער וועגען דער קראַנקער ניט געקענט דיינקען, און דיעזער געהיימער קול האָט איהם אלץ ניט אויפגעהערט צו מאַטערען.

ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפ'ן בעטעל, האָפענדיג, אז ווען ער וועט איינשלאָפען, וועלען פיעלייכט דיעזע טרויעריגע געדאַנ־ קען אָפּטרעטען פון איהם, און אפשר וועט זיך איהם ווידער חלום'ען עטוואָס פרעהליכעס... ער האָט אָבער ניט געקענט שלאָפען.

אבענדס איז דער דאָקטאָר צו איהם ווידער אריינגעקומען. ער האָט איהם אונטערזוכט און געזאָגט אין אַן ערנסטען טאָן:

— ניימאַן, דו ביזט פאַר מיר א רעטעניש. איך פערשטעה דיך ניט. דו געפינסט זיך די גאַנצע צייט וואָס דו ביזט דאָ אין א זעהר אויפגערעגטען צושטאַנד. וואָס איז מיט דיר? ווארום האָסטו היינט קיין מיטאָג ניט געגעסען?

ניימאַן האָט זיך געפּרובירט אַרויסצודרעהען דורך פערשיע־ דענע תירוצים. דער דאָקטאָר איז אָבער דערמיט ניט צופריעדען געווען און ער האָט ווייטער געזאָגט:

— ניימאַן, איך זעה, אז עס קומט עפּעס פאָר אין דיין נשמה.

ווען דו וואָלסט געליטען קערפּערליך, וואָלט איך דאָס אויסגעפונען. אַלס דאָקטאָר זעה איך, אַז דו ביזט פיזיש געזונד. די היץ וואָס דו האָסט קומט דערפון, וואָס דיין מח איז אויפגערעגט. דו ליידעסט אַלזאָ גייסטיג. פון אַ נשמה־שטורם ליידעסטו, זאָ צו זאָגען. איך פערלאַנג אַלזאָ פון דיר, אַלס דיין פריינד — און איך בין דאָס דיר פון גאַנצען הארצען — אַז דו זאָלסט פאַר מיר אַלעס ענטפּלעקען. פיעלייכט וועל איך דיר קענען עפּעס העלפען.

ניימאַן האָט זיך מיט אַלע כחות איינגעהאַלטען, ער זאָל זיך ניט פאַרנאַנדערוויינען. דעם דאָקטאָר'ס אויפריכטיגע רייד האָבען אריינגעדרונגען טיעף, טיעף אין זיין הארצען, אין זיין נשמה, און האָבען איהם געריהרט ביז טרעהרען. מיט זיינע לעצטע קרעפטען האָט ער זיך בעהערשט און מיט אַ געמאַכטען שמייכעל געזאָגט:

— איך האָב אייך גאָר ניט וואָס צו דערצעהלען, דאָקטאָר, איך האָב קיינע סודות ניט. איך האָב אָבער צו אייך אַ ביטע — האָט ער צוגעגעבען, קוקענדיג אויף דעם ארצט מיט בעטענדע בליקען.

— וואָס פערלאַנגסטו?

— איך וויל ארויסגעהן פון דאַנען, טאַקע היינט נאָך.

— דאָס איז אונמעגליך — האָט דער דאָקטאָר מיט אַן ערנסטע, עטוואָס שטריינגע מינע געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ — אין דיעזען צושטאַנד, אין וועלכען דו געפינסט זיך יעצט, טאָר איך דיך ניט ארויסלאָזען. איך האָב דיר נעכטען נאָך געזאָגט, אַז ווען דו וואָלסט זיך ניט געוועזן אויפרעגען, וואָלסטו נאָך נעכטען געוועזן אהיים געגאַנגען.

— אַז איך פיהל זיך אָבער פאָלקאָם געזונד! — האָט ניימאַן געזאָגט שמייכלענדיג.

— .יז ביזט עס אָבער ניט — האָט דער דאָקטאָר איהם ערקלעהרט. איבריגענס — האָט ער צוגעגעבען — וואָס איילסטו זיך אַזוי פון דאַנען אַוועקצוגעהן. דיר איז דען דאָ שלעכט? וואָס איז, אַזאַ גוטע היים וואַרט דאָס אויף דיר?

דיעזע רייד האָבען אויפגעטרייסעלט אין ניימאַן'ען זיין נשמה.

ער האָט זעלבסט זיך פריהער ניט איינמאָל דיעזע פראגע געשטעלט: וואו וועט ער געהן? וויעדער ארומוואנדערען א הונגעריגער איבער די גאסען פון ניו יאָרק? וויעדער נעכטיגען אין די פּארקס? די פופציג דאָלאר האָט ער בעשלאָסען ניט צו נעהמען, וועו ער זאָל אפילו דארפען אויסצוגעהן פון הונגער. ער זאָל נעהמען בעצאָהלט דערפאר וואָס ער האָט געראטעוועט דאָס לעבען פון דער מיידעל, וועלכע ער ליעבט יעצט אזוי הייס, וועלכע איז יעצט זיין נשמה?

— ניין! דאָס וועט ער ניט טהאָן. לענגער דאָ זיין, האָט ער אָבער געפיהלט, איז איהם אונמעגליך. ער וועט דאָס ניט אריבערטראָגען. ער וועט זיך וויעדער בעגעגענען מיט דער קראנקער'ס חתן. ער וועט זיך וויעדער אויפרעגען און דאָס וועט איהם געוויס שעדיגען זיין געזונד; און ער וויל יעצט געזונד זיין; ער מוז געזונד זיין. זיין גליקליכער טרוים מוז פארווירקליכט ווערען... ער וועט ארויסגעהן פון האָספּיטאל, ער וועט וועלטען איינלייגען אום צו בעקומען ארבייט; ער וועט זיך ארויפארבייטען און דאן...

פון זיין טראכטען האָט איהם איבערגעריסען דער דאָקטאָר, וועלכער האָט זיך וויעדער אָפּגערופען:

— איך האָב היינט נאָך אַמאָל גערעדט מיט מר. זינגער'ן דורך'ן טעלעפאָן וועגען דיר. ער האָט מיר פערשפּראָכען דיר צו געבען בעשעפטיגונג. אלזאָ, דו זיי נאָר רוהיג און אלעס וועט זיין אָלל־רייט.

ניימאַן האָט דעם דאָקטאָר הערצליך בעדאנקט אָבער אין האַרצען האָט ער בעשלאָסען זיין פּלאן אויסצופיהרען — אוועקצוגעהן פון האָספּיטאל. אָה, ווי ער וואָלט געגאַרט אָנצונעהמען ביי דער קראנקער'ס פאָטער א בעשעפטיגונג! ער וואָלט געהאט די מעגליכקייט איהר אָפט צו זעהען. ער האָט אָבער פעסט בעשלאָסען ביי פלאָרא'ס פאָטער ניט צו ארבייטען — ער וויל ניט קיין שום טובות דערפאר וואָס ער האָט אוועקגעגעבען א קוואָרט פון זיין בלוט. קיין שום בעלאָהנונג וויל ער ניט. מיט זיינע אייגענע קרעפטען וועט ער זיך ארויפארבייטען. פריהער האָט ער ניט געהאט קיין ציעל אין לעבען, ער האָט ניט געהאט צו וואָס צו שטרעבען. ער

האָט געאַרבייט, ווייל עס האָט איהם געהונגערט, האָט ער געהאַט אַביסעל געלד, פלעגט ער גאָר ניט אַרבייטען. יעצט אָבער איז עפּעס אַנדערש. ער וועט יעצט וועלטען איבערקעהרען, וועט ניט רוהען ביז ער וועט זיך צו עטוואָס דערשלאָגען. און דאַן וועט ער קומען צו איהר און זיין הארץ פאר איהר אויפדעקען און — זיין טרוים וועט פארווירקליכט ווערען...

— זי וועט שוין דאַן פיעלייכט זיין אַ מוטער פון אַ פּאָאָר קינדער — האָט ער פלוצלונג ווידער דערהערט די בעקאַנטע געהיימע שטימע, וועלכע האָט איהם געשטאָכען די אויערען און דאָס הארץ ווי מיט פייערדיגע שפּיעזען — זי האָט דאָך אַ חתן...

ניימאַן האָט אַ שטאַרקען ציטער געטהאָן און זיין געזיכט האָט זיך אַזוי אויסגעקרימט, אַזוי ווי שלאַנגען און עקדעשען וואָלטען זיך אין זיין הארצען בעזעצט...

— וואָס ציטערסטו עפּעס? — האָט דער דאָקטאָר אַן ערשטוינטער איהם געפרעגט.

— איך ווייס ניט, עס איז מיר עפּעס פלוצלונג קאַלט געוואָרען — האָט ניימאַן אַרויסגעשטאַמעלט.

דער אַרצט האָט אָנגענומען זיין פּולס, אַ דריק געטהאָן דאָס עלעקטרישע קנעפּעל וואָס איז געווען אין דער וואַנט לעבען בעטעל. באַלד איז אַריינגעקומען אַ נוירס. דער דאָקטאָר האָט איהר געהייסען אַריינברייגגען אַ געוויסע מעדיצין, וועלכע ניימאַן האָט איינגענומען. ביים אַוועקגעהן האָט דער דאָקטאָר איהם ווידער אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל זיין רוהיג. ניימאַן האָט איהם געוואָלט פרעגען וואָס די קראַנקע מאַכט. ער האָט זיך אָבער צוריקגעהאַלטען, מורא האָבענדיג, אַז דער דאָקטאָר וועט איהם שוין יעצט געוויס פערדעכטיגען...

אַרום צעהן אוהר אַבענדס האָט ניימאַן אַריינגערופען די נוירס און איהר געבעטען, זי זאָל איהם געבען זיינע קליידער. די נוירס האָט איהם אָנגעקוקט אַ פערוואונדערטע און געפרעגט נאָך וואָס ער דאַרף יעצט די קליידער. אָבער ניימאַן האָט שוין געהאַט אָנגעגרייט אַ תירוץ:

— אין דעם פאקעט פון מיין ראָק האָב איך מיין נאָטיץ־בי־כעל, וואו עס זיינען פערצייכענט עטליכע אדרעסען — האָט ער איהר ערקלעהרט — איך קען זיך יעצט נאָך ניט געהן לעגען, ווייל איך בין געשלאָפען א גאנצען טאָג, וועל איך שרייבען אייניגע בריעף.

די נוירס האָט איהם ערקלעהרט, אז לויט די געזעצע פון דעם האָספּיטאל דארפען שוין אין דיעזער שטונדע אלע פּאציענטען רוהען און זי קען דארום זיין פערלאנג ליידער ניט ערפילען. אָבער ניימאן איז צו איהר צוגעשטאנען און וויעדער געבעטען, זי זאָל איהם געבען די קליידער.

— איך בין דאָך ניט קיין געפעהרליכער חולה — האָט ער איהר ערקלעהרט — אויב איהר ווילט, פרעגט אָן ביי דעם דאָקטאָר דורך'ן טעלעפאָן, וועט איהר זעהען, ער וועט אייך דאָס ערלויבען.

דיעזער ארגומענט האָט געווירקט. די נוירס האָט איהם גע־בראכט די קליידער.

* * *

נאָך האלבע נאכט.

אין דעם האָספּיטאל הערשט א טויטע שטילקייט. ניימאן, אָנגעטהאָן אין זיינע קליידער, וועלכע די נוירס האָט איהם פריהער אריינגעבראכט, שטעהט ביי דער טיהר, האלטענדיג זיינע שיך אין די הענד. ער שטעהט איינגעקאָרטשעט און זיין גאנצער קערפּער טרייסעלט זיך פיבערהאפט. פון א דערבייאיגע קירכע שלאָגט דער זייגער די צווייטע שטונדע.

שטיל, מיט לייכטע הענד, ווי א נאכט־גנב, עפענט ער אויף עטוואָס די טיהר און מיט אָן איינגעהאלטענעם אָטהעם לייגט ער צו דאָס אויער צו דער שפּארע, צוהערענדיג זיך צי עס געהט ניט אימיצער אין קאָרידאָר. עס איז שטיל. עס הערט זיך בלויז דער רעגעלער טיקטאק פון דעם זייגער וואָס הענגט דאָרט. ער עפענט אביסעל מעהר די טיהר און שטעקט ארויס דעם קאָפּ. ער שטעהט אזוי א ווייל, קוקענדיג מיט נערוועזע בליקען פון ביידע זייטען. ענדליך גיט ער זיך א רוק ארויס און, ארונטערלאָזענדיג זיך אויף

אַלע פיער, נעהמט ער, ווי א קאַץ, לאַנגזאַם קריכען האַרט ביי דער וואַנד מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטהעם, צודריקענדיג פעסט די שיך צו זיין ברוסט, אום זיי זאָלען זיך ניט בעוועגען און ניט אַרויס־ברייננגען קיין שאָרך. צוקומענדיג צו דער טיהר פון צימער, וואו פלאָרא איז געלעגען, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט צוגע־לעגט דאָס אויער צו דער טיהר, אַזוי ווי ער וואָלט וועלען הערען וואָס אינעווייניג טהוט זיך יעצט. א ליעבליכער שמייכעל האָט זיך בעוויעזען אויף זיין בלייכע, נערוועזע געזיכט. עס האָט זיך איהם געדוכט, אַז ער הערט ווי די קראַנקע אָטהעמט. ניין, עס דוכט זיך איהם ניט. ער הערט טאַקע דייטליך... דאַן האָט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ און איז געבליבען שטעהן א ווײילע אויף די קניע בעוועג־לאָז. נאָכהער האָט ער איינגעגראָבען זיינע בליקען אין דער ווייַ־סער גלאַנציגער טיהר, אַזוי ווי ער וואָלט וועלען דורך איהר דורכ־דרינגען מיט זיינע אויגען, ווי רענטגען׳ס־שטראַהלען, און זעהן דער קראַנקער׳ס געזיכט. און ווידער האָט זיך אויף זיין געזיכט א שמייכעל בעוויעזען, נאָך א ליעבליכערער, א גליקליכערער ווי פריהער — ער האָט איהר געזיכט געזעהן... איהר מאַיעסטעטיש הערליכער קאָפּ רוהט גראַציעז אויף דעם שנעע־ווייסען קישען. איהר זאַנפטע, חן׳עוודיגע געזיכט שטראַהלט מיט צופריעדענהייט. זי איז שוין יעצט ניט אַזוי בלייך, ווי דעם ערשטען טאָג, ווען ער האָט זי צום ערשטען מאָל געזעהן. ז י י ן בלוט האָט איהר דאָס די געזונטע פאַרב געגעבען. טרוימט זי פיללייכט ווידער א גליק־ליכען טרוים?... א מחיה׳דיגער, זיסער, גליקליכער געפיהל צו־גיסט זיך איבער אַלע זיינע גליעדער און אין זיינע אויגען נעהמען בלישצען טרעהרען — פריידענס־טרעהרען.

עטליכע סעקונדען איז ער אַזוי געשטאַנען, ניט אַרונטערנעה־מענדיג זיינע אויגען פון דער טיהר. ענדליך האָט ער שטיל, אָהן דעם מינדעסטען שאָרך, צוגעטראָגען זיינע ליפּען צו דער טיהר און אויף איהר אָפּגעפרעסט עטליכע הייסע קוש — דאָס האָט ער זי, די קראַנקע, געקושט... און זאָגענדיג איהר אין א האַרצען „א גוטע נאַכט“, האָט ער ווייטער גענומען פּויזען אויף אַלע פיער, אומקעהר־

רענדיג אללע ווײלע דעם קאָפּ צו דער קראנקער׳ס צימער.

ווען ניימאן איז צוגעקומען צו די שטיגען, איז בײ איהם די הארץ אײנגעפאלען פון שרעק. ער האָט דערזעהן אונטען בײ דער טיהר זיצען דעם נאכט־וועכטער, דער זעלבער, וועלכער האָט איהם עהער־נעכטען בעגעגענט, ווען ער איז דאָ אהער געקומען. דער בע־דיענער האָט געלעזען א צייטונג.

אין ניימאן׳ס אָדערן האָט די בלוט גענומען גליווערען. ער האָט דערפיהלט איבערן גאנצען לײב אַ בייסעניש און א שטעכונג, אזוי ווי שלאנגען וואָלטען אונטער זײן הויט ארומגעקראָכען...

— וואָס־זשע טהוט מען? — האָט ניימאן זיך זעלבסט גע־פרעגט, וועהרענד די הארץ האָט אין איהם שטארק געקלעמט פון וועהטאָג.

נאָך א היבשע ווײלע פון טראָכטען, האָט ער בעשלאָסען, צו־ריקצוגעהן אין זיין צימער אריין. ער וועט צורייסען דאָס אונטער־לײלעך און עס צוזאמענבינדען ווי א שטריק און דורך דעם פענס־טער זיך ארונטערצולאָזען אויפ׳ן גאס. ער מוז הײנט פון דאנען ארויסגעהן..

פלוצלונג האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פון דעם עלעקטרי־שען גלעקעל אונטען אין קאָרדיאָר. א טויט שרעק האָט ניימאן׳ען ארומגענומען. מען האָט זיך אודאי געכאפּט, אז ער איז ניטאָ און דאָס איז אַ סיגנאל, מען זאָל איהם זוכען — איז א געדאנק איהם דורכגעלאָפען דורכ׳ן מוח. אָבער ער האָט בעשלאָסען זיך פון אָרט ניט צו ריהרען.

דער נאכט־וועכטער איז לאנגזאם אויפגעשטאנען פון זיין פּלאַץ, אוועקגעלעגט די צייטונג, איז צוגעגאנגען צום עלעוויי־טאָר און איז ארויפגעפאָהרען אויף די אויבערשטע שטאָקען. נײ־מאן׳ס נעזיכט האָט גענומען שטראהלען פון גליק. דער שיקזאל האָט איהם דאָס דיעזע גוטע געלעגענהייט געגעבען, האָט ער בײ זיך געטראכט. מיט אָנגעשטרענגטקייט האָט ער זיך צוגעהאָרכט צו דעם גאנג פון עלעוויײטאָר. אָט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ער הערט די טריט פון דעם נאכט־וועכטער איבער דעם שטײנערנעם

פלאָר. שנעל, מיט נערוועזע בעוועגונגען, האָט ער אָנגעטאָן די שיך און — מיט איין שפרונג, אָנהאַלטענדיג זיך אָן דעם פּאַרעניץ פון די שטיגען, האָט ער זיך אונטערגעגליטשט און איז פלינק, ווי א פייל פון בויגען, ארויסגעלאָפען פון האָספּיטאל און פערשוואונדען אין דער טונקעלהייט פון דער נאכט.

## פינפטער קאַפּיטעל.

אין דער פריה האָט אין האָספּיטאל געהערשט א סומאַטאָכע. די נוירסעס זיינען ארומגעלאָפען ווי פערסם'טע, מיט דערשראָקענע געזיכטער און איינע האָט די אנדערע געפרעגט:

— וואו איז ער? וואו האָט ער געקענט אהינקומען?

אונרוהיגער פון אלע איז געבעך געווען די נוירס, וועלכע האָט ניימאַן'ען בעדיענט. זי האָט שוין יעצט פערשטאנען נאָך וואָס ער האָט פערלאנגט זיינע קליידער, אָבער זי האָט זיך געמאכט ניט וויסענדיג, מורא האָבענדיג, אז זי זאָל איהר שטעלע ניט פערליר־רען.

מען האָט דעם גאנצען האָספּיטאל דורכגעזוכט — מען האָט פון דעם פערשוואונדענעם קיין שפור ניט געקענט דערגעהן.

ווען דער סופּעראינטענדענט פון האָספּיטאל איז געקומען, האָט ער גענומען אלע נאַכט־נוירסעס און דעם וועכטער אויף א שטרענ־גען קרייץ־פערהער. אָבער קיינער פון זיי האָט וועגען ניימאַן'ען קיין שום שפור ניט געקענט געבען. דער סופּעראינטענדענט האָט דאַן טעלעפאָנירט נאָך דעם דאָקטאָר, וועלכער איז באלד געקומען צופליהען מיט זיין אָטאָמאָביל. עס האָט זיך ווידער אָנגעפאנגען א קרייץ־פערהער. הויפּטזעכליך האָט ער אויסגעפרעגט די נוירס, אונטער וועמעס אויפזיכט ניימאַן איז געווען.

— ווען האָט איהר איהם צום לעצטען מאָל געזעהן? — האָט ער זי געפרעגט אין א שטרענגען טאָן.

— נעכטען, ווען איך האָב איהם דערלאנגט סאַפּער, נאָך אייער אוועקגעהן — האָט די נוירס געענטפערט מיט א קלאַפּענדע הארץ.

— האָט ער געגעסען?

— ניין. ער האָט קיין זאַך ניט פערזוכט, פּונקט ווי דעם דינער.

די נוירס איז איינגעפאלען אזוי צו ענטפערען, אום דערמיט אָפּצוציהען פון זיך די פעראנטוואָרטליכקייט.

— האָט איהר איהם געפרעגט וואָרום ער עסט ניט? — האָט דער דאָקטאָר איהר ווידער געשטעלט א פראגע.

— יא — האָט די מיידעל געענטפערט, אָנשטרענגענדיג זיך צו האלטען מוטהיג — ער האָט זיך בעקלאָגט, אז ער האָט קיין אַפּעטיט ניט און ערקלעהרט, אז ער געהט שוין שלאָפען.

— און מעהר האָט איהר איהם ניט געזעהען?

— ניין.

דער דאָקטאָר און דער סופּעראינטענדענט זיינען אריין אין דעם צימער, אין וועלכען ניימאן האָט זיך געפונען. זיי האָבען געזוכט, געשנושטרעוועט, האָפענדיג צו געפינען פון איהם עטליכע געשריעבענע ווערטער, וועלכע זאָלען ערקלעהרען ווארום ער איז אויף דיעזען זאָנדערבארען ארט פערשוואונדען, אָבער זייער מיה איז געוועזן אומזיסט. דער דאָקטאָר האָט דאן ווידער גענומען ניימאן'ס נוירס אויפ'ן פערהער:

— פון וואנען האָט ער גענומען זיינע קליידער? — האָט ער שוין מיט כעס גערעדט — עס האָט דאָך אימיצער זיי איהם געמוזט דערלאנגען.

די נוירס האָט געענטפערט, אז זי ווייס פון קיין זאַך ניט און אז דאָס וואונדערט איהר אויך זעהר שטאַרק.

דער אַרצט האָט זיך דאן גענומען צום נאַכט-ווערטער. מיט געוואַלד האָט ער איהם געוואָלט איינריידען, אז ער האָט ניימאן'ען ארויסגעלאָזען. אָבער דער בעדיענער האָט מיט טרעהרען אין די אויגען געשוואָרען, אז ער האָט ניימאן'ען אין זיינע אויגען ניט אָנגעזעהן זינט פאָרגעסטערן אין דער פריה, ווען ער איז אָנגעקומען אין האָספּיטאל אריין.

— ביזטו די גאנצע צייט געזעסען אויף דיין פּלאַטץ? — האָט דער סופּעראינטענדענט גענומען אויספרעגען דעם ווערטער —

ער איז דאָך דורך קיין אנדער אָרט ווי דורך דער טיהר ניט ארויס. ער איז דאָך ניט ארונטערגעשפּרונגען דורך'ן פענסטער, ער וואָלט דאָך דער'הרג'עט געוואָרען.

דער בעדיענער האָט געזאָגט דעם אמת; ער איז די גאנצע צייט געזעסען אויף זיין פּלאַץ, סיידען ווען מען פלעגט איהם רופען צו אטענדען געוויסע זאכען.

דער סופּעראינטענדענט האָט ענדליך בעשלאָסען, מיט דער צושטימונג פון דעם דאָקטאָר, וועגען דעם צו לאָזען וויסען דער פּאָליציי. ער האָט גלייך טעלעפאָנירט אין די העדקוואָדערס פון דער פּאָליציי, און אין א פערטעל שטונדע ארום זיינען געקומען דריי דעטעקטיווס.

און א נייע אויספאָרשונג האָט זיך ווידער אָנגעפאנגען. די דעטעקטיווס האָבען געאקערט און געזוכט, אָבער זיי האָבען אויך גאָר ניט געקענט אויסגעפינען. ניימאן איז פערשוואונדען, ווי אין וואסער אריין.

דער דאָקטאָר איז געווען זעהר צוטראָגען פון דער געשיכטע. ער האָט שוין פערשטאנען, אז ניימאן'ס האנדלונג איז פערבונדען מיט א זעהר וויכטיגע אורזאכע. עס איז איהם יעצט אויך קלאָהר געוואָרען דאָס מאָדנע האלטען זיך פון דעם יונגען מאן, זיין אויפרעגונג. אָבער וואָס דיעזע אורזאכע איז — דאָס האָט ער ניט געקענט בעגרייפען. איבערהויפּט האָט ער ניט געקענט פערשטעהן, ווארום ער האָט ניט צוגענומען דעם טשעק אויף די 50 דאָלאַר, וואָס איהם איז געקומען פאר די בלוט, וואָס ער האָט פערקויפט. ער איז אנטלאָפען, ניט האָבענדיג ביי זיך קיין סענט — האָט ער געטראכט — ער האָט פערקויפט זיין בלוט, אום זיך ארויסצוראטעווען פון זיין שרעקליכער לאגע און צום סוף האָט ער דאָס געלד גאָר ניט גענומען. ער געפינט זיך אלזאָ יעצט ווידער אין דער זעלבער עלענדקייט וואָס פריהער.

דער דאָקטאָר האָט געלאָזט אָפּדרוקען אין דער זעלבער צייטונג, וואו עס איז ערשיענען זיין אדווערטייזמענט, אז ער פער־

לאנגט א יונגען מאן וואָס וויל פערקויפען א קוואָרט בלוט, די פאָל־גענדע אנאָנסע:

„ארטהור ניימאן, וועלכער איז געוועזן אין... האָספּיטאַל, איז געבעטען צו קומען פּערזענליך צו דאָקטאָר ס... אָדער צו שרייבען וואו ער געפינט זיך, וועט ער בעקומען זיין טשעק אויף 50 דאָלאַר“.

דער ארצט האָט געהאָפט, אז ניימאן וועט דיעזע אדווער־טייזמענט זיכער לעזען און ער וועט זיך אָפּרופען.

דער סופּעראינטענדענט האָט געבעטען די דעטעקטיווס, אז זיי זאָלען דיעזע פּאַסירונג ניט ארויסגעבען צו די רעפּאָרטערס פון די צייטונגען, אום די רעפּוטאציע פון דעם האָספּיטאל זאָל דערפון ניט ליידען. די דעטעקטיווס האָבען דאָס פערשפּראָכען, אָבער די רעפּאָרטערס האָבען זיך דאָך דערפון דערוואוסט און דעם זעלבען טאָג נאָך האָבען אלע אבענד־צייטונגען געדרוקט דיעזע געשיכטע.

ווען דער דאָקטאָר איז אריינגעקומען צו זיין פּאַציענטין, האָט ער זיך געסטארעט צו פערבאָרגען זיין אויפרעגונג, אום זי זאָל אין איהם גאָר ניט דערקענען. ער האָט געפונען די קראנקע אין א פיעל בעסערען צושטאנד ווי נעכטען. זי האָט זיך דורך די נאכט אזוי געבעסערט, אז ער איז איינפאך איבערראשט געוואָרען.

ווען ער האָט שוין געוואָלט אוועקגעהן, האָט די קראנקע איהם פערהאלטען און געפרעגט וואָס ניימאן מאכט, ווערענדיג דערביי פערשעהמט.

— מיסטער ניימאן איז שוין דאָ ניטאָ — האָט דער ארצט גע־זאָגט מיט א שמייכעל, וועהרענד אין הארצען האָט ער זיך געשראָ־קען, אז דיעזע נייעס זאָל אויף די קראנקע ניט האָבען קיין שלעכטע ווירקונג.

— ער איז שוין ניטאָ? — האָט די מיידעל געפרעגט אין א טרויעריגען טאָן.

— וואָס וואונדערסטו זיך אזוי? — האָט דער דאָקטאָר זיך געסטארעט ווייטער צו זיין אין א פרעהליכען מוטה — וואָס האָט ער

דאָ צו טהאָן ? ער איז נישט קיין קראנקער. ער ארבייט שוין יעצט געוויס.

ביי דער קראנקער האָט זיך די ברוסט גענומען האסטיג בעווע־גען, אזוי ווי עס וואָלט דאָרטען עפּעס קאָכען און זידען... א ווײַלע האָט זי געשוויעגען. ענדליך האָט זי מיט א פערשטיקטען זיפץ געזאָגט אין א שטילען, שוואַכען טאָן :

— ער איז אוועק און זיך מיט מיר ניט געזעגענט.

א פּאָרוואורף, געמישט מיט טיעפע ליידען האָט אין דיעזע ווערטער געקלונגען.

דער דאָקטאָר האָט זי א ווײַלע בעטראכט מיט פערוואונדער־טע בליקען. אויף זיין געזיכט האָט זיך בעוויעזען אַן אויסדרוק, אזוי ווי עס וואָלט איהם מיט אמאָל קלאָהר געוואָרען די גאנצע גע־היימנים פון ניימאַן׳ס אנטלויפען. אָבער זעהענדיג ווי זי ליידעט, האָט ער איהר גענומען בערוהיגען, זאָגענדיג :

— דאָס איז גיכער מיין שולד ווי זיינע. ער איז אוועק נעכ־טען ביי נאכט. דו ביזט געשלאָפען. ער האָט זיך געוואָלט מיט דיר געזעגענען, דיר זאָגען : „גוד־באַי“, אָבער איך האָב ניט גע־לאָזען דיר אויפוועקען.

— איהר האָט מיך יא געדארפט אויפוועקען — האָט די קראנ־קע געזאָגט אין א טאָן פון פּאָרוואורף און בעדויערען.

— דו וועסט איהם נאָך זעהען — האָט דער דאָקטאָר איהר ווייטער בערוהיגט, ניט ארונטערנעהמענדיג פון איהר זיינע פּאָר־שענדע בליקען— ער האָט מיר פערשפּראָכען, אז ער וועט דאָ זיין, ער וועט קומען דיך בעזוכען, געוואָהר ווערען וואָס דו מאכסט — האָט ער געזאָגט איין ליגען נאָך דעם אנדערען, אום די קראנקע צו בערוהיגען.

פלאָרא׳ס געזיכט, וועלכע איז ביז יעצט געווען אין טיעפען אומעט איינגעהילט, האָט זיך פּלוצלונג אויסגעלייטערט און גענו־מען שטראַהלען פון אינערליכען גליק. א מין רויטע פערשעהמט־קייט האָט אויף איהרע באקען ארויסגעטרעטען, ווען זי האָט וויע־דער געפרעגט :

—איהר האָט דאָס איהם געבעטען, ער זאָל קומען, אָדער ער האָט אליין געזאָגט?

זי האָט א פּאָר מאָל טיעף אָפּגעאטהעמט, אזוי ווי צוזאמען מיט דער פראגע וואָלט א שווערער שטיין זיך פון איהר הארצען ארונטערגעקייקעלט.

דער דאָקטאָר, אנשטאט צו ענטפּערען, האָט זיך געווענדעט צו דער נוירס. ער האָט איהר געבעטען זי זאָל געהן אין אפּטייק און בעשטעלען א געוויסע מעדיצין. ער האָט דאָס געטהאָן אומישנע אום צו בלייבען מיט דער קראנקער אונטער פיער אויגען. ווען די נוירס איז שוין געווען אוועקגעגאנגען, האָט ער געזאָגט אין א נאָ־איווען טאָן:

— ער האָט אליין געזאָגט, אז ער וועט קומען, אָבער איך האָב איהם אויך געבעטען.

א גליקליכער שמייכעל האָט זיך בעוויעזען אויף פלאָרא׳ס גע־זיכט, וועלכע האָט יעצט נאָך מעהר געשטראהלט ווי פריהער.

דער דאָקטאָר האָט עפּעס געוואָלט זאָגען. זיינע ליפּען האָבען זיך שוין גענומען בעוועגען ווי צום ריידען. ער האָט זיך אָבער צו־ריק געהאלטען און זיך געשלאָגען מיט דער דעה, צו ער זאָל ריידען, צי ניט. ער האָט מורא געהאט, אז זיינע ווערטער זאָלען די קראנקע ניט ערגערען. ענדליך האָט ער זיך ניט געקענט איינהאלטען און געזאָגט:

— פלאָרא, איך פערלאנג פון דיר עטוואָס, אָבער דו טאָרסט דאָס מיר ניט ענטזאגען.

זי האָט אויף איהם אויסגעשטעלט א פּאָר ערשטוינטע אויגען און געזאָגט מיט א שמייכעל:

— איהר ווייסט דאָך, דאָקטאָר, אז איך וועל אייך קיין זאך ניט ענטזאגען.

— אַלזאָ גוט — האָט דער ארצט אויך גוטמוטהיג געשמיי־כעלט — איך נעהם דיין וואָרט. איך פערלאנג, אז דו זאָלסט מיר ענטפערען אויף איין פראגע. דו זאָלסט זאָגען דעם ריינעם אמת.

— איהר קענט דאָך מיך. איך בין אימער אויפריכטיג, איך געה שטענדיג נאָר מיט דעם אמת.

— דאָס איז וואהר. איך וויים עס טאקע. אָבער עס קומט ניט איינמאָל פאָר אין לעבען, ווען מען מוז דעם אמת פערבייגען און געהן מיט ליגען... עס האָט מיט מיר שוין ניט איינמאָל אזוי פּאַסירט. איבערהויפּט מיר, דאָקטוירים, זיינען געצוואונגען צו פערבאָרגען דעם אמת... מיין פראגע איז אלזאָ: בעטראכסטו מיך פאַר דיינעם א פריינד?

— א מאָדנע פראגע כ'לעבען! — האָט די קראנקע ליעבליך געשמייכעלט — איהר דארפט דאָס נאָך פרעגען? איך האָב ביז יעצט געדענקט, אז דאָס איז ביי אייך קיין שום צווייפעל נישט. און ניט נאָר איך — האָט זי צוגעגעבען — נאָר מיין פאָטער און די מוטער בעטראכטען אייך אלס אונזערען א גוטען פריינד.

— דאָס וויים איך — האָט דער דאָקטאָר צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ — איך האָב פריהער בעמערקט, אז מענשען זיינען געצוואונגען אמאָל צו פערבויגען דעם אמת. דערפאר האָב איך דיר דיעזע פראגע געשטעלט, ווייל איך וויל, אז דו זאָלסט מיר ענטפערען אויף נאָך א פראגע און דו זאָלסט דעם אמת ניט פערבויגען. אלס דיין פריינד פאָדער איך עס פון דיר.

זי האָט פערשטאנען צו וואָס דער דאָקטאָר ציעלט דאָ און זי האָט זיך יעצט געפונען אין א פערלעגענהייט. דער ארצט האָט דאָס בעמערקט און ער האָט בעשלאָסען, צו שמיעדען דאָס אייזען כל זמן עס איז היים — גלייך צו געהן צום ענין.

— מיין פראגע איז אלזאָ — האָט ער וויעדער אָנגעפאנגען — וואָס אינטערעסירט דיר אזוי דיעזער מיסטער ניימאן?

די קראנקע האָט א שטארקען ציטער געטהאָן מיט איהר גאנצען קערפּער. איהר געזיכט איז מיט אמאָל בלייך געוואָרען און נער־וועזע צוקען זיינען אומגעלאָפען איבער איהרע ליפּען, איבער ביידע נאָז־לעכער און איבער דעם שטערען. דער דאָקטאָר האָט שוין חרטה געהאט, פאר וואָס ער האָט איהר דיעזע פראגע געשטעלט, אָבער צוריקכאפּען האָט ער שוין נישט געקענט און ער איז געבליעבען

שטיל, ווארטענדיג אויף אן אנטוואָרט. די קראנקע האָט אויך גע־שוויגען. זי האָט שווער געסאָפּעט, פון איהר שטאַרק־פערראָנצעל־טען שטערען איז קענטיג געווען, אז איהר מוח איז יעצט זעהר אָנ־געשטרענגט.

ענדליך האָט זי זיך אָפּגערופען אין דרייסטען טאָן:

— ער אינטערעסירט מיך ווייל.. ווייל ער אינטערעסירט מיך...

אין איהרע אויגען האָט זיך א קלוגער שמייכעל בעוויזען.

— אָט אזוי האָב איך ליעב — האָט דער דאָקטאָר איהר צערט־ליך געגלעט איבער'ן קאָפּ — דו זאָגסט דעם אמת. און יעצט זעה איך, אז דו בעטראכטסט מיך פאר א וואהרען פריינד דיינעם.

— איהר האָט דען ביז יעצט אין דעם געצווייפעלט?

— ניין. אָבער...

— וואָס „אָבער"?

— איך האָב געמיינט, אז דאָס וועסטו ניט האָבען דעם מוטה מיר צו זאָגען.

— וואָס מיינט איהר „דאָס"?

— דו ווייסט שוין וואָס איך מיין, דו גנב'טע!...

— איך ווייס ווירקליך ניט, דאָקטאָר.

— אָט אזוי זייט איהר, פרויען! — האָט דער דאָקטאָר גע־שפּאסט — אפילו אויף דעם קראנקען בעט האָט איהר ליעב צו שפּיעלען אייער ראָלע, צו קאָקעטעווען...

— אז איהר האָט פיינט פרויען, דאָס איז דאָך פאר מיר קיין סוד ניט — האָט די קראנקע אויך געשפּאסט — דערפאר זייט איהר דאָך געבליעבען אן אלטער קאַוואַליער.. אָבער איך ווייס ווירק־ליך נישט וואָס איהר מיינט מיט דעם „דאָס" — האָט זי געענדיגט שוין אין אן ערנסטען טאָן.

— אז דו ווייסט טאקע נישט וועל איך דיר ערקלעהרען — איז דער דאָקטאָר אויך שוין געוואָרען ערנסט — איך האָב געמיינט, אז דו וועסט ניט האָבען דעם מוטה, מיר צו זאָגען דעם אמת, אז דו אינטערעסירסט זיך מיט דיעזען יונגען מאן, מיט ניימאן'ען.

— וואָרום האָט איהר עס אזוי געדענקט ? — האָט זי נאַאיוו געפרעגט — איז עס דען ניט נאַטירליך, אז איך זאָל זיך מיט איהם פעראינטערעסירען ? און ניט בלויז אינטערעסיר איך זיך מיט איהם — איך וועל איהם דעם גאנצען לעבען ניט פערגעסען און איהם אי־מער דאנקבאר זיין. ער האָט דאָך מיר מיין לעבען געראטעוועט.

— ניט דאָס מיין איך — איז דער דאָקטאָר שוין געוואָרען אונגעדולדיג — איך אינטערעסיר זיך אויך מיט איהם. אָבער צווישען מיין אינטערעסע און דיינע איז דאָ א גרויסער אונטער־שיעד... — האָט ער געענדיגט מיט א פיעל בעדייטענדען שמיי־כעל אויף זיינע ליפּען.

די קראנקע האָט געזעהען, אז דער דאָקטאָר פערשטעהט וואָס ביי איהר אין הארצען קומט יעצט פאָר, אז ער בעגרייפט איהרע געפיהלען און אז עס איז זינלאָז ווייטער צו שפּיעלען דיעזע נאַאיווע ראָלע. זי האָט איהם שוין געוואָלט אויסזאָגען דעם גאנצען אמת. איהר הארץ פאר איהם עפענען. אָבער זי האָט דערצו קיין מוטה ניט געהאַט. און זי האָט דאָס אויך ניט געוואָלט טהאָן צוליעב צוויי אנדערע אורזאכען: ערשטענס, האָט זי זיך יעצט געפיהלט אָפּגעשוואכט. דיעזער געשפּרעך האָט איהר אויפגערעגט, און זי האָט געוואָלט וואָס שנעלער געזונד ווערען. צווייטענס, האָט זי געהאַט בעשלאָסען פריהער צו האָבען א געשפּרעך מיט ניימאן׳ען. זי וועט איהם אליין ערקלעהרען איהרע געפיהלען צו איהם. דארום האָט זי געוואָלט, אז איהר ליעבע זאָל נאָך דערווייל בלייבען א סעקרעט.

דער דאָקטאָר, זעהענדיג, אז זיין פּאציענטין ענטפערט איהם ניט, האָט וויעדער אָנגעפאנגען:

— עס איז נאַטירליך, אז דו זאָלסט פיהלען צו דעם יונגען מאן דאנקבארקייט. אָבער דארפסטו דאָך מיר אויך דאנקבאר זיין. האָב איך דען וויינינג געטהאָן, אום דיך צוריק אויף די פיס צו שטעלען ?

— ווער זאָגט אייך דען, אז איך בין אייך ניט דאנקבאר ? — האָט די קראנקע געפרעגט אין אן ערנסטען טאָן.

— איך זעה דאָך, דו ביזט צו מיר ניט אָפענהערציג. דאָס

צייגט, אז ניט נאָר ביזטו מיר ניט דאנקבאר, זאָנדערן דו בעטראכסט מיך גאָר ניט אלס א וואהרען פריינד דיינעם.

— איהר פערשאפט מיר מיט אייערע רייד שמערצען.

— נו, גענוג, איך וועל שוין מעהר קיין וואָרט ניט ריידען, אבי זיי נאָר רוהיג.

עס איז אריינגעקומען די נוירס. דער דאָקטאָר האָט איהר אָנגעזאָגט ווען זי זאָל געבען דער קראנקער די מעדיצין און זיך פריינדליך געזעגענט מיט זיין פאציענטין.

— זיי א „גוד גוירל“, פלאָרא, האַלט זיך רוהיג, וועסטו אין א פּאָאָר טעג ארום זיין אין דער היים — האָט ער צו איהר געזאָגט פון שוועל.

געפינענדיג זיך פון יענער זייט טהיר, האָט דער ארצט זיך אָב־געשטעלט און געזאָגט צו זיך זעלבסט:

— יא, עס איז קיין צווייפעל ניט, אז זיי האָבען זיך איינ־געליעבט. עס איז א מערקווירדיגע פּאסירונג! אוי, וועט זיך דאָ אביסעל אָפּטהאָן! מיסטער זינגער וועט אויף דיעזען שידוך זי־כער ניט בעשטעהן. סענטימענטאלע געפיהלען זיינען איהם פרעמד. און וואָס וועט מר. פרענק זאָגען? נו, נו, פאר די צייטונ־גען וועט דאָס זיין א קלאָנדייק. זיי האָבען שוין לאנג אזא סענ־סיישאָן ניט געהאט. א ראָמאן אין א האָספּיטאל... די העלדין האָט א חתן... א רייכער יונג. זי פערשטויסט איהם און ליעבט זיך איין אין... אן אָרימען קערל, א טרעמפּ...

* * *

ווען דער דאָקטאָר איז אבענדס געקומען אין האָספּיטאל אריין, האָט איהם דער סופּעראינטענדענט בעריכטעט, אז אימיצער האָט זיך עטליכע מאָל אָנגעפרעגט דורך דעם טעלעפאָן וואָס די קראנקע מאַכט — א זאַך וואָס האָט ביז יעצט ניט פּאסירט, און אז אימער איז דאָס געווען די זעלבע שטימע.

— דאָס מוז זיכער זיין ניימאן — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט — איך וואָלט געגעבען הונדערט דאָלאר, איך זאָל איהם קענען זעהן.

— פיעלייכט וועט ער זיך אָפּרופען אויף דעם אדווערטייז־מענט?

— איך גלויב קוים.

— איך ערגער זיך אזוי פיעל! עס איז א שאנדע פאר אונזער האָספּיטאל.

— די געשיכטע האָט מיך אויך גענוג געזונד געקאָסט, אָבער וואָס קען מען טהאָן?

דער דאָקטאָר איז דאן אוועק צו דער מיידעל וואָס זיצט ביים טעלעפאָן.

— וואָס האָט מען געפרעגט וועגען מיסס זינגער? — האָט ער די מיידעל געפרעגט.

— וואָס זי מאכט, ווי זי פיהלט זיך.

— האָט מען זיך פריהער אויך אָנגעפרעגט אויף איהר?

— ניין.

— איז דאָס געוועזן א מענער־שטימע?

— יא.

— יעדעס מאָל די זעלבע שטימע?

— יא. און דאָס איז מיר טאקע געוועזן אויפפאלענד און איך האָב עס בעריכטעט צום סופּעראינטענדענט.

— איך געה יעצט אריין צו מיסס זינגער — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט צו דער מיידעל אין א בעפעהלענדען טאָן — טאָמער וועט מען זיך ווידער פרעגען אויף איהר, זאָלט איהר גלייך ניט ענט־פערען. הייסט וואַרטען, זאָגט, אז איהר געהט פרעגען ביי די נוירס וואָס די קראנקע מאכט און שיקט זאָפאָרט נאָך מיר.

ווען דער דאָקטאָר איז אריין צו זיין פּאַציענטין, האָט ער דאָר־טען געפונען איהרע עלטערען און דעם חתן. ער האָט א קוק געטהאָן אויף זיי מיט דערשראָקענע בליקען, מורא האָבענדיג אז מען האָט פלאָראַ'ן דערצעהלט אז ניימאן איז ניט אליין אוועק, נאָר פער־שוואונדען. די נוירס האָט פערשטאנען דעם דאָקטאָר'ס בליקען און האָט איהם אויפ'ן וואונק ערקלעהרט, אז די קראנקע ווייס ניט פון דער געשיכטע. דער דאָקטאָר האָט זיך בערוהיגט, אָבער ניט אויף

לאנג. צוקומענדיג צום בעטעל און א קוק טהוענדיג אויף דער מיי־דעל איז ער ווידער אונרוהיג געוואָרען. זי איז געווען אָפּגע־שוואַכט, אומעדיג און אין איהרע אויגען האָט זיך א טיעפע בענק־שאפט אָפּגעשפּיעגעלט. ער האָט פערשטאַנען די אורזאכע פון איהר יעצטיגען צושטאַנד — זי בענקט נאָך ניימאן'ען. און באלד טאקע האָט זי דאָס איהם אליין געזאָגט — מיט איהרע טרויעריגע בליקען האָט זי דאָס איהם געזאָגט... ער האָט געלעזען אין איהרע אויגען די ווערטער: „ער איז ניט געקומען! פאר וואָס איז ער ניט גע־קומען?“

ער האָט איהר אונטערזוכט און זיך געווענדעט נאכהער צו די פערזאמעלטע, זאָגענדיג:

— איך וועל אייך בעטען, אז איהר זאָלט די קומענדע פּאָר טעג אהער ניט קומען. פלאָרא דארף האָבען אבסאָלוטע רוהע. זי האָט היינט אין דער פריה שוין אזוי גוט געפיהלט. זי שטרענגט זיך אָן ווען זי רעדט און דאָס שאדט איהר. לאָזט איהר צורוה א פּאָאר טעג און איהר וועט זי אין גאנצען האָבען אין דער היים. איך וועל אייך נאָך יעדען וויזיט טעלעפאָנירען ווי זי פיהלט.

דער קראנקער'ס עלטערען און דער חתן האָבען זיך באלד גע־זעגענט מיט איהר און זיינען אַוועק. דער דאָקטאָר האָט בעמערקט אָן פלאָרא'ס בליקען, אז זי וויל עפּעס זאָגען, נאָר זי האָלט זיך צוריק, ווייל די נוירס איז דאָ אַנוועזענד. ער האָט די נוירס גלייך ערגעץ אַוועקגעשיקט. ווען זיי זיינען געבליבען אליין, האָט זי אין א שוואכע שטימע געזאָגט:

— זעהט איהר, ער איז ניט געקומען!

אין דיעזע ווערטער האָט זיך געהערט אן אָפּקלאנג פון ענטוי־שונג, געמישט מיט טיעפע ליידען.

— וואהרשיינליך האָט ער ניט געקענט קומען — האָט דער דאָקטאר געסטארעט זיך זי צו בערוהיגען — ער וועט דאָ געוויס מאָרגען זיין.

פון דער קראנקער'ס ברוסט האָט זיך א טויבער קרעכץ ארויסגעריסען.

דער דאָקטאָר האָט זי בעטראכט מיט ערנסטע בליקען, אָבער באלד האָט ער מיט א פרעהליכע מינע געזאָגט:

— אזוי שטארק בענקסטו דאָס נאָך איהם? ווען פרענק זאָל דאָס וויסען, וואָלט ער געוואָרען אייפערזיכטיג. מען דארף איהם דאָס דערצעהלען...

פלאָרא האָט א שטארקען ציטער געטהאָן און אין איהרע אויגען האָבען זיך בעוויזען טרעהרען.

— זעה נאָר, זעה נאָר — האָט דער דאָקטאָר ווייטער גע־רעדט אין א שפּאַסיגען טאָן, אָבוואָהל אין הארצען איז ער געוועזן אונרוהיג וואָס זי ערגערט זיך ווידער — איך מאך שפּאס און זי נעהמט עס ערנסט! איך וועל ניט דערצעהלען פאר פרענק'ען, האָב ניט קיין מורא, איך וועל האלטען דאָס מויל...

די קראנקע האָט שוין יעצט איהרע געפיהלען ניט געקענט האלטען אין געהיים. זי האָט געפיהלט, אז אויב זי וועט יעצט איהר הארץ ניט אָפּריידען, וועט זי עס ניט אריבערטראָגען, און זי האָט זיך אָפּגערופען אין א שוואכער, ציטערענדער, געפיהלפאָלער שטימע:

— איהר מעגט עס פרענק'ען דערצעהלען. מיך ארט ניט. איך וועל עס איהם סאַי־ווי־סאַי אליין זאָגען מיט דער צייט.

— וואָס זאָל איך איהם דערצעהלען? — האָט דער ארצט א פערוואונדערטער געפרעגט.

— אז איך בין פעראינטערעסירט אין מר. ניימאן'ען — האָט זי שוין עטוואָס דרייסטער געזאָגט — אז... אז איך בענק נאָך איהם. דאָקטאָר! — האָט זי אויסגעשריען, אָנכאפּענדיג דעם ארצט פארביידע הענד — זינט די לעצטע פּאָאָר טעג בין איך אן אנדער מענש געוואָרען! עס איז אין מיר א געוואלדיגע ענדערונג פאָר־געקומען. דאָס פרעמדע בלוט וואָס פליסט יעצט אין מיינע אָדע־רען האָט מיין נשמה איבערגעענדערט. עס איז מיר יעצט אי גוט, אי שלעכט. איך בין גליקליך און אונגליקליך צוזאמען. איך בין גליקליך וואָס איך בין לעבען געבליבען; און איך וויל יעצט לעבען. דאָס לעבען איז מיר עפּעס יעצט אזוי טהייער! און אין דער זעל־

בער צייט פיהל איך זיך אונגליקליך, ווייל איך ווייס, אז עס וועט זיך איצט אָנפאנגען פאַר מיר א לעבען, פול מיט צרות און ליידען. דאָקטאר, איהר האָט מיר מיין לעבען געראטעוועט און איך בעט אייך, העלפט מיר אויך ווייטער! קען איך אויף אייער הילף רע־כענען?

דער דאָקטאָר האָט זיך א ווײַלע פערטראכט און נאכהער גע־זאָגט אין א געלאַסענעם טאָן:

— דאָס, וואָס דו האָס טמיר יעצט דערצעהלט האָט מיך ניט איבעררואשט. איך האָב דאָס אליין געזעהן. איך האָב דאָס דער־קענט אָן דיר און אָן איהם, אָן ניימאן׳ען.

— וואָס האָט איהר אין איהם דערקענט? — האָט פלאָרא נערוועז א פרעג געטהאָן.

— שלאָג מיר ניט איבער די רייד — האָט דער דאָקטאָר ווײ־טער גערעדט — איך האָב אָן אייך ביידע דערקענט, אז איהר געהט זיך נאַריש מאַכען... דו ווייסט דאָך מיינע אנשויאונגען וועגען ליע־בע. מיר האָבען דאָך וועגען דער פראגע ניט איין מאָל דעבאטירט. לויט מיין מיינונג איז די ליעבע די גרעסטע נארישקייט וואָס עס עקזיסטירט אין לעבען... אָבער וועגען דעם וויל איך יעצט מיט דיר ניט דעבאטירען.

ער האָט א ווײַלע געשוויגען, פערטראכטענדיג זיך. נאכהער האָט ער פאָרטגעזעצט אין א גוטמוטהיגען טאָן:

— וואָס אנבעלאנגט די הילף וואָס דו בעטסט ביי מיר, איז אָט וואָס איך וועל דיר זאָגען:

אלס ארצט איז מיין פפליכט דיר ניט צו העלפען. שטעל דיר פאָר, אז אימיצער זאָל קומען צו מיר און בעטען, איך זאָל איהם פערשרייבען גיפט. וועל איך איהם דאָס צוליעב טהאָן? די ליעבע בעטראכט איך אלס א גיפט. ניט איין מענשליכעס לעבען האָט זי שוין רואינירט, די ליעבע. אלזאָ, אלס ארצט דארף איך דיר ניט העלפען. אָבער אלס מענש, אלס דיין פריינד, וועל איך דיר מיין הילף ניט ענטזאגען, אָבער דו מוזט מיר פריהער פערשפרעכען איין זאך.

— איך וועל אייך אלעס פערשפּרעכען — האָט פלאָרא גע־קוקט אויף דעם דאָקטאָר מיט פרעהליכע, ליעבליכע בליקען.

— אז די פּאָר טעג וואָס דו וועסט נאָך זיין אין האָספּיטאל, זאָלסטו זיך בעהערשען און ארויסשלאָגען זיך די נארישקייטען פון קאָפּ. אויב דו וועסט ווייטער בענקען נאָך ניימאן׳ען, וועסטו ניט קענען געזונד ווערען.

— איהר האָט א טעות, דאָקטאָר, איך פיהל זיך שוין כמעט אין גאנצען געזונד. איך האָב געזעהן ווי איהר האָט זיך היינט אין דער פריה געוואונדערט וואָס איך זעה אזוי גוט אויס. ווייסט איהר וואָרום איך האָב זיך גענומען אזוי שנעל בעסערען? דאָס האָבען מיינע נייע געפיהלען געטהאָן — די געפיהלען, וועלכע ניימאן׳ס בלוט האָט אין מיר ארויסגערופען. איהר וועט זעהן, דאָקטאָר, ווי שנעל איך וועל געזונד ווערען. נו, פערשפּרעכט איהר מיר אייער הילף, ווען איך וועל זיך אין דעם נויטיגען?

— און וואָרום האָסטו יעצט שוין ניט אזוי גוט אויסגעזעהן, ווי אין דער פריה? — האָט דער דאָקטאָר איהר ניט געענטפערט אויף איהר פראגע.

— ווייל... ווייל פרענק איז דאָ געווען — האָט זי געענטפערט מיט אַנגסט אין איהר שטימע — איך וויל איהם מעהר ניט זעהן. אז איך דערזעה איהם, פיהל איך זיך זעהר שלעכט.

— איך האָב דאָס פערשטאנען און דערפאר האָב איך איהם גלייך אוועקגעשיקט פון דאנען. עס האָט דאָך ניט געפּאסט, איך זאָל איהם אליין הייסען געהן, האָב איך דיינע עלטערען אויך גע־מוזט זאָגען, זיי זאָלען אהער ניט קומען.

— און איך בין אייך אזוי דאנקבאר געוועזן דערפאר!

— האָסט ניט פערשטאנען, אז איך טהו דאָס אומישנע?

— ניין.

דאָ האָט זיך די טהיר האסטיג געעפענט און א בעדיענער איז אריינגעלאָפען, ערקלעהרענדיג דעם דאָקטאָר אין א נערוועזען טאָן, אז מען רופט איהם צום טעלעפאָן.

דער דאָקטאָר איז אויפגעשפּרונגען פון זיין שטוהל און שנעל

ארויסגעלאָפען. אריינקומענדיג אין דעם צימער, וואו דער טעלע־פאָן האָט זיך געפונען, האָט די טעלעפאָן מיידעל צו איהם געזאָגט אין דער שטיל:

— דאָס איז די זעלבע שטימע וואָס פריהער.

דער דאָקטאָר איז צוגעגאנגען צום טעלעפאָן און געפרעגט:

— ווער איז דאָס?

— איך וויל וויסען וואָס מיסס פלאָרא זינגער מאכט — האָט א נערוועזע שטימע אָפּגעענטפערט.

— ווער זייט איהר?

— דאָס איז פאר אייך ניט וויכטיג צו וויסען.

— ווען מיר אייך ניט ענטפערען.

— איך בעט אייך, זאָגט מיר וואָס זי מאכט! — האָט די שטימע אלץ נערוועזער געקלונגען.

דער דאָקטאָר האָט יעצט דערקענט ניימאן'ס קול און ער האָט געזאָגט:

— דאָס ביזטו ניימאן? איך בין דאָקטאָר סטענטאָן. הער מיך אויס...

דער דאָקטאָר האָט בייז א שליידער געטהאָן די טרובקע פון טעלעפאָן, זאָגענדיג מיט כעס:

— ער האָט אָפּגעהאקט אין מיטען ריידען! ער האָט מיר ניט געוואָלט ענטפערען.

— עס איז טאקע דער זעלבער וואָס איז פערשוואונדען? — האָט די מיידעל געפרעגט ביים דאָקטאָר.

— געוויס. איך האָב דערקענט זיין שטימע.

דער דאָקטאָר האָט דאן אָפּגערופען „סענטראל“ און געפרעגט, פון וואנען מען האָט יעצט גערעדט צום האָספּיטאל. מען האָט איהם פון דאָרטען געענטפערט, אז דאָס האָט מען גערעדט פון א געוויסען אפּטייק.

דער ארצט איז דאן צוריק אריינגעגאנגען צו זיין פאציענטין, איהר ערקלעהרט, אז מען רופט איהם צו א קראנקען און איז גלייך

אוועק אין דעם אפטייק, פון וואנען ניימאן האָט נאָר וואָס געהאט טעלעפאָנירט.

די אפטייק האָט זיך געפונען אין סאמע מיטען פון דעם אידי־שען קווארטאַל. אריינקומענדיג אהין, האָט דער דאָקטאָר זיך פאָר־געשטעלט פאר דעם אפטייקער און גלייך איהם געגומען ערקלעה־רען דעם צוועק פון זיין קומען:

האָט פון דאנען היינט עטליכע מאָל א יונגערמאן טעלעפאָנירט אין א האָספיטאל אריין? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט.

דער אפטייקער האָט זיך אָנפאנגס ניט געקענט עראינערען, ער־קלעהרענדיג אז עס האָבען פיעלע מענשען היינט פון זיין פלאַץ טעלעפאָנירט. אָבער ווען דער דאָקטאָר האָט איהם געשילדערט ווי ניימאן זעהט אויס, האָט ער געזאָגט:

— יא, איך דערמאָן זיך שוין. ער איז דאָך ערשט מיט א האל־בע שטונדע צוריק דאָ געווען. ער האָט געצויגען מיין אויפמערק־זאמקייט דערמיט וואָס ער איז געווען זעהר צוטראָגען און בלאס יעדעס מאָל וואָס ער האָט טעלעפאָנירט. ריכטיג, ער האָט טאקע טעלעפאָנירט אין א האָספיטאל אריין — האָט דער אפטהייקער צוגעגעבען מיט א נאָכדיינקענדע מינע — איך האָב געהערט ווי ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף א קראנקע. איך האָב געדיינקט, אז אימיצער פון זיין פאמיליע איז דאָס קראנק, דערפאר איז ער דאָס אזוי צוטראָגען.

— האָט איהר עפּעס מיט איהם גערעדט? — האָט דער דאָק־טאָר ווייטער געפרעגט.

— ניין. וואָס האָב איך געהאט מיט איהם צו ריידען? מאלע ווער עס קומט אלץ אריין טעלעפאָנירען!

— האָט איהר עפּעס בעמערקט ביי דעם לעצטען מאָל, ווען ער איז דאָ געווען מיט א האלבע שטונדע צוריק? — האָט דער דאָקטאָר ווייטער אויסגעפאָרשט.

דער אפטייקער האָט זיך א וויילע פערטראכט, אזוי ווי ער וואָלט זיך וועלען עפּעס עראינערען, און נאכהער געענטפערט:

— יא, ער האָט עפּעס אין מיטען ריידען נערוועז אויפגעהאָנ־

גען דעם „רעסיוועה" און איז שנעל ארויסגעלאָפען, אזוי ווי ער וואָלט פון אימיצען געיאָגט געוואָרען. איך האָב עס ניט בעמערקט, נאָר א קאָסטימער, וואָס איז דאן גראָד דאָ געווען, האָט מיך אויפ־מערקזאם געמאכט דערויף — האָט ער צוגעגעבען.

דער דאָקטאָר האָט זיך ארומגעקוקט און ווידער אָנגעפאנגען:

— איך וואָלט אייך געבעטען א געפעליגקייט, איהר זאָלט מיר ערלויבען מאָרגען צו ווארטען א געוויסע צייט דאָרטען — האָט ער אָנגעוויזען אויף אן אָפּגעצאמטען חדר'ל — וואו איהר מאכט די „פּרעסקריפּשאָנס". ער וועט מאָרגען געוויס ווידער אהער קומען, און איך דארף איהם זעהר נויטיג זעהען.

— מיט פערגעניגען — האָט דער אפּטייקער פריינדליך גע־געבען זיין ערלויבנים.

דער דאָקטאָר האָט איהם זעהר בעדאנקט, זיך געזעגענט און איז אוועק.

אויף מאָרגען אין דער פריה איז דאָקטאָר סטענטאָן געקומען אין דער אפּטייק. מיט אונגעדולד האָט ער געווארט אויף ניימאן'ס אָנקומען. ער האָט געווארט א שטונדע, צוויי, דריי — ניימאן האָט זיך אָבער ניט געוויזען. לענגער האָט ער שוין ניט געקענט ווארטען.

קומענדיג אין האָספּיטאל אריין, האָט דער דאָקטאָר זיך דער־וואוסט, אז ניימאן האָט ווידער טעלעפאָנירט.

— וואָס האָט ער היינט געפרעגט? — האָט ער געפרעגט ביי דער טעלעפאָן־מיידעל.

— דאָס זעלבע וואָס נעכטען: וואָס מיסס זינגער מאכט.

— אז ער וועט נאָך אמאָל אָנרופען, ענטפערט איהם, מיסס זינגער איז געפעהרליך קראנק — האָט דער ארצט געזאָגט, נאָכ־דיינקענדיג.

ער האָט געדיינקט, אז דאָס וועט פּיעלייכט ווירקען אויף איהם, אז ער זאָל פּערזענליך קומען איהר געוואָהר ווערען. אָבער באלד האָט ער זיין בעפעהל צוריק גערופען, זאָגענדיג:

— איהר זאָלט איהם דאָס ניט זאָגען, פערקעהרט, זאָגט איהם, אז זי פיהלט זיך זעהר גוט און אז מאָרגען געהט זי שוין אהיים.

ער האָט זיך בעדענקט, אז דאָס לעצטע וועט בעסער ווירקען. ניימאן וועט דאָך וועלען וויסען וואָס זי מאכט. טעלעפאָנירען צו איהר אהיים וועט ער דאָך געוויס ניט. וועט ער דאן זיכער זיך ווענדען צו איהם.

מיט דיעזע געדאַנקען איז ער אריינגעגאַנגען צו פלאָרא'ן.

עפענענדיג די טהיר איז דר. סטענטאָן געבליבען שטעהן ווי א פּאַראַליזירטער. פלאָרא איז געזעסען אויפ'ן בעט, אָנגעטהאָן אין א ראפּער. די נוירס איז אין צימער דאן ניט געוועזן. זי האָט איהם בעגריסט מיט אַ ליעבליכען שמייכעל, אָבער דער דאָקטאָר איז נאָך אלץ געשטאַנען אין דער זעלבער פּאָזע. זיין געזיכט האָט אויסגעדריקט די העכסטע ערשטוינונג, אזוי ווי ער וואָלט ניט גלויבען זיינע אייגענע אויגען וואָס ער זעהט דאָ.

ער האָט ענדליך געמאכט א פּאָר טריט פאָראויס און געזאָגט מיט כעס:

— ווי האָסטו געוואגט ארונטערצוגעהן פון בעט ? ! ווער האָט דיר דאָס ערלויבט ?

פלאָרא האָט זיך אויפגעהויבען פון בעט און, צוגעהענדיג צום ארצט, האָט זי געזאָגט מיט דעם זעלבען ליעבליכען שמייכעל :

— אַיאָ איך האָב אייך איבערראַשט ? איהר דאַרפט אָבער ניט בייז זיין אויף מיר, דאָקטאָר און אויך זיך ניט שרעקען. איך פיהל זיך זעהר גוט, האָב איך געבעטען די נוירס, זי זאָל מיר ערלויבען ארונטערצוגעהן פון בעט. איך בין שוין געזונד — האָט זי צוגעגעבען אין א קאָקעטישען טאָן, ארומנעהמענדיג דעם דאָקטאָר — איהר ווילט, וועלען מיר כאפּען א טענצעל.

דאָס זאָגענדיג האָט זי איהם צוגעצויגען צו זיך און גענומען טאַנצען.

— אין בעט אריין ! האָט דער דאָקטאָר האלב בייזערענדיג זיך און האלב שמייכלענדיג געזאָגט, אָפּשטויסענדיג זיין פּאַציענטין פון זיך — איך וועל דיר דאָ באַלד ווייזען א טאנצען ! אין בעט אריין ! וואו איז ערגעץ די נוירס ? איך וועל איהר געבען אזא גאָב, אז זי

וועט עס האָבען צו געדענקען ! ווער האָט איהר ערלויבט, זי זאָל דיך לאָזען ארונטערגעהן ?

— שרייט ניט אויף איהר, דאָקטאָר ! — האָט פלאָרא, צוטו־ליענדיג זיך צו איהם זיך געבעטען אין א פעשטשענדען טאָן — זי האָט ניט געוואָלט מיר דאס ערלויבען, אָבער איך בין צוגעשטאנען צו איהר.

— נו, וואָס שטעהסטו נאָך ? — האָט דער ארצט זיך כלומרשט ווייטער געבייזערט — זאָלסט זיך שוין אוועקלייגען !

— איהר זייט עפּעס היינט אזוי שלעכט, דאָקטאָר ! — האָט פלאָרא איהם געלאכט אין די אויגען אריין — אונטערזוכט מיר פריהער, וועט איהר זעהען צו איך ב ; שוין ניט אין גאנצען געזונד. איהר וועט מיר זיכער נאָך היינט אהיים שיקען.

דער דאָקטאָר האָט זי בעטראכט מיט פאַרשענדע בליקען, זיין ערשטוינונג איז געוואקסען מיט יעדער מינוט, אָן דער מיידעל׳ס רייד, אָן איהר אויסזעהן און אָן איהרע לעבעדיגע בעוועגונגען האָט ער ווירקליך געזעהען, אז איהר געזונדס־צושטאנד האָט זיך ראשענד פערבעסערט, א געוואלדיגען שפּרונג האָט זי געמאכט פון נעכטען ביז היינט צו פערבעסערונג, „זאָל דאָס ווירקליך זיין די ווירקונג פון איהרע נייע געפיהלען ?“ — האָט ער זיך זעלבסט געפרעגט — „האָט די ליעבע ווירקליך אזא צויבער אין זיך ?“...

די מיידעל, אזוי ווי זי וואָלט לעזען דעם דאָקטאָר׳ס געדאנקען, האָט א זאָג געטהאָן אין אָן ערנסטען טאָן :

— איאָ, איהר וואונדערט זיך, דאָקטאָר ? ניט בלויז אייער מעדיצין טהוט אויף וואונדער. פיעלייכט וועט דיעזער פאל מיט מיר, אייך איבערצייגען אין די וואונדערליכע ווירקונג פון ליעבע, איהר וועט שוין אויפהערען צו שפּאָטען פון איהר און אפשר זיך נאָך אליין איינליעבען אין אימיצען.

— אין דיר וועל איך זיך שוין זיכער ניט פערליעבען — האָט דער ארצט געזאָגט מיט א געמאכטע בייזע מינע — וועגען דעם מעגסטו גאנץ רוהיג זיין. א שעהן פנים וואָלסטו געהאט ווען ניט

די וויסענשאפט... דו וואָלסט יעצט ניט אזוי ארומגעשפרונגען... דו . . .

— דאָס איז אמת — האָט פלאָרא איהם איבערגעשלאָגען די רייד — ניימאַן׳ס בלוט...

— וואָס האקסטו מיר איבער אין מיטען ריידען? — האָט דער ארצט פאַרטגעזעצט — דו, פילאָזאָפקע מיינע, ווילסט דאָך געוויס בעהויפּטען, אז די ליעבע טהוט אויף וואונדער. און איך זאָג דיר, אז עס הויבט זיך גאָר ניט אָן! א גיפט איז די ליעבע, א גע־פעהרליכער גיפט...

— אָבער אויך א גליק, א גרויסעס גליק, א באלזאם, וואָס היילט די געפעהרליכסטע וואונדען — האָט פלאָרא אין א צערטליכען טאָן געזאָגט, ווערהענד איהרע אויגען האָבען גענומען שטראהלען פון איננערליכען גליק — איהר האָט דאָך דעם בעסטען ביישפּיעל אָן מיר . . .

די נוירס איז אריינגעקומען.

דער ארצט האָט איהר קיין פאָרווירפע ניט געמאכט און גענומען אונטערזוכען די קראנקע. פלאָרא האָט געלאכט, זיך געוויצעלט, ווערהענד דער דאָקטאָר איז אלץ מעהר און מעהר איבערראשט געוואָרען, איבערצייגענדיג זיך, אז זיין פאציענטין איז שוין ווירק־ליך געזונד.

— נו, זעהט איהר שוין יעצט, אז איך האָב געזאָגט דעם אמת, ווען איך האָב אייך ערקלעהרט, אז איך בין שוין געזונד? — האָט פלאָרא קאָקעטיש זיך געררייצט מיט איהם, ארויסשטעקענדיג דעם שפּיץ צונג פון צווישען איהרע אלבאסטער־ווייסע, אויסגעטאָקטע צייהן — איהר מעגט שוין טעלעפאָנירען צו אונז אהיים, אז מען זאָל קומען און מיך אהיים נעהמען.

— אייל זיך ניט אזוי — האָט דער דאָקטאָר זיך אויך געררייצט מיט איהר — דו וועסט נאָך דאָ פערבלייבען א וואָך דאָס ווייניגסטע.

— איך וועל אייך אזוי מאכען, אז איהר וועט גאָט דאַנקען וואָס

איהר זייט פון מיר פטור געוואָרען — האָט פלאָרא וויעדער גע־
שטיפט.

דער דאָקטאָר און די נוירס האָבען זיך צולאכט.

פלוצלונג האָט זיך פלאָרא ערנסט פערטראכט. דער דאָקטאָר
האָט פערשטאנען, אז זי דיינקט דאָס יעצט וועגען ניימאן'ען. ער
איז געוואָרען עטוואָס אונרוהיג. זי האָפּט זיכער, אז ער וועט היינט
קומען איהר בעזוכען — האָט ער געטראכט — דאָס גופא האָט
פיעל געווירקט אויף איהר געזונד. דער געדאנק, אז זי וועט איהם
זעהען, האָט איהר א שטיק געזונד צוגעגעבען. ווען זי וועט זעהען,
אז ער קומט ניט, וועט זי ערשטוינט ווערען און דאָס קען זיך נאָך
אויף איהר שלעכט אָפּרופען. אָט דאָס האָט איהם בעאונרוהיגט און
ער האָט בעשלאָסען איהר באלד צו זאָגען, אז עס קען זיין,
אז ניימאן זאָל היינט אויך ניט קומען. דורך אן אויסרייד האָט
ער ארויסגעשיקט די נוירס, און ווען זיי זיינען געבליבען אליין, האָט
ער זיך אָפּגערופען:

— וועגען וואָס האָסטו זיך אזוי פערטראכט, פלאָרא?

— אָט, עס טראכט זיך — האָט די מיידעל זיפצענדיג גע־
ענטפערט.

— דו ביזט וויעדער ניט אָפענהערציג צו מיר — האָט ער
געזאָגט אין א טאָן פון לייכטען פאָרוואורף.

— וואָס מיינט איהר?

—איך וויים דאָך וועגען וואָס דו קלעהרסט יעצט.

— טאָ וואָס־זשע פרעגט איהר וויעדער? — האָט זי שעל־
מיש געשמייכעלט איהם אין די אויגען אריין.

— וועגען ניימאן'ען טראכסטו, ניט וואהר?

— איאָ, ער וועט דאָ היינט זיין? — האָט זי אנשטאט צו
ענטפערען געפרעגט, ווערענדיג דערביי זעהר נערוועז.

— ער וועט פיעלייכט זיין.

— ווארום עפּעס פיעלייכט? — איז שוין פלאָרא געוואָרען
אומעדיג.

עס קען מעגליך זיין, אז ער זאָל ניט קענען קומען — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט אין אן ערנסטען טאָן.

— ער האָט דאָס אייך געזאָגט?

— יא.

א ביטערער זיפץ האָט זיך ארויסגעריסען פון איהר ברוסט און איבער איהר געזיכט האָט זיך פערשפרייט נאָך א טיעפערער טרויער און ענטוישונג.

— ווען האָט איהר איהם געזעהן? — האָט פלאָרא ווייטער געפרעגט.

— נעכטען אבענד — האָט דער ארצט געענטפערט.

— פאר וואָס איז ער נעכטען ניט געקומען?

— ער האָט קיין צייט ניט געהאט. ער זוכט ארבייט.

— דער פאפא האָט דאָך איהם פערשפראָכען צו געבען א דזשאב.

— ער וויל ניט, האָט ער מיר ערקלעהרט, אננעהמען ביי דיין פאָטער קיין ארבייט.

פלאָרא'ס געזיכט האָט יעצט ארויסגעדריקט שרעקליכע אינער־ליכע ליידען. עס לאָזט זיך אלזאָ אויס ניט ווי זי האָט געהאָפט און ערווארטעט. זי איז געוועזען זיכער, אז ניימאן וועט מיט פערגע־ניגען אננעהמען דעם דזשאב ביי איהר פאָטער און זי וועט האָבען די געלעגענהייט איהם אָפט צו זעהען און צום סוף וויל ער גאָר ניט ארבייטען ביי איהר פאָטער. ווארום ענטזאגט ער זיך? וואָס איז די אורזאכע?

דער דאָקטאָר האָט געלעזען איהרע געדאנקען. איהם האָט וועה געטהאָן די הארץ ווארום ער האָט איהר מיט זיינע רייד פער־שאפט שמערצען. ער האָט זיך אָבער ניט געקענט אנדערש העלפען. וויסענדיג, אז ניימאַן וועט זיך אזוי שנעל ניט בעווייזען, האָט ער געמוזט, אום אויסצומיידען אז די פאציענטין זיינע זאָל ניט מעהר ליידען, אויסטראכטען פערשיעדענע ליגענס, כדי איהר ווי ניט איז צו בערוהיגען.

— ער האָט מיר ערקלעהרט ווארום ער וויל ניט ארבייטען

ביי דיין פאָטער — האָט דער דאָקטאָר ווידער אָנגעפאַנגען, ווע־לענדיג דערמיט פערטרייבען די אומעדיגע געדאַנקען פון דער מיי־דעל — און פון זיין שטאַנדפונקט האָט ער רעכט. ער זאָגט, אַז ער וויל ניט קיינע טובות פאַר דעם וואָס ער האָט פאַר דיר גע־טהאָן.

א גליקליכער שמייכעל האָט גענומען שוועבען אויף פלאָרא׳ס געזיכט און אין איהרע אויגען האָט זיך א ים מיט ליעבע אָבגע־שפּיעגעלט; און אָבוואָהל איהר הארץ האָט געצויגען ניימאַן׳ען צו זעהען, דאָך איז זי געווען זעהר צופריעדען פון זיין האנדלונג. „ער וויל קיין טובות ניט“ — האָט אַן אינגערליכע שטימע געננו־מען ריידען אין איהר, וועהרענד א זיסער, מחיה׳דיגער געפיהל איז דורכגעלאָפען איבער אַלע איהרע גליעדער — „ער וויל ניט קיין בעלויהנונג פאַר דעם בלוט וואָס ער האָט איהר אוועקגעגעבען“...

דאָ האָט זי זיך פלוצלונג פערטראַכט. „ער האָט דאָך אָבער גענומען פופציג דאָלאר!“ — איז איהר א געדאַנק דורכגעלאָפען דורכ׳ן מח. א ביטערער געפיהל האָט יעצט פערטריבען איהרע פריהערדיגע אַנגענעהמע געפיהלען. אַך, ווי זי וואָלט זיך ווינשען, ער זאָל די פופציג דאָלאַר אויך ניט געווען נעהמען!..

דער דאָקטאָר האָט די גאַנצע צייט זיינע פאָרשענדע בליקען פון איהר ניט אַרונטערגענומען.

— דו וויסט — האָט דער ארצט אין א ווייל׳ע אַרום ווידער געזאָגט — ניימאַן האָט דאָך ניט געוואָלט צונעהמען די טשעקס, ניט דיין פאָטער׳ס און ניט פרענק׳ס.

— טאַקע! — האָט פלאָרא א גליקליכע אויסגעשריען, אָנ־כאַפּענדיג דעם דאָקטאָר׳ס הענד און דריקענדיג זיי הייס, אַזוי ווי זי וואָלט דערמיט ווע׳לען אויסדריקען איהר צופריעדענהייט, איהר גליק.

דער דאָקטאָר האָט אַרויסגענומען פון זיין בוזים־טאַש די צוויי טשעקס און זיי איהר געוויזען, זאָגענדיג:

— מילא, אַז ער האָט ניט געוואָלט נעהמען פרענק׳ס טשעק, דאָס קען איך נאָך בעגרייפען, אָבער דעם פּאַפּאַ׳ס — דאָס הויב

איך שוין ניט אָן צו פערשטעהן. ער איז אַרויס פון דאַנען אָהן א סענט ביי דער נשמה.

— אז איך וועל איהם זעהן וועל איך איהם בעטען, ער זאָל נעהמען די פופציג דאָלאר.

— דאָס וועסטו ביי איהם ניט פועל'ן.

— אָבער ער וועט היינט קומען?

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אז איך ווייס ניט זיכער צו ער וועט דאָ היינט זיין.

— וואָס האָט ער מיט אייך גערעדט ווען איהר האָט איהם נעכטען געזעהען?

— וועגען פערשיעדענעס האָבען מיר גערעדט.

— האָט ער אייך געפרעגט אויף מיר? — האָט פלאָרא פער־שעהמט אַרונטערגעלאָזען די אויגען, ווערהענד איהר געזיכט האָט זיך מיט א בלוט־רויטע פארב בעצויגען.

— ניין — האָט דער דאָקטאָר מיט אַ שמייכעל געענטפערט.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס האָט ער מיט אייך גע־רעדט וועגען מיר? — האָט זיא ווייטער געפרעגט אין א טאָן, אזוי ווי זי וואָלט זיכער געוועזן, אז ניימאַן האָט יא געפרעגט אויף איהר.

— איך זאָג דאָך דיר, אַז ער האָט דיין נאָמען זאָגאר ניט דער־מאָנט — האָט דער אַרצט שמייכלענדיג ווייטער געזאָגט.

פלאָרא האָט איהם אָנגעקוקט מיט בעטענדע בליקען, זאָגענ־דיג:

— איהר ציהט מיר ארויס מיין נשמה, דאָקטאָר!

— אַז דו ווילסט דוקא איך זאָל דיר זאָגען ליגען, קען איך דיר דאָס צוליעב טהאָן — האָט דער דאָקטאָר ווייטער געשפיעלט זיין ראָלע — ער האָט געזאָגט, אז דו ביזט די שעהנסטע מיידעל אויף דער וועלט, אז ער... עה, וואָס האָסטו זיך צו מיר צוגעטשעפעט? — האָט ער פּלוצלונג איבערגעהאַקט אין מיטען ריידען.

— איהר זייט א שלעכטער מענש!

— דערפאַר וואָס איך וויל קיין ליגען ניט זאָגען?

— אַ מאָדנער מענש! — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט צו זיך
— נו, זאָל שוין זיין געננוג וועגען דעם — האָט פלאָראַ גע־נומען ריידען אין אַן ערנסטען טאָן — יעצט וועלען מיר ריידען וועגען ביזנעס: ווי לאַנג דיינקט איהר מיך נאָך דאָ צו האַלטען?
— דאָס וויייניגסטע אַ וואָך נאָך — האָט דער דאָקטאָר אויך ערנסט געענטפערט.
— איהר מאַכט שפּאַס.
— איך מיין עס גאַנץ ערנסט.
— איך פיהל זיך דאָך שוין אַבסאָלוט געזונד.
— עס דוכט זיך דיר בלויז. דו ביזט נאָך זעהר שוואַך.
— ווער קען דען בעסער וויסען ווי איך פיהל ווי איך?
— דאָס מאַכען דיינע נארישע געדאַנקען דיך אַזוי פיהלען.
— דאָקטאָר, איך וויל, אַז מיר זאָלען יעצט ריידען ערנסט — האָט זי מיט אַ לייכטען פאָרוואורף אין איהר שטימע געזאָגט.
— איך בין אימער ערנסט.
— איך וויל היינט אַהיים געהן, דאָקטאָר! — האָט זי, צוטו־ליענדיג זיך צו איהם זיך געבעטען אין אַ קינדערשען טאָן.
— אונמעגליך — האָט דער ארצט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף ניין.
— איהר וועט זעהען, אַז איך וועל זיך אין דער היים שנעלער ערהאָלען, איהר וועט זעהן.

דער דאָקטאָר האָט זיך פערטראַכט. לויט איהר יעצטיגען צו־שטאַנד האָט ער איהר שוין געקענט אַהיים שיקען. ער האָט אָבער מורא געהאַט, אַז זייענדיג אין דער היים, וועט זי זיך ערגערען. זי וועט זיך בעגעגנען מיט פרענק'ען, וועט בייכקען נאָך ניימאַן'ען, וועלכען זי וועט פיעלייכט קיינמאָל ניט זעהען. און ער האָט בע־שלאָסען יעדענפאַלס איהר נאָך צו האַלטען אַ פּאָאר טעג אין האָס־פּיטאַל, האָפענדיג, פיעלייכט וועט זיך איהם דאָך איינגעבען צו געפינען ניימאַן'ען. ענדליך האָט ער זיך אָפּגערופען אין אַן ענט־שלאָסענעם טאָן:

— דו ווייסט דאָך, פלאָרא, אז איך האַלט דיך דאָ ניט צוליעב א קאַפּריז. דו מוזט נאָך דאָ בלייבען וויינינגסטענס עטליכע טעג.

* * *

דער דאָקטאָר האָט ווידער געלאָזט אָפּדרוקען אין דער זעלבער צייטונג, וואו ער האָט די פריהערדיגע אדווערטייזמענטס געדרוקט, עטליכע פּערזענליכע ווערטער צו ניימאַן'ען. ער האָט איהם געבעטען, ער זאָל קומען צו איהם, ער האָט איהם וויכטיגע נייעס מיטצוטהיילען.

עס זיינען אַוועק אַ פּאָר טעג און ניימאַן האָט זיך צום דאָקטאָר ניט געמעלדעט. ער האָט ווייטער עטליכע מאָל דורכ'ן טאָג אָנגעפרעגט דורכ'ן טעלעפאָן אין האָספּיטאַל אויף מיסס זיננגער. די נוירסעס און די איבעריגע פון האָספּיטאַל האָבען זיך לוסטיג געמאַכט איבער דיעזער געשיכטע. אַלע זיינען זיי געווען איינשטימיג, אז דער פערשוואונדענער האָט זיך פערליעבט אין דער מיידעל און זיי האָבען ניט אויפגעהערט צו ריידען וועגען דיעזען זאָנדערבאַרען ראָמאַן.

פלאָרא איז שוין ווירקליך געווען פאָלקאָמען געזונד. דער דאָקטאָר האָט געזעהן, אז עס איז נוצלאָז איהר לייננגער צו האַלטען אין האָספּיטאַל, אז עס איז פאַר איהר פיעל בעסער, זי זאָל זיין אין דער היים, אָדער זי זאָל פאָהרען ערגעץ־וואו אין דער קאָנטרי. איהם האָט אָבער אָפּגעהאַלטען דער איינער געדאַנק — זי וועט בייגקען נאָך ניימאַן'ען. יעדעס מאָל וואָס ער בעזוכט איהר, הערט זי איהם ניט אויף צו פרעגען אויף איהם. ער זאָגט איהר פערשיעדענע ליגענס; זי בערוהיגט זיך אַביסעל, אָבוואָהל איהר בענקשאַפט ווערט דערפון ניט שוואַכער. אָבער וואָס וועט ווייטער זיין?

א געוויסען אַבענד, ווען דר. סטענטאָן איז געזעסען ביי זיך אין הויז, האָט איהם זיין בעדיענער געלאָזען וויסען, אז מען רופט איהם צום טעלעפאָן.

— איז דאָס דאָקטאָר סטענטאָן? — האָט אַ שטימע געפרעגט.

דער אַרצט האָט זיך דערפרעהט — ער האָט דערקענט ניימאַן'ס קויל.

— דאָס ביזטו, ניימאַן?

— יאַ.

— קום גלייך אַריבער צו מיר אין הויז אַריין. איך וועל וואַר־טען אויף דיר.

— איך קען צו אייך ניט קומען.

— וואָרום?

— וואָס פאַר אַ וויכטיגע נייעס האָט איהר מיר מיטצו־טהיילען?

— דורכ'ן טעלעפאָן קען איך דיר דאָס ניט איבערגעבען. דו מוזט פערזענליך קומען.

— איך וועל צו אייך ניט קומען.

— ניימאַן, דו מוזט קומען!

— אונמעגליך. גלויבט מיר, איך קען ניט.

— מאַך זיך ניט נאַריש. וואָס איז מיט דיר פּלוצלונג געוואָ־רען? וואו ביזטו יעצט?

קיין אַנטוואָרט.

— ניימאַן!

— העללאָו.

— וואָרום ענטפערסטו מיר ניט?

— פאָרלויפיג קען איך אייך מעהר ניט זאָגען. איך בעט אייך, דאָקטאָר, זאָגט מיר וואָס איהר האָט מיר צו זאָגען — האָט דער טעלעפאָן איבערגעגעבען ניימאַן'ס בעטענדע שטימע.

— האָסט דאָך פערשפּראָכען צו קומען צו מיר!

— איך וועל קומען, אָבער ניט יעצט, שפּעטער, ווען עס וועט קומען די ריכטיגע צייט...

עס האָט ניט געהאָלפען דעם דאָקטאָר'ס ווייטערדיגע בעטען זיך ביי איהם, ער זאָל קומען צו איהם — ניימאַן האָט זיך געהאַל־טען פעסט ביי זיין בעשלוס. דער אַרצט האָט דאַן געפּרובירט אַן אַנדער מיטעל.

— וואָרום האָסטו דעם טשעק ניט גענומען? — האָט ער גע־

פרעגט — דו נויטיגסט זיך דאָך געוויס אין געלד. גיב מיר דיין אַדרעס, וועל איך איהם דיר צושיקען.

— איך דאַרף ניט קיין געלד. איך אַרבייט שוין. איך האָב זיך בעקענט מיט אַן ערעלען מענשען, וועלכער האָט מיר אַרויסגעהאָל־פען אין מיין לאַגע.

דער דאָקטאָר, דענקענדיג, אַז ניימאַן האָט מורא אָנצוגעבען זיין אַדרעס, האָט ער איהם פאָרגעשלאָגען, צו שיקען דעם טשעק אויף „דזשענעדאַל דעליווערי", אין דעם ניו יאָרקער פאָסט־אָפיס.

— ווען איך וואָלט אפילו געשטאָרבען פון הונגער, וואָלט איך קיין סענט ניט צוגענומען פון מיסטער זינגער'ן און פון קיינעם ניט — האָט ניימאַן אין א שטאָלצען טאָן געענטפערט — איך בין גליקליך וואָס מיין בלוט האָט געראַטעוועט מיסס זינגער'ס לעבען, אָבער קיין בעלוינונג וויל איך ניט דערפאַר. ווען מען זאָל מיר אפילו געבען ראָקאָפעללערס פערמעגען, ניין, זאָגאַר דיא גאַנצע געלד פון דער וועלט, וואָלט איך עס ניט צוגענומען.

אַלזאָ ווילסטו ניט קומען צו מיר?

— ניט איך ו ו י ל ניט, איך ק ע ן ניט, דאָקטאָר, גלויבט עס מיר!

— ניימאַן, צווייפעלסטו דען אין מיין פריינדשאַפט צו דיר?

— ניין, דאָקטאָר, און איך דאַנק אייך זעהר.

— טאָ קום זשע גלייך צו מיר און איך וועל דיר זאָגען וואָס מיסס זינגער האָט מיר געבעטען דיר איבערצוגעבען.

דער דאָקטאָר האָט געוואַרט עטליכע מינוטען אויף אַן אַנט־וואָרט.

— איך קען ניט קומען — האָט ניימאַן'ס שטימע נערוועז גע־ציטערט דורך דעם טעלעפאָן — גריסט מיסס זינגער אין מיין נאָמען און זאָגט איהר, אַז...

ניימאַן האָט ניט געענדיגט וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען. דער דאָקטאָר האָט נאָך עטליכע מאָל איהם גערופען, אָבער דיא טעלע־פאָן־פערבינדונג איז שוין געווען איבערגעריסען.

זעלבסט, ציהענדיג מיט דיא פּלייצעס — איך הויב איהם ניט אָן צו בעגרייפען.

## זעקסטער קאַפּיטעל.

פלאָרא געפינט זיך שוין אַ פּאָר טעג אין איהר היים. דער טאָג, ווען זיא איז ארויסגעגאַנגען פון האָספּיטאַל איז ביי דיא זינגערס אין הויז געווען אַ גרויסער יום טוב. עס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען זייערע פריינד און קרובים. יעדער האָט מיטגעבראכט בלומען און ווען זיא האָט דיא שוועל איבערגעטראָטען, האָט מען זיא געקושט, געהאַלזט און מיט בלומען פערוואָרפען.

מיסעס זינגער האָט דיעזען טאָג אַ סך צדקה פונאַנדערגעטיילט. זיא איז אַוועק אין אַ תּלמוד תּורה און האָט פּאַר דיא קינדער אייז־קרים און קענדי געקויפט, ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבען געהאַלטען אין איין אָנקומען געסט, וועלכע האָבען געוואונשען דיא געזונד־געוואָרענע פריילין גליק און לאַנגע יאָהרען.

פלאָרא איז געווען פרעהליך. זיא האָט דיא געסט פריינדליך בעגריסט און פאַר יעדען געפונען אַ פריינדליכען וואָרט. דיעזע פרעהליכקייט איז אָבער געווען אַ געמאַכטע. אין איהר הארצען האָט איהר אַ טיעפער אומעט גענאָגט. זיא האָט זיך בעטראַכט אַלס זינדיג פאַרוואָס זיא פיהלט זיך גליקליך, וועהרענד ניימאַן איז ניט מיט איהר. „אַך, פּאַרוואָס איז ער, ניימאַן, דאָ ניטאָ“! — איז איהר יעדע ווייליע דורכגעלאָפען דורכ׳ן מח איינער און דערזעלבער געדאַנק. און דיעזער אומעט האָט זיך אַלץ מעהר פערשפּרייט אין איהר, זעהענדיג וויא קיינער דערמאָנט זאָגאַר ניט ניימאַן׳ס נאָמען. אַך, וויא דאָס האָט איהר געקרענקט!

זיצענדיג ביים טיש צוזאַמען מיט דיא געסט, וועלכע האָבען זיך געלאָזען וואוילגעהן מיט דיא פערשיעדענע גוטע זאַכען, וואָס זיינען דאָרטען געווען אָנגעשטעלט, האָט פלאָרא בעשלאָסען צו דערמאָנען ניימאַן׳ס נאָמען — דער נאָמען וועלכער איז איהר אַזוי ליעב און טהייער און זיא האָט געזוכט אַ פּאַסענדע געלעגענהייט. זיא האָט געהאַט אַ שטאַרקען בעגעהר דאָס צו טהאָן. ערשטענס,

זאָלען טאַקע אַלע אויסדריקען גוטע מיינונגען וועגען איהם, ווע־גען זיין עדעלע טהאַט. עס וועט איהר זיין אַזוי אַנגענעהם דאָס צו הערען... צווייטענס, וועט זיא סתם האָבען גרויס פּערגניגען, ווען זיא וועט ריידען וועגען איהם.

מענשען האָבען אָפּט ליעב צו ריידען מיט זייערע בעקאַנטע וועגען דיא, וועלכע זיי טראָגען טיעף אין זייערע הערצער, — וועגען זייערע געליעבטע. אונטער פערשטעלטע פאָרמען ריידען זיי וועגען דעם. און כאָטש דיא צוהערער שענקען זיי ניט דיא גע־ווינשטע אויפמערקזאַמקייט, האָבען זיי אָבער דערביי אונבעשרייב־ליכען פערגניגען...

און עס האָט זיך געמאַכט אַ גינסטיגע געלעגענהייט, ווען פלאָרא'ס וואונש האָט געקענט פערווירקליכט ווערען. דיא געסט האָבען געטרונקען פאַר איהר געזונד. אייניגע האָבען געטרונקען פאַר דעם געזונד פון דיא זינגערס און פון חתן־כלה — פלאָרא און פרענק'ען. מאַנכע האָבען אויך געמאַכט טאָסטען פאַר דעם דאָק־טאָר, וועלכער האָט זיך אויך געפונען צווישען דיא אַנוועזענדע.

ענדליך האָבען אַלע גענומען פאָדערען, אז פלאָרא זאָל עפּעס זאָגען.

פלאָרא האָט מיט אַ נערוועזע בעוועגונג אויפגעהויבען דאָס גלעזעל וויין, וועלכעס מען האָט פאַר איהר געהאַט אָנגעגאָסען און אין אַ ציטערענדע, אָבער שטאַרקע שטימע האָט זיא געזאָגט:

— איך טרינק פאַר דעם געזונד פון דעם יעניגען, וועלכער האָט מיך ווירקליך געזונד געמאַכט; איך טרינק פאַר דעם געזונד פון מיסטער ניימאַן, וועמעס בלוט עס פליסט יעצט אין מיינע אָדערען!

— הורריי פאַר מר. ניימאַן! — האָבען אַלע געסט אויסגע־שריען און דערביי הילכיג אַפּלאָדירט.

פלאָרא איז יעצט געווען אויף דעם זיבענטען הימעל פון גליק. מען האָט דאָס לייכט געקענט זעהען פון איהר שטראַהלענדען גע־זיכט.

נאָך איהר האָט פאָרגעבראַכט אַ טאָאסט איהר חתן, וועלכער

איז געזעסען קאלטבלוטיג, ווען פלאָרא האָט דערמאָנט ניימאַן׳ס נאָמען און האָט ניט אַפּלאָדירט. ער האָט געטרונקען פאַר דעם געזונד פון זיין כלה, איהרע עלטערען און אלע אנוועזענדע און נאכהער האָט ער געמאַכט דיא פאָלגענדע בעמערקונג:

פלאָרא האָט געפונען פאַר נויטיג צו טרינקען פאַר דעם געזונד פון מיסטער ניימאַן. ער איז ניט געווען דער איינציגער וואָס האָט געוואָלט פערקויפען זיין בלוט. עטליכע און צוואַנציג מענשען האָבען זיך אָפּגערופען אויף דעם אַדווערטייזמענט. ניט וואהר, דאָקטאָר? — האָט ער זיך געווענדעט צום ארצט — דאָקטאָר סטענטאָן האָט איהם גראַד אויסגעקליבען, ווייל ער איז אַ געזונטער. נו, האָט מען דאָך איהם בעצאָהלט פופציג דאָלאַר דערפאַר, און א י ך האָב איהם אויך געגעבען פינף און צוואַנציג דאָלאַר, טאָ וואָס פאַר אַ גוטס האָט ער דאָ געטהאָן? פינף און זיבעציג דאָלאַר איז אַ היבשע סומע געלד. איהם איז דערפון גאָר ניט אָבגעקומען, ניט וואהר, דאָקטאָר? — האָט ער זיך ווידער געָ׳עדות׳ט מיט דעם ארצט — מען לעזט אָפט אין דיא צייטונגען וויא מענשען פערקויפען זייער בלוט, און דאָס נאָך פאַר קלענערע סומען.

ווען ער האָט געענדיגט האָט קיינער ניט אַפּלאָדירט. פערקעהרט, זיין רעדע האָט ארויסגערופען אַ מין ביטערקייט ביי אלע אנוועזענדע. זיא האָט אויף אלעמען געמאַכט פונקט דעם פערקעהרטען איינדרוק וואָס פלאָרא׳ס טאָאסט. מיסס זינגער׳ס עטליכע ווערטער, אויסגעשפּראָכען פון דער טיעפענים פון איהר הארצען און מיט אזוי פיעל געפיהל, האָט אין דיא געסט ארויסגערופען ליעבע און סימפּאַטהיע צו דעם אונבעקאַנטען יונגען מאַן, צו ניימאַן׳ען און זיי האָבען דיעזען געפיהל אויסגעדריקט מיט דעם דונערנדען הורראה און דיא הילכיגע אַפּלאָדיסמענטען וועלכע האָבען אָנגעהאלטען עטליכע מינוטען. אַ שלעכטען איינדרוק האָט אויך אויף דיא אנוועזענדע געמאַכט דער טאָן, אין וועלכען פרענק האָט גערעדט. דאָס איז געווען אַ קאַלטער, ביזנעס־מעסיגער טאָן. עס האָט געשיינט, אז ער רעדט דאָ וועגען אַ „דיעל“ וואָס ער האָט געמאַכט אין ריעל עסטייט (זיין ווירקליכע בעשעפטיגונג), וועגען אַ

„דיר“, אַ „מאַרטגיידזש“. ער איז געשטאַנען בעוועגלאָז און גע־צויגען דיא ווערטער, אַזוי וויא ער וואָלט זיי צעהלען, אַזוי וויא יע־דעס וואָרט וואָלט געווען אַ דאָלאַר... איין וואָרט האָט ער בלויז בעטאָנט מיט שטאָלץ — דאָס וואָרט „איך“, ווען ער האָט גע־זאָגט: „און איך האָב איהם געגעבען פינף און צוואַנציג דאָלאַר“.

פלאָראַ, זעהענדיג פון דער שטימונג וואָס האָט יעצט געהערשט, אַז אַלעמענס סימפּאַטהיע איז מיט איהר און ניט מיט פרענק׳ען, האָט זיך האַסטיג אויפגעשטעלט און געזאָגט אין אַ טאָן פון איינ־געהאַלטענע אויפרעגונג:

— לײדיעס און דזשענטעלמען! איהר וועט אַזוי פריינדליך זיין און מיר נאָך אויף אַ וויילע שענקען אייער אויפמערקזאַמקייט. איך וויל ענטפּערען מיסטער פרענק׳ען אויף זיינע ווערטער.

דאָ האָט זיא זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט און אַ פּאָר מאָל טיעף אָבגעאָטהעמט. איהר ברוסט האָט זיך דערביי האַסטיג אויפגעהוי־בען און אַרונטערגעלאָזען, אַזוי וויא כוואַליעס וואָלטען דאָרטען יעצט ווילד געבושעוועט... דער דאָקטאָר האָט געזוכט זיך צו בעגע־גענען מיט איהרע אויגען און ווען זייערע בליקען בליקען האָבען זיך דורכגעקרייצט, האָט זיא זיך גלייך בערוהיגט. דאַן האָט זיא פאָרטגעזעצט שוין אין אַ רוהיגען טאָן:

— מיסטער פרענק האָט געמאַכט צו נישט מיסטער ניימאַן׳ס טהאַט. לויט זיין מיינונג קומט אויס, אַז דיעזער מיסטער ניימאַן איז פונקט וויא אַ שוכטער אָדער אַ שניידער, ביי וועמען מען קויפט אַ שוך אָדער אַ קלייד. געקויפט, בעצאָהלט און — דאַט׳ס אָלל!... איך רענק גאַנץ אַנדערש וועגען דעם און איך האָף, אַז איהר, מיינע פריינדע, זייט אויך ניט מיט מיסטער פרענק׳ען איינ־פערשטאַנען. בלוט, — האָט זיך יעצט איהר גאַנצער קערפּער גענו־מען פיבעריש טרייסלען — בלוט איז ניט קיין שיך, קיין קלייד, קיינע „לאַטס“ אָדער אַ הויז!...

— אָבער געלד האָט מען איהם בעצאָהלט? — איז פרענק אויפגעשפּרונגען שוין עטוואָס אַ צוקאָכטער, זעהענדיג, אַז אַלע געסט האַלטען מיט פלאָראַ׳ן און ניט מיט איהם.

— פרענק האָט רעכט — האָט זיך יעצט מיסטער זינגער אריינגעמישט — ער האָט געגעבען בלוט און מיר האָבען איהם דערפאר געגעבען געלד. ביזנעס איז ביזנעס!

פרענק האָט געוואָרפען א טריאומפפירענדען בליק אויף דיא אנוועזענדע. ער איז זיכער געווען ביי זיך, אַז זיין מחותן׳ס אַרגומענט איז געווען זעהר אַ שטאַרקער און אַז יעצט וועט ער האָבען אַלעמען אויף זיין זייט.

אויף פלאָרא׳ס געזיכט איז אַ ביטערער שמייכעל ארויסגעטראָטען. זיא האָט א קוק געטהאָן צום דאָקטאָר מיט אַ פיעל־בעדייטענדען בליק, אַזוי וויא זיא וואָלט זאָגען: „נו, וואָס זאָגט איהר דערצו?“ נאַכהער האָט זיא ווידער אָנגעפאַנגען, אָנשטרענגענדיג זיך מיט אַלע איהרע קרעפטען צו בעהערשען אין זיך דיא אויפרעגונג:

— אזוי, ער האָט געגעבען בלוט און מיר האָבען איהם דערפאַר געגעבען געלד. ביזנעס איז ביזנעס! — האָט זיא איראָניש ווידערהאָלט דעם פאָטער׳ס ווערטער — ווען עס וואָלט דאָ ווירקליך אזוי געווען דער פאַל, וואָלט אויך מיסטער ניימאַן׳ען געקומען, אַ חוץ זיין בעלאָהנונג, נאָך אַ טיעפען דאַנק. עס איז אַ גרויסער מיטלייד מיט אַזאַ מענשען, וועלכער געפינט זיך אין אַזאַ שרעקליכער לאַגע, אַז ער איז געצוואונגען צו פערקויפען זיין בלוט פאַר געלד... און ווען ער טהוט שוין דאָס, איז ער נאָך בערעכטיגט צו דעם, וואָס מען קען מיט קיין סומע געלד ניט קויפען — צו טיעפע, אייביגע דאַנקבאַרקייט. אָבער נאָך טרויעריגער איז — האָט זיא יעצט אויפגעהויבען איהר שטימע, אין וועלכער עס האָט געקלונגען פערשטיקטער כעס און טיעפער פאָרוואורף — נאָך טרויעריגער איז, ווען מען קויפט פרעמדע בלוט, ווען עס געפינען זיך ניט צווישען דיא נאָהענטסטע, צווישען דיא אייגענע אַזעלכע, וועלכע זאָלען זייער אייגען בלוט אָפּפערען, אום צו ראַטעווען זייער קראַנקען!... מאַמעניו, איך מיין ניט דיר — האָט זיא שנעל צוגעגעבען, ווענדענדיג זיך צו דער מוטער, אין וועמעס אויגען עס האָבען יעצט טרעהרען געבלישצעט — דו האָסט זיך געבעטען, מען

זאָל ביי דיר נעהמען בלוט פאַר מיר, — דיין גאַנצע בלוט, דיין לעבען וואָלסטו געווען פאַר מיר געאָפּפּערט. דו ביזט אָבער נעבעך אליין א שוואכע!

— נאָך וואָס האָבען מיר געדארפט געבען אונזער בלוט, אז מען האָט דאָס געקענט קויפען פאַר געלד! — האָט דער פּאַטער זיך ווידער אָפּגערופען, ווענדענדיג זיך מיט א שמייכלענדע מינע צו דיא געסט.

— און יעצט וועל איך אייך ענטדעקען א סוד — האָט פלאָרא ווייטער גערעדט, איגנאָרירענדיג דעם פּאַטער׳ס בעמערקונג — מיסטער ניימאַן האָט קיין איין סענט ניט גענומען פאר זיין בלוט!

— איז דאָס וואהר, דאָקטאָר? — האָט זיא זיך געווענדעט צום ארצט, ציטערענדיג פיבערהאפט.

דער דאָקטאָר האָט ארויסגענומען דיא צוויי טשעקס פ׳ן פּאַקעט און שוויגענדיג זיי אוועקגעלייגט אויפ׳ן טיש.

דיא געסט האָבען זיך אָנגעקוקט איינע דיא אַנדערע מיט ער־שטוינטע בליקען. א ווײַלע האָט אין דעם גרויסען זאאל געהערשט א שטילקייט, א פייערליכע שטילקייט. נאַכהער האָט זיך דער דאָק־טאָר אָפּגערופען:

— ווען דער יונגער מאַן האָט זיך אָפּגערופען אויף מיין אַד־ווערטייזמענט, האָט ער זיך געפונען אין דער שרעקליכסטער נויטה. ער האָט שוין עטליכע טעג געהונגערט און ניט געהאַט וואו דעם קאָפּ אהין צו טהאָן. ער איז געקומען פערקויפען זיין בלוט, אום פאַר דיא פופציג דאָלאר זיך צו ראַטעווען פון זיין שרעקליכער לאַגע. אָבער ווען איך האָב איהם דערלאַנגט דעם טשעק, האָט ער זיך ענטזאגט איהם צו נעהמען, ערקלעהרענדיג, אַז ער וואָלט בע־גאַנגען א פערברעכען ווען ער זאָל נעהמען בעצאָהלט דערפאַר וואָס ער האָט געראַטעוועט א מענשען׳ס לעבען.

— ער מוז זיין משוגע, ניט אַנדערש — האָט פרענק א זאָג געטהאָן מיט א קאַלטען שמייכעל אויף דיא ליפּען.

פלאָרא האָט דערויף געוואָלט עפּעס ענטפערען. זיא האָט זיך

אָבער צוריקגעהאַלטען און האָט אויף איהם בלויז א קוק געטהאָן מיט שטעכיגע בליקען.

פלאָרא האָט יעצט געהאַט אַ זיעג איבער איהר פאָטער און פרענק׳ען. אַלע אנוועזענדע האָבען אויסגעדריקט זייער סימפּאַטהיע צו ניימאַן׳ען, איהם געלויבט פאַר זיין עדעלע, נאָבעלע טהאַט, און זיא האָט זיך צוגעהערט צו דיעזע רייד וויא צו דיא הערליכסטע מוזיק.

אין אַ פּאָאר טעג שפּעטער האָט זיך פלאָרא דערוואוסט פון איהרע אַ פריינדין וועגען ניימאַן׳ס פערשוואונדען ווערען פון האָס־פּיטאַל. און דעם זעלבען אבענד איז זיא אַוועק צו דאָקטאָר סטענ־טאָן און איהם פּאָרגעהאַלטען, ווארום ער האָט איהר וועגען דעם גאָר ניט געזאָגט. דער ארצט האָט זיך פערענטפערט, אַז ער האָט דאָס איהר ניט געקענט זאָגען, ווייל זיא איז נאָך דאַן געווען שוואַך און דיעזע נאַכריכט וואָלט זעהר שלעכט געווען געווירקט אויף איהר געזונד.

— האָט איהר איהם גאָר ניט געזעהן זינט דאַן ? — האָט זיא געפרעגט.

— ניין — האָט דער דאָקטאָר זיך מודה געווען.

— און אַלעס וואָס איהר האָט מיר איבערגעגעבען אין זיין נאָמען האָט איהר זעלבסט פערפאַסט ?

— יא. געדיינקסט דאָך, אַז איך האָב אין מיינע געשפּרעכען מיט דיר ניט איינמאָל בעמערקט, אַז מען איז אָפט געצוואונגען צו זאָגען אַ ליגען, איבערהויפּט מיר, דאָקטוירים...

און ווען דער דאָקטאָר האָט איהר איבערגעגעבען, אַז ניימאַן פלעגט עטליכע מאָל אין טאָג זיך אָנפרעגען אויף איהר דורכ׳ן טע־לעפאָן, האָט זי זיך זעהר דערפרעהט. דער דאָקטאָר האָט איהר אויך דערצעהלט ווי ער האָט ניימאַן׳ען געזוכט אין דעם דראַג־סטאָר און וועגען זיין לעצטען געשפּרעך מיט איהם איבער דעם טעלעפאָן.

— פאַר וואָס וויל ער צו אייך ניט קומען ? — האָט זי מיט אנגסט געפרעגט.

— דאָס איז דאָך מיר אויך אונפערשטענדליך — האָט דער

דאָקטאָר איהר ערקלעהרט — איך האָב זיך אזוי געבעטען ביי איהם און ער האָט זיך אליץ געהאַלטען ביי דאָס זייניגע — ער וועט קומען שפּעטער, ווען די צייט וועט זיין גינסטיג.

— דאָקטאָר! — האָט פלאָרא זיך ארויפגעוואָרפען אויף דעם אַרצט'ס ברוסט און אויסגעבראָכען אין אַ הערצליכען געוויין! — העלפט מיר אויסגעפינען מיסטער ניימאַן'ען! איהר האָט מיר שוין איינמאָל מיין לעבען געראַטעוועט, אָבער דאָס לעבען האָט ביי מיר קיין שום ווערטה ניט אָהן איהם. איך מוז איהם זעהן, מיט איהם ריידען. אָה, ווען איהר זאָלט וויסען ווי שרעקליך איך לייד! איך קען וועגען קיין אַנדער זאַך ניט דיינקען נאָר וועגען איהם. מיין האַרץ ווערט צוריסען פון בענקשאַפט.

— דאָס וועט איבערגעהן — האָט דער דאָקטאָר גענומען איהר בערוהיגען — מיט דער צייט וועסטו אָן איהם פערגעסען!

— איהר האָט אַ טעות, דאָקטאָר — האָט פלאָרא ניט אויפ־געהערט צו וויינען — איך וועל אָן איהם קיינמאָל ניט פערגעסען. און אויב איך וועל איהם ניט זעהען, וועט זיין אומזיסט אייער מיה וואָס איהר האָט מיר געזונד געמאַכט. אויב איך האַלט זיך נאָך יעצט אויף די פיס, האָב איך דאָס צו פערדאַנקען די שטאַרקע האָפנונג מיינע ניימאַן'ען צו זעהען. איך בין זיכער, אַז ער וועט זיך אָברופען און דאָס דערהאַלט מיר ביים לעבען.

— פאַר וואָס ביזטו דאָס אַזוי זיכער?

— מיט קיין ווערטער קען איך אייך דאָס ניט ערקלעהרען. אָבער איך פיהל דאָס, איך פיהל דאָס אַזוי שטאַרק!..

— אַז דו ביזט אַזוי זיכער, דאָס ער וועט זיך אָפּרופען, טאָ וואָס ווילסטו פון מיר אַז איך זאָל איהם אויפזוכען — האָט דער דאָקטאָר געשמייכעלט.

— לייגט אַוועק אייער שפּאַס, דאָקטאָר — האָט פלאָרא גע־רעדט זעהר ערנסט, קוקענדיג אויף איהם מיט איהרע פייכטע אויג־נען — זייט ערנסט. איהר זייט מיין איינציגער פריינד, פאַר וועמען איך האָב מיין האַרץ געעפענט. קיינער קען מיך ניט בעגרייפען.

— איך בעגרייף דיך אויך ניט — האָט דער דאָקטאָר זיך געסטאַרעט אָנצונעהמען אַן ערנסטע מינע.

— וואָס מיינט איהר? — האָט פלאָראַ איהם ערשטוינט אָנגעקוקט.

— גאַנץ איינפאַך: איך פערשטעה ניט וואָס דו פאַרדרעהסט דיר אַ קאָפּ. וואָס האָסטו זיך צו דיעזען יונגען מאַן צוגעטשעפּעט? דו האָסט דאָך אַ חתן. איידער דו ביזט קראַנק געוואָרען, ביזטו דאָך געוועזן גליקליך מיט מיסטער פרענק׳ן, דו האָסט דאָך איהם געליעבט.

— איך בין אָבער יעצט אַן אַנדער מענש געוואָרען. עס פליסט יעצט אין מיר אַנדערע בלוט. ניט נאָר ליעב איך יעצט ניט מיסטער פרענק׳ען, נאָר איך האַס איהם. זיין אַנוועזענהייט רופט אַרויס אין מיר די ביטערסטע געפיהלען. און ווי קען מען אַזאַ מענשען ליעבען? איהר האָט דאָך געהערט וואָס ער האָט געזאָגט וועגען מיסטער ניי־מאַן׳ען דעם אָבענד ווען איך בין אַהיים געקומען פון האָספּיטאַל...

— דיין פאָטער האָט דאָך אויך געהאַלטען מיט איהם.

— אין די כאַראַקטערע זיינען זיי טאַקעביידע עהנליך. ביידע זיינען זיי באַרמלאָזע, געפיהל־לאָזע מענשען. די עדעלע געפיהלען: רחמנות, דאַנקבאַרקייט, זיינען זיי פרעמד.

דער דאָקטאָר האָט זיך אַ ווײַלע פערטראַכט, קוקענדיג אויף פלאָראַ׳ן מיט מיטליידענדע בליקען און נאָכהער געזאָגט:

— פלאָראַ, דו נעהמסט זעלבסט אויף זיך צרות. האָסט זיך אַריינגענומען נאַרישקייטען אין קאָפּ. פיעלייכט האָט ניימאַן דיך שוין ניט אין זינען. עס קען זיין, אַז ער האָט שוין פערגעסען אָן דער גאַנצער געשיכטע.

דער דאָקטאָר האָט געוואוסט, אַז עס איז ניט אַזוי. ער איז געוועזן איבערצייגט, אַז ניימאַן ליעבט זי און אַז ער בענקט נאָך איהר פיללייכט נאָך שטאַרקער ווי זי נאָך איהם. ער האָט דאָס אומישנע געזאָגט, אום צו הערען וואָס זי וועט דאַרויף ענטפערען.

— דאָס קען ניט זיין! — האָט פלאָראַ גענומען ריידען שנעל אין אַ נערוועזען טאָן, וועהרענד אין איהרע פייכטע אויגען האָבען

זיך צוויי פייערלעך אָנגעצונדען — איך בין איבערצייגט, אז ער ליעבט מיר אויך. איך האָב דאָס געזעהן אָן זיינע בליקען, ער האָט דאָס מיר דייטליך געזאָגט מיט זיינע אויגען, ווען ער איז דאָס לעצ־טע מאָל ביי מיר געוועזען. דאָס איז אזוי אמת, ווי יעצט איז נאַכט. אָבער ווען עס וואָלט אפילו געוועזען ווי איהר זאָגט — איך גלויב ניט, אז איהר מיינט דאָס ערנסט — האָט זי איהם א שטויס געטהאָן מיט'ן עלענבויגען און א שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף איהרע ליפּען — ווען עס וואָלט אפילו אזוי געוועזען, וואָלט דאָס אויך אויף מיינע געפיהלען ניט געווירקט. איך וואָלט איהם סיי ווי סיי גע־ליעבט. פיעלייכט נאָך שטאַרקער. ניין — האָט זי זיך צוריקגעכאַפּט — שטאַרקער קען שוין ניט זיין. און וועגען די צרות וואָס איך נעהם אויף זיך, ווייס איך דאָס זעהר גוט. איך ווייס, אז איך וועל האָבען א שווערען קאַמפּף דורכצומאַכען מיט מיין פאָטער. איך וועל אָבער מוזען מיין וואונש עררייכען, און נאָך די צרות וועט זיך פאַר מיר אָנהויבען א גליקליכער לעבען.

— א שעהנער גליק!.. אוי, נאַרישע, נאַרישע מענשען! — האָט דער דאָקטאָר בעדויערענדיג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— דאָקטאָר, פערגעסט א ווייל אָן אייערע פעסימיסטישע אַנשויאונגען וועגען די ליעבע און דעם פאַמיליען־לעבען — האָט פלאָרא שמייכלענדיג זיך ביי איהם געבעטען — איהר שרייבט דאָך א בוך וועגען דיעזען געגענשטאַנד, ועלען מיר דאָס לעזען. איהר זייט מיין איינציגער פריינד און איך וויל פון אייך פריינדליכע הילף.

— וואָס קען איך פאַר דיר טהאָן?

— געפינט מיר אויס נייטאַן'ען!

— איך האָב דאָך דיר ערקלעהרט, אז ער וויל זיך ניט ווייזען. ער האָט מיר זיין אַדרעס ניט געוואָלט געבען.

— ווען ער זאָל וויסען, אז איך וויל איהם זעהען, וואָלט ער געקומען צו פליהען.

— אזוי זיכער ביזטו דאָס ביי דיר?

— יא.

— האָסטו אַ טראַכט געטהאָן וועגען דעם, אַז דו בעגעהסט אַ פעררעאַטה געגען פרענק׳ען. ער האָט דיך ליעב, ער בעטראַכט דיך אַלס זיין כלה, אַלס זיין צוקונפטיגע פרוי און דו...

— דאָס הייסט אַ פעררעאַטה? — האָט פלאָרא איהם ניט געלאָזט ענדיגען די רייד — עס וואָלט ווירקליך אזוי געוועזן. ווען איך וואָלט מיסטער פרענק׳ען ליעב געהאַט. עס איז אָבער ניט אזוי דער פאַל. זינט ניימאַן׳ס בלוט האָט געגומען פליסען אין מיינע אָדערען, זינט איך האָב מיינע אויגען געעפענט, נאָכדעם ווי איך האָב ערוואַכט פון דעם כלאָראָפאָרם, האָב איך גלייך דערפיהלט אַ הייסע ליעבע צו ניימאַן׳ען און אַ טיעפען האַס און עקעל צו פרענק׳ען. דאָס איז פיעלייכט אונבעגרייפליך פאַר אייך אַלס דאָקטאָר — האָט זי צוגעגעבען — די מעדיצינישע וויסענשאַפט רעדט ניט וועגען אַזעלכע געפיהלען; אַלס מ ע נ ש אָבער וועט איהר מיר זיכער בעגרייפען. איך האָב זיך פלוצלונג אַרומגעזעהען, אַז פרענק האָט מיר ניט ליעב. ווארום האָט ער זיין בלוט ניט געגע־בען, אום מיין לעבען צו ראַטעווען? — האָט זי געענדיגט, טריים־לענדיג זיך מיט איהר גאַנצען קערפּער.

— איז דיין פפליכט דאָס פרענק׳ען אָפען צו ערקלעהרען.

— ריכטיג. איך וואָלט דאָס שוין געוועזן געטהאָן. ער איז אָבער יעצט אוועקגעפאָהרען צוליעב ביזנעס. ער וועט ערשט קומען אין אַ פּאָר טעג ארום, און דאַן וועל איך איהם נאַטירליך אַלעס ער־קלעהרען.

— איך שטעל מיר פאָר וואָס ער און דיין פאָטער וועלען דאַן זאָגען.

— דאָס קימערט מיך גאַנץ ווייניג. איך וועל האַנדלען ווי מיינע געפיהלען דיקטירען מיר. איך פיהל זיך יעצט אזוי מוטהיג, אזוי שטאַרק, אַז איך וועל אַלעס קענען בעקעמפּפען. ניימאַן׳ס בלוט וואָס פליסט יעצט אין מיינע אָדערען האָט מיר פאַר אַ ריעז גע־מאַכט.

דער דאָקטאָר האָט גוטמוטהיג געשמייכעלט.

— לאַכט ניט דאָקטאָר — האָט פלאָרא ווייטער גערעדט

זעהר ערנסט — איהר וועט זיך מיט דער צייט איבערצייגען אין דעם אמת פון מיינע רייד.

— דו קענסט אימער רעכענען אויף מיין סימפאטהיע און פריינדליכע הילף — האט דער דאָקטאָר געזאָגט שוין אין אן ערנ־סטען טאָן.

— איך דאַנק אייך ! — האָט פלאָראַ אויסגעשטרעקט צו איהם איהר האַנד.

— ווייסטו וואָס ? — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט נאָך אַ ווייַ־לע פון נאָכדיינקען — איך האָב אַ פּלאַן ווי אַזוי ניימאַן זאָל זיך אָפּרופען. איך גלויב, אַז דאָס איז אַ גוטער פּלאַן. שטעל אריין אַ פערזענליכען אַדווערטייזמענט אין דיין נאָמען אין דער זעלבער צייַ־טונג, וואו איך האָב אַ פּאָר מאָל אַנאָנסירט, אַז דו ווילסט איהם זעהען. ניימאַן וועט דאָס זיכער לעזען און ער וועט זיך פּיעלייכט אָפּרופען.

— מערקווירדיג ! — האָט פלאָראַ אויסגעשריען אַ בעגייס־טערטע — אָט פּונקט דער זעלבער פּלאַן איז מיר אויך יעצט גע־קומען אויפ׳ן געדאַנקען.

— אויב דו ווילסט, וועל איך דאָס דיר בעזאָרגען.

פלאָראַ האָט איהם העפליך געדאַנקט, ערקלעהרענדיג, אַז זיא וויל איהם ניט אַזוי פיעל בעמיהען ; זי וועט שוין דאָס אַליין בע־זאָרגען.

זיי האָבען נאָך אַ היבשע ווײַלע פערבראכט צוזאמען און ווען זי איז אַוועק אַהיים, האָט זי זיך געפיהלט בעסער, ווי ווען זי איז צום דאָקטאָר געקומען. איהר הארץ איז געוועזען פול מיט האָפנונג, אַז ניימאַן וועט זיך זיכער אָפּרופען אויף איהר אַנאָנסע.

אויף מאָרגען איז אין דער דערמאָנטער צייטונג ערשיענען דער פאָלגענדער אַדווערטייזמענט צווישען די „פּערזענליכע אַנאָנ־סען" :

„אַרטהור ניימאַן, וועלכער האָט געגעבען זיין בלוט צו
„מיסס פ. ז. איז געבעטען צו קומען פּערזענליך אָדער צו שיַ־

„קען זיין אדרעסע. ער איז אָבער דרינגענד געבעטען צו קומען
„פערזענליך.

פ. ז.“

דעם גאַנצען טאָג האָט זיך פלאָרא געפונען אין א פיבערהאַפ־טען צושטאַנד. יעדעס מאָל וואָס זי האָט געהערט אימיצען קומען איז זייער הויז אריין, איז זי נערוועז געוואָרען, דיינקענדיג, אַז דאָס איז פיעלייכט ניימאַן. שטונדען לאַנג איז זי געשטאַנען ביים פענ־סטער, ערוואַרטענדיג זיין אָנקומען. זי האָט אָבער אומזיסט גע־וואַרט — ער האָט זיך ניט בעוויזען. ווען עס איז נאַכט געוואָרען, האָט א טיעפע פערצווייפלונג ארומגענומען איהר הארץ. „ער וויל ניט קומען און ער וויל זיך ניט אָפּרופען“ — האָבען טרויעריג גע־מורמעלט איהרע ליפּען און זודיגע טרעהרען האָבען גענומען שטי־קען איהר האַלז. עס זיינען געקומען צו איהר געסט. זי האָט זיך געסטאַרעט צו זיין מונטער, פרעהליך, אָבער איהר האַרץ איז אַלץ טרויעריגער, אומעדיגער געוואָרען. די געסט זיינען איהר יעצט גע־ווען אונערטרעגליך. זי האָט געוואָלט בלייבען אַליין — אַליין מיט איהרע געדאַנקען...

א שרעקליכע נאַכט האָט זי פערבראַכט. זי האָט קיין אויג ניט צוגעמאַכט און נאָר געטראַכט וועגען ניימאַן׳ען. זי איז אַזוי זיכער געוועזען אַז ער וועט קומען! ווארום רופט ער זיך ניט אָפּ? אָה, ווען ער זאָל וויסען ווי היים זי ליעבט איהם!.. יאָ, ער ווייס דאָס זיכער, ער פיהלט דאָס... זי האָט עס דאָך איהם אַזוי דייטליך גע־זאָגט מיט איהרע אויגען... ווארום פיהלט זי, אַז ער ליעבט זי?.. אָך, ווי שטאַרק זי פיהלט דאָס!.. זי פיהלט זאָגאַר די מאָמענטען ווען ער דיינקט וועגען איהר... אָט יעצט שלאָפט ער אויך ניט. ער טראַכט וועגען איהר... זיין געשטאַלט שוועבט פאַר איהרע אויגען. זי שטרעקט אויס איהרע הענד, אַזוי ווי זי וואָלט איהם וועלען אומאַרמען... אָבער א טרויעריגער געפיהל נעהמט דורך איהר גאַנ־צען וועזען, און א געדאַנק נעהמט בייסען איהר מח ווי א שלאַנג: פאַר וואָס איז ער ניט געקומען? פאַר וואָס רופט ער זיך ניט אָפּ?..

פאַרטאָג איז זי איינגעשלאָפען. ווען זי האָט ערוואַכט, האָט

זי אויף דעם טישעל וואָס איז געשטאַנען לעבען איהר בעט געפונען צוויי בריעף. מיט אַ נערוועזע בעוועגונג האָט זי זיי אַ כאַפּ געטהאָן און גענומען בעטראַכטען די אַדרעסען אויף די קאָנווערטען. איין האַנד־שריפט האָט זי גלייך דערקענט — דאָס איז געווען אַ בריעף פון פרענק'ען. זי האָט דעם בריעף בייז אַ שליידער געטהאָן אויפ'ן טישעל און מיט אונרוהיגע בליקען זיך גענומען איינקוקען אין דעם אַדרעס פון דעם צווייטען בריעף, וועלכער האָט געציטערט אין איהרע הענד, אַזוי ווי אַ בלאַט אין צייט פון אַ שטורם. איהרע גרויסע, שעהנע אויגען זיינען געווען ברייט אויפגעריסען און עס האָט זיך אין זיי אָפּגעשפּיעגעלט אי שרעק, אי גליק. איהר געזיכט איז געווען בלייך, ווי די בעד־צייג פון איהר געלעגער און איהר האַרץ האָט האַס־טיג געקלאַפּט. די האַנד־שריפט, אין וועלכער די אַדרעסע איז גע־ווען אויפגעשריבען, איז איהר געווען אונבעקאַנט.

— דאָס איז פון ניימאַן'ען! — האָט זי שטיל אַרויסגע־שעפּטשעט, צודריקענדיג פעסט דעם בריעף צו איהר ברוסט. אָבער באַלד האָט אַ טרויעריגער געפיהל איהר בעהערשט: אפשר איז דאָס גאָר ניט פון איהם? און זי האָט זיך ווידער גענומען איינקוקען אין די אַדרעסע. זי האָט זיך אין געדאַנקען פאַרגעשטעלט די האַנד־שריפטען פון אַלע איהרע בעקאַנטע — דיעזע האַנד־שריפט איז ניט געווען עהנליך צו קיינע פון יענע. זי דערקענט, אַז דער שריי־בער איז געווען נערוועז, זעהר נערוועז בשעת ער האָט דאָס גע־שריבען. די בוכשטאַבען זיינען קרום און איבערגעהאַקט. „יאַ, דאָס איז זיכער פון ניימאַן'ען" — איז זי ווידער געווען גליקליך. זי וויל עפענען דעם בריעף, אָבער די הענד נעהמען זיך ביי איהר נאָך שטאַרקער טרייסלען און די האַרץ לאָזט איהר עפּעס ניט דעם בריעף עפענען. „פיעלייכט איז עס טאַקע ניט פון איהם?" — לויפט איהר ווידער דורך אַ געדאַנק דורכ'ן מח. און זי בעשליסט איהם ניט אויפ־צועפענען. זי ציטערט, טאָמער איז עס ווירקליך ניט פון ניימאַן'ען, וויל זי בעסער איהם ניט לעזען. אַז זי וועט איהם ניט עפענען, וועט זי נאָך אַלץ דיינקען, אַז דיעזער בריעף קומט פון איהר לעבענס־רעטער...

עס זיינען פאַראַן מאָמענטען אין לעבען, ווען מען שרעקט זיך פאַר די ווירקליכקייט, וועלכע מאַכט אָפּט אַ תל פון אַלע האָפ־נונגען, פאַנטאַזיעס און ערוואַרטונגען און מען וויל בעסער לעבען אין טעות...

פון אַנדערען צימער האָבען זיך געהערט שטילע, לייכטע טריט. פלאָראַ האָט דערקענט, אַז דאָס געהט איהר מוטער. זי געהט דאָס אַזוי פאָרזיכטיג, אום איהר ניט אויפצו־וועקען. הערענדיג ווי דיא טריט דערנעהענטערען זיך אַליץ צו דער טהיר, האָט זי בעהאַלטען דעם בריעף אונטער׳ן קישען און זיך געמאַכט שלאָפענדיג.

די טהיר האָט זיך שטיל געעפענט און די מוטער האָט פאַר־זיכטיג אַריינגערוקט דעם קאָפּ. מיינענדיג, אַז די טאָכטער שלאָפט, איז זי מיט נאָך לייכטערע טריט אויף די שפּיץ־נעגעל צוגעגאַנגען צום בעט, זיך איינגעקוקט אין פלאָראַ׳ן, וועלכע איז געלעגען בע־וועגלאָז. אַ ווײַלע איז די מוטער אַזוי געשטאַנען און מיט צערטליכע בליקען זיך איינגעקוקט אין דער טאָכטער און נאָכהער איז זי מיט די זעלבע לייכטע טריט אַרויס און פערמאַכט די טהיר.

פלאָראַ האָט זיך צוריק אויפגעזעצט אויפ׳ן געלעגער. די גאַנצע צייט וואָס די מוטער איז לעבען איהר געשטאַנען, האָט זי געפיהלט אויף זיך איהרע בליקען.

— דו ביזט גליקליך, מאַמעניו! — האָט זי שטיל געשעפּטשעט צו זיך זעלבסט — אָבער דו ווייסט ניט ווי אונגליקליך דיין טאָכ־טער איז... ווען דו זאָלסט וויסען מיינע שרעקליכע ליידען!

זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם בריעף און איהם שנעל אַרויס־גענומען פון אונטער דעם קישען. זי האָט זיך ווידער איינגעקוקט אין די אַדרעסע און איהר געזיכט האָט גענומען שטראַהלען פון אונבעשרייבליכען אינערליכען גליק. עס איז יעצט ביי איהר קיין שום צווייפעל ניט געווען, אַז דער בריעף איז פון ניימאַן׳ען. פאַר איהרע אויגען האָט אַ שוועב געטהאָן ניימאַן׳ס געשטאַלט. ער קוקט אויף איהר מיט זיינע אויגען, אין וועלכע עס שפּיגעלט זיך אָפּ אַ ים מיט גוטסקייט. אויף זיין סימפּאַטישעס געזיכט שוועבט אַ גוט־מוטהיגער שמייכעל. עס דוכט זיך איהר, אַז ער לאַכט דאָס פון

איהר, ווארום זי האָט נאָך ביז יעצט זיין בריעף ניט געעפענט; ער מאַכט איהר לייכטע פאָרווירפע, פאַר וואָס זי האָט גלייך ניט פערשטאַנען, געפיהלט, אַז דאָס שרייבט ער צו איהר...

פאָלראַ האָט זיך ווירקליך געפיהלט פערשעהמט פאַר זיך זעלבסט און זי האָט מיט אַ נערוועזע בעוועגונג געעפענט דעם קאָנווערט. אַרויסנעהמענדיג דעם בריעף, האָט זי מיט אונרוהיגע בליקען גענומען זוכען דעם אונטערשריפט. זי האָט איהם ענדליך געפונען. ווי די הערליכסטע בריליאַנטען האָבען געבלישצעט אין איהרע אויגען די צוויי ווערטער — אַרטהור ניימאַן. זי האָט האַס־טיג צוגעטראָגען די בעשריבענע בויגעלע פאַפּיער צו איהרע ליפּען און זיי בעדעקט מיט לאַנגע, ברענענדע, ליידענשאַפטליכע קושען און הויפּטזעכליך האָט זי געקושט דעם אונטערשריפט.

און באַלד האָט זי גענומען לעזען דעם בריעף:

„טהייערע מיסס זינגער!

איך האָב היינט געלעזען אייער אַדווערטייזמענט, אין וועלכען איהר פאָדערט מיך אויף, אַז איך זאָל צו אייך קומען. ליידער קען איך דיעזען וואונש אייערען ניט ערפילען. מיט פערגניגען קום איך אָבער נאָך אייער צווייטען וואונש — צו לאָזען הערען פון זיך.

מיין פעדער איז צו שוואַך, צו אָרים, אום איך זאָל דורך איהר קענען אויסדריקען מיינע יעצטיגע געפיהלען... אַלעס וואָס איך קען יאָ זאָגען איז, איז איך בין יעצט דער גליקליכסטער מענש אונטער דער זונן. און ווייסט איהר אין וואָס דיעזעס גרויסעס גליק מיינס בעשטעהט? איך גלויב, אַז איך דאַרף עס אייך ניט ערקלעהרען; איהר ווייסט עס, איהר פיהלט עס גראַדע אַזוי ווי איך. דער פאַקט, אַז איהר אינטערעסירט זיך מיט מיר מאַכט מיר זיך פיהלען דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט.

עס איז דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען וואָס איך פיהל זיך גליקליך. ביז יעצט האָט מיר דאָס לעבען געגעבען בלויז גיפט — דאָס ערגסטע גיפט. זינט איך בין צו מיין שכל געקומען לייד איך. אה, וויפיעל צרות איך האָב שוין אַלץ אַריבערגעטראָגען. אָבער ווי זאָגט אַ לאַטיינישער שפּריכוואָרט: „פּער אַספּערא אַד אַסטערא“.

דאָס הייסט, דורך וואָלקענס צו די שטערען. אין אַנדערע ווערטער: דורך לייד קומט מען ענדליך צו פרייד. אָה, ווי גרויס מיין פרייד איז יעצט! ווער קען זיך יעצט צו מיין גליק גלייכען?

איך וויים, אַז מיין האַנדלונג קומט אייך פאַר אונבעגרייפליך. וואָרום קום איך ניט, ווען איהר פערלאַנגט עס פון מיר? איך קען לײדער יעצט דערוויף אייך ניט ענטפערען. די צייט וועט אייך אַן אַנטוואָרט געבען... פאָרלויפיג וויל איך אייך בלויז זאָגען, אַז... ניין, איך וועל עס ניט זאָגען. איהר פיהלט עס זעלבסט... די הויפּט אור־זאַכע פון גליק איז דאָס, וואָס איך בין געווען דער יעניגער, וועל־כער האָט אייך דאָס לעבען געראַטעוועט. דאָס מאַכט מיר זיך פיה־לען גליקליך און אויך שטאָלץ...

עס מוז וואַהרשיינליך אייך פאַרקומען זאָנדערבאַר דאָס, וואָס איך בין פערשוואונדען פון האָספּיטאַל. איך קען אייך יעצט ער־קלעהרען, וואָרום איך האָב דאָס געטהאָן: איך האָב דאָרט לענגער ניט געקענט זיין. איך בין געווען נערוועז, אונרוהיג. וואָרום? וויייל זייענדיג מיט אייך אונטער איין דאַך, האָב איך אייך דאָך ניט גע־קענט זעהען ווען מיר האָט זיך דאָס געוועלט. און געוועלט האָט זיך מיר דאָס זעהר אָפט און זעהר שטאַרק. עס זיינען אויך געווען נאָך אַנדערע אורזאַכען, פון וועלכע איך וועל דאָ בלויז דערמאָנען צוויי, נעמליך: איך האָב בעמערקט, אַז מיין בעגעגענען זיך מיט אייך מאַכט אויף אייך אַ ווירקונג. ניט נאָר האָב איך עס בעמערקט, זאָנ־דערען איך האָב עס געפיהלט... האָב איך מורא געהאַט, אַז דאָס זאָל ניט שטערען דעם פּראָגרעס פון אייער פערבעסערען זיך. די צווייטע אורזאַכע איז — אייער חתן. איך האָב זיך מיט איהם מעהר ניט גע־וואָלט בעגעגענען. נאָך איידער איך האָב געוואוסט וואָס ער איז צו אייך, ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל איהם דערזעהן, ווען ער איז געשטאַנען לעבען אייער בעט, האָט ער שוין אויף מיר געמאַכט ניט קיין אַנגענעהמען איינדרוק. שפּעטער האָט ער מיך טיעף בעליי־דיגט. ער האָט מיר געוואָלט עקסטרא בעצאָהלען פאַר מיין בלוט וואָס איך האָב אייך געגעבען! ווען ער וואָלט מיר געזידעלט, געפּאַטשט, אין די אויגען געשפּיעגען וואָלט ער מיר אַזוי שטאַרק ניט געווען

בעלײדיגט װי מיט דיעזע „גוטהערציגקײט“... ס׳איז מיר זעהר שװער צו שרײבען די פאָלגענדע װערטער, איך מוז דאָס אָבער טהאָן. זײ דריקען מיר װי פעלזען און איך מוז מײן הארץ בעפרײען. װאָ־רום האָט ער, אײער חתן, אײער צוקינפטיגער לעבענס־בעגלײטער ניט געגעבען ז י י ן בלוט, אום אײער לעבען צו ראטעװען ?..

עס איז פיעלײכט ניט טאַקטיש פון מײן זײט װאָרום איך שרײב דאָס. אָבער גלויבט מיר, אַז איך בין דאָ קײן זאך ניט אויסען. איך פאָדער דאָ גאָר ניט... איך בין אָפענהערציג און אויפריכטיג — דאָס איז מײן נאַטור.

עס איז װאָהר, איך בין געקומען אין האָספּיטאַל אַרײן מיט דעם געדאַנק, צו בעקומען פאַר מײן קװאָרט בלוט בעצאָהלט. די פופציג דאָלאַר, װאָס זײנען אין דעם אַדװערטײזמענט פערשפּראָכען געװאָרען אַלס בעלאָהנונג, האָבען דאַן פאַר מיר געהײסען אַ רעטונג פון מײן שרעקליכער לאַגע, אין װעלכער איך האָב זיך דאַן געפונען (דאָקטאָר סטענטאָן האָט אײך פיעלײכט דערצעהלט װעגען דעם). אָבער װען איך האָב אײך דערזעהן, װען איך האָב זיך אײנגעקוקט אין אײער בלײכע, שװאַכע געזיכט, װען איך האָב בעמערקט אײערע האַלב אויסגעלאָשענע אויגען — דאַן האָב איך פערגעסען אָן מײן שרעקליכען עלענד און נויט. איך בין עפּעס אין דיעזען מאָמענט בעהערשט געװאָרען פון אַ צױבער־קראַפט. אײן געדאַנק בלויז האָט דאַן מײן מח בעלעבט — איהר זאָלט געזונד װערען; איהר מוזט געזונד װערען, װען איך זאָל אפילו דאַרפען אָפּגעבען ביז מײן לעצטען טראָפּען בלוט.

נון, מײן האָפנונג איז, דאַנקען גאָט, פערװירקליכט געװאָרען און — איך בין יעצט דער גליקליכסטער מענש אויף דער ערד.

איך האָב פריהער בעמערקט, אַז זײענדיג אין האָספּיטאַל, האָב איך זעהר אָפט און זעהר שטאַרק בעגעהרט אײך צו זעהן. דאָס מײנט ניט, אַז יעצט האָב איך שױן דיעזען װאונש מעהר ניט. פערקעהרט, ער איז נאָך יעצט מעהר פערשטאַרקט געװאָרען אין מיר, דיעזער װאונש. לײדער מוז איך איהם נאָך פאָרלויפיג אונטערדריקען ;

איך מוז. איך האָף אָבער אז... יאַ, איך לעב יעצט מיט אַ גליקליכע האָפנונג...

ווען איך בין געווען אוגטער דער ווירקונג פון כלאָראָפאָרם, האָב איך אַ שעהנעם, הערליכען, גליקליכען טרוים געזעהען, און דיעזער טרוים מוז פערווירקליכט ווערען; איך גלויב אין דעם הייליג. ביז יעצט האָב איך קיין שום גלויבען ניט געהאַט — ניט אין גאָט, ניט אין מענשען. דאָס לעבען מיט זיינע גרויזאַמע קלעפּ וואָס ער האָט מיר דערלאַנגט, האָט פון מיר אַרויסגעשלאָגען, פערניכטעט אין מיר יעדען גלויבענס־געפיהל. יעצט אָבער גלויב איך ווידער; איך גלויב הייליג, ווי אַ פרומער. ניט נאָר גלויב איך אין אַ גאָט, נאָר בעסער — איך טראָג אַ גאָט אין מיין הארצען...

מיין בריעף איז פיעל צו גרויס און ער האָט וואהרשיינליך אייך שוין אַ היבש ביסעל געלאַנגוויילינט, ניט וואהר? אָבער ווי געזאָגט, איך קום דאָ נאָך אייער וואונש. איהר האָט דאָך מיר אויפגעפאָדערט, איך זאָל לאָזען הערען פון זיך.

ווי איך האָב שוין אויך געזאָגט, איז מיין וואונש אייך צו זעהען, יעצט פיעל שטאַרקער ווי אַמאָל. און אויב איך קען אייך פערזענליך ניט זעהען, זעה איך אייך אָבער אין מיין פאַנטאַזיע, און איך זעה אייך אַזוי גוט!.. קיין איין מינוט טרעט אייער געשטאַלט ניט אָפּ פון מיינע אויגען, סיי ווען איך בין וואַך, סיי ווען איך שלאָף (דעם אמת געזאָגט, שלאָף איך ניט)... און איין מאָל האָב איך אייך ווירקליך געזעהען. דאָס איז געווען דאַן, ווען איהר זייט אַרויס פון האָספּיטאַל. איהר זייט געפאָהרען אין דער בעגלייטונג פון דעם דאָקטאָר און אייער חתן. מר. פרענק האָט אייך בלומען געבראַכט (דאָס קען מען דאָך בעקומען פאַר געלד...). איך בין געווען גליקליך צו זעהען אייך אַ געזונטע און אין מיין הארצען האָב איך אייך דעם הערליכסטען בלומען־קראַנץ געפלאָכטען...

עס איז פיעלייכט ניט פיין פון מיר וואָס איך רייד מיט אַזאַ ביטערקייט וועגען מיסטער פרענק׳ען. איך פערזיכער אייך, אַז איך מיין ניט דערמיט איהם אין אייערע אויגען צו פער׳מיאוס׳ען. איך האָב שוין אַזאַ נאַטור: איך פערדאַם אַלעס וואָס איז גראָב, געמיין,

קליינליך און, פערקעהרט, שעץ איך, רעספּעקטיר און ליעב אַלעס וואָס איז ערדעל, שעהן, נאָבעל. מיסטער פרענק'ס האַנדלונג געגען איך פערדינט פערדאַמונג. און אָבוואָהל אַלס עגאָאיסט (און וועל־כער מענש איז דאָס ניט ?..) וואָלט איך מיסטער פרענק'ען געדאַרפט דאַנקבאַר זיין פאַר דיעזע האַנדלונג זיינע, דען אַ דאַנק דעם בין איך יעצט אַזוי גליקליך. אין דער ווירקליכקייט אָבער האָב איך ניט צו איהם קיין אַנדערע געפיהלען, ווי פעראַכטונג, און דאָס איז דער־פאַר וואָס ער האָט מיר אַזוי טיעף בעליידיגט, אַזוי גראָב פערלעצט מיינע געפיהלען. איך גלויב, אז די אומשטענדען וועלען אונז נאָך צוזאַמענברייננגען און דאַן וועל איך איהם פערזענליך זאָגען וואָס איך דיינק וועגען איהם.

אז איך בין יעצט דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט. דאָס ווייסט איהר שוין, און דערפאַר האָב איך נאָר אייך צו פער־דאַנקען. איהר ווילט דאָך געוויס וויסען וואָס איך טהו יעצט, ווי איך לעב. הערט־זשע : דעם זעלבען פריה־מאָרגען, ווען איך האָב געלע־זען דעם אַדווערטייזמענט, אַז מען פערלאַנגט פאַר אייך בלוט, האָב איך זיך בעקענט מיט אַן אָרימען אידען, אַ ציימונגס־פערקויפער. איך האָב דאַן קיין פענני ניט געהאַט צו קויפען אַ צייטונג, אום צו זוכען אַ דזשאַב. ער האָט מיר ערלויבט דורכצוקוקען עטליכע ציי־טונגען און ווען איך האָב בעשלאָסען צו פערקויפען מיין בלוט, האָט ער מיר געגעבען אַביסעל געלד, אום מיין הונגער צו שטילען. דיעזער עדעלער מענש איז צו מיר יעצט ווי אַ פאָטער. איך געפין זיך אין זיין הויז, ער האָט מיר געשאַפט אַרבייט און — איך שטרעב מיין האָפנונג צו פערווירקליכען.

אויסער אייך, בין איך אויך דאַנקבאַר דעם עדעלען דאָקטאָר סטענטאָן. איך האָב אפילו ניט אַרטיג געהאַנדעלט געגען איהם. ער האָט מיר אויפגעפאָדערט דורך די צייטונג איך זאָל צו איהם קומען און אויך דורך דעם טעלעפאָן, ווען איך האָב איהם אָפּגערופען. איך האָב ליידער זיין וואונש ניט געקענט ערפילען. איך וועל קומען צו איהם און צו אייך אין איין צייט — אין דער גינסטיגער צייט...

איך האָב דאָ פאַר אייך מיין גאַנצע האַרץ, מיין נשמה גע־

עפענט. איך פיהל, אז איהר האָט דאָס פון מיר פערלאַנגט. איך וועל אייך זעהר דאַנקבאַר זיין, ווען איהר וועט מיר כאָטש עטליכע ווערטער שרייבען. דאָס וועט נאָך פערגרעסערען מיין יעצטיגען גליק. מיין אַדרעסע קען איך אייך לײדער ניט געבען. שרייבט דעם פאָלגענדען אַדרעס: „דזשענעראַל דעליווערי, פאַר אַרטהור דעם גליקליכען". מיט דעם גרעסטען אונגעדולד וואַרט איך פון אייך עטוואָס צו הערען.

זייט געזונד און לעבט גליקליך. דאָס ווינשט אייך פון טיעפען האַרצען,

דער גליקליכער

אַרטהור ניימאַן".

פלאָראַ האָט געשלונגען יעדעס וואָרט פון דעם בריעף ווי אַ געטליכען געטראַנק. עטליכע מאָל האָט זי דעם בריעף איבערגעלעזען און איהר געזיכט האָט דערביי געשטראַהלט פון גליק. זי האָט בעשלאָסען איהם גלייך צו ענטפערען און זי האָט זיך גענומען אָנטהאָן.

די מוטער, דערהערענדיג אין דעם אַנדערען צימער, אַז פלאָראַ איז שוין אויפגעשטאַנען, איז זי אריינגעקומען, געזאָגט „גוט מאָרגען" און איהר געקושט. פלאָראַ איז איהר ארויפגעפאַלען אויפ'ן האַלז און זי היים געקושט. זי האָט דורך דיעזע קושען דערצעהלט וועגען איהר אונבעשרייבליכען גליק, מיט וועלכען איהר האַרץ איז יעצט געווען איבערפול. די מוטער האָט אָבער דאָס ניט פערשטאַנען. זי האָט דאָס אָנגענומען אַלס אַ געוועהנליכען אויסדרוק פון איהר בת יחידה'ס הייסע ליעבע צו איהר.

— פון וועמען זיינען די צוויי בריעף געוועזן? — האָט די מוטער געפרעגט, ווען פלאָרא האָט גענומען פאָרטזעצען איהר טואַלעטע.

— איינער איז פון פרענק'ען — האָט פלאָראַ מיט פערבאָרגענע אונצופריעדענהייט געענטפערט — און דער אַנדערע איז... פון מיינע אַ פריינדין.

— וואָס שרייבט פרענק?

— איך האָב נאָך דעם בריעף ניט געלעזען.

— ביזט גאָר ניט נייגיעריג? — האָט די מוטער אויף איהר א קוק געטהאָן מיט א ליעבליכען שמייכעל. — דו ווייסט — האָט זי צוגעגעבען — ער האָט געמאַכט גוטע ביזנעס. דער פּאַפּאַ האָט אויך ערהאַלטען פון איהם היינט א בריעף. דו ביזט איהם זעהר מזל'דיג, שרייבט ער. זינט די פערלאָבונג איז צו וואָס ער ריהרט זיך צו, מאַכט ער געלד.

פלאָרא האָט געשוויגען. דער געשפּרעך וועגען פרענק'ען האָט אין איהר ארויסגערופען א ביטערען געפיהל. עס האָט איהר פער־דראָסען אויף די מוטער פאר וואָס זי איז יעצט אריינגעקומען און פערטריבען פון איהר די פרעהליכע שטימונג, אין וועלכער ניימאַן'ס בריעף האָט איהר אויינגעבראַכט. זי האָט זיך מיט אַלע קרעפטען איינגעהאַלטען ניט צו ריידען קיין וואָרט, מורא האָבענדיג, טאָמער פאַנגט זי יאָ אָן צו ריידען, וועט זי ארויסזאָגען אַלעס, וואָס דריקט אזוי שטאַרק איהר הארץ, איהר נשמה... און דאָס האָט זי געוואָלט אָפּלייגען אויף שפּעטער...

די מוטער, ניט וויסענדיג וואָס אין איהר טאָכטער'ס הארץ קומט פאָר, האָט אָנגענומען פלאָרא'ס שווייגען אַלס אַן אויסדרוק פון בעשיידענהייט און זי האָט ווייטער גערעדט:

— דו ווייסט וואָס ער האָט נאָך געשריבען, פלאָרא? — האָט זי מיט א פיעל בעדייטענדען שמייכעל איהר געקוקט גלייך אין די אויגען אריין — נו, טרעף וואָס ער שרייבט.

— ווי אזוי קען איך טרעפען? — איז פלאָרא שוין געוואָרען אונגעדולדיג.

— נו, וועל איך דיר זאָגען — האָט מיסעס זינגער פאָרטגע־זעצט — ער שרייבט, אז ער וויל, דאָס די חתונה זאָל שטאַטפינדען אין א מאָנאַט ארום.

איבער פלאָרא'ס גאַנצען קערפּער איז א שוידער דורכגעלאָ־פען און געמאַכט גליווערען דאָס בלוט אין איהרע אָדערען. זי האָט זיך אָבער אויפ'ן שטעל קאָנטראָלירט און געזאָגט אין א שאַרפען טאָן:

— ער ווײל... און מיך דארף מען גאָר ניט פרעגען ? איך האָב גאָר קײן דעה ניט ?

די מוטער, ניט פערשטעהענדיג וואָס פלאָראַ איז דאָ אויסען, האָט ווידער אָנגעפאַנגען, מיט דעם זעלבען פריהערדיגען שמײכעל אויף איהרע ליפּען:

— וואָס דארף מען דיך פרעגען ? דו וועסט דען זײן דאַגעגען ?

— פיעלײכט יא — האָט פלאָראַ אין אַ פעסטען טאָן געענט־פערט.

— וואָס הײסט ? — האָט מיסעס זינגער שוין ערשטוינט אָנ־געקוקט די טאָכטער.

— אָט וואָס דו הערסט.

— געה שוין, געה, דו שטיפערקע — האָט די מוטער זיך גוט־מוטהיג צולאכט — דו מאַכסט שוין ווידער עפּעס אַ „דזשאָוק“.

— עס איז קײן „דזשאָוק“ ניט, מאַמאַ — עס איז דער רײנ־סטער ערנסט — האָט פלאָראַ גערעדט מיט אַנגסט.

— איך קען דאָך שוין דײן ערנסטקײט — האָט מיסעס זינ־גער נאָך אַלץ געמײנט, אַז די טאָכטער שפּאַסט — מיר וועלען שוין שפּעטער זעהען. דערווײל קום עסען ברעקפעסט.

פלאָראַ'ן איז יעצט אין זינען ניט געלעגען קײן עסען. דיעזע אונעדוואַרטעטע נײעס האָט נאָך מעהר פערגיפטעט איהר הארץ. זי האָט פערשטאַנען וואָרום פרענק אײלט זיך אַזוי צו הײראַטהען. פון איהר בענעהמונג געגען איהם זינט זי איז אהײם געקומען פון האָספּיטאַל, זעהט ער דײטליך, אַז זי איז ניט די זעלבע ווי אַמאָל. ער וויל זיך דארום פערזיכערען מיט איהר. אַז זי וועט האָבען דורכ־צומאַכען אַ שטאַרקען קאַמפּף, דאָס האָט זי גאַנץ גוט געוואוסט און זי איז יעדע ווײלע בערײט און ענטשלאָסען דיעזען קאַמפּף אויפצו־נעהמען. אָבער אַז זי וועט שוין דארפען אָנפאַנגען צו שטרײטען — דאָס איז פאַר איהר געוועזען אונערוואַרטעט. זי האָט געדענקט, אַז פרענק וועט זי כאָטש לאָזען עטליכע מאָנאַטען זיך אָפּרוהען, זי זאָל צו זיך קומען נאָך איהר קראַנקהײט, זי זאָל פאָלשטענדיג געזונד ווערען. דיעזע האַנדלונג זײנע האָט אין איהר ארויסגערופען נאָך

מעהר האָס און עקעל צו איהם. זי האָט אין דעם ווידער געזעהען זיין גראָבען, אבשטויסענדען עגאָאיזמוס.

דאָ איז איהר אויפ'ן זינען ארויפגעקומען ניימאַן'ס ווערטער אין זיין בריעף צו איהר. ער פערדאמט אלעס וואָס איז גראָב און געמיין... דיעזע ווערטער האָבען יעצט געהילכט אין איהרע אויערען און איהר האַרץ איז אָנגעפילט געוואָרען מיט מוטה.

די מוטער, אומגעהענדיג איבער'ן צימער, האָט בעמערקט פרענק'ס בריעף. זי האָט איהם גענומען און, דערלאנגענדיג איהם דער טאָכטער, האָט זי געזאָגט:

— זעה נאָר, פלאָרא, וואָס ער שרייבט. לעז איבער דעם בריעף.

— לאָז מיר יעצט צו־רוה, מאַמעניו! — האָט פלאָרא זיך ביי איהר געבעטען, ניט צונעהמענדיג דעם בריעף.

מיסעס זינגער איז יעצט געוואָרען זעהר אונרוהיג. זי האָט נאָך די טאָכטער קיינמאָהל אין אזא שלעכטען געמיטה ניט געזעהן. זי האָט גענומען טראכטען וואָס עס קען זיין די אורזאכע דערפון. פלוצלונג האָט זי זיך דערמאָנט אָן דעם צווייטען בריעף וואָס פלאָרא האָט אויך היינט ערהאלטען און זי איז געווען זיכער, אז דאָס איז די אורזאכע ווארום פלאָרא איז עפּעס היינט „ניט מיט אלעמען", און זי האָט זיך געווענדעט צו דער טאָכטער:

— פלאָרא, פון וועמען האָסטו געזאָגט איז געווען דער צווייטער בריעף?

פלאָרא האָט א לייכטען ציטער געטהאָן. זי האָט זיך אָבער ניט פערלאָרען און געלאַסען געענטפערט:

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט: פון מיינע א פריינדין.

— ווער איז דאָס? איך קען זי ניט?

— ניין. זי איז געגאנגען מיט מיר צוזאמען אין היי־סקוהל.

— וואָס שרייבט זי דיר?

— גאָר ניט. זי האָט געהערט, אז איך בין קראנק געווען, פרעגט זי מיך וואָס איך מאך.

פלאָרא האָט געפיהלט ווי די באַקען פלאַמען איהר. זי האָט

געהאסט ליגען און דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס זי האָט פאַר דער מוטער ניט געזאָגט דעם אמת. מיסעס זינגער, וויעדער, וויסענדיג, אז איהר טאָכטער זאָגט קיינמאָל קיין ליגען ניט, האָט ניט געצווייפעלט אין פלאָראַ׳ס רייד און זי איז וויעדער געווען אונ־רוהיג, ניט פערשטעהענדיג וואָרום פלאָראַ איז היינט אזוי שלעכט גע־שטימט. זי האָט אָבער בעשלאָסען דאָס אויסצוגעפינען און זי האָט ווייטער געזאָגט:

— עס איז מיר א וואונדער פאר וואָס דו האָסט יענעם בריעף יאָ געלעזען און פרענק׳ס ניט.

— וואָס פרעגסטו מיך עפּעס אזוי אויס, מאַמעניו — האָט פלאָראַ ווי זיך געבעטען ביי דער מוטער, זי זאָל איהר צורוה לאָזען — פון יעדע קלייניגקייט מאכסטו גלייך א ווענזען. וואָס האָב איך דאָ פערשפּעטיגט? וועל איך איהם שפּעטער לעזען.

די מוטער האָט מעהר קיין וואָרט ניט גערעדט, אָבוואָהל די אונרוהיגקייט האָט זיך אלץ פערשטאַרקט אין איהר הארצען.

שפּעטער, ווען פלאָראַ האָט שוין געהאַט אָפּגעגעסען פריה־שטיק, איז דיא מוטער וויעדער צוגעשטאַנען צו איהר:

— נו, עפּען שוין דעם בריעף און זעה וואָס פרענק שרייבט!

פלאָראַ, ניט וועלענדיג דער מוטער פערשאַפען קיין עגמת נפש, האָט געעפענט דעם בריעף, שנעל דורכגעלאָפען איהם מיט די אויגען און נאַכהער שווייגענדיג, איהם אוועקגעלייגט אויפ׳ן טיש, וועהרענד איהר געזיכט האָט זיך מיט טיעפען אומעט בעצויגען.

— נו וואָס שרייבט ער? — האָט דיא מוטער געפרעגט אַ נייגיעריגע.

— כמעט דאָס זעלבע וואָס צום טאַטען — האָט פלאָראַ גע־ענטפערט אויפגערעגט — ער מאַכט גוטע ביזנעס און... דו ווייסט דאָך שוין דאָס איבעריגע...

— ער וויל דאָך אודאי, דו זאָלסט איהם ענטפערען, ער וויל דאָך הערען וואָס דו האָסט צו זאָגען וועגען דעם — איז דיא מו־טער געווען טשיקאַווע צו וויסען דער טאָכטער׳ס מיינונג.

— געוויס וועל איך איהם ענטפערען און טאקע שוין — איז פלאַרא האַסטיג אויפגעשטאַנען פון טיש.

— מעג איך וויסען וואָס דו געהסט איהם שרייבען? — האָט דיא מוטער ווייטער געפרעגט.

— געוויס, מאַמעניו — האָט פלאָרא זיך געסטאַרעט צו פערשטיקען איהר אויפרעגונג — דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב פאַר דיר קיינע סודות.

דיא באַקען האָבען ביי איהר יעצט ווידער געפלאַמט. זיא האָט ווידער געזאָגט אַ ליגען... זיא איז געשטאַנען מיט דיא אויגען אַרונטערגעלאָזט צו דער ערד, אַזוי וויא זיא וואָלט מורא געהאַט, אַז דיא מוטער זאָל אָן זיי ניט דערקענען, דאָס זיא זאָגט ניט דעם אמת, דאָס זיא האָט יאָ אַ געהיימנים פון איהר.... אַ ווײלע איז זיא אַזוי געשטאַנען אין דיעזער פּאָזע, נאַכהער האָט זיא זיך געווענדעט צו דער מוטער, זאָגענדיג:

— וואָס האָט דער פּאַפּאַ געזאָגט צו פרענק'ס פאַרשלאַג?

— ער האָט געהייסען, אַז מען זאָל זיך צוגרייטען צו דער חתונה.

— אַזוי?! — האָט פלאָרא אויסגעשריען אין אַ פערשטיקטער שטימע — ער האָט געהייסען זיך צוגרייטען צו דער חתונה?...

— וואָס איז דיר, פלאָרא־לעבען? — איז די מוטער אַ פערציטערטע צוגעלאָפען צו דער טאָכטער — וואָס ביזטו עפּעס אַזוי צוטראָגען?

זיא האָט ניט געענטפערט. אַ טיעפער, שמערצליכער קרעכץ האָט זיך אַרויסגעריסען פון איהר ברוסט, וועלכע האָט זיך האַסטיג אויפגעהויבען און אַרונטערגעלאָזען. אָבער באַלד האָט זיא אָנגענומען אַ מוטהיגע פּאָזע און געזאָגט אין אַ דרייסטער שטימע:

— מען וועט זיך צו דער חתונה ניט צוגרייטען, און איך געה דאָס טאקע גלייך שרייבען צו פרענק'ען!

— קינד מיינס! — האָט דיא מוטער אַ דערשראָקענע פערבראָכען דיא הענד און אין איהר שטימע האָבען זיך געהערט טרערען — וואָס געהסטו טהאָן? וואָס...

פלאָרא'ן האָט שטאַרק פערקלעמט דאָס האַרץ פאַר וואָס זיא

פערשאפט דער מוטער שמערצען. זיא האָט זיך אָבער ניט געקענט העלפען. זיא מוז שוין, אויף׳ן שטעל אָנפאנגען איהר קאמפף. פאר איהרע אויגען איז יעצט געשטאנען ניימאן׳ס געשטאלט. ער האָט אויף איהר געקוקט מיט זיינע קלוגע, עטוואָס שטרענגע אויגען, און דאָס האָט איהר צוגעגעבען נייעם מוטה, קוראזש. זיא איז יעצט מעהר ניט געווען דיא אַמאָליגע שטילע, געהאָרכזאַמע קינד. אין איהרע אָדערען האָט יעצט געפלאָסען ניימאן׳ס הייסע, ענערגישע בלוט...

— עס וועט אין א מאָנאט ארום ביי מיר קיין חתונה ניט זיין! — האָט פלאָרא אין א פעסטען טאָן ווייטער געזאָגט, איבער־שלאָגענדיג דיא מוטער אין מיטען ריידען.

אז זיא וועט קיינמאָל מיט פרענק׳ען ניט הייראטען — דאָס האָט איהר דיא הארץ ניט געלאָזט זאָגען דער מוטער. וויסענדיג אז זיא איז א שוואכע פרוי, האָט זיא מורא געהאַט, אז דאָס זאָל זיך ניט שלעכט אָפּרופען אויף איהר געזונד.

— פלאָרא, וואָס טהוט זיך דאָ עפּעס? וואָס פאר א רייד הער איך? — איז דיא מוטער נאָך מעהר פערצווייפעלט געוואָרען.

— ערגער זיך ניט, מאַמעניו — האָט פלאָרא גערעדט זעהר העפליך, אָנשטרענגענדיג זיך מיט אלע קרעפטען צו קאָנטראָלי־רען זיך — עס איז דאָ גאָר ניט. איינפאך, איך וויל ניט ,אז דיא חתונה זאָל שטאטפינדען אין א מאָנאט ארום.

דיעזע ווערטער, ארויסגערעדט אין א העפליכען טאָן, האָבען מיסעס זינגער עטוואָס בערוהיגט. זיא האָט אָנגענומען פלאָרא׳ן און זי צוריק אוועקגעזעצט אויף א שטוהל, אליין האָט זי זיך אויך געזעצט לעבען איהר און אָנגעפאנגען אין א געלאסענעם טאָן:

— האָסטו זיך געדארפט אזוי אויפרעגען צוליעב דעם? האָסט דאָך דאָס געקענט ערקלערען געלאסען. וויסטו דען ניט וויפיעל געזונד עס קאָסט מיך, וויפעל לעבען איך פערליער, ווען איך זעה אז דו ביזט אויפגערעגט? אָבער לאָמיך הערען, ווארום דו ווילסט ניט, אז די חתונה זאָל שטאטפינדען אין פיער וואָכען ארום?

— ווייל איך וויל ניט — האָט פלאָרא אַלץ, קיין האַרץ ניט געהאַט דער מוטער צו ערקלעהרען די ריכטיגע אורזאַכע.

— גלאַט דו ווילסט ניט — האָט די מוטער מיט א גוטמוטיגען שמייכעל בעמערקט — דו מוזט דאָך אָנגעבען אַן אורזאַכע.

פלאָרא האָט זיך טיעף פערטראַכט. זיא האָט ניט געוואוסט וויא אַזוי זיך דאָ אַרויסצודרעהען. ענדליך איז איהר א גליקליכער געדאַנק געקומען אויפ׳ן זינען און זי האָט זיך אָפּגערופען:

— איך בין בייז אויף פרענק׳ען. דאָס הייסט א ביסעל א חוצפה! ער בעשליסט אַז אין א מאָנאַט אַרום זאָל זיין דיא חתונה און מיך פרעגט ער גאָר ניט וועגען דעם. וואָס איז, איך האָב גאָר קיין דעה ניט?

דאָס איז געווען אַן אויסגעצייכענטער איינפאַל. מיסעס זינגער האָט ניט געצווייפעלט, אַז דאָס איז טאַקע דיא אורזאַכע.

— נאַרעלע, — האָט זי מיט ליעבע געקוקט דער טאָכטער אין די אויגען אַריין, — דו דאַרפסט זיך דערפון ניט בעליידיגען. ער איז דאָ קיין בייזעס חלילה ניט אויסען געווען.

— ער האָט דאָך אָבער מיר געקענט פריהער פרעגען! — האָט פלאָרא כלומרשט זיך ווייטער געבייזערט.

— פיעלייכט האָט ער זיך געשעהמט דאָס דיר צו פרעגען — האָט מיסעס זינגער אַלץ געזוכט צו פערטהיידיגען איהר צוקינפטיגען איידעם.

— נו, נו, דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז פרענק איז ניט אַזא שעמעוודיגער.

— קינד, וואָס־זשע דען איז ער דאָ אויסען געווען?

— ער האָט געוואָלט ווייזען, אַז ער איז דער באָס. ער בעפעהלט, און אַזוי מוז געשעהן — איז פלאָרא ווידער אויפגערעגט געוואָרען.

— נו, טאָ וואָס איז דאָ די עולה? — האָט די מוטער ווייטער גענומען פערטיידיגען איהר טאָכטער׳ס חתן — עס איז טאַקע אַזוי: די מענער זיינען טאַקע אונזערע באָסעס; אַזוי פיהרט זיך שוין די וועלט.

— איבער מיר וועט א מאן ניט באַסעוועןן; פרענק אודאי ניט. איך גנעה איהם גלייך שרייבען א בריעף.

— אז וואָס?

— איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט וואָס איך וועל שרייבען: אז די חתונה וועט אין א מאָנאַט ארום ניט שטאַטפינדען.

— מוזטו דאָך איהם ערקלערען וואָרום דו ווילסט ניט.

— לאָז דאָס איבער צו מיר, מאַמעניו — איז פלאָרא אויפ־געשטאַנען און זיך געלאָזען געהן אין איהר צימער.

— פלאָרא! — האָט די מוטער זי פערהאַלטען — וואַרט נאָר אָפּ ביז דער פּאַפּא וועט קומען. ער וועט זיין אין כעס וואָרום דו האָסט געשריבען און איהם ניט געפרעגט.

— איך ווייס פריהער וואָס ער וועט מיר ענטפערען און דערפאַר וויל איך איהם ניט פרעגען.

אין די וויטערע צימערען האָבען זיך געהערט פעסטע טריט.

— אָט איז טאַקע דער פּאַפּא געקומען — האָט מיסעס זינגער א צופרידענע געזאָגט, ניט בעמערקענדיג ווי פלאָראַ'ס געזיכט איז פלוצלונג געוואָרען ווייס ווי שנעע און ווי איהר גאַנצער קערפּער האָט גענומען פיבעריש זיך טרייסלען — גוט וואָס ער איז דאָ, סעם! סעם! קום נאָר אַריין! — האָט זי גערופען דעם מאַן.

מיסטער זינגער איז באַלד אַריינגעקומען. אָן זיין געזיכט איז געווען קענטיג, אז ער איז זעהר בייז. זיינע אויגען האָבען געשליי־דערט צאָרנדיגע בליקען דאָס אויף דער פרוי, דאָס אויף דער טאָכטער.

מיסעס זינגער, זעהענדיג אז דער מאַן איז בייז, האָט שוין חרטה געהאַט וואָרום זי האָט איהם אַריינגערופען און זי האָט גע־נומען טראַכטען ווי אַזוי זי זאָל זיך דאָ אַרויסדרעהען, מורא האָ־בענדיג, אַז זי און פלאָרא זאָלען פון איהם ניט אַריינכאַפּען א גאָב, ווען ער וועט זיך דערוויסען וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך.

— וואָס ווילסטו? — האָט מיסטער זינגער בייז א בורטשע געטהאָן, ווענדענדיג זיך צו די פרוי.

— גאָר ניט — האָט די פרוי א פערציטערטע געשטאַמעלט —

איך... איך האָב געהערט, אַז דו ביזט אין הויז, האָב איך דיך אַריינגערופען.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, אָבגעמאָסטען מיט אַ בייזען בליק די טאָכטער, וועלכע, אום צו פערבאָרגען איהר אויפרעגונג, איז געשטאַנען אויסגעדרעהט מיט׳ן געזיכט צום פענסטער און כלומרשט אַרויסגעקוקט אויפ׳ן גאַס, און געזאָגט מיט כעס:

— פלאָרא, זעץ זיך אַוועק, איך האָב מיט דיר עפּעס צו ריידען.

פלאָרא איז מיט באַזאָכטע טריט צוגעגאַנגען צום טיש און זיך אַוועקגעזעצט. דער פאָטער האָט האַסטיג אַרויסגעשלעפּט פון טאַש אַן ענגלישע צייטונג און, אַ שליידער טהאָנדיג זי פאַר די טאָכטער, האָט ער, קריצענדיג מיט די צייהן, אַ בורטשע געטהאָן:

— וואָס איז דאָס, האַ? וואָס פאַר אַ שטוקעס פראוועסט דו, האַ? האָסט געמיינט, אַז איך וועל פון קיין זאַך ניט וויסען?

— סעם, וואָס איז געשעהען? — האָט די פרוי אַ פערציטער־טע זיך געוועדעט צום מאַן — וואָס...

— שאַראַפּ, אַלטע בהמה! — האָט דער מאַן מיט רציחה אַ טופּע געטהאָן מיט׳ן פוס און אַ שטאַרקען זעץ געטהאָן מיט׳ן פויסט אָן טיש — וואָס מישטו זיך אַריין?

— וואָרום בעליידיגסטו די מאַמען! — האָט פלאָרא ענערגיש פּראָטעסטירט, קוקענדיג דעם פאָטער דרייסט אין די אויגען אַריין.

אי דער פאָטער, אי די מוטער זיינען ערשטוינט געוואָרען פון זייער טאָכטער׳ס אַרויסטרעטען. דאָס איז פאַר זיי געוועז אַ נייעס. עס איז קיין נאָווינע ניט געוועז, אַז זינגער זאָל זיין פרוי בעליי־דיגען. קיין אַנדער נאָמען ווי „אַלטע בהמה“ האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט פאַר איהר. עס איז כמעט ניט אַוועק אַ טאָג, אַז ער זאָל זי ניט זידלען, אָפט זאָגאַר אין דער אַנוועזענהייט פון פרעמ־דע מענשען. ניט זעלטען פלעגט ער איהר אויך אויפוואַרפען איהר גאַנצען יחוס: אַז איהר פאָטער איז געוועזען אַן אָרימער שוסטער, אַ לאַטוטניק, אַז זי איז געוועזען אַ דיענסטמויד און איהר גאַנצע

משפחה זיינען לויטער קבצנים. די אָרעמע פרוי פלעגט אַלע בע־לײדיגונגען שטיל אַרונטערשלינגען.

פלאָרא איז צוגעוואָהנט געוואָרען צו הערען דיעזע זלזולים און זי פלעגט זיך קיין מאָל ניט אַריינמישען. איהר יעצטיגעס אַרויסטרעטען איז אַלזאָ פאַר די עלטערן געווען אַ גרוסע איבער־ראַשונג. אויך פלאָרא זעלבסט האָט זיך ניט ווייניגער געוואונדערט פון וואַנען עס נעהמט זיך ביי איהר פּלוצלונג דיעזער מוטה. זי האָט שוין צוגעזעהען פיעל שרעקליכערע סצענעס צווישען איהר פאָ־טער און מוטער; ניט איין מאָל פלעגט ער זיך זאָגאַר כאַפּען שלאָ־גען צו דער מוטער — זי פלעגט אָבער אימער שווייגען, אָבוואָהל אין הארצען האָט זי זעהר געליטען דערפון. זי האָט אָבער גלייך געפונען אַן אַנטוואָרט אויף איהר פראַגע: נייטאַן'ס בלוט, וואָס פליסט יעצט אין איהרע אָדערן, האָט איהר פאַר אַן אַנדער מענש גע־מאַכט.. און ביי דיעזען געדאַנק האָט זי געפיהלט, ווי עס שטראָמט אַריין אין איהר מעהר מוטה, קוראַזש און עס צוגיסט זיך איבער אַלע איהרע גליעדער...

אין דעם פאָטער האָט זיך יעצט אַזוי צופלאַקערט דער כעס, אַז עס האָט גענומען אַ פּאָאַר מינוטען ביז ער האָט געקענט אָנפאַנ־גען צו ריידען. זיין קאָפּ האָט שטאַרק געציטערט אויף זיין קורצען, דיקען האַלז און זיינע אויגען האָבען געקוקט ווילד ווי ביי אַן אויפ־גערייצטען טיגער. די פרוי איז יעצט געווען מעהר טויט ווי לעבע־דיג. זי האָט מורא געהאַט, אַז ער זאָל זיך ניט אַרויפוואַרפען אויף פלאָרא'ן. זי וואָלט מיט פערגניגען יעצט פאַר ליעב גענומען די גרעסטע בעליידיגונג, אַפּילו קלעפּ, אַבי ער זאָל איהר קינד צורוה לאָזען. אָבער פלאָרא איז געזעסען רוהיג.

— וואָס איז דאָס דיינע ביזנעס? ! — האָט מיסטער זינגער אַזאַ זעץ געטהאָן אין טיש, אַז עס האָט זיך געדוכט, דאָס ער איז אויף שפּענדליך צושמעטערט געוואָרען — וואָס רופסטו זיך אָן?

— עס איז מיינע ביזנעס און איך וועל פון היינט אָן ניט לאָזען די מאַמען בעליידיגען — האָט פלאָרא געלאַסען, אָבער ענער־גיש געענטפערט.

אין דעם פאָטער האָט זיך יעצט נאָך שטאַרקער צופלאַקערט דער כעס. ער האָט געקריצט מיט די צייהנער און דורכגעשפּיעזט מיט זיינע בליקען די פרוי, דיינקענדיג, אז זי האָט דאָס געבעטען די טאָכטער, אז זי זאָל זיך פאַר איהר אָננעהמען. מיסעם זינגער וויעדער האָט זיך געבעטען מיט איהרע בליקען ביי דער טאָכטער, אז זי זאָל שווייגען, ניט ענטפערען דעם פאָטער.

— דאָס האָסטו זי גענומען פאַר דיין מליץ יושר! — האָט ער גענומען אויסלאָזען זיין כעס צו דער פרוי — דאָס וועט דיר אָבער קנאַפּ העלפען, דו אַלטע בהמה! — האָט ער איהר געגראָד־זשעט מיט׳ן פויסט פאַר איהר פּנים — איך וועל זיך מיט דיר שוין אָפּרעכענען, ווארט!

— האָסט אַ טעות, פּאַפּאַ — האָט פלאָראַ זיך אָפּגערופען — די מאַמע האָט מיט מיר קיין וואָרט ניט גערעדט וועגען דעם. איך...

— שאַרראַפּ! — האָט ער וויעדער אַ זעץ געטהאָן אָן טיש — מען פרעגט ביי דיר ניט!

פלאָראַ איז געלאַסען אויפגעשטאַנען און זיך געלאָזען געהן אין איהר צימער.

— וואו געהסטו? — האָט דער פאָטער אויף איהר אַ דונער געטהאָן.

— צו זיך אין צימער.

— זעץ זיך אַוועק, זאָג איך!

— נאָך וואָס — אום דו זאָלסט מיך בעליידיגען?

— דו פערדרייד מיר נאָר ניט די צייהנער, חכמה מיינע! — האָט ער געפיהרט מיט׳ן פינגער הין און צוריק אין דער לופטען און איראָניש איהר געשמייכעלט אין די אויגען אריין — דו ווילסט זיך שוין אַרויסדרעהען!

— איך פערדרייד דיר ניט די צייהנער און איך וויל זיך ניט ארויסדרעהען. אויב דו וועסט ניט בעליידיגען ניט מיך און ניט די מאַמען, בין איך בערייט דיך אויסצוהערען.

— אַזוי, דו שטעלסט מיר נאָך בעדינגונגען! — האָט ער ווייִ־

טער געקריצט מיט די צייהן — אפשר ווילסטו גאָר, איך זאָל עס דיר אונטערשרייבען ?

אַ טיעפער זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסען פון פלאָראַ׳ס ברוסט און זי האָט זיך ווייטער געלאָזען געהן.

— אהער געה, זאָג איך דיר ! — איז דער פאָטער צו איהר אַ ווילדער צוגעשפרונגען און איהר פערלאָפען דעם וועג — זעץ זיך אַוועק !

פלאָראַ האָט זיך מוטהיג אַוועקגעשטעלט און געזאָגט דרייסט :

— פאַפאַ, איך וועל זיך ניט אַוועקזעצען, אויב דו וועסט מיר ניט פערשפרעכען, אַז דו וועסט מיך ניט בעליידיגען.

ער האָט אַ מרוקע געטהאָן ווי אַ ווילדער, צובושעוועטער אָקס, איז שווייגענד צוריקגעגאַנגען צו זיין פריהעריגען פלאַץ, זיך אַוועק־געזעצט און גענומען נערוועז פויקען מיט די פינגער איבער׳ן טיש. די מוטער האָט געוואונקען צו פלאָראַ׳ן, זי זאָל זיך אַוועקזעצען, וואָס זי האָט גלייך געפאָלגט.

אַ היבשע ווײַלע האָט אין צימער געהערשט אַ דריקענדע שטיל־קייט. דאָס איז געווען אַ שטילקייט בעפאָר אַ שטורם. און באַלד טאַקע האָט דער שטורם אויסגעבראָכען :

— וואָס איז דאָס ? — האָט מיסטער זינגער גענומען אַן אויפ־גערעגטער קלאַפען מיט די פויסט איבער דער צייטונג, וואָס איז גע־לעגען אויף׳ן טיש — וואָס האָסטו דאָ אַריינגעשטעלט ?

פלאָראַ האָט ניט געענטפערט.

— ווארום ענטפערסטו ניט ? — איז ער אַלץ מעהר אין כעס געוואָרען.

— פלאָראַ ! — האָט די מוטער אין אַ וויינענדיגע שטימע זיך געבעטען ביי דער טאָכטער — אַז דער פאַפאַ פרעגט דיך, דארפ־סטו ענטפערען !

דער מוטער׳ס ווערטער האָבען געווירקט. זי האָט דער מוטער ערקלעהרט וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך און געענדיגט אין אַ גע־לאַסענעם טאָן :

— איך ווייס ניט וואָס פאַר אַ פערברעכען איך בין דאָ בע־

גאַנגען, ווען איך האָב אַדוועריטייזט, אַז איך וויל זעהן מיסטער ניי־מאַן'ען.

— דו ווייסט נעבעך ניט וואָס פאַר א פערברעכען דו ביזט בע־גאַנגען! — האָט דער פאָטער איהר איבערגעקרימט — וואָס פאַר א מחותן ביזטו מיט דעם יונג, הא? וואָס פאַר א ביזנעס האָסטו מיט איהם?

— איך האָב מיט איהם קיין ביזנעס ניט, אָבער איך וויל איהם זעהן.

— דו הערסט עפּעס רייד! — האָט ער זיך געווענדעט צו דער פרוי, ציהענדיג מיט די אקסלען — זי האָט מיט איהם קיין ביזנעס ניט און דאָך וויל זי איהם זעהן. דו פערשטעהסט דאָס? — איך ניט!

— דו קענסט דאָס טאקע ניט פערשטעהן — האָט פלאָרא ווייטער גערעדט, סטאַרענדיג זיך צו זיין העפליך — דו האָסט צו איהם קיינע פפליכטען ניט, אָבער איך...

— פפליכטען! — האָט ער אויסגעזעצט אין א שפּאָטישען גע־לעכטער, וועלכער האָט געמאכט זידען די בלוט אין פלאָרא'ס אָדערן — זי האָט צו איהם פפליכטען! כא, כא, כא!

פלאָרא האָט טרויעריג אָפּגעזיפצט.

— זי מיינט — האָט די מוטער זיך אָפּגערופען — אַז...

— זי געהט שוין טרעפען וואָס זי מיינט! — האָט ער די פרוי ניט געלאָזען ריידען — זאָל זי זאָגען!

— איך האָב דאָך דיר שוין ערקלעהרט — האָט פלאָרא ווידער אָנגעפאַנגען — אָבער דו ווילסט מיר ניט בעגרייפען. איך האָב צו מיסטער ניימאַן'ען פפליכטען, היילינע פפליכטען. איהם האָב איך צו פערדאַנקען פאַר מיין לעבען!

— שוין ווידער די זעלבע געשיכטע! — איז דער פאָטער שוין געוואָרען א ביסעל ווייכער — פפליכטען, דאַנקען — וויפיעל איז דער שיעור? עס מוז דאָך אמאָל נעהמען אַן ענדע!

— דאָס וועט קיין מאָל קיין ענדע ניט נעהמען. ווי לאַנג איך וועל לעבען וועל איך איהם דאַנקבאַר זיין.

— קיינער שטערט דיר ניט ,אז דו זאָלסט איהם דאנקען. אָבער נאָך וואָס דארפסטו שרייבען וועגען דעם אין די פייפערס? עס איז דאָך מיר אַ ביטערע שאנדע... מיינע בעקאנטע האָבען מיר היינט וועגען דעם דערצעהלט און איך האָב זיך שיעור ניט בעגראָבען פאַר חרפה.

— אזא יאָהר אויף מיר, ווי דער פּאַפּאַ איז גערעכט — האָט די מוטער זיך אָפּגערופען.

— זי האָט געמיינט, אז מיר קענען ניט לייענען קיין ענגליש, וועלען מיר דערפון ניט וויסען — האָט דער פאָטער שוין ווידער גערעדט מיט כעס — עס האָבען זיך אָבער געפונען מענשען וואָס האָבען מיר דערצעהלט.

— וואָס האָט זי אזוינס אריינגעשטעלט אין פייפער? — האָט די פרוי ווייטער געפרעגט ביים מאַן.

— איך האָב מיך געשעהמט איבערצופרעגען — האָט ער גע־ענטפערט. — ווען מען האָט מיר דערלאַנגט דאָס פייפער, האָב איך געמאַכט אַ מינע, אזוי ווי איך וויים וועגען דעם און האָב געזאָגט אַ תירוץ, אז מיר זוכען איהם, מיר ווילען איהם געבען נאָך געלד.

— האָסט גאַנץ גוט געטהאָן — האָט די פרוי געזוכט צו בע־רוהיגען דעם מאַן.

— פאַר אונזער טאָכטער נאָר בין איך ניט קלוג גענוג — האָט מיסטער זינגער געמאַכט אַ שטאָלצע מינע — איך פערשטעה קיין זאַך ניט, איך בעגרייף ניט איהרע פּפליכטען... אָבער גיש־קשה, איך דארף ביי קיינעם קיין שכל ניט לייהען. זאָג נאָר, טאָכטער מיינע — האָט ער זיך געווענדעט צו פלאָרא'ן וועלכע איז געזעסען טיעף פערטראַכט — וואָס וועט זיין אז פרענק וועט זיך דערפון דער־וויסען, הא? ער קען דאָך שוין יא לייענען. ער לעזט דאָך אַלע פּיי־פּערס. וואָס פאַר אַ תירוץ וועלען מיר איהם געבען, הא? האָסטו וועגען דעם אַ טראַכט געטהאָן?

— דאָס קימערט מיך גאָר ניט — האָט פלאָרא אין אַ פעסטען טאָן געענטפערט.

— וואָס קימערט דיך ניט? — האָט דער פאָטער זיך אויף דאָס נייע גענומען קאָכען.

— אַז פרענק וועט זיך דערוויסען — האָט פלאָראַ געלאָסען געענטפערט.

— דו הערסט, עטעל? — האָט ער מיט'ן עלענבויגען אַ שטויס געטהאָן די פרוי — עס קימערט דאָך איהר ניט, אַז פרענק זאָל זיך דערפון דערוויסען!.. האָסט איהר געזאָגט וואָס ער האָט צו מיר געשריבען?

— יאָ. זי האָט אויך פון איהם אַ בריעף בעקומען. צו איהר שרייבט ער אויך דאָס זעלבע. וועגען דעם האָב איך דאָס טאַקע דיך פריהער גערופען.

— וואָס מיינסטו? — האָט ער ניט פערשטאַנען דער פרוי'ס רייד.

מיסעס זינגער האָט זיך יעצט געפונען אין אַ פערלעגענהייט. זי האָט מורא געהאַט איהם צו זאָגען וועגען פלאָראַ'ס בעשלוס, אום ער זאָל זיך ווידער ניט קאָכען. אָבער די טאָכטער האָט איהר פון דיעזער פערלעגענהייט אַרויסגענומען, זאָגענדיג אין אַ רוהיגען טאָן:

— איך געה איהם שרייבען, אַז די חתונה וועט אין אַ מאָנאַט אַרום ניט שטאַטפינדען.

— וואָס?! איז דער פאָטער אויפגעשפרונגען ווי פון אַ דונער געטראָפען — וואָס האָסטו געזאָגט?

פלאָראַ האָט געשוויגען.

ביי מיסעס זינגער איז יעצט די האַרץ איינגעפאַלען פון שרעק. זי האָט מורא געהאַט, אַז עס וועט דאָ אויסברעכען אַ שרעקליכער סקאַנדאַל. דען זינגער איז פון דער נאַטור געווען אַ דעספאָט. קיינער האָט איהם אין קיין זאַך קיין דעה ניט געטאָרט זאָגען. האָט ער עפּעס געוואָלט אויספיהרען, האָט עס געמוזט געשעהן, ווען אפילו וועלטען האָבען זיך געזאָלט איבערקעהרען. דאַן האָט ביי איהם קיין שום בעדייטונג ניט געהאַט אַ פריינד, זיין פאַמיליע און אפילו גאָט אַליין... אָבוואָהל ער האָט פלאָראַ'ן זעהר ליעב געהאַט, דאָך איז די פרוי זיכער געווען, אַז ער וועט איהר יעצט ניט שאַנעווען, אויב

זי וועט וואגען צו האנדלען געגען זיין ווילען. זי האָט דארום גע־וואָלט אויסמיידען אַ סקאַנדאַל, מורא האָבענדיג, אַז דאָס זאָל ניט ווירקען שלעכט אויף דער טאָכטער און זי האָט זיך אָפּגערופען אין אַ שטימע, פול מיט שרעק און אַנגסט:

— סעם, זי מיינט חלילה ניט... הער איהר פריהער אויס!...

— אַז זי איז דאָך גאָר פלוצלונג שטום געוואָרען! — האָט ער ווידער געדונערט און די אויגען האָבען ביי איהם גענומען קו־קען ווילד, ווי ביי אַ גזלן — ווארום ענטפערסטו ניט? ! — האָט ער זיך געווענדעט צו פלאָראַ'ן מיט אַ געשריי.

— איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט — האָט פלאָראַ זיך אָפּ־גערופען אין דעם זעלבען רוהיגען טאָן וואָס פריהער.

—דו ווייסט ווארום זי וויל ניט אז די חתונה זאָל שטאַטפינ־דען? — האָט מיסעס זינגער געזאָגט מיט אַ געמאַכטען שמייכעל, וועלענדיג אַליין פערמיידען אַ סקאַנדאַל — זי האָט זיך בעליידיגט, ווייל פרענק האָט ביי איהר פריהער ניט געפרעגט.

— וואָס מישסטו זיך נאָכאַנאַנד אריין, אַלטע בהמה! — האָט ער זיך צושריען אויף די פרוי — זי פערענטפערט איהר אַליין! זאָל זי ריידען, איך פרעג דאָך ביי איהר, ניט ביי דיר.

— פּאַפּאַ, איך וועל דיר קיין וואָרט ניט ענטפערען, אויב דו וועסט ניט אויפהערען צו בעליידיגען די מאַמען! — האָט פלאָראַ צו איהם געזאָגט אין אַ שאַרפען טאָן.

דיזע ווערטער האָבען געווירקט אויף דעם אויפגערעגטען, ווי אויל אויף פייער. די רציחה האָט זיך יעצט אין איהם נאָך מעהר צופלאַקערט.

— איך וויל זעהען צו דו וועסט שרייבען צו פרענק'ען אַזאַ בריעף! — האָט ער געליאַמרעמט און געטופּעט מיט די פיס, אַז די גאַנצע הויז האָט זיך געטרייסעלט — איך וויל דאָס זעהען!

פלאָראַ האָט געשוויגען. די מוטער האָט זיך אויפ'ן וואונק ביי איהר געבעטען רחמים, זי זאָל זיין שטיל.

זינגער האָט האַסטיג גענומען אומשפּאַנען איבער'ן צימער, בורטשענדיג עפּעס אונטער דער נאָז און וואַרפענדיג גיפטיגע, שטע־

כיגע בליקען דאָס אויף דער פרוי, דאָס אויף די טאָכטער. ענדליך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבען פלאָרא׳ן און געפרעגט מיט כעס:

— נו. וואָס האָסטו בעשלאָסען ?

— צו שרייבען איהם, אז די חתונה וועט ניט שטאַטפינדען אין א מאָנאט ארום.

— זי שרייבט נאָך ניט, לאָז איהר יעצט צו־רוה — האָט מיסעס זינגער אליין געזוכט איינצושטילען דעם מאַן — כאַלע וואָס זי זאָגט ! . . .

— און איך זאָג, אז די חתונה וועט יאָ זיין ! — האָט ער וויע־דער געשריען — אָט טאַקע דערפאר ווייל דו ווילסט ניט ! איך שיק גלייך א טעלעגראַמע צו פרענק׳ען, ער זאָל קומען. און דו גרייט גלייך אלעס צו — האָט ער זיך געווענדעט צו דער פרוי אין א באַ־פעהלענדען טאָן — איך וועל נאָך היינט דינגען א האָלל און בע־שטעלען „אינוויטיישאָנס“. איך וועל דיר ווייזען ווער עס וועט אויספיהרען ! — האָט ער געענדיגט, ווענדענדיג זיך צו פלאָרא׳ן און קריצענדיג מיט די צייהן.

פלאָרא האָט אויסגעבראָכען אין א היסטערישען געוויין.

— גזלן ! מערדער ! — האָט מיסעס זינגער אין פערצווייפ־לונג געשריען צום מאַן, צולויפענדיג צו דער טאָכטער — האָסט פערגעסען וואָס זי האָט ערשט דורכגעמאַכט ? דו מיינסט, זי האָט דיין בייזע גבורה ?

דעם פאָטער האָבען פלאָרא׳ס טרעהרען ניט געריהרט. ער איז געווען גלייכגילטיג, קאַלט ווי א שטיין. ווען די מוטער האָט די טאָכטער עטוואָס איינגעשטילט און זי אונטער׳ן אָרעם אריינגע־פיהרט אין איהר צימער, האָט זינגער ארויסגעבורטשעט :

— דאָס וויינען וועט גאָר ניט העלפען. די חתונה וועט שטאַט־פינדען.

## זיבענטער קאַפּיטעל.

דער ערשטער צוזאמענשטויס וואָס פלאָראַ האָט געהאַט מיט'ן פאָטער האָט שטאַרק געווירקט אויף איהר געזונדס־צושטאַנד. זי האָט זיך דעם גאנצען טאָג געפיהלט שוואַך און פון צייט צו צייט פלעגט זי אויסברעכען אין א ביטערען, יאָמערליכען געוויין. די מוטער איז פון איהר ניט אָפּגעטראָטען, געזוכט איהר צו בערוהי־גען, אָבער איהר מיה איז געווען אומזיסט. פארנאַכט האָט זי ביי דער טאָכטער געפרעגט, צו זי זאָל רופען דעם דאָקטאָר. פלאָראַ האָט איהם געהייסען רופען. ניט זיין מעדיצינישע הילף האָט זי פערלאַנגט, — אין זיין פריינדשאַפט האָט זי זיך יעצט גענויטיגט, אין א פערנינפטיגען ראַטה ווי אזוי זי זאָל ווייטער אָנפיהרען איהר קאמפף געגען איהר דעספּאָטישען פאָטער. זי האָט אליין געוואָלט געהען צו דאָקטאָר סטענטאָן, זי איז אָבער געווען זעהר שוואַך.

דער ארצט, דערוויסענדיג זיך וואָס עס איז פאָרגעקומען, איז געוואָרען זעהר אויפגעבראַכט אויף זינגער'ען, וועלכער איז דאַן אין הויז ניט געווען, און ער האָט בעשלאָסען צו וואַרטען אויף איהם און איהם גוט אויס'מוסר'ען.

— איהר ווייסט, איך האָב בעקומען א בריעף פון נייטאַן'ען — האָט פלאָראַ א גליקליכע געזאָגט צום דאָקטאָר, ווען די מוטער האָט זיי געלאָזען אליין — א גרויסען בריעף.

— איך ווייס — האָט דער ארצט גלייכגילטיג געענטפערט.

— פון וואַנען ווייסט איהר? — האָט די מיידעל איהם ער־שטוינט אָנגעקוקט.

— איך ווייס — האָט דער דאָקטאָר געשמייכעלט.

— פון וואַנען? איהר זייט דאָך ניט קיין נביא.

— מען דאַרף נאָר קיין נביא ניט זיין. איהר זייט ביידע צוויי משוגעים. איך בין זיכער געווען, אז ער וועט זיך אָפּרופען אויף דיין אדווערטייזמענט.

— אהאַ! אָבער פאַר וואָס האָט ער זיך ניט אָפּגערופען אויף אייערע אדווערטייזמענטס? — האָט זי גוטמוטהיג זיך גערייצט מיט'ן דאָקטאָר.

— ער איז דאָך אין מיר ניט פערליעבט.

א מחיה'דיגער, זיסער געפיהל האָט יעצט אָנגעפילט פלאָרא'ס האַרץ און זיך צוגאָסען איבער אַלע איהרע גליעדער. ניימאַן איז אין איהר פערליעבט! ווי הערליך דיזע ווערטער האָבען געקלונגען אין איהרע אויערען! ווער קען זיך צו איהר גליק גלייכען?

— מעג איך וויסען וואָס ער שרייבט דיר? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט נאָך א ווײַלע שווייגען.

פלאָרא האָט זיך ענטשולדיגט, אומגעקעהרט זיך, אויפגעשפּיליעט דאָס ווייסטעל, ארויסגענומען דעם בריעף, וועלכער איז געלעגען אויף איהר ברוסט און איהם דערלאַנגט דעם ארצט מיט א גליקליכע מינע אויף איהר געזיכט.

דער דאָקטאָר האָט איבערגעלעזען דעם בריעף פון אָנפאַנג ביז'ן ענדע און ווען ער האָט געענדיגט, האָט ער בעמערקט:

— ער שרייבט ציעמליך גוט ענגליש.

— דאָס איז אַלעס וואָס איהר האָט צו זאָגען וועגען דעם בריעף? — האָט פלאָרא געפרעגט אין א טאָן פון ענטוישונג.

— וואָס נאָך איז דען פאַראַן צו זאָגען וועגען דעם? דער בריעף איז דאָך פול מיט נארישקייטען. מיר אינטערעסירט אין איהם בלויז די שפּראַך. איך זעה, אז ניימאַן איז א געבילדעטער קערל. אָבער אפילו געבילדעטע מענשען קענען אין דער שעהנסטער שפּראַך שרייבען די גרעסטע דומהייטען...

— דאָקטאָר, געגוג שוין מיט אייערע סארקאסטישע בעמערקונגען — האָט פלאָרא זיך געבעטען, קוקענדיג איהם ליעבליך אין די אויגען אריין — זייט א ווײַלע ערנסט!

— איך בין אימער ערנסט.

— אויב איהר זייט עס ווירקליך, טאָ זאָגט מיר, וואָס דיינקט איהר וועגען דעם בריעף.

— איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט.

— געהט, איהר זייט א שלעכטער מענש.

— דאָס איז אמת, דערפאַר האָבען דאָך פרויען מיך ניט ליעב; דערפאַר אנטלויפען זיי דאָך אַזוי פון מיר.

— און זיי האָבען טאקע רעכט. א שלעכטען מענשען קען מען ניט ליעב האָבען — האָט פלאָרא, שמייכלענדיג, זיך מיט איהם גע־רייצט.

אין די וױיטערע צימערען האָבען זיך געהערט פעסטע טריט. פלאָרא איז זעהר נערוועז געוואָרען, האָט שנעל בעהאלטען דעם בריעף, זאָגענדיג:

— דער פאפא איז שוין דאָ. ראטעוועט מיר, דאָקטאָר, זאָגט דעם פאפא, אז די חתונה טאָר אזוי שנעל ניט שטאטפינדען, זאָגט איהם, אז איך בין נאָך שוואך, איך דארף רוהען, זאָגט איהם...

אויף דער שוועל האָט זיך בעוויזען דער ווירטה פון הויז. אויף זיין געזיכט האָט מען געקענט לעזען אן אינערליכע אונרוהיגקייט. דערהערענדיג פון דער פרוי, אז פלאָרא האָט זיך געפיהלט שלעכט און אז זי האָט גערופען דעם דאָקטאָר, האָט זיך אין איהם ערוועקט דער פאָטערליכער געפיהל און ער איז דאָס גלייך אריינגעקומען גע־וואָהר ווערען וואָס זי מאכט. טראָץ דעם וואָס ער איז געווען אזא הארטער, פערביסענער מענש, האָבען דאָך טיעף, טיעף אין זיין הארצען זיך געפונען עטליכע עדעלע סטרונעס, מענשליכע געפיהלען; און פלאָרא'ן האָט ער ליעב געהאט כמעט אזוי הייס, אזוי שטארק ווי זיין געלד... זי איז געווען זיין שטאָלץ; די בת יחידה האָט פערפאָלקאָמט זיין גליק...

— וואָס מאכסטו זיך שוין ווידער נאריש, פלאָרא? — איז דער פאָטער מיט א ליעבליכע מינע צוגעגאנגען צו דער טאָכטער, בעגריסענדיג אין דער זעלבער צייט דעם דאָקטאָר.

פלאָרא האָט טיעף אָפגעזיפצט און געענטפערט אין א צוויי־דייטיגען טאָן:

— פאפא, דו ווייסט דאָך, אז איך האָב ניט ליעב זיך נאריש צו מאכען...

— איך ווארט דאָס טאקע אויף אייך, מיסטער זינגער — האָט דער דאָקטאָר זיך אָפגערופען מיט א שמייכעל — איהר וועט פון מיר אריינכאפען א גוטע פאָרציע.

— פאר וואָס? — האָט זינגער אויך געשמייכעלט.

— איהר וועט שוין הערען פאר וואס — האט דער ארצט גע־ענטפערט, ווערענדיג שוין ערנסט און, ווענדענדיג זיך צו פלאָרא'ן, האט ער צוגעגעבען: ווילסטו אזוי גוט זיין אונז דא לאָזען אליין?

פלאָרא האט שנעל פערלאָזען דעם צימער.

— איך וואונדער זיך זעהר אויף אייך, מיסטער זינגער, פאר אייער היינטיגע האנדלונג געגען אייער טאָכטער — האט דער דאָק־טאָר איהם גענומען מוסר'ען — איהר האט פערגעסען, אז פלאָרא איז נאָך ניט ביים פאָלשטענדיגען געזונד, זי דארף האָבען אבסאָ־לוטע רוהע, מאכט איהר גאָר, אז זי זאָל זיך אויפרעגען, ערגערען.

— איך האָב געוואָלט — האט ער זיך גענומען פארענטפערען

— אז...

— ענטשולדיגט, איך האָב נאָך ניט געענדיגט — האט דער דאָקטאָר איהם איבערגעשלאָגען די רייד — אונטער אנדערע אומ־שטענדען וואָלט איך פיעלייכט קיין רעכט ניט געהאט זיך ארייננצו־מישען אין אייערע פאמיליען־אנגעלעגענהייטען, אָבער דאָ איז א גאנץ אַנדערע זאך. פלאָרא איז מיין פאציענטין און עס איז מיין היילינגע פפליכט צו זאָרגען פאר איהר געזונד. איהר זאָלט גוט גע־דענקען, אז נאָך א פאָאָר אזעלכע סצענעס ווי די וואס האט זיך דאָ היינט אָפגעשפיעלט, קענען מאכען א תל פון איהר. איך האָב זיך זעהר דערשראָקען, ווען איך האָב זי פריהער דערזעהן. זי איז שוין יעצט אביסעל אויפגעהייטערט, מונטער. איהר האט זי אָבער גע־דארפט זעהען פריהער.

דעם דאָקטאָר'ס רייד האָבען אויף זינגער'ן געמאכט זעהר א שטאַרקען איינדרוק. ער האט זיך אויפמערקזאם צוגעהאָרכט צו יע־דען וואָרט. ווען דער דאָקטאָר האט געענדיגט, האט ער א ווייל־ע געשוויגען, דיינקענדיג, אז דער ארצט וויל פיעלייכט נאָך עפּעס זאָ־גען און זעהענדיג אז ער שוויגט, האט ער זיך ענדליך אָפגערופען:

— ווען איך וואָלט געוואוסט, אז דאס וועט אויף איהר אזוי שלעכט ווירקען, וואָלט איך דעם פאיט אויסגעמיעדען, איך וואָלט איהר קיין וואָרט ניט גערעדט, אָבוואָהל עס האט מיר שטארק פער־דראָסען אויף איהר...

זינגער איז יעצט געוועזן אויפריכטיג, ערנסט. אין יעדען וואָרט זיינעם האָט זיך געהערט אַ טיעפע חרטה; זיין געזיכט האָט אויך אויסגעדריקט דאָס זעלבע. דער דאָקטאָר האָט געזעהן, אַז יעצט איז אַ פּאַסענדע געלעגענהייט צו ערפילען פלאָרא׳ס ביטע, צו פּועל׳ן ביים פאָטער, ער זאָל איהר ניט צווינגען צו הייראַטען אין אַ מאָנאַט ארום און ער האָט ווייטער אָנגעפאַנגען:

— ענטשולדיגט מיר פאַר מיין דרייסטקייט, אָבער מעג איך ווי־סען צוליעב וואָס עס איז ביי אייך פאָרגעקומען דיעזער פאַיט, ווי איהר האָט זיך זעלבסט אויסגעדריקט?

זינגער האָט דערצעהלט וואָס עס האָט פּאַסירט און געענדיגט:

— איך בין דאָ בלויז אויסען געוועזן איהר טובה.

— עס איז מיר אַ גרויסער וואונדער אויף אייך, מיסטער זינ־גער — האָט דער אַרצט איהם בעמערקט — איהר זייט דאָך אַ פער־נינפטיגער מאַן און דאָך האָט איהר דאָ געהאַנדעלט זעהר ניט פער־נינפטיג. ווארום האָט איהר זיך ניט בעראַטהען מיט מיר, צו זי מעג יעצט הייראַטהען? טאָמער איז פאַר איהר יעצט הייראַטהען געפעהרליך?

— דאָס איז מיר גאָר אויפ׳ן זינען ניט ארויפגעקומען. איך האָב געדיינקט, אַז פלאָרא איז שוין פאָלשטענדיג געזונד — האָט ער זיך פערענטפערט.

— איהר האָט אַ גרויסען טעות. פאָלשטענדיג געזונד וועט זי ערשט זיין — ווען זי וועט זיך ניט ערגערען און האָבען אבסאָלוטע רוהע — אין עטליכע מאָנאַטען ארום.

— אויב אזוי שרייב איך גלייך אוועק אַ בריעף צו פרענק׳ען, אַז ער זאָל גאָר יעצט ניט דיינקען וועגען הייראַטהען.

— אָט דאָס דאַרפט איהר טאַקע טהאָן.

— קען איך איהם דאָס שרייבען אין אייער נאָמען, דאָקטאָר?

— יאָ. און אויב איהר ווילט וועל איך איהם זעלבסט שרייבען.

— דאָס וועט טאַקע בעסער זיין.

— אָט שרייב איך איהם אויפ׳ן שטעל — האָט דער דאָקטאָר ארויסגענומען פון טאַש זיין פעדער און פאַפּיער און גענומען שריי־

בען. ווען ער האָט געענדיגט, האָט ער דעם בריוועל אָוועקגעגע־בען זינגער'ן, זאָגענדיג:

— איהר וועט אזוי גוט זיין איהם דאָס איבערשיקען, צוזאמען מיט אייער בריעף.

— אויב איהר האָט נאָך צייט, וואָלט איך וועלען מיט אייך ריידען וועגען אן אנדער זאך — האָט זינגער אין א בעטענדען טאָן געזאָגט.

— איך האָב צייט און וועל אייך מיט פערגעניגען אויסהערען

— האָט דער דאָקטאָר געענטפערט.

— איך בעטראכט אייך איצט אלס אונזער פריינד און דע־ריבער וויל איך הערען אייער מיינונג וועגען דעם — האָט זינגער פאָרטגעזעצט — זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס פאר א פנים האָט עס וואָס פלאָרא שטעלט אריין אין דער צייטונג, אז זי זוכט דעם מיסטער ניימאן'ען. א שטיק צוליעב דעם איז דאָך טאקע דער היינ־טיגער פאַיט ביי אונז ארויסגעקומען. מיינע פריינד האָבען מיר דאָס געוויזען און איך האָב זיך שיער ניט בעגראָבען פון שאנדע. איהר ווייסט דאָך אודאי פון דער געשיכטע. נו, פרעג איך אייך, פאַסט דאָס פאַר פלאָרא'ן?

דער ארצט האָט זיך געמאכט ניט וויסענדיג פון קיין זאך און איהם ערקלעהרט, אז ער זעהט ניט איין ווארום דאָס איז ניט פאַ־סענד. זי ווייס דאָך ניט ניימאן'ס אדרעס, איז זי געצוואונגען גע־ווען איהם צו זוכען דורך א צייטונג.

— אָבער וואָס פאר א מהותן איז זי מיט איהם איבערהויפּט?

— האָט זינגער זיך שוין ניט געקענט קאָנטראָלירען און זיך גענומען קאָכען — וואָס פאַר אַ ביזנעס האָט זי מיט איהם?!

— עס איז גאנץ נאטירליך וואָס זי וויל איהם זעהען, זי וויל איהם דאנקען.

— איך בעגרייף דאָס ניט און עס וואונדערט מיך, אז איהר זאָלט איהר נאָך געבען רעכט. וואָס הייסט דאנקען? האָב איך איהם דען ניט געוואָלט בעצאָהלען? אז ער האָט ניט געוואָלט נעה־מען קיין געלד, איז ער טאקע א גרויסער נאר.

דער ארצט איז געוואָרען זעהר אויפגעבראכט פון דיעזע ווער־טער. ער האָט גוט געקאָנט זינגער'ן שוין פון היבשע עמ׳ליכע יאָה־רען. ער האָט געוואוסט, אז ער האָט א גראָבען כאראקטער, אז זיין איינציגער אידעאל איז גאָר געלד; און ניט איינמאָל פלעגט ער זיך וואונדערען, ווי עס קומט צו דיעזען מענשען א קינד מיט אזא עדעלען, גוטהערציגען כאַראַקטער, ווי פלאָרא. אזא געוואלדיגער קאָנטראסט! אָבער דיעזע האנדלונג זיינע אין בעצוג צו ניימאן'ען האָט אין איהם ארויסגערופען אן אבשטויסענדען, אן עקעלהאפטען געפיהל. און ער האָט דיעזען געפיהל ניט געקענט פערבאָרגען און זיך אָפּגערופען אין א בייזען טאָן;

— וועלל, עס איז נאָך אַ פראַגע אויב מיסטער ניימאַן איז א נאר...

— וואָס דען, א חכם איז ער? — האָט זינגער געשמייכעלט — מען גיט איהם געלד און ער וויל ניט נעהמען! ער פערשווינדעט אָהן א „גוד באַי", ווי א גנב. ער איז טאקע א גרויסער חכם! — האָט ער געדרעהט מיט'ן קאָפּ און פערקרימט די ליפּען.

— עס זיינען פאראַן מענשען, ביי וועלכע געלד איז ניט אלעס אין לעבען און צו דיעזען סאָרט מענשען בעלאנגט אויך מיסטער ניימאן — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט אין א שארפען טאָן.

זינגער האָט זיך יעצט געפונען אין א פערלעגענהייט. ער האָט געהאָפּט צו האָבען דעם דאָקטאָר אויף זיין זייט, צום סוף האָט זיך גאָר אויסגעלאָזען פערקעהרט; און עס האָט איהם שוין באנג גע־טהאָן פאר וואָס ער האָט גאָר אָנגעהויבען דיעזען געשפּרעך.

— וואָס פאר אַ מיינונג קענט איהר וועגען דיעזען יונגען מאַן האָבען? — האָט זינגער נאָך א ווייליע שווייגען ווידער אָנגע־פאנגען — איהר קענט איהם דען, איהר ווייסט ווער ער איז?

— מענשען לאָזען זיך אם בעסטען דערקענען לויט זייערע האנדלונגען...

— זאָג איך דאָך דאָס טאקע, אז ער האָט געהאנדעלט זעהר נאריש.

— לאָמיר בעסער וועגען דעם מעהר ניט ריידען, מיסטער זינ־

נער — איז דער ארצט שוין געווען אונגעדולדיג — איהר ווילט מיך ניט פערשטעהן און עס איז  דארום נוצלאָז  ווייטער דעריבער צו ריידען.

— איך וויל אייך אָבער בעטען, אז איהר זאָלט אזוי גוט זיין און ריידען מיט פלאָרא'ן, אז זי זאָל דאָס מעהר ניט טהאָן, איך מיין, אז זי זאָל מעהר ניט ארייגשטעלען אין די צייטונגגען, אז זי זוכט דיעזען מיסטער ניימאן'ען, עס איז זעהר ניט שעהן — האָט זינגער זיך געבעטען ביי דעם דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר, וועלענדיג פּטור ווערען פון דיעזען אונאנגענעהמען געשפּרעך, האָט איהם פערשפּראָכען, אז ער וועט מיט פלאָרא'ן וועגען דעם ריידען.

— זאָגט עס איהר טאקע באלד. איך וועל ארויסגעהן פון דאַנען — האָט זינגער זיך אויפגעהויבען און זיך געלאָזען געהן צו דער טהיר — איך שיק זי גלייך אריין אהער.

אין א פּאָאָר מינוטען ארום איז פלאָרא אריינגעקומען.

— נו, וואָס האָט איהר געמאַכט ? — האָט זי מיט אונגעדולד געפרעגט דעם ארצט.

— דו האָסט מיר געגעבען א שעהנעם דזשאב ! — האָט דער דאָקטאָר כלומרשט זיך געבייזערט — דער טאטע איז איינגעשפּאַרט און ער זאָגט, אז די חתונה מוז שטאַטפינדען, און איך מוז זיך שוין צוגרייטען צו א פּרעזענט.

פלאָרא איז געבליבען שטעהן ווי א פּאַראַליזירטע.

— זעה נאָר ווי זי נעהמט זיך דאָס אזוי צום הארצען ! — האָט דער דאָקטאָר ווייטער געדעדט, אָבער שוין ניט מיט דער פריהערדיגער ערנסטקייט — דו ועסט דאָך סיי ווי סיי הייראטהען, נו, וועט די חתונה פריהער שטאַטפינדען.

פלאָרא האָט שוין יעצט דערקענט, אז ער שפּאַסט. זי האָט ארויפגעלייגט איהר האנד אויף זיין שולטער און, א שטויס טהוענדיג איהם לייכט פון זיך, האָט זי געזאָגט :

— דיעזער שפּאַס האָט מיר א היבש ביסעל ערגערניש פערשאַפט. אָבער לאָמיך שוין הערען וואָס איהר האָט געמאַכט.

— וואָס האָט דיר דער טאטע געזאָגט, ווען ער האָט דיך אהער אריינגעשיקט ? — האָט דער ארצט געפרעגט, מאכענדיג אן ערנסטע מינע.

— ער האָט מיר געזאָגט, אז איהר ווילט מיך זעהן.

— מעהר גאָר ניט ?

— ניין.

— וועגען ניימאן'ס בריעף האָט ער מיט דיר גאָר ניט גערעדט ?

— וועגען וואָס ? ! — האָט פלאָרא א פערציטערטע געפרעגט.

— איך האָב איהם דערצעהלט, אז ניימאן האָט צו דיר א בריעף געשריבען — האָט דער ארצט זיך געמאכט ניט בעמערקענדיג איהר אויפרעגונג.

— ווארום האָט איהר דאָס געטהון ? ! — האָט פלאָרא פערצווייפעלט פערבראָכען די הענד.

— איך האָב דאָך איהם געמוזט ערקלעהרען, ווארום דו ווילסט ניט, אז די חתונה זאָל שטאטפינדען. דו ווייסט דאָך, אז איך בין דיין פאָטער'ס א פריינד און איך קען איהם קיין ליגען ניט זאָגען.

— הערט דאָך שוין אויף אמאָל צו שפאסען ! — האָט פלאָרא ענדליך פערשטאנען, אז דער דאָקטאָר טרייבט ווידער קאטאָוועס מיט איהר — שעהמען מעגט איהר זיך, כ'לעבען ! אן אלטער מאן, דאכט זיך, און האָט נאָך אזוי ליעב צו שטיפען.

— בעליידיגען דארפסטו דאָך מיך ניט — איז דער ארצט כלומרשט געוואָרען ערנסט.

— וואָס דען זייט איהר, ניט קיין אלטער מאן און דערצו נאָך א בחור, אן אלטער בחור!... — האָט זי זיך מיט איהם גערייצט.

— און דאָך, ווען איך וואָלט געוואָלט וואָלסטו זיך אין מיר איינגעליעבט.

— אנדערש ניט ! אָט ליעב איך זיך שוין אין אייך איין...

— אייל זיך נאָר ניט. איך בין ניט ניימאן.

פלאָרא איז יעצט שוין געוועזן אין א פרעהליכער שטימונג. זי האָט ארומגענומען דעם ארצט מיט ביידע הענד ארום זיין האלז און

צוטוליענדיג זיך צערטליך צו איהם, האָט זי געזאָגט, קוקענדיג מיט ליעבליכע בליקען איהם גלייך אין די אויגען אריין:

— נו, לאָמיך שוין אמאָל הערען וואָס איהר האָט געמאכט מיט'ן טאטען? ווארום ציהט איהר מיר ארויס די נשמה?

ער האָט איהר איבערגעגעבען דעם געשפרעך וואָס ער האָט געהאט מיט'ן פאָטער. ווען ער האָט געענדיגט, האָט זי איהם א קוש געטהאָן, זאָגענדיג מיט פרייד:

— איך בין יעצט די גליקליכסטע פערזאָן אויף דער וועלט.

— און אויך די דומסטע — האָט דער דאָקטאָר שמייכלענדיג צוגעגעבען.

— איהר מעגט שוין יעצט ריידען וואָס איהר ווילט, איך וועל אייך שוין ניט ענטפערען. איך בין גליקליך, גליקליך! — האָט זי גענומען ארומטאַנצען ארום דעם דאָקטאָר און איהר געזיכט האָט גע־שטראַהלט פון אונבעשרייבליכען גליק.

— אַ שאָד וואָס מיין קאָלעגע דאָקטאָר פרעד איז דאָ ניטאָ — האָט דער אַרצט זיך אָפּגערופען.

— וואָס מיינט איהר דערמיט? — האָט פלאָרא ניט פערשטאַ־נען וואָס דער ארצט איז אויסען.

— ער איז אַ ספּעציאַליסט צו וואהנזינן — איך וואָלט איהם געהייסען, ער זאָל אונטערזוכען דיין מח.

— אויב גליק איז וואהנזין, וויל איך דאָס זיין דעם גאנצען לעבען — האָט פלאָרא ווייטער געטאנצט פון פרייד.

— איך בין דיר אַזאַ גליק מוחל.

— איהר וועט זעהן דאָקטאָר, אז איך וועל אייך נאָך חתונה מאַכען. אי, וועל איך דאַן לאַכען!

— דו נעהמסט זיך אונטער א צו שווערען דזשאַב...

— וואָס אַארט עס אייך! לאָזט עס איבער צו מיר. איהר'ט שוין זעהען...

— לאָמיך פריהער זעהען וואָס דו קענסט אויפטהאָן פאַר זיך זעלבסט, דו גרויסע העלדין מיינע! טאָמער זאָגט דיר דער טאטע א וואָרט, צו־וויינסטו דאָך זיך באַלד און ווערסט קראַנק.

— אָהן טרעהרען קען מען אויף דער וועלט קיין זאך ניט ער־רייכען — איז פלאָרא פלוצלונג געוואָרען ערנסט — דער מענש קומט אויף דער וועלט מיט געוויין און דעם גאנצען לעבען זיינעם האלט ער אין איין פערגיסען טרעהרען.. יעדעם פיצעלע גליק איז דורכגעווייקט מיט הייסע מענשליכע טרעהרען... גאַנצע טייכען זודיגע, בלוטיגע טרעהרען ווערען יעדער סעקונדע פערגאָסען און ווען דיזע אַללע טרעהרען וואָלטען געקענט צוזאמענשטראָמען, וואָלטען זיי די גאנצע וועלט פערפלייצט...

— דו פאנגסט שוין אָן מיט דיין פילאָזאָפיע!

— איז עס דען ניט ריכטיג?

—אוי, וואָלט איך יעצט געוואָלט זעהען ניימאן׳ען! — איז דער דאָקטאָר פלוצלונג איבערגעגאנגען צו אן אנדער געשפּרעך.

דערהערענדיג דעם נאָמען פון איהר געליעבטען — דער נאָמען וועלכער איז געווען טיעף איינגעקריצט אין איהר הארצען, דער נאָ־מען וואָס האָט אין איהר אזוי פיעל איניגסטע פרייד ארויסגערופען — איז פלאָרא וויעדער פרייליך געוואָרען און געזאָגט מיט א שמיי־כעל:

— וואָס דארפט איהר איהם פלוצלונג יעצט אזוי נויטיג האָבען?

— איך האָב איהם עטוואָס זעהר וויכטיגעס מיטצוטהיילען.

— מעג איך עס אויך וויסען?

— דו קענסט עס וויסען. איך וואָלט איהם דערצעהלט, אז... אז דו האָסט מיר א קוש געגעבען.

פלאָרא האָט זיך הערצליך צולאכט און געזאָגט:

— איך וועל דאָס איהם אליין שרייבען, און דאָס טאקע באלד.

— הער איך האָב א פּלאָן ווי אזוי איך זאָל איהם קענען זעהן.

— דאָס איז גוט! אויסגעצייכענט — האָט פלאָרא גענומען פאטשען מיט די הענד פון שמחה.

— טאָ שלאָג זשע מיר ניט איבער און הער מיך אויס — האָט דער ארצט געזאָגט, נאָכדענקענדיג — איך האָב א פריינד אין היע־גען דזשענעראַל פּאָסט אָפּפיס. ער פערנעהמט דאָרט א וויכטיי־

שטעלע. איך וועל איהם בעטען, אז ער זאָל אָנזאָגען דעם קלוידק וואָס האָט אונטער זיין אויפזיכט די „דזשענעראל דעליווערי“ בריעף, אז ווען ניימאן וועט קומען נאָך א בריעף, זאָל מען איהם פערהאַל־טען און מיר לאָזען וויסען.

— זעהר א גוטער פּלאן און נאט אייך נאָך א קוש! — האָט פלאָרא ווידער א הייסען קוש געגעבען איהר פריינד — אין פער־געסט ניט צו זאָגען ניימאן'ען, אז איך האָב אייך צ ו ו י י קוש געגעבען.

— לאָז דאָס איבער צו מיר, איך וועל שוין וויסען וואָס איך האָב צו טהאָן...

— און ער וועט אייך אויך קושען, דען נאָר איין ווע־ען מיר האָבען צו פערדאנקען פאַר אונזער גליק! איהר ווייסט, דאָקטאָר, איך בין אייך מקנא. איך דיינק אימער, אז א מענש וואָס מאכט א צווייטען גליקליך, מוז זיך פיהלען נאָך בעסער, נאָך גליקליכער, ווי דער גליקליכער זעלבסט — איז עס ניט אזוי?

דער דאָקטאָר האָט גאָר ניט געענטפערט. ער איז געזעסען פערזונקען אין טיעפע געדאנקען. זיין געזיכט איז יעצט געווען זעהר ערנסט. פלאָרא'ס לעצטע בעמערקונג האָט אָנגעריהרט א שמערצליכע וואונד, וואָס איז געווען פערבאָרגען טיעף, טיעף אין זיין הארצען... א היבשע ווייל איז ער אזוי געזעסען, נאכהער האָט ער שווער אָפגעזיפצט און געזאָגט, א מאך טהאָנדיג פערצווייפעלט מיט'ן האנד:

— עס איז אלעס דומהייטען, אונזינן!...

* * *

נאָך האלבע נאכט.

פלאָרא, אָנגעטהאָן אין נאכט־קליידער, זיצט ביי דעם טיש אין איהר צימער. זי איז טיעף פערטראכט. זי קלעהרט ווי אזוי אָנ־צופאנגען דעם בריעף צו ניימאן'ען. פון צייט צו צייט ווארפט זי דערשראָקענע בליקען צו דער טהיר. זי האָט מורא, אז די מוטער זאָל ניט אריינקומען, דען זעהר אָפט קומט זי אריין צו איהר אין מיטען דער נאכט און פערריכט אונטער איהר די קישענס, אויב זיי

זיינען ניט אין אָרדנונג. פריהער האָט זיך איהר געדוכט, אז אזוי ווי זי וועט נאָר נעהמען די פעדער אין דער האנד אריין, וועט זי גלייך אָנפאנגען צו שרייבען. זי האָט שוין כמעט דעם גאנצען בריעף געהאט פערטיג אין איהר מח. און יעצט ווייס זי ניט ווי אזוי אָנ־צופאנגען די ערשטע ווערטער. דאָס מאכט איהר נערוועז. ענדליך נעהמט זי ניימאן׳ס בריעף, לעזט איהם דורך פון אָנפאנג ביז׳ן ענדע, נאָכהער גיט זי שנעל א כאפּ די פעדער און נעהמט שרייבען:

„מיין טהייערער, מיין ליעבער ארטהור!

פריהער פאַר אַלעם וויל איך אייך דאנקען, הערצליך דאנקען, פאַר דעם גרויסען גליק וואָס איהר האָט מיר פערשאפט מיט אייער בריעף. איך האָב ניט גענוג ווערטער — קיין שום שפּראך פערמאָגט זיי ניט — אום אייך דיעזע דאנקבארקייט מיינע אויסצודריקען.

שוין מעהר ווי א שטונדע ווי איך זיץ אין מיין צימער (עס איז שוין יעצט נאָך האַלבע נאכט) און טראכט וואָס איך זאָל אייך שרייבען. דאָס הייסט ניט, אז איך האָב אייך ניט וואָס צו זאָגען, פערקעהרט, איך האָב אזוי פיעל, אזוי פיעל אייך מיטצוטהיילען, נאָר דער אָנפאנג איז מיר עפּעס אזוי שווער אָנגעקומען. אָבער ווי איך האָב יעצט וויעדער איבערגעלעזען אייער בריעף (איך קען איהם שוין כמעט אויף אויסווענדיג), האָב איך גלייך א כאפּ געטהאָן די פעדער, און אָט שרייב איך.

איך וואָלט פיעל גליקליכער געווען, ווען איהר וואָלט ערפילט מיין ערשטען וואונש, וועלכען איך האָב אויסגעדריקט אין מיין אדר־ווערטייזמענט, נעמליך, ווען איהר וואָלט פּערזענליך געקומען. אָה, ווי גערן איך וויל אייך זעהן! מיין הארץ בייגקט אזוי שטארק נאָך אייך! ווארום בעהאלט איהר זיך? ווארום קומט איהר ניט צו מיר?

טהייערער, געליעבטער מיינער!

אויך מיין פעדער איז צו שוואך, צו אָרים, אום דורך איהר אויסצודריקען מיינע יעצטיגע געפיהלען... איהר שרייבט, אז איהר זייט יעצט דער גליקליכסטער מענש אונטער דער זונן. דאָס איז ניט ריכטיג, ערלויבט מיר אייך דאָס צו בעמערקען. דער גליקליכסטער

מענש אויף דער וועלט איז — די שרייבערין פון דיזע ציילען, יא, איך בין די גליקליכסטע פערזאָן אונטער דער זונן. איהר שרייבט, אז דער פאקט, דאָס איך אינטערסיר זיך מיט אייך מאכט אייך גליקליך. אויך דערויף ערלויבט מיר אייך צו בעמערקען דאָס פאָלגענדע: ניט בלויז אינטערעסיר איך זיך מיט אייך, זאָנדערן איהר זייט יעצט דער אינטערעס פון מיין גאנצען לעבען, פון מיין דאזיין — איהר זייט דער אָנפאנג און ענדע פון מיין „איך"...

אייגענטליך דארף דאָס פאר אייך קיין נייעס ניט זיין. איך האָב דאָס אייך אזוי דייטליך ערקלערט מיט מיינע שטומע בליקען, ליגענדיג אויפ'ן קראַנקען בעט אין האָספיטאַל; און אַז איהר האָט מיך פערשטאנען — דאָס האָב איך גלייך געזעהן; אין דעם האָב איך ניט אָנגעהויבען צו צווייפלען. איהר געדענקט יענעם מאָמענט, ווען איהר האָט זיך ענטזאגט צו נעהמען דעם טשעק פון מיסטער פרענק'ען? דאן האָב איך אייך געצליך מיין הארץ געשאָנקען — געגצליך און אויף אייביג. ווען איך האָב אייך צום ערשטען מאָל ערבליקט, האָב איך געשוועבט צווישען לעבען און טויט. אָבער שוין דאן האָט מיין הארץ אָנגעהויבען פיהלען עטוואָס אויסערגעוועהנליכעס. יא, פון דעם ערשטען אויגענבליק האָב איך געפיהלט, אַז איהר וועט שפּיעלען אַ וויכטיגע ראָלע אין מיין לעבען; אָבער דער אויבענדערמאָנטער מאָמענט — אייער ענערגישעס צוריקוויזען די בעלאָהנונג פון מיסטער פרענק'ען — האָט פערזיעגלט אונזער שיקזאל... איך בין זיכער געווען, אז איהר וועט זיין מתנה ניט צונעהמען.

יעצט אַ פּאָר ווערטער וועגען מיסטער פרענק'ען:

ווי איהר ווייסט, איז ער אָ פ י צ י ע ל נאָך מיין חתן, אָבער אין מיין הארצען עקזיסטירט ער שוין לאנג ניט. עס איז פיעלייכט ניט לאנג לויט דעם צייט־רעכענונג, אָבער לויט מיינע געפיהלען איז דאָס שוין אַ לאנגע, לאנגע פערגאנגענהייט... מיין הייסע, פלאַמענדע ליעבע צו אייך האָט אין גאנצען אָפּגעמעקט יעדע עראינערונג וועגען איהם. ער וויים דאָס נאָך ניט, אָבוואָהל איך האָב דאָס איהם שוין געגעבען צו בעמערקען ביי פערשיעדענע געלעגענ־

הייטען. איך וועל דאָס איהם אָבער אין קורצען פּערזענליך דייט־ליך ערקלעהרען. דאָס וועט נאָך פיעלייכט פּאַסירען דיעזע טעג. און עס קען זיין, אז ער בעמערקט יא עטוואָס. דען ער האָט היינט געשריבען צו מיין פאָטער און צו מיר, אז ער וויל, דאָס אונזער האָכצייט זאָל שטאַטפינדען אין א מאָנאַט ארום (איך האָב שוין בע־זאָרגט, אז עס זאָל ניט קומען דערצו.)

איך בין זיכער, אז איהר האָט זיך ניט איינמאָל געשטעלט די פאָלגענדע פראגע — (און דאָס איז גאנץ נאַטירליך) : צי האָב איך מיסטער פרענק׳ען געליעבט ? און דאָ האָט איהר מיין אָפענהער־ציגען אנטוואָרט : יא און ניין. מיסטער פרענק איז עלטער פון מיר. ווען ער איז אָנגעקומען צו מיין פאטער אין די ביזנעס, בין איך נאָך געווען זעהר יונג. ער איז צו מיר אימער געווען גוט און פלעגט מיר בעהאנדלען מיט צערטליכקייט. אָבער מיט דער צייט האָט זיך זיין כאראקטער געענדערט צום שלעכטען. ער האָט זיך אָבגעלערענט פון מיין פאָטער, ווען וועלכער, ווי איהר האָט פיליייכט בע־מערקט, האָט א הארטען כאראַקטער. אין דער הינזיכט בין איך גע־ראָטען אין מיין מוטער, וועלכע איז א מענש אָהן א גאל און מיט א דימענטענע הארץ (איהר זעהט, איך מאַך זיך זעלבסט א קאָמפּ־לימענט...)

ווען ער האָט זיך מיר מיט א יאָהר צוריק ערקלעהרט אין ליע־בע, איז דאָס פאר מיר קיין איבערראַשונג ניט געווען. איך האָב עס ערוואַרטעט. איך האָב לאנג ניט נאָכגעדיינקט און האָב איהם מיין יאָ־וואָרט געגעבען. דעריין האָבען מיר פיעל צוגעהאָלפען מיינע עלטערען. זיי האָבען איהם ליעב און זיי האָבען דאָס בעטראכט אלס גליק פאר מיר. ביז א געוויסען גראד האָב איך זעלבסט אזוי גע־דיינקט. אין זיין ליעבע צו מיר האָב איך ניט געצווייפעלט, און איך האָב אויף איהם געקוקט מיט די אויגען פון אמאָל, ווען איך בין נאָך געווען יונג. נאָך אונזער פערלאָבונג זיינען געווען מאָמענטען, ווען איך האָב איהם ניט געקענט פערטראָגען — אלץ צוליעב זיין שטיין־הארטען כאראקטער. און אזעלכע מאָמענטען זיינען געווען ניט קיין זעלטענהייט. עס זיינען זאָגאר צווישען אונז פאָרגעקומען

קאָנפליקטען, איבעררייידונגען און ווען ניט דער צופאל פון מיין קראנקהייט, וואָלט איך זיכער פאר איהם געהייראטה. אָבער דיע־זער אונגליק האָט זיך פאר מיר אין גליק פערוואנדעלט. יעצט ערשט האָב איך איהם דערקענט אין זיינע ריכטיגע פארבען.. ווען מען האָט געדארפט האָבען בלוט אום מיין לעבען צו ראטעווען, איז ער דאָס געגאנגען קויפען ביי א פרעמדען! ווי א גוט אויסגערעכנ־טער ביזנעס מאן האָט ער געהאנדעלט... און דאן האָב איך איהם אָנגעהויבען צו האסען, — פון טיעפען הארצען האָב איך איהם גע־האָסט, מיט דער גאנצער קראפט פון מיין זעעלע האָב איך איהם גע־האָסט. ער איז מיר געוואָרען אבשטויסענד, עקעלהאפט. זיין אנ־ווענזענהייט האָט געמאכט זידען אין מיר דאָס ביסעל בלוט, וואָס איך האָב דאן געהאט אין מיינע אָדערען.

דאן זייט איהר געקומען, ווי א גוטער מלאך. די בלוט, וואָס איהר האָט מיט אזא אָפּפערווילליגקייט געגעבען, אום מיין לעבען צו ראטעווען, האָט אין מיר א נייע נשמה אריינגעגעבען, — א שעהנע־רע, אן עדעלערע, ווי די, וואָס איך האָב אין זיך פריהער געהאט... און ניט בלויז האָט איהר מיר צום לעבען אומגעקעהרט, נאָר איהר האָט מיר געמאכט אזוי גליקליך, אזוי גליקליך! אָה, וואו נעהמט מען די קראפט צו שילדערען מיין גליק! די גאנצע וועלט איז דאָך יעצט מיינע! ערשט יעצט פיהל איך וואָס עס הייסט ליעבע! איהר הימעלשער געגנום איז מיר ניט געווען בעקאנט ביז יעצט. אין בי־כער האָב איך בלויז וועגען דעם געלעזען. איך געפין זיך יעצט ניט אויף דער ערד. אין הערליכע הימלען שוועב איך; פראכטפאָלע וועלטען זעה איך פאר זיך; ענגלען־כאָרען קלינגען אין מיינע אויע־רען; וועגען מיין גליק, וועגען א ו נ ז ע ר גליק זינגען זיי...

און ווייסט איהר וואָס עס איז די הויפט אורזאכע פון מיין גליק? דאָס איז אייער ליעבע צו מיר, טהייערער! דער געדאנק, אז איהר ליעבט מיר, ערהויבט מיר אויף זיינע פליגלען און טראָגט מיר אוועק אין דיעזע הערליכע וועלטען.

אָבער וואָרום בעווייזט איהר זיך ניט? אמת, אייער גע־שטאלט טרעט אויף קיין איין סעקונדע ניט אָפּ פון מיינע אויגען,

אָבער מיין הארץ בעגעהרט אזוי שטאַרק אייך צו זעהען! ווע‏ט איהר זיך ווייטער אויסבעהאלטען פון מיר?

איך וואָלט אייך גערן געוואָלט איבערגעבען וואָס איך האָב גע־פיהלט, ווען איך האָב אייער בריעף בעקומען. ליידער בעזיץ איך ניט קיין שרייבער־טאלאנט אום דאָס ריכטיג צו שילדערן. אָבער איך בין זיכער, אז איהר פיהלט דאָס.

דר. סטענטאָן איז היינט ביי מיר געוועזן (איך זעה איהם אָפט). מיר ריידען אימער וועגען אייך. ער ווייס פון אלעס. ער איז מיין איינציגער פריינד, פאר ועמען איך האָב מיין הארץ געעפענט און ער וועט מיר העלפען צו מיין גליק צו צוקומען. ער איז אויך אייע־רער א וואהרער פריינד. איהר זייט איהם זעהר געפעלען געוועזן, האָט ער מיר ערקלעהרט, און ער איז בייז אויף אייך, ווארום איהר בעהאלט זיך פון איהם אויך. איך האָב איהם אייער בריעף גע־ציינט, און ער ווייס, אז איך ענטפער אייך.

טהייערער ארטהור! איהר ווייסט, מיר שיינט, אז מיר קע־נען זיך שוין פון לאנג. די געדאנקען וואָס איהר האָט אויסגעדריקט אין אייער בריעף, זיינען דאָך די זעלבע וואָס מיינע. און דאָס איז נאָך א בעווייז ווי שטאַרק אונזער ליעבע איז... נאָכאמאָל בעט איך אייך: קומט! דאָס איז יעצט מיין איינציגער וואונש. איהר קענט קומען צו מיר אין הויז, און אויב דאָס איז אייך ניט אנגע־נעהם, קומט זשע צו דאָקטאָר סטענטאָן. און אויב איהר וועט ניט קומען, וועל איך ליידען, זעהר ליידען, און דאָס וועט איהר דאָך ניט וועלען. איך ערווארטע אייך, אלזאָ, דיעזע טעג.

מיט די ווארימסטע גרוסען,
אייערע אויף אייביג,
די גליקליכע פלאָרא זינגער".

ווען זי האָט געענדיגט דעם בריעף, האָט זי איהם איבערגעלע־זען און נאכהער איהם בעדעקט מיט הייסע קושען. דאָס בעשריעבע־נע פאַפּיער איז ביי איהר יעצט געוועזן הייליג — ניימאן וועט דאָך דאָס אין זיינע הענד האלטען... ער וועט דאָך יעדעס וואָרט שלינ־גען און זיין דערביי גליקליך פונקט ווי זי, בשעת זי האָט געלעזען

זיין בריעף... פלוצלונג זיינען איהרע בליקען געפאלען אויף א בו־קעט בלומען, וואס איז געשטאנען אין א גלאז וואסער אויף דעם פענסטער. זי איז צוגעשפרונגען צום פענסטער, גענומען די בלומען, אויסגעקליעבען די שעהנסטע פון זיי — אן „אמעריקאן ביוטי“ — אפגעריסען עטליכע בלעטעלעך פון דער רויז און גענומען זיי בעדע־קען מיט הייסע קושען. דאן האט זי אויף א בעזונדער שטיקעל פאפיער אויפגעשריבען די פאלגענדע צייל ען:

„דיעזע בלעטעלעך האב איך אפגעריסען פון בלומען, וואס מיי־נע א פריינדין האט מיר געבראכט. קוקט זיך גוט איין אין זיי און זיי וועלען אייך דערצעהלען ווי היים איך האב זיי געקושט. איך פיהל זיך יעצט אזוי גליקליך, אז איך וואלט די גאנצע וועלט ארומ־געכאפט און געקושט“.

אין דיעזען בעשריעבענעם שטיקעל פאפיר האט זי די עטליכע רויזען־בלעטעלעך איינגעוויקעלט און עס פערמאכט אין דעם קאנ־ווערט, צוזאמען מיט'ן בריעף.

ווען פלארא האט זיך שלאפען געלעגט, האט שוין אנגעהויבען צו טאגען. זי איז נאך א היבשע ווײלע געלעגען און פאנטאזירט וועגען איהר גליק, ביז זי איז ענדליך איינגעשלאפען און פערזונקען געווארען אין א גליקליכען טרוים.

---

## אכטער קאפיטעל.

אויף מארגען האט דר. סטענטאן זיך גענומען אויספיהרען זיין פלאן צו „פאנגען“ ניימאן'ען. ער האט זיך געזעהען מיט זיין פריינד, דעם בעאמטען פון דזשענעראל פאסט אפפיס פון ניו־יארק און איהם ערקלעהרט זיין פערלאנג. יענער האט איהם אבער ער־קלעהרט, אז ער האט קיין רעכט ניט צו פערהאלטען קיינעם סיידען ווען דער יעניגער איז א פארברעכער און ווערט געזוכט פון דער רע־גיערונג. אין אזא פאל ווארטען אין פאסט אפפיס דעטעקטיוום און ווען דער בעטרעפענדער קומט נאך זיינע בריעף, ווערט ער פון זיי ארעסטירט. ער האט איהם אבער געגעבען אזא עצה: ער וועט איהם ערלויבען צו ווארטען אינעווייניג, וואו דער קלוירק וואס גיט

ארויס די בריעף געפינט זיך, און ווען דער יונגער מאן וועט קומען פרעגען אויף א בריעף, וועט איהם דער קלוירק אויפ'ן וואונק דאָס לאָזען וויסען. ער וועט דאן ארויסגעהן און עס וועט הייסען, אז ער האָט איהם צופעליג דאָ בעגעגענט.

— אָבער ווער ווייס ווען ער וועט קומען נאָך דעם בריעף — האָט דער ארצט איינגעווענדעט — און איך האָב דאָך ניט קיין צייט לאנג צו ווארטען.

— עס איז דאָך אָבער קיין אנדער עצה ניטאָ — האָט דער פאָסט־בעאמטער איהם ווייטער ערקלעהרט.

— וועל איך אייך בעטען אָט וואָס — האָט דער דאָקטאָר נאָך א ווייל׳ע פון נאָכדיינקען געזאָגט — זאָגט איהר אָן דעם קלוירק, אז אין פאל „ארטהור דער גליקליכער" וועט היינט קומען נאָך א בריעף, זאָל ער איהם זאָגען, אז עס איז פיר איהם קיין בריעף ניטאָ און דערביי איהם פרעגען, פון וואנען ער ערווארט א בריעף. געזעצ־ליך דארף דאָך דאָס דער קלוירק פרעגען, ניט וואהר?

— ריכטיג —.האָט דער בעאמטער צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— דער יונגער מאן וועט ענטפערען, אז דער בריעף דארף אָנ־קומען פון ניו יאָרק — האָט דער דאָקטאָר פאָרטגעזעצט — דאן זאָל דער קלוירק איהם ערקלעהרען, אז עס קען זיין אז ערשט פאַרנאַכט זאָל פאַר איהם אָנקומען דער בריעף, און איך בין זיכער, אז ער וועט פאַרנאַכט קומען. דאַן וועל איך שוין דאָ וואַרטען אויף איהם.

— עס טהוט מיר לייד וואָס איך קען אייער ביטע ניט ערפי־לען — האָט דער בעאמטער ווייטער געזאָגט — ווען עס וועט ווירק־ליך אָנקומען פאר דעם בעטרעפענדען א בריעף, טאָר דער קלוירק איהם ניט פערהאלטען, אויב ער וועט פרעגען צו עס איז דאָ פאר איהם א בריעף. אָבער איך האָב אן אנדער פּלאן — האָט ער צוגע־געבען — אויב איהר דארפט דיעזען יונגען מאן ווירקליך אזוי נוי־טיג, דאן שיקט אהער אימיצען. זאָל יענער דאָ ווארטען און איך וועל אָנזאָגען דעם קלוירק, אז ווען דער יונגער מאן וועט קומען, זאָל ער אייער מענשען אויפמערקזאם מאכען אויף איהם.

— דיעזער פּלאן טויג ניט — האָט דער דאָקטאָר ערקלעהרט

זיין פריינד — איך מוז איהם זעלבסט זעהען.

— דאן מוזט איהר זעלבסט ווארטען.

און ער האָט געוואַרט. היבשע עטליכע שטונדען האָט דאָקטאָר סטענטאָן פערבראַכט אין פּאָסט אָפּפיס, אָבער זיין מיה איז געוועזן אומזיסט — ניימאַן איז ניט געקומען, און ער איז אַוועק אהיים אַן אונצופריעדענער.

פלאָרא איז דעם גאַנצען טאָג געוועזן זעהר צוטראָגען. זי איז אויפגעשטאַנען מיטאָג־צייט און האָט גלייך אריינגעוואָרפען דעם בריעף אין א פּאָסט־קעסטעל. זי האָט אויסגערעכענט, אַז אין א פּאָאַר שטונדען ארום וועט דער בריעף זיין אין פּאָסט אָפּפיס און פאַרנאַכט וועט ניימאַן נאָך איהם קומען. זי איז געוועזן זעהר אונגעדולדיג. זי האָט געצעהלט די מינוטען ווען עס וועט שוין ווערען נאַכט און זי זאָל קענען געהען צו איהר פריינד דעם דאָקטאָר. אך, ווי זי האָט איהם יעצט מקנא געוועזן! ער וועט זעהען ניימאַן'ען, וועט מיט איהם ריידען...

ארום זעקס א זייגער האָט זי זיך פערמאַכט אין איהר צימער. זי האָט יעצט געוואָלט זיין איינע אליין. די אנוועזענהייט פון מענשען האָט איהר נערוועז געמאַכט. זי האָט זיך אין דער פאַנטאַזיע פאָרגעשטעלט דעם פּאָסט־אָפּיס. מאַסען מענשען געהען אריין און ארויס. די וואָס געהען ארויס טראָגען אין די הענד געעפענטע בריעף און, געהענדיג, לעזען זיי די בריעף מיט זשעדנע בליקען. זיי האָבען קיין געדולד ניט צו ווארטען, זיי זיינען נייגיעריג צו וויסען וואָס עס שרייבען צו זיי זייערע טהייערסטע, זייערע נאָהענטסטע.

א ציטער לויפט דורך דורך איהר גאַנצען קערפּער. זי דערזעהט צווישען די אריינגעהענדע ניימאַן'ען. מיט שנעלע, האַסטיגע טריט געהט ער. ער יאָגט איבער די וואָס געהען פאָראויס. ער קומט דער ערשטער צו צו דעם פענסטעריל, איבער וועלכען עס איז אויסגעמאָהלען דער בוכשטאַב „איי" און אַט הערט זי ווי ער פרעגט ביי דעם קלוירק מיט זיין קלינגענדע שטימע, וועלכע צי־

טערט יעצט פון איננערליכער אונגעדולד:

— איז דאָ אַ בריעף פאַר ארטהור דעם גליקליכען?

דער קלוירק נעהמט ארויס פון די פיעלע קעסטעלעך וואָס געפינען זיך דאָרט אַ פּעקעל מיט בריעף, ער זוכט אַ ווייל־ע און, געפינענדיג איהר בריעף, גיט ער איהם נייטמאן'ען גלייך ניט אוועק, נאָר ער לאָזט וויסען דעם דאָקטאָר. דאן ערשט גיט ער איהם דעם בריף. נייטמאן כאַפּט איהם שנעל צו, געהט אוועק אין אַ ווינקעל און מיט נערוועזע בעוועגונגען נעהמט ער איהם עפענען. ער פאנגט איהם אָן לעזען. פּלוצלונג דערפיהלט ער אויף זיינע שולטערען אַ האנד. ער קוקט זיך אום מיט דערשראָקענע בליקען — דאָקטאָר סטענטאָן שטעהט פאַר איהם.

אן אונאנגענעהמער געפיהל דריקט איהר הארץ. זי האָט חרטה ווארום זי האָט ערלויבט דעם דאָקטאָר אַהין צו געהן. נייטמאן האָט זיך נעבעך אַזוי דערשראָקען! אָבער דיעזער געפיהל פארשווינדעט באַלד. אָט זעהט זי נייטמאן'ס שטראַהלענדע געזיכט. ער איז גליקליך וואָס זי האָט איהם אַזוי שנעל געענטפערט און ער איז אויך צופריעדען וואָס ער זעהט דעם דאָקטאָר. דער דאָקטאָר לאַדעט איהם איין צו געהן מיט איהם אין זיין אָטאָמאָביל. ער קווינקעלט זיך. אָבער ענדליך שטימט ער איין. דער דאָקטאָר רעדט יעצט ניט צו איהם, ער לעזט אַ צייטונג, וועלענדיג געבען נייטמאן'ען אַ געלעגענהייט צו לעזען דעם בריעף. דער אוטאָמאָביל טראָגט זיך שנעל, ווי אַ וויכער. אָט זיינען זיי שוין אין דאָקטאָר'ס הויז.

פלאָראַ כאַפּט זיך האַסטיג אויף און נעהמט זיך אָנטהאָן. זי וועט געהן צום דאָקטאָר. זי וועט זיי ביידען איבערראַשען מיט איהר קומען. זי איז שנעל פערטיג געוואָרען מיט איהר טואַלעטע, איז אריין צו דער מוטער און איהר געזאָגט, אַז זי געהט צו איהרע אַ פריינדין. די מוטער האָט איהר געבעטען, זי זאָל פריהער עפּעס עסען, אָבער פלאָראַ האָט דערפון ניט געוואָלט הערען, ארויסדרעהענדיג זיך מיט אַ תירוץ, אַז זי איז ניט הונגעריג.

די פאַנטאַזיע האָט זיך ווידער צושפּיעלט אין איהר. זי האָט פאַר זיך געזעהען דעם דאָקטאָר'ס צימער, אין וועלכען ער נעהמט

אויף זיינע געסט. זיי זיצען יעצט דאָרטביידע און ריידען וועגען איהר. ניימאַן ווייזט דעם דאָקטאָר איהר בריעף. דער ארצט, ווי זיין שטייגער איז, מאכט שפּאַס. ניימאַן, ניט קענענדיג איהם, האָט דערפון שמערצען, און אויך זי ליידעט דערפון. זי נעהמט געהן שנעל. זי וועט זיך שוין מיט דעם דאָקטאָר אָפּרעכנען...

אָט קלינגט זי שוין אָן ביי דעם דאָקטאָר'ס טהיר. דער בע־דיענער קומט ארויס און ערקלעהרט איהר, אז זיין הערר איז אין דער היים ניטאָ. פלאָרא פיהלט אזוי ווי זי וואָלט פלוצלונג ארונ־טערגעשליידערט געוואָרען פון אן אונגעהייערע הויכקייט אין א טיע־פען אָבגרונד אריין... איהר געזיכט איז בלייך און איהר גאנצער קערפּער ציטערט פיבערהאפט. א היבשע וויילע איז זי געשטאנען, ניט קענענדיג קומען צום וואָרט. ענדליך האָט זי זיך מיט אלע קרעפטען בעהערשט און ערקלעהרט דעם בעדיענער, אז זי וועט אריינגעהן און ווארטען אויף דעם דאָקטאָר. דער לאָקאי, קענענ־דיג זי, האָט זיך פאַר איהר העפליך פערנייגט און געעפענט ברייט די טהיר.

פלאָרא האָט זיך יעצט קיין אָרט ניט געקענט געפינען. זי האָט געברענט פון אונגעדולד צו וויסען, צי דער ארצט האָט געזעהן ניימאַן'ען, צי ניט.

דיינקענדיג, אז דער ארצט איז יעצט אין האָספּיטאל, איז זי צוגעגאנגען צום טעלעפאָן און האָט אָפּגערופען דעם האָספּיטאל, מען האָט איהר געענטפערט, אז ער איז דאָרט דאָ, און זי האָט געבעטען מען זאָל איהם רופען צום טעלעפאָן:

— דאָס בין איך, דאָקטאָר, איך, פלאָרא — האָט זי נערוועז גערעדט, דערקענענדיג איהר פריינד'ס שטימע — וואָס? איהר קומט באלד צו מיר? איהר ווייסט דאָך אָבער ניט וואו איך גע־פין זיך יעצט... — איז זי פלוצלונג געוואָרען פרעהליך, דיינקענדיג, אז ער האָט פאַר איהר א פרעהליכע בשורה — אנו, טרעפט וואו איך בין?... ניין, ניט געטראָפען!... איך בין ניט ביי זיך אין דער היים!... ווייטער ניט געטראָפען!... ביי אייך אין הויז בין איך גאָר!. איהר קומט באלד?... גוט, קומט שנעל... גוד באַי!

פלאָרא האָט אויף קיין אָרט ניט געקענט איינזיצען. די אונ־געדולד האָט זיך אלץ שטאַרקער צופלאַקערט אין איהר, און איהר פאַנטאַזיע האָט ווידער גענומען ארבייטען. אז דער דאָקטאָר האָט ניימאַן'ען גענזעהן, — אין דעם האָט זי ניט געצווייפעלט. און זי האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי דער ארצט האָט זיך ביי ניימאַן'ען געבעטען, ער זאָל מיט איהם מיטגעהן און ער האָט זיך ענטזאגט. ווארום האָט ער ניט געוואָלט געהן?...

ענדליך איז דער דאָקטאָר געקומען. דערהערענדיג אין דרויסען זיין שטימע, איז פלאָרא איהם אַנטקעגען געלאָפען מיט א שטראהלענדע, גליקליכע געזיכט.

— איך האָב זיך קוים אויף אייך דערוואַרט ! — האָט זי אין א פעסטשענדען טאָן אויסגעשריען, אַנכאַפּענדיג איהם פאר ביידע הענד און דריקענדיג זיי הייס. זי האָט געוואָלט פאָראויס איהם אויסדריקען איהר דאנק פאר די פרעהליכע בשורה וואָס ער וועט איהר דאָ איבערגעבען.

דער דאָקטאָר האָט פערשטאַנען ווארום זי איז אזוי פרעהליך און א געפיהל פון מיטלייד האָט בעריהרט זיין הארץ, טראַכטענדיג ווי זי וועט נעבעך באַלד ענטוישט ווערען, ווען זי וועט הערען, אז ער האָט ניימאַן'ען ניט געזעהן.

ער האָט איהר אָנגענומען אונטער'ן ארעם און איז מיט איהר אריין אין הויז.

— דו וואַרטעסט שוין לאנג ? — האָט דער ארצט געפרעגט, אָנווייזענדיג איהר אויף א שטוהל, זי זאָל זיך זעצען.

— ניט לאנג — האָט זי געענטפערט אין א טאָן פון אונגעדולד

— אָבער פאר מיר איז דאָס שוין גענוג לאנג... — האָט זי צוגעגעבען מיט א פערשעהמטען שמייכעל.

— האָסט געשריבען צו ניימאַן'ען א בריעף ?

ביי דער מיידעל איז יעצט די הארץ איינגעפאַלען פון שרעק. זי האָט שוין פערשטאַנען פון דיעזער פראַגע, אַז דער אַרצט האָט ניימאַן'ען ניט געזעהן. זיא האָט זיך אָבער אָנגעשטרענגט צו פערטרייבען פון זיך דיעזען געדאַנק און זיך זעלבסט איינגערעדט, אַז

ער האָט איהם יאָ געזעהן. און דאָ איז אַן אַנדער געדאַנק איהר גע־קומען אויפ׳ן זינען: דער דאָקטאָר וויל דאָ ווידער מאַכען שפּאַס, וויא זיין געוואָהנהייט איז, און זיא האָט זיך אָפּגערופען:

— געוויס האָב איך געשריבען. איהר ווייסט דען ניט? — האָט זיא שמייכלענדיג איהם געקוקט אין דיא אויגען אריין.

— פון וואַנען זאָל איך עס וויסען? — האָט דער דאָקטאָר גערעדט אין אַן ערנסטען טאָן — האָסט געזאָגט, אַז דו וועסט שריי־בען, אָבער עס האָט דאָך געקענט פּאַסירען, אַז דו זאָלסט ניט האָ־בען קיין געלעגענהייט.

פלאָרא האָט דערפיהלט אַ שמערצליכען שטאָך אין הארצען. זיא האָט שוין דייטליך געזעהן, אַז איהר האָפנונג יעצט צו בע־קומען אַ פּערזענליכען גרוס פון איהר געליעבטען איז ניט פער־ווירקליכט געוואָרען, און זיא האָט אַ פרעג געטהאָן אין אַ טאָן, אין וועלכען עס האָט זיך געהערט ביטערע פערצווייפלונג:

— איהר האָט נייםאַן׳ען ניט געזעהען?

און ווידער האָט זי געשפּירט אַ שמערצליכען ריס אין איהר הארצען און עס האָט איהר שטארק פערדראָסען, פאַרוואָס זיא האָט דיעזע פראַגע געשטעלט; זיא האָט שוין אויך חרטה געהאט וואָ־רום זיא איז גאָר אהער געקומען. פריהער איז זיא אין איהר פאַנ־טאַזיע געווען אַזוי גליקליך און יעצט האָט זיא זיך געשראָקען, זעהר געשראָקען פאַר דעם אַנטוואָרט וואָס זיא וועט בעקומען...

— ניין — האָט דער ארצט קורץ געענטפערט.

— איהר זייט דען געווען אין פּאָסט־אָפּיס? — האָט פלאָרא געפרעגט און אין הארצען האָט זיא זיך געוואונשען, הלואי ער זאָל ווירקליך דאָרטען ניט געווען זיין.

— צו איך בין געווען פרעגסטו? איך האָב דאָרטען אַ שעהנע פּאָאר שטונדען געוואַרט.

— און ער איז ניט געקומען?

— ווען ער וואָלט געקומען, וואָלט איך דאָך איהם געזעהן.

— אָבער מיין בריעף איז שוין דאָרטען דאָ?

— וואהרשיינליך.

פלאָרא האָט זיך אַ ווײַלע פערטראַכט און נאָכהער זיך אָפּ־גערופען:

— איך ווייס וואָרום ער איז ניט געקומען.

— פאַר וואָס?

— ווייל ער האָט געדיינקט, אַז איך וועל אַזוי שנעל ניט ענט־פערען.

— האָסט רעכט — האָט דער דאָקטאָר איהר צוגעגעבען — די פּאַטעטען האָבען אַ פּנים רעכט ווען זיי בעהויפּטען, דאָס פער־ליעבטע פערשטעהען זיך איינע דיא אַנדערע אויפ'ן וואונק — האָט ער געענדיגט מיט אַן איראָנישען שמייכעל.

פלאָרא האָט איהם אָבער דערויף גאָר ניט געענטפערט. איהר האָט פערדראָסען אויף נייטאַן'ען, וואָרום ער האָט אַזוי געדיינקט. ער האָט געדאַרפט וויסען, אַז זיא וועט איהם אויפ'ן שטעל ענט־פערען... ער האָט געדאַרפט פיהלען ווען זיא האָט געשריבען דעם בריעף...

דער דאָקטאָר, זעהענדיג, אַז פלאָרא איז זעהר בעזאָרגט, האָט ער גענומען איהר טרייסטען.

— מאָרגען וועט ער זיכער קומען נאָך דעם בריעף — האָט ער גענאָגט אין אַ טאָן, אַזוי וויא ער וואָלט דעריין ניט צווייפלען.

— איהר דיינקט אַזוי? — האָט פלאָרא געקוקט אויף איהר פריינד מיט בעטענדע בליקען, אַזוי וויא זיא וואָלט וועלען, אַז ער זאָל איהר ענטפערען, אַז יא...

— ניט איך דיינק, נאָר איך בין זיכער.

— און איך בין אויך זיכער — איז זיא שוין געוואָרען מונ־טער — איהר ווייסט וואָס, — האָט זיא צוגעגעבען אין אַ נער־וועזען טאָן — איך וועל מיט אייך מאָרגען מיטגעהן אין פּאָסט־אָפיס אַריין, יאָ?

— פון מיינעט וועגען קענסטו מיטגעהן — איז דער דאָקטאָר ניט געווען דאַגעגען — אָבער — האָט ער גלייך צוגעגעבען — וועסטו דען קענען אַזוי פריה אויפשטעהן?

פלאָרא האָט זיך פערטראַכט. זיא האָט געזוכט וואָס פאַר אַ

תירוץ זי זאָל זאָגען איהרע עלטערען, אז זיי זאָלען איהר ערלויבען אזוי פריה אוועקצוגעהן פון הויז. און ענדליך האָט זיא געפונען אַן אויסרייד.

— אויב איהר וועט מיר וועלען בעהילפיג זיין, וועל איך קענען אוועקגעהן — האָט פלאָרא געזאָגט — איך האָב א גוטען פּלאַן.

— איך וועל שוין ווידער אודאי מוזען זאָגען א ליגען, האַ?

— האָט דער דאָקטאָר גערעדט מיט אַ געמאַכטער שטרענגקייט.

פלאָרא האָט איהם ליעבליך געשמייכעלט אין דיא אויגען אריין.

— נו, האָב איך ניט רעכט, ווען איך זאָג, אַז דיא ליעבע איז געבויט אויף ליגען און בעטרוג? — האָט דער דאָקטאָר זיך ווייטער כלומרשט געקאָכט.

— ניט עס איז וואהר, ניט איהר זאָגט עס — האָט פלאָרא אַליין ניט אויפגעהערט צו שמייכלען — איהר ווייסט פיעלייכט בעסער פון מיר, אַז אמת'ע ליעבע איז געבויט אויף דיא הייליגסטע, נאָבעלסטע געפיהלען — זיא איז דאַרום הייליג.

— געוויס! — האָט דער אַרצט סאַרקאַסטיש בעמערקט — איך הויב עס טאַקע ניט אָן צו וויסען.

— עס איז וואהר, אַז מען מוז זיך אַ מאָל בענוצען מיט א ליגען — האָט זיא פאָרטגעזעצט — דיא אומשטענדען צווינגען דערצו... אָבער דיא ליעבע גופא — זיא איז הייליג.

— נו, גענוג שוין מיט דיין הייליגקייט! — איז דער דאָקטאָר כלומרשט געוואָרען אונגעדולדיג — לאָמיר שוין הערען מיט וועלכען ליגען איך קען דיר בעהילפיג זיין.

— מיט דעם זעלבען ליגען, מיט וועלכען איהר בענוצט זיך, ווען איהר ווילט ניט זאָגען דיא עלטערען אָדער פריינד פון אייערען אַ פּאַציענט דעם אמת'ן צושטאַנד פון זיין קראַנקהייט — האָט פלאָרא איהם אָפּגעענטפערט מיט איראָניע.

— אַ שעהנער פערגלייך! — האָט דער דאָקטאָר אַ מאַך געטהאָן מיט דעם קאָפּ — איבעריגענס, אַ ביסעל האָסטו רעכט מיט דיעזען ביישפּיעל. פערליעבטע, וויא איך האָב דיר שוין ניט איין

מאָל ערקלעהרט, זיינען אויך קראַנקע. אָבער איך נעהם אַזעלכע פּאַציענטען ניט אָן. זיי בעלאַנגען צו ספּעציאַליסטען פון וואַהנזינן, צו פּסיכיאַטרען.

— געדענקט, דאָקטאָר, דער לאַכט אַם בעסטען, ווער עס לאַכט אַם לעצטען — האָט פלאָרא, שמייכלענדיג איהם געגראָ־זשעט מיט'ן פינגער — אַי וועל איך נאָך אַמאָל פון אייך לאַכען, ווען איהר וועט זיך פערליעבען אין אַ יונגע מיידעל!...

— איך האָב דאָך דיר שוין אַמאָל געזאָגט אַז דוא וועסט דאַר־פען צו לאַנג וואַרטען... דוא וועסט פריהער זיין אַ באָבע... אָבער לאָמיך שוין אַמאָל הערען דיין פּלאַן! — האָט זיך דער אַרצט בלומרשט גע'כעס'ט.

— איך וועל אין דער היים דערצעהלען, אַז איך האָב אייך צופעליג בעגעגענט און איהר האָט מיר איינגעלאַדען אויף מאָרגען אין דער פריה אויף אַ שפּאַציער אין סענטראַל פּאַרק. מאָרגען וועט איהר אַרום אַכט אוהר צוקומען צו אונז מיט אייער אָוטאָמאָביל, מיר וועלען טאַקע נעהמען פריהער אַ שפּאַציער און קומען אין פּאָסט־אָפיס אין צייט — געפעלט אייך מיין פּלאַן? — האָט זיא איהם ליעבליך אַ גלעט געטהאָן איבער'ן געזיכט.

— טשעפּע זיך נאָר ניט מיט מיר! — האָט דער אַרצט גע־זאָגט שמייכלענדיג, אַרונטערנעהמענדיג איהר האַנד פון זיין פּנים — לאָז דאָס איבער פאַר איהם, פאַר נייטמאַן'ען. איך קען זיך בע־געהן אָהן דעם... מערקווירדיג — האָט ער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ — איהר זייט וואַהרע קינסטלער אויף אויסטראַכטען ליגענס. דאָס אַליין צייגט שוין, אַז איהר, פערליעבטע, זייט געריהרט פון זינען...

— הייסט עס, אַז מיין פּלאַן געפעלט אייך? — האָט פלאָ־רא איהם שעלמיש געקוקט אין דיא אויגען אריין.

דער דאָקטאָר האָט געשוויגען.

— ווערט איהר קומען? — האָט פלאָרא געפרעגט, גלעטענ־דיג איהם ווידער צערטליך איבער'ן געזיכט.

— אַ ברירה האָב איך? אַז איך וועל ניט קומען, וועסטו דאָך אוראי ליידען. נו, מוז איך דיר נאָכגעבען אַלע דיינע קאַפּריזען —

האָט דער אַרצט געענטפערט — און עס איז טאַקע גלייך וואָס דו וועסט מיטפאָהרען, ווייל איך וועל מאָרגען קיין סך צייט ניט האָבען. וועסטו דאָרטען וואַרטען און אויב ניימאַן וועט קומען, וועסטו מיט איהם צו מיר קומען.

— ער וועט זיכער קומען! — האָט פלאָראַ אַויסגעשריען אין א טאָן, אין וועלכען עס האָט זיך געהערט אַ טיעפער גלויבען.

— מעגליך אַז ער וועט קומען — איז דער דאָקטאָר געווען צופריעדען, וואָס זיין פריינדין איז מעהר ניט בעטריעבט.

פלאָראַ איז באַלד אהיים געגאַנגען. די עלטערען, הערענדיג אַז זיא וויל מאָרגען פאָהרען מיט דאָקטאָר סטענטאָן׳ען שפּאַציערען, זיינען ניט געווען דאַגעגען, פערקעהרט, זיי זיינען נאָך געווען דאַנקבאַר דעם דאָקטאָר דערפאַר וואָס ער אינטערעסירט זיך אַזוי מיט זייער קינד. דיא מוטער האָט איהר בלויז געבעטען אַז זיא זאָל עפּעס עסען.

פלאָראַ האָט איהר ערקלעהרט, אַז זיא האָט שוין געגעסען ביי איהר פריינדין...

זיא איז יעצט געווען איבערזעטיגט מיט איהרע גליקליכע ערוואַרטונגען, האָפנונגען — מיט איהר ליעבע...

זיא האָט אָבער געמוזט צוליעב טהאָן דער מוטער און געטרונקען אַ ביסעלע קאָניאַק. נאַכהער איז זיא אוועק שלאָפען. לאַנג איז זיא געלעגען אויף איהר געלעגער, ביז דיא אויגען האָבען זיך ביי איהר פערשלאָסען. זיא האָט אַלץ געטראַכט וועגען דיא מאָרגענדיגע בעגעגענים איהרע מיט ניימאַן׳ען. אַך, וועט דאָס זיין אַ בעגעגענים! וועט ער דאָס איבערראַשט ווערען! אויך אין טרוים האָט זיא וועגען דעם זעלבען געטראַכט...

* * *

צו דער בעשטימטער שטונדע איז דר. סטענטאָן מיט זיין אָוטאָמאָביל צוגעפאָהרען צו זינגער׳ס הויז. פלאָראַ איז שוין געווען אָנגעטהאָן און ערוואַרטעט זיין אָנקומען מיט אונגעדולד. זינגער און זיין פרוי האָבען דעם גאַסט זעהר וואַרעם בעגריסט און

ביידע האָבען זיי איהם געדאַנקט פאַר דעם אינטערעס וואָס ער נעהמט אין זייער טאָכטער.

זיי זיינען צוערשט געפאָהרען אין סענטראַל פּאַרק און פון דאָרט האָט זיי דער אָטאָמאָביל אוועקגעטראָגען צום דזשענעראַל פּאָסט־אָפיס. אויפ'ן וועג האָט דער דאָקטאָר זיך גערייצט מיט זיין בעגלייטערין, וועלענדיג זיך מיט איהר וועטען, אַז ניימאַן וועט ניט קומען. פלאָרא האָט זיך אָבער פון זיינע רייד ניט געערגערט, פערקעהרט, זיא איז געוועזן זעהר אויפגעלעגט און האָט אויך געשפּאַסט.

ווען זיי זיינען צוגעקומען נעהענטער צום פּאָסט־אָפיס, איז פלאָרא פלוצלונג נערוועז געוואָרען. זיא האָט זיך ארומגעקוקט פון אַלע זייטען מיט פערוווירטע בליקען. יעדעס מאָל וואָס זיא האָט געזעהן פון וויטען אַ מאַן, האָט דיא האַרץ גענומען אין איהר האַסטיג קלאַפּען, מיינענדיג, אַז דאָס איז ניימאַן...

ענדליך האָט זיך דער אָטאָמאָביל אָפּגעשטעלט פאַר דער גרויסער פּאָסט־אָפיס געביידע. דער דאָקטאָר איז שנעל ארויסגעשפּרונגען און געהאָלפען פלאָראַ'ן ארויסשטייגען. דאַן האָט ער זיא גענומען אונטער'ן אָרעם און איז מיט איהר אריין צו זיין פריינד, פאַר וועלכען ער האָט פלאָראַ'ן פאָרגעשטעלט.

— איך האָב יעצט קיין סך צייט ניט צו וואַרטען אויף דיעזען יונגען מאַן — האָט דער אַרצט ערקלעהרט דעם בעאַמטען — וועט מיין פריינדין פאַרנעהמען מיין פלאַץ. זיא קען איהם אויך, דיעזען יונגען מאַן — האָט ער געענדיגט אין אַ פיעל בעדייטענדען טאָן, וועלכער האָט ארויסגערופען אַ שמייכעל אויף זיין פריינד'ס ליפּען. פלאָרא איז געשטאַנען מיט אַ פערשעהמטע מינע אויף איהר געזיכט.

דער בעאַמטער איז מיט זיינע געסט אוועק צו דעם קלוירק, צו וועמען ניימאַן האָט געזאָלט קומען נאָך דעם בריעף און ער האָט איהם אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל ערלויבען דעם דזשענטעלמאַן און דיא ליידי צו פערבלייבען מיט איהם וויא לאַנג זיי וועלען נאָר וועלען און אַז אין פאַל ווען עס וועט קומען אימיצער און פרעגען אויף

אַ בריעף, אַדרעסירט צו „אַרטהור דעם גליקליכען“, זאָל ער זיי וועגען דעם אויפמערקזאַם מאַכען.

דער דאָקטאָר האָט געוואַרט ביי אַ האַלבע שטונדע. דאַן האָט ער פלאָרא'ן ערקלעהרט, אַז ער מוז שוין פאָהרען אין האָס־פּיטאַל אַריין, פערשפּרעכענדיג, אַז אין אַ פּאָר שטונדען אַרום וועט ער צוריק קומען, אום זיא זאָל קענען אַהיים פאָהרען.

— איך וועל ניט אַהיים פאָהרען — האָט פלאָרא נערוועז געענטפערט — איך וועל דאָ וואַרטען אַ גאַנצען טאָג.

— מען וועט דאָך אין דער היים איבערקלעהרען.

— לאָזט דאָס איבער צו מיר.

— האָסט שוין ווידער פערטיג עפּעס אַ ליגען?

פלאָרא האָט זיך ביי דעם דאָקטאָר געבעטען מיט איהרע בליקען, ער זאָל יעצט ניט שפּאַסען.

— אָליל־רייט — האָט דער אַרצט ניט ענטזאַגט איהר בקשה — איך וועל אַהער קומען און מיר וועלען צוזאַמען עסען מיטאַג.

בלייבענדיג אַליין מיט דעם קלוירק, איז פלאָרא געוואָרען נערוועזער מיט יעדע מינוט. דער קלוירק איז געווען אַ שעהנער יונגער מאַן. ער האָט זיינע בליקען ניט אַרונטערגענומען פון איהר, און דאָס האָט איהר נאָך מעהר אויפגערעגט. יעדעס מאָל וואָס זיא האָט געהערט פון דרויסען טריט, פלעגט זיא אויפציטערען, מיינענדיג, אַז דאָס קומט ניימאַן. דאָס זעלבע האָט אויך מיט איהר פּאַסירט, ווען אימיצער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים פענסטער'ל און געפרעגט אויף אַ בריעף.

*   *   *

ווען דר. סטענטאָן איז מיט זיין אָוטאָמאָביל דורכגעפאָהרען דורך טשעטהעם סקווער, האָט ער בעמערקט אַ גרויסען עולם מענ־שען, שטופּענדיג זיך און שטויסענדיג זיך צו אַ געוויסען פּונקט. ער האָט געגעבען אַ בעפעהל זיין שאָופער, ער זאָל אָפּשטעלען דעם אוטאָמאָביל, איז שנעל אַרויסגעשפּרונגען און צוגעלאָפען צו דעם אויפגערעגטען רעדעל מענשען.

— וואָס האָט פּאסירט ? — האָט ער געפרעגט ביי דעם ער־שטען וואָס ער האָט בעגעגענט.

— איך ווייס ניט — האָט יענער געענטפערט, ציהענדיג מיט דיא פּלייצעס.

— טאָ וואָס־זשע שטופּט איהר זיך ?

— איך זעה אז אַלע שטופּען זיך, וויל איך אויך וויסען וואָס דאָ איז.

דער דאָקטאָר האָט זיך געווענדעט צו אַ צווייטען, אַ דריטען — אַלץ דער זעלבער ענטפער.

ענדליך האָט ער זיך דערוואוסט, אַז באַנדיטען זיינען בעפאַ־לען אַ יונגען מאַן און מען האָט איהם שרעקליך צו'הרג'עט און אַז עס דאַרף באַלד אָנקומען אַן אַמבולאַנס פון אַ האָספּיטאַל.

— לאָזט מיר ! — האָט ער אויסגעשריען, מאַכענדיג זיך אַ וועג צווישען דעם געפּאַקטען עולם מיט זיינע עלענבויגענס — איך בין אַ דאָקטאָר !

דיא נייגיעריגע האָבען אָבער איהם ניט געהערט און זיך אַלץ מעהר געשטויסען און ניט געלאָזען איהם דורכגעהן.

— אָפּיסער ! — האָט דר. סטענטאָן אין אַ הילכענדע שטימע אַ געשריי געטהאָן צו אַ פּאָליסמאַן, וועלכער איז געשטאַנען אין מיטען פון דעם רעדעל — איך בין אַ דאָקטאָר, לאָזט מיר צו, פּיעל־לייכט וועל איך קענען עפּעס העלפען !

דער פּאָליסמאַן האָט מיט זיין קלאָב גענומען קלאַפּען איבער דיא קעפּ פון דיא פערזאַמעלטע און אויף אַזאַ אופן האָט ער גע־מאַכט אַ פרייען וועג פאר דעם דאָקטאָר.

— ניימאן ! ! — האָט דער אַרצט אויסגעשריען ניט מיט זיין שטימע, אַ קוק טהוענדיג אויף דעם צו'הרג'עטען — דאָס איז דאָך מיינער אַ בעקאַנטער — האָט ער צוגעגעבען, ווענדענדיג זיך צו דעם אָרדנונגס־היטער.

ער האָט זיך האַסטיג אַרונטערגעלאָזען אויף די קניע און, אָנ־נעהמענדיג דעם צושלאָגענעם'ס פּולס, האָט ער גענומען ריידען צו איהם :

— ניימאַן, ניימאַן, דאָס בין איך, דר. סטענטאָן. דו דער־קענסט מיך ניט?

ערשט יעצט האָט ער בעמערקט, אז ניימאַן ליגט מיט פער־מאַכטע אויגען אין א בעוואוסטלאָזען צושטאַנד. אונטער זיין קאָפּ איז געווען אַ לוזשע בלוט, וועלכע האָט נאָך געהאַלטען אין איין שטראָמען וויא אַ לעבעדיגער קוואַל.

— וואַסער! ברייננט וואַסער! — האָט דער אַרצט זיך גע־בעטען ביי דיא ביישטעהענדע.

מען האָט באַלד געבראַכט וואַסער און אייז פון א דערבייאיי־גען שענק. אַן אַנדערער האָט געבראַכט וואַטע. דער דאָקטאָר האָט גענומען אַרומוואַשען דיא וואונדען, און, דערזעהענדיג, אַז זיי זיי־נען געפעהרליכע, האָט ער זיך געווענדעט צום פּאָליסמאַן אין א בעפעהלענדען טאָן:

— אָט דאָרט שטעהט מיין אָטאָמאָביל. העלפט מיר איהם צוטראָגען אהין און איך וועל איהם אוועקפיהרען אין מיין האָס־פּיטאַל אַריין.

— איך האָב טעלעפאָנירט נאָך אַן אמבולאַנס — האָט דער פּאָליסמאַן געענטפערט, ניט ריהרענדיג זיך פון אָרט.

— טראָגט איהם צו צו מיין אָטאָמאָביל, זאָג איך אייך! — האָט דר. סטענטאָן אַ דונער געטהאָן אויף דעם אָרדנונגס־היטער — יעדע סעקונדע איז וויכטיג. מען טאָר ניט וואַרטען. איהר קענט מיט מיר צופאָהרען צו מיין האָספּיטאַל.

דער פּאָליסמאַן האָט שוין יעצט ניט געוואַגט צו ריידען אַ וואָרט. ער האָט אָנגענומען דעם צו'הרג'עטען ביי די פיס, ווער־רענד דער אַרצט האָט איהם געהאַלטען אַרומגענומען ביי דעם אויי־בערשטען טהייל פון קערפּער און זיי האָבען איהם פּאָרזיכטיג אוועקגעלייגט אין דעם אָטאָמאָביל. ניימאַן איז נאָך אַלץ געווען בעוואוסטלאָז.

— פאָהר אַזוי שנעל ווי מעגליך! — האָט דער דאָקטאָר אַ זאָג געטהאָן צו דעם שאָופער, וועלכער האָט אַ דערשראָקענער גע־קוקט אויף דעם צובלוטיגטען, האַלב טויטען יונגען מאַן. באַלד האָט

דיא מאשין געגומען סאָפּען, קלאַפּען און וויא א רוח זיך אוועקגע־
טראָגען צום האָספּיטאַל.

— ווער האָט דאָס איהם געשלאָגען? — האָט דער אַרצט
געפרעגט ביי דעם פּאָליסמאַן, וועלכער איז געזעסען לעבען איהם.

— עפּעס א באָם — האָט דער אָרדנונגס־היטער געענטפערט
— ער איז ארעסטירט און מען וועט איהם ברייגגען אין האָספּי־
טאַל אריין, אום דער געשלאָגענער זאָל איהם דערקענען, צו דאָס
איז דער זעלבער, וועלכער איז איהם בעפאַלען.

— ווייסט איהר ניט ווארום ער האָט איהם געשלאָגען?

— ניין. ווען איך און נאָך צוויי פון מיינע קאַמעראַדען זיינען
צוגעקומען, איז שוין געווען נאָך אַלעמען. דער יונגער מאַן איז שוין
געלעגען אין א בעוואוסטלאָזען צושטאַנד. מיר האָבען קוים אום־
פּייעט צו כאַפּען דעם באַנדיט.

— און וואו איז ער יעצט, דער מערדער?

— אין פּאָליס־סטיישאָן.

דער אָוטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם האָספּיטאַל
מיט א שטאַרקען „וויזזז", אזוי וויא ער וואָלט שווער אָפּגעאָטהעמט
נאָך דער שנעלער יאַזדע וואָס ער האָט יעצט געמאַכט. דער דאָק־
טאָר איז שנעל אַרויסגעשפּרונגען און אריינגעלאָפען איגעווענינג
און באַלד זיינען פון דאָרט אַרויסגעלאָפען צוויי בעדיענער, טראָ־
גענדיג צוויי דרעננגלעך, וועלכע זיינען געווען אַרומגענומען מיט
לייוועגט, אין וועלכען זיי האָבען דעם צו׳הרג׳עטען אריינגעטראָ־
גען אין האָספּיטאַל.

— טראָגט איהם אוועק אין דעם אָפּעראַציאָנס־צימער! —
האָט קאָמאַנדעוועט דער דאָקטאָר.

דער האָספּיטאַל איז יעצט געגאַנגען אויף רעדלעך. מיט דער
שנעלקייט פון א בליץ האָט זיך פערשפּרייט דיא נייעס, אז ניימאַן,
דער יונגער מאַן, וועלכער איז מיט א קורצע צייט צוריק פון דאָרט
פערשוואונדען, איז יעצט געבראַכט געוואָרען אין א שטערבענדען
צושטאַנד. נוירסעס זיינען אויפגערעגטע אַרומגעלאָפען, אויספיה־
רענדיג דיא בעפעהלע פון דר. סטענטאָן.

דיא בעדיענער האָבען נײמאַן'ען אַוועקגעלײגט אויפ'ן אָפּע־ראַציאָנס־טיש, אַרום וועלכען עס זײנען שוין געשטאַנען דער גאַנ־צער שטאַב דאָקטוירים און נוירסעס פון האָספּיטאַל, גרײט צו ערפילען דיא בעפעהלע פון זײער עלטסטען כירורג, דר. סטענטאָן.

דער הויפּט אַרצט איז שוין יעצט געווען רוהיג. אויף זײן גע־זיכט איז שוין ניט געווען קײן שפּור פון זײן פריהערדיגער אויפ־רעגונג. אין אַ קאַלטען, געלאַסענעם טאָן האָט ער געהײסען אײנע פון דיא נוירסעס, זיא זאָל דעם צו'הרג'עטען אָפּראַזירען דיא האָאר פון קאָפּ, וואָס איז גלײך געטהאָן געוואָרען. ווען דיא נוירס איז פאַרטיג געוואָרען מיט איהר אַרבײט, האָט ער גענומען אונטערזו־כען דיא וואונדען. פון דעם ערנסטען אויסדרוק אויף זײן געזיכט האָט מען געקענט לעזען, אַז דיא וואונדען זײנען געפעהרליכע.

ער האָט עפּעס ערקלעהרט זײנע אַסיסטענטען, וועלכע האָ־בען יעדער בעזונדער עקזאַמינירט דיא וואונדען, נאַכהער האָט מען דעם צושלאָגענעם כלאָראָפּאָרמירט און דיא אָפּעראַציאָן איז גע־מאַכט געוואָרען. דער הינטערשטער שאַרבען איז ארונטערגענומען געוואָרען און דער הינטערשטער מאַרך איז אָפּגערײניגט געוואָרען פון דיא ברעקלעך שאַרבען און פון דיא פערגליווערטע בלוט. דיא אַרבײט איז געטהאָן געוואָרען מיט אַזאַ געשיקטקײט און פלינקײט, אַז דיא דאָקטוירים האָבען זיך גאָר ניט געקענט אָפּוואונדערען. קײן אײן איבעריגע בעוועגונג האָט דאָקטאָר סטענטאָן ניט גע־מאַכט ; קײן אײן סעקונדע האָט ער ניט פערלאָרען ; יעדער קעהר, יעדער ריהר זײנער איז געווען וויא פון פריהער אויסגערעכענט. דיא גאַנצע אָפּעראַציאָן האָט געדויערט אַ גאַנציע פערטעל שטונדע.

דאַן האָט מען נײמאַן'ען אַוועקגעטראָגען נאָך אַ שלאָפענ־דען אין אַ פּריוואַט־צימער, וואו מען האָט איהם אַוועקגעלײגט אויף אַ שנעע־ווײסע בעטעל, לעבען וועלכען עס האָט זיך אַוועקגע־זעצט אַ נוירס, אום איהם צו היטען ביז ער וועט ערוואַכען פון דער ווירקונג פון כלאָראָפּאָרם.

צופעליגער־ווײזע איז דיעזער צימער געווען דער זעלבער, אין וועלכען פלאָראַ איז געלעגען און אין וועלכען ער האָט צום ערשטען

מאָל זיא דערזעהן און זיך איהר אין ליעבע ערקלעהרט — מיט זייַנע בליקען.

דיא ערצטע האָבען גראַטולירט זייער קאָלעגע און לעהרער מיט דיעזער געלונגענער אָפּעראַציאָן.

— איך בין זיכער, אַז דער פּאַציענט וועט געזונד ווערען — האָט דר. סטענטאָן געזאָגט — אָן אַנדערער וואָלט אַזאַ אָפּעראַציאָן ניט אויסגעהאַלטען. ער איז אָבער אַ געזונטער, נאָרמאַלער מענש און איך בין גליקליך וואָס דער צופאַל האָט גראָד געמאַכט, אַז איך זאָל זיין ביי דעם אונגליק. ווען איך קום אָן מיט עטליכע מינוט שפּעטער, וואָלט איהם אַן אַמבולאַנס צוגענומען אין אַ האָספּיטאַל אַריין, וואו מען וואָלט איהם פיעלייכט אַזוי פיעל אויפמערקזאַמקייט ניט געשאָנקען, וויא דאָ.

דער אַרצט האָט דאָ ניט געמיינט זיך צו בעריהמען. ער איז געוועזן צו בעשיידען. ער האָט עס געמיינט גאַנץ אויפריכטיג. דערביי האָט ער אין זינען געהאַט נאָך אָן אַנדער זאַך — דיא וויכטיגסטע — וועגען וועלכע דיא דאָקטוירים האָבען קיין אהנונג ניט געהאַט — פלאָראַ'ן...

זיין מח איז יעצט געוועזן פערנומען מיט זיין פריינדין. מערקווירדיג! ביז נאָך דער אָפּעראַציאָן האָט ער וועגען איהר גאָר ניט געדיינקט, אַזוי וויא זיא וואָלט גאָר אויף דער וועלט ניט געוועזן. אפילו אין דער מינוט ווען ער האָט דערקענט איז דעם צושלאָגענעם ניימאַן'ען — זאָגאַר דאַן האָט ער וועגען פלאָראַ'ן ניט געטראַכט.

ער האָט אַלזאָ יעצט געטראַכט וואָס ער זאָל דאָ טהאָן מיט פלאָראַ'ן, וועלכע וואַרט אויף איהם אין פּאָסט-אָפּיס. זויא אַזוי לאָזט מען איהר וויסען דיעזע שרעקליכע בשורה? זיא וועט דאָך זיכער דיעזען קלאַפּ ניט אַריבערטראָגען.

יעצט איז ער ניט אויפגעלעגט געוועזן צו שפּאַסען, וויא זיין שטייגער איז, פון ליעבע. ווען ער פלעגט אימער חוזק מאַכען פון ליעבע, האָט ער עס ווירקליך געמיינט ניט מעהר וויא אויף שפּאַס. דיא צויבער-קראַפט פון ליעבע איז איהם ניט פרעמד געוועזן. ער

האָט זעלבסט געליטען פון דיעזען געפיהל, און נאָך וויא געליטען!
— ער איז אַליין אַן אָפּפער פון ליעבע. און אין דער צייט ווען ער פלעגט אָפּלאַכען פון ליעבע, פלעגט אין איהם דאַן דיא האַרץ בלו־טען.

ער האָט זיך אַלזאָ יעצט שטאַרק געשראָקען וועגען פלאָראַ'ן. וועגען ניימאַן'ען האָט ער שוין יעצט ניט געטראַכט — ער איז זיכער געוועזן, אַז ער וועט געזונד ווערען.

— וואָס טהוט מען אָבער מיט איהר, מיט פלאָראַ'ן? — האָט ער צו זיך זעלבסט געערעדט, ארומשפּאַנענדיג א פערטראַכ־טער הין און צוריק איבער זיין פּריוואַט־צימער אין האָספּיטאַל.

נאָך פיעל טראַכטען האָט ער ענדליך בעשלאָסען, צו פאָהרען צו איהר און אויף אַ דעליקאַטען אַרט איהר לאָזען וויסען וועגען דעם אונגליק. ער האָט אָבער גלייך ניט געקענט פאָהרען, דען ער האָט געמוזט בעזוכען זיינע פּאַציענטען.

* * *

פלאָראַ האָט נאָך אַלין געוואַרט אין פּאָסט־אָפיס. דער קלוירק, זעהענדיג, אַז זיא לאַנגווייליט זיך און איז זעהר אונגעדולדיג, האָט איהר געפרעגט, אויב זיא וויל פּיעלייכט עפּעס לעזען, וועט ער איהר געבען אַ בוך, וואָס ער האָט מיט זיך. פלאָראַ האָט איהם העפליך געדאַנקט, ערקלעהרענדיג, אַז זיא האָט קיין געדולד ניט צו לעזען יעצט אַ בוך.

— ווילט איהר פּיעלייכט אַ פּייפּער? — האָט דער קלוירק איהר ווייטער פאָרגעשלאָגען.

— אויב איהר ווילט אַזוי פריינדליך זיין — האָט פלאָראַ העפליך געבעטען.

דער יונגער מאַן האָט אַרויסגעשיקט נאָך אַ צייטונג און זיא דערלאַנגט פלאָראַ'ן.

דער מיידעל'ס בליקען זיינען גלייך געפאַלען אויף אַ קעפּעל מיט גרויסע בוכשטאַבען איבער אַ שטיקעל נייעס אויף דער ער־שטער פּיידזש. אַ שרעקליכער ציטער האָט אויפגעפלאַטערט איהר גאַנצען קערפּער. זיא האָט בלויז איבערגעלעזען דיא ערשטע עט־

ליכע שורות און א ווילדער געשריי האָט זיך ארויסגעריסען פון איהר ברוסט. אויף דיעזען געשריי זיינען זיך צוזאמענגעלאָפען אלע בעאמטע פון פּאָסט־אָפיס. עס איז געוואָרען אַ מהומה. מען האָט ביי פלאָראַ׳ן געפרעגט וואָס עס האָט פּאַסירט, אָבער זיא האָט ניט געקענט ענטפּערן. זיא האָט געשריען וויא אַ ווילדע און זיך געריסען דיא האָאר פון קאָפּ. באַלד איז אָנגעקומען דער הויפּט־בעאַמטער, דר. סטענטאָן׳ס פריינד. ער האָט זיא גענומען אונטער׳ן אָרעם און אריינגעפיהרט צו זיך אין אָפיס, וואו ער האָט זי אוועקגעזעצט אויף אַ שטוהל און געפרעגט, וואָס עס האָט פּאַסירט. פלאָראַ האָט שוין יעצט ניט געשריען. זיא איז געזעסען שטום און געקוקט מיט שטאַרע בליקען, וועהרענד איהר גאַנצער קערפּער האָט געציטערט, ווי אין אַ פיבער.

זעהענדיג, אַז ער קען פון איהר קיין אַנטוואָרט ניט בעקומען, האָט דער בעאַמטער געפּרובירט אַן אַנדער מיטעל.

— זאָל איך פיעלייכט רופען דר. סטענטאָן? — האָט ער ביי איהר געפרעגט.

דערהערענדיג איהר פריינד׳ס נאָמען, האָט זיך פלאָראַ עטוואָס בערוהיגט און זיא האָט געענטפערט מיט אַ קוים הערבאַרע שטימע:

— יאָ, איך בעט אייך, רופט איהם!

— וואו איז ער יעצט — אין האָספּיטאַל?

— יאָ! האָט זי שוין ארויסגעבראָכען אין אַ געוויין.

— ווילט איהר פיעלייכט זעלבסט מיט איהם ריידען? — האָט דער בעאַמטער איהר ווייטער געפרעגט, נעהמענדיג דעם טעלעפאָן.

— איך קען ניט, איך קען ניט ריידען — האָט זי ביטער געבליפּעט.

דער בעאַמטער האָט אָפּגערופען דאָקטאָר סטענטאָן׳ען. פלאָראַ איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען נאָהענט צום טעלעפאָן, אזוי ווי זי וואָלט זיך וועלען צוהערען, דיינקענדיג פיעלייכט וועט דער

מאַן איהר ניט זאָגען דעם אמת... פון האָספיטאל האָט מען גע־ענטפערט, אז דר. סטענטאָן איז נאָר וואָס אַוועקגעפאָהרען.

ווען דער בעאמטער האָט דאָס פלאָראַ'ן איבערגעגעבען, איז זי ווידער ווילד געוואָרען, שרייענדיג מיט א ניט־מענשליכע שטימע:

— פיהרט מיר אהין צו איהם! האָט מיטלייד מיט מיר, גוטע מענשען!

— צו וועמען זאָל מען איך פיהרען? — האָט דער בעאמטער מיט מיטלייד זיך ביי איהר געבעטען, זי זאָל איהם דייטליכער ער־קלעהרען איהר פערלאנג.

— צו ניימאַן'ען פיהרט מיך, צו ניימאַן'ען! — האָט זי פער־צווייפעלט פערבראָכען די הענד.

דאָ האָט זיך די טהיר האַסטיג אויפגעריסען און דר. סטענטאָן איז אריינגעפאַלען זעהר א צוטראָגענער. פון א קלוירק האָט ער זיך שוין דערוואוסט וועגען דער גאנצער געשיכטע.

פלאָראַ איז צוגעלאָפען צו דעם ארצט און, ארויפוואַרפענדיג זיך אויף זיין ברוסט, האָט זי ווידער אויסגעבראָכען אין א יאָמער־ליכען געוויין, וועלכער האָט אָנגעהאַלטען היבשע עטליכע מינוטען.

— וויין ניט! — האָט דער דאָקטאָר זיך ביי איהר געבעטען — דו האָסט ניט וואָס צו וויינען. ניימאַן איז אָלל־רייט. אין א פּאָאָר טעג ארום וועט ער געזונד ווערען.

— איהר האָט איהם שוין געזעהן? — האָט פלאָראַ, כלי־פּענדיג געפרעגט.

— וואָס הייסט צו איך האָב איהם געזעהען? איך האָב דאָך איהם אַוועקגעפיהרט אין מיין האָספיטאל אריין — האָט דער ארצט איהר ערקלעהרט.

— קומט! — האָט זי דעם דאָקטאָר האַסטיג א ציה געטהאָן מיט זיך — איך מוז איהם שוין זעהן!

— בערוהיג זיך, פלאָראַ, און מיר וועלען באלד אהין געהן — האָט דער ארצט זיך געבעטען ביי איהר אין א טאָן פון פּאַטערליכע ליעבע — איך בין דאָך צוליעב דעם אהער געקומען.

— איך בין שוין רוהיג — האָט זי זיך געסטאַרעט מיט אַלע קרעפטען צו בעהערשען, וועהרענד זי האָט געפלאַטערט ווי א בלאַט אין צייט פון א שטורעם — לאָמיר שוין געהן.

— יעצט וועסטו איהם סיי־ווי־סיי ניט קענען זעהען. ער האָט זיך נאָך ניט אויפגעכאַפּט פון כלאָראָפאָרם.

— פון כלאָראָפאָרם ? !

— יאַ, איך האָב איהם געמאכט אַן אָפּעראַציאָן, וועלכע איז זעהר געלונגען און ער וועט שנעל געזונד ווערען.

דאָ האָט דער ארצט מיט אַלע איינצעלהייטען דערצעהלט ווי אַזוי ער האָט ניימאַן'ען געפונען אַ צו'הרג'עטען אויף טשעטהעם סקווער און וואָס פאַר אַן אָפּעראַציאָן ער האָט איהם געמאכט. ווען ער האָט געענדיגט, איז פלאָראַ צוגעלאָפען צו איהם און געזאָגט:

— דאָקטאָר, מיט וואָס קען איך אייך אָפּדאַנקען פאַר דעם אַלעם וואָס איהר האָט שוין געטהאָן פאַר מיר.

— מיט איין זאַך קענסטו מיר דאַנקען — האָט דער ארצט גע־ענטפערט — און איך פערלאַנג עס טאקע פון דיר. פערשפּרעכסטו עס מיר ?

— וואָס איהר וועט נאָר פערלאַנגען — האָט פלאָראַ געערדט פון טיעפען האַרצען.

איך נעהם מיין פריינד אַלס עדות — האָט דער ארצט אָנגע־וויזען אויף דעם בעאמטען, וועלכע איז געווען זעהר געריהרט פון דער סצענע — אַלזאָ, איך פערלאַנג פון דיר אַלס דאַנק, אַז דו זאָלסט זיך האַלטען רוהיג, אבסאָלוט רוהיג. דאָס איז וויכטיג, נויטווענדיג אי פאַר דיר, אי פאַר ניימאַן'ען.

דיעזע רייד האָבען אויף פלאָראַ'ן געווירקט ווי אַ צויבער־מי־טעל. זי האָט זיך ווירקליך גלייך בערוהיגט. אין איהר מח האָט יעצט געאַרבייט איין געדאַנק: איהר רוהיגקייט איז וויכטיג, איז נויטווענדיג פאַר ניימאַן'ען און — זי איז יעצט געווען רוהיג. מען האָט שוין אָן איהר יעצט ניט געקענט דערקענען, אַז מיט עטליכע מינוטען צוריק איז זי געווען אין א ווילד־אויפגערעגטען צושטאַנד. דער פּאָסט־אָפּיס בעאמטער האָט אויסגעדריקט זיין ערשטוינונג ווע־

גען דיעזער פּלעצליכער ענדערונג אין דער פריילין דורך זיינע בליקען, וועלכע ער האָט געהאַלטען אין איין ווארפען אויף דעם דאָקטאָר.

אָבער ווי רוהיג פלאָרא איז געווען, האָט זיך אין איהר הארצען דאָך אַלץ שטאַרקער צופלאַמט דער בעגעהר צו זעהען איהר געליעב־טען.

ווען דער דאָקטאָר האָט זיין בעגלייטערין געהאָלפען אריינ־שטייגען אין אָטאָמאָביל, וואָס האָט געוואַרט אין דרויסען, האָט פּאַ־סירט עטוואָס, וואָס ניט דער ארצט און ניט פלאָרא האָבען בע־מערקט. א רעפּאָרטער פון אן ענגלישע צייטונג איז געשטאַנען בע־האַלטען אָן א זייט לעבען דער פּאָסט אָפיס געביידע און מיט א קליי־נער קאַמערא האָט ער ארונטערגענומען פלאָרא'ס בילד.

דער אָטאָמאָביל האָט גענומען פאָהרען. פלאָרא האָט דער־שפּירט דעם גערוך פון קארבאָל און זי האָט זיך א דערשראָקענע גע־נומען אומקוקען. אז דיעזער גערוך קומט ניט פון דעם דאָקטאָר דאָס איז זי געווען זיכער, דען זי האָט דאָס פריהער גאָר ניט גע־שפּירט. איהרע בליקען זיינען געפאַלען אויף גרויסע פייכטע פלע־קען אויף דעם טונקעל־גרינעם לעדער, מיט וועלכען דער אָטאָמאָ־ביל איז געווען אויסגעבעט.

— דאָס זיינען אָפּגעוואַשען געוואָרען די פלעקען פון ניימאַן'ס בלוט! — האָט זי זיך אין הארצען ביטער צואוויינט.

דער דאָקטאָר, בעמערקענדיג ווי פלאָרא איז וויעדער פער־זאָרגט, אונרוהיג און האַלט עפּעס אין איין זוכען אין דעם אָטאָמאָ־ביל, האָט גלייך פערשטאַנען די אורזאכע. ער האָט אָבער קיין וואָרט ניט גערעדט, מורא האָבענדיג, אז זי וועט אויסברעכען אין א געוויין. פלאָרא האָט אָבער ניט געקענט שווייגען און זי האָט זיך אָפּגערופען אין א וויינענדיגע שטימע, אָנווייזענדיג אויף די פלעקען:

— אָט דיעזע ערטער זיינען פריהער געווען בעפלעקט מיט ניי־מאַן'ס בלוט!

זי האָט זיך הערצליך צו־וויינט און גענומען הייס קושען די פייכטע פלעקען אויף דער לעדער. דער ארצט האָט איהר פעסט א

ציה געטהאָן צו זיך און אַוועקזעצענדיג זי גליייך, האָט ער געזאָגט מיט לייכטען פאָרוואורף:

— אזוי האלסטו דיין פערשפּרעכען, פלאָרא ? !

— ענטשולדיגט מיר, דאָקטאָר! — האָט זי ביטער געבליפּעט

— איך האָב זיך ניט געקענט קאָנטראָלירען ווען איך האָב עס דער־זעהן...

— אויב דו וועסט זיך ווייטער אזוי ניט קענען קאָנטראָלירען, היים איך שוין דעם שאָופער, ער זאָל צו פאָהרען צו דיר אהיים און איך וועל אָנזאָגען אין האָספּיטאל, אז מען זאָל דיך אפילו ניט אריינ־לאָזען — האָט דער אַרצט איהר ניט געלאָזען ווייטער ריידען.

פלאָרא האָט אויף איהם א קוק געטהאָן מיט איהרע אויגען, אין וועלכע עס האָבען נאָך געבלישצעט טרעהרען, מורא האָבענדיג שוין א וואָרט צו ריידען.

— איך מיין עס זעהר ערנסט — האָט דער דאָקטאָר ווייטער גערעדט — דאָס איז ניט קיין קינדער־שפּיעל אָדער א ליעבע־שפּיעל...

— נאָט אייך מיין האנד און איך פערשפּרעך אייך, אז פון יעצט אָן וועל איך שוין זיין אזוי רוהיג ווי איהר — האָט פלאָרא געזאָגט אין א פעסטען טאָן, אויסשטרעקענדיג צו איהם די האנד.

— געדיינק! — האָט דער ארצט איהר געוואָרענט — איך גיב דיר נאָך איין געלעגענהייט.

דער אָטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט פאר דעם האָספּיטאל. אין פלאָרא'ן האָט די האַרץ גענומען האַסטיג קלאַפּען, ווען דער דאָקטאָר האָט איהר אָנגענומען פאַר די האנד און זי אריינגעפיהרט. אינעווייניג, האָבען זיי בעגעגענט אַ פּאָליסמאַן, צוויי דעטעקטיווס און דעם ארעסטירטען, וועלכער האָט ניימאַן'ען צושלאָגען.

דאָס איז געווען א קריסט פון א יאָהר דרייסיג. אַן אָפּגעריסענער, אַן אָפּגעשליסענער. פון זיין אויסזעהן האָט מען גלייך גע־קענט דערקענען, אז דאָס איז אַ הפקר־יונג, אז אַ מענשליך לעבען האָט ביי איהם קיין ווערטה ניט. ער איז געווען צוגעבונדען מיט אַן אייזערנע קייטעל צו א האנד פון איינעם פון די דעטעקטיווס.

— דו האָסט דאָס מיין פריינד אַזוי צושלאָגען? — איז דער דאָקטאָר צוגעשפּרונגען צו דעם באַנדיט, וועלכען ער האָט גלייך דערקענט אלס איינעם פון די צוויי, וועלכע ער האָט געהאט אויסגע־קליעבען צו נעהמען בלוט פאַר פלאָראַ'ן א חוץ ניימאַן'ען.

אין פלאָראַ'ן האָט פּלוצלונג די בלוט גענומען זיעדען און איהר געזיכט איז געוואָרען בלייך ווי קאַלך. מיט אויפגעהויבענע פויסטען און ציטערנדיג מיט איהר גאַנצען קערפּער איז זי צוגעלאָפען צו דעם אַרעסטירטען און געשריען מיט'ן גאַנצען האַרצען:

— מערדער דו! לינטשען דאַרף מען דיך! אויפ'ן עלעקט־ריק טשער דאַרפסטו געהן! פאַר וואָס האָסטו דעם מענשען געשלאָ־גען?!

דער באַנדיט איז געשטאַנען קאַלטבלוטיג, אַזוי ווי ניט איהם מיינט מען עס.

— איהר קענט איהם? — האָט איינער פון די דעטעקטיווס געפרעגט ביי דעם דאָקטאָר.

דער ארצט האָט פאַר די דעטעקטיווס דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע מיט דעם אדווערטייזמענט וועגען די קוואָרט בלוט און אַז דער אַרעסטירטער איז געווען איינער פון די פיעלע, וואָס האָבען זיך אויף דיעזען אדווערטייזמענט אָפּגערופען.

פלאָרא האָט אויפגעשווידערט ביי דעם געדאַנק, אַז אין איהרע אָדערען האָט יעצט געקענט פליסען די בלוט פון דיעזען מערדער.

— פאַר וואָס האָסטו געשלאָגען דעם מאַן? — האָט איינער פון די דעטעקטיווס שטרענג א פרעג געטהאָן דעם אַרעסטירטען.

— איך האָב מיט איהם געהאט אַן אַלטען רעכענונג — האָט דער באַנדיט געלאַסען געענטפערט.

— וואָס פאַר אַ רעכענונג? — האָט דער דעטעקטיוו איהם געשטאָכען מיט זיינע בליקען.

— ווען ער איז אויסגעקליעבען געוואָרען צו דעם דזשאָב, איך מיין צו געבען די בלוט — האָט דער באַנדיט קאַלטבלוטיג געענט־פערט — האָט ער מיר און נאָך איינעם, וואָס איז מיט מיר געווען, פערשפּראָכען, אַז ווען ער וועט ארויסקומען פון האָספּיטאַל, וועט

ער אונז געבען אויף א טרונק. היינט אין דער פריה האָב איך איהם בעגעגענט אין סטריט. איך האָב איהם געפרעגט, וואָס עס הערט זיך וועגען דעם וואָס ער האָט פערשפּראָכען. האָט ער געזאָגט, אז ער האָט קיין געלד ניט. פרעג איך איהם: וואָס הערט זיך מיט די פופציג דאָלאַר וואָס דו האָסט געקראָגען? זאָגט ער, אז ער האָט קיין סענט ניט גענומען. דאָ האָב איך איהם דערלאנגט וואָס איהם איז געקומען. איך האָב פיינט, אז מען בלאָפט מיר! — האָט ער געענדיגט מיט א צינישען שמייכעל.

— לומפּ, אונמענש וואָס דו ביזט! — האָט דער דאָקטאָר ווילד געקריצט מיט די צייהן — דיין פערדאָרבענע נשמה האָט גאָר ניט געקענט בעגרייפען, אז ער האָט ווירקליך קיין סענט ניט גענומען.

פלאָראַ האָט זיך ווידער א וואָרף געטהאָן צו דעם ארעסטירען. זי איז יעצט געווען ווילד ווי א טיגער און ווען דער דאָקטאָר וואָלט איהר ניט געווען אָנגעכאַפּט, וואָלט זי דעם באנדיט צוריסען אויף שטיקער, אָבוואָהל אין פערגלייך מיט איהר איז ער געווען א ריעז.

— לאָזט מיר צו איהם און איך וועל זיך מיט איהם אָפּרעכענען! — האָט זי פערצווייפעלט געשריען, רייסענדיג זיך פון דעם דאָקטאָר'ס הענד — אזא מערדער טאָר אויף דער וועלט ניט לעבען!

— מיר וועלען זיך שוין מיט איהם אָפּרעכענען — האָט דער־זעלבער דעטעקטיוו זי בערוהיגט — דאָס געזעץ וועט איהם שוין געבען זיין פערדיענטע שטראָף. און, ווענדענדיג זיך צו דעם דאָקטאָר, האָט ער צוגעגעבען: קען מען יעצט זעהען דעם קראנקען? מיר מוזען דעם ארעסטירטען שטעלען אויג אויף אויג מיט איהם אום ער זאָל איהם דערקענען, צי ער האָט איהם געשלאָגען.

— ער לייקענט דאָך ניט און איך דערקען איהם אויך — האָט דער ארצט בעמערקט.

— דער געשלאָגענער אליין מוז דאָס אָבער בעשטעטיגען אין אונזער אנוועזענהייט — האָט דער דעטעקטיוו ערקלעהרט — דאָס געזעץ פאָדערט אזוי.

— וואַרט א וויילע און איך וועל אייך לאָזען וויסען, צי

איהר וועט דעם קראַנקען יעצט קענען זעהן — האָט דער אַרצט געזאָגט, אַוועקגעהענדיג מיט פלאָראַ׳ן צום עלעווייטאָר, מיט וועלכען זיי זיינען אַרויפגעפאָהרען אויף דעם שטאָק, וואו עס האָט זיך געפונען דער צימער, וואו ניימאַן איז געלעגען.

פלאָראַ האָט זיך יעצט געפונען אין אַ פיעבערהאַפטען צושטאַנד. זי האָט זיך אָבער מיט אַללע קרעפטען געסטאַרעט צו בעהערשען. אין איהרע אויערען האָט געקלונגען דעם דאָקטאָר׳ס וואַרנונג, אַז עס איז וויכטיג פאַר ניימאַן׳ס געזונד, זי זאָל זיין רוהיג.

צוקומענדיג צו דעם צימער, וואו ניימאַן איז געלעגען, האָט פלאָראַ אויסגשריען אין אַ פערשטיקטען קול, אין וועלכען עס האָט זיך געהערט אַ קינדישע פרייד:

— דאָקטאָר, אין דיעזען צימער בין איך דאָך געלעגען!

— האָסט רעכט — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, איינקוקענדיג זיך אין דער טיהר — איך האָב עס גאָר ניט בעמערקט.

— איהר האָט אומישנע איהם געהייסען דאָ אַריינלעגען — האָט זי געקוקט אויף איהר פריינד מיט גליקליכע בליקען.

— וואָס דיר קען אַלץ איינפאַלען!

דער אַרצט האָט איהר דאַן געהייסען וואַרטען אין קאָרידאָר און אַליין איז ער אַריין אינוועניג.

ניימאַן האָט זיך נאָר וואָס געהאַט אויפגעכאַפט פון שלאָף. די נוירס איז געשטאַנען לעבען דעם בעט און האָט איהם געוואַשען דאס געזיכט און די הענד מיט אַ געוויסען שטאָף. זיין קאָפ איז אין גאַנצען געווען פערבאַנדאַזשירט מיט ברייטע שנעע־ווייסע באַנדאַזשען, עס האָט זיך בלויז אַרויסגעזעהען די אויגען, די נאָז און די ליפען.

דער אַרצט איז צוגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער צום קראַנקען. ניימאַן האָט אָנגעכאַפּט זיין האַנד און זי הייס געדריקט, זאָגענדיג אין אַ שוואַכער, קוים הערבאַרער שטימע:

— ענדליך זעהען מיר זיך, דאָקטאָר!

אויף זיינע ליפּען האָט געשוועבט אַ שוואַכער שמייכעל.

— ליג רוהיג, ניימאַן — האָט דער דאָקטאָר מיט פּאַטערלי־כער צערטליכקייט איהם געגלעט איבער זיין פערבאַנדאַזשירטען געזיכט — דו דאַרפסט יעצט ניט ריידען.

— איך בין שוין אַלל־רייט, דאָקטאָר — האָט דער קראַנקער ווידער אַרויסגעשעפּטשעט מיט דעם זעלבען שוואַכען שמייכעל וואָס פריהער.

— געוויס ביסטו אַלל־רייט און דו דיינקסט שוין אַודאי ווידער צו פערשווינדען, ווי דאַמאַלס — האָט דער אַרצט אויך גוט־מוטהיג געשמייכעלט.

ניימאַן האָט אַרונטערגעלאָזען די אויגען פערשעהמט.

— יעצט וועלען מיר דיך שוין היטען. איך האָב בעשטעלט דריי דעטעקטיוס וואָס וועלען פון דיר קיין אויג ניט אַרונטער־נעהמען — האָט דער דאָקטאָר זיך געוויצעלט — וועסט זיי באַלד זעהען, זיי וועלען דאָ באַלד אַריינקומען.

ניימאַן האָט זיך פּלוצלונג גענומען אונרוהיג בעוועגען אויפ'ן געלעגער, אומקוקענדיג זיך פון אַלע זייטען. ער האָט געוואָלט אויפ־הויבען דעם קאָפּ, אָבער דערצו איז ער צו שוואַך געוועזן. דער אַרצט האָט איהם אָנגענומען פאר ביידע הענד און געזאָגט אין עטוואָס אַ שטרייננגען טאָן:

— וואָס בעוועגסטו זיך אַזוי? ליעג רוהיג, דו דאַרפסט זיך יעצט ניט בעוועגען, און אויב דו וועסט ניט פאָלגען, וועלען מיר דיר מוזען צובינדען צום בעט, איך מיין עס זעהר ערנסט.

— דאָקטאָר! — האָט ניימאַן געזאָגט אין אַ געפיהלפאָלען טאָן, וועהרענד זיינע אויגען האָבען גענומען גלאַנצען פון אינער־ליבען גליק — דאָקטאָר, וואָס זעה איך? אין דיעזען צימער איז דאָך מיסס זינגער געלעגען!

— אַן וואָס דערקענסטו דאָס? — האָט דער אַרצט איהם געפרעגט, זייענדיג גערירהרט פון דיעזען אויסדרוק פון האַרציגע געפיהלען.

— איך האָב דאָס ערשט בעמערקט. איך האָב דערקענט דאָס בעט, די ווענט, אַללעס, אַללעס — האָט דער קראַנקער זיך

אַלץ גליקליכער געפיהלט — איך דאַנק אייך, דאָקטאָר, איך דאַנק אייך זעהר. ווי קום איך דאָ אַהער?

— וואָס מיינסטו — אין דיעזען צימער אָדער אין האָספיטאַל?

— איך מייןביידע. יא, וואו האָט איהר מיך געפונען? איך געדיינק גאָר ניט וואָס עס האָט מיט מיר פּאַסירט.

— מאָרגען, איבערמאָרגען וועל איך דיר אַלעס דערצעהלען. יעצט טאָרסטו דו זיך ניט אָנשטרענגען, דו מוזט ליגען רוהיג.

— דערצעהלט מיר שוין. ווירקליך, איך בין שוין אָלל־רייט — האָט ער זיך געבעטען ביי דעם דאָקטאָר, קוקענדיג אויף איהם מיט ליעבליכע בליקען.

— ניין — האָט דער אַרצט ענטשיעדען געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ — ניט יעצט.

ניימאַן האָט אַ ווײַלע געשוויגען. נאָכהער האָט ער אויף דעם דאָקטאָר אַ קוק געטהאָן מיט אַ פיעל בעדייטענדען בליק, און וועלכען עס האָט זיך אויך אָפּגעשפּיעלט אַ טיעפער געבעט. דער דאָקטאָר האָט פערשטאַנען די בעדייטונג פון דיעזען בליק: ער האָט זאָגאַר געוואוסט וואָס ניימאַן וויל איהם פרעגען. ער האָט דאַרום בלומרשט געהייסען די נוירס, אַז זי זאָל איהם דערלאַנגען דעם טערמאָמעטער צו מעסטען דעם קראַנקען'ס טעמפּעראַטור און ווען די נוירס האָט אָפּגעטראָטען פון בעט, האָט ער צוגעלעגט דעם אויער צום קראַנקען'ס ברוסט, אַזוי ווי ער וואָלט איהם וועל־לען אונטערזוכען.

— דאָקטאָר, ענטפערט מיר בלויז אויף איין פראַגע — האָט ניימאַן ווידער געזאָגט אין אַ זעהר שטילען טאָן, ווערענדיג דער־ביי שטאַרק פערשעהמט — וואָס מאַכט פלאָראַ? ווייס זי פון דעם עקסידענט?

— יא, זי ווייס פון אַלעס און זי איז יעצט דאָ — האָט דער אַרצט געענטפערט.

— זי איז דאָ? — האָט דער קראַנקער אַזאַ ציטער געטהאָן, אַז דאָס בעט האָט זיך אַזש געטרייסעלט.

— אז דו וועסט מיר צוזאָגען, אז דו וועסט זיך האַלטען רוהיג, וועל איך זי אַריינרופען.

— רופט זי אַריין, איך בעט אייך, דאָקטאָר! איהר וועט זעהן ווי רוהיג איך וועל זיין, און איך וועל באַלד געזונד ווערען, ווען איך וועל זי נאָר דערזעהען.

דער אַרצט האָט איהם אונטערזוכט דעם פּולס און ער האָט זיך ניט געקענט אָפּוואונדערען פון דעם גוטען צושטאַנד, אין וועלכען זיין פּאַציענט האָט זיך געפונען. אין זיין פיעל יעהריגער פּראַקטיק האָט ער נאָך אַזאַ פאַל ניט בייגעוואָהנט. געוועהנליך נאָך אַזאַ אָפּעראַציאָן איז דער פּאַציענט — אויב ער בלייבט לע־בען, דען פיעלע שטאַרבען אונטערן מעסער — ניט אימשטאַנדע א פּאָר טעג קיין וואָרט צו ריידען, וועהרענד ניימאַן איז כמעט אין א נאָרמאַלען צושטאַנד און ווען ניט די וואונדען זיינע, וואָלט ער שוין געקענט פערלאָזען דעם האָספּיטאַל.

— רופט זי אַריין, דאָקטאָר — האָט ניימאַן ווידערהאָלט זיין ביטע.

דער דאָקטאָר האָט זיך א ווייל׳ע פערטראַכט און נאָכהער גע־זאָגט:

— פריהער וועל איך אַריינרופען די דעטעקטיווס. זיי וואַר־טען אונטען מיט דעם מאַן, וועלכער האָט דיך געשלאָגען. דו מוזט זאָגען אויב ער איז דער זעלבער, וואָס איז דיר בעפאַלען.

— נאָך וואָס דאַרף מען דאָס? — איז ניימאַן עפּעס ניט גע־ווען צופרידען.

— דאָס געזעץ פאָדערט אַזוי — האָט דער דאָקטאָר איהם ערקלערט.

— פון מיינעט וועגען וואָלט איך מוחל געווען, אז מען זאָל איהם בעשטראָפען.

— וואָס רעדסטו, אזא מערדער?

— איך קען דיזע מענשען בעסער, ווי איהר, דאָקטאָר. איך האָב א היבשע צייט געלעבט צווישען זיי. זיי זיינען ניט קיין

מערדער, נאָר אונגליקליכע מענשען. פיעלע פון זיי וועלען קיין פליעג ניט טשעפּען.

— טאָ ווארום האָט ער דיך אזוי געשלאָגען? עס האָט דאָך ווייניג געפעהלט, אז ער זאָל דיך טוידטען? — איז דער דאָקטאָר פערוואונדערט געוואָרען פון ניימאַן׳ס רייד.

— ווייל ער איז אַן אונגליקליכער — האָט ניימאַן געענטפערט — ער וויל פיעלייכט אומישנע געהן אין פריזאָן, אום ער זאָל זיין פערזאָרגט אויף עטליכע יאָהר מיט עסען און מיט דירה. איך האָב שוין פיעלע מאָל אזעלכע ביישפיעלע געזעהן.

— דו מוזט אָבער פאר די דעטעקטיוום זאָגען דעם אמת.

— אויב איך מוז, האָב איך דאָך קיין ברירה ניט.

אין דער צייט וואָס דער דאָקטאָר האָט פערבראַכט מיט ניימאַן׳ען, איז פלאָרא געשטאַנען הינטער דער טהיר, ווי אויף גליהענדע קויהלען.

ווען דער דאָקטאָר איז ארויסגעקומען, איז זי צו איהם צוגעלאָפען און געפרעגט אין א זעהר נערוועזען טאָן:

— נו, וואָס מאַכט ער?

— ער איז אָללרייט. איך האָב מורא, אז ער וועט נאָך היינט ביי נאַכט ווידער פערשוואונדען ווערען.

פלאָרא׳ס שמייכלענדיגע געזיכט האָט דערצעהלט ווי גליקליך זי איז יעצט.

— קען איך שוין אריינגעהן צו איהם? — האָט זי געפרעגט, אננעהמענדיג דאָס הענטעל פון דער טיהר.

דער דאָקטאָר האָט כלומרשט מיט כעס אוועקגעריסען איהר האַנד און געזאָגט בייז:

— זעה נאָר, זי לויפט שוין! אייל זיך נאָר ניט. דו וועסט היינט איהם ניט קענען זעהען.

— דאָקטאָר! — האָט פלאָרא זיך ביי איהם געבעטען מיט איהרע בליקען.

— קיין וואָרט ניט מעהר! דו וועסט איהם היינט ניט זעהן — איז ער כלומרשט געוואָרען נאָך שטרענגער.

פלאָרא איז יעצט געווען אזוי ערביטערט, אז זי האָט ניט פערשטאַנען, אז איהר פריינד מאַכט דאָ שפּאַס.

— זאָגט איהם כאָטש, אז איך בין דאָ — האָט זי ווייטער גערעדט. זאָל ער כאָטש וויסען, אז איך וויים...

טרעהרען האָבען איהר יעצט געגומען שטיקען אין האַלז און זי האָט ניט געקענט ווייטער ריידען.

— איך האָב איהם געזאָגט, אז דו וואַרטסט דאָ — האָט דעם דאָקטאָר שוין באַנג געטהאָן וואָרום ער האָט איהר געמאַכט צום ליידען.

— און וואָס האָט ער געזאָגט? — האָט זיך א גליקליכער שמייכעל פלוצלונג בעוויעזען אויף פלאָרא'ס געזיכט און אין איה־רע אויגען האָט זיך א פרעהליך פייער'ל אָנגעצונדען.

— וואָס האָט ער געזאָגט? — האָט דער דאָקטאָר זי איבער־געקרימט — ער האָט געזאָגט, אז דער קאָפּ טהוט איהם וועה. און דאָס איז גאַנץ נאַטירליך — האָט ער צוגעגעבען מיט א שמיי־כעל — פון אזעלכע נארישקייטען קען זאָגאַר א געזונטער מענש קריגען קאָפּ־שמערצען...

— איהר זייט דער ערגסטער מענש וואָס איך האָב אמאָל אין מיין לעבען געזעהען — האָט פלאָרא דעם דאָקטאָר א לייכטען שטויס געטהאָן — אפילו דאָ, אין האָספּיטאַל, וואו איהר דאַרפט זיין ערנסט, שפּאַסט איהר אויך.

— איך האָב זיך מיט דיר פעררעדט, און אונטען וואַרטען דערווייל די דעטעקטיוום — האָט דער אַרצט זיך געלאָזען געהן.

— דאָקטאָר, איך געה אריין אינעווענינ — האָט פלאָרא שעל־מיש געשמייכעלט, זייענדיג זיכער, אז ער וועט איהר דאָס ניט שטערען.

דעם דאָקטאָר'ס פּלאַן איז אייגענטליך געווען, אז פלאָרא זאָל פריהער זעהען דעם קראַנקען איידער די דעטעקטיווס. ער האָט אָבער געוואָלט ניימאַן'ען צוגרייטען דערצו, מורא האָבענדיג, אז ווען זי זאָל אריינקומען אונגעריכטערהייד, וועט דאָס אויף דעם חולה האָבען א שלעכטע ווירקונג. און ער איז טאַקע יעצט ארוים־

געקומען מיט דעם גערדאנק, זי אריינצופיהרען אינעווענינ; ער האָט אָבער, ווי זיין טבע איז אימער געווען, געוואָלט מיט איהר זיך אבי־סעל רייצען. זעהענדיג, אז זיין פּאציענט פיהלט זיך אזוי גוט, האָט ער איהם אויך געוואָלט אביסעל איבערראשען דערמיט, וואָס אנשטאט ער האָט ערווארטעט צו זעהן יעצט זיין אָנפאלער און די דעטעקטיווס, וועט ער גאָר זעהען זיין געליעבטע.

— איך וועל דיר זאָגען די ריינע ווארהייט — האָט דער ארצט געזאָגט צו פלאָרא'ן — ניימאן וויל דיך ניט זעהן. ער האָט מיר געבעטען, איך זאָל ניט דערוועגען דיך אריינצולאָזען צו איהם.

— דאָס איז א ריינער ליגען, ניט קיין ווארהייט — האָט פלאָרא שטיפעריש וויעדר אָנגעכאפּט די הענטעל פון דער טהיר און געמאכט א בעוועגונג, אזוי ווי אָט, אָט עפענט זי זי אויף.

דער ארצט איז מיט איין שפּרונג שוין געשטאנען לעבען פלאָ־רא'ן, האָט זי פעסט אָנגענומען מיט ביידע הענט און אוועקגע־שטעלט אָן א זייט.

זי איז וויעדער פערצווייפעלט געוואָרען. יעצט איז זי שוין געווען זיכער, אז דער ארצט שפּאסט ניט.

— דאָקטאָר האָט זי אויסגעשטרעקט צו איהם מיט געבעטע די הענד — לאָזט מיר כאָטש אויף איהם א קוק טהאָן פון וויטען. עפענט אויף די טהיר און איך וועל בלויז איין בליק טהאָן אויף איהם.

דער דאָקטאָר האָט שוין יעצט קיין הארץ ניט געהאט איהר לייננער צו מוטשען און ער האָט זיך אָפּגערופען מיט א גוטמוטהי־גען שמייכעל:

—וועסטו זיך האלטען רוהיג, אז איך וועל דיר אריינלאָזען צו איהם?

— איהר וועט זעהען, ווי רוהיג איך וועל זיין! — האָט זי מיט קינדערשע בעגייסטערונג געגומען היים דריקען דעם ארצט'ס האנד — אז ניט, זאָלט איהר מיר מעהר צו איהם ניט צולאָזען! איהר וועט זעהען, איהר וועט זעהען! — האָט זי אונטערגעטאנצט פונקט

ווי א קינד, וואָס בעט עפּעס ביי דער מוטער און פערשפּרעכט דערביי שוין צו זיין גוט און פרום...

— געדיינק־זשע — האָט דער דאָקטאָר ווי געוואָרענט זי און איז מיט איהר צוריק צוגעגאַנגען צו דער טהיר.

פלאָרא איז איהם נאָכגעגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער און די האַרץ האָט אין איהר געגומען יעצט אַזוי האַסטיג קלאַפּען, אַז זי האָט דעם אָטהעם ניט געקאָנט כאַפּען.

— געה דו הינטער מיר! — האָט דער אַרצט געזאָגט צו פלאָ־ראַ'ן אַזוי שטיל, ווי ער וואָלט איהר אַ סוד איינגעראַמט, און גע־עפענט די טהיר.

פלאָרא האָט אָבער דעם דאָקטאָר ניט געפאָלגט. דער־זעהענדיג איהר געליעבטען, איז זי מיט אַ פערשטיקטען אויסיע־שריי צוגעלאָפען צום בעט, זיך אַרונטערגעלאָזען אויף די קניע און איינגעגראָבען איהר געזיכט אין דעם קישען, אויף וועלכען ניי־מאַן'ס פערבאַנדאַזשירטער קאָפּ האָט גערוהט. דער דאָקטאָר איז געבליבען שטעהן ווי אַ פּאַראַליזירטער, אויך די נוירס איז גע־שטאַנען אין אַ בעוועגלאָזער פּאָזע, קוקענדיג מיט ערשטוינטע בליקען אויף דעם אַרצט, אַזוי ווי זי וואָלט וואַרטען אויף זיין בע־פעהל, צו זי זאָל די אַריינגעקומענע פון בעט אוועקנעהמען. און ניימאַן איז אויך געווען זעהר איבעררַאַשט. עטליכע סעקונדען איז ער געלעגען בעוועגלאָז, אָבער פון זיינע אויגען איז געווען קענטיג, אַז זיין האַרץ איז יעצט איבערפול מיט די העכסטע פרייד און גליק.

— אַרטהור, וואָס האָט מיט דיר פּאַסירט? — האָט פלאָרא ענדליך אַרויסגעשעפּטשעט שטיל, זאַנפט און מילד ווי אַ טייבע־לע, ריידענדיג צו איהם אין אידיש.

ניימאַן האָט זיך אין דיעזען מאָמענט געפיהלט שטאַרק ווי אַ ריעז. ער האָט גאָר ניט געשפּירט די שמערצליכע וואונדען אין זיין קאָפּ; ער האָט גאָר פערגעסען, אַז מיט עטליכע שטונדען צו־ריק האָט ער געשוועבט צווישען לעבען און טוידט. זי, זיין געליעב־

טע, האָט צו איהם געדערדט פער דו — ווער האָט זיך יעצט צו זיין גליק געקענט גלייכען?

ער האָט געמאַכט אַ בעוועגונג, אַזוי ווי ער וואָלט זיך וועלען אויפזעצען, אָבער דאָ איז צוגעלאָפען די נוירס און האָט איהם צוגעהאַלטען, ארויפלייגענדיג איהר האַנד אויף זיין ברוסט און איהם געבעטען, ער זאָל ליגען רוהיג.

— ליעג רוהיג, ארטהור! — האָט פלאָרא זיך אויך ביי איהם געבעטען — דו טאָרסט זיך ניט בעוועגען, ניט וואַהר דאָקטאָר?

— האָט זי זיך געווענדעט צום ארצט, וועלכער האָט מיט ערנסטע, פאַרשעמענדע בליקען זיך צוגעקוקט צו דיעזער סצענע.

— ניימאַן, דו פאָלגסט ניט וואָס מען זאָגט דיר! — האָט דער ארצט געזאָגט צום קראַנקען אין אַ שטרייענגען טאָן, צוגע־הענדיג מיט באַזאַכטע טריט צום בעט.

— נו, בייזערט זיך נאָר ניט, ער וועט שוין פאָלגען, ער וועט שוין פון יעצט אָן זיין אַ „גוד באָי“ — האָט פלאָרא געזאָגט מיט פרייד.

ניימאַן'ס מילדע אויגען, אין וועלכע עס האָט זיך אָפגעשפיע־געלט אַ ים מיט גוטסקייט, האָבען ליעבליך ארויסגעשמייכעלט פון דעם פערבאַנדאַזשירטען געזיכט.

— און דו זאָלסט איהם ניט פערטהיידיגען! — האָט דער ארצט זיך געווענדעט צו פלאָרא'ן מיט אַ געמאַכטען שטרייענגען טאָן — איהר זייטביידע ווערטה איין שטעקען.

— ששששאַ! — דער דאָקטאָר איז אין כעס — האָט פלאָרא שעלמיש געלאַכט דעם ארצט אין פנים אריין.

דער דאָקטאָר האָט שוין לייגנער ניט געקענט זיין ערנסט און ער האָט זיך אויך צולאַכט מיט אַ געלעכטער פון אַ גליקליכען פאָ־טער, וועלכער קוקט זיך צו ווי זיינע ליעבע קינדערלעך שטיפען ארום און ער שעפט דערפון גרויס נחת. די נוירס, וועלכע האָט פלאָ־רא'ן געקענט, איז יעצט נאָך מעהר ערשטוינט געווען, ניט פער־שטעהענדיג וואָס דאָ קומט אַזעלכעס פאָר.

— זאָג נאָר, דו — האָט דער דאָקטאָר זיך געווענדעט צו

פלאָרא׳ן, — וואָס האָסטו עפּעס פריהער מיט איהם גערעדט אין פראַנצויזיש ?

— דו הערסט, אַרטהור, אין פראַנצויזיש — האָט זי וויע־דער גערעדט אין אידיש, שמייכלענדיג ליעבליך צו דעם קראַנקען. און ווענדענדיג זיך צום דאָקטאָר, האָט זי פאָרטגעזעצט — עס איז ניט געווען קיין פראַנצויזיש, נאָר טערקיש.

— זי זאָגט ניט דעם אמת — האָט ניימאַן זיך אָפּגערופען — זי האָט גערעדט אין אידיש.

—אַז ניט האָב איך דען ניט געוואוסט ? ווי קומט צו איהר פראַנצויזיש, וואָס, א גנב איז זי ? — האָט דער דאָקטאָר זיך גע־רייצט מיט פלאָרא׳ן.

— אַזוי ? איך וועט זיך מיט אייך, אַז איך וועל אייך קענען פערקויפען אויף פראַנצויזיש, כאָטש איהר זייט א דאָקטאָר — האָט זי איהם אָפּגעענטפערט מיט א שטאָך און גענומען ריידען פראַנצויזיש.

אָבער ווי איבערראַשט איז זי געוואָרען, הערענדיג ווי ניימאַן רעדט אויף די זעלבע שפּראַך, און דאָס נאָך פליסיגער ווי זי ! זי האָט אויף איהם אויסגעשטעלט א פּאָר אויגען, אין וועלכע עס האָט זיך געזעהען אי פרייד, אי איבערראַשונג. אויך דער דאָקטאָר, וועלכער האָט אַביסעל פערשטאַנען פראַנצויזיש האָט זיך ניט וויי־ניג געוואונדערט, הערענדיג ווי גוט ניימאַן רעדט אין דיעזער שפּראַך.

— נו, וואָרום שווייגט איהר עפּעס, דאָקטאָר ? — האָט פלאָ־רא, א גליקליכע פון דיעזער פרעהליכער איבערראַשונג, זיך וויי־טער גערייצט מיט דעם דאָקטאָר — געהט אַרוים מיט לשון !

דער אַרצט האָט איהר אָפּגעענטפערט מיט שטעכווערטלעך. ווען אימיצער וואָלט יעצט אַהין אַריינגעקומען, וואָלט ער גאָר פער־געסען, אַז ער געפינט זיך אין א האָספּיטאַל, ער וואָלט געמיינט אַז ער געפינט זיך צווישען א לוסטיגע קאָמפּאַני...

— אַלזאָ, ווילסטו מיר ניט זאָגען, פלאָרא, וואָס דו האָסט צו איהם פריהער געזאָגט זיין אידיש ?

— ניט יעצט, אַן אַנדערס מאָל — האָט די מיידעל איהם גע־וואָלט מאַכען טשיקאַווע.

— איך קען דאָך דיינקען, אַז דו האָסט גערעדט עפּעס שלעכ־טעס וועגען מיר ? — איז דער דאָקטאָר ווירקליך שוין געוועזען ניי־גיעריג צו וויסען דעם אינהאַלט פון זייער פריהערדיגען געשפּרעך.

— ווער מען אַרט עס וואָס איהר דיינקט — האָט פלאָרא ניט אויפגעהערט איהם צו לאַכען אין די אויגען אַריין — איבער־ריגענס, וואהרשיינליך פיהלט איהר דאָך ביי זיך, אַז עס איז דאָ וועגען אייך צו ריידען שלעכטעס.

— איך וועל אייך זאָגען, דאָקטאָר — האָט ניימאַן זיך אָפּ־גערופען.

— דו געהסט מיך פעררעטהען ? — האָט פלאָרא צוגעלעגט דעם פינגער צו . ער נאָז און געמאַכט דערביי אַ ברוגז׳דיגע מינע.

— זאָג, הער זי ניט, ניימאַן. דו וועסט איבערהויפּט זיין אַ שעהנער לייט, ווען דו וועסט זי פאָלגען — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט מיט געמאַכטער ערנסטקייט.

— און איך זאָג, אַז ער וועט מיך יא פאָלגען ! — האָט פלאָ־רא שעלמיש אַ פּאַטש געטהאָן איין האַנד אָן דער אַנדערער.

דער דאָקטאָר האָט פערוואונדערט געצויגען מיט די אַקסלען, ניט קענענדיג בעגרייפען די אינטימקייט פון דיעזע פּאָאר׳ל. ווען אַ פרעמדער וואָלט זיך דאָ געפינען — האָט ער געטראַכט — וואָלט ער זיכער געמיינט, אַז זיי קענען זיך שוין פיעלע יאָהרען.

— איך האָב גאָר פערגעסען אָן די דעטעקטיווס אונטען ! — האָט דער אַרצט פלוצלונג זיך אַ כאַפּ געטהאָן און געהייסען די נוירס, זי זאָל זיי אַרויפרופען.

ווען די נוירס איז געווען אַרויסגעגאַנגען, האָט ער זיך ענט־שולדיגט, ערקלעהרענדיג אַז ער מוז געהן אַריינרופען דעם סופּער־אינטענדענט. אָבער דאָס איז בלויז געווען אַן אויסרייד. ער איז אי־

מישנע אַרויסגעגאַנגען. ער האָט געוואָלט די פערליעבטע לאָזען א ווײַלע אַליין, וויסענדיג, אַז זיי וועלען ביידע דאַן זיין גליקליך.

ווען זיי זיינען געבליבען אונטער פיער אויגען, האָבען זיי א ווײַלע ביידע געשוויגען. ענדליך האָט פלאָראַ איבערגעריסען די שטילקייט, זאָגענדיג אין א געפּיהלפאָלען טאָן:

— ווי פיהלסטו זיך יעצט, אַרטהור!

ווי א געטליכעס געזאַנג, געזונגען פון א מלאכים כאָר האָבען דיעזע רייד געקלונגען אין ניימאַן׳ס אויערען.

— איך בין געזונד און איך בין גליקליך — האָט ער אין א שוואַכער אָבער זאַנפטער שטימע געענטפערט, איינגראָבענדיג זיך מיט זיינע בליקען אין איהר געזיכט, אַזוי ווי ער וואָלט זי געוואָלט איינשלינגען.

— און דו ווייסט שוין באַלד ווידער קענען פערשווינדען, האַ? — האָט אין פלאָראַ׳ס שטימע געקלונגען אַלץ מעהר פרייד און גליק — ווארום האָסטו זיך פון מיר בעהאַלטען? האָסטו דען ניט געוואוסט ווי שטאַרק איך בענק נאָך דיר?

ניימאַן האָט אָנגעכאַפּט איהר האַנד און מיט א רעליגיעזער בעגייסטערונג האָט ער זי צוגעטראָגען צו זיינע ליפּען און אויף איהר אָפּגעפרעסט אונצעהליגע הייסע קושען.

פלאָראַ האָט זיך צערטליך צוגעבויגען צו זיין געזיכט און לייכט איהם געקושט אין די אויגען, וועלכע זיינען יעצט געווען פייכט פון טרעהרען.

— דו וויינסט, אַרטהור? — האָט זי אין א פעשטשענדען טאָן מיט איהר שנעע־ווייסע זיידענע טאַשען־טיכעל איהם אויסגעווישט די טרעהרען פון די אויגען — וואָס וויינסטו, קינד!

— דאָס זיינען טרעהרען פון גליק. אָה, ווי גליקליך איך בין יעצט! — האָט דער קראַנקער שטיל, אָבער האַרציג געשעפּטשעט.

ער האָט ווידער צוגעטראָגען איהר האַנד צו זיינע ליפּען און זי היים און לאַנג געקושט.

צום צווייטען מאָל האָבען זיך יעצט די פערליעבטע אין ליעבע ערקלעהרט אין דעם זעלבען צימער, ביי דעם זעלבען בעטעל. דאָס

ערשטע מאָל האָבען זייערע בליקען בלויז גערעדט וואָס זייערע הער־צער האָבען געפּיהלט; יעצט האָבען זיי די זעלבע געפּיהלען אויס־גערריקט אין הייסע, אין פלאַמענדע ווערטער און דורך ליידענשאַפט־ליכע קושען.

— דיין בריעף האָט מיר אזוי פיעל גליק פערשאַפט! — האָט פלאָרא איהם ליעבליך געקוקט אין די אויגען אריין — דו ווייסט, איך קען דעם גאַנצען בריעף פון אויסווייניג.

פון קאָרידאָר האָבען זיך געהערט שווערע טריט.

פלאָרא איז שנעל אָפּגעשפּרונגען פון בעט, זאָגענדיג:

— אָט געהען זיי, די דעטעקטיווס מיט דעם באַנדיט!

די טיהר האָט זיך געעפענט און עס זיינען אריין דער דאָקטאָר, וועלכער האָט אויף פלאָרא'ן געוואָרפען א בליק, וועלכער האָט געזאָגט: אַי, דו גנב'טע! איך וויים אלעס וואָס עס איז דאָ צווי־שען אייך פאָרגעקומען, נאָך איהם זיינען נאָכגעגאַנגען דער סופּער־אינטערענט פון האָספּיטאל, די נוירס און די דעטעקטיווס מיט דעם אַרעסטירטען.

דער קראַנקער איז אונרוהיג געוואָרען, דערזעהענדיג דעם קערל, וועלכער האָט איהם שיער פון דער וועלט אומגעבראַכט. אָבער אין דער זעלבער צייט איז אין איהם ענטשטאַנען א געפיהל פון טיעפען מיטלייד צו איהם. איינער פון די דעטעקטיווס איז מיט דעם ארעסטירטען צוגעגאַנגען צום בעט און געפרעגט ביי ניימאַן'ען, אָנווייזענדיג אויף דעם באַנדיט:

— האָט דיעזער מאַן אייך געשלאָגען?

ניימאַן האָט ניט געענטפערט. ער האָט זיך געשלאָגען מיט דער דעה וואָס ער זאָל זאָגען. דער פריהערדיגער מיטליידס־געפיהל צו דעם אַרעסטירטען איז איצט אין איהם פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ געפיהל פון דאַנקבאַרקייט. ווען ניט דיעזער צופאַל, וואָלט ער נאָך פלאָרא'ן ניט געזעהען און ער וואָלט ניט געווען אזוי גליק־ליך ווי יעצט... ער האָט געהאַט אויסגעאַרבייט א פּלאַן צו קומען צו זיין געליעבטער שפּעטער, אין א צייט אַרום, ווען ער וועט זיך האָבען דערשלאָגען צו עטוואָס און נאָר א דאַנק דיעזען צופאַל האָט

זיך זיין גליק צו איהם פריהער בעוויעזען, ווי ער האָט ערוואַרטעט. היינט ווי קען ער דיעזען מענשען אַזוי שלעכט אָפּדיענען?

דער דעטעקטיוו, דיינקענדיג אַז דער קראַנקער פיהלט זיך זעהר שוואַך דערפאַר ענטפערט ער ניט, האָט ער זיך געווענדעט צום דאָקטאָר, זאָגענדיג:

— מיר וועלען דאָס, ווי איך זעה, מוזען אָפּלייגען אויף אַן אַנדערם מאָל. אייער פּאַציענט איז צו שוואַך צו ריידען.

— ניימאַן, וואָרום ענטפערסטו ניט? — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט צום קראַנקען, צוגעהענדיג צו איהם נעהענטער — דער אַרעסטירטער לייקענט ניט, אַז ער האָט דיך געשלאָגען. אָבער דאָס געזעץ פאָדערט, אַז דו זעלבסט זאָלסט עס בעשטעטיגען.

דער דעטעקטיוו האָט יעצט וויעדערהאָלט זיין פריהעריגע פראַגע.

— יאַ, ער האָט מיר געשלאָגען — האָט ניימאַן ענדליך גע־ענטפערט אין אַ נערוועזען טאָן.

— זייט איהר זיכער אַז דאָס איז דער זעלבער מאַן? — האָט דער דעטעקטיוו ווייטער געפרעגט.

ניימאַן האָט אַ קוק געטהאָן אויף דעם אַרעסטירטען און גע־שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף יאַ.

— וואָרום האָט ער אייך געשלאָגען?

— ער האָט געוואָלט איך זאָל איהם געבען געלד.

— איהר זייט איהם דען עפּעס שולדיג?

— יאַ.

די אַנוועזענדע האָבען זיך ערשטוינט אָנגעקוקט איינע די אַנדערע.

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט — האָט דער אַרעסטירטער זיך געווענדעט צו דעם דעטעקטיוו.

— שאַראַפּ! — האָט דער פערטרעטער פון געזעץ אויף איהם אַ געשריי געטהאָן — מען פרעגט ביי דיר ניט און, ווענדענדיג זיך צו ניימאַן'ען, האָט ער צוגעגעבען — איהר מיינט דאָך ניט צו זאָ־גען, אַז איהר האָט ביי דעם אַרעסטירטען געלד געליהען. איהר רעדט

דאָ וועגן דעם וואָס איהר האָט איהם פערשפּראָכען צו געבען א „טריעט“, ווען איהר וועט אַרויסקומען פון האָספּיטאַל, ניט וואהר“ ?

— א פערשפּרעכען איז פּונקט דאָס זעלבע וואָס א חוב. ביי מיר איז א פערשפּרעכען הייליג — האָט ניימאַן יעצט געזוכט מיט זיינע בליקען פלאָרא׳ן...

— וואָס האָט איהר איהם געענטפערט, ווען ער האָט ביי אייך געפאָדערט געלד ? — האָט דער דעטעקטיוו ווייטער געפרעגט, וועהרענד זיין חבר, דער צווייטער דעטעקטיוו האָט פערשריעבען אין א נאָטיץ־ביכעל די אַלע פראַגען און אנטוואָרטען.

— איך האָב איהם געזאָגט, אז איך האָב ביי זיך יעצט קיין געלד ניט, איך האָב איהם אָבער פערשפּראָכען אן אנדערס מאָל עפּעס צו געבען.

— האָט ער אייך גלייך גענומען שלאָגען ?

— ניין, ער האָט מיר שטארק געזידעלט. איך האָב איהם ניט געענטפערט און ווען איך האָב געוואָלט אַוועקגעהען, האָט ער מיר אָנגעהויבען שלאָגען.

— איז נאָך אימיצער מיט איהם געווען ?

— ניין.

— ער האָט אייך בעגעגענט אין גאַס ?

— ניין, ער איז געשטאַנען לעבען א סאַלון און ווען איך בין פערבייגעגאַנגען, האָט ער מיר אָפּגעשטעלט.

— דאַט׳ס אָלל ! — האָט דער דעטעקטיוו א מאַך געטהאָן מיט׳ן קאָפּ צו זיין חבר, וועלכער האָט אָנגענומען דעם ארעסטיר־טען און איז מיט איהם ארויסגעגאַנגען.

ווען דער סופּעראינטענדענט איז געווען אַוועקגעגאַנגען, האָט דר. סטענטאָן זיך געווענדעט צו מיסס זינגער, זאָגענדיג, אז ער וועט איהר אהיים פיהרען מיט זיין אוטאָמאָביל.

— איך וועל ניט געהן אהיים — האָט פלאָרא געזאָגט אין אן ענטשלאָסענעם טאָן — און איך האָב טאַקע וועגען דעם יעצט געוואָלט מיט אייך ריידען. איך וויל אייך בעטען, איהר זאָל מיר

ערלויבען דאָ צו פערבלייבען די גאַנצע צייט וואָס מיסטער ניימאַן וועט זיך דאָ געפינען.

ניימאַן האָט אויף זיין געליעבטע א קוק געטהאָן מיט בליקען, פולל מיט אונבעשרייבליכער פרייד און גליק.

— דו ביזט פעררוקט? — האָט דער ארצט כלומרשט מיט כעס געזאָגט — וואָס הייסט, דו וועסט דאָ פערבלייבען?

— ערלויבט מיר צו זיין מיסטער ניימאַן'ס נוירס — האָט פלאָרא זיך ביי איהם געבעטען — איך מיין, איך וויל העלפען דער נוירס איהם בעדיענען.

— מען וועט זיך דאָ באַגיין אָהן דיר — איז דער ארצט גע־וואָרען ערנסט — איך וועל דאָס קיינמאָל ניט ערלויבען. און אויב דו וועסט נאָך א סך ריידען, וועל איך דיר ניט ערלויבען איהם זאָ־גאר צו בעזוכען. האָסט געהערט אָן איינפאל עפּעס!

ער האָט יעצט א קוק געטהאָן אויף דעם קראַנקען און ער האָט בעמערקט זיינע בעטענדע בליקען, געריכטעט צו איהם.

— איך געה פון דאנען ניט אוועק סיידען איהר וועט מיר מיט געוואלד ארויסווארפען — האָט פלאָרא געזאָגט מיט פער־שטיקטע טרעהרען.

— אויב דו ווילסט דוקא דעם כבוד, קענסטו דאָס האָבען — האָט דער דאָקטאָר געענטפּערט שטרענג — איך זאָג, אז דו זאָלסט שוין אַהיים געהן, דו הערסט? מען קלעהרט שוין ביי אייך געוויס איבער פאר וואָס דו ביזט נאָך ניטאָ, און דו ביזט דאָך הונגעריג אויך.

— מען קלעהרט ניט איבער, איך בין ניט הונגעריג און איך געה פון דאנען ניט אוועק — האָט פלאָרא אויך שטרענג גערעדט.

— דאָקטאָר — האָט ניימאַן זיך אָפּגערופען אין א שוואכער שטימע, אין וועלכער עס האָט זיך געהערט א טיעפער געבעט — וואָס שאדט עס אייך? זאָל זי דאָ פערבלייבען.

דער דאָקטאָר האָט נאָך פריהער געוואוסט, אז פלאָרא וועט איהם אזא פאָרשלאָג מאכען און אין דער ווירקליכקייט האָט ער גאָר ניט געהאט געגען דעם. פערקעהרט, ער איז זיכער געווען, אז איהר אַנוועזענהייט וועט זעהר גוט ווירקען אויף דעם קראַנקען'ס

צושטאַנד. ער האָט דאָ אָבער געוואָלט אויסמיידען אַן עפּענטליכען סקאַנדאַל. יעצט וועט דאָך שוין דער ראָמאַן צווישען פלאָראַ'ן און ניימאַן'ען מעהר קיין געהיימניס ניט זיין. טאָ וואָס וועלען איהרע עלטערן זאָגען? פון דער אַנדערער זייט האָט ער אָבער ניט גע־וואָלט קיין קריינקונג פערשאַפען ניט פלאָראַ'ן, ניט איהר געליעב־טען, הויפּטזעכליך ניימאַן'ען, אויף וועמען דאָס קען זעהר שלעכט ווירקען. ער האָט דאַרום ניט געוואוסט ווי דאָ צו האַנדלען. נאָך אַ לאַנגע ווייל פון נאָכדיינקען האָט ער זיך ענדליך אָפּגערופען:

— דערווייל געה אהיים און וואָס שפּעטער וועט זיין וועלען מיר זעהען.

— איך ריהר זיך ניט פון דאַנען פריהער, ביז מיסטער ניימאַן וועט גענצליך געזונד ווערען און וועט פערלאָזען דעם האָספּיטאַל — האָט פלאָרא געזאָגט מיט עקשנות.

— מיסס זינגער! — האָט ניימאַן צו איהר געזאָגט, ציהענדיג די ווערטער, אזוי ווי די צונג וואָלט זיך איהם געפּלאָנטערט (אויף זיינע ליפּען איז געלעגען איהר ערשטער נאָמען...) — פאָלגט דעם דאָקטאָר, געהט יעצט אהיים!

— זי וועט שוין געהן, זי וועט שוין געהן! — האָט דער דאָק־טאָר ווייטער זיך כלומרשט געבייזערט — אָט רוף איך שוין אריין דעם סופּעראינטענדענט.

דאָס זאָגענדיג, האָט ער געבעטען די נוירס, אַז זי זאָל אריינ־געהן צום אויפזעהער פון האָספּיטאַל און איהם בעטען, ער זאָל אהער אריינקומען. אין דער זעלבער צייט האָט ער אָבער צו איהר אַ וואונק געטהאָן, אַז זי זאָל ניט געהן. די נוירס האָט דיעזען וואונק פערשטאַנען און איז געבליבען וואַרטען אין קאָררידאָר.

— יעצט וועסטו שוין געהן — האָט דער אַרצט געזאָגט, ווען די נוירס איז געוועזען אַרויסגעגאַנגען — דו מיינסט, אַז איך בין מחויב אויסצושטעהען אַלע דיינע קאַפּריזען?

— מיסס זינגער! — האָט ניימאַן מיט אנגסט זיך ביי איהר געבעטען, מיינענדיג ווירקליך, אַז מען וועט איהר הייסען אַרויס־געהן פון דאַנען — וואַרום פאָלגט איהר ניט דעם דאָקטאָר?

עס איז איהם אזוי שווער אָנגעקומען זי צו איהרצען...

— וואָס בעטסטו זיך ביי איהר? — האָט דער דאָקטאָר ווייטער געזאָגט — אַז זי וויל ניט פאָלגען מיט גוטען, וועט זי פאָלגען מיט בייזען. אָט וועט באַלד אַריינקומען דער סופּעראינטענדענט.

פלאָרא האָט ניט בעמערקט ווי דער דאָקטאָר האָט געוואונקען צו דער נוירס, אַז זי זאָל דעם סופּעראינטענדענט ניט אַריינרופען. דאָך איז זי זיכער געווען, אַז דאָס איז בלויז אַ סטראַשונאָק. זי האָט צו גוט געקענט איהר פריינד און געוואוסט, אַז ער וועט איהר אַזאַ שאַנדע ניט אָנטהאָן. זי האָט אויך געפיהלט, אַז אין דער אמת׳ן איז ער גאָר ניט דאַגעגען, זי זאָל דאָ פערבלייבען, נאָר ער שפּיעלט דאָ זיין געוועהנליכע ראָלע — ער רייצט זיך מיט איהר. האָט זי דארום בעשלאָסען אויך פאַרטצוזעצען איהר ראָלע און געזאָגט:

— און איך וועט זיך מיט אייך, דאָקטאָר, אַז דער סופּעראינטענדענט וועט מיר ערלויבען דאָ צו פערבלייבען! איהר מיינט, אַז אַלע זיינען אַזעלכע שלעכטע מענשען ווי איהר?

— וועסט דאָך באַלד זעהן ווי שעהן ער וועט דיך בעטען, דו זאָלסט זיך אָפּטראָגען פון דאַנען — האָט דער דאָקטאָר זיך גערייצט מיט פלאָרא׳ן.

— איך וויל גאָר ניט וואַרטען ביז ער וועט אהער אַריינקומען, איך נעה צו איהם — האָט פלאָרא זיך געלאָזען געהן מיט שנעלע טריט צו דער טיהר.

דער דאָקטאָר איז איהר פערלאָפען דעם וועג און זיך צושריען:

— משוגענע, וואו לויפסטו, ער וועט דאָך באַלד אַליין אַהער קומען.

פלאָרא האָט איהם אָבער ניט געהערט און איז ווייטער געגאַנגען.

דער אַרצט איז צוגעשפּרונגען צו דער טיהר און פערשטעלענדיג זי מיט זיינע ברייטע פּלייצעס, האָט ער ווידער געשריען צו איהר:

— בלייב דאָ, זאָג איך דיר, דו הערסט?

— איהר זעהט, מיסטער ניימאַן — האָט פלאָרא זיך געוועג-

דעט צום קראַנקען — יעצט בעט ער מיך שוין, איך זאָל דאָ בלייבען...

דער דאָקטאָר און ניימאַן האָבען זיך צולאַכט.

— אָט אַזוי איז ער איממער — האָט פלאָרא ווייטער געוו'ערט מיט אַ טריאומפירענדען שמייכעל, אָנווייזענדיג אויף דעם דאָקטאָר — זיין בעסטער פערגניגען איז, זיך צו רייצען מיט יענעם.

— הער מיך אויס פלאָרא — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט אין אַן ערנסטען טאָן — איך מיין יעצט זעהר ערנסט. דו געה אהיים. די מאַמע דיינע איז יעצט געוויס זעהר בעזאָרגט וואָס מען זעהט דיך ניט. שפּעטער וועסטו ווידער אהער קומען.

— און איך מיין אויך זעהר ערנסט, איך בין דאָס איממער — האָט פלאָרא אַ פיעל בעדייטענדען בליק געוואָרפען צו ניימאַן'ען, וועלכער האָט די גאַנצע צייט זיינע אויגען פון איהר ניט ארונטערגענומען — איך וועל דאָ פערבלייבען די גאַנצע צייט וואָס מיסטער ניימאַן וועט דאָ זיין און איך בעט אייך, דאָקטאָר, איהר זאָלט בעזאָרגען פאַר מיר אַ צימער וואו צו שלאָפען, עס מעג זיין צוזאַמען מיט אַ נוירס.

— און וואָס וועלען דיינע עלטערן זאָגען? — האָט דער דאָקטאָר ביי איהר געפרעגט.

— לאָזט דאָס איבער צו מיר — האָט זי געענטפערט מיט ענטשלאָסענהייט — עס וועט אַלעס זיין אָלל־רייט.

— פון מיינעט וועגען קענסטו דאָ בלייבען איז דער דאָקטאָר אַוועק פון דער טיהר און איז צוגעגאַנגען צו ניימאַן'ען — אָבער דו דאַרפסט דאָך אַלץ אהיים געהן זאָגען דיינע עלטערן וואו דו ביזט.

— איך וועל טעלעפאָנירען, און איך געה דאָס טאַקע שוין טהאָן.

ווען פלאָרא איז ארויס, האָט דער דאָקטאָר אונטערזוכט דעם קראַנקען. ער איז ווידער איבעררַאשט געוועזן, זעהענדיג אַז די אויפרעגונג וואָס דער קראַנקער האָט דאָ יעצט מיטגעמאַכט האָט אויף איהם קיין שלעכטע ווירקונג ניט געהאַט.

— דו וועסט געזונד ווערען פיעל פריהער ווי איך האָב עס ער־וואַרטעט — האָט דער אַרצט געזאָגט צו זיין פּאַציענט.

— מיר שיינט, אַז איך בין שוין פּאָלקאָמען געזונד — האָט ניימאַן מיט אַ שטראַהלענדען געזיכט געזאָגט — איין זאַך באַדערט מיר בלויז, וואָס איך קען דעם קאָפּ ניט אויפהויבען, זאָנסט וואָלט איך שוין געקענט אַהיים געהן.

— האָסט שוין אַהיים?

— יאָ, און זעהר אַ גוטע.

— ביי וועמען?

— ביי אַ אידישען ניוס־דיעלער, זעהר אַן ערדעלער מענש. איהם האָב איך צום ערשטען צו פערדאַנקען פאַר מיין גליק.

— איך האָב גאָר פערגעסען! דו האָסט דאָך געשריעבען וועגען דעם אין דיין בריעף צו פלאָראַ'ן.

ניימאַן האָט פערשעהמט אַרונטערגעלאָזען די אויגען.

— דו שרייבסט גוט ענגליש. וואו האָסטו די שפּראַך ער־לערנט און פון וואַנען קענסטו פראַנצויזיש?

ניימאַן האָט געוואָלט ענטפערען. דער דאָקטאָר האָט איהם אָבער ניט געלאָזען ריידען, ניט ווערענדיג, אַז ער זאָל זיך צו שטאַרק אָנשטריינגען.

— מיר וועלען דאָס אָפּלייגען אויף אַן אַנדערעם מאָל — האָט דער אַרצט צו איהם געזאָגט — דאַן וועסטו מיר שוין דערצעהלען דיין גאַנצע לעבענס־געשיכטע, ווי דו האָסט דאָס מיר שוין פער־שפּראָכען. אָבער וועסטו יעצט שוין האַלטען וואָרט? וועסטו וויע־דער זיך אויסבעהאַלטען?

— ניין — האָט ניימאַן געענטפערט מיט אַ גליקליכען שמייכעל.

— ביזטו צופריעדען וואָס פלאָראַ וועט דאָ מיט דיר פער־בלייבען? — איז דער אַרצט געווען נייגיעריג צו הערען וואָס ער וועט דערויף ענטפערען.

— אויב איך בין צופריעדען, פרעגט איהר? איך בין גליק־

ליך, העכסט גליקליך! זינט איך האָב זי דערזעהען פיהל איך מעהר קיין שמערצען אין קאָפּ ניט.

דאָ האָט זיך די טהיר געעפענט און פלאָרא איז אריינגעקו־מען. פון איהר געזיכט איז געווען קענטיג, אַז זי אין זעהר אויפ־געדעגט, און אַז זי סטאַרעט זיך דיעזע אויפרעגונג אין זיך צו פער־שטיקען.

— האָסט טעלעפאָנירט אהיים? — האָט דער דאָקטאָר זי גע־פרעגט.

— יא — האָט פלאָרא געענטפערט אין אַ נערוועזען טאָן.

— די מאַמע האָט דיר ערלויבט דאָ צו פערבלייבען?

— און אַז זי האָט ניט ערלויבט, וועל איך זי דען פאָלגען?

— דייגע עלטערען וועלען צו מיר האָבען טענות, ווארום איך לאָז דיר דאָ זיין.

— וועלען זיי האָבען. וואָס אַארט אייך?

— דו רעדסט ווי אַ קינד. איך וויל ניט, זיי זאָלען מיר ווע־רען שונאים.

— זיי וועלען אייך קיין שונאים ניט ווערען. אַלעס וועט זיין אָלל־רייט, לאָזט דאָס איבער צו מיר.

— מיט וועמען האָסטו גערעדט?

— מיט דער מאַמען.

דער אַרצט האָט דערקענט אָן איהר, אַז זי האָט איהם נאָך עפּעס צו זאָגען, נאָר אין ניימאַן'ס געגענוואַרט קען זי דאָס ניט זאָגען. ער האָט אַ דריק געטהאָן אָן עלעקטרישע קנעפּעל אין דער וואַנד לעבען בעטעל און באַלד איז אַריינגעקומען די נוירס.

— קום, פלאָרא, וועל איך דיר בעזאָרגען אַ צימער וואו צו שלאָפען — האָט דער דאָקטאָר איהר אָנגענומען פאַר'ן האַנד און איז מיט איהר אַרויסגעגאַנגען. ער איז מיט איהר אריין צו זיך אין פּריוואַט צימער, וואו זיי האָבען זיך ביידע אַוועקגעזעצט.

— איך דערקען אָן דיר אַז עס האָט עפּעס ביי אייך אין הויז פּאַסירט — האָט דער אַרצט זיך אָפּגערופען.

— איהר האָט געטראָפּען. אָבער ווענען אַרט עס? — האָט פּלאָרא געזאָגט מיט אַ פּערטראַכטער מינע — זאָל ער קומען.

— ווער זאָל קומען? — האָט דער דאָקטאָר אויף איהר גע־קוקט מיט ערשטוינונג — וואָס מיינסטו?

— מיסטער פרענק האָט געשריעבען, אַז ער קומט היינט צו־פאָהרען.

— דאַרפסטו אודאי אהיים געהן — איז דער דאָקטאָר גע־וואָרען עטוואָס אונרוהיג.

— וועגען דעם פּערגעסט. איהר קענט דאָך מיר, דאָקטאָר, אַז איך בעשטים עפּעס, מוז עס אַזוי בלייבען. וועגען אהיים געהן פון דאַנען זאָלט איהר מעהר ניט ריידען.

— טאָ וואָס־זשע רען ביזטו אַזוי אונרוהיג?

— עס בעאונרוהיגט מיר וואָס ער קומט גראָד יעצט, ווען... אָבער — האָט זי געמאַכט אַ בעוועגונג, אַזוי ווי זי וואָלט אין דיעזער מינוט עטוואָס בעשלאָסען — דאָס וואָס עס האָט געזאָלט שפּעטער פּאַסירען, זאָל עס איצט זיין! איך האָב נאָר מורא פאַר איין זאַך...

— וואָס אַזעלכעס?

— אַז ער זאָל אָהער ניט קומען און דאָ מאַכען סקאַנדאַלען.

— דאָס לאָז איבער צו מיר — האָט דער דאָקטאָר זי בערו־היגט, איך וועל אָנזאָגען, אַז מען זאָל קיינעם ניט צולאָזען צו ניי־מאַן׳ען אָהן מיין ערלויבניס.

— איך דאַנק אייך זעהר! — האָט פּלאָרא צו איהם אויס־געשטרעקט איהר האַנד.

— וואָס האָט די מאַמע געזאָגט ווען זי האָט געהערט פון דעם אונגליק? — האָט דער דאָקטאָר ווייטער געפרעגט.

— זי האָט דאָס זעהר בעדויערט און זי וויגשט אַז ער זאָל וואָס שנעלער געזונד ווערען — האָט פּלאָרא געענטפערט.

— האָט זי דיך געפרעגט, פון וואַנען דו האָסט זיך וועגען דעם דערוואוסט.

— געווים איך האָב איהר געענטפערט, אז איך האָב דאָס ערפאהרען פון די צייטונגען.

— וואָס וועט זיין, אז די מאַמע אָדער דער פּאַפּא וועט אהער קומען און דורכאוים פּערלאַנגען, אז דו זאָלסט אהיים געהן?

— וועל איך ניט געהן — האָט זי אין אַן ענטשלאָסענעם טאָן געזאָגט, ווערענדיג אַלץ נערוועזער — אָבער אַז איהר זאָלט וועלען — האָט זי צוגעגעבען — קענט איהר אויף זיי ווירקען, אַז זיי זאָלען ניט זיין דאַגעגען.

— אויב עס ווענדעט זיך נאָר אָן מיר, וועל איך עס מיט פערגעניגען טהאָן — אָבער זאָג מיר אויף וואָס פאר אַן ארט?

— איך דארף אייך ניט לערנען. איהר וועט שוין אליין וויסען וואָס מיט זיי צו ריידען.

— עס וואָלט אלעס געווען מעגליך ווען מיסטער פרענק וואָלט ניט געקומען — האָט דער דאָקטאָר נאָכדיינקענדיג ווייטער געזאָגט — ער וועט דאָך וועלען, אז דו זאָלסט זיין אין דער היים! דו פערשטעהסט דאָך דאָס זעלבסט; ער וועט דאָך וועלען מיט דיר פערברייינגען.

— איהר האָט רעכט — האָט זיך פלאָרא'ס געזיכט מיט א טיעפע זאָרג בעצויגען.

זי האָט זיך אויפגעהויבען און גענומען ארומשפאנען איבער'ן צימער הין און צוריק. עטליכע מינוטען איז זי אזוי ארומגעגאַנגען. ענדליך האָט זי זיך אָפּגעשטעלט לעבען דאָקטאָר און געזאָגט אין א פעסטען טאָן:

— יא, עס מוז געשעהען! איך האָב געוואָלט אויסמיידען א סקאנדאַל יעצט, ווען ניימאַן איז קראַנק, אָבער, ווי איך זעה, איז דאָס אונמעגליך. אָט האָט דאָס שיקזאַל גראדע יעצט אונטערגע־רוקט מיסטער פרענק'ען... אלזאָ אָלל־רייט! איך וועל שוין אלעס אליין בעזאָרגען. אָהן קאַמפּף קען מען אין אונזער וועלט היינט קיין זאך ניט ערדייכען, היינט נאָך וועלען זיי אלעס וויסען! אלעס! אלעס!...

## ניינטער קאַפּיטעל.

— איהר מוזט אונז צו איהם צולאָזען. מיר וועלען ניט אוועק־געהן פון דאַנען, ביז מיר וועלען איהם ניט זעהען!

דיזע ווערטער האָט אין א בעטענדען טאָן ארויסגערעדט א מאַן פון א יאָהר עטליכע און פערציג, פון מיטעלען וואוקס, מיט א קורצע, שוואַרצע, פערשווירענע בערדעל, געקליידעט זעהר אָרים. אויף זיין געזיכט איז א מילדע גוטסקייט געווען אויסגעגאָסען. דאָס זעלבע האָט מען אויך געקענט לעזען פון זיינע שוואַרצע אויגען. לעבען איהם איז געשטאַנען א מיידעל פון א יאָהר ניינצעהן. פון איהר אָנבליק האָט מען גלייך געקענט זעהן, אז דאָס איז זיינע א טאָכטער. שוין היבשע עטליכע מינוטען שטעהען זיי ביים האָס־פּיטאַל, וואו ניימאַן ליעגט, און בעטען זיך מען זאָל זיי צו דעם קראַנקען צולאָזען, אָבער דער בעדיענער פון האָספּיטאַל וויל זיי ניט אריינלאָזען.

— וויפיעל מאָל נאָך דאַרף מען אייך זאָגען, אז איהר קענט דעם קראַנקען ניט זעהן? — האָט דער בעדיענער שוין מיט כעס געזאָגט — דער דאָקטאָר האָט ארויסגעגעבען א שטריינגען בעפעהל, מען זאָל צו איהם קיינעם ניט צולאָזען.

— אונז וועט מען מוזען צולאָזען. מיר וועלען פון דאַנען ניט אָפּטרעטען ביז מיר וועלען איהם ניט זעהען — האָט דער מאַן מיט אנגסט ווייטער געזאָגט.

— וועל איך געצוואונגען זיין צו רופען א פּאָליסמאַן און ער וועט אייך „בעטען“, איהר זאָלט זיך פון דאַנען אָפּטראָגען — האָט דער משרת שוין געזאָגט מיט כעס.

— וואו קען מען זעהן דעם דאָקטאָר? — האָט די מיידעל געפרעגט אין א ציטערנדע שטימע, פון וועלכער עס איז געווען קענטיג, אז זי קומט פון א האַרץ וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט ביטערע געפיהלען.

— דאָס קען איך אייך ניט זאָגען.

— וועט דער דאָקטאָר דאַ היינט נאָך זיין?

— יא, צווישען 7 און 8 אוהר אבענד.

— ווי שפעט איז יעצט, פאפא? — האט די מיידעל גע־פרעגט ביים פאטער.

— שוין באלד זעקס אוהר — האט דער מאן געענטפערט, איינקוקענדיג זיך אין א ביליגען זייגעריל וואס ער האט ארויסגע־נומען פון וועסט־טאש.

— געה־זשע דו אהיים און איך וועל דא ווארטען — האט די מיידעל וויטער געזאגט — שפעטער וועסטו צוקומען.

— איך וועל דא בלייבען — האט דער פאטער איהר ער־קלערט. און ווענדענדיג זיך צום בעדיענער, האט ער צוגעגעבען: וועט איהר אונז ערלויבען צו ווארטען אינעווייניג?

— ניין — האט דער משרת געענטפערט — אין דער צייט איז ניט ערלויבט פרעמדע צו זיין אין האספיטאל.

דא זיינען צוגעקומען א פרוי פון די מיטעלע יאהרען מיט א יונגען מאן, וועלכער איז געווען זעהר צוטראגען. זיי זיינען דרייסט צוגעגאנגען צו דער טהיר און געוואלט אריינגעהן. דער דיענער איז אבער צוגעלאפען צו זיי און געפרעגט אין א ניט העפליכען טאן:

— וועמען דארפט איהר דא?

— מיר דארפען אריינגעהן אין האספיטאל — האט דער יונ־גער מאן געענטפערט שטאלץ, ניט אומקוקענדיג זיך אויף דעם בעדיענער.

— איהר מוזט מיר זאגען וואס איהר פערלאנגט, זאנסט וועל איך אייך ניט אריינלאזען — איז דער בעדיענער שוין געווארען שטרייננג.

— מיר ווילען זעהן דאקטאר סטענטאן — האט זיך די פרוי צוגערופען.

— דאקטאר סטענטאן איז יעצט ניטא. ער וועט ערשט קו־מען אין א שטונדע ארום.

— טא וועלען מיר אויף איהם ווארטען — האט דער יונגער־מאן געזאגט.

— אין האָספּיטאַל קענט איהר אויף איהם ניט וואַרטען — האָט דער בעדיענער איהם ערקלערט.

— גענוג זאָג דעם סופּעראינטענדענט אַז מיסעס זינגער איז געקומען — האָט דער יונגער מאַן, ווערענדיג אַלץ מעהר אויפגע־רעגט געזאָגט צום דיענער.

— דער סופּעראינטענדענט איז יעצט אויך ניטאָ — איז דער משרת שוין געוואָרען העפּליכער — זאָגט מיר נאָר, וואָס איהר דאַרפט, פּיעלייכט וועל איך עפּעס קענען טהאָן פאַר אייך.

— דאָ דאַרף ליעגען אַ געוויסער יונגער מאַן מיט'ן נאָמען ניי־מאַן. מען האָט איהם היינט אַהער געבראַכט אַ צו'הרג'עטען פון סטרייק — האָט די פרוי איהם ערקלערט — ווילען מיר איהם זעהן.

— עס מהוט מיר לייד, איך קען אייך צו איהם ניט צולאָ־זען — איז דער בעדיענער אַלץ העפּליכער געוואָרען — דאָקטאָר סטענטאָן האָט אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל קיינעם צו איהם ניט צו־לאָזען.

— אָבער ניט אונז — האָט די פרוי ווייטער געזאָגט — אונז וועט ער זיכער ערלויבען.

— וואָס בעט איהר זיך אַזוי ביי איהם? — האָט איהר בע־גלייטער גערעדט מיט כעס. און, ווענדענדיג זיך צו דעם בעדיענער, האָט ער צוגעגעבען — אין דעם צימער, וואו דיעזער ניימאַן ליעגט, איז דאָ אַ ליידי מיט דעם נאָמען זינגער. גיעה אַריין צו איהר און זאָג איהר, אַז... אַז מען וויל איהר זעהן... זאָג איהר, אַז די מו־טער איהרע און נאָך אימיצער וואַרטען דאָ אויף איהר.

— דאָס קען איך מיט פערגעניגען פאַר אייך טהאָן — איז דער משרת אַריינגעגאַנגען אינעווייניג.

דער פאָטער און די טאָכטער, דערהערענדיג, אַז די אָנגעקו־מענע ווילען אויך זעהן ניימאַנ'ען, זיינען צו זיי צוגעגאַנגען.

— ענטשולדיגט מיר, איהר ווילט אויך זעהן מיסטער ניי־מאַנ'ען? — האָט דער מאַן זיך געווענדעט צו מיסעס זינגער.

די פרוי האָט איהם אָבגעמאָסטען מיט איהרע בליקען פון קאָפּ ביז די פיס, נאכהער האָט זי א קוק געטהאָן אויף דער מיידעל און געענטפערט:

— יא, וואָס איז דען?

— גאָר ניט. מיר ווילען איהם אויך זעהן, אָבער מען לאָזט אונז ניט צו צו איהם. א שעהנע אָרדנונג דאָ! — האָט דער מאַן ווייטער געדערט.

— מיך וועט מען שוין צולאָזען, ווען דער דאָקטאָר וועט נאָר קומען — האָט די פרוי געזאָגט אין א שטאָלצען טאָן.

— אפשר וועט איהר קענען פועל'ן, מען זאָל אונז אויך אריינלאָזען? — האָט ער זיך געבעטען ביי איהר.

— פּליעז, טהוט אונז די געפעליגקייט — האָט זיך די מיידעל אויך געבעטען ביי איהר.

— איהר זייט פערוואנדטע צו איהם? — איז מאדאם זינגער שוין געוואָרען נייגיעריג.

— מיר זיינען בלויז פריינד — האָט דער מאַן איהר ערקלערט — ער וואָהנט ביי אונז. מיר האָבען זיך ערשט פון דעם אונגליק דערוואוסט פון די צייטונגען. מיין טאָכטער האָט עס געלעזען — האָט ער אָנגעוויזען אויף דער מיידעל. — און ווער זייט איהר? — האָט ער געענדיגט מיט א פראַגע.

דאָ איז ארויסגעקומען דער בעדיענער און ערקלערט, אז די ליידי האָט געזאָגט, אז זי קען יעצט ניט ארויסקומען.

— איהר הערט? — האָט מיסעס זינגער'ס בעגלייטער מיט ווילדען כעס געזאָגט — זי קען יעצט ניט ארויסקומען!...

דער פרוי'ס געזיכט האָט זיך פּלוצלונג מיט א טיעפען טרויער בעצויגען. זי האָט עפּעס געוואָלט זאָגען, אָבער זי האָט זיך צוריקגעהאַלטען. קענטיג, אז די אַנוועזענהייט פון דעם מאַן און זיין טאָכטער האָבען איהר געשטערט יעצט צו ריידען.

— קומט! — האָט דער יונגער מאַן אָנגענומען מיסעס זינגער פאַר'ן האַנד — מיר וועלען שפּעטער צוקומען, ווען דאָקטאָר סטענטאָן וועט זיין.

— איך ווייס שוין ווער זיי זיינען — האָט די מיידעל מיט אנגסט געזאָגט צו איהר פאָטער, ווען מיסעס זינגער און דער יונ־גער מאַן זיינען געווען אוועקגעגאַנגען — איך ווייס...

נו, ווער זיינען זיי?

— די פרוי איז איהר מוטער און דער יונגער מאַן מוז אודאי זיין איהר חתן.

דער מאַן, וועלכער איז געווען דער ניוס־דיעלער, ניימאַן'ס נייער פריינד, האָט געצויגען מיט די פּלייצעס און געזאָגט:

— איך פערשטעהע ניט קיין איין וואָרט וואָס דו האָסט דאָ געזאָגט, ראָזי. וועמעס מוטער, וועמעס חתן?

— דער מיידעל'ס, מיסס זינגער'ס, וועמעס פּיקטשור עס איז היינט אָפּגעדרוקט אין אַן אבענד צייטונג — האָט די טאָכטער ערקלערט איהר פאָטער, וועהרענד איהר געזיכט איז געוואָרען בלייך און מיט טיעפע זאָרג בעצויגען.

— איך ווייס נאָך אַלץ ניט וועגען וואָס דו רעדסט דאָ — האָט דער פאָטער פערוואונדערט געקוקט אויף די טאָכטער.

— איך בין געווען אַזוי אויפגערעגט פון די טרויעריגע נייעס, אַז איך האָב דיר פערגעסען צו דערצעהלען די גאַנצע געשיכטע.

— וואָס פאַר אַ געשיכטע?

— הער וועל איך דיר דערצעהלען. צוזאַמען מיט די נייעס וועגען דעם עקסידענט וואָס האָט געטראָפען מיט ניימאַן'ען, דרוקט אַן אבענד־צייטונג אויף אַן אַנדער געשיכטע, נעמליך, אַז ניימאַן איז פערליעבט אין אַ רייכע מיידעל מיט דעם נאָמען זינגער. דאָס איז טאַקע די מיידעל, וועמעס לעבען ער האָט גערעטעט דערמיט וואָס ער האָט געגעבען אַ קוואָרט פון זיין בלוט, ווען זי איז געלעג־ען אויף דעם טוידטען בעט. די פריילין האָט אַ חתן, מיט וועלכען זי האָט געזאָלט אין קורצען הייראַטהען. היינט אין דער פריה איז זי געווען אין דזשענעראַל פּאָסט־אָפיס. דאָרט האָט זי זיך פון אַ צייטונג דערוואוסט, וועגען ניימאַן'ס אונגליק און זי האָט פון דער טרויעריגער בשורה געחלש'ט. די זעלבע צייטונג דרוקט אויף די

פרייליינס בילד, ווי זי האָט אויסגעזעהען, ווען זי איז ארויס פון פּאָסט־אָפּיס.

— עס איז מסתמא ווידער עפּעס א בלאָף — האָט דער פּאָ־טער זיך אָפּגערופען — א רעפּאָרטערשער בלאָף, ווי געוועהנליך.

— איך האָב אויך אזוי געדיינקט, אָבער יעצט זעה איך, אז דאָס איז אמת.

— ווי אזוי האָסטו זיך עפּעס אזוי שנעל איבערצייגט?

— האָסט ניט געהערט ווי דער יונגער מאן האָט געזאָגט צום בעדיענער, ער זאָל ארויסרופען מיסס זינגער.

— יא, איך האָב געהערט. טאָ איז וואָס?

— דו פערשטעהסט ווירקליך ניט, פּאַפּא, צו דו מאַכסט זיך ניט פערשטעהענדיג? — איז די מיידעל שוין געוואָרען אונגעדול־דיג — דאָס איז זי דאָך טאַקע, די מיסס זינגער, וועגען וועלכע עס איז געשריבען אין דער צייטונג, אז זי איז פערליעבט אין נייִ־מאַן׳ען. זי איז דאָס יעצט ביי איהם.

אין איהר שטימע האָט זיך שוין יעצט געהערט פערשטיקטע טרעהרען.

דער ניום־דיעלער האָט זיך ערנסט פערטראַכט, און אויף זיין געזיכט האָט זיך בעוויעזען אן אויסדרוק פון שרעק, א סוד איז אין דיעזער מינוט פלוצלונג פאר איהם ענטפּלעקט געוואָרען — א וויכטיגער סוד. ער האָט געוואָרפען פון דער זייט א לאַנגען פאָרשענדען בליק אויף זיין טאָכטער, אזוי ווי ער וואָלט וועלען פון איהר געזיכט ארויסלעזען, אויב ער האָט קיין טעות ניט. זיין גע־זיכט איז יעצט נאָך מיט א געדיכטערען וואָלקען פון פּחד בע־צויגען געוואָרען. ניין, ער האָט קיין טעות ניט. ער האָט דערפיהלט אין זיין הארצען א שמערצליכען שטאָך, אזוי ווי מען וואָלט אהין א גיפטיגע פייל אריינגעשאָסען און האָט זיך גענומען ארומקי־קען מיט אונרוהיגע בליקען. ענדליך האָט ער נערוועז א זאָג געטהאָן:

— קום אהיים, ראָזי־לעבען. וואָס וועלען מיר דאָ וואַרטען?

מיר וועלען מארגען אהער קומען אין דער שטונדע, ווען עס איז ער־לויבט צו בעזוכען די קראנקע.

— איך וועל ניט געהן! — האט די מיידעל מיט ענטשלאָ־סענהייט געזאָגט — איך מוז איהם היינט זעהען.

און ווידער האט דער אָרימער פּאטער דערפיהלט אַ שמערצ־ליכען שטאָך אין הארצען. דער שרעקליכער סוד, וועלכען ער האט פריהער פלוצלונג ענטדעקט, איז יעצט נאָך בולט'ער, העלער ארויס־געשוואומען פאר זיינע אויגען. זיין ראָזי'לע, זיין איינציגע טאָכ־טער, איז פערליעבט אין ניימאן'ען! ער דערמאָנט זיך יעצט, ווי בלייך זי איז געווען, ווי זי האט געפלאטערט, ווען זי האט זיך ביי איהם געבעטען, אז ער זאָל מיט איהר געהן אין האָספּיטאל. דורך אזא קורצע צייט וואס זי קען איהם, האט זי זיך שוין אין איהם איינגעליעבט! דאס וואונדערט איהם אפילו ניט אזוי שטארק. ער האט ניימאן'ען אויך זעהר גינציג. זיין פרוי און דער זוהן גליי־כען איהם אויך. דורך דער קורצער צייט וואס ער איז אין זיין הויז, האט ער זיך ביי אלעמען אזוי בעליעבט געמאכט, אז ער ווערט בעטראכט ווי אַן אייגענער אין דער פאמיליע. און ווען ניט די נעשיכטע מיט דער רייכער פריילין, וואלט ער גאר ניט געהאט דאגעגען, אז עס זאל ווערען א שידוך צווישען ניימאן'ען און זיין בת יחידה. אָבער יעצט איז זיין הארץ זעהר אונרוהיג. ער פיהלט, אז א גרויסער אונגליק האט איהם דאָ געטראָפען, אז א געדיכטע, פינסטערע כמארע האט זיך פערשפרייט איבער דעם לויטערען הי־מעל פון זיין רוהיגען פאמיליען־לעבען — זיין איינציגע טאָכ־טער איז יעצט אין א גרויס געפאהר. און ער האט בעשלאָסען זי צו ראטעווען פון דיעזער געפאהר, שוין, אין דיעזער מינוט, כל זמן עס איז נאָך ניט צו שפעט.

ער האט געוואָרפען א בליק אויף דעם האָספּיטאל און א ציי־טער איז אריבערגעלאָפען איבער אלע זיינע גליעדער. איהם האט זיך געדוכט, אז די גאנצע געביידע שטעהט אין פלאמען און אז פייערדיגע צינגער ווארפען זיך צו זיין קינד און ווילען זי פער־צעהרען... זיין פאָטערליכע הארץ האט גענומען יאָמערען אין איהם

און ער האָט אַ כאַפּ געטהאָן די טאָכטער, זאָגענדיג אין אַ וויי־נענדיגע שטימע:

— קום אַוועק פון דאַנען, ראָזי־לעבען, האָב רחמנות אויף מיר, קום אַהיים!

די טאָכטער האָט אויף איהם אויסגעשטעלט אַ פּאָר פער־וואונדערטע אויגען און געזאָגט מיט געמאַכטע נאַאיוויטעט:

— וואָס איז דער מעהר מיט דיר, פּאַפּאַ? וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקען?

— עס איז גאָר ניט, ראָזי־לעבען, קום אַהיים. דו זעהסט דאָך, אַז מען וועט אונז צו איהם היינט ניט צולאָזען.

— מען וועט אונז מוזען צולאָזען, מיר מוזען איהם היינט זעהען. דער דאָקטאָר וועט דאָך באַלד קומען.

זי האָט גערעדט אין אַ טאָן, אַזוי ווי עס וואָלט איהר געהן אין לעבען, ווען זי זאָל דעם קראַנקען היינט ניט זעהן...

— מיט וואָס ביזטו דאָס אַזוי זיכער? — האָט דער פאָטער געפרעגט, קוקענדיג אויף דער טאָכטער מיט בליקען, אין וועלכע עס האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אי שרעק, אי ליעבע צוזאַמען.

— אַז ז י איז דאָרט מיט איהם, וועט מען אונז אויך מוזען צולאָזען!

דאָס וואָרט „זי“ האָט זי אַרויסגערעדט אין אַ טאָן, אַזוי ווי זי וואָלט דאָ ריידען וועגען דעם ערגסטען, בלוטיגסטען פיינד איה־רען...

— דו רעדסט ווי אַ קינד — האָט זיך דער פאָטער ווי גע־בעטען ביי איהר זי זאָל אַהיים געהן — דו זעהסט דאָך, אַז מען האָט די ליידי מיט'ן דזשענטעלמען ניט געוואָלט אריינלאָזען, וועט מען דאָך אונז געוויס ניט ערלויבען איהם צו זעהען.

דער אָרימער פאָטער האָט אַלץ דייטליכער געזעהען זיין אונ־גליק. ער האָט שוין יעצט דעם מינדעסטען צווייפעל ניט געהאַט וועגען זיין פערדאַכט.

— וואָס אַרט עס מיך וואָס מען האָט זיי ניט צוגעלאָזען?

— האָט די מיידעל געענטפערט — מיך, איך מיין אונז — האָט זי

שנעל צוגעגעבען, ארונטערלאָזענדיג די אויגען אויף דער ערד, אזוי ווי זי וואָלט מורא האָבען יעצט זיך צו בעגעגענען מיט דעם פּאָ־טער׳ס בליקען — אונז וועט מען צולאָזען.

צו דער האָספּיטאַל געביידע איז צוגעפאָהרען אן אָטאָמאָ־ביל, וועלכער האָט זיך אָפּגעשטעלט, און פון איהם איז ארויסגע־שפּרונגען א הויכער, געזונטער מאַן מיט ברייטע שולטערן.

— דאָס מוז אודאי זיין דער דאָקטאָר, פּאַפּאַ — האָט ראָזי, טרייסלענדיג זיך מיט אלע איהרע גליעדער, אזוי ווי אין א פיבער, שטיל געזאָגט צום פּאָטער.

זי האָט ווירקליך געטראָפען. דאָס איז געווען דר. סטענטאָן. ווען דער ארצט איז צוגעקומען צו דער טהיר, האָט דער בעדיע־נער זי פּאר איהם בריט געעפענט, פערנייגענדיג זיך, און איהם עפּעס געזאָגט, אָנווייזענדיג אויף דעם פּאָטער מיט דער טאָכטער. דער ארצט האָט זיך אומגעקעהרט, געוואָרפען א דורכ־דרינגענדען בליק אויף דעם צייטונגס־פּערקויפער און די פריילין און איז צו זיי צוגעגאנגען מיט לאנגזאמע טריט.

— פּאַפּאַ, זאָלסט מיר לאָזען ריידען — האָט ראָזי שטיל גע־זאָגט צום פּאָטער.

דער ניוס־דיעלער האָט זיך געוואונשען, אז דער דאָקטאָר זאָל זיי ניט אריינלאָזען, דיינקענדיג, אז דערמיט וועט ער ראַטעווען זיין קינד פון דעם געפאהר...

— מען האָט מיר געזאָגט, אז איהר ווילט זעהן מיין פּאציענט, מיסטער ניימאַן׳ען — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט אין א העפליכען טאָן.

— דאָס הייסט, אויב מען קען איהם זעהן — האָט דער צייטונגס־פּערקויפער גענומען שטאַמלען —איך מיין...

— יעס, דאָקטאָר — האָט ראָזי מיט פערשטיקטען כעס גע־זאָגט, פערנייגענדיג זיך פאר דעם דאָקטאָר און ניט לאָזענדיג וויי־טער דעם פּאָטער ריידען — מיר ווילען איהם זעהר זעהן.

זי האָט געוואָרפען בייזע, שטעכיגע בליקען צום פּאָטער, דורך

וועלכע זי האָט איהם אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל ניט וואַגען מעהר קיין וואָרט צו ריידען.

— מעג איך וויסען ווער איהר זייט? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט, בעטראַכטענדיג אַלץ דאָס דעם פאָטער, דאָס דער מיידעל.

ראָזי האָט געשוויגען. אויף דיעזער פראַגע האָט זי געוואָלט, אַז דער פאָטער זאָל ענטפערען.

וואָס זי איז צו ניימאַן'ען — דאָס האָט זי ניט געקענט אַרויסזאָגען. דאָס איז ביי איהר געוועזן אַ גרויסע געהיימניס, אַ היילינגע געהיימניס. אויסער איהר האַרץ האָט קיינער, קיינער דערפון ניט געוואוסט...

דער פאָטער האָט אַ ווײַלע געשוויגען. ער האָט שוין מורא געהאַט יעצט דאָס מויל צו עפענען. בעמערקענדיג פריהער ראָזי'ס שטעכיגע בליקען, האָט ער בעשלאָסען צו שווייגען. אָבער זעהענדיג, אַז זי שווייגט אויך, האָט ער זיך ענדליך אָפּגערופען:

— מיר זיינען מיסטער ניימאַן'ס פריינד. ער וואָהנט ביי אונז זינט די לעצטע פאָר וואָכען.

— אַה, דאָס זייט איהר! — האָט דער אַרצט געזאָגט אין אַ פריינדליכען טאָן — ניימאַן האָט מיר טאַקע דערצעהלט וועגען אייך. ער רעדט וועגען אייך מיט אַזוי פיעל ליעבע און רעספּעקט.

אַ וואַרימער, זיסער געפיהל האָט יעצט געגלעט די הערצער פון דעם ניוס־דיעלער און זיין טאָכטער.

— מיר האָבען געלעזען וועגען זיין אונגליק — האָט ראָזי זיך אָפּגערופען אין אַ ציטערענדע שטימע — און מיר זיינען אַהער געקומען געוואָהר ווערען וואָס ער מאַכט.

— ער איז אָלל־רייט. איך האָף, אַז ער וועט אין אַ וואָך אַרום זיין געזונד — האָט דער דאָקטאָר ווייטער געזאָגט — איך האָב איהם געמאַכט אַן אָפּעראַציאָן, וועלכע איז זעהר געלונגען.

— קענען מיר איהם זעהען? — האָט זיך די מיידעל געבעטען?

— יאָ. אָבער איהר זאָלט מיט איהם לאַנג ניט פערברייננגען. ער טאָר יעצט אַ סך ניט ריידען. קומט מיט מיר — האָט דער דאָק־טאָר צו זיי אַ מאַך געטהאָן מיט׳ן קאָפּ.

ביי דעם פאָטער און דער טאָכטער האָבען די הערצער גע־נומען האַסטיג קלאַפּען און זיי זיינען געוואָרען זעהר אויפגערעגט. די אורזאַכע פון זייער אויפרעגונג איז ביי ביידען געוועזען פערשיע־דען. דער ציימונגס־פערקויפער האָט אין הארצען פעראיבעל גע־האַט אויף דעם דאָקטאָר, פאַר וואָס ער ערלויבט איהם און די טאָכטער צו בעזוכען דעם קראַנקען. ער האָט זיך עפּעס אינסטינקט־טיוו געשראָקען פאַר די יעצטיגע בעגעגעניס צווישען ניימאַן׳ען און זיין טאָכטער. ראָזי, וויעדער איז געווען אונרוהיג פון דעם געדאַנק, אַז זי וועט ביי דעם קראַנקען געפינען יענע מיידעל, די רייכע מיסס זינגער, און זי האָט זיך שוין אין איהר פאַנטאַזיע פאָרגעשטעלט וואָס פאַר אַן איינדרוק איהר וויזיט וועט אויף יע־נער מאַכען.

אויפ׳ן וועג, האָט ראָזי אַ זאָג געטהאָן צום דאָקטאָר מיט אַ געמאַכטען שמייכעל:

—איהר האָט געלעזען וואָס די צייטונג האָט געשריבען וועגען ניימאַן׳ען?

— איך האָב געלעזען — האָט דער ארצט געענטפערט אויף מיט אַ שמייכעל.

— איז דאָס אַלעס אמת? — האָט די מיידעל ווייטער גע־פרעגט, וועהרענד דאָס הארץ האָט זיך אין איהר גענומען אַזוי צאַפּלען, דאָס זי האָט אָפּאָטהעמען ניט געקענט. און באַלד האָט זי חרטה געהאַט פאַר וואָס זי האָט דיעזע פראַגע געפרעגט; זי האָט געציטערט, אַז דער אַנטוואָרט זאָל ניט זיין, אַז עס איז אַלעס אמת...

— עס הויבט זיך ניט אָן. מאַלע וואָס די צייטונגען בלאַפען דאָרט! — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט אַליין מיט דעם זעלבען שמייכעל — דיעזע פריילין, וועגען וועלכע יענע צייטונג שרייבט,

איז יעצט טאקע ביי ניימאַן'ען.

ראָזי איז יעצט געווען אַזוי גליקליך, אַז זי האָט געפיהלט ווי זיך אַרויפצוואַרפען אויף דעם דאָקטאָר און איהם קושען פאַר דיעזע פרעהליכע, גליקליכע נאַכריכט. אַ שווערען, אַ זעהר שווער־רען שטיין האָט ער יעצט פון איהר האַרצען אַרונטערגענומען. אַ טיעפּע דאַנקבאַרקייט צום דאָקטאָר האָט אויך געפיהלט דער ניוס־דיעלער. ער האָט שוין יעצט ניט מורא געהאַט וואָס זיין טאָכטער וועט זיך בעגעגענען מיט ניימאַן'ען. פערקעהרט, ער איז געווען צופריעדען. זאָל ער זעהען, ניימאַן, ווי געטריי און ווי ליעב זי האָט איהם. דער דאָקטאָר האָט דיעזען אַנטוואָרט געגעבען, ווייל ער האָט דאָ קיין זאַך ניט פערדעכטיגט. וואָלט ער אָבער געוואוסט, אַז פלאָראַ האָט אין דיעזער מיידעל אַ שטאַרקע קאָנקורענטקע, וואָלט ער איהר אויפ'ן שטעל דערצעהלט דעם אמת, און ער וואָלט זי פיעלייכט גאָר צו ניימאַן'ען יעצט ניט צוגעלאָזען.

ראָזי האָט ניט געצווייפעלט, אַז דער דאָקטאָר זאָגט איהר דעם אמת. דאָך, טיעף אין האַרצען, האָט עפּעס אַן אונרוהיגער געפיהל איהר געמוטשעט און עס איז ענטשטאַנען אין איהר אַ פערדאַכט, פיעלייכט ווייס דער דאָקטאָר גאָר ניט פון דער גע־שיכטע.

אַז דאָקטאָר סטענטאָן איז פלאָראַ'ס אַ פּערזענליכער פריינד, — דאָס האָט זי דאָך ניט געוואוסט און זי האָט זיך ווידער גע־װענדעט צו איהם מיט אַ פראַגע, מאַכענדיג דערביי אַ נאַאייווע מינע, אוב ער זאָל זי ניט פערדעכטיגען, אַז זי איז פעראינטע־רעסירט אין זיין פּאַציענט:

— טאָ וואָס זשע טהוט זי דאָרט ביי איהם, דיעזע פריילין?

— זי איז איהם געקומען בעזוכען, פּונקט ווי איהר — האָט דער אַרצט געענטפּערט — ווען עס זאָל זיך יעצט דאָ געפינען אַ צייטונגס־רעפּאָרטער וואָלט שוין מאָרגען געווען אין אַן אַנדער צייטונג, אַז איהר זייט אויך מיסטער ניימאַן'ס אַ געליעבטע — האָט ער גענענדיגט מיט אַ שמייכעל.

— און ד אָ ס וואָלט קיין בלאָף ניט געווען ! — האָט ראָזי געוואָלט אויסשרייען. זי האָט זיך אָבער מיט אַלע איהרע קרעפטען קאָנטראָלירט און געשוויגען. זי האָט יעצט מורא געהאַט אַ וואָרט אויסצורײדען, אום זי זאָל ניט פערראַטהען איהרע געפיהלען.

דער ניוס־דיעלער האָט אַ לאַנגען בליק געוואָרפען אויף דער טאָכטער. ער האָט גוט געוואוסט וואָס אין איהר הארצען קומט פאָר.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דעם צימער, וואו ניימאַן איז געלעגען, האָט דער דאָקטאָר זיי געבעטען, זיי זאָלען וואַרטען אַ ווײלע אין קאָרידאָר און אַליין איז ער אַריין אינעווייניג.

— ער וויל זיך דאָך שוין אויפהויבען — איז פלאָרא צו דעם ארצט צוגעלאָפען מיט אַ גליקליכען שמייכעל — ער זאָגט, אַז ער איז שוין פאָלשטענדיג געזונד.

— דאָס וויל ער נאָר פאר דיר זיך בעריהמען אַז ער איז אַזאַ העלד — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט — מיר קען ער אָבער ניט בלאָפען.

ער האָט דעם קראַנקען אונטערזוכט און נאַכהער געזאָגט צו איהם :

— עס וואַרטען דרויסען געסט, וועלכע זיינען געקומען דיר בעזוכען.

— מיר בעזוכען ? — האָט ניימאַן איבערגעפרעגט אַ פער־וואונדערטער, ניט וויסענדיג ווער דאָס קען זיין. ער איז דאָך אין ניו יאָרק עלענד ווי אַ שטיין. אָן דעם עדעלען ניוס־דיעלער האָט ער געהאַט פערגעסען.

דער דאָקטאָר האָט זיך געוואונדערט, ווארום ניימאַן האָט גלייך ניט געטראָפען ווער די וויזיטאָרס זיינען און ער האָט צו איהם געזאָגט :

— נו, טרעף ווער די געסט זיינען ?

ניימאַן האָט זיך פערטראַכט און געזאָגט :

— איך ווייס ווירקליך ניט.

— דער מאַן, ביי וועמען דו וואָהנסט און זיין טאָכטער זיי־נען געקומען דיר נעוואָהר ווערען — האָט דער דאָקטאָר איהם ער־קלערט.

— רופט זיי אריין! — האָט דער קראַנקער געזאָגט, ווערענ־דיג זעהר נערוועז — איך בעט איך, רופט זיי אריין.

עס האָט איהם שטאַרק פערדראָסען, פאַר וואָס ער האָט באַלד ניט געטראָפען, אז דאָס זיינען זיינע ערלעלע פריינד צו איהם גע־קומען. נאָך מעהר האָט איהם געקרענקט וואָס פלאָרא איז דאָ דערביי. זי וועט זעהען, אז ער איז ניט דאַנקבאַר צו די, וועלכע טהוען איהם גוטעס, זי וועט פון דער געשיכטע ארויסנעהמען, אז ער האָט ניט קיין ערלעלען כאַראַקטער.

דער דאָקטאָר האָט געהייסען די נוירס, זי זאָל אריינרופען די געסט און ווען זיי זיינען אריינגעקומען, האָט ניימאַן צו זיי ארויסגעשריען מיט אלע זיינע קרעפטען, ארויסשטרעקענדיג צו זיי די הענד:

— קומט אהער! קומט אהער! וואָס מאַכט איהר? אה, איך בין אייך אזוי דאַנקבאַר וואָס איהר זייט געקומען! פון וואַנען האָט איהר זיך דערוואוסט וועגען דעם?

— ווי פיהלסטו זיך ניימאַן? — האָט דער ניוס־דיעלער בע־גריסט זיין באָרדער מיט מיטלייד — אזאַ אונגליק, אזאַ אונגליק!

ניימאַן האָט געוואָלט זאָגען, אז דיעזער אונגליק וועט זיך פאַר איהם ענדיגען מיט א גרויסען גליק. ער האָט זיך אָבער צור־ריקגעהאַלטען און האָט בלויז געוואָרפען א צופריעדענעם בליק אויף פלאָרא'ן, אזוי ווי ער וואָלט איהר זאָגען: זעהסט, איך בין ניט אזוי עלענד ווי דו מיינסט, איך האָב טהייערע פריינד! נאָכ־הער האָט ער זיך אָפגערופען:

— איך בין שוין פאָלשטענדיג געזונד, נאָר דער דאָקטאָר מיינער איז זעהר א שלעכטער מענש און וויל מיך ניט לאָזען אהיים.

אלע האָבען זיך צולאַכט, אויסער ראָזי, וועלכע איז געשטאַ־נען הינטער דעם פאָטער מיט א בלייכע געזיכט און מיט א קלאַ־פענדעם האַרץ.

ניימאַן האָט דאָס בעמערקט און ער האָט זיך געווענדעט צו איהר, זאָגענדיג מיט אַ שמייכעל, וועלכען די באַנדאַזשען אויפ'ן געזיכט האָבען פערשטעלט און וועלכער האָט זיך בלויז אָפּגעשפּיע־געלט אין זיינע אויגען:

— ראָזי, וואָס שטעהט איהר עפּעס אַזוי פון ווייטען? איהר זייט ברוגז מיט מיר?

דאָס מיידעל האָט אַ שטאַרקען ציטער געטהאָן.

— איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, זי האָט מיר דאָס אהער געשלעפּט. איך האָב געדיינקט, אַז מען וועט היינט געוויס צו דיר ניט צולאָזען. אָבער זי האָט גע'טענה'ט, אַז מען וועט אונז צולאָ־זען און זי האָט טאַקע אויסגעפיהרט — האָט דער ניוס־דילער ווייטער געזאָגט.

— ווען איהר וואָלט מיר ניט געזאָגט ווער איהר זייט, וואָלט איך אייך זיכער ניט אריינגעלאָזט — האָט דער דאָקטאָר זיך אָפּ־גערופען.

— נו, ראָזי, איהר ווילט טאַקע ניט צוגעהן צו מיר? — האָט ניימאַן ווייטער זיך געווענדעט צו דער מיידעל, מיט דעם פריהערדיגען שמייכעל — טאָ וואָס־זשע זייט איהר געקומען?

ווען ער וואָלט געוואוסט וואָס אין איהר הארצען קומט יעצט פאָר, וואָלט ער איהר דיעזע פראַגען ניט געשטעלט. די הארץ האָט איהר יעצט אַזוי געקלעמט, אַז עס האָט איהר געקאָסט אַ שטיק געזונד, אום איינצוהאַלטען זיך פון וויינען. דאָס איז ניט געווען דער געוועהנליכער מיטליידס־געפיהל, וועלכער אַ קראַנקער אָדער אַ ליידענדער רופט ארויס אין אַ מענשען וואָס האָט אַ פיהלענדע הארץ, אַ פיעל שטאַרקערער געפיהל איז דאָס געווען. יאָ, איהר פאָטער האָט ווירקליך איהר געהיימניס ענטדעקט — ראָזי איז אין ניימאַן'ען זעהר שטאַרק פערליעבט. דערזעהענדיג איהר גע־ליעבטען מיט דעם בארג באַנדאַזשען ארום זיין קאָפּ, האָט זיך איהר געדוכט, אַז אָט, אָט ענדיגט זיך איהר לעבען... אין די אויגען איז איהר מיט אַ מאָל פינסטער געוואָרען, אַלעס ארום איהר האָט אויס־געקוקט שווארץ, אפילו די שנעע־ווייסע באַנדאַזשען אויף דעם

קראַנקען׳ס קאָפּ... ערשט ווען זי האָט זיין שטימע דערהערט איז זי עטוואָס רוהיגער געוואָרען.

אָבער יעצט ליידעט זי פון אן אנדער געפיהל. זי האָט זיך בעגעגענט מיט פלאָרא׳ס בליקען און זי האָט דערביי דערפיהלט א שמערצליכען שטאָך אין הארצען. עס האָט זיך איהר געדוכט, אז יענע קוקט אויף איהר מיט א מין שטאָלץ, ווי זי וואָלט זיך רייצען מיט איהר. אין ראָזי׳ס הארצען האָט גלייך אויפגעפלאַמט א טיעפע פיינדשאַפט צו דיעזער אונבעקאנטער מיידעל און זי האָט זעהר געליטען דערפאַר וואָס זי געפינט זיך דאָ צוזאַמען מיט ניימאַן׳ען. זי האָט שוין יעצט געדענקט, אז דער דאָקטאָר האָט דעם אמת ניט געזאָגט, אַז וואָס די צייטונג האָט געשריעבען וועגען דעם ראָמאַן צווישען דער פריילין מיט ניימאַן׳ען איז וואהר.

— ראָזי, מען רעדט דאָך צו דיר, ניימאַן פרעגט דאָך דיר עפּעס — האָט דער פאָטער א לייכטען ציה געטהאָן די טאָכטער פאַר׳ן האַנד. אין איהם האָט יעצט די הארץ ביטער געוויינט. ער האָט גוט פערשטאַנען וואָרום זיין קינד איז אַזוי צוטראָגען.

ראָזי האָט א ציטער געטהאָן, אַזוי ווי מען וואָלט איהר פון טיעפען שלאָף פּלוצלונג אויפגעוועקט און מיט א געצוואונגענעם שמייכעל איז זי צוגעגאַנגען צום קראַנקען און געזאָגט:

— דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען וואָס איך געפין זיך אין א האָספּיטאַל, בין איך עפּעס אַזוי ווי ערשטוינט געוואָרען.

— איך דאַנק אייך זעהר פאַר אייער פריינדליכקייט — האָט ניימאַן היים געדריקט איהר האַנד — איך וויים ווירקליך ניט, מיט וואָס איך האָב דאָס פערדיענט אַזא טיעפע פריינדשאַפט ביי אייך.

ער האָט זי אויסגעפרעגט אויף די מוטער, דעם ברודער און געזאָגט, אַז ער וויל זיי אויך גערן זעהן. דאַן האָט ער צוגערופען פלאָראַ׳ן און פאַר איהר פאָרגעשטעלט ראָזי׳ן, זאָגענדיג:

— איך וואָלט וועלען, אז איהר זאָלט זיך נעהענטער בעקענען און ווערען בעפריינדעט.

— מיט פערגניגען — האָט פלאָרא געענטפערט, דריקענדיג מיט ליעבע ראָזי׳ס האַנד.

זי איז ווירקליך געווען זעהר צופריעדען וואָס ניימאַן האָט אַזעלכע גוטע פריינד. אַז מען האָט אימיצען ליעב, ווינשט מען זיך, אַז די גאַנצע וועלט זאָל צו איהם זיין פריינדליך, איהם ליעבען...

ראָזי האָט אָבער גאַנץ אַנדערש געפיהלט. זי האָט פלאָראַ'ן בעטראַכט אַלס איהרע אַ קאָנקורענטין, און איהר ליעבע צו ניימאַן'ען און די פריינדשאַפט צו איהר איז יעצט נאָך שטאַרקער געוואָרען. דאָך האָט זי זיך בעהערשט, אום ניט אַרויסצואווייזען קיין פיינדליכקייט צו איהר נייער בעקאַנטער.

דאָ איז אין צימער אַריינגעקומען אַ נוירס, וועלכע האָט דערלאַנגט דעם דאָקטאָר אַ וויזיט־קאַרטעל, אויף וועלכען עס זיינען געווען אויפגעשריעבען עטליכע צייל'ען. ווען דער דאָקטאָר האָט עס איבערגעלעזען, איז ער געוואָרען שטאַרק צוטראָגען און איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר. פלאָראַ איז צו איהם צוגעלאָפען און געזאָגט:

— דאָס איז אודאי פון פרענק'ען, יאָ?

— פון וואַנען ווייסטו? — האָט דער אַרצט פערוואונדערט געפרעגט.

זי האָט איהם איבערגעגעבען, אַז די מוטער איז שוין דאָ פריהער געווען מיט נאָך אַ מאַן און אַז דיעזער מאַן איז געווים געווען ניט קיין אַנדערער ווי פרענק. זיי האָבען זי אַרויסגערופען, אָבער זי האָט צו זיי ניט געוואָלט אַרויסגעהן.

— ווארום האָסטו מיר דאָס ביז יעצט ניט געזאָגט? — האָט דער דאָקטאָר זי געפרעגט.

— איך האָב דאָך ניט געהאַט קיין געלעגענהייט. זיי זיינען דאָך באַלד אַריינגעקומען — האָט פלאָראַ זיך פערענטפערט, אָנווייזענדיג אויף דעם ניוס־דיעלער און זיין טאָכטער.

— קום מיט מיר — איז דער דאָקטאָר מיט פלאָראַ'ן אַרויסגענאַנגען.

אין קאָרידאָר האָט זי איהם אָפגעשטעלט און געפרעגט:

— וואָס ווילט איהר טהאָן?

— איך וויל גאָר ניט טהאָן. ער בעט מיר, אַז ער וויל מיר זעהן, געה איך צו איהם.

— טאָ וואָס־זשע דאַרפט איהר מיר האָבען ?

— ער וויל דאָך אודאי דיר אויך זעהן, ווע׳לען מיר דאָס אָב־פטור׳ן צוזאמען...

— וואו ווילט איהר איהם זעהן ?

— ביי מיר אין צימער. געה דו אהין אריין און איך וועל באַלד מיט איהם אריינקומען.

פלאָרא איז אַוועק אין דעם דאָקטאָר׳ס פריוואט צימער. זי איז יעצט געווען זעהר רוהיג, קאַלטבלוטיג — זי האָט זיך צוגע־גרייט צו דעם ענדליכען קאמפף...

דרויסען לעבען דער טהיר פון האָספּיטאל זיינען געשטאנען פלאָרא׳ס מוטער און פרענק. ווען דאָקטאָר סטענטאָן איז צו זיי ארויסגעקומען, זיינען זיי צו איהם צוגעלאָפען, אָבער זיי זיינען גע־ווען אזוי אויפגערעגט, דאָס זיי האָבען קיין וואָרט ניט געקענט ריידען. דער ארצט האָט זיך אויך געפונען אין אַ פערלעגענהייט. ער האָט ניט געדענקט, אז מיסעס זינגער וועט דאָ אויך זיין. ער האָט זיך אָבער ניט פערלאָרען און גלייך אָנגעפאנגען צו גערן צום ענין.

— איהר ווילט אודאי זעהן פלאָרא׳ן — האָט ער געזאָגט גע־לאסען.

— פריהער ווילען מיר אייך זעהן ! — האָט פרענק געענטפערט אביסעל חוצפה׳דיג.

— וואָס פערלאנגט איהר ? — האָט דער ארצט אויף פרענק׳ן אַ בייזען קוק געטהאָן.

— ווארום ערלויבט איהר פלאָרא׳ן דאָ צו זיין ? — איז דער יונגערמאַן אלץ מעהר אין כעס געוואָרען.

— בעפאָר איך וועל אייך ענטפערען אויף דער פראגע, וועל איך אייך בעמערקען, אז איהר זאָלט זיין אביסעל העפליכער, אז ניט וועל איך מיט אייך גאָר ניט ריידען.

— איהר דאַרפט איהם ענטשולדיגען דאָקטאָר — האָט מיסעס זינגער פערטהיידיגט איהר טאָכטער׳ס חתן — ער איז אין כעס און דאָס איז ניט אָהן אן אורזאכע. איהר פערשטעהט דאָך... איהר

האָט דאָך אוראי שוין געלעזען וואָס די צייטונגען האָבען אויסגע־טראכט אויף מיין קינד — האָט די פרוי שוין גענומען וויינען — איהר פּיקטשור האָבען זיי אריינגעשטעלט. אזא חרפּה, אזא שאנ־דע . . .

— אז ער איז אין כעס געהט ער איהם צו מיר אויסלאָזען! — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט בייזליך.

— דאָס איז אַלעס צוליעב איך! — האָט פרענק זיך נאָך שטאַרקער גענומען קאָכען — איהר זייט אין דעם נאָך מעהר שול־דיג ווי זי! ווארום ערלויבט איהר איהר צו זיין אין האָספּיטאַל?

— איך וועל אייך גאָר ניט ענטפערען, ביז איהר וועט זיך ניט אויפפיהרען אנשטענדיג געגען מיר — האָט דער ארצט געזאָגט און, ווענדענדיג זיך צו מיסעס זינגער, האָט ער צוגעגעבען — אייך וועל איך יאָ זאָגען, ווארום איך ערלויב איהר דאָ צו פערברייינגען: נייר־מאַן ליעגט אין א פּריוואט־ צימער און איהר ווייסט דאָך, אז צו פּאַציענטען, וועלכע ליעגען אין פּריוואט־צימערען איז צו יעדער צייט ערלויבט אריינצוקומען, סיידען ווען דער קראנקער געפינט זיך אין אזא צושטאנד, דאָס וויזיטען זיינען פאַר איהם שעדליך. נייר־מאַן'ען קען מען אָבער יאָ בעזוכען. אָט זיינען טאקע יעצט ביי איהם דאָ נאָך אנדערע געסט. האָט איהר, מיסעס זינגער, ניט פערבראכט ביי פלאָרא'ס בעט גאנצע טעג און נעכט?

— ניט היינט געדאכט, ניט היינט געראכט! ניט היינט גע־דאַכט! — האָט די פרוי דריי מאָל אויסגעשפּיגען, ריידענדיג אין אידיש.

— וואָס איז דאָס? — האָט דער דאָקטאָר זי אָנגעקוקט ער־שטוינט — איך פערשטעה ניט וואָס איהר זאָגט און וואָס האָט איהר עפּעס געשפּיגען?

די פרוי האָט זיך פערשעהמט און א קוק געטהאָן אויף פרענק'ן מיט בעטענדע בליקען, אז ער זאָל דעם דאָקטאָר ערקלעהרען, וואָס איהר שפּייען בעדייטעט. פרענק האָט דעם ארצט ערקלעהרט, אז עס איז א מנהג ביי אידען, אז ווען מען דערמאָנט וועגען עפּעס אן

אונגליק, זאָל מען זאָגען דריי מאָל „ניט היינט געדאכט“ און ביי יע־דען מאָל אויסשפייען.

— א זעהר נאַרישער, דומער מנהג — האָט דער דאָקטאָר מיט אַן איראָנישען שמייכעל בעמערקט — און איך גלויב, אז פערנינפ־טיגע אידען האַלטען ניט פון דיעזען לעכערליכען מנהג.

— וואו איז פלאָרא? — האָט מיסעס זינגער געפרעגט — וואָ־רום האָט זי פריהער ניט געוואָלט ארויסקומען. מיר זיינען שוין דאָ פריהער געוועזן.

— זי איז אינעווייניג — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט זעהר העפליך — און ווארום זי האָט ניט געוואָלט ארויסקומען צו אייך, וועט איהר אזוי גוט זיין איהר זעלבסט פרעגען.

— מיר האָבען ניט ערוואַרטעט, אז איהר וועט אזוי געגען אונז האַנדלען — האָט פרענק זיך אָפּגערופען, סטאַרענדיג זיך שוין צו זיין העפליך — מיר האָבען אייך געהאַלטען פאַר א פריינד.

— אזוי! און יעצט האָט איהר זיך שוין איבערציינגט, אז איך בין דאָס ניט?

— איך זעה דאָך, איהר האָט זי ניט געדאַרפט אהער אריינלאָ־זען. וואָס פאַר א מחותן איז זי מיט דעם טרעמפּ? זי האָט דאָך אונז אַלעמען היינט די אויגען פערשוואַרצט. מיסטער זינגער וויים נאָך פון גאָר ניט. שטעלט אייך פאָר וואָס עס וועט זיין, ווען ער וועט זיך דערפון דערוויסען.

— צי איך האָב זי געדאַרפט אהער אריינלאָזען, צי ניט, דאָס לאָזט איבער צו מיר — האָט דער דאָקטאָר אויך גערעדט צו איהם העפליך — איהר זייט צו פּאַרטייאיש דאָס צו אורטהיילען. און ווע־גען אייער צווייטער בעמערקונג, וואָס פאַר א מחותן פלאָרא איז מיט מיסטער ניימאַן׳ען — דערויף האָף איך, אז זי וועט דאָס אייך אליין ערקלעהרען. איך ראַטה אייך אָבער — האָט ער צוגעגעבען מיט א פערבאָרגענעם שמייכעל — אז איהר זאָלט, ריידענדיג מיט פלאָרא׳ן, מיסטער ניימאַן׳ען „טרעמפּ“ ניט אָנרופען, דען איהר וועט גוט ניט אָפּשניידען.

— וואָס דען איז ער, ניט קיין טרעמפּ? — האָט זיך פרענק ווידער שטאַרק געקאָכט.

— אויב איהר ווילט פון מיר אַן אַנטוואָרט, וועל איך אייך איהם אויפ'ן שטעל געבען — איז דער דאָקטאָר אויך שוין געוואָרען אויפגערעגט, זעהענדיג אַז פרענק האַלט זיך ווידער ניט ארטיג — מיסטער ניימאַן איז פּונקט אַזאַ דזשענטעלמען, ווי איהר און ווי איך.

פרענק האָט איראָניש געשמייכעלט.

— זאָל ער זיך זיין אַ דזשענטעלמען — האָט מיסעס זינגער געזאָגט מיט אַנגסט אין איהר שטימע — אָבער וואָס וויל ער האָבען פון מיין קינד? וואָס פאַר אַן אונגליק האָט מיר עפּעס דאָ געטראָפן? ווער קען איהם, ווער ווייס איהם? אפשר איז איהם ווייניג געווען פופציג דאָלאַר, וועל איך איהם געבען נאָך פופציג, אפילו הונדערט און זאָל ער זיך געהן פון וואַנען ער איז געקומען! וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ מין אָנשיקעניש אויף מיין קאָפּ?!

דער דאָקטאָר האָט מיטלייד געהאַט מיט דער פרוי. ער האָט געפיהלט ווי שטאַרק זי ליידעט. ער האָט דאַרום איהר געוואָלט עט־וואָס בערוהיגען און געזאָגט:

— מאַדאַם זינגער, מיסטער ניימאַן איז אַן אָרענטליכער יונ־גערמאַן און איהר דאַרפט אויף איהם אין כעס ניט זיין. ער וויל פלאַרא'ן קיין שלכטס ניט טהאָן, איך פערזיכער אייך דאָס...

— אַז איך בין איהם מוחל זיינע טובות! האָט די פרוי זיך ווידער צושריען — הלואי וואָלטען מיר איהם גאָר ניט געזעהן דער־קענט, וואָלטען מיר היינט די שאַנדע ניט געהאַט.

— זיין גליק וואָס ער ליגט יעצט קראַנק, זאָנסט וואָלט איך זיך מיט איהם אָפּגערעכענט! — האָט פרענק געזאָגט, קריצענדיג מיט די צייהן פון כעס — אָבער איך וועל זיך נאָך מיט איהם צו־זאַמענטרעפען, דאַן...

— איך מוז אייך אויפמערקזאַם מאַכען — האָט דער דאָקטאָר צו איהם געזאָגט, — אַז ניימאַן איז ניט קיין שרעקעדיגער אינ־געל און ער וועט צו יעדער צייט זיך מיט אייך וועלען בעגעגענען.

איהר האָט דאָך שוין געהאַט א געלעגענהייט איהם אביסעל קענען צו לערנען דאָן, ווען ער האָט זיך ענטזאגט צו נעהמען אייער טשעק. דאָס איז איינס. צווייטענס, ערלויבט מיר אייך צו בעמערקען, אז איך בין זעהר איבערראשט צו הערען פון אייך אזעלכע רייד. וואָס הייסט איהר סטראשעט? דאָס איז דאָך עפּעס גאָר ניט מעשה דזשענטעלמען!...

— ערלויבט מיר אייך אויך אויפמערקזאם צו מאכען — האָט פרענק געענטפערט מיט פערבאָרגענע איראָניע — אז איך בין אויך איבערראַשט, זעהענדיג ווי איהר האלט אזוי שטאַהל און אייזען פון דיעזען יונג.

— מיך וואונדערט עס אויך זעהר — האָט מיסעס זינגער זיך אָפּגערופען — איך האָב אימער געדענקט, אַז איהר זייט אונזער'ער א פריינד, צום סוף...

אין איהר שטימע האָבען זיך געהערט פערשטיקטע טרעהרען.

— איהר וועט מיט דער צייט זיך איבערצייגען, אז איך בין אייך ווירקליך א פריינד — האָט דער דאָקטאָר גערעדט פון טיע־פען האַרצען — איהר דארפט אין דעם גאָר ניט צווייפלען, מאדאם. און אייך קען איך זאָגען — האָט ער זיך געווענדעט צו פרענק'ען — אז איך האלט אימער מיט דעם יעניגען, וועלכער האנדעלט ריכטיג און עהרליך... אָבער גענוג וועגען דעם — איז ער שוין געוואָרען אונגעדולדיג — איהר ווילט דאָך זעהען פלאָרא'ן, קומט־זשע אריין. זי איז ביי מיר אין צימער. אָבער איך וועל אייך איין זאך בעמער־קען — האָט ער צוגעגעבען — אז איהר זאָלט זיך האלטען רוהיג, ניט מאכען קיינע סקאנדאלען, זאָנסט וועל איך אייך מוזען בעטען, איהר זאָלט פערלאָזען מיין צימער.

— מיר ווילען גאָר ניט אריינגעהן — האָט פרענק זיך בעליי־דיגט — אלעס וואָס מיר פערלאנגען איז, אז פלאָרא זאָל מיט אונז אהיים געהן!

— עס ווענדעט זיך אָבער, צו זי וויל דאָס. ווי איך וויים, וועט זי פון דאנען ניט אַוועקגעהן ביז מיסטער ניימאַן וועט ניט אַרויסגעהן פון האָספּיטאַל.

— מיר ווע‏לען דאָס באַלד זעהען! — איז פרענק אָנגעצונדען געוואָרען פון רציחה — מיר ווע‏לען דאָס באַלד זעהען!

— איהר ווילט אלזאָ דוקא מאכען א סקאַנדאַל, ווי איך זעה!

— האָט זיך אויף דעם דאָקטאָר'ס געזיכט אויך בעוויעזען אן אויס־דרוק פון כעס.

— איך דארף אייך קיין רעכענונג פון מיינע האנדלונגען ניט אָפּגעבען! — האָט פרענק זיך אַלץ מעהר געקאָכט.

— איהר זייט שוין ווידער פרעך און איך וועל אייך פון יעצט אָן גאָר ניט ענטפערען — האָט זיך דער דאָקטאָר אָבגעקעהרט פון פרענק'ען. נאכהער האָט ער זיך געווענדעט צו פלאָרא'ס מוטער, וועלכע האָט איהר אויפגערעגטען צוקינפטיגען איידעם געצויגען ביים ארבעל, ער זאָל שווייגען, זאָגענדיג — מאדאם זינגער, קומט מיט מיר צו פלאָרא'ן.

— און מיסטער פרענק? — האָט זי צו דעם ארצט געזאָגט מיט בעטענדע בליקען, אז ער זאָל איהם אויך ערלויבען מיטצוגעהן.

— ער קען דאָ בלייבען — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט אין א שטרענגען טאָן — איך האָב פיינד צו האנדלען מיט פרעכע מענ־שען.

— בעט זיך ניט, מיסעס זינגער — האָט פרענק כלומרשט מיט שטאָלץ געזאָגט — געהט איהר אריין און ברענגט איהר אהער. איך וועל סיי ווי סיי ניט אריינגעהן!

די פרוי האָט זיך געפונען אין א פערלעגענהייט. עס איז איהר זעהר ניט אנגענהם געווען איבערצולאָזען אויפ'ן גאס פרענק'ן. זי האָט אָבער קיין אנדערע ברירה ניט געהאט. זי האָט זיך פאר איהם ענטשולדיגט און איז אוועק מיט'ן דאָקטאָר צו דער טאָכטער.

דערזעהענדיג די טאָכטער, איז מיסעס זינגער צוגעלאָפען צו איהר און אויסגעבראָכען אין א געוויין. פלאָרא'ן האָבען דער מו־טער'ס טרעהרען זעהר גערירט. זי האָט זיך אָבער געמאכט א הארץ ווי ביי א גזלן. זי האָט זיך אָנגעשטרענגט מיט אלע איהרע קרעפ־טען צו פערשטיקען אין זיך אַלע סענטימענטאַלע געפיהלען. קיינע טרעהרען, קיין בעטען טאָר איהר יעצט ניט ריהרען. זי מוז זיין

קאַלטבלוטיג, ווי א כירורג, בשעת ער מאכט אַן אפּעראַציאָן אויף זיינעם א פּאַציענט, קאַלטבלוטיג און אויסגערעכענט, זאָגנסט וועט זי איהר צוועק ניט ערגרייכען. זעהענדיג אָבער, אז די מוטער הערט ניט אויף צו וויינען, האָט זי א זאָג געטהאָן מיט א געמאכטע פרעה־ליכקייט.

— וואָס וויינסטו, מאמא, איך בין דאָך ניט קראַנק.

— עס איז נאָך ערגער ווי דו וואָלסט חלילה קראַנק געווען!

— האָט די מוטער געכליפּעט — די שאַנדע וואָס דו האָסט אונז היינט פערשאַפט איז ערגער ווי די ערגסטע קרענק.

— שאַנדע?! — האָט פלאָרא געזאָגט ערשטוינט — וואָס מיינסטו מאַמאַ?

די מוטער האָט איהר דערלאַנגט די ענגלישע צייטונג, אין וועל־כער עס איז געווען פלאָרא'ס בילד און געזאָגט:

— נא, לעז, וועסטו שוין זעהן.

פלאָרא האָט א כאַפּ געטהאָן די צייטונג, זי האָט געעפענט און, דערזעהענדיג איהר בילד דאָרט, איז זי געוואָרען בלייך ווי קאַלך. זי האָט שנעל איבערגעלעזען וואָס עס איז געווען געשריעבען וועגען איהר און ווען זי האָט געענדיגט, האָט זי טיעף אָפּגעאָטהעמט און געלאַסען געזאָגט צו דער מוטער:

— דאָס רופסטו אָן שאַנדע? איך זעה ניט מיט וואָס דו האָסט זיך דאָ אזוי צו שעהמען.

— פלאָרא! — האָט די מוטער פערצווייפעלט פערבראָכען די הענד — זיינען דיזע ווערטער פון דיין מויל ארויסגעקומען? גע־וואַלד, וואָס הערען מיינע אויערען! וואָס האָב איך דערלעבט!

דער דאָקטאָר, וועלכער האָט זיך ביז יעצט גאָר ניט אריינגע־מישט און זיך פערטיעפט כלומרשט אין א בוך, האָט זיך יעצט אָבגע־רופען, ווענדענדיג זיך צו דער פערוויינטער פרוי:

— מאדאם, איהר פערשאַפט זיך אומזיסטע ליידען. פלאָרא איז ניט קיין בייבי. זי האַנדעלט לויט איהרע געפיהלען און פון אייך, אלס מוטער, האָב איך ערוואַרט, אז איהר וועט זיין אויף איהר זייט. פון אייער מאן, זעהט איהר, ערוואַרט איך דאָס ניט, אָבער

פון אייך... ווער קען נאָך אַזוי גוט פערשטעהן איהר הארץ ווי איהר — א מוטער און פרוי.

— איך זאָל זיין אויף איהר זייט? ! און איהר זאָגט עס נאָך !

— האָט די פרוי זיך ווייטער געקאָכט — גיכער וועט זיין מיין לויה, איידער איך וועל ערלויבען אזא זאך. וואָס מיינט איהר עפּעס? זאָלסט שוין אהיים געהן! — האָט זי ווילד געגומען טופּען מיט די פיס, ווענדענדיג זיך צו דער טאָכטער — א היים געה, זאָג איך דיר, דו הערסט?

— איך וועל פון דאַנען ניט אוועקגעהן — האָט פלאָרא געלאַסען געענטפערט — איך האָב דאָך דיר טעלעפאָנירט אַז איך בלייב דאָ.

— פלאָרא, איך זאָג דו זאָלסט אהיים געהן! — האָט די מוטער זיך נאָך שטאַרקער צושריען — אַז ניט שיק איך אהער דעם טאַטען, דאַן וועסטו שוין געהן.

— אפילו גאָט אליין זאָל אהער קומען, וועל איך אויך ניט געהן — האָט פלאָראַ גערעדט מיט דער זעלבער געלאַסענהייט וואָס פריהער.

— דאָקטאר סטענטאָן! — האָט מיסעס זינגער מיט אָפּענעם כעס געזאָגט צום אַרצט — איך האָב זיך ווירקליך ניט געריכט, אַז איהר זאָלט אזוי געגען אונז האנדלען.

— עס טהוט מיר זעהר לייד וואָס איהר בעגרייפט מיר ניט — האָט דער דאָקטאָר צו איהר געזאָגט אין א טאָן פון ערגערניס — וואָלט איהר מיר פערשטאַנען, וואָלט איהר געוואוסט, אַז אלעס וואָס איך טהו, איז דאָס נור אויס אויפריכטיגער פריינדשאפט צו אייער פאַמיליע. איך האָב דאָס אייך שוין פריהער ערקלעהרט און איך ווידערהאָל עס אייך יעצט.

— ווארום טרייבט איהר זי ניט ארויס פון דאַנען, הא? — האָט די פרוי ווייטער געליאַרעמט — וואו איז דאָס געהערט געוואָרען, אַז א געזונטער מענש זאָל זיין אין א האָספּיטאַל. איהר העלפט דאָך איהר אליין צו!

— ארויסטרייבען זי? איך האָב קיין מאָראַלע רעכט ניט אזוי

צו טהאָן. אָבער איך האָב זי געבעטען, זי זאָל אהיים געהן. איז דאָס וואהר, פלאָרא? — האָט דער דאָקטאָר זיך גע׳עדות׳ט מיט מיסס זינגער.

— עס איז אמת, — האָט פלאָרא געענטפערט — איך קען אָבער ניט אוועקגעהן פון דאַנען.

— דו דארפסט טאקי זיין אין א האָספיטאל, אָבער ניט דאָ, נור אין א משוגעים־האָספיטאל — האָט די מוטער טרויעריג געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ — פלאָרא, פלאָרא, וואו איז דיין שכל אהינגעקומען? וואָס טהוט זיך עפּעס מיט דיר?

— מאמא, דו שניידסט מיין הארץ מיט דיינע רייד. איך האָב ערווארטעט, אז דו וועסט זיין די איינציגע אין הויז, וואָס וועט מיט מיר מיטפיהלען. צום סוף זעה איך, אז איך האָב א טעות געהאט. איין פריינד איז מיר בלויז געבליבען און דאָס איז מיין טהייערער, עדעלער דאָקטאָר! — האָט פלאָרא ליעבליך ארומגענומען דעם ארצט.

די מוטער האָט ווידער עפּעס געוואָלט זאָגען, אָבער דער דאָקטאָר האָט פריהער פערכאפּט, זאָגענדיג:

— נישקשה, זי וועט זיין אויף דיין זייט. זי וועט זיך מיט דער צייט אליין איבערצייגען, אז זי האָט א טעות געהאט. איהר וועט זעהן, מיסעס זינגער, אז איהר וועט בעדויערען פאַרוואָס איהר האָט פערשאפּט פלאָרא׳ן שמערצען. איך וויל אז איהר זאָלט גוט נאָכ־דיינקען וועגען מיינע רייד. איהר קענט מיך זעהר גוט. איך בין אַן ערנסטער מענש. ווען איך וואָלט וויסען, אז דאָ האנדעלט זיך אום עפּעס א קאפּריז, וואָלט איך געווען דער ערשטער איהר דערויין צו שטערען. פלאָרא איז אין ניימאן׳ען פערליעבט, ערנסט פערליעבט און ניימאן ליעבט זי אויך ניט ווייניגער ווי זי איהם. — דאָס איז קיין שפּיעלכעל ניט....

— און איהר רעדט אזוי גלייכגילטיג וועגען דעם אלעם? — האָט מיסעס זינגער אויסגעבראָכען אין א נייעם שטראָם טרעה־רען — מיר בלוטעט דאָס הארץ און איהר רעדט זיך פּונקט ווי עס וואָלט זיך דאָ געהאנדעלט אום א קלייניגקייט. וואָס הייסט זי איז

פערליעבט אין דעם יונג ?! ווער איז ער ? ווער קען איהם ? ווי קומט זי צו איהם ? דאָס איז איינס. צווייטענס, פערגעסט איהר גאָר, אז זי האָט א חתן ? וואָס מיינט איהר עפּעס, דאָס איז א שפּיעלכעל, וואָס ?

— טרעפט דען ניט, אז א מיידעל פערליעבט זיך אין אן אַנ־דערען און וואַרפט אַוועק איהר חתן ? — האָט דער דאָקטאָר ווייטער געזוכט צו ווירקען אויף דער פרוי — עס טרעפט זאָגאר, אז פערהייראטע פרויען שיידען זיך מיט זייערע מענער און פעראייניגען זיך נאָכהער מיט די, צו וועמען זייער הארץ בעלאנגט. און דאָס זעלבע פּאַסירט אויך מיט מענער. אָבער וואָצו די אלע רייד ? ווייסט איהר דען דאָס אליין ניט פּונקט אזוי ווי איך ?

— איך ווייס, איך ווייס מיין אונגליק ! — האָט מיסעס זינגער ביטער געקלאָגט — הלואי וואָלט איך דאָס ניט דערלעבט צו וויסען !

— מאמא, וואַרום צורייסט דו מיר אזוי מיין הארץ אין דער צייט, ווען איך בין אזוי גליקליך ? — האָט פלאָרא אין א וויינענ־דיגען טאָן געזאָגט צו דער מוטער.

— גליקליך ביזטו ? — האָט די מוטער טרויעריג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ — מיינע שונאים זאָלען אזוי גליקליך זיין זייער גאנ־צען לעבען !

— אין וואָס איהר גליק בעשטעהט קען קיינער ניט וויסען אזוי גוט, ווי זי זעלבסט — האָט דער דאָקטאָר בעמערקט.

— יא, זי ווייס, זי ווייס — האָט די מוטער געכליפּעט — בלינד איז זי, זי זעהט ניט די געפאהר וואָס עס שטעהט פאר איהר. דעם שכל האָט מען ביי איהר צוגענומען...

— מאמעניו, ווען דו זאָלסט וויסען ווי הייס איך ליעב נייי־מאן'ען, ווי גליקליך איך בין, וואָלסטו אזוי ניט ריידען ; דו וואָלסט זיך אויך געפיהלט גליקליך — האָט פלאָרא אין א געפיהלפאָלע שטימע געזאָגט צו דער מוטער.

— איך וויל טאקע ניט וויסען ! — האָט מיסעס זינגער זי אָב־געשטויסען פון זיך — איך וויל דערפון ניט הערען. וואָרט ! —

האָט זי צו איהר געמאכט מיט'ן פינגער — דער פאפא וועט דאָ אהערקומען, מיט איהם וועסטו שוין אזוי ניט ריידען. ער וועט אַזעלכע רייד ניט וועלען הערען פון דיר.

— אויך אייער מאן וועט מיט דער צייט זיך איבערצייגען, אז פלאָרא האָט ריכטיג געהאנדעלט — האָט דער דאָקטאָר זיך ווידער אָפּגערופען — איך פערזיכער אייך, מיסעס זינגער, ווען פלאָרא וואָלט פרענק'ן געליעבט, וואָלט זי זיך אין קיין אנדערען קיינמאָהל ניט געוועזען איינגעליעבט.

דאָ האָט זיך מיסעס זינגער דערמאָנט אָן פרענק'ן. זי איז אזוי ערביטערט געווען, דאָס זי האָט אָן איהם גאָר געהאט פערגעסען, און זי האָט געטראכט וואָס זי זאָל דאָ טהאָן. זאָל זי ארוים־געהן צו איהם, האָט זי אָבער נאָך אלץ געהאָפט, אז זי וועט די טאָכ־טער דאָך איבעררעדען, זי זאָל מיט איהר אהיים געהן. זאָל זי פלאָ־רא'ן זאָגען, אז זי זאָל מיט איהר ארויסגעהן צו איהם, האָט זי וויע־דער מורא געהאט, אז זי וועט זיך מיט פרענק'ן באלד צוקריעגען, און דאָס האָט זי דורכאויס געוואָלט אויסמיידען. זי איז ביי זיך כמעט זיכער געווען, אַז פלאָרא וועט ענדליך פון ניימאן'ען זיך אָב־טשעפּען און הייראטהען מיט פרענק'ן. זי האָט זיך דארום געפונען אין א פערלעגענהייט, ניט וויסענדיג וואָס זי זאָל דאָ טהאָן. ענד־ליך האָט זי זיך עטוואָס בערוהיגט און געזאָגט געלאַסען:

— וואָס שפּעטער וועט זיין, וועלען מיר זעהן, אָבער יעצט קום אהיים, פלאָרא. דער פאפּאַ מוז שוין געווים זיין אין הויז.

פלאָראַ איז יעצט געווען גליקליך וואָס די מוטער האָט זיך בע־רוהיגט, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט זי מורא געהאט, אז זי וועט זיך באַלד ווידער ערגערען, ווען זי וועט הערען, אז זי וויל ניט אהיים געהן.

— מאַמעניו, איך קען ניט אוועקגעהן פון דאנען — האָט פלאָ־רא זיך געבעטען ביי דער מוטער — און וואָס אנבעלאַנגט דעם פאפּאַ, וועל איך איהם באַלד אָפּרופען דורכ'ן טעלעפאָן. איך וועל מיט איהם ריידען און אלעס וועט זיין אָלל־רייט.

די מוטער איז ווירקליך ווידער זעהר אונרוהיג געוואָרען. זי

האָט פערצווייפעלט פערבראָכען די הענד און ביטער געזיפצט.

— אפשר וואָלסטו טאקע היינט אהיים געגאנגען — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט צו פלאָרא'ן, ניט קענענדיג שוין צו קוקען דאָס צער פון מיסעס זינגער — אויב דו ווילסט, וועל איך מיט דיר מיטגעהן.

— ניין, איך בלייב דאָ — האָט פלאָרא ענטשלאָסען געזאָגט, ווערענדיג נערוועז.

— האָסט פערגעסען, אַז מיסטער פרענק וואַרט אונטען — האָט דער דאָקטאָר ווייטער געזאָגט — ער וויל זיך דאָך זעהען מיט דיר.

— ווארום איז ער ניט אריינגעקומען ? — איז שוין יעצט אָן פלאָרא'ן ניט געוועזען צו דערקענען, אַז זי איז מיט עטליכע מינוטען צוריק געווען נערוועז — איך ווייס, אַז ער וואַרט אונטען.

— ער האָט זיך געגעגען מיר פרעך אויפגעפיהרט, האָב איך איהם ניט געוואָלט אריינלאָזען — האָט דער אַרצט איהר ערקלעהרט.

— איהר דארפט אויף איהם קיין פעראיבעל ניט האָבען, דאָק־טאָר — האָט מיסעס זינגער זיך אָפּגערופען — ער איז נעבעך אזוי פערביטערט...

— איך געה איהם אהער אריינברייננגען — האָט פלאָרא זיך געלאָזען געהן צו דער טיהר — דאָ וועל איך מיט איהם אַלעס „סעטל־לען“. אין דיעזען פלאץ האָב איך איהם אָנגעהויבען פיינד צו קריי־גען. ליגענדיג דאָ האָב איך אויסגעפונען, אַז ער איז אַ גראָבער עגאָ־איסט, אז דעם איינציגען אָפּפער וואָס ער קען פאר מיר בריינגען איז — געלד... היינט, באַלד וועל איך אַלעס מיט איהם ענדיגען און טאקע דאָ.

די מוטער איז צו איהר צוגעלאָפען און זי פערהאַלטען, זאָגענ־דיג מיט טרעהרען אין די אויגען :

— פלאָרא, דו וועסט ניט געהן, איך שווער ביי מיין געזונד, ביי מיין לעבען, אז דו וועסט ניט געהן.

דאָ האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ אין טיהר און עס איז אריינ־געקומען אַ בעדיענער, וועלכער האָט דעם דאָקטאָר געמעלדעט, אז

א געוויסער מיסטער זינגער ווארט אונטען אויף איהם.

— אַ קלאָג איז צו מיר, דער פּאַפּאַ איז דאָ! — האָט מיסעס זינגער מיטביידע הענד זיך אָנגעכאַפּט פאר'ן קאָפּ — פון וואַנען האָט ער זיך דערוואוסט, אַז מיר זיינען דאָ.

— וואָס האָסטו זיך אזוי דערשראָקען? — האָט פלאָרא גע־זוכט צו בערוהיגען דער מוטער — גאַנץ גוט וואָס ער איז דאָ. איך וויל טאקע, ער זאָל זיין דערביי, ווען איך וועל ריידען מיט פרענק'ען. דאָקטאָר — האָט זי צוגעגעבען, ווענדענדיג זיך צום ארצט — זייט אזוי גוט און הייסט אהער אריינקומען דעם פּאַפּאַ און פרענק'ען.

— ניין, ניין! — האָט די מוטער פּראָטעסטירט — טהוט דאָס ניט, וואָרים דאָ וועט זיין אזא סקאַנדאַל, אז דער גאנצער האָס־פּיטאַל וועט זיך איבערקעהרען.

— עס וועט קיין שום סקאַנדאַל ניט זיין — האָט פלאָרא גע־לאַסען גערעדט — דו שרעקסט זיך אומזיסט מאמע. זאָלען זיי אריינקומען. דאָקטאָר — האָט זי זיך ווידער געבעטען ביי דעם אַרצט — זייט איהר זיך אליין מטריח און ברייגגט זיי אריין אהער. זאָגט זיי, אַז אויב זיי וועלען מאַכען דעם מינדעסטען סקאַנדאַל, וועט איהר זיי פון דאַנען ארויספיהרען.

דער דאָקטאָר איז ארויס. פלאָרא איז צוגעשפּרונגען צו דער מוטער, זיך אַרויפגעוואָרפען איהר אויפ'ן האַלז און אין אַ געפיהל־פאָלע שטימע געזאָגט:

— מאַמעניו, האָב מיטלייד מיט מיר! דו האָסט דאָך מיר אימער אזוי היים ליעב געהאט, טאָ ווארום פערשאַפסטו מיר יעצט אזוי פיעל שמערצען? איז דען ניט גענוג פאר דיר, ווען איך זאָג דיר, אז איך האָב ניימאַן'ען אזוי שטאַרק ליעב, אז אָהן איהם האָט דער לעבען ביי מיר קיין שום ווערטה ניט? אָה, ווען דו זאָלסט וויסען וואָס פאר אן עדלער, גוטער מענש ער איז! ער האָט דאָך מיין לעבען געראַטעט! זיין בלוט האָט ער דאָך אַוועקגעגעבען אום מיר ביים לעבען צו דערהאַלטען. און וואָס האָט פרענק פאר מיר געטהאָן, הא? איך האָב געשוועבט צווישען לעבען און טויט און ער

האָט מיך ראַטעווען ניט געוואָלט. ער האָט ביי זיך געוויס געטראַכט: וועט ניט זיין פלאָרא, וועט זיין אַן אַנדערע... ווי־זשע קען מען אַזאַ גראָבען מענשען ליעב האָבען? און דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב איהם קיינמאָל ניט געליעבט. איך שווער דיר ביי גאָט, אַז ביז איך האָב ניימאַן'ען ניט דערקענט, האָב איך גאָר גיט געוואוסט וואָס ליעבע איז. מאַמעניו, פערשטעהסטו מיך נאָך אַלץ ניט? ווערסטו נאָך ווייטער זיין גענגען מיר?

— קינד מיינס! — האָט די מוטער געוויינט מיט הייסע טרעה־רען, צוטוליענדיג די טאָכטער פעסט צו זיך און קושענדיג זי אין שטערען — איך פערשטעה דיך, איך פערשטעה דיך זעהר גוט. אָבער בעטראַכט נאָר די שאַנדע וואָס דו פערשאַפסט אונז. מען רעדט דאָך שוין יעצט צווישען אַלע אונזערע בעקאַנטע וועגען אונז. מיר וועלען זיך דאָך שעהמען צו ווייזען פאַר מענשען...

— קיין ערגערע שאַנדע זאָלסטו קיינמאָל אין לעבען ניט האָ־בען — האָט פלאָרא ווייטער גערעדט פון טיעפען הארצען — וואָס אַרט עס דיך וואָס מען רעדט! וואָלסטו געוואָלט צוליעב דעם מיך אונגליקליך מאַכען אויף דעם גאַנצען לעבען?

— דיך אונגליקליך מאַכען? — האָט די מוטער נאָך שטאַרקער זיך צוגעטוליעט צו זיך — נאָך וואָס לעב איך דען אויף דער וועלט, ווען ניט צוליעב דיר? האָט איך ניט געוויינט און געבעטען זיך ביי דאָקטאָר סטענטאָן, ער זאָל נעהמען מיין בלוט, אום דיך צו ראַטע־ווען? איך...

זי האָט פלוצלונג אַ שטאַרקען ציטער געטהאָן, איז אָפּגעשפּרונ־גען פון דער טאָכטער און געזאָגט מיט שרעק:

— דער פּאַפּאַ געהט. פלאָרא־לעבען גערענק, ברענג איהם ניט אין כעס אַריין, איך בעט דיך! מיר וועלען זעהן וואָס שפּעטער וועט זיין. איך... איך...

זי האָט ניט געענדיגט. די טהיר האָט זיך געעפענט און עס איז אַריין דער דאָקטאָר און נאָך איהם זינגער מיט פרענק'ן.

פלאָרא איז געשטאַנען רוהיג. איהר געזיכט איז יעצט געווען עטוואָס בלייך, אָבער מען האָט אויף איהר ניט געקענט בעמערקען

דעם מינדעסטען צייכען פון אויפרעגונג, וועהרענד די מוטער האָט זיך געטרייסעלט ווי אין א פיבער. דער דאָקטאָר האָט זיינע אויגען ניט אראָבגענומען פון פלאָרא׳ן און בעוואונדערט איהר מערקווירדיג רוהיגע האַלטונג אין דיעזען מאָמענט.

— פלאָרא! — האָט פרענק אויסגעשריען אין א קול, אין וועלכען עס האָט זיך געהערט א פערשטיקטער שמערץ — וואָס טהוט זיך עפּעס מיט דיר? דו האָסט געוואוסט, אז איך ווארט אונטען און ביזט צו מיר ניט ארויסגעקומען!

— איך האָב געוואָלט געהן, נאר די מאַמע האָט מיר ניט גע־לאָזען — האָט פלאָרא געלאַסען געענטפערט.

— איך מיין פריהער, ווען איך האָב צו דיר געשיקט זאָגען, אז איך און די מאַמע ווארטען דרויסען — האָט פרענק ווייטער גערעדט.

איהר פאָדערט אַלזאָ פון מיר רעכנונג? — מיסטער פרענק — האָט פלאָרא אויף איהם א שטרענגען קוק געטהאָן.

— וואָס איז דאָס פאר א „מיסטער פרענק“? — האָט דער פאָטער אויף איהר א געשריי געטהאָן אין א פערשטיקטען קול — וואָס איז דאָס עפּעס פאר א „מאָנקי־ביזנעס“, הא? און אז ער פאָדערט רעכענונג, טאָר ער ניט, וואָס? ער האָט א רעכט דערצו!

— ניין, ער האָט קיין רעכט ניט דערצו — האָט פלאָרא אין א שארפע שטימע געענטפערט, אָפּאטהעמענדיג שווער.

די מוטער איז צוגעלאָפען און זיך אוועקגעשטעלט צווישען דער טאָכטער און דעם מאַן. אָבער מיסטער זינגער האָט איהר אָפּ־געשטויסען אָן א זייט, זאָגענדיג צו איהר מיט רציחה:

— וואו רוקסטו זיך, אַלטע בהמה?! געהסט זיך שוין אָנ־נעהמען פאר איהר?

די פרוי האָט זיך זעהר פערשעהמט פאר דעם דאָקטאָר און האָט זיך ביטער צוכליפּעט.

— צו וועמען האָסטו דאָס אזוי גערעדט דו, הא? — האָט זינ־גער, קריצענדיג מיט די צייהן זיך צוגערוקט צו דער טאָכטער, וועל־כע איז געשטאַנען אין א רוהיגער פּאָזע.

— מיסטער זינגער! — האָט דער דאָקטאָר זיך אָפּגערופען

אין אַ שטרענגען טאָן — איהר האָט דאָך מיר עפּעס פערשפּראָכען. איהר האָט שוין פערגעסען ? איך וועל ניט ערלויבען דאָ קיינע סקאַנדאַלען !

אויף פרענק איז צוגעלאָפען צו דעם אויפגערעגטען און זיך ביי איהם געבעטען :

— מיסטער זינגער, מאַכט ניט קיינע סקאַנדאַלען ! בערו־היגט זיך. מיט גוטען וועלען מיר מעהר אויפטהאָן ווי מיט בייזען.

זינגער האָט אָבער ניט געלאָזען ריידען צו זיך. ער האָט ווייטער געשריען, ווענדענדיג זיך צום דאָקטאָר :

— אויב איהר ווילט אויסמיידען סקאַנדאַלען, טאָ טרייבט איהר ארויס פון דאַנען !

— איך האָב שוין פריהער אייער פרוי ערקלעהרט, אז איך האָב קיין רעכט ניט אַזוי צו האַנדלען — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט — ניימאַן איז אַ פּריוואַט פּאַציענט.

— אַ פּריוואַט פּאַציענט ! — האָט זינגער גיפטיג איהם אי־בערקרימט — איך וואָלט וועלען וויסען, ווער עס צאָהלט דאָס דאָ פאר איהם.

— איך צאָהל ! — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט אין אַ שאַרפען טאָן.

— הם... איהר צאָהלט פאַר איהם ! — האָט זינגער נאָך אַלין ניט אויפגעהערט צו ריידען מיט גיפט — אָבער וועמען אַארט עס ? איך וויל, אז איהר זאָלט דאָ פלאָראַ'ן ניט ערלויבען צו זיין.

און ווענדענדיג זיך צו דער טאָכטער, האָט ער מיט כעס אַ טופּע געטהאָן מיט'ן פוס און געשריען :

— אָט שוין, אין דער מינוט זאָלסטו פון דאַנען אַרויסגעהן !

— מיסטער זינגער ! — איז ווידער צו איהם צוגעגאַנגען פרענק און זיך ביי איהם געבעטען — פאָלגט מיר, בערוהיגט זיך. איהר וועט זעהען, אז מיט גוטען וועלען מיר פיעל מעהר אויפ־טהאָן ווי מיט בייזען. דאָקטאָר — האָט ער צוגעגעבען, ווענדענדיג זיך צום אַרצט, וועלכער האָט אַרומגעשפּאַנט הין און צוריק אי־בער'ן צימער אַן אויפגערעגטער — ווילט איהר זיין אַזוי פריינד־

ליך און מיר געבען אויף עטליכע מינוט א צימער, וואו איך זאָל קענען רעדען מיט פלאָרא'ן אונטער פיער אויגען?

פלאָרא האָט א לייכטען ציטער געטהאָן און געזאָגט אין א נערוועזען טאָן:

— אויב איהר האָט מיר עפּעס צו רעדען, קענט איהר דאָס טהאָן דאָ אין אַלעמענס אנוועזענהייט. מיר האָבען ניט קיינע סודות צווישען זיך.

אויף פרענק'ס געזיכט האָט זיך בעוויעזען א שמערצליכער אויסדרוק. ער איז צוגעגאַנגען צו פלאָרא'ן און מיט אויסגעשטרעקטע הענד האָט ער אין א בעטענדען טאָן געזאָגט:

— פלאָרא, איך וויל מיט דיר בלויז עטליכע ווערטער ריידען און איך וויל ניט אז אימיצער זאָל דערביי זיין. קענסטו דאָס ניט טהאָן פאַר מיר?

— ניין — האָט פלאָרא ענטשלאָסען געענטפערט, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ — איך וויל דוקא, אז עס זאָל יא אימיצער זיין דערביי, ווען מיר וועלען האָבען אונזער לעצטען געשפּרעך.

— וואָס? ! — האָט פרענק איבערגעפרעגט מיט שרעק, וועה־רענד זיין געזיכט האָט זיך מיט א טוידטע בלייכקייט בעצויגען.

— יא, אונזער לעצטער געשפּרעך. היינט ווערט אַלעס צווישען אונז געמעטעלט! — האָט פלאָרא גערעדט שאַרף און שטאָלץ.

— איך האָב מורא, אז עס וועט טאַקע זיין דיין לעצטער גע־שפּרעך היינט, אויב דו געהסט גלייך ניט אהיים! — איז זינגער ווידער צוגעשפּרונגען צו פלאָרא'ן מיט אויפגעהויבענע פויסטען, אזוי ווי ער וואָלט זיך וועלען וואַרפען צו איהר שלאָגען.

— מיסטער זינגער! — איז דער דאָקטאָר צוגעלאָפען און מיט זיך פערשטעלט פלאָרא'ן, אזוי, אז ער איז געבליבען שטעהן פּנים צו פּנים מיט זינגער'ן, וועלכער איז געווען ווילד פון כעס — איהר שפּיעלט זיך צו פיעל מיט מיין געדולד. איך גיב אייך מיין לעצטע ווארנונג, וועט איהר זיך ניט האַלטען רוהיג, רוף איך גלייך אריין מענשען און מען וועט אייך פון דאַנען ארויספיהרען. איך קען ניט ערלויבען דאָ קיינע סקאַנדאַלען. דאָ איז א האָספּיטאַל.

— איך זאָג דיר נאָך אַמאָל, פּאַפּא — האָט פלאָרא זיך אָפּ־גערופן געלאַסען אָבער אין אַ פעסטען טאָן — אויב דו ביזט אַ־ער געקומען מיט'ן צוועק, מיר אַ היים צו נעהמען, איז געוועזן אומזיסט דיין טרחה. קיינער קען מיר ניט פון דאַנען צו נעהמען אַ חוץ איין מענש, און מיט איהם וועל איך געהן, ווען די פּאַסענדע צייט וועט קומען.

— אין דער ערד אריין וועסטו ביי מיר געהן און דאָס טאַקע באַלד! — האָט דער פאָטער ווידער געליארעמט.

— פלאָרא, בלויז אַ פּאָר ווערטער וויל איך מיט דיר ריידען! — האָט פרענק זיך ווידער געבעטען ביי זיין כלה — ניט מעהר ווי אַ פּאָר ווערטער. קענסטו דאָס פּאָר מיר ניט טהאָן? האָב איך זיך דאָס ביי דיר פּערדיענט?

— עס טהוט מיר זעהר לייד, וואָס איך קען אייך ניט צוליעב טהאָן — האָט פלאָרא געלאַסען געענטפערט — און וואָס אַנבע־טרעפט צו איהר האָט זיך דאָס ביי מיר פּערדיענט, וועלל... איך האָב מיט אייך קיינע רעכנונגען ניט. איך האָב שוין מיין חשבון געמאַכט און האָב שוין אונטערגעצויגען די אונטערשטע שורה...

— נאַ, גיב אַ קוק און שעפּ נחת פון דיין טעכטער'ל! — האָט זינגער איראָניש געזאָגט צו דער פרוי — דו הערסט אביסעל אַ לשון? ווי זי האָט זיך דאָס אַזוי שנעל אויסגעלערענט!

די פרוי האָט טרויעריג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געווישט די טרעהרען פון די אויגען, שלוכצענדיג דערביי אין דער שטיל.

— פלאָרא, איז דאָס דיין לעצטער בעשלוס? — האָט פרענק מיט אַ טיעפען אַנגסט ווייטער זיך געבעטען ביי זיין כלה — דו ווילסט מיט מיר ניט ריידען אַ פּאָר ווערטער אונטער פיער אויגען?

— איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט. איך בייט ניט אַזוי שנעל מיין מיינונג און איך וויל טאַקע, אַז איהר זאָלט זיך דאָס גוט אין אַכט נעהמען — האָט פלאָרא געענטפערט אַלץ מיט דער זעלבער געלאַסענער, רוהיגער האַלטונג וואָס פריהער.

פרענק האָט גענומען זיין העט, געוואָרפען אַ טרויעריגען בליק

אויף פלאָראַ'ן און מיט אַ שטילען „גוד נייט" זיך געלאָזען געהן צו דער טיהר.

זינגער איז צו איהם צוגעלאָפען, איהם אָנגעכאַפּט פאַר די הענד און געוואָלט עפּעס זאָגען. אָבער דאָ האָט זיך דערהערט פלאָראַ'ס שטימע:

— איך וואָלט אייך וועלען בעטען, מיסטער פרענק, איהר זאָלט אַזוי גוט זיין און פערבלייבען דאָ נאָך אַ ווײַלע. איך האָב אויך מיט אייך עפּעס צו ריידען, אָבער אונזער געשפּרעך, קען גע־פיהרט ווערען דאָ, אַלע מעגען עס הערען.

— פלאָראַ לעבען! — איז די מוטער צוגעגאַנגען צו איהר און זיך געבעטען מיט טרעהרען אין די אויגען — וואָרום ביזטו אַזוי פּער'עקשן'ט? קענסטו אַזאַ קלייניגקייט ניט צוליעב טהאָן. איך בעט דיך. זאָגט איהר אַליין, דאָקטאָר — האָט זי זיך געווענדעט צום אַרצט — איז זי גערעכט? דאַרף זי אַזוי האַנדלען?

— מיסטער פרענק — האָט דער דאָקטאָר זיך אָפּגערופען — איהר פערבלייבט דאָ מיט פלאָראַ'ן און מיר וועלען אַלע אַרויסגעהן.

פלאָראַ האָט געשוויעגען. געגען דאָקטאָר האָט זי ניט געקענט פּראָטעסטירען. פרענק האָט אַ נייג געטהאָן מיט'ן קאָפּ און געמאַכט דערבײַ כלומרשט אַ מינע, אַזוי ווי ער וואָלט איהם דאַנקען דער־פאַר. אָבער אין האַרצען האָט ער דעם דאָקטאָר געהאַסט. ער האָט געדיינקט, אַז ער איז אין דעם אַלעם שולדיג. וואָרום האָט ער עפּעס פּונקט אויסגעקליעבען ניימאַן'ען. עס זיינען דאָך געקומען אַזוי פיעל געזונטע קערלען, איירישע, איטאַליענישע, פּאָליאַקען און נעגערס; ניימאַן איז געוועזן דער איינציגער איד, האָט ער איהם גאָר אויס־געקליבען!

— קומט! — האָט דער דאָקטאָר אַ מאַך געטהאָן מיט'ן קאָפּ צו די זינגערס, וועלכע זיינען נאָך איהם אויך אַרויסגעגאַנגען.

פרענק איז געבליעבען שטעהן בעוועגלאָז אויף דעם זעלבען אָרט, וואו זינגער האָט איהם פריהער אָבגעשטעלט, ווען ער האָט שוין געוואָלט אַוועקגעהן. זיינע אויגען זיינען געווען אַרונטערגע־לאָזען צו דער ערד און זיין געזיכט איז מיט אַ געדיכטען וואָלקען

פון טרויער בעצויגען געוואָרען. פלאָרא, פערקעהרט, איז געווען, ווי פריהער, רוהיג געלאַסען. זי האָט אַ פּאָר מאָל אַ בליק געטהאָן אויף פרענק׳ען און אין איהר בליק האָט זיך יעדעס מאָל אָפּגע־שפּיעגעלט האַס און פעראַכטונג.

יא דער האַס צו איהר חתן איז געוואַקסען אין דער זעלבער צייט וואָס איהר ליעבע צו ניימאַן׳ען האָט זיך אַלץ שטאַרקער צופלאַ־קערט אין איהר האַרצען. וואָס שטאַרקער זי האָט געליעבט, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרען איהר האַס צו פרענק׳ען. ליעבע און האַס — דיעזע צוויי קאָנטראַסטען, דיעזע צוויי פערקעהרטע געפיהלען האָבען יעצט אָנגעפילט פלאָרא׳ס האַרץ און די נשמה. די הויפּט אורזאַכע וואַרום זי האָט פרענק׳ען אַזוי פיינד געקראָגען איז געווען דאָס, וואָס ער האָט איהר לעבען ניט געוואָלט ראַטעווען. ער האָט זי נאָר געליעבט, ווען זי איז געווען געזונד, פרעהליך, מונטער. טאָ־מער איז זי קראַנק געוואָרען און איהר לעבען האָט געהאַנגען אויף אַ האָאַר, האָט ער גאָר ניט פאַר איהר געוואָלט טהאָן. דאָס איז בלויז טהיילווייז געווען ריכטיג. אַם שטאַרקסטען האָט זי פרענק׳ען אָנגעהויבען פיינד צו קריעגען ערשט דאַן, ווען אין איהר האַרץ האָט מעכטיג זיך צופלאַמט די ליעבע צו ניימאַן׳ען, און דאָס איז געווען דאַן, ווען זי האָט פון איהם דעם בריעף בעקומען.

אַ היבשע ווייל‍ע האָט אין צימער געהערשט אַ דריקענדע שטיל־קייט. פרענק האָט געוואַרט, אַז פלאָרא זאָל פריהער אָנפאַנגען צו ריידען. דאָס איז ניט געווען דערפאַר, ווייל ער האָט זיך געשעהמט; ער האָט איינפאַך ניט געקענט איצט ריידען. זיין האַרץ האָט איהם שמערצליך געקלעמט, אין האַלז האָט איהם עפּעס גענומען שטיקען און אין מוח האָבען טויזענדער גלאָקען געקלונגען...

עס גיעבט אַ שטילקייט, וועלכע בערוישט, בעטויבט, מעהר ווי דער שטאַרקסטער, רוישיגסטער געפּילדער און ליאַרם...

פלאָרא האָט אויך געשוויגען, אָבער צוליעב אַן אַנדערע אורזאַ־כע. זי האָט זיך פּלוצלונג דערמאָהנט אָן די געסט, וועלכע געפינען זיך יעצט ביי ניימאַן׳ען. זי איז געווען צופריעדען וואָס ער איז ניט געבליעבען אַליין מיט דער נוירם. מיט זיינע פריינד איז איהם

געווים היימליכער. אָבער באַלד האָט איהר בעהערשט עפּעס אַן אונ־רוהיגקייט. פאַר איהרע אויגען איז ארויסגעשוואומען די בילד פון דער מיידעל — ראָזי'ס אומעדיגע, פערזאָרגטע געזיכט. אָנפאַנגס האָט זי געמיינט, אַז דאָס איז אַן אויסדרוק פון מיטלייד צו ניי־מאַן'ען, און זי האָט אין האַרצען געפיהלט אַ טיעפע דאַנקבאַרקייט צו דער מיידעל און איהר פאַטער, וואָס זיי זיינען געקומען בעזוכען איהר געליעבטען. אָבער יעצט איז זי עפּעס מיט זייער וויזיט ניט צופריעדען, איבערהויפּט מיט דער מיידעל'ס. זי דערמאָהנט זיך אָן איהר מאָדנער האַלטונג, אָן איהרע טרויעריגע בליקען און זי קומט צום שלוס, אַז דאָס איז ניט קיין געוועהנליכער אויסדרוק פון מיט־לייד... דיעזע אונצופריעדענהייט פערשפּרייט זיך אין איהר און כאַפּט אַרום איהר האַרץ, איהר נשמה. זי מוז שוין אַריינלויפען אהין, זי וועט זיי דאָרטען מיט ניימאַן'ען אליין ניט לאָזען, בעשליסט זי, און עס פערדריסט זי שטאַרק, פאַר וואָס זי איז גאָר פון דאָרט אַרויסגעגאַנגען; זי האָט די געסט ניט געדאַרפט איבערלאָזען מיט ניימאַן'ען. זי ברענט פון נייגיערינקייט צו וויסען וואָס זיי האָבען דאָרטען גערעדט. וואָלטען זיי ריידען אין ענגליש, וואָלט זי געקענט פערגען די נוירס. זי איז אָבער זיכער געווען, אַז דער געשפּרעך ווערט געפיהרט אין אידיש.

א נערוועזער ציטער האָט אויפגעטרייסעלט אַלע איהרע גליע־דער. זי האָט געוואָרפען אַ בייזען בליק אויף פרענק'ען און איבער־געריסען די שטילקייט, זאָגענדיג:

— אַלזאָ וואָס האָט איהר מיר צו זאָגען, מיסטער פרענק?

פרענק האָט זי אַ ווײַלע בעטראַכט מיט אַ טרויעריגען בליק און נאַכהער געזאָגט אין אַ ריהרענדע שטימע:

— פלאָרא, וואַרום פייניגסטו מיך אַזוי גרויזאַם? וואָס...

— דאָס האָב איך דאָך שוין געהערט — האָט פלאָרא אונגע־דולדיג איהם איבערגעשלאָגען די רייד — זאָגט וואָס איהר האָט צו זאָגען און מאַכט עס קורץ און שאַרף, איך האָב קיין צייט ניט.

פרענק האָט טיעף אָפּגעזיפצט, אומגעקוקט זיך אין אַלע זיי־טען מיט די זעלבע טרויעריגע בליקען וואָס פריהער, אַזוי ווי ער

וואָלט זיך וועלן איבערצייגען, צי קיינער הערט זיך ניט צו און ווידער אָנגעפאַנגען:

— ווען איך האָב יעצט געוואָלט אַוועקגעהן, האָסטו געזאָגט, אַז דו האָסט מיט מיר עפּעס צו ריידען. וויל איך פריהער הערען וואָס דו ווילסט זאָגען.

— אָלל־רייט — האָט פלאָרא איהם נאָכגעגעבען — איך האָב אייך געוואָלט זאָגען אָט וואָס: צווישען מיר און אייך איז אַלעס אויס און איך וויל, אַז מיר זאָלען זיך פונאַנדערגעהן ווי פריינד.

פרענק׳ס געזיכט האָט זיך קאָנוואולסיוו אויסגעקרימט און פון זיינע אויגען האָבען פייערדיגע פונקען געשפּריצט, ווען ער האָט געזאָגט, קר־צענדיג מיט די צייהן, פון ווילדען כעס:

— עס איז אַלזאָ אמת, הא? און איך...

— איהר מיינט אודאי וואָס די צייטונג האָט וועגען מיר גע־שריבען? — האָט פלאָרא איהם ווידער ניט געלאָזען ווייטער רע־דען — יאָ, עס איז אמת. איך ווייס ניט פון וואַנען דער רעפּאָרטער האָט דאָס אַלעס אויסגעפונען, אָבער אַלעס איז ריכטיג. אַלזאָ דאָס איז וואָס איך האָב אייך געוואָלט זאָגען און יעצט לאָמיך הערען וואָס איהר האָט מיט מיר צו ריידען, אָבער מאַכט עס שנעלער — האָט זי נעענדיגט, ווערענדיג אַלץ אונגעדולדיגער.

פרענק איז געבליעבען שטעהן בעוועגלאָז.

— איך האָב דאָך קיין צייט ניט — האָט פלאָרא ווידער גע־זאָגט מיט אונגעדולד, מאַכענדיג דערביי אַ בעוועגונג, אַזוי ווי זי וואָלט וועלען אַוועקגעהן.

פרענק איז צוגעגאַנגען נעהנטער צו פלאָרא׳ן און געזאָגט אין אַ פערשטיקטען אָבער איראָנישען קול:

— איך האָב געהאַט מיט דיר אַ סך צו ריידען, נור אַזוי ווי דו האָסט קיין צייט ניט, וועל איך עס מאַכען קורץ און שאַרף, אַזוי ווי דו פערלאַנגסט: זיינען דאָס געוועזען דיינע לעצטע ווערטער?

— יאָ — האָט פלאָרא געענטפערט שאַרף און ענטשלאָסען.

— מעג איך וויסען די אורזאַכע פון דיין האַנדלונג? — האָט פרענק ווייטער געפרעגט, פערבייסענדיג די ליפּען פון כעס.

— איהר האָט דאָך געלעזען אין די צייטונג...

— דו האָסט ניט געהאַט דעם מוטה מיר דאָס אַליין צו ער־קלעהרען און האָסט דאָס מיר געלאָזען וויסען דורך א צייטונג — האָט ער שוין גערעדט מיט אָפענעם כעס — האָסט מיר פאַר דער וועלט פערשעהמט!

— איך האָב אייך שוין ערקלעהרט, אַז איך האָב קיין אהנונג ניט ווער עס האָט דאָס אין דער צייטונג אַריינגעגעבען. און וויע־דער זעה איך דאָ ניט קיין שום שאַנדע.

— נו, געוויס זעהסטו ניט קיין שום שאַנדע — האָט פרענק איהר געשטאָכען — פאַר דיר איז עס נאָך פיעלייכט אן עהרע... אָבער פאַר מיר, פאַר מיר?...

— וואָס זשע ווילט איהר פון מיר? — איז פלאָרא וויעדער געוואָרען אונגעדולדיג.

— פלאָרא, איך גיעב דיר צייט זיך צו בעדיינקען — האָט פרענק געזאָגט, סטארענדיג זיך צו האַלטען שטאָלץ — איך בין זיכער, אַז דו וועסט אַמאָל דיעזען שריט בעדויערען. איך וויל דיר געבען א געלעגענהייט צוריקצוציהען דיינע פריהערדיגע ווערטער.

— קיינמאָל ניט — האָט פלאָרא געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ — מיין בעשלוס וועל איך ניט ענדערן.

— דו וועסט עס אַמאָל בעדויערען, אָבער עס וועט שוין דאַן זיין צו שפּעט.

— וואָס אַארט עס אייך?

— אָה, ווען עס וואָלט מיך ניט געאַרט, וואָלט איך קיין איין וואָרט דאָ ניט פערלאָרען! — האָט זיך א טיעפער אַנגסט געהערט אין זיין שטימע — עס אַארט מיר אָבער זעהר. פלאָרא! — האָט ער בעטענדיג אויסגעשטרעקט צו איהר די הענד — דיינקסטו אַז איך האָב קיין הארץ ניט? אַז איך פיהל גאָר ניט, ווען מען שניידט מיר מיין פליישׁ, ווען מען צאַפּט מיר מיין בלוט?

פלאָרא האָט געשוויגען.

— וואָרום ענטפערסטו מיר ניט? — האָט זיין שטימע גע־

קלונגען אַלץ ווייכער, געפּיהלפּאָלער, ריהרענדער.

— איך האָב אייך ערקלעהרט, אַז איך האָב קיין צייט ניט און איהר האַלט מיר אויף אומזיסט — האָט פּלאָרא קאַלטבלוטיג געזאָגט.

— אָלל־רייט, איך וועל דאָס אָבלייגען אויף אַ'ן אַנדערס מאָל — האָט פרענק זיך ביי איהר ווידער געבעטען — איך וועל דאָ זיין מאָרגען, איבערמאָרגען; דאָ, אָדער אין דער היים, אויב דער פּאַפּא וועט דיר ניט ערלויבען דאָ צו פערבלייבען. דו קענסט אַלזאָ געהן יעצט וואו דו דאַרפסט און איך וועל אַהיים געהן.

— איך האָב דאָך אייך שוין ערקלעהרט, אַז איך האָב מיט אייך ניט מעהר וואָס צו ריידען — צווישען אונז איז אַלעס אויס! — האָט פּלאָרא אויף איהם אַ שטרייגגען קוק געטהאָן.

פרענק האָט אייניגע מאָל שווער אָפּגעאַטהעמט. פון זיין געזיכט האָט מען געקענט לעזען, אַז ער פיהרט אָן מיט זיך אַ'ן איי־נערליכען קאַמפּף, צו ער זאָל ווייטער ריידען צו ניט. ענדליך האָט ער זיך אָפּגערופען נאָך מיט מעהר אונטערטהעניגקייט און געבעטען ווי פריהער:

— פּלאָרא, דאָס וואָס איך זאָג דיר יעצט, זיינען אויך מיינע לעצטע ווערטער. דו קענסט מיר, דאַכט זיך, ניט פון נעכטען. דו קענסט מיך נאָך זינט דו ביזט אַ קליין קינד געוועזן, ווען איך האָב דיך אויף מיינע הענד אַרומגעטראָגען. דו ווייסט אַלזאָ, אַז איך בין אַ שטאָלצער מענש, איך האָב זיך פיינד צו בעטען, צו בויגען פאַר אימיצען. ביי דיר אָבער בעט איך זיך יאָ, ווייל... ווייל דאָס איז אַ גאַנץ אַנדער זאַך... זאָלסט וויסען פּלאָרא, אַז איך לייד שרעקליך. דער היינטיגער טאָג האָט מיר אַ האַלב לעבען געקאָסט. איך האָב דיך ליעב, פּלאָרא, און איך בין זיכער, אַז דו ווייסט עס גאַנץ גוט. איך...

— איך וויים עס ניט, עס איז ניט וואַהר! — האָט פּלאָרא איהם איבערגעשלאָגען די רייד.

— וואָס ? ! — האָט ער זיך אַ שטאַרקען קלאַפּ געטהאָן אין דער ברוסט — דו ווייסט בעסער פון מיר וואָס אין מיין האַרץ

טהוט זיך. ווען איך וואָלט דיך ניט געליעבט, וואָלט איך זיך ביי דיר ניט אזוי געבעטען. אין ביזנעס איז מיר ניט איינמאָל פאָרגע־קומען, דאָס איך האָב געקענט פערדיענען א כּך געלד; איך האָב אָבער געדאַרפט דערביי בויגען מיין שטאָלץ, האָב איך דאָס ניט גע־וואָלט טהאָן.

— איהר פערשטעהט זעלבסט ניט אייערע געפיהלען. איהר האָט מיר קיינמאָל ניט ליעב געהאַט — איהר האָט ז י ך ליעב גע־האַט אין מיר. דאָס איז — א י י ג ע נ ל י ע ב ע.

— וואָס הייסט איך האָב דיר ניט ליעב געהאַט? — האָט פרענק זיך געקאָכט, ניט פערשטעהענדיג וואָס זי מיינט — בין איך דען ניט דיין חתן? איז ביי אונז קיין פערלאָבונג ניט געווען? און אויב דו זאָגסט מיר צו, אז דו וועסט מעהר מיט דעם טרעמפּ...

— שטיל! — האָט פלאָרא ווילד א טופּע געטהאָן מיט די פיס

— איהר זאָלט ניט וואגען צו בעליידיגען מיסטער ניימאַן'ען! רעס־פּעקט פאַר אזעלכע עדעלע מענשען ווי ער איז!

פלאָרא האָט געזעהען אז זי ווערט אזוי שנעל פון איהם ניט פּטור ווערען און דאָ האָט איהר געצוויגען אריינצוגעהן צו איהר גע־ליעבטען... זי האָט גליייך פאָרטגעזעצט בייז:

— מיסטער פרענק, עס איז אומזיסט אייער ריידען. איך וועל מיין בעשלוס ניט בייטען. איך בעלאַנג יעצט מיט מיין הארץ און מיין זעלע צו ניימאַן'ען — איז דאָס גענוג דייטליך פאַר אייך?

פרענק האָט פון כעס פערביסען די ליפּען. היבשע עטליכע מי־נוטען האָט ער געשוויגען און נאָכהער האָט ער געזאָגט אין א פערצווייפעלטען טאָן:

— געוויס... געוויס, דו קענסט טהאָן וואָס דיר געפעלט... איך... איך קען דיר ניט צווינגען... אָבער איך וויל דיר ניט ערלויבען צו טראַמפּלען אויף מיינע געפיהלען. מיין הארץ... ניין, דו האָסט עס קיין מאָל ניט פערשטאַנען. און איך האָב געמיינט, אז דו בעגרייפסט מיר. אָה, הלואי וואָלט איך דיר ניט געווען געליעבט, וואָלט איך יעצט די שאַנדע ניט געהאַט! — האָט ער געענדיגט מיט פעיַיערדיג־טיע טרעהרען.

— איהר האָט רעכט — האָט פלאָרא געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, אַזוי ווי זי וואָלט מיט איהם זיין איינפערשטאַנען — איך האָב אייך ווירקליך ניט פערשטאַנען. איך בין איבערהויפּט געווען בלינד ביז יעצט...

— אָבער אצונד האָסטו שוין די אויגען געעפענט! ע ר, מר. ניימאַן, האָט זיי דיר געעפענט — האָט ער סאַרקאַסטיש געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— יא — האָט פלאָרא ווידער איהם צוגעגעבען, ריידענדיג אין א שטאָלצען טאָן — ע ר האָט מיר טאַקע מיינע אויגען געעפענט. איך האָב געלעבט אין א טעות, מיינענדיג, אַז איהר האָט מיר ליעב.

— און דו האָסט זיך אַזוי שנעל איבערציינגט, אַז איך האָב דיך ניט ליעב? — האָט זיך אין זיין שטימע ווידער געהערט אַן אָפּקלאַנג פון אינערליכע ליידען.

— יא, זאָנסט וואָלט איך אַזוי ניט געהאַנדעלט. מיין קראַנקהייט איז פאַר מיר געווען א דאָפּעלטער גליק. זי האָט מיר ארויסגענומען פון א שרעקליכען טעות און האָט מיר גליקליך געמאַכט.

פלאָרא האָט פון די מינע אויף פרענק'ס געזיכט געזעהן, אַז יער פערשטעהט ניט וואָס זי מיינט, און זי האָט דאָס איהם דייטליכער ערקלעהרט:

— ווען איך בין קראַנק געווען, האָב איך אייך דערזעהן אין אייערע ריכטיגע פאַרבען. איך האָב זיך דאַן איבערציינגט, אַז איהר האָט מיר ניט ליעב. איך האָב געשוועבט צווישען טויט און לעבען. מען האָט געדאַרפט האָבען א קוואָרט בלוט, מיר צו ראַטעווען. וואו זייט איהר דאַן געווען, הא? איהר זאָגט דאָך, אַז איהר האָט מיך געליעבט — האָט איהר ניט געדאַרפט זיין דער ערשטער מיר בלוט צו געבען?

פרענק האָט עפּעס געוואָלט זאָגען, אָבער פלאָרא האָט איהם געגעבען א צייכען מיט דער האַנד, אַז ער זאָל שווייגען, וואָס ער האָט געפאָלגט און זי האָט פאָרטגעזעצט נאָך מיט מעהר אויפרעגונג ווי פריהער:

— איך האָב אייך קיין מאָל ניט געליעבט. איך האָב יעצט ערשט אויסגעפונען, אַז ליעבע — דיעזער העכסטער גליק אין לע־בען — איז מיר ביז איצט גאָר פרעמד געווען. איך האָב אייך אָבער בעטראַכט אַלס מיין צוקינפטיגען לעבענס־בעגלייטער. ווען עס וואָלט פּאַסירט אַ פּערקעהרטער פאַל, ווען איהר וואָלט קראַנק געוואָרען און מען וואָלט געדאַרפט האָבען בלוט, אום אייער לעבען צו ראַ־טעווען, וואָלט איך געווען די ערשטע דאָס אייך צו געבען; און ניט מיט איין קוואָרט, נאָר פיעלע, פיעלע קוואָרטען — ביז דעם לעצטען טראָפּען וואָלט איך אָפּגעגעבען! אָבער ווי האָט איהר גע־האַנדעלט?

פלאָראַ'ס געזיכט האָט יעצט געפלאַמט. אין איהרע אויגען האָבען געבלישטשעט טרעהרען און אַלע איהרע גליעדער האָבען זיך שטאַרק געטרייסעלט. פרענק האָט אַ ווײַלע געשוויגען, איינגראָבענ־דיג די אויגען אין דער ערד, נאָכהער האָט ער זיך אָפּגערופען מיט געמאַכטען קוראַזש:

— דאָקטאָר סטענטאָן האָט דאָך געזאָגט, אַז מען קען נעהמען בלוט פון יעדען געזונטען מענשען. איך...

— געוויס, אַז איהר האָט זיך אַליין ניט אָפּגערופען, האָט מען געמוזט זיך ווענדען צו פרעמדע — האָט פלאָראַ ניט געוואָלט הערען זיין ווייטערע פערטהיידיגונג — אָבער ווען איהר וואָלט מיר ערנסט געליעבט, וואָלט מען אין קיין צייטונג ניט געדאַרפט אַדווערטייזען נאָך פרעמדע בלוט. אָבער דאַנקען גאָט וואָס עס האָט זיך אַזוי אויס־געלאָזען!

די לעצטע ווערטער איהרע האָבען פרענק'ען געשניטען די האַרץ ווי מיט טעמפּע מעסערס. ער איז צוגעגאַנגען נאָך נעהענטער צו פלאָראַ'ן אַזוי, אַז ער האָט כמעט אָנגעריהרט איהרע קליידער און געזאָגט אין אַ טאָן, פול מיט חרטה און ביטערקייט, אַזוי ווי אַן אָנגעקלאָגטער פאַר אַ שווערען פערברעכען וואָס בעט זיך ביים ריכ־טער, ער זאָל זיין מילד ביים אַרויסגעבען דעם פסק:

— פלאָראַ, וואָרום לאָזטו מיר ניט אויסריידען? דו האַלסט אין איין איבערשלאָגען מיר די רייד! ערלויב מיר, איך זאָל דיר

אלעס ערקלעהרען. איך וועל דיר איבערצייגען, אז איך האב דיר יא ליעב געהאט. דער פאפא ווייס וואס פאר א שידוכים מען האט מיר אלץ גערעדט. איך האב יעצט געקענט זיין פיעל רייכער ווי איך בין. איך האב אבער פון קיינעם ניט געוואלט הערען. ווארום ? ווייל איך האב דיך געליעבט. איך האב דיך ליעב בעקומען, ווען דו ביזט נאך געווען יונג, ווען דו האסט נאך געטראגען א קורצע קליידעל און ביזט אין סקוהל געגאנגען. וואס דו ביזט עלטער געווארען מיט א יאהר, איז מיין ליעבע צו דיר אלץ שטארקער געווארען.

ער האט א פאאר מאל שנעל אפגעאטהעמט און פארטגעזעצט:

— גלויב מיר, פלארא ! — האט זיין שטימע אלץ געפיהלפאלער געקלונגען — ווען דו וואלסט געוואוסט ווי הייס איך האב דיך געליעבט, וואלסטו אזוי ניט גערעדט. יעדעס מאל וואס איך האב געמאכט גוטע ביזנעס, האב איך דיך אלץ אין זינען געהאט. איך האב אימער געטרוימט אז מיר וועלען לעבען גליקליך. איך וועל דיר אלע פערגניגענס פערשאפען. דו וועסט האבען א רייכע הויז, געלד, דיענסטען, אן אויטאמאביל — אלעס, אלעס וואס געלד קען נור קויפען.

— און אז איך וואלט קראנק געווארען נאך דער חתונה און מען וואלט גענדארפט האבען בלוט, וואלט איהר עס מיר אויך געקויפט ! — האט פלארא געזאגט מיט גאל.

— מיין הארץ בלוטעט צו שטארק און איך קען קיין סך ניט ריידען — האט פרענק ווייטער געזאגט — איך וועל דיר בלויז זאגען נאך א פאאר ווערטער: ווען איך וואלט געוואוסט, אז עס וועט זיך אזוי אויסלאזען, וואלט איך מיין בלוט ניט געזשאלעוועט. איך בעט דיך, אז דו זאלסט עס מיר גלויבען, איך רייד יעצט פון מיין טיעפען הארצען.

פלארא האט ניט געצווייפעלט אין די אויפריכטיגקייט פון זיינע רייד. זי האט גוט געוואוסט, אז ער האט פיינד צו זאגען ליגען, אבער דאך איז איהר הארץ געווען קאלט ווי שטיין; זיינע ווערטער, זיין בעטען זיך ביי איהר האבען זי ניט געריהרט, ניט ארויסגערופען קיין שום מיטליידס-געפיהל צו איהם, פארקעהרט, זי האט

זיך נאָך געסטאַרעט אַרויסצו־ווייזען איהם מעהר שטרענגקייט און געזאָגט:

— דאָס זאָגט איהר אַלעס יעצט, ווען איהר ווייסט, אַז איך בעלאַנג שוין צו אַן אַנדערען.

— עס איז ניט וואהר! — האָט פרענק ווילד אויסגעשריען — דו בעלאַנגסט ניט צו קיינעם, אויסער צו מיר! די גאַנצע וועלט ווייס, אַז דו בעלאַנגסט צו מיר, אַז דו ביזט מיין כלה, מיר זיינען דאָך פערלאָבט...

אויף פלאָרא'ס ליפען האָט זיך בעוויעזען אַ ביטערער שמייכעל און זי האָט געזאָגט:

— און יעצט ווייס שוין די וועלט, אַז איך בעלאַנג מעהר צו אייך ניט, נאָר צו ניימאַן'ען.

— איך וויל דאָס ניט הערען, פלאָרא! — האָט פרענק פערצווייפעלט זיך געריסען ביים קאָפּ — שנייד פון מיר לעבעדיגע שטיקער פלייש, טהו מיר אָן די ערגסטע יסורים, אָבער דיזע רייד וויל איך מעהר ניט הערען! פלאָרא! — האָט ער אויסגעשטרעקט צו איהר די הענד — האָסטו קיין שום מיטלייד ניט מיט מיר?

— איך האָב אייך געזאָגט שוין אַזוי פיעל מאָל, אַז איך האָב קיין צייט ניט, — האָט פלאָרא געענטפערט, דורכשפּיזענדיג איהם מיט איהרע שטרענגע בליקען.

— שוין, שוין, נאָך אַ פּאָר ווערטער — האָט זיין שטימע נערוועז געציטערט, פונקט ווי זיין גאַנצער קערפּער — אָבער טאַקע ניט מעהר ווי אַ פּאָאר ווערטער, פיליכט די לעצטע...

— איך נעהם אייער וואָרט, אַז איהר וועט מיר לענגער ניט אויפהאַלטען, — האָט פלאָרא געזאָגט מיט דער זעלבער קאַלטבלוטיגקייט ווי פריהער.

— אָלל־רייט — האָט פרענק גענומען שנעל ריידען, אַזוי ווי ער וואָלט מורא האָבען אַ סעקונדע צו פערלירען — איך וויל דיר בעטען, אַז דו זאָלסט מיר ערלויבען צו קומען צו דיר, דיר צו זעהן.

פלאָרא האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף ניין.

— שלאָג מיר ניט איבער און לאָז מיר אויסריידען — האָט

זיך יעצט אין זיין שטימע געהערט כמעט א געוויין — דו ווייסט דאָך ניט, וואָס איך וויל דיר זאָגען. איך וויל קומען צו דיר און איך וויל דיר איבערצייגען, ווי היים איך ליעב דיך. איך וועל פּועל'ען ביים פּאַפּאַ, ער זאָל דיר ערלויבען דאָ צו פערבלייבען — און דו ווייסט דאָך, אז איך קען ביי איהם אויספיהרען א זאַך, ווען איך וויל עס נאָר — איך וועל דיר איבערצייגען, אז דו האָסט א טעות אין מיר. איך האָב דיר ביז יעצט קיין ליעבע ניט ארויסגעוויעזען, ווייל איך האָב עס בעטראַכט פאַר אן איבריגע זאַך. איך האָב דאָך דיך כמעט אויף מיינע הענד אויסגעהאָדעוועט און פון אימער דיך אַלס מיינע בעטראַכט. פאַקטיש זיינען מיר שוין גייסטיג לאַנג פערהייראַטה. יעצט דאַרף בלויז שטאַטפינדען די אָפיציעלע צערעמאָניע. פאַר די לעצטע פּאָאַר יאָהר בעטראַכט איך זיך און דיך אַלס מאַן און פרוי, און דאָס איז אויך איינע פון די אורזאַכען, ווארום איך האָב דיר קיין צערטליכע ליעבע ניט ארויסגעצייגט. ביי מאַן און פרוי ווערט דאָך פערשוואונדען יענע ראָמאַנטישע ליעבע — האָט ער געענדיגט מיט א טרויעריגען שמייכעל.

פלאָרא איז איבערראַשט געוואָרען פון דיעזע רייד. זי האָט קיינמאָל פון איהם אַזעלכע ווערטער ניט געהערט. זי האָט איהם אימער בעטראַכט אַלס א קאַלטען מענשען, אָהן א שום וואַרימען געפיהל, — צוויי טראָפּען ווי איהר פאָטער. ווען זי פלעגט מיט איהם געהן שפּאַציערען אָדער פאַרברייננגען ביי זיך אין הויז, פלעגט זי פון איהם קיין צערטליכען וואָרט ניט הערען. תמיד פלעגט ער מיט איהר ריידען וועגען ביזנעס, וועגען די „דיעלס“ וואָס ער האָט געמאַכט, און פּלוצלונג זעהט זי פאַר זיך גאָר א נייעם מענשען! אז דיעזע רייד זיינען ניט קיין אויסגעלערענטע, אז זיי קומען פון זיין טיעפען הארצען — אין דעם האָט זי ניט געצווייפעלט, און דאָס האָט נאָך פערשטאַרקט איהר איבערראַשונג.

— אייער בעהויפּטונג איז ניט ריכטיג — האָט פלאָרא, נאָך א ווײַלע טראַכטען, זיך אָפּגערופען — ווען מאַן און פרוי זיינען פערבונדען דורך דער הייליגער, געטליכער ליעבע, איז ביי זיי דער גאַנצער לעבען איין חופּה־טאָג...

— ביזט גערעכט, פלאָרא, — האָט ער צוגעשטימט, ווערענדיג פריילעך, ווייל זי רעדט צו איהם און איז ניט מעהר אזוי שטרענג — איך האָב דאָס אָבער פריהער ניט פערשטאַנען, ניט געפיהלט. יעצט אָבער...

— יעצט! — האָט פלאָרא איראָניש איהם איבערגעקרימט.

— יאָ, יעצט — האָט ער ווידער שנעל אָנגעפאַנגען — יעצט, ווען דו האָסט זיך איינגערעדט, אַז דו... איך מיין, אז איך ליעב דיך ניט — האָט ער זיך שנעל צוריקגעכאַפּט — פלאָרא, שטעל מיר צו פּראָבע! — האָט ער ארויפגעלייגט די הענד אויף זיין ברוסט — פאָדער פון מיר בעווייזע, צו איך האָב דיך ליעב, וועסטו זיך דעריין איבערצייגען. און אויב דו וועסט אויסגעפינען, אַז איך האָב דיך ניט ליעב, דאַן זאָלסטו מיר פערשטויסען, אָבער ניט יעצט, ניט יעצט!...

— איך צווייפעל ניט, אַז איהר האָט מיך ליעב — איז פלאָרא שוין ווידער געוואָרען אונגעדולדיג און עס האָט איהר שוין פערדראָסען וואָרום זי האָט איהם פריהער נאָכגעגעבען און איז דאָ לענגער פערבליבען — אָבער, ווי איך האָב אייך שוין פריהער געזאָגט, אייער ליעבע איז אַן עגאָאיסטישע. איהר ליעבט מיר מיט די זעלבע געפיהלען, מיט וועלכע איהר ליעבט אייער געלד.

— געוואַלד, רייד ניט אזוי, פלאָרא! — האָט פרענק געוואָרפען מיט די פויסטען אין דער לופטען — איך וועל דיר איבערצייגען, אַז דו האָסט אין דעם אַ טעות. איך וועל מיין גאַנצען פארמעגען אוועקגעבען, ביז צו איין סענט און וועל אויף דאָס ניי אָנפאַנגען זיך ארויפצואַרבייטען. און ווייסטו צו וועמען איך וויל עס געבען? טאַקע צו דעם מר. ניימאַן'ען.

— מיסטער ניימאַן איז ניט קיין שנאָרער! — האָט פלאָרא אויסגעשריען אין אַ בעליידיגטען טאָן — איהר האָט דאָך, דאַכט זיך, שוין געהאַט אַ געלעגענהייט צו איבערצייגען זיך אין דעם. עס איז וואָהר, אַז ער איז אָרים — האָט זי צוגעגעבען — אָבער ער האָט אין זיך שטאָלץ און געפיהל פון מענשען-ווירדע, פיעלייכט אין אַ גרעסערע מאָס, ווי מאַנכע רייכע. ער האָט זיין בלוט פאַר מיר גע-

געבען, מיר דאָס לעבען געראַטעוועט און ער האָט קיין איין סענט דערפאַר ניט געוואָלט נעהמען.

— דיר האָט ער דיין לעבען געראַטעוועט און מיין לעבען האָט ער רואינירט! — האָט זיך אַ פערשטיקטער יאָמער געהערט אין פרענק'ס שטימע.

דיזער פערשטיקטער יאָמער האָט פיעל מעהר געקענט ריה־רען, ווי דער האַרצרייסענדער געוויין. אין איהם האָט זיך געהערט דער אָפּקלאַנג פון שרעקליכע אינערליכע ליידען פון אַ מענשען, וועלכער קען ניט וויינען, ווען מען זאָל אפילו צושניידען זיין קער־פער פאַסענווייז, ווען מען זאָל איהם אָנטהאָן די שוידערליכסטע עינוים פון דער אינקוויזיציע, די גרויליגסטע פיין — דאָס איז געווען אַ וועה־געשריי פון אַ פערוואונדעטען לייב... מענשען זיינען אָפט גליקליך, ווען זיי קענען זיך אויסוויינען אין זייערע צרות, יסורים; עס ווערט זיי דאַן עפּעס לייכטער אויפ'ן האַרצען. אזעלכע נאַטורען אָבער ווי פרענק, קענען ניט וויינען. זיי שטיקען אַלעס אין זיך און בלויז אמאָל רייסט זיך ביי זיי ארוים אזאַ פערשטיקטער יאָמער.

פלאָרא האָט אַ שטאַרקען ציטער געטהאָן, און איהר געזיכט האָט זיך פלוצלונג מיט אַ טויטע ווייסקייט בעצויגען. זי האָט שרעקליך געליטען פון דעם געדאַנק, אז פרענק האָט צו ניימאַן'ען ניט קיין גוטע געפיהלען. זי האָט וועגען דעם גאָר ניט געטראַכט. זי האָט איבערהויפּט קיין אהנונג ניט געהאַט, אז ער וועט אַזוי שטאַרק ליידען פון דער געשיכטע. זי האָט געמיינט, אז ער וועט זיך דער־פון קיין גרויסען וועזען ניט מאַכען, אז ער וועט זיין צו שמאָלין ביי איהר זיך צו בעטען. זי האָט דורכאויס געוואָלט, אז פרענק זאָל וועגען ניימאַן'ען האָבען אַ גוטע מיינונג, אז ער זאָל איהר אין אַלעם בעשולדיגען, בלויז איהר און זי האָט איהם דאָס ערקלעהרט, זאָ־גענדיג אין אַ מילדען טאָן:

— מיסטער ניימאַן איז דאָ גאָר ניט שולדיג. קיינער איז איבערהויפּט דאָ ניט שולדיג. איך האָב איהם די ערשטע אָנגעפּאַנגען צו ליעבען. אזוי שנעל ווי איך האָב דערפיהלט ווי זיין בלוט פליסט

אין מיינע אָדערען, האָב איך אין דער זעלבער צייט אויך דער־פיהלט א הייסע ליעבע צו איהם. איהר בעגרייפט עס פיליייכט ניט, און דאָס איז קיין וואונדער. איך וואָלט עס אייך געוואָלט ערקלעה־רען, אָבער מיט ווערטער איז מיר דאָס אונמעגליך צו טהאָן — דאָס דאַרף מען פיהלען. איהר דאַרפט אויף איהם ניט טראָגען קיין בייז האַרץ.

פרענק, זעהענדיג, אז זיינע לעצטע ווערטער האָבען געמאַכט א טיעפען איינדרוק אויף זיין כלה, האָט ער פאָרטגעזעצט:

— דו ווילסט איהם פערטהיידיגען, אָבער עס געלינגט דיר ניט. דו אַליין ווייסט, אז ער האָט מיר מיין לעבען רואינירט. איך וועל זיך נאָך מיט איהם טרעפען און איך וועל האָבען מיט איהם וואָס צו רעדען... איך וועל דיעזען מענשען־רעטער, דיעזע גוטע נשמה שטעלען איינעגע פראַגען...

אין פלאָרא׳ס אויגען האָבען טרעהרען געגומען בלישצען. אָבער אין דער זעלבער סעקונדע האָט איהר געזיכט בעקומען דעם פריהער־דיגען שטרענגען אויסדרוק און זי האָט געזאָגט אין א שאַרפען טאָן:

— עס איז אומזיסט, ווי איך זעה, מיינע רייד. איהר ווילט מיר ניט פערשטעהן. גוד־באַי! איך האָב מעהר קיין צייט ניט.

זי איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר.

פרענק איז א ווילדער צוגעשפרונגען און מיט זיין געזונדען קערפער צוגעשפאַרט די טהיר, זאָגענדיג מיט א פערשטיקטען אטהעם:

— נאָך צוויי ווערטער, פלאָרא־לעבען, זאָלסט גוט געדיינקען, וואָס דו טהוסט. דו שפיעלסט זיך מיט א מענשענס לעבען. מיין לע־בען האָט אָהן דיר קיין שום ווערטה ניט. אויב דו האָסט שוין גע־געבען די צייטונגען א געלעגענהייט צו האָבען א סענסיישאָן וועגען אונז, וועסטו זיי יעצט געבען נאָך אזא געלעגענהייט. אין קורצען וועלען זיי וועגען מיין זעלבסט־מאָרד שרייבען.

פלאָרא איז ווידער טויט־בלייך געוואָרען, אויף איהר געזיכט האָט מען לייכט געקענט לעזען, וואָס פאַר א ליידען זי לעבט יעצט דורך ווי אין איהר האַרצען בושעוועט א ווילדער שטורעם...

זי האָט געשוויגען און עס האָט זיך געהערט דאָס שווערע סאָפּען פון איהר ברוסט, וועלכע האָט זיך האַסטיג געהויבען און אַרונטערגע־לאָזען.

— יעצט קענסטו געהן, פלאָרא, — האָט זיך ווידער אין פרענק׳ס שטימע געהערט דער פריהערדיגער מורא׳דיגער פערשטיק־טער יאָמער — איך האָב דיר מיינע לעצטע ווערטער געזאָגט. איי־דער איך וועל מיין טהאָט אויספיהרען, וועל איך נאָך ביי דיר זיין. איך וועל זיך סטאַרען צוריק צו געווינען דיין ליעבע צו מיר אין דעם זעלבען פּלאַץ, וואו דו האָסט זי פערלאָרען — אין דיעזען האָספּי־טאַל ; איך וועל זיך אויך נאָך זעהן פריהער מיט א י ה ם ; איך וועל א רייד טהאָן מיט זיין געוויסען, אויב ער האָט אַזעלכעס, און אויב איך וועל גאָר ניט מאַכען, וועט א פּיסטעל זיין מיין רעטער. קענסט שוין געהן.

דאָס זאָגענדיג האָט ער האַסטיג אויפגעפּראַלט די טהיר.

זינגער איז צו זייַ דער ערשטער צוגעלאָפען, נאָך איהם זיינען נאָכגעגאַנגען דער דאָקטאָר און מיסעס זינגער.

— נו ? — האָט דער פאָטער געפרעגט ביי פלאָרא׳ן אין א טאָן, אין וועלכען עס האָט זיך געהערט מעהר געבעט, ווי בעפעהל.

— מיסטער זינגער ! — האָט פרענק זיך געבעטען ביי זיין מחותן — ערלויבט פלאָרא׳ן זי זאָל דא פערברייגגען א געוויסע צייט !

זינגער, די פרוי און דער דאָקטאָר האָבען אָנגעקוקט פרענק׳ן מיט ערשטוינטע בליקען.

— הער מיך אויס, פלאָרא, — האָט דער פאָטער זיך ווידער געווענדעט צו דער טאָכטער — יעצט מוזטו אַהיים געהן מיט אונז און אויב דו ועסט פאָלגען, וועל איך דיר ערלויבען אַהער צו קומען יעדען טאָג.

— פלאָרא־לעבען ! — איז די מוטער צו איהר צוגעגאַנגען — טהו צוליעב דעם טאַטען, דו זעהסט דאָך...

— איך וועל ניט אַהיים געהן. דאָ איז יעצט מיין היים ! — האָט פלאָרא ענטשלאָסען געענטפערט.

— גערדיינק! — האָט דער פּאָטער איהר געסטראַשעט — אויב דו געהסט יעצט ניט אהיים, טאָרסטו מעהר מיין שוועל ניט איבערטרעטען, וויל איך מעהר פון דיר ניט וויסען און ניט הערען! דו האָסט יעצט די ברירה. דאָקטאָר סטענטאָן איז אַן עדות.

פלאָרא האָט געשוויגען.

— דו ענטפערסט ניט! אַלזאָ גוט, קום אהיים! — האָט זינגער מיט כעס אַ שלעפּ געטהאָן זיין פרוי — זאָל זי דאָ פערבלייבען. זי וועט שוין שפּעטער חרטה האָבען...

— מיסטער זינגער! — האָט זיך פרענק ווידער ביי איהם געבעטען — איך זעה ניט איין וואַרום איהר ערגערט זיך אַזוי. וואָס פאַר אַ שלעכטעס בעגעהט זי דען דאָ? זי וויל צוזעהן דעם קראַנקען, צו וועלכען זי פיהלט... אַ דאַנקבאַרקייט און...

ער איז צוטומעלט געוואָרען און ניט געקענט ענדיגען וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען.

— דו האָלטסט שוין אויך מיט איהר? — האָט זינגער זיך צושריען אויף פרענק'ן — זי האָט דיך שוין איבערגערעדט מיט איהר גלאַטען צינגעלע? וואָס הייסט זי זאָל דאָ פערבלייבען? — האָט ער געקוקט אויף דער טאָכטער מיט פייערדיגע בליקען — וואָס וועלען מענשען זאָגען? מען וועט דאָך טאַקע מיינען אַז עס איז אמת, וואָס די צייטונג האָט געשריבען.

דער פערביטערטער פּאָטער האָט נאָך אַלץ ניט געגלויבט, אַז די געשיכטע וועגען זיין טאָכטער'ס ראָמאַן מיט ניימאַן'ען איז אמת.

— עס איז טאַקע וואהר — האָט פלאָרא שאַרף געזאָגט — איהר זאָלט אַלע וויסען, אַז צווישען מיר און מיסטער פרענק'ן איז אַלעס אויס. איך האָב דאָס איהם איצט אַליין ערקלערט.

— קום אהיים! — האָט זינגער אַ כאַפּ געטהאָן זיין פרוי און זי כמעט ארונטערגעשלעפּט פון די שטיגען.

פרענק איז נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען. זיין געזיכט האָט אויסגעדריקט שרעקליכע אינערליכע ליידען און אין זיינע אויגען האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אי צאָרן, אי ליעבע. ענדליך האָט ער געזאָגט אַ

שטילען „גוד נייט“ און, פערנייגענדיג זיך פאַר דעם דאָקטאָר, איז ער שנעל אוועק.

— זייט איהר פיליכט יעצט געווען ביי ניימאַן'ען? — האָט פלאָרא געפרעגט נערוועז ביים דאָקטאָר, וואַרפענדיג דערשראָקענע בליקען צו דעם צימער, וואו איהר געליעבטער איז געלעגען.

— יא, — האָט דער ארצט געענטפערט — איך בין דאָרט געווען כמעט די גאַנצע צייט, ניט וועלענדיג אויסהערען דיין טאַטען'ס טענות.

— איהר האָט איהם פיליכט דערצעהלט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען?

— ביזט פעררירקט? ער טאָר פון קיין זאַך יעצט ניט וויסען. ער האָט זיך שוין היינט אזוי אויך צופיעל אנגעשטרענגט, אויפגערעגט.

— איך מיין ניט, אז מען דארף עס איהם דערצעהלען — האָט פלאָרא זיך פערענטפערט.

— וואָס מעהר איך דיינק נאָך וועגען דעם, אַלץ מעהר ערשטוינט ווער איך — האָט דער דאָקטאָר ווידער אָנגעפאַנגען, — אַן אנדער קראַנקער, נאָך אזא אָפּעראַציאָן, ליעגט א פּאָאר טעג אין א בעוואוסטלאָזען צושטאַנד און ער פיהלט זיך אזוי ווי א געזונדער מענש. וואונדערבאַר! וואונדערבאַר! — האָט ער געצויגען מיט די פּלייצעס און געדרעהט מיט דעם קאָפּ — ער פערברייננגט דאָרט מיט זיינע געסט פרעהליך, מונטער.

— וואָס, זיי זיינען נאָך ניט אוועקגעגאַנגען? — האָט פלאָרא, ווערענדיג נאָך נערוועזער געפרעגט.

— וואָס וואונדערסטו זיך עפּעס אזוי? — האָט דער דאָקטאָר אויף איהר געוואָרפען א דורכדרינגענדען בליק.

— זיי וועלען דאָך איהם דאָרט פערמאַטערען! — האָט פלאָרא זיך געסטאַרעט צו בערוהיגען, וועלענדיג אז דער דאָקטאָר זאָל ניט פערשטעהן די אורזאַכע פון איהר אויפרעגונג.

— עה, איך פערשטעה שוין וואָס דיר שמעקט ניט וואָס די געסט פערברייננגען אזוי לאַנג ביי ניימאַן'ען — האָט דער דאקטאר

מיט א שמייכעל געזאָגט — די מיידעל דאָרט, הא? האָסט מורא פאַר א קאָנקורענטקע... זי איז פיעל שעהנער פון דיר, און, אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז זי אויך קליגער פון דיר. היט זיך, פלאָרא!

— אויב זי געפעהלט אייך אזוי שטארק, קענט איהר זיך דאָך אין איהר איינליעבען — האָט פלאָרא איהם געענטפערט אויך מיט א שמייכעל — איך ווייס אפילו ניט צו זי וועט וועלען אזא אלטען בחור, אָבער פּרובירען מעגט איהר יעדענפאלס. וועט זי אייך ענט־זאגען, איז דאָך דאָס ביי אייך ניט קיין נאָווינע. הונדערטע מיידלאך האָבען דאָך אייך שוין ענטזאגט. און וואָס אנבעלאנגט מיר האָב איך פאַר איהר קיין מורא ניט. איך בין מיט ניימאַן'ען זיכער.

דיעזער שמייכעל איז געוועזן א געמאכטער. אין הארצען אָבער האָבען איהר דעם דאָקטאָרס ווערטער געשטאָכען ווי מיט געגליהטע שפּיזען.

— קיין שום זיכערעס איז אויף דער וועלט ניטאָ — האָט דער דאָקטאָר זיך ווידער געררייצט מיט פלאָרא'ן — און איך ראטה דיר ווי א פריינד, דו זאָלסט האָבען אַן אויג אויף ניימאַן'ען. זי קען בע־סער געפעלען ווי דו.

— יעדער אלטער בחור רעדט בלויז נארישקייטען און איך האָב מיט אייך דארום ניט וואָס צו ריידען — האָט פלאָרא ווייטער זיך געצוואונגען צו שמייכלען, — קומט אריין צו ניימאַן'ען און הייסט די געסט אהיים געהן.

— עס הויבט זיך גאָר ניט אָן! — האָט דער ארצט געזאָגט, ניט וויסענדיג וואָס פאר א ליידען ער פערשאפט מיט זיין שפּאסען זיין פריינדין — ווארום זאָל איך זיי ארויסטרייבען? דו מעגסט דאָ זיין?

— וויפיעל איז דען דער שיעור? — האָט פלאָרא זיך שוין ניט געקענט מעהר בעהערשען און געזאָגט אין א שטארק אויפגערעג־טען טאָן. — שוין איבער צוויי שטונדען ווי זיי האקען איהם דאָרט א קאָפּ!

— זעה איך דאָך טאקע, אז מיין פערדאכט איז ניט געוועזן אָהן

א גרונד. דו ביזט טאַקע אייפערזיכטיג אויף אן אמת — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט שוין ערנסט.

— נו, בין איך, טאָ וואָס קומט מיר דערפאַר? — האָט זיך שוין אין פלאָראַ׳ס שטימע געהערט טרעהרען, — אז מען ליעבט איז מען אייפערזיכטיג. נאַטירליך, אן אלטער בחור ווייס ניט פון דיעזען געפיהל.

דער ארצט האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגען, אָבער פלאָראַ האָט איהם האַסטיג א נעהם געטהאָן ביים ארם און איז מיט איהם צו־געגאַנגען צו דעם צימער, וואו ניימאַן איז געלעגען.

— וואַרט נאָך א ווײלע — האָט דער דאָקטאָר זיך אָפּגע־שטעלט — צוויי זאַכען וויל איך דיר זאָגען. ערשטענס, אז ניימאַן וועט דיך פרעגען, וואו דו ביזט געוועזן די גאַנצע צייט, זאָלסטו זאָ־גען, אז דו ביזט געוועזן אהיים געגאַנגען. איך האָב דאָס איהם פריי־הער ערקלעהרט.

— ער האָט אייך דען געפרעגט אויף מיר?

— געפרעגט, געפרעגט! — שלאָג מיר ניט איבער די רייד. איך האָב געמוזט זאָגען א ליגען. צווייטענס, וויל איך, אז דו זאָלסט מיר דערצעהלען וועגען דעם געשפרעך וואָס דו האָסט געהאַט מיט מיסטער פרענק׳ן.

— שפּעטער, שפּעטער, איך וועל אייך אַלעס דערצעהלען — האָט פלאָראַ געזאָגט א גליקליכע, הערענדיג אז ניימאַן האָט זיך אויף איהר געפרעגט און דאָס אין יענער מיידעל׳ס געגענוואַרט... — יעצט קומט אריין און הייסט די געסט, זיי זאָלען שוין אהיים געהן, איך בעט אייך — האָט זי שעלמיש געגלעט דעם דאָקטאָר איבערן געזיכט און געעפענט די טהיר.

— איהר האָט זיך אזוי לאַנג געזאַמט! — האָט ניימאַן מיט א ליעבליכען שמייכעל אויף זיינע ליפען געזאָגט צו פלאָראַ׳ן — און איך האָב געמיינט, אז איהר וועט שוין היינט דאָ ניט זיין.

פלאָראַ, אנשטאַט צו ענטפערען איהר געליעבטען, האָט א קוק געטהאָן מיט טריאומפירענדע בליקען אויף ראָזי׳ן, וועלכע איז גע־זעסען אויף א שטוהל לעבען דעם בעט און וועלכע איז פּלוצלונג

בלייך געוואָרען, דערנאָך האָט זי מיט די זעלבע בליקען א קוק גע־טהאָן אויף דעם דאָקטאָר, אַזוי ווי זי וואָלט צו איהם זאָגען: „איהר זעהט איך האָב ניט קיין מורא פאר קיין קאָנקורענטקעס“ און גע־ענטפערט:

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איך וועל דאָ פערבלייבען די גאַנצע צייט וואָס איהר וועט דאָ זיין, טאָ ווי האָט איהר געקענט דיינקען, אַז איך וועל דאָ היינט מעהר ניט זיין?

זי האָט ווידער א קוק געטהאָן אויף ראָזי׳ן. דיעזע ווערטער איהרע זיינען געווען מעהר געריכטעט צו דער מיידעל, ווי צו ניי־מאַן׳ען. פלאָרא האָט בעשלאָסען אינדירעקט צו לאָזען וויסען די געסט, אַז ניימאַן איז איהר געליעבטער.

ראָזי׳ס פאָטער, וועלכער איז געשטאַנען צו קאָפּען פון דעם קראַנקען, האָט גענומען אומגעהן איבערן צימער. ער איז געווען ערנסט פערטראַכט. פלאָרא׳ס רייד האָבען זיך טיעף איינגעגראָבען אין זיין הארצען. עס איז אַלזאָ אמת וואָס די צייטונג האָט גע־שריעבען. זיי זיינען טאַקע פערליעבט איינער אין דעם אַנדערען, און ער האָט גענומען זוכען א וועג ווי אַזוי צו ראַטעווען זיין קינד פון דעם געפאהר כל זמן עס איז נאָך ניט צו שפּעט. ער האָט בע־שלאָסען נאָך היינט, געהענדיג אַהיים, מיט איהר צו האָבען אַן אָפּע־נעם געשפּרעך. ער איז צו געגאַנגען צו דער טאָכטער און געזאָגט:

— קום ראָזי׳לע אַהיים.

— וואָס איילסטו זיך? — האָט די מיידעל זיך געבעטען ביי איהם מיט איהרע בליקען, אַז ער זאָל נאָך פערבלייבען.

— עס איז שוין ניט פריה — האָט דער צייטונגס־מאַן ווייטער געזאָגט — איך דאַרף דאָך מאָרגען פריה אויפשטעהן, דו ווייסט דאָך.

— טאָ געה זשע דו אַהיים און איך וועל דאָ נאָך א ווייל׳ע פערבלייבען — האָט ראָזי זיך ווייטער געבעטען ביים פאָטער.

— „דהאַט׳ס רייט“ — האָט ניימאַן זיך אָפּגערופען — זאָל ראָזי דאָ נאָך זיין א ווייל׳ע.

פלאָרא האָט יעצט געפיהלט ווי א שלאַנג וואָלט איהר א ביס

געטהאָן. זי איז געווען אַזוי צופריעדען ווען זי האָט געהערט, אַז דער פּאָטער וויל שוין אַהיים געהן און דאָ וויל ניימאַן גאָר, אַז זי זאָל נאָך פערבלייבען, זי אַליין !... עס האָט איהר שטאַרק פערדראָסען אויף ניימאַן'ען. און נאָך מעהר איז זי אויפגערעגט געוואָרען ווען זי האָט זיך בעגעגענט מיט דעם דאָקטאָר'ס איראָנישע בליקען, וועל־כע האָבען צו איהר געזאָגט: „נו, פלאָרא, ווער האָט געהאַט רעכט?"

— ווערסט אַליין אַהיים געהן? — האָט דער פּאָטער ווידער־געפרופט צו בעווען די טאָכטער, זי זאָל מיט איהם מיטגעהן.

— קיינער וועט איהר ניט אויפעסען — האָט ניימאַן זיך וויע־דער אָפּגערופען מיט אַ שמייכעל — ווער וועט זיך דאָס צו אַזאַ מיאוס'קייט ווי זי איז צוריהרען?

פלאָרא איז יעצט שיער פון זינען ניט ארונטער פון שמערצען. זי האָט געוואָרפען אַ בייזען בליק אויף ניימאַן'ען. זי האָט געוואָלט, אַז ער זאָל זעהן אַז עס פערדריסט איהר, אַז זי איז אויף איהם אין כעס. ניימאַן האָט עס אָבער ניט בעמערקט. זיינע אויגען זיינען געווען גערינכטעט אויף ראָזי'ן, וועמעס געזיכט עס האָט יעצט געשטראַהלט פון אינרליכע צופריעדענהייט. און דאָס האָט פלאָראַ'ן נאָך מעהר גע־ערגערט. „זעה נאָר ווי ער קוקט דאָס אויף איהר!" — האָט זי צו זיך זעלבסט געזאָגט — „ער עסט איהר אויף מיט די אויגען"!.. זי האָט געפיהלט ווי צו צולויפען צו דער מיידעל, זי אָנכאַפּען און אַרויסוואַרפען. פּלוצלונג האָט זי דערפיהלט אויף זיך דעם דאָק־טאָר'ס שטעכיגע בליקען. זי האָט ניט געוואָלט זיך מיט זיי בע־געגענען, כאָטש זי האָט געוואוסט, אַז ער, דער דאָקטאָר, איז דער איינציגער, וועלכער קען איהר יעצט העלפען. ער קען די געסט ער־קלערען, אַז דער קראַנקער דאַרף רוהען און זיי וועלען גלייך אַהיים געהן. זי וויל דאָס אָבער ביי איהם ניט בעטען. זאָל ער ניט מיינען, אַז זי האָט טאַקע מורא פאַר אַ קאָנקורענטין...

פּלוצלונג איז איהר אַרויפגעקומען אַ גליקליכער געדאַנק אויפ'ן זינען. זי וועט אויך בעטען דעם ניוס־דיעלער, ער זאָל ערלויבען די טאָכטער דאָ צו פערברייגגען אביסעל לייגנער. זי וועט איהר דאַן אַהיים בעגלייטען און אויפ'ן וועג איהר אַלעס ערקלערען וועגען איהר־

ליעבע צו ניימאַן׳ען. אגב האָט זי געוואָלט ווייזען דעם דאָקטאָר און אויך ניימאַן׳ען. אַז זי איז ניט אייפערזיכטיג... און זי האָט זיך אָפּגערופען, ווענדענדיג זיך צום צייטונגס־פּערקויפער:

— זאָל אייער טאָכטער דאָ נאָך פערבלייבען. איך וועל זי בעגלייטען אהיים.

— זעהר גוט — האָט ניימאַן געזאָגט אַ צופריעדענער — איך וויל טאָקע, אַז איהר זאָלט בעפריינדעט ווערען — האָט ער געקוקט אויף ביידע פריילינס.

דער ניוס דיעלער האָט זיך געפונען אין אַ פערלעגענהייט. ער האָט דורכאויס געוואָלט היינט האָבען אַ געשפּרעך מיט ראָזי׳ן, איהר אויפוויזען אויף די געפאַהר, וועלכע שטעהט איהר פאָר. ער איז אויך ניט געווען צופריעדען, וואָס פלאָרא וועט איהר אהיים בעגלייטען. ער איז זיכער געווען, אַז זי וועט מיט זיין טאָכטער ריי־דען וועגען איהר ראָמאַן. עס איז דאָך מעהר קיין סוד ניט, ווי באַלד עס איז שוין וועגען דעם געשריעבען געוואָרען אין די צייטונגען, און ער האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי אַזוי ראָזי וועט דערפון ליידען. און בלייבען דאָ האָט דאָך שוין ניט געפּאַסט, נאָכדעם ווי ער האָט ערקלערט, אַז ער מוז שוין אהיים געהן. ער האָט דארום ניט גע־וואוסט ווי צו בעשליסען. פון דיעזער פערלעגענהייט האָט איהם אַרויסגענומען דער דאָקטאָר, וועלכער האָט געזאָגט אין אַ שאַרפען טאָן:

— ווי איך זעה, פערנעהמט איהר זיך דאָ צו פערברייננגען אַ גאַנצע נאַכט און דאָס וועל איך ניט ערלויבען. ער דאַרף שוין רו־העז — האָט ער אָנגעוויזען אויף ניימאַן׳ען — ער האָט זיך שוין צופיעל היינט אָנגעשטרענגט.

ער האָט אַרויסגענומען דעם זייגער און, זעהענדיג ווי שפּעט עס איז, האָט ער צוגעגעבען:

— דאָס העכסטע וואָס איך וועל אייך אַלעמען ערלויבען דאָ צו זיין איז נאָך צעהן מינוט. דאַן מוזט איהר אַלע פערלאָזען דעם צימער.

— איך אויך? — האָט פלאָרא עטוואָס קאָקעטיש אַ פרעג גע־טהאָן, ווארפענדיג דערביי אַ כיטרען זייטיגען בליק אויף ראָזי׳ן.

ראָזי האָט פערשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. דאָס איז קענטיג געוועזן אָן איהר געזיכט, וועלכעס איז געוועזן בלייך און איבער וועלבען עס זיינען נערוועזע צוקען דורכגעלאָפען; מען האָט דאָס אויך געקענט לעזען פון איהרע אויגען, אין וועלכע עס האָט זיך יעצט אַ ים מיט טרויער אָפּגעשפּיגעלט.

א זיסער, וואַרימער געפיהל האָט פלאָראַ'ס האַרץ געגלעט.

— דו אויך — האָט דער דאָקטאָר אַ זאָג געטהאָן אין נאָך אַ שאַרפערען טאָן — ביי מיר זיינען קיין יחסנים ניט פאַראַן.

פלאָרא האָט שעלמיש איהם געשמייכעלט אין די אויגען אַריין און, ווענדענדיג זיך צו ניימאַן'ען, האָט זי געזאָגט אין אַ ליעבליכען טאָן:

— דו הערסט?

— געוויס הערט ער, ער איז ניט טויב — האָט דער אַרצט ווייטער גערעדט — און אויב דו דענקסט, אַז ער וועט דיר קענען עפּעס העלפען, האָסטו אַ גרויסען טעות. ער איז ביי מיר אויך אַ קנאַפּער יחסן.

— אזוי ווי איהר קוקט איהם יעצט אָן — האָט פלאָראַ, שמייכלענדיג, זיך געווענדעט צו ראָזי'ן און איהר פאָטער — קענט איהר מיינען, אַז דאָס איז אַ געפעהרליכער גזלן, ניט וואהר? און אין דער אמת'ן איז ער אַ מענש אָהן אַ גאַל. טהייל מאָל איז ער אמת בייז. אָבער דאָס איז צוליעב אַ געוויסע אורזאַכע — האָט זי געענדיגט אין אַ פיעל בעדייטענדען טאָן.

— געוויס, אַז מען איז אין כעס איז דאָס צוליעב אַן אורזאַכע — האָט ראָזי געזאָגט — מעהר ווי פאַר יוצא וועגען. דען אין איהר האַרצען האָט יעצט אַ שטורעם ווילד געבושעוועט. זי, פלאָראַ, וועט דאָ פערבלייבען מיט ניימאַן'ען און זי וועט מוזען אַהיים געהן!.. אַך, ווי גליקליך זי האָט זיך געפיהלט פריהער אין די פאָר שטונדען וואָס זי איז פערבליעבען דאָ מיט ניימאַן'ען! די גליקליכסטע שטונדען אין איהר לעבען זיינען דאָס געוועזן. ער איז צו איהר אזוי גוט געוועזן, ניט אויפגעהערט צו דאַנקען פאַר דעם פערגניגען וואָס זי האָט איהם פערשאַפט מיט איהר וויזיט, מינוטען לאַנג האָט

ער איהר האנד אין זיינע געהאַלטען, זי געגלעט אזוי צאַרט און ליעב־ליך און יעצט מוז זי אהיים געהן, און זי, איהר בלוטיגסטער פיינד, וועט דאָ פערבלייבען. יא, ראָזי האָט יעצט געקוקט אויף פלאָרא׳ן, ווי אויף איהר ערגסטען לעבענס־פיינד. זי האָט אויפגעציטערט, ווען ניימאַן האָט פריהער געזאָגט, אַז זיי זאָלען ווערען בעפריינדעט. אָה, ווען ער זאָל וויסען וואָס אין איהר הארץ קומט פאָר, ווען ער זאָל וויסען ווי היים זי ליעבט איהם, וואָלט ער דאָס ניט זאָגען! ווערען בעפריינדעט מיט א מענשען, וועלכער וועט איהר גליק צו־שטערען!..

פון איהרע געדאנקען האָט איהר איבערגעריסען דער דאָק־טאָר, וועלכער האָט געזאָגט צו פלאָרא׳ן:

— דו פעררייד נאָר דערווייל מיר ניט די צייהנער, וועסט זיך באלד אָפטראָגען פון דאנען.

— און אז ניט? — האָט פלאָרא כלומרשט זיך געגענגעשטעלט מיט חוצפה.

— אז ניט וועט דיר די נוירס ארויסבעטען פון דאנען.

— וועלען מיר זעהן.

דער ארצט האָט ווידער ארויסגענומען דעם זייגער און גע־זאָגט:

— עס איז נאָך געבליעבען דריי מינוט צייט.

דער ניום־דיעלער איז צוגעגאַנגען צום קראַנקען, זיך געזע־גענט און איהם געוואונשען, ער זאָל אין קורצען געזונד ווערען. דאן איז ער צוגעגאַנגען צו דער טאָכטער און געזאָגט צו איהר אין דער שטיל:

— געה, זעגען זיך מיט איהם און לאָמיר שוין געהן.

ראָזי איז צוגעגאַנגען צו ניימאַן׳ען, איהם געגעבען די האנד און אין א געפיהלפאָלע שטימע איהם געוואונשען א רוהיגע נאַכט.

— דו וועסט דאָך געוויס מאָרגען ווידער קומען מיר בעזוכען

— האָט ניימאַן געזאָגט אין א טאָן, אזוי ווי ער וואָלט זי זעהר בעטען, זי זאָל קומען.

פערשיעדענע געפיהלען האָבען יעצט בעהערשט די הערצער פון

ביידע מיידלעך. ראָזי איז געווען גליקליך וואָס ניימאַן לאָדעט איהר איין, זי זאָל איהם בעזוכען. איהר האַרץ איז געווען איבערפול מיט גליקליכע, זיסע האָפנונגען. זי וועט ניימאַן'ען, ווען ער וועט ווערען געזונד, ערקלעהרען ווי הייס זי ליעבט איהם און זי האָט געהאָפט, געווען כמעט זיכער, אַז ער וועט זי ניט פערשטויסען. זי האָט יעצט שוין ניט געגלויבט, אַז ער איז פערליעבט אין דער רייכער מיידעל, אין פלאָרא'ן, ווי די צייטונג האָט געשריבען, ער וואָלט דאָך זי ניט אַזוי געבעטען זי זאָל קומען. עס קען זיין, אַז פלאָרא איז אין איהם פערליעבט, האָט זי צוגעגעבען, אָבער ניימאַן ליעבט זי ניט, און מיט דיעזע גליקליכע האָפנונגען האָט זי פערלאָזען דעם האָס־פיטאַל.

פלאָרא האָט איהר נאָכגעקוקט מיט בייזע בליקען. די שנאה צו ראָזי'ן האָט זיך יעצט נאָך שטאַרקער צופלאַקערט אין איהר האַרצען. אויך אויף ניימאַן'ען האָט זי געהאַט פערדרוס וואָרום ער האָט איהר געבעטען, זי זאָל קומען.

דער דאָקטאָר האָט איצט פלאָרא'ן ערנסט ערקלערט, אַז זי מוז פערלאָזען דעם צימער, דען ער געהט איבערבינדען ניימאַן'ען די וואונדען. זי האָט זיך ביי איהם געבעטען. ער זאָל איהר ערלויבען צו פערבלייבען, פילייכט וועט זי קענען איהם צוהעלפען.

— דו קענסט מיר גאָר ניט העלפען — איז דער דאָקטאָר שוין געוואָרען אונגעדולדיג — דערצו האָב איך אַ נוירס.

פלאָרא איז צוגעגאַנגען צו ניימאַן'ען, איהם אַ הייסען קוש געטהאָן אין דעם פערבאַנדאַזשירטען שטערן, זאָגענדיג ליעבליך:

— איך זאָג דיר נאָך ניט קיין „גוד נייט", ווייל איך וועל נאָך דאָ היינט זיין, אויב דו וועסט ניט שלאָפען.

— זאָג איהם בעסער יאַ „גוד נייט" און זאָל ער שלאָפען — האָט דער דאָקטאָר זיך אָפּגערופען.

— עס איז ניט אייערע ביזנעס! — האָט פלאָרא שטיפעריש געשמייכעלט צום אַרצט און איז ארויס.

## צעהנטער קאַפּיטעל.

דער גיוס־דיעלער, ארויסקומענדיג פון האָספּיטאַל, האָט זיך גלייך גענומען אויסצופיהרען זיין בעשלוס — צו האָבען אַן אָפּענעם געשפּרעך מיט דער טאָכטער. אָפּגעהענדיג עטליכע טריט, האָט ער געוואָרפען אַ זייטיגען בליק אויף איהר און זעהענדיג איהר פרעהליכע געזיכט, איז די האַרץ אין איהם נאָך מעהר פערקלעמט געוואָרען און ער האָט גלייך אָנגעפאַנגען:

— ראָזי לעבען, איך וויל מיט דיר וועגען עפּעס וויכטיגעס ריידען, אָבער פריהער בערלאַנג איך פון דיר איין זאַך, נעמליך, אַז דו זאָלסט זיין צו מיר אָפּענהערציג.

די טאָכטער האָט איהם אַ ווײַלע אָנגעקוקט מיט דורכדרינגענ־דע בליקען און געזאָגט:

— האָסטו זיך דען שוין אַמאָל איבערצייגט, אַז איך בין צו דיר ניט אָפּענהערציג, אַז איך האָב עפּעס געהיימניסע פון דיר?

— חלילה, איך זאָג דאָס ניט — האָט דער פאָטער ווייטער גערעדט — איך וויל טאַקע אַז דאָס זאָל ווייטער אַזוי זיין, הויפּט־זעכליך אין דעם געשפּרעך וואָס איך וועל דאָ מיט דיר האָבען.

— דו מאַכסט מיר נייגעריג, פּאַפּאַ — האָט ראָזי ליעבליך געשמייכעלט, זייענדיג ווירקליך טשיקאַווע וואָס דער פאָטער וויל איהר דאָ זאָגען. אַז דער פאָטער ווייס גענוי, וואָס אין איהר האַרצען קומט פאָר — דאָס האָט זי ניט פערדעכטיגט.

דער גיוס־דיעלער האָט אַ פּאָר מאָל שווער אָפּגעזיפצט און פאָרטגעזעצט:

— הער מיר אויס, ראָזי'לע, מיט קאָפּ. דו ביזט נאָך יונג, דו הויבסט ערשט אָן ארויפצושטעלען דיינע פיס אויף דעם ברייטען לעבענס־וועג... דו האָסט נאָך ווייניג ערפאַהרונג אין לעבען. זאָלסט וויסען, אַז אין פיעלע לעבענס־דראַמאַס און טראַגעדיעס זיינען די עלדערן, איך מיין די, וואָס ליידען, מעהר שולדיג, ווי די אומשטענ־דען, וועלכע מען בעטראַכט געוועהנליך אַלס די אורזאַכע פון די פאַסירונגען. ווען מענשען זאָלען זיך אַרומקוקען מיט אָפּענע אויי־

גען, וואַלטען פיעלע אונגליקען אויסגעמיעדען געוואָרען. די הויפּט צרה איז אָבער וואָס מענשען זעהען בלויז איין זייט אָדער זיינען גענצליך פערבלענדעט. ראָזי׳לע! — האָט אין זיין שטימע יעצט געקלונגען אַ ווארנונג — איך וויל, אַז דו זאָלסט האַלטען דיינע אויגען אָפען און זאָלסט זעהן די געפאהר וואָס עס שטעהט דיר פאָר!

ראָזי האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צום פּאָטער׳ס רייד און איהר האַרץ האָט דערביי שטאַרק געציטערט. זי האָט שוין איצט דייטליך געזעהן, אַז דער פּאָטער ווייס איהר סעקרעט. אָבער ניט דאָס האָט איהר געשראָקען. פריהער אָדער שפּעטער וואָלט זי דאָך איהם אַלעס אַליין ענטפּלעקט. די אורזאַכע פון איהר שרעקען זיך איז געווען אַ גאַנץ אַנדערע. וועגען וואָס פאר א געפאהר רעדט ער דאָ? אָט דיזע פראגע האָט שמערצליך געעגבערט איהר מוח און ווען ער האָט געענדיגט, האָט זי זיך אָפּגערופען אין אַ ציטערענדע שטימע:

— דו רעדסט מיט מיר האַלבע ווערטער און איך קען דיך ניט פערשטעהן.

— און איך בין זיכער געווען, אַז דו פערשטעהסט מיך יא — האָט דער פּאָטער ווייטער געזאָגט, איינקוקענדיג זיך מיט זיינע מילדע, קלוגע אויגען אין דער טאָכטער — אַלזאָ וועל איך עס דיר דייטליכער ערקלעהרען. איך רייד דאָ וועגען דיינע געפיהלען צו ניימאַן׳ען.

— ראָזי האָט אַ שטאַרקען ציטער געטהאָן און זיך אָבגעשטעלט.

דער ניוס־דיעלער האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט און טיעף אָפּגעזיפצט.

— ראָזי׳לע — האָט ער נאָך אַ קורצע פּויזע פאָרטגעזעצט — איך ווייס, אַז איך האָב דיר מיט מיינע רייד פערשאַפט שמערצען, אָבער איך קען זיך אַנדערש ניט העלפען; איך לייד פיליכט נאָך מעהר ווי דו. דו ווייסט גאַנץ גוט ווי טהייער דו ביזט ביי מיר. איך בין אימער בערייט מיין לעבען פאר דיר מקריב צו זיין. אָבער מיין האַרץ בלוטעט ווען איך זעה, אַז דו קריכסט אַליין אין געפאהר און עס איז מיין הייליגע פליכט דיר דערויף אויפמערקזאַם צו מאַכען.

ראָזי האָט געשוויגען. איהרע אויגען האָבען געקוקט פערטראַכט ערגעץ ווייט, ווייט...

— דו האָסט גאָר ניט וואָס צו זאָגען? — האָט דער פּאָטער צערטליך זי געפרעגט — וואָרום שווייגסטו?

אויף ראָזי'ס געזיכט האָט זיך פּלוצלונג אַ שטאָלצער, ענטשלאָסענער אויסדרוק בעוויעזען און זי האָט גענומען ריידען אין אַ שאַרפער שטימע:

— איך וועל זיך בענוצען מיט דיין פריהערדיגע בעמערקונג: אַז מענשען זיינען געוואָהנט צו קוקען איינזייטיג אויף פּאַסירונגען אין לעבען. דאָס איז יעצט דער פּאַל מיט דיר. איך זעה קיין שום געפאַהר ניט.

— ריכטיג — האָט דער פּאָטער אין אַ ליעבליכען טאָן איהר צוגעגבען — דו זעהסט טאַקע ניט קיין געפאַהר און דאָס איז צוליעב צוויי אורזאַכען: ערשטענס, ווייל דו ביזט נאָך אונערפאַהרען אין לעבען, האָסט נאָך גאָר ניט דורכגעמאַכט, ביזט נאר וואָס ארויס פון אונטער דער מאַמעס פאַרטוך, ווי מען זאָגט; צווייטענס, ביזטו פערבלענדעט; די ליעבע פערבלענדעט דיר די אויגען און דו קענסט די געפאַהר ניט זעהן. איך אָבער, אַלס זייטיגער מענש...

— לאָמיך שוין הערען אין וואָס עס בעשטעהט דיעזע געפאַהר — איז ראָזי שוין געוואָרען נערוועז און אונגעדולדיג.

— נאָך וואָס רעגסטו זיך אויף, ראָזי'לע — האָט דער פּאָטער איהר צערטליך גענומען גלעטען איבער'ן קאָפּ — מיר קענען דאָך רעדען געלאַסען. דו ווילסט אַלזאָ וויסען אין וואָס דיעזע געפאַהר בעשטעהט. איך וועל דאָס דיר באַלד איבערצייגען. אין דיין ליעבע בעשטעהט זי. דו טאָרסט נייִמאַן'ען ניט ליעבען. דו מוזט זעהן אָנצואווענדען אַלע מיטלען, אום איהם צו פערגעסען, ארויסצושלאָגען איהם פון דיינע געדאַנקען.

דער ניוס־דיעלער איז שוין אויך געווען נערוועז. זיינע הענד האָבען שטאַרק געציטערט און אויף זיין סימפּאַטהישע געזיכט האָט זיך אַן אויסדרוק פון שרעק בעוויעזען.

פון ראָזי'ס ברוסט האָט זיך אַ שווערער, אָבגעריסענער זיפץ

אַרויסגעריסען און זי האָט געזאָגט אין אַ ווייגענדיגע שטיממע:

— פּאַפּאַ, דאָס וועט קיינמאָל ניט פּאַסירען. צו פערגעסען ניימאַן'ען, איהם אַרויסצושלאָגען פון מיינע געדאַנקען — דערצו איז נאָר דאָ איין מיטעל, דער לעצטער מיטעל...

— ראָזי לעבען! — האָט דער פאָטער איהר פערשטעלט מיט דער האַנד דאָס מויל — רייד ניט קיין נאַרישקייטען! דו ביזט דאָך אַ קלוגע, טאָ ווי קומען צו דיר אַזעלכע רייד? פאָלג מיר און דו וועסט זעהען, אַז אַלעס וועט זיין אָלל־רייט. זעהסטו דען ניט, אַז די געהסט אין אַ געפאַהר? ניימאַן האָט דאָך אַ געליעבטע...

— דאָס קימערט מיר גאָר ניט. איך האָב איהם ליעב געקראָגען, נאָך איידער איך האָב געוואוסט, אַז אימיצער ליעבט איהם אויך. דעם ערשטען טאָג וואָס ער איז צו אונז געקומען, האָב איך איהם שוין ליעב בעקומען.

— ווייס ער דערפון? האָסטו דאָס איהם ערקלעהרט?

— מיט ווערטער ניט, אָבער מיט מיינע אויגען האָב איך איהם דאָס גאַנץ דייטליך אַרויסגעזאָגט.

— טאָמער האָט ער דאָס גאָר ניט פערשטאַנען. ניט יעדער קען לעזען די אויגען־שפּראַך...

— ער האָט דאָס אָבער יאָ פערשטאַנען, איך בין זיכער אין דעם.

— האָט ער דיר דען אָפּגעענטפערט מיט ליעבע?

— דאָס קען איך ניט זאָגען. אָבער ער איז געווען צו מיר זעהר פריינדליך.

— ער איז דאָך געווען צו אַלעמען אין הויז פריינדליך.

— און אויב ער האָט ניט פערשטאַנען וואָס מיינע אויגען האָבען איהם געזאָגט צעהנדליגע מאָל דורכ'ן טאָג — האָט ראָזי געזאָגט קאַפּריזנע — וועל איך עס איהם מינדליך ערקלעהרען און דאָס פיעלייכט נאָך מאָרגען. ער האָט דאָך מיר געבעטען איך זאָל צו איהם מאָרגען קומען.

ביי די לעצטע ווערטער האָט אַ גליקליכער פייער'ל אַ בלישין געטהאָן אין איהרע אויגען.

דעם ניוס־דיעלער׳ס געזיכט האָט זיך נאָך שטאַרקער פערכמור־
רעט און ער האָט געזאָגט:

— ראָזי־לעבען, דו וועסט דאָס ניט טהאָן און דו וועסט מעהר
צו איהם ניט געהן אויף בעזוך. דו טאָרסט ניט...

— פּאַפּאַ, דיינע רייד רופען ארויס אין מיר ערשטוינונג —
איז ראָזי געוואָרען נאָך מעהר אויפגערעגט — איך זעה אין דיר
יעצט גאָר אַן אַנדער׳ן מענשען. איך האָב אימער געדיינקט, אַז ווען
עס וועט קומען די צייט ווען מיין הארץ וועט אָנפאַנגען צו ליעבען,
ווען איך וועל זיך אויסקלייבען א לעבענס־בעגלייטער, וועסטו מיר
דעריין ניט שטערען. דו האָסט ניט איינמאָל אינדירעקט מיט מיר
וועגען דעם גערעדט. די עלטערען, וועלכע שטערען זייערע קינדער
אין זייערע ליעבעס־אַנגעלעגענהייטען, פלעגסטו אימער אָנרופען
טיראַנען, און צום סוף האַנדעלסטו אויך ניט בעסער.

— דו בעגרייפסט מיך ניט, ראָזי־לעבען — האָט דער פאָטער
געזאָגט מיט אַנגסט — איך וואָלט דיר קיינמאָל ניט געשטערט אין
אַזאַ פאַל. דער יעניגער, וואָס דיין הארץ וואָלט אויסגעקליעבען,
וואָלט ביי מיר געוועזען אַזוי ליעב און טהייער ווי דו ביזט ביי מיר.
איך וואָלט דיר מיין ברכה געגעבען און איך וואָלט געווען ניט ווייי־
ניגער גליקליך ווי דו. דאָ איז אָבער א גאַנץ אַנדערע זאַך. דו האָסט
זיך פערליעבט אין אַ מענשען, וועמעס הארץ עס איז ניט פריי, וועל־
כער האָט א געליעבטע.

— פון וואַנען ווייסטו, אַז ער ליעבט זי? מאַלע וואָס די צייי־
טונג האָט דאָרט געשריעבען!

— עס וואונדערט מיר, אַז דו האָסט דאָס ניט בעמערקט. דאָס
איז דאָך אַזוי דייטליך צו זעהען פון זיינע בענעהמונגען צו איהר.

— איך האָב דאָס ניט געזעהן. ער איז צו מיר געווען פונקט
אַזוי העפליך ווי צו איהר. אָבער איך וויל פון קיין זאַך ניט וויסען
— האָט זי מיט אַ נערוועזען ציטער צוגעגעבען — איך ליעב איהם
און דאָס אַלעס! ווען די גאַנצע וועלט מיידלאַך זאָלען איהם אפילו
ליעבען, וועט מיין ליעבע צו איהם ניט שוואַכער ווערען.

— דו ווילסט אַלזאָ ניט אויסמיידען קיין אונגליק — האָט דער

פּאָטער טרויעריג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ — געדיינק, ראָזי־לעבען, דו וועסט דאָס שפּעטער בעדויערען. געדיינק אויך, אז דו מאכסט ניט נאָר זיך זעלבסט אונגליקליך, נאָר אויך מיך, די מאמען, דאָס גאַנצע הויז.

אין דעם פּאָטער'ס אויגען האָבען זיך טרעהרען בעוויזען.

— דו ערגערסט זיך אומזיסט, פּאַפּאַ — האָט ראָזי זיך ליעב־ליך צוגועטוליעט צום פּאָטער — דו וועסט זעהען, אז איך וועל גע־ווינען נייטמאַן'ס ליעבע און וועל זיין גליקליך. איך בין שוין גליקליך.

דער פּאָטער האָט געשוויגען און טרויעריג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— קום אהיים, פּאַפּאַ — האָט זי דעם פּאָטער גענומען אונ־טער'ן אָרעם — דו ביזט דאָך מיעד און הונגעריג.

— פון היינט אָן וועל איך שוין ניט רוהען, ניט עסען — האָט דער צייטונגס־פּערקויפער אין א וויינענדיגען קול געזאָגט — איך זעה שוין מיין אונגליק!

— דו זעהסט גאָר ניט, עס דוכט זיך דיר.

א היבשע שטרעקע זיינען זיי געגאַנגען ווי שטומע. יעדער פון זיי איז געווען פערזונקען אין געדאַנקען. ווען זיי זיינען צוגעקומען צו זייער וואָהנונג, האָט דער פּאָטער זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט פערטראַכטערהייד:

— איין האָפנונג האָב איך נאָך, די לעצטע האָפנונג, און דאָס איז, אז נייטמאַן וועט דיר זאָגען דעם אמת, ער וועט דיר ערקלהרען, אַז זיין הארץ בעלאַנגט צו יענער פריילין, וואָס מיר האָבען ביי איהם בעגעגענט. איך האָף, אז דאַן וועסטו זיך בערוהיגען.

— פּאַפּאַ, דו שניידסט מיין הארץ ווי מיט מעסערס! — האָט ראָזא אויסגעבראָכען אין א הערצליכען געוויין.

— איך שנייד דיין הארץ? — האָט דער פּאָטער כמעט אויך געוויינט — אוי, ראָזי'לע! דו ווילסט מיר ניט פערשטעהן. איך האָב נייטמאַן'ען זעהר גינציג און ווען ניט דיעזער פאַל מיט יענער מיידעל, וואָלט איך געוועזן גליקליך, ווען דו וואָלסט זיין ליעבע געווינען. אָבער...

— לאָז דאָס איבער צו מיר, פּאַפּאַ, וועסט זעהן, אז מיין וואונש וועט פערווירקליכט ווערען.

דער פאָטער האָט שווער אָבגעזיפצט און געזאָגט:

— נאָך אַ זאַך וויל איך דיר זאָגען: זאָל די מאַמע דערוויל פון קיין זאַך ניט וויסען. צו איהר שוואַכקייט פעהלט ניט מעהר, נאָר זי זאָל זיך נעהמען ערגערען.

— דאָס האָב איך טאַקע דיר געוואָלט בעטען, אז דו זאָלסט פאַר איהר גאָר ניט זאָגען — האָט ראָזי אויסגעווישט די טרעה־רען פון איהרע אויגען.

— אז דו וועסט זיך אָבער ערגערן, וועט זי דאָך אָן דיר דער־קענען.

— איך וועל זיין רוהיג, פּאַפּאַ, וועסט זעהן, איך וועל זיך ניט האָבען צוליעב וואָס צו ערגערן — האָט זי מיט אַ שמייכעל צוגע־געבען.

אין הארצען האָט זי יעצט געהאָפט נאָך מעהר ווי פריהער, אז זי וועט ניימאַן'ס הארץ געווינען.

* * *

אין דער זעלבער צייט איז פלאָראַ אומגעגאַנגען טיעף פער־טראַכט הין און צוריק איבער איהר צימער אין האָספּיטאַל, וועלכעס האָט זיך געפונען אין דער אבטהיילונג וואו די פּו־ויען־נוירסעס האָ־בען געוואָהנט. אין איהר מוח האָט יעצט אויפגעלעבט איהר בע־געגעניש מיט פרענק'ען. אין איהרע אויערן קלינגען זיינע רייד און פאַר איהרע אויגען שטעהט זיין געשטאַלט — זיינע טרויעריגע בליקען, זיין טיעף אומעדיג געזיכט. זי שטריינגט זיך אָן מיט אלע איהרע קרעפטען דיעזעס געשטאַלט פון זיך צו פערטרייבען, סטאַרעט זיך צו טראַכטען וועגען עפּעס אנדערש, אָבער איהר מיה איז אומ־זיסט. פרענק'ס אָנבליק טרעט פון איהר ניט אָפּ, פערקעהרט, עס ערשיינט נאָך אַלץ בולט'ער פאַר איהר און זיינע רייד קלינגען אַלץ שאַרפער, הילכענדער אין איהרע אויערן, און דאָס מאַכט איהר נאָך מעהר נערוועז.

ניט דער זעלבער פרענק האָט פריהער צו איהר גערעדט. א גאנץ נייעם מענשען האָט זי איצט פאר זיך דערזעהן. ווי קומען צו איהם פּלוצלונג אזעלכע ווייכע, געפּיהלפאָלע רייד? אז זיינע ווערטער זיינען ארויסגעקומען פון דער טיעפעניש פון זיין הארצען, אז זיי זיינען געווען אויפריכטיג — אין דעם האָט זי ניט געצווייפעלט; און דאָס האָט איהר יעצט פערשאפט ליידען. עס האָט איהר געפּלאגט דער געוויסען, אז זי איז צו איהם געווען צו שטריינג. זי האָט איהם געדארפט מילדער בעהאנדלען. אך, ווען ער וואָלט צו איהר אזוי ווייך ניט רײדען! זי האָט ערווארטעט, אז ער וועט זיך קאָכען, בייזערן. ריידען צו איהר אזוי ווי איהר פאָטער. דערפאר האָט זי דאָס איהם אזוי אונרחמנות'דיג בעהאנדעלט.

— און וואָס וועט ווייטער זיין? — האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אין מיטען צימער — ער וועט איהר ניט צו־רוה לאָזען, ער וועט איהר פערפאָלגען מיט זיין ליעבע און פ״עלייכט נאָך אויספיהרען זיין סטראשונאָק — זיך נעהמען דאָס לעבען.

ביי דיעזען געדאנק איז א שוידער דורכגעלאָפען איבער אלע איהרע גליעדער. ניין, זי טאָר דאָס ניט דערלאָזען. זי וויל ניט בויען איהר גליק אויף יענעם'ס אונגליק. זי וועט דעם גאנצען לעבען ליידען, איהר געוויסען וועט איהר קיין מאָל ניט אויפהערען צו פּלאָגען. וואָלט ניימאַן געווען געזונד, וואָלט זי איהם אלעם דערצעהלט, מיט איהם זיך בעראטהען ווי אזוי צו האנדלען. אָבער יעצט טאָר זי מיט איהם גאָר ניט ריידען וועגען דעם. דאָס וואָלט איהם צו שטארק אויפגערעגט.

זי האָט וויעדער גענומען ארומשפּאנען איבער'ן צימער. איהר מוח האָט געגליהט פון אויפרעגונג און פון די פיעלע געדאנקען, וואָס האָבען זיך דאָרט געפּלאָנטערט. ענדליך האָט זי בעשלאָסען צו שרייבען צו פרענק'ען א בריעף. זי וועט נאָך אמאָל פאר איהם איהר הארץ עפענען, איהם ערקלעהרען, אז זי קען אנדערש ניט האנדלען און איהם בעטען, ער זאָל איהר פערציייהען און זיך בערוהיגען.

זי איז ארויס און געבעטען ביי א נוירס טינט און פעדער און

פאפיער און זיך אוועקגעזעצט שרייבען דעם בריעף. א היבשע ווײלע איז זי געזעסען און געטראכט וואס זי זאל שרייבען. אט האט זי שוין געהאט אין קאפ דעם גאנצען בריעף, און דאך האט זי די ערשטע שורה ניט געקענט אויפשרייבען. עס איז איהר זעהר שווער געווען אנצופאנגען.

— פיעלייכט גאר ניט שרייבען? — האט זי זיך בעראטהען מיט זיך זעלבסט — ער קען נאך שלעכט אויסטייטשען מיין בריעף. ער קען נאך דיינקען, אז איך האב חרטה, אז איך בעט זיך ביי איהם.

איהר געזיכט האט זיך קראמפפהאפט אויסגעקרימט און מיט ציטערענדע הענד האט זי איינגעטונקט די פעדער אין טינט, זאגענדיג:

— טאמער דיינקט ער ווירקליך, אז איך וועל אמאל חרטה האבען, דארף איך דאך אודאי שרייבען...

און זי האט אויפגעשריעבען די פאלגענדע ציילען:

„מיסטער פרענק: —

איהר וועט זיך געוויס ניט וואונדערן, ווען איהר וועט בעקומען דיעזען בריעף. איהר וועט זיך געוויס פרעגען: נאכדעם ווי צווישען אונז ביידען איז אלעס געענדיגט, ווי קום איך אלזא צו אייך צו שרייבען? וועל איך אייך ערקלעהרען די אורזאכע, וואס האט מיך געצוואונגען זיך צו אייך צו ווענדען מיט דיעזען בריעף.

ווען איהר זייט פון מיר אוועק, האב איך גענומען נאכדיינקען וועגען דעם, וואס עס איז צווישען אונז היינט פארגעקומען און בין געקומען צום בעשלוס, אז איך האב אייך נאך א פאר וויכטיגע זאכען ניט געזאגט. איך בין געווען זעהר נערוועז און זיי זיינען מיר פון זינען ארויס. אלזא דאס איז די אורזאכע פון מיין יעצטיגען שרייבען צו אייך.

— אבער פריהער וויל איך אייך בעטען אום ענטשולדיגונג דערפאר וואס איך בין צו אייך געווען פיעלייכט ניט העפליך. איהר דארפט מיר פערצייהען. איהר פערשטעהט דאך געוויס וואס אין מיין הארץ האט זיך דאן געטהאן... איך האב ערווארטעט, אז

איהר וועט מיר בעגרייפען און זאָגאָר מיט מיר סימפּאַטהיזירען, ווייל איהר קענט מיר, איהר ווייסט, אַז איך בין אימער אויפריכטיג אין מיינע האַנדלונגען. זעהט, איך האָב אייך ניט אויסגעביטען אויף אַ רייכערען אָדער שעהנערען פון אייך. איך האָב געהאַנדעלט לויט די שטימע פון מיין הארצען... מיין געליעבטער איז אַן אָרימער אַרבייטער און איך וועל זיין גליקליך זאָגאָר אין אַרמוטה מיט איהם מיינע יאָהרען אויסצולעבען. איך ווידערהאָל וואָס איך האָב אייך שוין היינט געזאָגט: איך האָב אייך קיינמאָל ניט געליעבט. איך האָב ביז יעצט איבערהויפּט ניט געוואוסט וואָס עס איז אַזעלכעס ליעבע.

— נאָך אַזאַ אָפענע ערקלעהרונג, גלויב איך, בלייבט פאַר אייך מעהר ניט צו טהאָן ווי זיך צו בערוהיגען, און וועגען דעם וויל איך הויפּטזעכליך יעצט מיט אייך זיך דורכרעדען דורך דיעזע צייליען.

— איהר זייט אוועק פון מיר בייז. מיין וואונש איז, אַז מיר זאָלען זיך פאַנאַנדערגעהן ווי פריינד, איהר זאָלט צו מיר קיין האַס ניט טראָגען, ווייל איך האָב צו אייך אויך ניט קיין שלעכטע געפיהלען. מיין יעצטיגע האַנדלונג איז פאַר אייך פיעלייכט נאָך אַ גליק. דאָס וואָס עס האָט פּאַסירט יעצט, וואָלט פיעלייכט געקענט פּאַסירען שפּעטער, ווען מיר וואָלטען שוין געוועזען פערהייראַט, דען אונזער הייראַט וואָלט ניט געבויט געוועזען אויף דעם פונדאַמענט פון ליעבע. איך זעה יעצט דייטליך, אַז איך האָב אייך ניט געליעבט. און שטעלט זיך פאָר וואָס עס וואָלט דאַן געוועזען...

— מיין איניגסטער וואונש דארום איז, אַז איהר זאָלט זיך בערוהיגען און זיין גליקליך. איהר וועט דאָס געוויס זיין און יעדענפאַלס גליקליכער ווי מיט מיר...

אכטונגספאָל,

פלאָרא".

ווען זי האָט געענדיגט דעם בריעף, האָט זי זיך ווידער פערטראַכט, צו זי זאָל איהם גאָר שיקען. זי האָט איהם אַ פּאָר מאָל איבערגעלעזען און עפּעס האָט ער איהר ניט צופריעדענגעשטעלט.

זי האָט זיך אָנגעשטריינגט זיך פאָרצושטעלן אין די געדאַנקען וואָס פאַר אַן איינדרוק עס וועט אויף איהם מאַכען דיזער בריעף. עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז ער איז ניט גענוג שטריינג, אַז ער קען מאַכען דעם איינדרוק, אַזוי ווי זי וואָלט זיך עפּעס וועלען פערענטפערען פאַר איהם.

פּלוצלונג האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ אין טהיר און עס איז אַריינגעקומען דער דאָקטאָר. פלאָרא האָט זיך דערפרעהט. זי וועט זיך מיט איהם בעראַטהען, צו זי זאָל שיקען דעם בריעף.

— איך בין דיר געקומען זאָגען „גוד נייט“ — האָט דער אַרצט געזאָגט, בלייבענדיג שטעהן ביי דער טהיר — און איך געה שוין אַוועק. דו ביזט מיעד און איך דאַרף זיך אויך אויסרוהען. מיר האָבעןביידע היינט דורכגעלעבט אַ היבש ביסעל אויפרעגונג.

— זיצט נאָך אַ ווײַלע — האָט פלאָרא זיך געבעטען ביים דאָקטאָר — איך וויל זיך מיט אייך וועגען עטוואָס בעראַטהען.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט. זי האָט איהם דערצעהלט וועגען דעם בריעף וואָס זי האָט געשריבען צו פרענק'ען, ווייזענדיג איהם דעם בריעף.

דער דאָקטאָר האָט איהם אויפמערקזאַם דורכגעלעזען און געזאָגט:

— אויב דו האָסט איהם דאָס זעלבע שוין מינדליך ערקלעהרט, זעה איך ניט נאָך וואָס דו זאָלסט צו איהם שרייבען.

פלאָרא האָט איהם יעצט מיט איינצעלהייטען דערצעהלט דעם געשפּרעך וואָס זי האָט געהאַט מיט פרענק'ען, ווי ער האָט זיך געבעטען ביי איהר און ענדליך געסטראַשעט מיט זעלבסטמאָרד, אויב זי וועט איהם פון זיך פערשטויסען.

— דאָס וואָלט געווען שרעקליך! — האָט זי געענדיגט, וועררענדיג זעהר נערוועז — מיין געוויסען וואָלט מיר דעם גאַנצען לעבען געפּלאָגט. איך וויל, אַז מיר זאָלען זיך פאַנאַנדערגעהן ווי פריינד, און דערפאַר האָב איך בעשלאָסען צו איהם צו שרייבען.

— זעלבסטמאָרד? פרענק וועט בעגעהן זעלבסטמאָרד? —

האָט דער דאָקטאָר א פּערוואונדערטער געצויגען מיט די פּלייצעס — דאָס איז פאר מיר אונפערשטענדליך.

— איהר חידוש'ט זיך, און איך האָב זיך אויך גיט ווייניג געוואונדערט. אָבער איך מוז אייך זאָגען, אז דאָס איז ניט געווען סתם גערעדט. ער האָט דאָס געמיינט זעהר ערנסט. איהר האָט געזאָלט זעהן ווי ער האָט אויסגעקוקט בשעת ער האָט דאָס געזאָגט. זיינע אויגען האָבען דערמאָהנט אן אויפגערעגטען טיגער...

— איז ער דאָך טאקע ערנסט פערליעבט אין דיר.

פלאָרא האָט שווער אָבגעזיפצט.

דער ארצט האָט זיך א ווייל‌ע פערטראכט, נאכהער ווידער אנגעפאנגען:

— די מענשליכע נשמה איז אן אייביגע רעטעניש. ווער האָט זיך האָפּ געזאָלט ריכטען, אז אין דיזען הארטען, קאלטען מענשען'ס הארץ זאָל זיך געפינען פלאץ פאר סענטימענטאלע געפיהלען! ער האָט אויף מיר אימער געמאכט דעם איינדרוק אלס א מענש אָהן א שום ווארימען געפיהל.

— ווי זשע דיינקט איהר, זאָל איך איהם שיקען דעם בריעף?

— האָט פלאָרא געפרעגט מיט אנגסט אין איהר שטימע.

— שאדען קען עס ניט — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט — אבוואָהל...

ער האָט ניט געענדיגט און איז פלוצלונג אנשוויגען געוואָרען.

— ווארום ענדיגט איהר ניט וואָס איהר האָט געוואָלט זאָגען? — האָט פלאָרא דערשראָקען איהם אָנגעקוקט.

— איך דיינק — האָט דער דאָקטאָר פאָרטגעזעצט, נאָכדיינקענדיג — אויב עס איז ווירקליך אזוי דער פאל, ווי דו ערקלערסט, וועט דער בריעף ווייניג וואָס העלפען. עס וועט איהם פיעלייכט נאָך מעהר אויפרייצען.

— טאָ וואָס זשע בלייבט מיר צו טהאָן? — האָט פלאָרא געפרעגט אין א וויינענדיגע שטימע.

— אָט דאָס איז אז מען לאָזט זיך אריין אין נארישקייטען — האָט דער ארצט געזאָגט אין א פילאָזאָפישען טאָן.

— אין מיר בלוטעט די הארץ און איהר מאכט שפאס! — האט פלארא איהם געמאכט פארווירפע.

— וואס זשע זאל איך דיר טהאן? איך בין א דאקטאר. איך קען היילען קראנקע. צו ליעבעס־שמערצען האב איך קיין שום מע־דיצין ניט.

פלארא האט זיך בייז אבגעקעהרט פון איהם.

— זי איז גאר ברוגז אז מען זאגט איהר דעם אמת.

— איהר זייט ווירקליך א מענש מיט א שטיינערנע הארץ — האט זי שארף געזאגט, בלייבענדיג זיצען אין דער זעלבער פוזע.

— אונזער פראפעסיאן פאדערט דאס. מיר טארען ניט זיין סענטימענטאל.

זעהענדיג, אז פלארא ערגערט זיך אלץ מעהר, האט דער דאק־טאר זיך שוין לייננער ניט געוואלט רייצען מיט איהר און געזאגט אין א מילדען טאן, אננעהמענדיג איהר פאר דער האנד:

— שרייב אן דעם אדרעס און גיב מיר דעם בריעף, וועל איך איהם שוין בעזארגען.

אויף פלארא׳ס געזיכט האט זיך א פרעהליכער שמייכעל בע־וויזען. זי האט זיך צוריק אומגעקעהרט צום דאקטאר און געזאגט:

— וואס פאר א פערגעניגען האט איהר ווען איהר ערגערט מיר, הא?

דער ארצט האט געשמייכעלט.

— געדיינקט, איך וועל זיך שוין מיט אייך פאר אלעס מיט אמאל אפרעכענען! — האט זי איהם געסטראשעט מיט׳ן פינ־גער.

— גיב מיר שוין דעם בריעף, איך וויל אהיים געהן — האט דער דאקטאר ווייטער געשמייכעלט.

פלארא האט אויף א קאנווערט אנגעשריבען דעם אדרעס. זי איז ווידער געווארען נערוועז. דערלאנגענדיג דעם דאקטאר דעם בריעף, האט זי געזאגט:

— אה, ווי גליקליך איך וועל זיין, אז דער בריעף וועט אויף איהם מאכען א גוטע ווירקונג, און ער וועט זיך בערוהיגען.

— דו ערוואַרטעסט צופיעל פלאָרא — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט אין אַן ערנסטען טאָן, אויפהויבענדיג זיך פון שטוהל — אויב פרענק ליעבט דיך ערנסט, וועט ער זיך אַזוי שנעל ניט בערוהיגען. ווען ער וואָלט ניט געווען אַ מענש מיט אַזאַ פעסטען כאַראַקטער, וואָלט ער זיך גיכער געווען בערוהיגט. איבריגענס — האָט ער צוגעגעבען — איך וועל שוין וויסען ווי עס האַלט מיט איהם.

— וואו וועט איהר זיך זעהן מיט איהם? — האָט פלאָרא איהם ערשטוינט אַנגעקוקט.

— דאָס ווייס איך נאָך ניט. פיעלייכט ביי מיר אין הויז אָדער גאָר ביי דיינע עלטערען.

— איהר האָט דען בעשטימט זיך מיט איהם צו זעהן? — איז פלאָרא נאָך מעהר ערשטוינט געוואָרען.

— איך האָב דאָס יעצט ערשט בעשלאָסען. איך וועל איהם אין דער פריה אָפרופען דורכ'ן טעלעפאָן.

— דאָס איז גוט! — האָט פלאָרא אונטערגעטאַנצט פון פרייד — רעדט מיט איהם, ערקלעהרט איהם אַלעס...

— איך וועל איהם ערקלעהרען, אַז ער דאַרף זיין גליקליך וואָס ער ווערט פטור פון אַזאַ שלאַק, פון אַזאַ צרה ווי דו ביזט.

— איהר פאַנגט שוין ווידער אָן?

— איך שרעק זיך ווינציג פאַר אַזעלכע העלדינען ווי דו ביזט. איך וועל ביי פרענק'ען פועל'ן, אַז ער זאָל אפילו דיין נאָמען ניט וועלען מעהר הערען.

— הלואי! — האָט פלאָרא פרעהליך אויסגעשריען — זעהט אַז ער זאָל זיך בערוהיגען און ער זאָל מיר ניט בלייבען קיין שונא. איך בין איהם אויך ניט קיין פיינד נאָך דעם היינטיגען געשפרעך.

— אַזוי זייט איהר אַלע הוה'ס מעכטער — האָט דער דאָקטאָר ווייטער גערעדט אין אַ פילאָזאָפישען טאָן — איהר, פרויען, האָט דעם גרעסטען פערגניגען ווען אַ מיצער ערקלעהרט אייך אַז ער האָט אייך ליעב. איך בין זיכער, אַז דו האָסט פרענק'ען גע־האַסט און יעצט, אַז דו האָסט געהערט פון זיין אייגען מויל, אַז

ער איז אין דיר פערליעבט, ביזטו איהם שוין א פריינד. איהר זייט א מאָדנע פאָלק, איהר פרויען!...

— אהא, דער אלטער בחור האָט זיך שוין אין אייך צורעדט — האָט פלאָרא איראָניש געענטפערט.

— זעה נאָר, אַז דו זאָלסט ניט פערבלייבען קיין אלטע בתולה — האָט דער דאָקטאָר איהר אָבגעענטפערט מיט א שטאָך — אַן אלטער בחור איז נאָך ניט אזוי שלעכט, אָבער אַן אלטע פריילין...

— ווען איך זאָל אפילו בלייבען אַן אלטע מויד, וואָלט איך אייך אויך ניט הייראַטען — האָט זי זיך ווידער מיט איהם גערייצט.

— דו ווילסט מיר שוין ווידער פעררייידען די צייהנער — איז דער דאָקטאָר כלומרשט געוואָרען ערנסט — דו ווייסט דאָך וואָס איך מיין. די פריילין וואָס איז פריהער געווען ביי ניימאַן'ען...

— נו, איז זי געווען, איז וואָס? — איז פלאָרא שוין געוואָרען נערוועז — ער טאָר ניט האָבען קיין בעקאַנטע? איך בין צופריעדען זי זאָל איהם קומען בעזוכען — האָט זי צוגעגעבען מיט געמאַכטען מוטה, ווערהענד טיעף אין הארצען האָט זי פעראיבעל געהאַט אויף דעם דאָקטאָר, פאַרוואָס ער האָט די מיידעל דערמאָהנט.

— אַז דו ביזט צופריעדען, בין איך דאָס אודאי.

— איהר ווילט מיר מאַכען אייפערזיכטיג, אָבער דאָס וועט אייך אויף קיין פאַל ניט געלינגען.

— איך דאַרף עס ניט ערשט מאַכען. דו ביזט עס שוין.

פלאָרא האָט שוין יעצט פערלאָרען די קאָנטראָלע איבער זיך און האָט זיך צושריען:

— נו, בין איך, בין איך אייפערזיכטיג, איז וואָס? איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, אַז מען ליעבט ערנסט, איז מען אייפערזיכטיג. דאָס איז א גאַנץ נאַטירליכער געפיהל.

— יעצט הער איך ווערטער — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט טריאומפפירענד — אָבער דערצעהל מיר ניט קיין מעשיות, אַז

דו ביזט צופריעדען, אז די פריילין זאָל בעזוכען ניימאַן׳ען, א׳
עס אַארט דיך ניט.

ער האָט ארויסגענומען דעם זייגער, א קוק געטהאָן ווי שפעט
ס׳איז און פאַרטגעזעצט:

— איך בין אריינגעקומען דיר זאָגען „גוד נייט“ און האָב
איבער א האַלבע שטונדע גע׳פּטור׳ט. אַלזאָ איך געה שוין. „גוד
נייט“ — האָט ער צו איהר אויסגעשטרעקט די האַנד.

— ווען־זשע וועט איהר זיך זעהען מיט פּרענק׳ען ? — האָט
פלאָרא איהם נאָך פערהאַלטען.

— ער וועט דעם בריעף ערהאַלטען אין דער פריה מיט דער
ערשטער פּאָסט וואהרשיינליך — האָט דער דאָקטאָר געענט־
פערט — וועל איך זיך מיט איהם זעהן ארום 9 אוהר, איידער איך
וועל אהער קומען.

— האָט איהר אָנגעזאָגט די נאַכט־נוירס, אז זי זאָל מיך
אריינלאָזען צו ניימאַן׳ען ? — האָט פלאָרא ווייטער געפרעגט —
זי קען דאָך מיר ניט.

— איך האָב איהר אָנגעזאָגט, אז זי זאָל דיך ניט אריינ־
לאָזען — האָט דער ארצט געענטפערט אין אן ערנסטען טאָן.

— גענוג שוין שפּאַסען.

— איך מיין עס ערנסט. זי וועט קיינעם צו איהם ניט אריינ־
לאָזען. ער דארף רוהען און דו דארפסט אויך רוהען.

— ווייסט איהר דען ניט, אז אויב איהר וועט מיר צו איהם
ניט אריינלאָזען וועל איך געוויס ניט קענען רוהען ?

— פלאָרא, איך בעט דיך, דינג זיך ניט מיט מיר.

זעהענדיג, אז דער דאָקטאָר ווערט אונגעדולדיג, האָט זי זיך
ביי איהם געבעטען, ער זאָל אָנזאָגען די נוירס, אז זי זאָל איהר ער־
לויבען כאָטש א פּאָר מאָל אויף ניימאַן׳ען א קוק צו טהאָן פון ווייי־
טען. דער ארצט האָט עס אָבער איהר ניט געוואָלט צוליעב טהאָן
און איז אַוועק.

ווי א פערוואונדעטער טיגער איז פלאָרא ווידער אומגעגאַנ־
גען הין און צוריק אין איהר צימער. דעם דאָקטאָר׳ס בעמערקונג

וועגען דעם ניוס־דיעלער'ס טאָכטער האָט זיך טיעף איינגעקריצט אין איהר הארצען. פון דעם ערשטען בליק ווען זי האָט איהר דער־זעהען האָט זי אינסטינקטיוו געפיהלט, אז דיעזע מיידעל וועט איהר שמערצען פערשאפען. זי האָט זיך אָבער געסטארעט צו פערטריי־בען פון זיך דיעזען געפיהל... זי איז זיכער געווען, אז ניימאַן ליעבט איהר און זי האָט פאַר קיין קאָנקורענטין קיין מורא ניט געהאָט. אָבער ווען זי האָט געהערט, אז ניימאַן לאדעט איין די פריילין, זי זאָל איהם קומען בעזוכען, האָט עס איהר שטארק געערגערט, אָבער זי האָט זיך באלד בערוהיגט, אז ער איז דערביי גאָר ניט אויסען. יעצט האָט זיך אין איהר הארצען ווידער צופלאמט א פיינדליכער געפיהל צו דער מיידעל. זי האָט שטארק בעדויערט ווארום זי האָט ניט געהאט קיין געלעגענהייט מיט איהר צו זיין אונטער פיער אויגען און איהר דייטליך ערקלעהרען, אז ניימאַן איז איהר געליעבטער, און זי האָט בעשלאָסען, אז אויב זי וועט דאָ מאָרגען זיין, וועט זי האָבען מיט איהר אן אָפענעם געשפרעך.

אין באלד איז איהר דיעזער בעשלוס פאָרגעקומען אלס ניט פראקטיש. עס וועט אויסזעהען, אזוי ווי זי וואָלט זיך ביי איהר בעטען, זי זאָל זיך אָפּטשעפּען פון ניימאַן'ען; זי וועט דיינקען, אַז זי איז מיט ניימאַן'ען ניט זיכער. און זי האָט בעשלאָסען, מיט דער מיידעל וועגען איהר ליעבע קיין וואָרט ניט צו ריידען. זי מוז דאָס שוין געוויס וויסען פון דער צייטונג, איז א געדאַנק איהר דורכגעלאָפען דורכ'ן מוח, און אויב זי האָט די צייטונג ניט גע־ליעזען, האָט זי דאָס זעלבסט ארויסגעזעהען דערפון, וואָס זי איז דאָ פערבליעבען מיט ניימאַן'ען. און אפשר האָט ניימאַן עס איהר אליין דערצעהלט — איז ווידער א נייער געדאַנק איהר ארויפ־געקומען אויפ'ן זינען. אה, ווי גוט דאָס וואָלט געווען ווען ער זאָל ווירקליך איהר דאָס געווען זאָגען!

זי האָט יעצט געפיהלט א שטארקען בעגעהר צו זעהען ניי־מאַן'ען. טאָמער שלאָפט ער ניט, וועט זי איהם פרעגען. ניין, זי וועט איהם ניט פרעגען, נאָר האָבען מיט איהם א געשפרעך ווע־גען דער מיידעל, און אויב ער האָט איהר דערצעהלט וועגען זייער

ליעבע, וועט ער עס איהר דאָך זאָגען. אָבער ווי קען זי זעהן ניי־מאַן׳ען, אז דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט, מען זאָל זי ניט אַריינ־לאָזען.

א פּאָר שטונדען איז זי אַזוי אומגעגאַנגען. אָבוואָהל זי איז געווען ערשעפּפט און הונגעריג, דאָך האָט זי וועגען רוהען ניט געדיינקט. זי מוז נאָך היינט זעהען ניימאַן׳ען, זאָנסט וועט זי ניט קענען שלאָפען. זי איז אַלץ מעהר אויפגערעגט געוואָרען און אַלץ נייע געדאַנקען — טרויעריגע און פרעהליכע — האָבען אין איהר מוח אַריינגעדרונגען.

ענדליך האָט זי בעשלאָסען צו בעטען ביי ניימאַן׳ס נוירס, זי זאָל איהר ערלויבען בלויז אויף איהם א קוק צו טהאָן. זי וועט איהר פערזיכערען, אז דער דאָקטאָר וועט זיך וועגען דעם ניט דערוויסען. זי האָט שטיל געעפענט די טהיר און איז אויף די שפּיץ־פינגער צוגעגאַנגען צו דעם צימער, וואו ניימאַן איז געלעגען אין זעהר שטיל אָנגעקלאַפּט אן די טהיר.

די נוירס איז ארויסגעקומען, האָט זי בעגריסט מיט א פריינד־ליכען שמייכעל און געזאָגט:

— נאָך וואָס האָט איהר געדאַרפט אָנקלאַפּען? קומט אריין.

פלאָרא האָט זי ערשטוינט אָנגעקוקט. די נוירס איז פּלוצ־לונג געוואָרען צוטומעלט און געזאָגט, צומאַכענדיג הינטער זיך די טהיר, אזוי ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אז פלאָרא זאָל זיך ניט מיט געוואַלד אהין אריינרייסען:

— איך זעה אז איך האָב געהאַט א טעות. ווי איז אייער נאָמען?

— איך בין מיסס זינגער — האָט פלאָרא ארויסגעשטאַ־מעלט אין א ציטערנדע שטימע.

אויף דער נוירס׳ געזיכט האָט זיך בעוויזען דער פריהערי־גער ליעבליכער שמייכעל און זי האָט געזאָגט:

אויב אַזוי איז עס טאַקע ניט קיין טעות. איך ערוואַרט אייך שוין פון א פּאָר שטונדען. זעהענדיג אז איהר קומט ניט, האָב איך געדיינקט, אַז איהר שלאָפט שוין.

פלאָרא האָט שוין געזעהן, אז דער דאָקטאָר האָט ווידער גע־שפּיעלט מיט איהר א שפּאס. דער נוירס האָט ער אָנגעזאָגט, אז זי זאָל זי אריינלאָזען און איהר האָט ער געזאָגט פערקעהרט. ער האָט עס אומישנע געטהאָן, אום זי זאָל זיך לייגען שלאָפען — האָט זי אויסגעטייטשט דעם דאָקטאָר'ס האנדלונג.

— איך בין טאקע געשלאָפען — האָט פלאָרא געזאָגט א תירוץ — און האָב זיך ערשט יעצט אויפגעכאַפּט.

— איהר ווילט אריינגעהן ? —האָט די נוירס שוין געוואָלט עפענען די טהיר.

— וואַרט נאָך א ווייל — האָט פלאָרא זי פערהאַלטען — ער שלאָפט ?

— יא, ער שלאָפט זעהר גוט. מיר האָבען איהם געגעבען א מעדיצין אום ער זאָל שלאָפען.

— ער קען זיך נאָך פּיעלייכט אויפכאַפּען ווען מיר וועלען ביידע דאָרט זיין.

— ניין. ער שלאָפט מיט א הארטען שלאָף. איבעריגענס, מיר וועלען דאָך ניט מאַכען קיין געוואַלדען.

— שוין לאַנג ווי ער איז אנשלאָפען געוואָרען ?

די נוירס האָט א קוק געטהאָן אויפ'ן זייגער'ל, וואָס האָט געהאַנגען אויף איהר ברוסט און געענטפערט :

— שוין איבער פיער שטונדען.

— און ער האָט זיך ניט אויפגעכאַפּט דורך דער צייט ? — האָט זיך פלאָרא געוואונדערט.

— ניין. ער האָט אָבער א פּאָר מאָל גערעדט דורכ'ן שלאָף.

— איהר האָט געהערט וואָס ער האָט גערעדט ? — האָט פלאָרא נייגיעריג געפרעגט.

די נוירס האָט אויף איהר געוואָרפען א זייטיגען בליק און געענטפערט :

— ענטשולדיגט מיר פאַר מיין דרייסטקייט. וואָס אינטע־רעסירט אייך אזוי צו וויסען וואָס דער קראנקער האָט גערעדט פון שלאָף ?

— אז עס וואָלט מיר ניט אינטערעסירען, וואָלט איך דאָך ניט געפרעגט — האָט פלאָרא מיט א שמייכעל געענטפערט.

די נוירס האָט געשוויגען.

— איהר ווילט מיר אַלזאָ ניט זאָגען? — האָט פלאָרא געקוקט אויף דער נוירס מיט בעטענדע בליקען.

— עס וועט איך נאָך פיעלייכט פערדריסען — האָט די נוירס געענטפערט — מען דאַרף איבערהויפּט ניט שיינקען קיין אויפמערקזאַמקייט צו דעם וואָס אימיצער רעדט פון שלאָף, בפרט ביי א קראַנקען, — האָט זי צוגעגעבען.

אין פלאָרא'ן איז די האַרץ איינגעפאַלען פון שרעק. וואָס האָט ער אַזעלכעס געקענט ריידען, אַז עס זאָל איהם פערדריסען? און וואָס רעדט עפּעס די נוירס צו איהר מיט אָנצוהערענישען? ווייס זי וועגען איהרע פערהעלטניסע מיט ניימאַן'ען? האָט עס איהר דער דאָקטאָר געזאָגט? אָבער זי מוז דאָך דאָס וויסען. זי האָט זיך מיט אַלע קרעפטען געסטאַרעט צו בערוהיגען און גע־זאָגט געלאַסען:

— אייער בעמערקונג איז טאַקע ריכטיג, אָבער דאָך וואָלט איך זעהר וועלען וויסען וואָס ער האָט גערעדט, און איך בעט אייך זעהר, איהר זאָלט עס מיר זאָגען!

די נוירס האָט זיך א ווײַלע פערטראַכט און נאָכהער געזאָגט, שמייכלענדיג:

— איהר ווייסט דאָך, עס ווערט בעהויפּטעט, וועגען וואָס א מענש טראַכט ביי טאָג, טרוימט ער און רעדט וועגען דעם זעל־בען ביי־נאַכט, ווען ער שלאָפט. ער האָט גערעדט...

זי האָט פּלוצלונג אָבגעהאַקט, זיך ווידער פערטראַכט א ווײַלע און פאָרטגעזעצט:

— ענטשולדיגט, מיסס זינגער, ווי איז אייער ערשטער נאָ־מען?

— פלאָרא — האָט זי, ציטערענדיג מיט אַלע גליעדער, שנעל געענטפערט.

— ער האָט דערמאָהנט א מיידעל'ס נאָמען — האָט די

נוירס ווייטער געזאָגט, ניט ארונטערנעהמענדיג איהרע אויגען פון פלאָרא'ן, וועלכע איז יעצט געשטאַנען א פערשעהמטע, מיט ארונטערגעלאָזענע אויגען.

פלאָרא איז זיכער געווען, אז ניימאַן האָט איהר נאָמען דערמאָנט און זי איז געווען אויף דעם זיבעטען הימעל פון גליק. אָבער באלד האָט א געדאַנק ווי א גיפטיגע שלאַנג גענומען גריזשען איהר מיח: אפשר האָט ער גאָר דערמאָנט דעם נאָמען פון דעם ניוס־דיעלערס טאָכטער? זי איז כמעט זיכער געווען, אז ער האָט דאָס טאַקע יענער מיידעל'ס נאָמען דערמאָנט און דערפאַר האָט דאָס די נוירס איהר ניט געוואָלט זאָגען. זי האָט זיך אָבער געשעהמט איהר איבערצופרעגען.

אויף איהר געזיכט האָט זיך אָן אומעדיגער וואָלקען פערשפרייט.

די נוירס האָט געוואוסט, אז פלאָרא איז איהר פאַציענט'ס געליעבטע. דער דאָקטאָר האָט עס איהר דערצעהלט. ווען ער האָט איהר געזאָגט, אז זי זאָל מיסס זינגער צו יעדער צייט צולאָזען צום קראַנקען. זי האָט אלזאָ גוט פערשטאַנען וואָס אין פלאָרא'ס הארצען קומט יעצט פאָר. זי דענקט געוויס, אז איהר געליעבטער האָט גערעדט וועגען אָן אַנדער מיידעל. עס האָט איהר שוין פערדראָסען, ווארום זי האָט איהר פעראורזאכט דיעזע ליידען און זי האָט זיך אָבגערופען אין א ליעבליכען טאָן:

— אייער נאָמען האָט ער א פאָר מאָל דערמאָנט.

א גליקליכער געפיהל האָט זיך יעצט צוגאָסען איבער פלאָרא'ס אלע גליעדער. זי האָט א קוק געטהאָן אויף די נוירס מיט אויגען פול מיט דאַנקבאַרקייט.

ניימאַן האָט איהר נאָמען אין שלאָף דערמאָהנט! — ווער קען זיך יעצט צו איהר גליק פערגלייכען?

זי האָט זיך שוין יעצט פאר דעם ניוס־דיעלער'ס טאָכטער ניט געשראָקען...

— הפנים ער דענקט זעהר פיעל וועגען אייך, ווען ער איז

וואך — האָט די נוירס געזאָגט מיט א ליעבליכען שמייכעל, זע־
הענדיג ווי פלאָרא׳ס געזיכט שטראַהלט פון אינערליכען גליק —
אז ער רעדט וועגען אייך אין שלאָף.

פלאָרא האָט א ווײלע געשוויגען און נאכהער געזאָגט האלב
פערשעהמט:

— איהר האָט דאָך געזאָגט, אז ער האָט עפּעס גערעדט. וואָס
האָט ער געזאָגט?

— קומט אריין אינעווייניג, וועל איך אייך דערצעהלען —
האָט די נוירס ליעבליך געענטפערט — און עס קען זיין, אז איהר
וועט אליין הערען איהם ריידען — האָט זי צוגעגעבען — עטלי־
כע מינוטען איידער איהר זייט צוגעקומען, האָט ער ווידער גע־
רעדט.

זי האָט געעפענט די טהיר און זיי זיינען שטיל אריינגעגאנגען
אין דעם קראנקען׳ס צימער.

פלאָרא איז געבליבען שטעהן ביי דער טהיר. מיט אן איינ־
געהאלטענעם אָטהעם און מיט ענטציקטע בליקען האָט זי זיך
איינגעקוקט אין דעם שטיקעל געזיכט וואָס האָט זיך ארויסגעזעהען
פון דעם בארג מיט פרישע באנדאזשען, מיט וועלכע דער דאָקטאָר
האָט מיט עטליכע שטונדען צוריק פערבונדען ניימאַן׳ס וואונדען.

— קומט ווייטער — האָט די נוירס צו איהר געזאָגט, א וואונק
טהאָנדיג מיט׳ן קאָפּ — האָט ניט קיין מורא, איהר וועט איהם ניט
אויפוועקען.

פלאָרא איז צוגעגאנגען נעהענטער צום בעט און זיך אוועק־
געזעצט אויף א שטוהל, ניט ארונטערנעהמענדיג אלץ איהרע אויגען
פון דעם שלאָפענדען. זי האָט געלעזען פון זיין געזיכט, אז ער
טרוימט יעצט ווידער וועגען איהר און זי איז געווען אזוי גליק־
ליך!

— ווייסט איהר וואָס — האָט פלאָרא זיך געווענדעט צו דער
נוירס — איהר קענט געהן שלאָפען און איך וועל דאָ זיצען. איהר
וועט מיר זאָגען וואָס איך דארף איהם געבען אין פאל ווען ער וועט
ערוואכען.

— וואָס רעדט איהר! — האָט די נוירס פערוואונדערט געזאָגט — איך טאָר דאָס ניט טהאָן. איך וואָלט גלייך מיין שטעלע פערלאָרען. איך טאָר פון דעם פּאַציענט ניט אָבטרעטען ביז עס קומט ניט די טאָג־נוירס.

פלאָרא איז דערביי גאָר ניט אויסען געווען. זי האָט איינפאַך געוואָלט די נוירס אָפּדיענען פאר די פרעהליכע נאַכריכט, וואָס זי האָט איהר מיטגעטהיילט, אז ניימאַן האָט וועגען איהר גערעדט פון שלאָף און אויך האָט זי געוואָלט האָבען דאָס פערגניגען זעלבסט צו בעדיענען איהר געליעבטען, וואָס דאָס איז געווען דער הויפּט צוועק פון איהר זיין אין האָספּיטאָל.

— איהר האָט דאָך מיר פערשפּראָכען צו זאָגען וואָס ער האָט וועגען מיר גערעדט, — האָט פלאָרא זיך ווידער געווענדעט צו דער נוירס.

— איהר זייט זעהר א נייגעריגע, ווי איך זעה — האָט די נוירס געענטפערט מיט א שמייכעל — וואָס אינטערעסירט עס אייך אזוי צו וויסען וואָס ער האָט גערעדט?

— וואָלט עס אייך ניט געווען אינטערעסירען, ווען איהר וואָלט זיך געפינען אין מיין לאַגע? — האָט פלאָרא געפרעגט אָפענהערציג.

דער נוירס' געזיכט איז פּלוצלונג בלייך געוואָרען און פון איהר ברוסט האָט זיך א פערשטיקטער זיפץ ארויסגעריסען. פלאָרא האָט פערשטאַנען, אז זי האָט מיט איהר פראַגע אָנגעריהרט א וואונד, וועלכע איז פערבאָרגען ערגעץ טיעף אין דער נוירס' הארצען — א וואונד, וועלכע די פערגאַנגענהייט האָט אין איהר איבערגעלאָזען און די געגענוואַרט האָט נאָך ניט פערהיילט, און עס האָט איהר שטאַרק פערדראָסען וואָרום זי האָט געלאָזען לויפען איהר צונג.

א ווייל׳ע האָט אין צימער געהערשט א שטילקייט. ענדליך האָט פלאָרא ווידער געזאָגט:

— פערצייהעט מיר פאר מיין דרייסטקייט. ניט ווילענדיג רייסט זיך אמאָל ארויס א וואָרט...

— איך האָב גאָר ניט צו אייך — האָט די נוירס העפליך

געזאָגט, װעהרענד איבער איהר בלײכען געזיכט זײנען נערװועזע צוקען דורכגעלאָפען. — איהר װילט װיסען װאָס דער קראַנקער האָט גערעדט, הערט זשע. איך געדײנק יעדעס װאָרט: דאָס ערשטע מאָל האָט ער אײניגע מאָל אײער נאָמען אױסגערופען: „פלאָרא, פלאָרא!" האָט ער געשריען און דערבײ אױסגעשטרעקט די הענד, אַזױ װי ער װאָלט איך װעלען אַרומנעהמען... אין אַ װײלע שפּעטער האָט ער װיעדער דערמאָנט אײער נאָמען און דערבײ געזאָגט: „ביזטו גליקליך? אָה, איך בין אַזױ גליקליך! האָב ניט קײן מורא פאַר קײנעם. איך װעל דיך בעשיצען". און דאָס לעצטע מאָל אײדער איהר זײט צוגעקומען, האָט ער עפּעס גערעדט איבערגעריסענע, אונפערשטענדליכע װערטער.

פלאָרא האָט זיך געהאַט צוגעטוליעט צו דער נוירס און געשלונגען מיט ענטציקונג יעדעס װאָרט װאָס איז אַרױס פון איהר מױל. איהר געזיכט האָט געפלאַמט און איהרע אױגען האָבען געגליהט פון אינערליכען גליק.

— װאָס פאַר אַ אונפערשטענדליכע װערטער האָט ער גערעדט? — האָט פלאָרא געפרעגט אין אַ פרעהליכע שטימע, װען די נוירס האָט געענדיגט.

— ער האָט עפּעס דערמאָנט טרעמפּס, פּריזאָנס, הונגער און פערשיעדענע שטעדט.

פלאָרא האָט געצװיגען מיט די פּלײצעס.

— איך האָב געמײנט, אַז ער רעדט דאָס פון היץ — האָט די נוירס פאָרטגעזעצט — און איך האָב געמאָסטען זײן טעמפּעראַטור; ער האָט אָבער קײן היץ ניט געהאַט.

פלאָרא׳ס געזיכט האָט יעצט געשטראַהלט פון העכסטען גליק. דאָס איז געװען אַ שאַרפער קאָנטראַסט פון דער נוירס׳ געזיכט, װעלכעס איז נאָך אַלץ געװען בלײך און מיט אַ געדיכטען װאָלקען פון אומעט און לײדען פערשלײערט. פלאָרא האָט זיך יעצט געפונען אין אַ פערלעגענהײט. זעהענדיג װי די נוירס איז נאָך אַלץ פערביטערט, האָט זי זיך געסטאַרעט צו בעהערשען איהרע געפיהלען, אום ניט אַרױסצוצײגען דאָס גליק, מיט װעלכען

איהר הארץ איז יעצט געווען איבערפול. זי האט אלץ דייט־ליכער געזעהען, אז איהר פריהערדיגע בעמערקונג האט אין איהר נייער בעקאנטער בעריהרט אן אלטע וואונד. די נוירס האט געוויס אמאל געליעבט און איז אין איהר ליעבע ענטוישט געווארען. דא האט זי זיך עראינערט אן דעם פאקט, דאס פיעל פרויען וועלכע ווערען ענטטוישט אין ליעבע, ווערען נוירסעס אדער געהען אוועק אין מאנאסטירען, וואו זיי לעבען אויס זייערע יאהרען אין איינ־זאמקייט. זי האט זיך דארום געפונען אין אן אונאנגענעהמער לא־גע. זי האט זיך בעטראכט אלס א קארגע, וועלכע עסט א געשמאקען מאלצייט, וועהרענד לעבען איהר געפינט זיך א הונגעריגער, וואס שמאכטעט נאך א שטיקעל ברויט...

— ער האט וואהרשיינליך געטרוימט פון א בוך, וואס ער האט ניט לאנג געלעזען האט די נוירס וויעדער אנגעפאנגען.

פלארא האט דערקענט אין דעם טאן, אין וועלכען זי האט גע־רעדט, אז זי וויל איהר אריינציהען אין א געשפרעך און זי איז געווען גערן דאס איהר צוליעב צו טהאן. זי וואלט אלעס אין דער וועלט פאר איהר יעצט געטהאן, אום איהר אביסעל אויפצומונ־טערן.

און עס האט זיך באלד צווישען זיי פערבונדען א געשפרעך. זיי האבען שוין צווישען זיך גערעדט, אזוי ווי זיי וואלטען געווען אלטע בעקאנטע.

פרויען ווערען שנעלער בעקענט, אינטים צווישען זיך, ווי מע־נער.

פלארא האט איהר דערצעהלט די גאנצע געשיכטע פון איהר ראמאן. פון צייט צו צייט פלעגט זי א קוק טהאן אויף איהר גע־ליעבטען, וועלכער איז רוהיג געשלאפען, און איהר געזיכט האט אלץ העכער געשטראהלט פון אינערליכען גליק. זי איז געווען אזוי בעגייסטערט, אז זי האט פערגעסען, דאס איהר צוהערערין טראגט טיעפע וואונדען אין איהר הארצען — ליעבעס־וואונדען, ווי זי האט פריהער געדיינקט. ווען זי האט געענדיגט האבען זיך פון דער נוירס' ברוסט וויעדער ארויסגעריסען פערשטיקטע זיפצען. פלארא האט

זיך אין הארצען ווידער געמאַכט שטאַרקע פּאַרוווּרפע, וואָרום זי האָט זיך פּערגעסען און אַזוי בעגייסטערט גערעדט וועגען איהר גליק.

און ווידער האָט אין צימער געהערשט אַ שטילקייט. עס האָט זיך געהערט דאָס רעגעלע אָטהעמען פון דעם שלאָפענדען און פון צייט צו צייט די פערשטיקטע זיפצען, וועלכע האָבען זיך נאָך אַלץ ארויסגעריסען פון דער נוירס' ברוסט. פלאָרא איז געוועזן גליקליך וואָס ניימאַן שלאָפט אַזוי רוהיג. פון דער אַנדער זייט האָט אין איהר הארצען ערוואַכט אַ שטאַרקער מיטלייד צו דער נוירס און זי האָט בעשלאָסען ביי איהר צו פרעגען וואָס עס דריקט אַזוי איהר הארץ.

— וואָס זיפצט איהר עפּעס אַזוי? — האָט פלאָרא זיך געווענדעט צו דער נוירס אין אַ טאָן, אין וועלכען עס האָט זיך געהערט מיטלייד — איך זעה, אַז איהר טראָגט עפּעס אַ געהיימניס אין אייער הארצען. ענטשולדיגט מיר פאר מיין דרייסטקייט. זעהט איהר, איך בין אַן אָפענהערציגע. איך האָב זיך ערשט מיט אייך בעקענט און איהר ווייסט שוין כמעט מיין גאַנצע לעבענס־געשיכטע.

— איך בין אַזוי צופריעדען וואָס איך האָב זיך מיט אייך בעקענט! — האָט די נוירס גערעדט מיט הארץ — איך פיהל, אַז איך האָב אין אייך פאר זיך אַ נייע פריינדין ערוואָרבען, און איך נויטיג זיך אַזוי שטאַרק אין אַן אמת'ע פריינדין! איך בין דאָ אַן עלענדע, איך האָב אבסאָלוט קיינעם ניט אין נויאָרק.

— זייט זיכער, אַז איהר האָט אין מיר אַזעלכע געפונען — האָט פלאָרא איהר פערזיכערט אין איהר פריינדשאַפט — אויך איך נויטיג זיך אין אמת'ע פריינד, אַבוואָהל איך בין דאָ ניט עלענד. אַ וואָהרער פריינד איז אַ גליק אין לעבען. איך דיינק, אַז ווען אַ מענש האָט עטליכע אמת'ע פריינד, איז ער גליקליכער ווי ווען ער וואָלט געהאַט מיליאָנען.

— ריכטיג — האָט די נוירס געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ — אָבער ליידער איז אַזוי שווער צו געפינען אַן אמת'ן פריינד, מען ווערט אָפט ענטטוישט און די ענטטוישונג איז אַזאַ ביטערע!

— איך זעה, אז איהר האָט שוין ליידער געהאַט ערפאַהרונג אין דעם — האָט פּלאַרא ווידער געזאָגט מיט מיטלייד אין איהר שטימע.

— יאָ — האָט די נוירס טרויעריג צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ — איך בין ביטער ענטטוישט געוואָרען און איך וועל צוליעב דעם מיין גאַנצען לעבען ליידען.

פּלאַרא האָט עפּעס געוואָלט זאָגען, אָבער די נוירס האָט גלייך פאָרטגעזעצט:

— איך ווייס וואָס איהר ווילט זאָגען, אז עס איז ניט כדאי צוליעב אַן ענטטוישונג דעם גאַנצען לעבען צו ליידען. הערט אָבער אויס מיין טרויעריגע געשיכטע און איהר וועט זעהן, אז איך האָב רעכט.

זי האָט טיעף אָפּגעאָטהעמט און ווייטער גערעדט:

— עס איז זעהר א לאַנגע געשיכטע. ווען איך זאָל אייך וועלען איבערגעבען אַלע איינצעלהייטען, וואָלט עס געדאַרפט נעהמען פּיעלע שטונדען. איך וועל עס אַלזאָ מאַכען בקיצור. איך שטאַם אויך פון א רייכע פאַמיליע. מיין פאָטער איז א גרויסער לאָיער און מיין אָנקעל (מיין פאָטער'ס ברודער) איז א דזשאָדזש פון א סופּרים קאָורט. איך בין ערצויגען געוואָרען אין לוקסוס. ביי מיין פאַמיליע בין איך די עלטעסטע. איך האָב געהאַט א גוטע פריינדין, די בעס־טע פריינדין מיט וועלכע איך בין צוזאַמען אין קאָלעדזש געגאַנ־גען. איך האָב דיעזע פריינדין מיינע געליעבט פונקט ווי מיינע שוועסטער און ברידער. זי איז אויך געווען א רייכע. איהר פאָטער איז א באַנקיער. עס איז ניט אַוועק א טאָג אַז מיר זאָלען זיך ניט זעהען. עטליכע יאָהר האָט דיעזע פריינדשאַפט אָנגעהאַלטען ביז...

זי האָט פּלוצלונג אָבגעהאַקט. איהר געזיכט איז יעצט נאָך בלייכער געוואָרען און פון איהרע אויגען האָט א ים מיט טרויער ארויסגעקוקט. ענדליך האָט זי געמאַכט א בעוועגונג, אזוי ווי זי וואָלט זיך אָנשטריינגען ווייטער צו ריידען און פאָרטגעזעצט:

— ביי מיין אָנקעל דעם דזשאָדזש איז געווען א פּאַרטהי. זיין זוהן האָט געענדיגט קאָלעדזש און צוליעב דעם האָט מען געמאַכט

די פּאַרטהי. אונזער גאַנצע פאַמיליע איז נאַטירליך געווען איינגע־לאַדען. דאָרט האָב איך זיך בעקענט מיט אַ יונגען מאַן, אַ סטודענט, מיין קאָזין'ס אַ פריינד; מיין קאָזין האָט מיר טאַקע פאַר איהם פאָרגעשטעלט. מיר האָבען דעם גאַנצען אבענד פערבראַכט צוזאַ־מען. מיט קיין אַנדערע אויסער מיר האָט ער ניט געטאַנצט. איך האָב איהם פאָרגעשטעלט פאַר מיינע עלטערען און זיי האָבען איהם איינגעלאַדען ער זאָל אונז בעזוכען. שוין יענעם אבענד האָט דער יונגער מאַן מיין הארץ געפאַנגען. איך האָב גע־פיהלט, אַז איך בין ניט גלייכגילטיג צו איהם; און דאָס איז געווען דער ערשטער און דער לעצטער — האָט זי צוגעגעבען, וועהרענד אַ ציטער האָט אויפגעטרייסעלט איהר גאַנצען קערפּער.

זי איז ווידער אַנשוויגען געוואָרען. אין איהרע אויגען האָבען יעצט טרעהרען געבלישצעט. אין פלאָראַ'ן איז די הארץ פערקלעמט געוואָרען אוים מיטלייד צו איהר נייע פריינדין. זי האָט איהר דערצעהלט אַ געשיכטע, פולל מיט פרייד און גליק, און דאָ הערט זי אַ געשיכטע, פול מיט טרויער און ענטטוישונג. זי האָט איהר געוואָלט זאָגען אַ טרייסט־וואָרט. זי האָט זיך אָבער צוריקגעהאַל־טען, ניט וועלענדיג איהר איבערשלאָגען און דאָס געלאָזען אויף שפּעטער, ווען זי וועט ענדיגען.

די נוירס האָט אָבגעקעהרט דעם קאָפּ, אויסגעווישט די טרעה־רען פון די אויגען און ווייטער אָנגעפאַנגען אין אַ וויינענדיגע שטי־מע:

אויף מאָרגען איז מיין נייער בעקאַנטער צו אונז געקומען. איך בין געווען אַזוי גליקליך! מיין פריינדין איז דאַן ביי אונז געווען. איך האָב איהר שוין געהאַט דערצעהלט וועגען איהם. זי האָט שוין אויך געוואוסט, אַז איך בין צו איהם ניט גלייכגילטיג און זי איז געווען די איינציגע, פאַר וועמען איך האָב מיין הארץ פערטרויט. פאַר מיינע עלטערן איז דאָס נאָך געווען אַ סעקרעט. מיר האָבען פערבראַכט אַ פרייליכען אבענד. ווען ער איז אוועק, האָט ער מיר געפרעגט, צו איך וועל איהם ערלויבען אָפט מיר צו בעזוכען. נאַטירליך האָב איך איהם ערלויבט און צו מיין גליק

האָט זיך דאָן קיינער אין דער וועלט ניט געקענט גלייכען.

— פלאָרא! פלאָרא! — האָט זיך פּלוצלונג געהערט ניי־מאַן'ס פערשלאָפענע שטימע.

— מיסס זינגער האָט אַ ציטער געטהאָן און איהר געזיכט האָט זיך מיט אַ טויטע בלייכקייט בעצויגען. זי איז אַזוי היינגעריסען געוואָרען פון דער נוירס' ערצעהלונג, אַז זי האָט גאַר געהאַט פער־געסען וואו זי געפינט זיך.

— ששששא — האָט די נוירס געשעפּטשעט צו איהר אין דער שטיל — ער וועט אודאי נאָך עפּעס זאָגען. פריהער איז אויך אַזוי געוועזען. וואָס האָט איהר זיך אַזוי דערשראָקען?

די נוירס האָט ווירקליך געטראָפען. ניימאַן האָט באַלד וויע־דער גערעדט:

— פלאָרא! איך... איך בין טאַקע אָרים... אַן ארבייטער בין איך.. אָבער מיין הארץ איז רייך מיט ליעבע.. איך בין אַ ליע־בע־מיליאָנער, און דו ביזט די ערשטע און די לעצטע... מיין בלוט.. מיין גאַנצען לעבען קען איך פאר דיר אָפּפערען...

די בלייכקייט און שרעק איז שוין יעצט פערשוואונדען פון פלאָרא'ס געזיכט. אַ גליקליכע איז זי אויף די שפּיץ פינגער צו־געגאַנגען צום בעט און זיך איינגעגראָבען מיט איהרע שטראַהלענ־דע בליקען אין דעם שלאָפענדען. זי האָט געהאַט אַ שטאַרקען בע־געהר, אַרויפצוואַרפען זיך אויף איהם און איהם קושען, אויפ־וועקען און זאָגען איהם ווי היים זי ליעבט איהם, אַז דאָס, וואָס ער איז אָרים שפּיעלט ביי איהר די מינדעסטע ראָלע ניט. זי האָט זיך אָבער צוריקגעהאַלטען דערפון און ניט מחמת זי האָט זיך גע־שעהמט פאַר דער נוירס, נאָר ווייל זי האָט געדיינקט, אַז דאָס וועט איהר נאָך מעהר מאַכען צום ליידען, עס וועט הייסען ווי זי רייצט זיך מיט איהר... אַ פּאָר מינוטען איז זי אַזוי געשטאַנען און דער־נאָך האָט זי זיך צוריקגעקעהרט אויף איהר פריהעריגען פּלאַץ, זאָגענדיג:

— דאָס ערשטע מאָל וואָס איך הער אַ מענשען ריידען פון שלאָף.

— די פראגע וואס ער איז ארים און איהר זייט רייך מוז איהם נעבעך זעהר שטארק בעאונרוהיגען — האט די נוירס בע־מערקט — ער מוז פיעל דיינקען וועגען דעם, אז ער רעדט דאס אזש פון שלאף.

— וואהרשיינליך — האט פלארא צוגעגעבען — אבער ער וויים דאך, אז דאס שפיעלט ביי מיר קיין שום ראליע ניט.

די נוירס האט זיך איינגעקוקט אין איהר זייגער'ל און גע־זאגט:

— עס איז שוין שפעט. איהר זייט דאך געווים מיעד. געהט שוין שלאפען. איך וועל מיין געשיכטע ענדיגען אן אנדערס מאל.

פלארא האט איהר ערקלערט, אז זי איז ניט מיעד, זי וויל נאך ניט שלאפען און איז צוגעשטאנען, אז זי זאל איהר יעצט אלעס דערצעהלען.

— יעדען אבענד איז ער צו מיר געקומען — האט די נוירס נאך א קורצע פויזע גענומען וויטער דערצעהלען איהר לעבענס־געשיכטע — זיינע עלטערן האבען געוואהנט אין אן אנדער שטאדט. זיין פאטער איז א פראמינענטער דאקטאר, און ער האט אויך שטו־דירט מעדיצין. אונזער ליעבע איז לאנג קיין סוד ניט געבליבען. מיין גאנצע פאמיליע האט עס באלד בעמערקט. מיין ליעבע צו איהם איז געוואקסען און געוואקסען. דאס זעלבע איז אויך געווען מיט זיינע געפיהלען צו מיר. עס זיינען אוועק א פאר מאנאטען און ער האט זיך מיר אפען ערקלערט אין ליעבע. איך האב דאן איהם ערקלעהרט אז ער האט שוין פון לאנג מיין הארץ געפאנגען און צו אונזער גליק איז קיין גרענעץ ניט געווען. דערנאך האט ער אפיציעל געבעטען ביי מיינע עלטערן אום מיין האנד און זיי האבען אונז זייער ברכה געגעבען.

וואקיישאן צייט האט ער מיר איינגעלאדען צו זיינע על־טערן. מען האט מיר דארט זעהר ווארים עמפפאנגען (זיי האבען שוין פון אלעס געוואוסט). קנאפע צוויי מאנאטען האב איך דארט פערבראכט. זיינע עלטערן האבען מיר זעהר ליעב געהאט און מיר אלערליי פערגעניגענס פערשאפט. איך האב דארט געזאלט פער־

בלייבען לייננער, ביז דעם אָנפאנג פון סקוהל־סיזאָן. פלוצלונג בע־קום איך א בריעף פון מיין פריינדין, אז זי איז ערנסט קראנק. איך האָב זיך באלד מיט אלעמען געזעגענט און בין אהיים געפאָה־רען און גלייך אוועקגעלאָפען צו מיין פריינדין. זי איז ווירקליך געווען ערנסט קראנק אויף לונגען־ענטצינדונג. די גרעסטע דאָק־טוירים פון שטאָדט האָבען פון איהר בעט ניט אָפּגעטראָטען. איך האָב געראטהען איהרע עלטערן, אז זיי זאָלען שיקען נאָך מיין צו־קינפטיגען שוויגער־פאָטער. זיי האָבען מיין ראטה אָנגענומען און איך האָב זעלבסט צו איהם געשיקט א טעלעגראמע. אויפ'ן צוויי־טען טאָג איז ער געקומען צוזאמען מיט מיין געליעבטען (מיין געליעבטער האָט שוין געהאלטען ביים ענדיגען קאלעדזש און דער פאָטער פלעגט איהם מיטנעהמען צו קראנקע, ווען ער איז אין דערהיים געווען). ווען איך האָב געשיקט די טעלעגראמע האָב איך געוואוסט, אז ער וועט מיטקומען, איך האָב עס געפיהלט... אָבער הלואי וואָלט ער ניט געווען געקומען! — האָט זי געענדיגט מיט א הערצרייסענדען זיפץ און איז פלוצלונג אנשוויגען געוואָרען.

פלאָרא האָט אויך געשוויגען און די הארץ האָט אין איהר גע־נומען האסטיג קלאפען. זי האָט פערשטאנען, אז יעצט קומט די טרויעריגסטע טהייל פון דער געשיכטע און עפּעס א מאָדנער גע־פיהל האָט איהר יעצט בעהערשט. זי איז געווען נייגעריג צו ווי־סען וואָס עס האָט ווייטער פּאסירט און פון דער אנדערער זייט האָט זי זיך עפּעס געשראָקען, אזוי ווי די געשיכטע וואָלט געהאַט עפּעס א שייכות מיט איהר... דיעזער געפיהל איז געווען שטאר־קער ווי איהר נייגיעריגקייט. זי האָט זיך געוואונשען, אז ניימאן זאָל זיך יעצט אויפכאפּען און די נוירס זאָל ניט קענען פאָרט־זעטצען איהר ערצעהלונג. זי וויל יעצט די ענדע ניט וויסען. זי וויל פריהער ריידען מיט ניימאנ'ען, איהם פרעגען וועגען זיין טרוים און איהם בערוהיגען, אז ער זאָל מעהר ניט דיינקען וועגען דעם וואָס ער איז אָרים און זי איז רייך. מיט איהם איז זי די רייכסטע, די גליקליכסטע פּערזאָן אויף דער וועלט... א קוק טהאָנ־דיג אָבער אויף דעם שלאָפענדען, האָט זי געזעהען אז איהר וואונש

וועט יעצט ניט פערווירקליכט ווערן, דען ער איז רוהיג געשלאָפען מיט אַ פעסטען שלאָף.

די נוירס האָט פאָרטגעזעצט איהר ערצעהלונג, ריידענדיג שנעל, אַזוי ווי זי וואָלט שוין קיין קרעפטען ניט געהאַט צו רעדען:

— איך האָב זעלבסט מיין מלאך המות ארונטערגעבראַכט — האָט זיך אין איהר שטימע געהערט אַ פערשטיקטע פערצווייפלונג— מיין פריינדין האָט געשוועבט צווישען לעבען און טוידט. איך, מיין געליעבטער, זיין פאָטער, אייניגע דאָקטוירים פון אונזער שטאָדט, נוירסעס און איהר פאַמיליע האָבען פון איהר בעט ניט אָפּגעטראָטען. איך האָב געקושט די הענד פון מיין געליעבטען'ס פאָטער, געוויינט פאַר איהם, ער זאָל מיין פריינדין ראַטעווען. ער איז פינף טעג ביי איהר פערבליבען, אָבוואָהל ער האָט בעקומען פיעלע טעלעגראַמעס, דורך וועלכע מען האָט איהם גערופען צו אנדערע פאַציענטען. דער קריזיס איז פאָראיבער און מיין פריינדין איז לעבען געבליבען. די דאָקטוירים און די נוירסעס האָבען בעוואונדערט די ענערגיע און איבערגעבענהייט וואָס מיין געליעבטען'ס פאָטער האָט ארויסגעוויזען צו זיין פאַציענטין. זיי האָבען אַלע ערקלערט, אַז נאָר איהם האָט די קראַנקע צו פערדאַנקען פאַר איהר לעבען.

זי איז ווידער אַ ווייַלע אנשוויגען געוואָרען אום אָפּצוכאַפּען דעם אָטהעם און באַלד נאָך שנעלער גענומען ריידען:

— דער פאָטער איז אהיים געפאָהרען און מיין געליעבטער איז פערבליבען. גאַנצע טעג און ביז שפּעט אין דער נאַכט פלעגען מיר צוזאַמען פערברייגגען ביי מיין פריינדין'ס בעט. ווען זי איז בעסער געוואָרען, האָבען די דאָקטוירים איהר געראַטהען צו מאַכען אַ רייזע קיין יוראָפּ. זי איז געפאָהרען מיט איהר מוטער. עטליכע וואָכען נאָך מיין פריינדין'ס אָברייזען האָב איך בעמערקט, אַז מיין געליעבטער געהט עפּעס ארום פערטרויערט, פערזאָרגט. ער פלעגט אָפּזיצען שטונדען לאַנג און קיין וואָרט ניט אויסרעדען. אימער איז ער געווען פריילי׳ך, לעבעדיג. ווען ער פלעגט קומען צו אונז האָט מען איהם אין גאַנצען הויז געהערט, עס האָט גע־

הילכט מיט זיין שפּאַסען, זינגען, מיט וועלכען ער האָט געקענט אַ טוידטען לעבעדיג מאַכען... און דאָ איז אין איהם פּלוצלונג אַזאַ ענדערונג פאָרגעקומען! מיר האָט זיך אימער געדוכט, אַז ער קען גאָר קיינמאָל טרויעריג ניט זיין. איך האָב איהם געפרעגט די אורזאַכע פון די פּלעצליכע ענדערונג אין איהם. ער האָט מיר געענטפערט, אַז דאָס איז צוליעב די לעצטע עקזאַמענס וואָס ער דאַרף אָפּגעבען, אַז ער ארבייט צו שווער. איך האָב איהם נאַטירליך געגלויבט (איך האָב איהם צו תיים געליעבט אום צו דיינקען אַז ער זאָגט מיר ניט דעם אמת) און איך האָב דעם זעלבען תירוץ געגעבען מיינע עלטערן, ווען זיי האָבען מיר געפרעגט, וואָס עס איז עפּעס פּלוצלונג געוואָרען מיט וויקטאָר'ען (זיין נאָמען איז געווען וויקטאָר).

אַרויסרעדענדיג דעם נאָמען פון איהר געליבטען, האָט זיך די נוירס ביטער צו־וויינט. פלאָרא האָט איהר אַרומגענומען, זי געבעטען, זי זאָל זיך בערוהיגען, זאָגענדיג מיט טיעפער מיטלייד אין איהר שטימע:

— זאָל שוין זיין גענוג פאַר היינט. איהר וועט מיר אַן אַנדערס מאָל דערצעהלען דאָס איבעריגע. דאָס ריידען פערשאַפּט דאָך אייך שמערצען.

— איך ענדיג שוין באַלד — האָט די נוירס געזאָגט שלוכצענדיג — עס קאָסט מיר צו פיעל געזונד, ווען איך דערמאָן זיך אָן מיין טרויעריגע געשיכטע. איהר זייט די איינציגע, פאַר וועמען איך דערצעהל זי און איך טהו דאָס ווייל... ווייל איך וויל, אַז איהר זאָלט עפּעס לערנען פון מיין ביטערער ערפאַהרונג.

— וואָס מיינט איהר דערמיט? — האָט פלאָרא אַ דערשראָקענע געפרעגט, וועהרענד עפּעס אַן אונרוהיגקייט האָט דורכגענומען איהר האַרץ.

— איך מיין קיין בעזאָנדערעס — האָט די נוירס געענטפערט, נאָך אַלץ וויינענדיג — איינפאַך פון לעבען לערנען מיר מעהר ווי פון טויזענדער ביכער. דאָס לעבען איז אונזער בעסטער לעהרער. איהר קענט פון מיין טרויעריגער ערפאַהרונג פיעלעס לערנען.

זי איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום טישעל, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען אַ ווייסער קרוג מיט אייז־וואסער, אָנגעגאָסען אַ גלאָז און עס אויסטרינקענדיג שנעל, האָט זי זיך צוריק אוועקגעזעצט און ווידער אָנגעפאַנגען:

— ער איז געוואָרען אלץ אומעדיגער, טרויעריגער. איך האָב איהם מעהר ניט געפרעגט. איך האָב געגלויבט אין זיין ערשטען תירוץ. נאָר אין הארצען האָב איך שרעקליך געליטען און מיטלייד געהאַט מיט איהם וואָס ער ארבייט אזוי שווער. אזוי איז אוועק דער הערבסט. אין מיין הארצען איז אויך געווען הערבסט — אומעדיג, טרויעריג. איך האָב אָבער געהאָפט אויף דעם ליעבען מאי — אויף דעם אייביגען מאי, וועלכע אונזער ליעבע האָט אונז געזאָלט שאפען. איך האָב געהאָפט, אז ער וועט איבערקומען די עקזאמענס, וועט קריגען זיין דיפלאָמאַ און מיר וועלען ווידער זיין גליקליך, ווי פריהער. דעם מאָנאַט יאַנואר איז ער ווייניג געקומען צו מיר. איך האָב זעהר געביינקט נאָך איהם, אָבער איך האָב איהם פערצייהעט, וויסענדיג, אז ער איז פערנומען מיט זיינע עקזאמענס.

ער האָט ענדליך בעקומען זיין דיפלאָמאַ, געוואָרען דאָקטאָר מעדיצין, אָבער ער איז אלץ ווייטער געווען אומעדיג. יעצט האָט מיר שוין מיין הארץ גענומען שטארק שרעקען. איך האָב איהם ווייטער געפרעגט ווארום ער איז יעצט פערטרויערט, האָט ער מיר געענטפערט, אז ער האָט מיר ביז יעצט די אמת'ע אורזאַכע ניט געוואָלט זאָגען. דאָס איז געמליך דערפאַר, וואָס ער מוז אָפּפאָהרען אויף צוויי יאָהר נאָך דייטשלאַנד. זיין פאָטער פערלאַנגט דורכאויס, אז ער זאָל אין דייטשלאַנד פאָרטזעטצען זיין שטודיום איידער ער וועט אָנפאַנגען פראַקטיצירען, און אַז ער וויל איהם שיקען צו זיינעם אַ פריינד, אַ פראָפעסאָר פון בערלין. (איך האָב אייך פערגעסען צו זאָגען, אז זיין פאָטער איז אַ דייטש, די מוטער איז אַן אמעריקאַנערין.)

איך האָב איהם געטרייסט, צוגעגעבען מוטה, ער זאָל זיך ניט ערגערען און נאָכגעבען דעם פאָטער'ס פערלאַנג. ער האָט דאַן אויף

מיר לאַנג געקוקט מיט אַזעלכע טרויעריגע בליקען, און ענדליך גע־זאָגט, אַז ער וועט מיר פאָלגען.

שילדערן אייך וואָס איך האָב איבערגעלעבט ביז ער איז אָב־געפאָהרען — דאָס בין איך ניט אים שטאַנדע. מען דאַרף זיין אַ קינסטלער דערצו. איהר קענט זיך אָבער מאַכען אַ בעגריף פון מיינע ליידען וואָס איך האָב דאן דורכגעמאַכט. ביים געזעגענען זיך האָבען מיר בעשלאָסען, אַז אין אנדערהאַלבען יאָהר ארום וועל איך קומען קיין בערלין, וואו מיר וועלען צוזאַמען פערברייינגען זעקס מאָנאַטען און דאַן אהיים קומען.

אָנפאַנגס האָט ער מיר געשריבען הייסע ליעבעס־בריעף. פלוצלונג האָט ער אויפגעהערט צו שרייבען. איך בין ארומגעגאַנ־גען ווי וואַהנזיניג. יעדעס מאָל וואָס עס איז אָנגעקומען די פּאָסט פון יוראָפּ און איך האָב פון איהם קיין בריעף ניט בעקומען, האָב איך געמיינט, אַז מיין לעבען ענדיגט זיך.

ענדליך האָב איך איהם געשיקט אַ קייבעלגראַם און איך האָב בעקומען אַ בריעף — דעם לעצטען בריעף!

און ווידער האָט זי אויסגעבראָכען אין אַ פערשטיקטען, שלוכ־צענדען געוויין. אָבער מיט אַ שטאַרקע אָנשטריינגונג האָט זי זיך אביסעל בעהערשט און כליפּענדיג געענדיגט:

— ער האָט מיר געשריעבען, אַז צווישען אונז האָט זיך אַלעס געענדיגט, אַז זיין הארץ בעלאַנגט יעצט צו אַן אנדערע, צו... צו מיין פריינדין!

פון פלאָרא'ס ברוסט האָט זיך אַ הילכיגער געשריי ארויסגעריסען, ווי אַ דונער וואָלט איהר געטראָפען. זי האָט זיך נערוועז אומ־געקעהרט צו ניימאַן'ען, דיינקענדיג, אַז ער האָט זיך געוויס אויפ־געוועקט פון איהר געשריי: ער איז אָבער ווייטער געשלאָפען רוהיג.

— איהר וואונדערט זיך? — האָט די נוירס ווייטער גערעדט מיט אַ זיפץ — און ווי האָב איך נאָך געדאַרפט פיהלען?

— האָט אייך אייער פריינדין געשריעבען בריעף פון יוראָפּ?

— האָט פלאָרא, ציטערענדיג פיבערהאַפט, געפרעגט.

— יעס — האָט די נוירס געענטפערט, שאָקלענדיג טרויעריג

מיט'ן קאָפּ — אָנפאַנגס פלעגט זי מיר אָפט שרייבען, אין יעדען בריעף פלעגט זי צושרייבען: „גרים פון מיר הערצליך דיין וויקטאָר'ען". שפּעטער האָט זי שוין זעלטענער געשריבען און צו דעם לעצטען בריעף וואָס איך האָב בעקומען פון מיין געליעבטען, האָט זי אויך צוגעשריבען א פּאָר ווערטער.

— וואָס פאר א פערדאָרבענהייט! וואָס פאר א געמיינהייט!

— האָט פלאָרא געציטערט פאר כעס.

— איך האָב אייך געזאָגט פריהער, אז דאָס לעבען איז דער בעסטער לעהרער פאר דעם מענשען — האָט די נוירס שוין גערעדט אין א געלאַסענעם טאָן — אז מען לעזט אין א בוך אזא שילדערונג, דיינקט מען, אז אין דער ווירקליכקייט קען דאָס ניט פּאַסירען, אז דאָס האָט דעם פערפאַסער'ס פאַנטאַזיע געשאַפען.

פלאָרא'ס פּאַרגעפיהל, אז די געשיכטע וועט אין איהר ארויסרופען אן אונרוהיגקייט, איז פערווירקליכט געוואָרען. זי איז יעצט בעפאַלען געוואָרען פון אן אונבעוואוסטע שרעק. אָבער אין דער זעלבער צייט האָט זיך אין איהר נאָך שטאַרקער צופלאַקערט די ניי־געריגקייט צו וויסען אלע איינצעלהייטען ווי אזוי די פריינדין און דער געליעבטער האָבען זי פעררעטהען. זי האָט בעשלאָסען, מעהר איהר ניט איבערצושלאָגען די רייד און זי געבעטען, זי זאָל ווייטער דערצעהלען.

— עס איז שוין באלד טאָג — האָט די נוירס ווידער געקוקט אויפ'ן זייגעריל ווי שפּעט עס איז — געהט שלאָפען.

— איך וויל אבסאָלוט ניט שלאָפען — האָט פלאָרא נערוועז גערעדט — דערצעהלט ווייטער. איך וויל וויסען אלע איינצעלהייטען. איהר האָט רעכט. פון לעבען קען מען מעהר לערנען ווי פון ביכער.

— א פּאָר טעג האָב איך מיין אונגליק געהאַלטען פערבאָרגען טיעף אין מיין הארצען — האָט די נוירס איהר צוליעב געטהאָן און ווייטער דערצעהלט — אָבער מיינע ליעבע עלטערען האָב גלייך בעמערקט, אז מיט מיר האָט עטוואָס וויכטיגעס פּאַסירט. זיי זיינען צוגעשטאַנען צו מיר, איך זאָל זיי זאָגען וואָס עס איז געשעהן און

איך האָב זיי אַלעם דערצעהלט. מיינע שמערצען זיינען געוועזן אונ־ערטרעגליך. שרעקליכע געדאנקען האָבען מיר געמאטערט ביי טאָג און ביי נאַכט — געדאנקען פון ראכע און פון זעלבסטמאָרד. מיין פאַמיליע האָט מיר אָבער געהיט אויף שריט און טריט. מען איז פון מיר ניט אָפּגעטראָטען אויף קיין איין סעקונדע. איך בין שוין גע־שטאַנען אויפ'ן שוועל פון וואַהנזין. דאַן האָט מען מיר אריינגע־געבען אין א סאַניטאריום פון נערווען־קראנקע. אין דיעזען אנ־שטאַלט בין איך אָפּגעוועזן עטליכע מאָנאַטע, און ווען איך בין פון דאָרט ארויס, האָב איך זיך געפיהלט אביסעל רוהיגער — איך האָב זיך שוין געהאט צוגעוועהנט צו מיין אונגליק... איך האָב זיך אָבער קיין אָרט ניט געקענט געפינען אין דער היים און איך האָב בעשלאָ־סען זיך אַוועקצולאָזען אין דער וועלט אריין. איך האָב לאַנג גע־קעמפּפט געגען מיינע עלטערען ביז זיי האָבען מיר דאָס ערלויבט. איך בין געפאָהרען אין שיקאַגאָ, וואו איך בין אָנגעקומען אין א האָספּיטאל און געוואָרען א נוירס. אין ניו יאָרק בין איך ערשט די צווייטע וואָך. איך האַלט אין איין אַרומרייזען. לאַנג אויף איין פּלאַץ קען איך ניט זיין. אָבער איך בין שוין כמעט אין גאַנצען בע־רוהיגט. מיין איינציגער פערגניגען אין לעבען איז יעצט מיין פּראָפעסיאָן. דאָס אומגעהן ארום קראַנקע, ליידענדע מענשען מאַכט מיר פערגעסען אָן מיינע אייגענע ליידען.

— ווען האָט דאָס פּאַסירט? — האָט פלאָרא געפרעגט, קוקענ־דיג אויף דער נוירס מיט מיטליידענדע בליקען.

— דעם קומענדען ווינטער וועט ווערען דריי יאָהר.

— האָט ער אייך ערקלעהרט וואָרום ער האָט אייך אזוי שענדליך פעררַאטהען?

— יא, ער איז אַן עהרליכער און אָפענהערציגער מענש. אין זיין לעצטען בריעף צו מיר האָט ער מיר אַלעס ארויסגעשריעבען. מיין פריינדין האָט זיך אין איהם איינגעליעבט. דאָס האָט פּאַסירט דאַן, ווען זי האָט זיך נאָך ניט אין גאַנצען געהאט ערהאָלט פון איהר קראַנקהייט. זי האָט איהם ערקלעהרט, אַז זי ליעבט איהם פון דער ערשטער מינוט וואָס זי האָט איהם ביי מיר דערזעהן און יעצט, ווען

זיין פֿאָטער האָט איהר דאָס לעבען געראַטעוועט, איז איהר ליעבע צו איהם נאָך שטאַרקער געוואָרען. ער האָט איהר געענטפערט, אז ער ליעבט מיר און ער וועט מיר קיינמאָל ניט אויפהערען צו ליעבען. האָט זי געוויינט און געקלאָגט פאַר איהם, אז אויב ער וועט זי פערשטויסען, וועט זי זיך דאָס לעבען נעהמען. ער האָט א זעהר שוואַכען כאַראַקטער און זי האָט איבער איהם געהאַט אן איינפלוס — ענטשולדיגט ער זיך אין זיין בריעף — ער האָט לאַנג געקעמפפט, אָבער ענדליך האָט ער זיך געמוזט אונטערגעבען. צום שלום פון זיין בריעף בעט ער מיך, אז איך זאָל זיך בערוהיגען און ניט טראָגען אין מיין הארצען קיין האס צו איהם.

— און וואָס האָט אייער געוועזענע פריינדין צוגעשריעבען?

— מיין פערלעטהערין האָט מיר אויך געבעטען, איך זאָל איהר פערצייהען.

אויף פלאָרא׳ס ליפען זיינען שוין געוועזען עטליכע שאַרפע פערדאַמונגס־ווערטער אויף דעם פּאָאַר׳ל, וועלכע האָבען צובראָכען דאָס יונגע לעבען פון דיעזער פריילין. זי האָט אָבער דיעזע ווערטער ניט אַרויסגערעדט. זי האָט פּלוצלונג דערהערט די שטימע פון איהר געוויסען: „האָסטו דען ניט אזוי געהאַנדעלט געגען פרענק׳ען?“ פאַר איהרע אויגען האָט פּלוצלונג פאַרבייגעשוועבט פרענק׳ס פערטרויערטע געשטאַלט; אין איהרע אויערן האָבען אויף דאָס ניי גענומען קלינגען זיינע רייד, זיין בעטען זיך ביי איהר. „האָסטו דען אליין היינט ניט געשריבען אן ערהליכען בריעף צו פרענק׳ען?“ — האָט זיך ווידער געלאָזט הערען די זעלבע פריהערינע שטימע פון איהר געוויסען. זי האָט זיך געסטאַרעט צו בערוהיגען איהר געוויסען מיט פערשיעדענע אַנטוואָרטען: זי האָט פרענק׳ען קיינמאָל ניט געליעבט. ער האָט זי פערראַטהען, ניט זי איהם. ער האָט זיין בלוט ניט געוואָלט געבען, אום איהר לעבען צו ראַטעווען. דאָס האָט אָבער ניט געהאָלפען. זי האָט זיך בערוהיגען ניט געקענט. מורא האָבענדיג, אז די נווירס זאָל ניט בעמערקען אז אין איהר הארצען קומט יעצט עפּעס פאָר, האָט זי איהר גענומען טרייסטען, אז זי

וועט נאָך אמאָל געפינען גליק אין לעבען און זי געבעטען, אז זי זאָל זיך אָבשטעלען אין ניו יאָרק:

— איך וויל אייך זעהר האָבען פאר א פריינדין — האָט פלאָרא נערערט מיט אָפענהערציגקייט — איהר האָט גלייך מיין סימפּאַטהי געוואונען און איהר האָט שוין אין מיר א וואהרע פריינדין, וועלכע וועט אייך קיינמאָל ניט פעררעטהען.

— איך דאנק אייך זעהר — האָט די נוירס פריינדליך געענטפערט — איך נויטיג זיך זעהר אין א וואהרע פריינדין און איך פיהל, אז איך האָב דאָס אין אייך געפונען. און וואָס אנבעלאנגט פעררעטה — האָט זי צוגעגעבען מיט א טרויעריגען שמייכעל — וועגען דעם בין איך שוין פערזיכערט. איך האָב זיך שוין מיין לעבענס־וועג אויסגעטראָטען.

פלאָרא האָט איהר ווידער געטרייסט. דאָ איז איהר נעקומען אויפ׳ן זינען א געדאנק: זי וועט איהר שרכן׳ען איהר פריינד, דעם דאָקטאָר.

— פאָהרט איהר אמאָל צו אייערע עלטערען? — האָט פלאָרא זי געפרעגט, וועלענדיג אומישנע זי אריינציהען ווייטער אין א געשפּרעך, אום דערמיט איינצושטילען דעם ווילדען שטורעם, וואָס האָט געבושעוועט אין איהר הארצען.

— יעדען „קריסטמעס“ פאָהר איך אהיים, און עס קאָסט מיר גענוג געזונד ביז זיי לאָזען מיר צוריק פאָהרען.

— און וואָס האָבען זיינע עלטערען געזאָגט, ווען זיי האָבען דערהערט די געשיכטע?

— ער איז דאָך זייער קינד. דענקענדיג, אז ער וועט מיט איהר זיין גליקליך, האָבען זיי געגעבען זייער צושטימונג.

— זיינען זיי שוין פערהייראטה?

— זיי האָבען שוין א קינד. זיי האָבען געהייראטה אין יוראָפּ. זיי וואָהנען צוזאמען מיט זיינע עלטערען און ער האָט שוין א נאָמען אלס א גרויסער דאָקטאָר.

עס איז שוין געווען טאָג, ווען פלאָרא האָט פערלאָזען דאָס צימער. פאר׳ן אוועקגעהן האָט זי זיך א ווייל אָפּגעשטעלט ביים בעט

און זיך איינגעקוקט אין איהר געליעבטען. מיט איהרע בליקען, פול מיט ליעבע און אינערליכען גליק, האָט זי איהם „גוט מאָרגען“ געזאָגט. אין דיזען מאָמענט האָט זי פערגעסען אָן די גייסטיגע יסורים וואָס זי האָט אָקאָרשט איבערגעלעבט, און אין דיעזער צופריעדענער שטימונג איז זי אריין צו זיך אין צימער. זי האָט זיך געפיהלט זעהר מיעד. דער קאָפּ איז איהר געוועזען שווער, ווי מיט בליי אָנגעגאָסען. זי האָט זיך אין די קליידער א וואָרף געטהאָן אויפ'ן בעט. זי האָט אָבער ניט געקענט איינשלאָפען. די טרויעריגע געשיכטע פון דער נוירס האָט אויפגעלעבט אין איהר מח און אין דער זעלבער צייט האָט די שטימע פון איהר געוויסען גענומען וויעדער איינ'טענה'ען מיט איהר. א היבשע צייט האָט זי זיך אזוי געמאטערט ביז זי איז ענדליך אנשלאָפען געוואָרען.

---

## עלפטער קאַפּיטעל.

דאָקטאָר סטענטאָן האָט פערשפּאָרט אָפּצורופען פרענק'ען דורך דעם טעלעפאָן, ווי ער האָט עס פערשפּראָכען פלאָרא'ן. פרענק איז צו איהם אליין געקומען, און דאָס אין דער בעגלייטונג פון פלאָרא'ס עלטערען. ווען דער דאָקטאָר איז אין דער פריהה ארוים פון זיין באד־צימער, האָט איהם זיין בעדיענער געמעלדעט וועגען די געסט. ער האָט זיי געהייסען אריינפיהרען אין דעם עמפפאנגס־צימער און באלד איז ער צו זיי אהין אריינגעגאנגען, אָנגעטהאָן אין זיין מאָרגען־ראָק. ער האָט די געסט פריינדליך בעגריסט און זיך געווענדעט צו פרענק'ען:

— זעהר גוט וואָס איהר זייט געקומען. איך האָב אייך נאָר וואָס געוואָלט אָפּרופען דורך דעם טעלעפאָן און אייך בעטען, איהר זאָלט זיך בעמיהען קומען אהער.

פרענק איז געוועזען זעהר אויפגערעגט, אָבער די פריינדליכע ווערטער פון דעם ארצט האָבען איהם עטוואָס בערוהיגט. ער האָט א קוק געטהאָן אויף זיינגער'ן, אזוי ווי ער וואָלט איהם בעטען, אז ער זאָל איהם מיטהעלפען און זיך אָפּגערופען:

— מיר זיינען א גאנצע נאכט ניט געשלאָפען. מיר האבען אלץ

גערעדט וועגען אונזער אונגליק. ענדליך האָבען מיר בעשלאָסען צו קומען צו אייך אַלס צו דעם איינציגען, וועלכער קען אונז העלפען.

— דאָקטאָר ! — האָט זינגער אויך זיך געווענדעט צום ארצט — האָט מיטלייד מיט אונז און ראטעוועט אונז פון שאנדע. מיר וועלען דאָס ניט איבערלעבען.

— פון שאנדע ? — האָט דער ארצט איראָניש געשמייכעלט, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ — איך זעה ניט וואו עס איז דאָ די שאנדע. אָבער לאָמיר וועגען דעם יעצט ניט דעבאטירען — האָט ער שנעל צוגעגעבען — זאָגט מיר, וואָס קען איך טהאָן פאר אייך.

— טרייבט איהר ארויס פון האָספּיטאל ! — האָט זינגער שוין אויפגעהויבען זיין שטימע — וואָס האָט זי דאָרטען צו טהאָן ?

— איך האָב דאָך אייך נעכטען שוין ערקלעהרט, אז איך האָב קיין רעכט אזוי צו האנדלען. צווייטענס, ווען זי זאָל אפילו ניט זיין אין האָספּיטאל, וועט זי אויך אהיים ניט געהן.

— וואו דען וועט זי געהן ? — האָט מיסעס זינגער אין א וויינענדיגע שטימע געפרעגט, פערברעכענדיג פערצווייפעלט די הענד.

זינגער האָט, קריצענדיג מיט די צייהן, געוואָרפען אויף דער פרוי א גיפטיגען בליק, פאר וואָס זי האָט זיך אָפּגערופען. די פרא־גע האָט ער גאָר געוואָלט שטעלען.

— איך האָב איהר נעכטען פיעל מאָל געבעטען, זי זאָל אהיים געהן — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט — און זי האָט מיר געזאָגט, אז ווען איך וועל זי זאָגאר מיט געוואַלד ארויסווארפען פון האָספּי־טאל, וועט זי צו אייך אין הויז ניט קומען. זי וועט געהען וואו די אויגען וועלען איהר טראָגען, און איך וואָלט אייך ראטהען...

— זאָל זי געהן ! — האָט זינגער ניט געלאָזט דעם דאָקטאָר ריידען — זאָל זי קיינעם ניט סטראשען.

— דער דאָקטאָר האָט דאָך עפּעס געוואָלט זאָגען — האָט די פרוי אויפמערקזאם געמאכט דעם מאן.

— שארראַפּ, דו אלטע בהמה ! — האָט זינגער זיך פארגעסען

וואו ער געפינט זיך — זאָל זי געהן וואו נאָר זי וויל, אבי זי זאָל ניט זיין מיט דעם טרעמפּ צוזאמען.

— איך זעה, אז עס ווידערהאָלט זיך די נעכטיגע געשיכטע — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, ווערענדיג אונגעדולדיג — און מיר ווע͏לען ווידער צו קיין צוועק ניט קומען. איך האָב געוואָלט רופען מיסטער פרענק׳ען, אום זיך מיט איהם פריינדליך דורכצוריידען.

— שטערען מיר איך פיעלייכט? — האָט זינגער שטעכיג גע־פרעגט.

— יא — האָט דער דאָקטאָר שאַרף געענטפערט — איך וויל זיך מיט מיסטער פרענק׳ען דורכריידען אונטער פיער אויגען.

זינגער איז בייז אויפגעשפּרונגען פון זיין שטוהל און, אַ וואונק טהוענדיג צו דער פרוי, האָט ער מיט כעס געזאָגט:

— קום, מען דאַרף אונז דאָ ניט האָבען. מען געהט דאָ ריידען סודות!

— איהר קענט דאָ בלייבען — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט — און איך מיט מיסטער פרענק׳ען וועלען אריינגעהן אין אַן אנדער צי־מער.

דער דאָקטאָר און פרענק זיינען אַריין אין אַ צווייטען צימער. פרענק איז ווידער געווען שטאַרק צוטראָגען.

— האָט איהר בעקומען פלאָרא׳ס בריעף? — האָט דער דאָק־טאָר איהם געפרעגט.

— זי האָט מיר געשריבען אַ בריעף? — האָבען ביי פרענק׳ען די אויגען גענומען בלישצען.

— יא. זי האָט נעכטען, נאָך אייער אוועקגעהן, צו איך אַ בריעף געשריבען.

— איך בין נאָך אין דער היים ניט געווען פון נעכטען אָן.

— אָבער ניט וועגען דעם וויל איך מיט אייך ריידען. ווען איך האָב בעשלאָסען צו בעטען אייך קומען צו מיר, האָב איך עפּעס אנדערש אין זינען געהאַט. איך וויל זיך מיט אייך פריינדליך דורכ־

ריידען און איך האָף, אַז איהר וועט מיר שענקען אייער אויפמערק־זאַמקייט און וועט זיך ניט קאָכען ווי מיסטער זינגער.

— איהר דאַרפט איהם פערצייהען, איהר דאַרפט אונז אַלעמען פערצייהען. אונזערע הערצער זיינען אַזוי ערביטערט.

— דאָס פערשטעה איך. אָבער אַ מענש מוז זיך קענען קאָנט־ראָלירען. אין לעבען קומט פערשיעדענעס פאָר.

— ווייסט איהר פיעלייכט וואָס זי שרייבט אין דעם בריעף?

— יאַ. איך האָב דעם בריעף געלעזען. זי האָט איהם ניט גע־וואָלט אוועקשיקען ביז זי וועט איהם מיר ניט ווייזען.

פרענק האָט זיך געבעטען, ער זאָל איהם זאָגען וואָס זי שרייבט און דער דאָקטאָר האָט איהם איבערגעגעבען דעם גאַנצען אינהאַלט פון בריעף.

פרענק'ס געזיכט האָט זיך ווילד אויסגעקרימט און אין זיינע אויגען האָט זיך אָפּגעשפיעגעלט האַס און צאָרן.

— איך האָב ערוואַרטעט, אַז איהר וועט אַנדערש האַנדלען —

האָט דער דאָקטאָר ווידער אָנגעפאַנגען אין אַן ערנסטען טאָן — איך האָב געריינקט, אַז איהר וועט האַנדלען איבערלייגט. איהר זייט דאָך אַ מענש מיט אַ געזעצטען פערשטאַנד, מיט אויסרעכענונג און אויך מיט שטאָלץ.

— איך פערשטעה ניט וואָס איהר מיינט. מיט וואָס האַנדעל איך דאָ ניט ריכטיג? — האָט פרענק געפרעגט.

— איך, זייענדיג אויף אייער פּלאַץ, וואָלט אַנדערש געוועזען גע־האַנדעלט. ווען מיין כלה זאָל מיר ערקלעהרען, אַז זי ליעבט מיר ניט, אַז איך קען מיט איהר קיינמאָל ניט זיין גליקליך, וואָלט איך איהר נאָך געדאַנקט פאַר אַזאַ אָפענהערציגע ערקלעהרונג.

— דאָקטאָר, איך וועל יעצט פאַר אייך מיין גאַנצע האַרץ עפענען — האָט פרענק געזאָגט מיט אַנגסט — זי, פלאָראַ, וויל מיר ניט פערשטעהען, אָבער איהר וועט מיר בעגרייפען. ווען איך וואָלט זיך געפיהלט אין עפּעס שולדיג, ווען איך זאָל וויסען, אַז זי בע־שטראָפט דאָס מיר פאַר עטוואָס, וואָלט איך קיין וואָרט ניט גע־

רעדט. איך האָב איהר ניט געצוואונגען, זי זאָל פאַר מיר פערלאָבט ווערען. זי האָט דאָס געטהאָן מיט איהר אייגענעם ווילען, און יעצט דערצעהלט זי מיר אַ מעשה, אַז זי האָט מיר ניט ליעב!

— פאַסירט דען ניט אַזעלכעס זעהר אָפט אין לעבען? — האָט דער דאָקטאָר געזוכט איהם צו בערוהיגען — צווייפעלט איהר דען אין איהר אויפריכטיגקייט?

— איך וויל פון קיין זאַך ניט וויסען. פלאָרא איז מיינע, זי בעלאַנגט צו מיר און זי וועט זיין מיין פרוי.

— וואָס הייסט, זי בעלאַנגט צו איך? וואָס איז זי אַ „פראָ־פערטי", אַ „לאָט"? זי האָט דאָך אַן אייגענעם ווילען.

— וואָרום בין איך ביז יעצט גוט געווען פאַר איהר, האַ? פריהער בין איך איהר געפעלען געווען און יעצט טויג איך שוין פאַר איהר ניט!

— זי ליעבט דאָך אַן אנדערען.

פרענק איז האַסטיג אויפגעשפרונגען פון זיין שטוהל און ווי אַ פערוואונדעטער טיגער גענומען אומגעהן איבער'ן צימער, שריי־ענדיג אויפ'ן קול:

— בלוט וועט זיך גיסען, אויב זי וועט מיט דעם טרעמפ אומ־געהן! דאָס איז קיין שפּאַס ניט, דאָקטאָר! איהר האָט פריהער געזאָגט, אַז איך בין אַ מענש מיט שטאָל. דאָס איז וואהר און דער־פאַר טאַקע וועל איך ניט ערלויבען, אַז זי זאָל מיט דיעזען קערל זיך בעגעגענען. בעגרייפט מיר דאָקטאָר! האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פאַר דעם ארצט — ווען פלאָרא וואָלט מיר אויסגעביטען אויף אַן אנדערען, אַ געבילדעטערען, אַ רייכערען פון מיר, וואָלט איך אפשר ניט געווען ריידען קיין וואָרט. אין הארצען וואָלט עס מיר טאַקע געווען גוט געקרענקט, אָבער איך וואָלט פערשטאַנען די אורזאַכע וואָרום זי האָט דאָס געטהאָן. אָבער אַז זי בייט מיר אויס אויף דיע־זען טרעמפּ!

— הערט מיר אויס, מיסטער פרענק — האָט דער דאָקטאָר גערעדט זעהר העפליך — איך וויל, אַז איהר זאָלט פריהער פער־

שטעהן מיין ראָלע דאָ. ניט ווילענדיג בין איך אריינגעצויגען געוואָרען אין דיעזער אפערע. איך בין זיכער, אז איהר און מיסטער זינגער זייט מיר דערפאר קיין פריינד ניט, און דאָס איז נאַטירליך; אָבער גלויבט מיר, אַז איך האָב דאָ קיין בעזונדערען אינטערעס ניט אויסער איינפאַכע מענשליכע פפליכט. איך בין צו פלאָרא'ן ניט מעהר פריינד ווי צו אייך און די זינגערס. און אַלס א פריינד איז מיין פפליכט צו שטעלען זיך אויף דער זייט פון דעם גערעכטען, און די גערעכטע איז דאָ פלאָרא. זי האַנדעלט לויט אידרע געפיהלען. איהר זאָגט, אַז ווען זי וואָלט אייך געוועזן אויסגעביטען אויף א רייכערען פון אייך, וואָלט איהר קיין סקאַנדאַל ניט געמאַכט. זעהט איהר, ווען זי וואָלט אזוי געוועזן געטהאָן, וואָלט זי מיר מעהר אַלס איהר פריינד ניט געקענט האָבען. זי וואָלט דאַן אין מיינע אויגען געשטאַנען זעהר נידעריג. דער וואָס האַנדעלט מיט געפיהלען צוליעב געלד, יענער איז א קליינליך מענשעלע... פלאָרא וואָלט אָבער קיינמאָל אזא זאך ניט טהאָן. זי האָט אין זיך אַן עדעלע נשמה. איהר האָט דאָך דעם בעסטען בעוויז, אַז רייכטהום שפּיעלט ביי איהר קיין שום ראָלע ניט, אַז זי האָט איהר הארץ אוועקגעגעבען צו אַן אָרימען ארבייטער. און וואָס אַנבעלאַנגט צו מיסטער ניימאַן'ען, האָט איהר א גרויסען מיסטייק וועגען איהם. ער איז א געבילדעטער יונגער מאַן און בעזיצט אַן עדעלע, וואַרימע האַרץ.

— מען זעהט דאָך טאַקע וואָס פאַר אַן עדעלע האַרץ ער בעזיצט, אַז ער רואינירט אַ צווייטענס לעבען! — האָט פרענק בעמערקט גיפטיג.

— מען קען נאַטירליך ניט ערוואַרטען, אַז איהר זאָלט צו איהם האָבען פריינדליכע געפיהלען, איך וויל אייך אָבער בעטען, אַז ריידענדיג מיט מיר, זאָלט איהר איהם ניט בעליידיגען.

פרענק האָט עפּעס אַ בורטשע געטהאָן אונטער דער נאָז.

— איך האָב יעצט ניט קיין פיעל צייט — האָט דער דאָקטאָר ווייטער גערעדט — איך דאַרף באַלד געהען אין האָספּיטאַל.

איך אפּעליר אַלזאָ צו אייך, מיסטער פרענק, אַז איהר זאָלט קיין סקאַנדאַלען ניט מאַכען, פלאָרא איז דאָ גאָר ניט שולדיג.

— אה, ניין. זי איז גאָר ניט שולדיג — האָט פרענק געקאָכט מיט רציחה — איך בין שולדיג!

— אזוי דיינקט זי טאָקע. איהר האָט זיך קיינמאָל ניט גע־סטאַרעט איהר ליעבע צו געווינען, זאָגט זי. איהר זייט אימער געווען קאַלט צו איהר, איהר פלעגט זי בעטראַכטען אַלס א זאַך וואָס איהר האָט געקויפט און זי בעלאַנגט צו אייך. פון אייער זייט פלעגט איהר אויך קיינמאָל ניט אַרויסווייזען קיין ליעבע צו איהר.

— ווייל מיר זיינען אַזעלכע נאַרישקייטען קיינמאָל אין זינען ניט געלעגען — האָט פרענק געזאָגט אין א טאָן פון שטאָלץ — איך בין א פּראַקטישער מענש, א ביזנעס־מאַן.

— די מעטהאָדען, וועלכע ווערען בענוצט אין ביזנעס, קענען אָבער איבעראַל ניט געברויכט ווערען, הויפּטזעכליך אין ליעבע...

— אָבער ווען איך וואָלט געגעבען מיין בלוט וואָלט שוין אַלעס געווען אָל־רייט! — האָט דער צוריקגעוויזענער חתן זיך געטריי־סעלט פון כעס.

— מעגליך — האָט דער ארצט ווייטער געלאַסען גערעדט — זי וואָלט זיך דאַך דאַן ניט צוזאַמענגעטראָפען מיט מיסטער ניי־מאַן'ען, און דער פאַקט גופא, אַז איהר האָט אייער בלוט געגעבען אום איהר צו ראַטעווען, וואָלט איהר איבערציינט, אַז איהר האָט זי ווירקליך ליעב.

— ווארום האָט איהר מיר ניט געזאָגט, אַז איך זאָל געבען מיין בלוט? — האָט פרענק מיט ביטערען פאָרוואורף געפרעגט, אזוי ווי ער וואָלט דעם אַרצט בעשולדיגט אין זיין אונגליק — ווען איהר וואָלט מיר זאָגען, וואָלט איך אייך פאָלגען.

— אייער פראַגע איז זעהר אַ נאַאיווע — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט — אַזעלכע זאַכען זאָגט מען ניט. איהר האָט דאָס אַליין געדאַרפט טהאָן. ווארום האָבען זיך פלאָרא'ס עלטערען גלייך אָפּ־גערופען, אַז זיי וועלען געבען זייער בלוט?

— זי איז דאָך זייער קינד.

דער דאָקטאָר האָט א מאַך געטהאָן מיט׳ן קאָפּ, אזוי ווי ער וואָלט זאָגען: עס איז נוצלאָז דאָס ריידען. איהר פערשטעהט מיך ניט.

— דאָקטאָר! — האָט פרענק פערצווייפעלט אויסגעשטרעקט צום אַרצט די הענד — איך בין געקומען צו אייך אַלס צו דעם איינ־ציגען מענשען, וועלכער קען מיך ראַטעווען! איהר האָט אויף פלאָ־ראַ׳ן אַן איינפלוס. ערקלעהרט איהר, אַז זי בעגעהט אַ שרעקליכען פערברעכען, אַז זי וועט רואינירען מיין לעבען. איך וועל די שאַנדע ניט אַריבערטראָגען. אויף ווערמען האָט זי מיך אויסגעביטען?

— מיינע רייד קענגען שוין יעצט גאָר ניט העלפען. פלאָראַ איז ניט קיין בייבי, ווערמען מען זאָל קענגען איבעררייידען, בפרט אין אזא אַנגעלעגענהייט. און איך בעט אייך נאָך אמאָל, מיסטער פרענק, בערוהיגט זיך און מאַכט ניט קיינע סקאַנדאַלען.

פרענק האָט ווידער גענומען אומגעהן איבער׳ן צימער מיט האַסטיגע טריט, בייסענדיג די ליפּען פון כעס. דער דאָקטאָר האָט זיך גענומען צוגרייטען אַוועקצוגעהן.

— איין ביטע האָב איך צו אייך, דאָקטאָר — האָט פרענק געזאָגט — און איך בעט אייך, איהר זאָלט מיר דאָס ניט ענטזאָגען. ערלויבט מיר זיך צו זעהען מיט דעם... מיט ניימאַן׳ען. איך וויל מיט איהם בלויז עטליכע ווערטער ריידען.

דער אַרצט האָט זיך אַ ווייַלע פערטראַכט און געענטפערט:

— איך וועל אייך דאָס ערלויבען, אָבער ניט יעצט. אין עטליכע טעג אַרום, ווען ער וועט זיך פיהלען בעסער.

— איך דאַנק אייך זעהר! — האָט פרענק צו איהם אויסגעשטרעקט זיין האַנד — איהר וועט זעהען, אַז איך וועל מיט איהם ריידען, וועט ער זיך פון פלאָראַ׳ן אָפּטשעפּען.

דער דאָקטאָר האָט געשוויגען. ער האָט קיין האַרץ ניט געהאַט אַוועקצורויבען פון דעם ערביטערטען זיין האָפנונג, אָבוואָהל ער האָט געוואוסט, אַז עס וועט זיך מיט גאָר ניט אויסלאָזען.

— איהר וועט זעהען, דאָקטאָר, אז פלאָרא וועט בלייבען ביי מיר! — האָט פרענק ווייטער געזאָגט, שוין עטוואָס בערוהיגט.

דער ארצט האָט ווייטער געשוויגען.

— איך וועל אייך פאָלגען — האָט פרענק פאָרטגעזעצט — איך וועל פלאָרא׳ן צורוה לאָזען. איך וועל איהר בלויז א בריעף שרייבען. איך וועל אויך בעטען מיסטער זינגער׳ן, ער זאָל ניט מאַכען קיין סקאנדאלען.

— אויב איהר ווילט ווירקליך אויסמיידען עפענטליכע סקאנדאלען, ראטה איך אייך, אז איהר זאָלט פלאָרא׳ן גענצליך צורוה לאָזען — האָט דער דאָקטאָר איהם ווי געווארענט.

זיי זיינען צוריק אריינגעגאנגען אין דעם עמפפאנגס־צימער, וואו די זינגערס האָבען געווארט. פרענק איז צוגעלאָפען צו פלאָרא׳ס פאָטער און געזאָגט אין א פרעהליכען טאָן:

— מיסטער זינגער, עס וועט אלעס זיין אָלל־רייט! איך האָב שוין מיט׳ן דאָקטאָר אָבגערעדט. אין עטליכע טעג ארום וועט פלאָרא זיין צוריק אין דער היים און עס וועט אלעס זיין ווי געוועזן.

— איך וויל, זי זאָל היינט אהיים געהן — האָט זינגער געזאָגט, קוקענדיג בייז אויף דעם דאָקטאָר.

— עס מאכט ניט אויס, זאָל זי זיין עטליכע טעג אין האָספיטאל — האָט פרענק ווייטער געזאָגט.

— דיר מאכט עס ניט אויס — האָט זינגער מיט כעס אָבגעשטויסען פרענק׳ען פון זיך — אָבער איך וויל דאָס ניט!

— איהר מוזט מיר ענטשולדיגען, איך מוז שוין אוועקגעהן — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט העפליך, אויסמיידענדיג צו ענטפערען דעם אויפגערעגטען זינגער׳ען.

— אָבער מיט וואָס געהען מיר אוועק? — האָט זינגער איהם געפרעגט מיט איינגעהאלטענעם כעס — וואָס בלייבט מיט פלאָרא׳ן?

— עס וועט אלעס זיין אָלל־רייט — האָט פרענק זיך ווידער אָפגערופען — קומט אהיים און בארערט זיך מעהר נים.

— איך רייד דאָך ניט צו דיר! — האָט זינגער איהם ווידער ביין אָפּגעשטויסען פון זיך.

— ענטשולדיגט מיר, מיסטער זינגער — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט שוין פון שוועל — איך האָב שוין קיין צייט ניט. מיסטער פּרענק וועט אייך שוין אַלעס ערקלעהרען. „גוד ביי“!

ער האָט זיך פערנייגט פאַר די געסט און איז ארויס.

*    *

*

ארום צוועלף אוהר האָט זיך פלאָרא אויפגעכאַפּט. זי איז היבשע עטליכע מינוטען געשטאַנען בעוועגלאָז און ערשטוינט. זי האָט ניט געוואוסט וואו זי געפינט זיך. אין איהר מח האָבען זיך נאָך געפּלאָנטערט אָבגעריסענע געדאנקען פון די פערשיעדענע חלומות וואָס זי האָט אין שלאָף געזעהן. זי האָט אַ פּאָאר מאָל מיט די הענד אויסגעריבען די אויגען און זיך ענדליך דערמאָנט וואו זי איז יעצט. זעהענדיג אויף איהר זייגער'ל ווי שפּעט עס איז, איז זי געוואָרען זעהר נערוועז. זי איז צוגעשפּרונגען צו דער טהיר, וועלענדיג אַריינלויפען צו ניימאַן'ען. זי איז אָבער געבליבען שטעהן טיעף פערטראַכט מיט אַן אויסדרוק פון אונצופריעדענהייט אויף איהר געזיכט. זי איז אַוועק פון דער טהיר און צוגעגאַנגען צום שפּיעגעל וואָס האָט געהאַנגען אויף דער וואַנד.

אַ שוואַכער שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף איהר בלייכע, מיעדע געזיכט, זעהענדיג אַז איהרע האָאר זיינען צושויבערט און אַז עס איז צוקנייטשט די ווייסטעל און די דרעסס. אַ שעהן פּנים וואָלט זי געהאַט, ווען זי זאָל אַזוי אַריינגעהן צו ניימאַן'ען — האָט זי געטראַכט.

מיט נערוועזע בעוועגונגען האָט זי פּאַרנאַנדערגעלאָזען אי־בער די שולטערען איהרע לאַנגע, שעהנע האָאר, וועלכע האָבען אין גאַנצען צוגעדעקט איהר קערפּער ביז'ן גאַרטעל. דאַן האָט זי מיט די זעלבע נערוועזקייט אויפגעשפּילעט די ווייסטעל און עס אויס־געטהאָן. זי איז צוגעגאַנגען צום וואַש־טישעל, זיך אַרומגעוואַשען

און פערקאמט זאָרגפעלטיג די האָר. ווען זי האָט געוואָלט אָנ־טהאָן די ווייסטעל איז זי ווידער אונצופריעדען געוואָרען. די ווייס־טעל איז איהר ניט געפעלען. דאָן האָט זי בעטראַכט די קלייד און איהר אונצופריעדענהייט איז נאָך שטאַרקער געוואָרען. ניט אין דיע־זע קליידער האָט זי יעצט געוואָלט ערשיינען פאַר איהר געליעבטען. אין איהר שעהנסטע ווייסט און דרעסס האָט זי זיך יעצט געוואָלט פאַר איהם בעווייזען. זי וועט טעלעפאָנירען צו דער מוטער, זי זאָל איהר צושיקען אנדערע קליידער.

פלוצלונג האָבען זיך געהערט עטליכע לייכטע קלעפּ אין טהיר. פלאָרא האָט אַ ציטער געטהאָן און געפרעגט ווער דאָס איז.

— דאָס בין איך — האָט זי געהערט דעם דאָקטאָר׳ס שטימע.

זי האָט אַ כאַפּ געטהאָן די ווייסטעל און דערמיט פערשטעלט איהר נאַקעטע, אַלבאַסטער־ווייסע פולע ברוסט און, צולויפענדיג צו דער טהיר, האָט זי נערוועז געזאָגט:

— ענטשולדיגט מיר, איהר קענט יעצט ניט אריינגעהן. איך וועל פארטיג ווערען אין עטליכע מינוטען ארום.

— איך וועל אויף דיר ווארטען אין ניימאַן׳ס צימער — האָט דער דאָקטאָר צו איהר געזאָגט פון יענער זייט טהיר און באַלד האָבען זיך געהערט זיינע טריט.

פלאָרא האָט זיך האַסטיג אָנגעטאָן. זי איז געוועזן זעהר צו־טראָגען דערפון וואָס זי קען איהרע קליידער ניט בייטען. אַך, ווען זי זאָל יעצט קענען דאָ האָבען איהר שעהנסטע דרעסס!

פון וואַנען עס האָט זיך פּלוצלונג צו איהר גענומען דער בע־געהר זיך אויסצופוצען פאַר ניימאַן׳ען — וועגען דעם האָט זי זיך זעלבסט קיין רעכנונג ניט געקענט אָפּגעבען און זי האָט וועגען דעם פיעל ניט נאָכגעדיינקט. דיעזער וואונש האָט זיך אַלץ שטאַרקער צו־פלאַמט אין איהר און זי האָט אַלץ מעהר געליטען דערפון וואָס זי קען דאָס ניט ערררייכען. עפּעס האָט זי געוואָלט יעצט וואָס שעהנער אויסזעהן...

אַ היבשע ווײַלע איז זיא געשטאַנען ביים שפּיעגעל, פּאָפּרא־

וועט איהר פריזורע, די ווייסט, די קלייד און איז ארויס. אין קאָ־רידאָר איז איהר אנטקעגען געקומען א בעדיענערין, טראָגענדיג א טאַץ, וועלכע איז געווען איבערגעדעקט מיט א ווייסע טישטוך׳ל.

— איך טראָג דאָס פאר אייך ברעקפעסט — האָט די בעדיע־נערין געזאָגט צו פלאָרא׳ן — דאָקטאָר סטענטאָן האָט עס געהיי־סען צו אייך אריינטראָגען.

פלאָרא האָט זיך אומגעקעהרט צוריק אין איהר צימער. די מיידעל האָט אוועקגעשטעלט א גלאָז מילך, א פּאָאר אייער, א פריי־שע בולקעלע און פערשיעדענע פרוכטען. פלאָרא האָט קיין געדולד ניט געהאט צו עסען, זי האָט בלויז אויסגעטרונקען די מילך, אויס־געגאָגט א האלבען אָרענדזש און איז אריין צו ניימאן׳ען.

— אָט איז זי דאָך דאָ! — האָט דער דאָקטאָר א זאָג געטהאָן מיט א שמייכעל צו ניימאן׳ען — און דו האָסט געמיינט, אז זי וועט שוין ניט קומען.

פלאָרא איז צוגעלאָפּען צום קראנקען, וועלכער איז שוין יעצט געלעגען אויף עטליכע קישענס אזוי, אז עס האָט אויסגעוויזען ווי ער וואָלט געזעסען, און איהם געפרעגט ווי ער פיהלט.

— איך בין אָלל־רייט! — האָט ער פרעהליך געענטפערט — איך האָב שוין היינט גענעסען א גוטען ברעקפעסט און דער דאָקטאָר פערשפּרעכט מיר צו געבען נאָך א בעסערען דינער.

פלאָרא׳ס געזיכט האָט געשטראַהלט פון גליק.

— און ווי פיהלסטו זיך עפּעס? האָט ניימאַן געפרעגט ביי פלאָרא׳ן — עס מוז ניט זיין זעהר אנגענעהם פאר א געזונטען מענ־שען צו פערברייננגען אין דיעזען פּלאַץ.

פלאָרא האָט איהם געענטפערט, אז זי פיהלט זיך זעהר גוט, אזוי ווי ביי זיך אין דער היים. זי האָט איהם אויך דערצעהלט, אז זי האָט דאָ א גאַנצע נאַכט פערבראַכט מיט דער נוירס און זי האָט געהערט ווי ער האָט גערעדט פון שלאָף. ניימאַן האָט זיך שטארק פערשעהמט.

ער האָט אודאי גערעדט נארישקייטען — האָט דער דאָקטאָר זיך אָפּגערופען.

— דאָס מאָל האָט איהר געטראָפען — האָט פלאָרא, שמייכלענדיג געענטפערט — ער האָט טאקע געפלאפּעלט אונזיניגע רייד.

— וואָס האָב איך אזעלכעס גערעדט ? — איז ניימאן געוואָרען נייגיעריג.

פלאָרא האָט א קוק געטהאָן אויפ'ן דאָקטאָר און נאכהער אויף די נוירס. דער ארצט האָט פערשטאַנען וואָס זי איז דערמיט אויסען און ער האָט געבעטען די נוירס, זי זאָל אויף א ווײלע ארויסגעהן, וואָס זי האָט גלייך געפאָלגט.

— און אייך וויל איך אויך דאָ ניט האָבען — האָט פלאָרא מיט א שטיפערישען שמייכעל געזאָגט צום ארצט.

— פלאָרא ! — האָט ניימאן אין א טאָן פון לייכטען פאָרוואורף געזאָגט — פאר דעם דאָקטאָר האָבען מיר קיינע סעקרעטען ניט.

— דו האָסט איהם ליעב און איך קען איהם ניט אָנקוקען. ער איז א שלעכטער מענש — האָט פלאָרא זיך געסטארעט צו זיין ערנסט.

— צו אזא בחור'טע ווי דו ביזט איז א הענקער נאָך צו מילד — האָט זיך דער דאָקטאָר אָפּגערופען און, ווענדענדיג זיך צו ניימאַן'ען, האָט ער צוגעגעבען — איך בין דיר אסור ניט מקנא מיט איהר. ביזט מיאוס ארייגעפאלען, ברודערקע.

— אי, וועל איך זיך אין קורצען מיט אייך אָפּרעכענען ! — האָט פלאָרא איהם געסטראשעט מיט'ן פויסט — אי וועלען מיר דאָס האָבען שפּאָס !

זי האָט אין זינען געהאט די נאכט-נוירס, וועלכע זי האָט בעשלאָסען צו שדכן'ען דעם ארצט. דערמאָנענדיג זיך אָן די נאכט-נוירס, האָט זי זיך גלייך עראינערט אָן איהר טרויעריגע לעבענסגעשיכטע, אָן איהר שרעקליכע ליעבעס-ענטוישונג און דאָס האָט

יעצט פערביטערט איהר געמיטה. זי האָט שוין יעצט קיין חשק ניט געהאט צו שפּאסען. זי איז פּלוצלונג געוואָרען זעהר ערנסט, וואָס עס האָט ניט וויינינ געוואונדערט אי דעם ארצט, אי דעם קראנקען.

פלאָרא האָט דערצעהלט וואָס ער האָט גערעדט פון שלאָף און ווען זי האָט געענדיגט, האָט זי צוגעגעבען עטוואָס פערשעהמט:

— איך האָב זיך זעהר געשעהמט פאר דער נוירס, ווען דו האָסט זיך געבעטען ביי מיר, אז איך זאָל דיר ליעב האָבען, אָב־וואָהל דו ביזט אָרים. וואהרשיינליך טראכסט דו דאָך וועגען דעם.

— נאָך אמאָל, ניימאן, אז דו וועסט וועלען ריידען פון שלאָף, זאָלסטו ניט ריידען ווען אימיצער וועט זיין דערביי... — האָט דער דאָקטאָר זיך אָפּגערופען.

— ער איז שוין ווידער דאָ מיט זיין שפּאס! — האָט פלאָ־רא כלומרשט בייז א בורטשע געטהאָן — מיר פערדריסט עס און ער וויצעלט זיך.

— עס פערדריסט דיר? — האָט ניימאן איהר צערטליך אָנ־גענומען פאר די האנד.

— געוויס פערדריסט עס מיר — האָט פלאָרא, פעשטשענדיג זיך, געענטפערט — אזעלכע געדאנקען דארפען דיר אויפ'ן זינען גאָר ניט ארויפקומען.

— און אז ס'דיינקט זיך אָבער פאָרט? — האָט ניימאן איהר ליעבליך געקוקט אין די אויגען אריין, אזוי ווי ער וואָלט ביי איהר בעטען אום פערצייהונג.

— זעהסטו שוין, ניימאן — האָט דער ארצט זיך אָפּגערופען — זי וויל דיר בעפעהלען ווי אזוי דו זאָלסט דיינקען. אוי, זייט איהר, וויבער, א פאָלק! — האָט ער צוגעגעבען, ווענדענדיג זיך צו פלאָרא'ן — וואויל און גוט איז דעם יעניגען, וועלכער קען אייך ניט!

— ביזטו אויך מיט דער זעלבער מיינונג וואָס דער דאָקטאָר? — האָט פלאָרא ליעבליך געפרעגט ביי ניימאן'ען.

ער האָט געשמייכעלט און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף ניין.

— אהא ! — האָט פלאָרא זיך גערייצט מיט'ן דאָקטאָר — ער איז קליגער פון אייך. און ווענדענדיג זיך צו איהר געליעבטען, האָט זי צוגעגעבען — איך וויל ניט, אז דו זאָלסט זיך ארומטראָגען מיט אזעלכע געדאנקען. ליעבע, אמת'ע ליעבע איז דער גרעסטער רייכטהום אויף דער וועלט, דאָס איז אן אוצר.

— ביזט שוין פערטיג ? — האָט דער דאָקטאָר איהר געפרעגט

— עס פאַסט דאָך ניט צו לאָזען די נוירס אזוי לאנג ווארטען אין דרויסען.

— איהר קענט איהר ארייגרופען — האָט פלאָרא געענטפערט.

דער אָרצט האָט געעפענט די טהיר און עס איז אריינגעקומען די נוירס, טראָגענדיג אין דער האנד א פראכטפאָלען בוקעט בלומען.

— דאָס האָט מען געשיקט פאר מיסטער ניימאן'ען — האָט די נוירס געזאָגט, ווענדענדיג זיך צום דאָקטאָר.

פלאָרא האָט א שטארקען ציטער געטהאָן און איהר געזיכט האָט זיך מיט א טויטע בלייכקייט בעצויגען. „ווער האָט דאָס געשיקט דיעזע בלומען ?“ — האָט איהר די פראַגע ווי מיט שפילקעס גע־שטאָכען איהר מח און איהר הארץ.

ניימאן האָט אויסגעשטרעקט די האנד און צוגענומען די בלו־מען. אין זיינע אויגען האָט זיך אָפגעשפּיעגעלט טיעפע צופריע־דענהייט. ער האָט איינגעגראָבען זיין נאָז אין דעם בוקעט און זיך געקוויקט מיט דעם דופטענדען ריח פון די הערליכע רויזען. דאן האָט ער אָבגעריסען די שעהנסטע בלום און, א וואונק טהוענדיג צו פלאָרא'ן, זי זאָל צוקומען, האָט ער איהר דערלאנגט די בלום. פלאָ־רא האָט צוגענומען די רויז מיט געמאכטע ליעבליכקייט אויף איהר געזיכט, וועהרענד אין הארצען האָט זי געפיהלט, אז ניט קיין רויז האַלט זי יעצט, נאָר א דאָרן, א שטעכיגען דאָרן...

— ווער האָט דאָס דיר געשיקט דיעזע בלומען ? — האָט פלאָ־רא געפרעגט מיט פערשטיקטער אויפרעגונג.

— וואָס הייסט ווער ? — האָט ניימאן זי אָנגעקוקט ערשטוינט

— דו מאכסט שפאס ?

— איך מיין עס זעהר ערנסט — האָט פלאָרא יעצט שוין ניט געקענט פערשטיקען איהר אויפרעגונג — פון וועמען זיינען די בלומען ?

— און איך האָב געמיינט, אז דו האָסט מיר געוואָלט סורפּריי־זען — האָט ניימאַן געזאָגט ווערענדיג שוין נייגעריג — ווירקליך, ווער האָט דאָס מיר געשיקט ?

דעם דאָקטאָר האָט אויך אינטערעסירט צו וויסען ווער עס האָט געשיקט דעם בוקעט און ער האָט זיך געווענדעט צו דער נוירס:

— ווער האָט די בלומען געבראַכט ?

— א באָי, וואהרשיינליך פון דעם בלומען־סטאָר, וואו זיי זיי־נען געקויפט געוואָרען.

— האָט איהר איהם געפרעגט פאר וועמען זיי זיינען ?

— יא. ער האָט מיר אויסדריקליך געזאָגט, אז דאָס איז פאַר מיסטער ארטהור ניימאן.

שוין לאַנג ווי ער האָט זיי געבראַכט ?

— צוריק מיט א פינף מינוט.

— בעמיהט זיך איהם נאָכצולויפען, פיעלייכט וועט איהר איהם נאָך כאַפּען ; אויב יא, קומט מיט איהם אהער אריין.

די נוירס איז שנעל ארויסגעלאָפען פון צימער. אין עטליכע מינוטען ארום איז זי אליין צוריק געקומען, ערקלעהרענדיג, אז זי האָט שוין דעם איבערברייננגער פון די בלומען ניט געקענט געפינען.

— איך ווייס שוין ווער עס האָט דאָס געשיקט — האָט ניי־מאן זיך אָפּגערופען — איך בין זיכער אז איך האָב קיין טעות ניט. דאָס האָט מיר געשיקט די פריילין, וואָס איז דאָ נעכטען געוועזן.

ער האָט ניט בעמערקט ווי פלאָרא האָט א שטאַרקען ציטער גע־טהאָן און אויף איהר געזיכט האָט זיך בעוויזען אן אויסדרוק, אזוי ווי א גיפטיגע שלאַנג וואָלט איהר א ביס געטהאָן. דער דאָקטאָר

האָט עס אָבער יאָ בעמערקט און ער האָט גוט פערשטאנען פלאָרא'ס יעצטיגע ליידען.

— זי איז אזא גוטע נשמה ! — האָט ניימאן ווייטער געזאָגט — אלע זיינען זיי מענשען מיט דימענטענע הע־צער, איך וועל אין מיין לעבען ניט פערגעסען וואָס די פאמיליע האָט פאר מיר געטהאָן. זיי האָב איך אויך צו פערדאנקען פאר מיין יעצטיגען גליק.

די לעצטע ווערטער האָבען פלאָרא'ן עטוואָס בערוהיגט. „אונ־זער גליק מיינט ער דאָך" — האָט זי ביי זיך געטראכט און זיך אוועקגעזעצט צוקאָפּענס פון איהר געליעבטען. ניימאן האָט זיך אלץ געקוויקט מיט דעם דופטענדען גערוך פון די בלומען, ניט בע־מערקענדיג, ווי פלאָרא ווערט דערפון געקריינקט. עס האָט איהר זעהר געערגערט וואָס ניט זי האָט איהם דיעזען פערגעניגען פער־שאפט, נאָר א פרעמדע מיידעל. זי האָט זיך געמאכט פאָרווירפע, ווארום עס איז איהר ניט געקומען אויפ'ן זינען צו קויפען בלומען. און אז עס וואָלט איהר יאָ געקומען אויפ'ן געדאנקען — וואָלט זי דאָך אויך דאָס ניט געקענט קויפען. זי האָט דאָך קיין סענט ניט ביי זיך. און זי האָט בעשלאָסען צו לייהען ביים דאָקטאָר אביסעל געלד און צו קויפען די שעהנסטע, די טהייערסטע בלומען. זי וויל ניט, אז איהר געליעבטער זאָל זיך קוויקען מיט פרעמדע בלומען... האָט איהר אָבער ווייטער פערדראָסען, ווארום זי וועט ניט זיין די ערשטע ; עס וועט הייסען, אז זי טהוט נאָך יענער פריילין. און דערמאָנענדיג זיך, אז ניימאן האָט לכתחילה געדיינקט, אז דאָס האָט זי איהם די בלומען געשיקט, האָט זי זיך נאָך מעהר געגריזשעט די הארץ.

דער דאָקטאָר האָט די גאנצע צייט בעטראכט פלאָרא'ן מיט פאָרשענדע בליקען. ער האָט געזעהן וואָס אין איהר נשמה קומט יעצט פאָר און ער האָט איהר געוואָלט בערוהיגען. ער האָט זיך אָפּ־גערופען :

— פלאָרא, וועסט אזוי גוט זיין אריינגעהן צו דיר אין צימער, איך געה ניימאן'ען איבערבינדען די וואונדען.

— נא, נעהם מיט די בלומען — האָט ניימאַן איהר דערלאַנגט דעם בוקעט — ווען דו וועסט צוריק קומען, וועסטו זיי מיטבריינגען.

אריינקומענדיג אין איהר צימער, האָט זי די בלומען מיט כעם א שליידער געטהאָן אויף דער ערד. א געקריינקטע, א פערביטערטע האָט זי גענומען ארומשפאנען איבער׳ן צימער און יעדעס מאָל וואָס איהרע בליקען זיינען געפאַלען אויף די בלומען, האָט זיך איהר געזיכט קראַמפּפהאַפט אויסגעקרימט. ענדליך האָט זי מיט ווילדען כעס זיי א שליידער געטהאָן מיט׳ן פוס אונטער דעם בעט.

מיט אונגעדולד האָט זי ערוואַרטעט דעם דאָקטאָר. זי האָט געוואוסט, אז ער וועט זיכער אהער אריינקומען. ער וויל דאָך איהר געוויס איבערגעבען וואָס ער האָט גערעדט מיט פרענק׳ען. זי וועט ביי איהם נעהמען געלד און שיקען קויפען בלומען, פונקט די זעלבע בלומען...

— ניימאַן וועט דאָך אָבער מיינען, אז דאָס זיינען יענער מיידעל׳ס בלומען — האָט זיך עפּעס א שטימע מיט איהר געריצט.

זי האָט אויסגעבראָכען אין א שטילען, ביטערען געוויין.

— יענע מיידעל וועט היינט ווידער קומען צו איהם — האָט זי געטראכט, וועהרענד הייסע טרעהרען האָבען געשטראָמט פון איהרע אויגען. ניין, זי וועט דאָס ניט דערלאָזען, ווען עס זאָל איהר אפילו דאָס לעבען קאָסטען. זי וועט בעטען דעם דאָקטאָר, ער זאָל איהר ניט ערלויבען צו בעזוכען ניימאַן׳ען, און ער וועט עס איהר זיכער צוליעב טהאָן. אויב זי וועט היינט קומען, וועט זי מיט איהר האָבען אָן אָפענעם געשפּרעך. ווען זי וואָלט דאָס נעכטען געזעהן געטהאָן, וואָלט זי היינט קיין בלומען ניט געשיקט און זי וואָלט יעצט אזוי שרעקליך ניט געליטען.

אין איהר מוח האָט יעצט אויפגעלעבט די טרויעריגע לעבענס־געשיכטע פון דער נאַכט־נוירס. יא, זי האָט רעכט. דער לעבען איז דער בעסטער לעהרער. מיט איהר וועט דאָס זעלבע ניט פּאַסירען. זי וועט וואַכען און ניט דערלאָזען, אז מען זאָל איהר גליק צושטערען. זי האָט געפיהלט א טיעפע דאנקבארקייט צו דער נוירס, דער־

פאר וואָס זי האָט איהר דערצעהלט איהר לעבענס־געשיכטע. זי וועט דערפון פיעלעס לערנען. זי וועט האַלטען איהרע אויגען אָפען.

— וואָס וועט אָבער ניימאַן זאָגען ווען ער וועט זעהן, אז די מיידעל קומט ניט? ער האָט דאָך זי זעלבסט געבעטען זי זאָל איהם בעזוכען — האָט די זעלבע געהיימע שטימע זיך ווידער גענומען רייצען מיט איהר.

א שוידער האָט דורכגענומען איהר גאַנצען קערפּער און זי איז געבליבען שטעהן אין מיטען צימער, ווי א פערשטיינערטע. זי האָט מיט זיך יעצט פאָרגעשטעלט א בילד פון אייפערזוכט, פערצווייפלונג און אונבעהאָלפענקייט.

פון דיעזען צושטאַנד האָט איהר אויפגעוועקט א קלאַפּ אין טיהר. פלאָרא האָט נערוועז אויסגעווישט די אויגען און געעפענט די טיהר. דערזעהענדיג, אז דאָס איז דאָקטאָר סטענטאָן, האָט זי זיך זעהר דערפרעהט.

— איך האָב געטראָפען — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, אריי־בערשפּרינגענדיג דעם שוועל.

— וואָס האָט איהר געטראָפען? — האָט פלאָרא געזאָגט מיט אַן אָנגעשטריינגטען שמייכעל, פערמאַכענדיג די טיהר.

— אז דו האָסט דאָ געוויינט.

— דאָקטאָר! — האָט פלאָרא זיך צו איהם געווענדעט אין א בעטענדען טאָן — לאָזט יעצט צורוה אייער שפּאַס. איך בין צו־פיעל ערביטערט.

— אַלץ צוליעב די בלומען, הא?

— יא, טאַקע צוליעב דעם! — האָט זיך אין פלאָרא'ן אויף־דאָס ניי צופלאַקערט דער פריהעריגער כעס — וואָס פאַר א חוצפּה האָט זי צו שיקען איהם בלומען?

— און ווידער מוז איך אויסדריקען מיין אַלטע מיינונג, אז פערליעבטע פערליערען זייער זינען. וואָס הייסט עפּעס, זי האָט קיין רעכט ניט ניימאַן'ען צו שיקען בלומען?

— געוויס האָט זי קיין רעכט ניט! דאָס איז אן אונפער־שעהמטהייט! און איך וועל עס איהר היינט זאָגען.

דער דאָקטאָר האָט מיטלייד געהאט מיט איהר און ניט גע־וואָלט, זי זאָל זיך ווייטער ערגערען. ער האָט איהר בלויז געראַ־טהען, אז ווען די מיידעל וועט קומען, זאָל זי קיין סקאנדאלען ניט מאַכען.

— איך וועל קיין סקאנדאלען ניט מאכען, אָבער ריידען וועל איך מיט איהר, איך מוז. איך וויל אייך אויך בעטען, אז איהר זאָלט איהר ניט ערלויבען צו קומען אהער.

— דאָס, האָב איך דאָך דיר שוין ערקלעהרט, קען איך ניט טהאָן. אָבער דו ערגערסט זיך אומזיסט — האָט דער דאָקטאָר צוגעגעבען — ניימאַן וועט דיך ניט אויסבייטען אויף קיין אנדערע. קענסט זיין רוהיג וועגען דעם.

ער האָט דיעזע ווערטער ארויסגעזאָגט אזוי ערנסט און אי־בערציינגענד, אז פלאָרא האָט זיך גאָר מחיה געווען. זי האָט גע־פיהלט, ווי ער וואָלט אין איהר א נייע נשמה אריינגעגעבען.

— איך צווייפעל ניט אין ניימאַן'ס ליעבע צו מיר — האָט זי שוין עטוואָס פריילך געזאָגט — אָבער אין לעבען פאסירען אזוי פיעל טרויעריגע געשיכטעס.

זי האָט איהם דערצעהלט די געשיכטע פון דער נאכט־נוירס. דער ארצט האָט זיך אויפמערקזאם צוגעהערט און ווען זי האָט גע־ענדיגט, האָט ער זיך אָפּגערופען:

— איך האָב באַלד אָן איהר דערקענט, אז זי איז א ליידענדע, אז טיעף אין איהר הארצען זיינען פערבאָרגען וואונדען. איך האָב אויך דערקענט, אז זי שטאמט פון אן אינטעליגענטע הויז.

— יא, זי איז זעהר אן אינטערעסאנטע פערזאָן — האָט פלאָ־רא געלויבט די נוירס — עס איז א פערגעניגען מיט איהר צו פער־ברייגגען.

דער דאָקטאָר האָט פערשטאנען צו וואָס זי ציעלט דאָ און ער

איז גליייך איבערגעגאנגען צו אן אנדער געשפרעך. ער האָט איהר דערצעהלט וועגען זיין בענעגעניש מיט פרענק'ען און איהרע על־טערען.

— איך דארף ניט האָבען זיינע בריעף — האָט פלאָרא זיך גע־נומען קאָכען, הערענדיג אז פרענק האָט געזאָגט, אז ער וועט צו איהר שרייבען.

— דו רעדסט שוין ווידער נארישקייטען — האָט דער דאָק־טאָר געזוכט זי צו בערוהיגען — דו קענסט איהם ניט פערוועהרען צו טהאָן דאָס, וואָס ער וויל. איך האָב אויף איהם געהאט אן איינ־פלוס. ער האָט מיר פערשפּראָכען אז ער וועט דיר צורוה לאָזען.

— טאָ דארף ער ניט שרייבען צו מיר. צווישען אונז איז אלעס שוין געענדיגט.

— ביי איהם איז עס אָבער נאָך ניט געענדיגט, און אויב דו וועסט האנדלען פערנינפטיג, וועט אלעס זיך גוט ענדיגען.

— מען קען פעררוקט ווערען! — האָט פלאָרא אויסגעשריען מיט אנגסט, אָנכאַפּענדיג זיך מיטביידע הענד פאר'ן קאָפּ — פון איין זייט איז דאָ איין צרה און פון דער אַנדערער זייט א צווייטע!

— מיט געדולד און לאָגישער אויסגערעכענטקייט וועסטו אלע צרות בעזייטיגען — האָט דער דאָקטאָר זי געטרייסט מיט פאטער־ליכער ליעבע. די הויפּט זאָך איז נאָר — דו זאָלסט זיך ניט ערגערן. ניימאן פערבעסערט זיך. די וואונדען היילען זיך אויסגעצייכענט. אין א וואָך ארום וועט ער שוין קענען פערלאָזען דאָס בעט. ער וועט אָבער נאכהער דארפען רוהען עטליכע וואָכען, אבסאָלוט רוהען.

— ווי דערלעב איך שוין, ער זאָל פון דאנען ארויסגעהן! — האָט פלאָרא געזאָגט אין א פרייליכען טאָן — דאן וועל איך שוין פון קיינע צרות ניט וויסען.

* * *

פאר נאכט איז ראָזי געקומען. מען האָט איהר גלייך צום קראנקען אריינגעלאָזט. ניימאן האָט זי זעהר ליעבליך בעגריסט און איהר הערצליך בעדאנקט פאר די בלומען וואָס זי האָט איהם גע־

שיקט. אויך פלאָרא האָט איהר ווארעם אויפגענומען. זי האָט שוין יעצט צו איהר קיין בייזע געפיהלען ניט געהאט. א לאנגען געשפּרעך האָט זי פריהער געהאט מיט ניימאן'ען. דאָס איז אייגענטליך געווען דער ערשטער אינטימער געשפּרעך וואָס זי האָט מיט איהם געהאט זינט זי האָט איהר הארץ און איהר נשמה איהם אָבגעגעבען; דאָס איז געווען א מינדליכע ליעבעס־ערקלעהרונג. וועגען זייער הייסע ליעבע האָבען זיי גערעדט, וועגען זייער צוקונפט, וועלכע זיי האָבען געמאָהלען אין די הערליכסטע פארבען.

פלאָרא האָט זיך אַלזאָ גענצליך בערוהיגט. איהר הארץ האָט מעהר ניט געדריקט דער פריהעריגער צווייפעל, די אלע פראגען, וועלכע האָבען נעכטען און היינט געעגבערט איהר מח, זיינען יעצט פערשוואונדען; זייער פלאץ האָט פערנומען איין געדאנק: ניי־מאן ליעבט זי ערנסט און הייס. זי איז געווען אזוי גליקליך, אז אין איהר הארצען איז קיין פלאץ ניט געווען פאר בייזע, ביטערע גע־פיהלען צו דער ארייגעקומענער מיידעל. זי האָט מעהר ראָזי'ן אלס איהר קאָנקורענטין ניט בעטראכט. זי האָט זאָגאר וועגען דעם דענ־קען ניט געוואָלט. עס וואָלט געווען א פערברעכען געגען ניימאן'ען, ווען זי זאָל בלויז טראכטען וועגען דעם, נאָכדעם ווי ער האָט איהר אזוי אָפען ערקלעהרט, ווי גליקליך ער איז מיט איהר ליעבע.

אויך האָט איהר מעהר ניט בעאונרוהיגט די עראינערונג וועגען דער נאכט־נוירס' טרויעריגען ראָמאַן. יענער איז געווען א שוועכלונג, ער האָט זיך דארום געלאָזט בעאיינפלוסען פון דעם באנ־קיער'ס טאָכטער. ניימאן איז אָבער א מאן מיט א פעסטען כאראק־טער — ער איז א ריעז, און קיין פרויענצימער אין דער וועלט וועט אויף איהם קיין ווירקונג ניט קענען האָבען. זי האָט דארום בעגריסט דעם ניום דיעלער'ס טאָכטער מיט אמת'ע פריינדליכקייט. זי איז ווירקליך געווען צופריעדען וואָס זי איז געקומען.

אָבער ראָזי'ס הארץ איז רוהיג ניט געווען. א שטורם האָט דאָרט ווילד געבושעוועט. אויך זי האָט א גאנצע נאכט ניט געשלאָ־פען. זינט זי האָט נעכטען פערלאָזט דעם האָספּיטאל האָט זי נאָך

אויף קיין איין מינוט ניט אויפגעהערט צו דיינקען וועגען ניימאן'ען. נאָך אין דער פריה האָט זי געוואָלט אהער לויפען, אָבער עס האָט עפּעס ניט געפּאסט אזוי פריה צו קומען. האָט זי בלומען געשיקט און געצעהלט די מינוטען ווען זי וועט איהם קענען זעהן. זי וואָלט נאָך פריהער געקומען, האָט איהר דער פאָטער ניט געלאָזען געהן, און זי האָט געהאט א לאנגען, שווערען קאמפּף מיט איהם, ביז ער האָט עס איהר ערלויבט. מיט א קלאָפּענדע הארץ איז זי דעם גאנ־צען וועג געגאנגען. זי האָט געוואוסט, אז זי וועט דאָ געפינען איהר ערגסטען שונא — פלאָרא'ן. און וואָס נעהענטער זי איז צוגעקו־מען צום האָספּיטאל, אלץ שטארקער, האסטיגער האָט איהר הארץ געקלאפּט. צוויי פערשיעדענע געפיהלען האָבען זי בעהערשט — זי האָט געגארט צו זעהן ניימאן'ען, אָבער זי האָט זיך ניט געוואָלט בעגעגענען מיט פלאָרא'ן. יעדעס מאָל וואָס זי האָט זיך דערמאָנט אָן איהר, פלעגט א פראָסט דורכלויפען איבער איהר קערפּער און געמאכט גליווערען די בלוט אין איהרע אָדערען.

דאָס זעלבע האָט אויך מיט איהר פּאסירט יעצט, ווען זי האָט איבערגעטראָטען די שוועל פון דעם קראנקען'ס צימער.

אָבער ניימאן'ס ווארימע בעגריסונג און זיין הערצליכער דאנק פאר איהרע בלומען האָבען אין איהר א נייעם געמיטה געשאפען, א פרעהליכען. זיינע רייד האָבען אַ זיסען, מחיה'דיגען ציטער אין איהר הארץ ארויסגערופען. זי האָט זיך געפיהלט גליקליך, אָבער לײדער האָט דיעזעס גליק אָנגעהאלטען בלויז א פּאָאר סעקונדען. דען ווען זי האָט בעגעגענט פלאָרא'ס בליקען, האָבען די פריהערי־גע געפיהלען אויף דאָס ניי פערקלעמט איהר הארץ.

זי איז מיט לאנגזאמע טריט צוגעגאנגען צו ניימאן'ען, אויס־געשטרעקט צו איהם איהר האנד, וועלכע האָט יעצט שטארק גע־ציטערט, און איהם געפרעגט ווי ער פיהלט זיך, דערנאָך האָט זי מיט געמאכטע העפליכקייט א לייכטען נייג געטהאָן מיט'ן קאָפּ צו פלאָרא'ן, ענטפערענדיג דערמיט אויף איהר בעגריסונג.

— איך בין אַלל רייט ! — האָט ניימאַן ליעבליך געענטפערט — אָט וועל איך אייך באלד איבערצייגען, אז איך זאָג קיין ליגען ניט — האָט ער צוגעגעבען מיט א שמייכעל.

דאָס זאָגענדיג האָט ער ראָזי'ן געגעבען אזא שטארקען דריק אין האנד, אז זי האָט אזש א געשריי געטהאָן פון וועהטאָג.

— משוגענער ! — האָט פלאָרא א זאָג געטהאָן מיט שפּאס צו ניימאַן'ען.

— ווילסט אפּשר אויך פּרובירען ? — האָט ניימאַן איהר גע־פרעגט, אויסשטרעקענדיג צו איהר די האנד.

— איך בין דיר מוחל די טובה ! — האָט פלאָרא איהם גענג־בען א לייכטען קלאַפּ איבער די האנד.

ניימאַן האָט געבעטען ראָזי'ן, זי זאָל זיך אוועקזעצען. פלאָרא האָט זיך אויך אוועקגעזעצט און זיי האָבען אלע דריי פרעהליך פער־בראכט א פּאָאַר שטונדען, ריידענדיג איבער פערשיעדענע זאכען. פלאָרא האָט זיך די גאנצע צייט געסטארעט צו זיין וואָס פריינד־ליכער צו ראָזי'ן, וואָס עס איז זעהר געפעלען ניימאַן'ען. ראָזי איז צו איהר אויך געווען העפליך און פריינדליך, אָבער דאָס זיינען געווען ניט קיין נאַטירליכע געפיהלען ; אין הארצען האָט זי צו פלאָרא'ן געפיהלט א ביטערע שנאה.

ראָזי האָט געוואַרט אויף א געלעגענהייט צו בלייבען אליין מיט ניימאַן'ען. זי האָט איהם געוואָלט ערקלעהרען איהרע געפיהלען צו איהם. זעהענדיג אז פלאָרא האָט גאָר ניט בדעה אָפּצוטרעטען, איז זי געוואָרען זעהר נערוועז.

ענדליך האָט זיך געמאכט אזא געלעגענהייט. עס איז אריינ־געקומען א בעדיענער און ערקלעהרט פלאָרא'ן, אז א מעסענדזשער־באָי האָט פאר איהר געבראכט א בריעף. פלאָרא איז געוואָרען זעהר צוטראָגען. זי האָט פערשטאנען, אז דער בריעף איז געוויס פון פרענק'ען. זי איז שנעל ארויסגעלאָפען.

ראָזי האָט בעשלאָסען אויסצונוצען דיעזע געלעגענהייט.

— דער בריעף מוז געוויס זיין פון איהרע עלטערען — האָט

ניימאן געזאָגט — עס מוז זיי פערדריסען פאר וואָס זי קומט ניט אהיים.

דאָ האָט ער זיך געכאפּט, אז ראָזי וויים געוויס ניט ווער פלאָרא איז און אז זי מוז זיך אודאי וואונדערען וואָס זי טהוט דאָ ביי איהם; און איהר פאָטער האָט זיך אויך נעכטען געמוזט הדוש'ען און ער האָט בעשלאָסען איהר אַלעס צו דערצעהלען.

— ווייסטו ווער דיעזע פריילין איז? — האָט ניימאן געזאָגט אין אידיש צו ראָזי'ן.

ראָזי האָט אַ ציטער געטהאָן. זי האָט זיך אָבער גלייך בע־הערשט און געענטפערט געלאַסען:

— דיינע אַ פריינדין געוויס.

— זי איז צו מיר מעהר ווי אַ פריינדין — האָט דער קראנקער געזאָגט מיט אַ פיעל־בעדייטענדען שמייכעל.

ראָזי האָט דערפיהלט אַ שמערצליכען שטאָך אין הארצען און איהר געזיכט איז יעצט געוואָרען בלייך ווי שנעע.

— זי איז מיין געליעבטע — האָט ניימאן פאָרטגעזעצט אין אַ טאָן פון בעגייסטערונג — זי איז...

— ווארום האָט איהר גאָר ניט דערצעהלט, אז איהר האָט אַ געליעבטע? — האָט ראָזי איהם איבערגעשלאָגען די רייד.

אין איהרע רייד האָט זיך געהערט אַ שארפער פאָרוואורף. ניי־מאן האָט אויף איהר אַן ערשטוינטען בליק געוואָרפען. ער האָט ערשט יעצט בעמערקט איהר בלייכע געזיכט און ער האָט גלייך פער־שטאַנען די אורזאַכע דערפון.

— וואָס האָב איך געהאט צו דערצעהלען? — האָט ער גע־זאָגט, קוקענדיג אויף ראָזי'ן מיט דורכדרינגענדע בליקען — מיט דער צייט וואָלט איהר אַלעס געוועזען געוואוסט.

— פון ראָזי'ס ברוסט האָט זיך אַ ביטערער זיפץ ארויסגע־ריסען.

פאַר ניימאן'ען איז מיט אמאָל אַלעס קלאָהר געוואָרען. אַ מאָדנער געפיהל האָט ארומגענומען זיין הארץ. ער האָט געזעהן,

אז די מיידעל ליידעט שרעקליך, און אז ער איז די אורזאכע פון איהרע ליידען. ער האט געוואלט עפעס זאגען, אבער ער האט זיך צוריקגעהאלטען, דיינקענדיג, אז ראזי געהט אנפאנגען צו ריידען. זעהענדיג אבער אז זי שווייגט, האט ער זיך אפגערופען:

— וואס וואלט דען געווען, ווען איך וואלט דערצעהלט, אז איך האב א געליעבטע? ווען קען דאס איבערהויפט אינטערעסירען?

— איהר וואלט דערמיט פערשפארט א געוויסע פערזאן צו ליידען — האט זי טרויעריג געענטפערט.

ניימאן האט איהר אנגענומען פאר די האנד און, קוקענדיג איהר ליעבליך אין די אויגען אריין, געזאגט:

— ראזי, דיינע ווערטער בעאונרוהיגען מיר זעהר. איך וויל, דו זאלסט פאר מיר זיין אפענהערציג און אלעס דערצעהלען.

ראזי האט זיך דערמאנט, אז אט באלד קומט אן פלארא און זי וועט מעהר ניט קענען ריידען. זי האט שנעל און אין א נערוועזען טאן פאר איהם ענדליך איהר הארץ געעפענט.

— הער מיך אויס, ראזי — האט ניימאן געזאגט אין א געלאסענעם טאן, ווען זי האט געענדיגט — דיינע ווערטער האבען מיר פערשאפט יסורים. איך לייד שרעקליך דערפון וואס דו ליידעסט, אבער דו מוזט זיך בערוהיגען, דען דאס איז דער איינציגער אויסוועג. פלארא איז די ערשטע פרויענצימער וואס איך ליעב און זי וועט אויך זיין די לעצטע. איהר אויפהערען צו ליעבען וועל איך נור דאן, ווען מיין הארץ וועט אין מיר אויפהערען צו קלאפען. איך האב אייער גאנצע פאמיליע זעהר ליעב; איהר זייט אלע עדעלע, גוטהערציגע מענשען. אזעלכע ווי איהר זייט בעגעגענט מען ליידער ניט פיעל היינטיגע צייטען. מיין גאנצען לעבען וועל איך אייך אלעמען דאנקבאר זיין פאר אלעס וואס איהר האט פאר מיר געטהאן, און פאר מיין יעצטיגען גליק, — פאר מיין ליעבע — האב איך אויך דיין עדלען פאטער צו פערדאנקען. און עס וועט שרעקליך פלאגען מיין געוויסען, ווען דו זאלסט צוליעב מיר ליידען, ווען דיינע ליעבע עלטערען זאלען וויסען, אז דורך מיר איז זייער פאמיליען-

גליק צושטערט געוואָרען. דו ביזט דאָך א פערנינפטיגע און א קלו־גע און איך בין זיכער אז דו בעגרייפסט מיין לאַגע.

— איך וואָלט ניט געלאָזען מיינע געפיהלען זיך פונאנדער־פלאַקערען, ווען איך וואָלט וויסען, אז אייער הארץ איז ניט פריי — האָט ראָזי געזאָגט מיט פערשטיקטע טרעהרען אין איהר שטימע.

— איך צווייפעל ניט אין דעם — האָט ניימאַן געענטפערט מיט אנגסט — אָבער עס איז דאָך ניט מיין שולד. דו ווייסט דאָך, אז איך האָב דיר קיין בעזונדערע אויפמערקזאמקייט ניט געשאָנקען.

— איך בעשולדיג דיר חלילה ניט. איך...

זי האָט ניט געקענט ווייטער ריידען. טרעהרען האָבען איהר גענומען שטיקען אין האלז.

— ראָזי, איך בין שוין יעצט ניט אזוי שטארק ווי פריהער — האָט ניימאַן געזאָגט אין א שוואַכע שטימע — דורך די עטליכע מינוט האָב איך מיינע קרעפטען פערלאָרען. ווען דו זאָלסט וויסען ווי דו האָסט פערוואונדעט מיין הארץ! האָב מיטלייד מיט מיר און בערוהיג זיך! אויב דו וועסט ווייטער אזוי ליידען, אויב איך וועל ניט זעהען, אז דו ביזט גענצליך בערוהיגט, וועל איך פאַלען א קרבן. איך וועל דאָס ניט קענען אריבערטראָגען; און ניט נור איין אָפּ־פער וועסטו ברייננגען, נור צוויי — זי, מיין געליעבטע, וועט אויך זיין א קרבן. איך אַפּעליער צו דיין געוויסען — בערוהיג זיך. רייס ארויס פון דיין הארצען דיעזע געפיהלען און דו וועסט נאָך אמאָל זיין גליקליך.

— אה, ווען איך זאָל דאָס קענען! — האָט ראָזי אויסגעשריען פערצווייפעלט.

— דו וועסט דאָס קענען — האָט ניימאַן זי געטרייסט — דו ביזט דאָך ניט פון די שוואכע כאראקטערע, ווי ווייט איך קען דיך — און מיט א שטאַרקען ווילען קען א מענש איבער זיך הערשען, מאַכען פון זיך וואָס ער וויל. פערגעס ניט, אז דיינע ליידען ווע־לען ברייננען אונשולדיגע אָפּפער — האָב דאָס שטענדיג אין דיינע געדאנקען, און דו וועסט זעהען, אז דאָס וועט דיר העלפען צו בע־

רוהיגען זיך. ראָזי! — האָט ער זיך געבעטען ביי איהר אין א טאָן, אזוי ווי איינער וואָס קלאָגט פאר א גזלן, ער זאָל איהם שענקען זיין לעבען — מיין גאנצער לעבען איז איין געשיכטע פון שרעקליכע ליידען, פון שטענדיגען פלאגען זיך, פון הונגער, קעלט, היימאטהסלאָזיגקייט, עלענד, בעליידיגונג. איך האָב יעצט ערשט אָנגעהויבען צו געניסען אביסעלע גליק — איך וועל נאָך דארפען גענוג קעמפפען, ביז איך וועל פאָלשטענדיג זיין גליקליך. רויב זשע דו ביי מיר ניט אוועק דאָס גליק!

— איהר פערשטעהט מיר ניט — האָט ראָזי געזאָגט זיפצענדיג — איך וויל אייער גליק ניט שטערען. זייט גליקליך מיט אייער געליעבטע אייער גאנצען לעבען. איך ווינש עס אייך פון טיעפען הארצען. פערצייהעט מיר וואָס איך האָב אייך יעצט געמאכט צו ליידען. גלויבט מיר, איך האָב זיך ניט געקענט בעהערשען און האָב געמוזט מיין הארץ פאר אייך אויסריידען. איך וועל זיך סטארען אייך צו פאָלגען, איך וועל זיך פיעלייכט בערוהיגען און לעבען מיט'ן געדאנק, אז איהר זייט כאָטש גליקליך.

— און דו וועסט אויך זיין גליקליך — האָט ניימאן געזאָגט שוין עטוואָס בערוהיגט — עס וועט זיך געפינען א מאן, וועלכער וועט דיר ליעבען, אזוי ווי דו ביזט ווערטה און ער וועט דיר גליקליך מאכען.

— איהר האָט א טעות, איהר פערשטעהט מיר ווידער ניט — האָט ראָזי פאָרטגעזעצט — איך וועל מעהר אין מיין לעבען שוין ניט ליעבען. מיין ליעבע איז אויך די ערשטע און די לעצטע... אָבער איך וועל אייך מעהר ניט באדערען — האָט זי צוגעגעבען. זייט געזונד און לעבט גליקליך!

זי האָט זיך אויפגעשטעלט.

— ווארט נאָך א ווײַלע — האָט ניימאן זי פערהאלטען — איך וויל, אז דו זאָלסט יאָ קומען צו מיר, מיין וואונש איז, אז דו זאָלסט בעפריינדעט ווערען מיט פלאָרא'ן, מיין געליעבטע, און איך בין זיכער, אז דו וועסט זי ליעב בעקומען, ווען דו וועסט זיך איבערציי־

גען, וואָס פאַר אן ערעלע נשמה זי בעזיצט. דו האָסט דאָך ניט קיין בייזע געפיהלען צו איהר, ניט וואהר?

— איך האָב צו קיינעם קיין בייזע געפיהלען ניט — האָט ראָזי געענטפערט אין א טאָן פון יאוש.

דאָס איז געווען דער ריינער אמת. די פריהערדיגע פיינדלי־כע געפיהלען צו פלאָרא׳ן זיינען עפּעס, ווי דורך א כישוף, פער־שוואונדען פון איהר הארצען. הערענדיג, אז ניימאַן וויל זי זעהן, האָט זי זיך דערפרעהט. זי וועט האָבען דאָס פערגעניגען איהם צו זעהן — דאָס איז פאַר איהר אויך שוין געווען א גליק...

— נאָך איין זאך וויל איך דיך בעטען — האָט ניימאַן נאָך א ווײלע שטיל שווייגען געזאָגט — איך וויל אז דיינע עלטערען זאָלען פון קיין זאך ניט וויסען.

— דער פּאַפּאַ וויים שוין פון אלעס — האָט ראָזי איהם ער־קלעהרט.

אויף דעם קראנקען׳ס געזיכט האָט זיך בעוויזען אן אויסדרוק פון אינערליכע ליידען.

ראָזי האָט איהם ערקלעהרט ווי אזוי דער פאָטער האָט זיך דער־פון דערוואוסט און וועגען זיין שטעלונג אין דיעזער אנגעלעגענ־הייט.

— בעט איהם, אז ער זאָל מאָרגען אהער קומען. איך וויל איהם ערקלעהרען, אז איך בין גאָר ניט שולדיג — האָט ניימאַן געזאָגט.

— ער וויים דאָס אליין, איך האָב עס איהם שוין ערקלעהרט — האָט ראָזי געענטפערט.

דאָ האָט זיך די טהיר געעפענט און עס איז אריינגעקומען פלאָ־רא. אויף איהר געזיכט איז קענטיג געווען, אז איהר הארץ איז עפּעס אונרוהיג. זי האָט זיך אָבער געסטאַרעט דיעזע אונרוהיגקייט צו פערבאָרגען.

— וואָס האָט דיר דער מעסענדזשער־באָי געבראַכט?

— א בריעף — האָט פלאָרא געענטפערט מיט א געצוואונגע־נעם שמייכעל.

— פון דער היים, הא?

פלאָרא האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, אויסמײדענדיג זיך צו בעגעגענען מיט ניימאן'ס בליקען, אום ער זאָל ניט דערקענען אָן איהרע אויגען, אז זי זאָגט א ליגען.

— איך האָב גלייך געוואוסט, אז דאָס איז א בריעף פון דיינע עלטערען און איך האָב דאָס צו ראָזי'ן געזאָגט. ווער שרייבט דעם בריעף — דער טאטע צו די מאמע?

— די מאמע — האָט פלאָרא אין פערלעגענהייט געענטפערט.

— ווייז מיר דעם בריעף, איך וויל זעהען וואָס זי שרייבט — האָט ניימאן אויסגעשטרעקט די האנד.

פלאָרא איז פּלוצלונג שטארק רויט געוואָרען און האָט געשוויי־גען. ניימאן האָט געדיינקט, אז זי שעהמט זיך צו געבען דעם בריעף ווייל ראָזי איז דאָ דערביי און ער האָט זיך ווידער געווענ־דעט צו איהר:

— גיב מיר דעם בריעף, פלאָרא. מיר דארפען זיך פאר ראָזי'ן גאָר ניט היטען.

פלאָרא האָט ליעבליך געשמייכעלט. זי איז געווען זעהר צו־פריעדען וואָס ראָזי ווייס שוין פון איהר ראָמאן, און דאָס טאקע פון ניימאן'ען זעלבסט. זי האָט געפיהלט, אזוי ווי א שווערער שטיין וואָלט זיך אראָפּגעקייקעלט פון איהר הארצען. פון דער אנדערער זייט האָט זי אָבער ניט געוואוסט ווי אזוי זיך ארויסצודרעהען דאָ מיט דעם בריעף. זאָגען איהם דעם אמת, אז דער בריעף איז פון פרענק'ען, האָט זי ניט געוואָלט, דען זי האָט מורא געהאט, אז ער זאָל זיך דערפון ניט אויפרעגען. אין דעם לאנגען געשפּרעך וואָס זי האָט פריהער מיט איהם געהאט, האָט ניימאן קיין איינמאָל איהר חתן'ס נאָמען ניט דערמאָנט, אזוי ווי ער וואָלט גאָר ניט עקזיס־טירען, און דאָ זאָל זי איהם דערמאָנען. צווייטענס, וואָלט דער אינ־האַלט פון דעם בריעף זיכער געווירקט שלעכט אויף זיין געזונדס צושטאנד. זי האָט דארום ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן.

— נו, גיב מיר שוין דעם בריעף! — איז ניימאן ווידער צו איהר צוגעשטאנען.

— איך האָב איהם געלאָזען אין מיין צימער — האָט פלאָרא געפּרובירט זיך אַרויסדרעהען — איך וועל איהם דיר שפּעטער ווייזען.

ראָזי האָט זיך אויפגעהויבען און זיך גענומען געזעגענען מיט ניימאַן׳ען.

— וואָס איילט איהר זיך? זיצט נאָך א ווײלע — האָט פלאָרא צו איהר געזאָגט אין א פריינדליכען טאָן.

ניימאַן האָט איהר אויך געבעטען, זי זאָל נאָך בלייבען.

— וואַרט ביז דער דאָקטאָר וועט קומען — האָט פלאָרא ווידער מיט דער זעלבער פריינדליכקייט זיך געווענדעט צו ראָזי׳ן — איך בין נאָך פון נעכטען אָן אין סטריט ניט געווען, וועלען מיר זיך אביסעל דורכגעהן.

דאָס זאָגענדיג, האָט זי איהר אָנגענומען מיטביידע הענד און זי צוריק אַוועקגעזעצט.

— מיט איהר קען מען זיך ניט איינרייסען — האָט ניימאַן געזאָגט מיט א שמייכעל — זי מוז אויספיהרען דאָס איהריגע.

פלאָרא האָט זיך אויך אַוועקגעזעצט. זי איז יעצט אַריינגעפאַלען אין א פרעהליכען געמיטה און האָט געשטיפט און געשפּאַסט. ראָזי איז אנפאַנגס געווען אפאַטיש געשטימט, אָבער נאכהער איז זי אויך הינגעריסען געוואָרען פון פלאָרא׳ס שפּאַסען און זיך אויך בעטהייליגט אין דעם געשפּרעך, וואָס עס האָט ניימאַן׳ען אמת געפרעהט.

שפּעטער איז דער דאָקטאָר געקומען. ראָזי האָט זיך געזעגענט מיט ניימאַן׳ען. ער האָט איהר געבעטען זי זאָל מאָרגען ווידער קומען און געהייסען גריסען די עלטערען און די קינדער. זי האָט פערשפּראָכען צו קומען און איז אַרויס צוזאַמען מיט פלאָראַן.

אין ראָזי׳ן האָט זיך יעצט די שטימונג געענדערט. זייענדיג לעבען ניימאַן׳ען איז זי געווען מונטער און יעצט איז זי פּלוצלונג בעהערשט געוואָרען פון א טיעפען אומעט. פלאָרא׳ס אנוועזענהייט איז אויף איהר יעצט געווען א לאַסט. זי האָט איצט געוואָלט

זיין איינע אליין — אליין מיט איהרע געדאנקען. פלארא האט דיעזע ענדערונג אין איהר בעמערקט און זי האט געזוכט פאסענדע ווערטער, מיט וועלכע אנצופאנגען א געשפרעך. דער אבענד איז געווען א שעהנער. די לבנה האט מאיעסטעטיש ארומשפאציערט איבער דעם קלאהרען הימעל, בעגלייט פון מיליאנען שטערען. א פרישע קיהל ווינטעל האט לוסטיג ארומגעשוועבט און מילד געגלעט די פערביינגעהענדע. פלארא׳ן איז איינגעפאלען אנצופאנגען א געשפרעך וועגען וועטער און זי האט זיך אפגערופען:

— וואס פאר א שעהנער אבענד היינט איז! אויב איהר האט צייט קענען מיר נעהמען א לאנגען שפאציער.

— מען וועט אין דער היים איבערקלעהרען. איך האב זיך שוין אזוי אויך צו לאנג געזאמט — האט ראזי געענטפערט עפעס אונצופריעדען.

— זיי וייסען דאך וואו איהר זייט געגאנגען, וואס ווען זיי איבערקלעהרען? — האט פלארא אליץ איהר נעוואלט בעווענען, זי זאל מיט איהר געהן שפאציערען.

— עס איז שוין ניט פריה — האט ראזי ווייטער געזאגט — און איך מוז מארגען אויפשטעהן צו דער ארבייט.

— איהר ארבייט? ביי וואס ארבייט איהר? —

— איך בין א פינדישערין ביי קלאוקס.

— היינט האט איהר אויך געארבייט?

— ניין. אבער מארגען וויל איך שוין ארבייטען.

דיעזע ווערטער האט זי ארויסגערעדט אין א טאן פון ענטשלאסענהייט.

— א גאנצען טאג וועט איהר ארבייטען? — האט פלארא ווייטער געפרעגט.

— געוויס — האט ראזי געענטפערט.

— איהר האט דאך פערשפראכען מר. ניימאן׳ען, אז איהר וועט איהם מארגען בעזוכען.

ראזי האט א ציטער געטהאן דערהערענדיג דעם נאמען פון דעם,

ווענמען זי ליעבט מיט דער גאנצער קראפט פון איהר יונגער נשמה און וועמעס הארץ עס בעלאנגט צו אן אנדערע, צו איהר בעגלייטע־רין. פלאָרא האָט דאָס בעמערקט און איבער איהר קערפער איז אויך א לייכטער ציטער דורכגעלאָפען, זעהענדיג ווי ראָזי איז געוואָ־רען צוטראָגען ווען זי האָט דערמאָנט איהר געליעבטען׳ס נאָמען. זי מוז האָבען מיט איהר יעצט אן אָפענעם געשפרעך. נאָכדעם ווי ניי־מאַן האָט שוין מיט איהר גערעדט, וועט עס איהר לייכטער אָנקור־מען. זי האָט אָבער געווארט אויף אן אנטוואָרט אויף איהר פריה־עריגע בעמערקונג.

ראָזי איז געגאנגען טיעף פערטראכט און האָט געשוויגען.

— ניימאַן וועט זיך זעהר וואונדערען מאָרגען ווען ער וועט אייך ניט זעהען — האָט פלאָרא זיך ווידער אָפגערופען, איינגראָ־בענדיג זיך מיט איהרע בליקען אין איהר בעגלייטערין, וועלענדיג זעהען וואָס פאר אן איינדרוק וועלען איהרע רייד אויף איהר יעצט מאכען.

— איך מוז אָבער ארבייטען — האָט ראָזי ענדליך געזאָגט מיט א מין עקשנות אין איהר שטימע, אזוי ווי זי וואָלט זיך האמפערען מיט אימיצען, וועלכער וויל אז זי זאָל ניט ארבייטען...

די פערביטערטע האָט נעבעך געהאָפט אין דער ארבייט צו פער־שטיקען איהרע טיעפע שמערצען; זי האָט געהאָפט, אז אין דעם ווילדען גערויש פון די מאשינען וועט זי פערטויבען איהרע ליעבעס־שמערצען...

— זאָל איך זאָגען מר. ניימאַן׳ען, אז איהר וועט מאָרגען ניט קומען? — האָט פלאָרא נאָך א ווײַלע שטילשווייגען געפרעגט.

ווידער איז א שוידער דורכגעלאָפען איבער ראָזי׳ס קערפער. פלאָרא האָט זיך שוין ניט געקענט בעהערשען און האָט איהר וויי־טער געפרעגט:

— וואָס איז אייך? עפּעס זייט איהר אזוי צוטראָגען זינט איהר האָט פערלאָזען דעם האָספּיטאל. ענטשולדיגט מיר פאר מיין דרייסטקייט, אָבער איך בעט אייך, איהר זאָלט פאר מיר זיין אָפענ־

הערציג. איך דיינק, אז איך האָב זאָגאר אַ רעכט דאָס ביי אייך צו בעטען, דען איהר זייט דאָך ניימאַן׳ס אַ פריינדין...

— עס איז מיר גאָר ניט. עס דוכט זיך אייך — האָט ראָזי אין אַ שוואכע, ציטערענדע שטימע געענטפערט.

— הערט מיר אויס, — האָט פלאָרא אַ זאָג געטהאָן מיט הארץ, אָנגעהמענדיג איהר בעגלייטערין אונטער׳ן ארעם — ניט נאָר דאַכט זיך מיר ניט, זאָנדערען איך ווייס געגוי וואָס עס קומט פאָר אין אייער הארצען. מען דאַרף דערצו ניט זיין קיין גרויסער חכם. אַ מענש מיט אָפענע אויגען קען דאָס אָן אייך לייכט בעמערקען. אַלזאָ, איך ווייס אַלעס וואָס איהר לעבט יעצט דורך און איך וויל מיט אייך וועגען דעם ריידען.

ראָזי האָט געשוויגען, וועהרענד פלאָרא האָט ווייטער גע־רעדט:

— פריהער פון אַלעס וויל איך, אַז איהר זאָלט וויסען, דאָס איהר האָט אין מיר אַן אמת׳ע פריינדין. איך בין זיך פאַר אייך מודה און מתודה, אַז נעכטען בין איך דאָס צו אייך ניט געווען, און זאָגאַר היינט, ביז מיט אַ פּאָר שטונדען צוריק, האָב איך אייך בע־טראַכט אַלס מיינעם אַ שונא. זעהט, ווי איך בין צו אייך אָפענ־הערציג — האָט זי צוגעגעבען — און איך בעט אייך, אַז איהר זאָלט אויך אַזוי זיין צו מיר. צווייפעלט איהר אין מיין אָפענהערציג־קייט?

ראָזי האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף ניין. זי האָט געוואָלט דאָס ערקלעהרען מיט ווערטער, אָבער איהר הארץ איז יעצט געווען אָנגעזאַפּט מיט טרעהערען און זי האָט געפיהלט, אַז אַזוי שנעל ווי זי וועט אָנפאַנגען צו ריידען, וועט זי זיך פאַנאַנדערוויינען.

— עס פרעהט מיר זעהר וואָס איך האָב געוואונען אייער צו־טרויען און איך בין זיכער, אַז איהר וועט אין דער צוקונפט זיך אי־בערצייגען, אַז איהר האָט זיך אין מיר ניט גענאַרט — האָט פלאָרא ווייטער גערעדט — איהר וועט זיך איבערצייגען, אַז איהר האָט פיעלייכט ניט קיין בעסערע פריינדין פון מיר, אָבוואָהל איהר האָט

מיר אויך, פונקט ווי איך אייך, בעטראכט אלס אייערע א פריינדין. איז דאס וואהר?

ראזי איז געווען טיעף געריהרט פון דיזע פריינדליכקייט און אפענהערציגקייט. זי האט ניט געקענט פערבארגען דעם אמת און צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ אויף יא.

— אבער איך האף, אז איהר בעטראכט מיר מעהר ניט אלס אזעלכע — האט מיסס זינגער ווידער אנגעפאנגען — איהר האט צו מיר די זעלבע געפיהלען וואס איך צו אייך. די אורזאכע פון אונזער געגענזייטיגע שנאה איז שוין יעצט בעזייטיגט געווארען. איך וועל מיט אייך ריידען מעהר אפען. איהר זייט שוין יעצט איבערצייגט, אז ניימאן ליעבט מיר ערנסט, ניט וואהר?

ראזי האט זיך אבגעשטעלט. איהר בלאסע געזיכט האט יעצט, ביי דעם אבשיין פון דער לבנה, אויסגעוויזען נאך פיעל בלייכער. איהרע אויגען האבען ווי פערשטארט געקוקט ערגעץ ווייט, ווייט. פלארא האט א ווײַלע געשוויגען, דיינקענדיג, אז איהר בעגלייטערין וועט עפעס זאגען. אבער זעהענדיג, אז זי שוויגט, האט זי זיך אפגערופען:

— איך ווייס איהר ליידעט, אבער איהר קענט זיך לייכט פון אייערע ליידען בעפרייען. נעהמט צו הילף אייער פערשטאנד און איהר וועט דאס לייכט קענען בעהויפטען. איהר זייט דאך א נעוויסענהאפטער מענש. איהר וועט דאך ניט וועלען צושטערען יענעמ'ס גליק. און דיינקט ניט, אז מיין הארץ איז שוין פריי פון ליידען — האט זי מיט א זיפץ צוגעגעבען — איך לעב יעצט אויך דורך שרעקליכע יסורים, גייסטיגע נאטירליך. ווען איהר וועט פערגלייכען מיינע שמערצען מיט אייערע, וועט איהר מיט מיר זיכער מיטלייד האבען.

— איהר ליידעט דאך צוליעב א צוועק. איהר וועט דאך ענדליך בעלוינט ווערען פאר אייערע יעצטיגע שמערצען — האט ראזי ענדליך ארויסגעשטאמעלט אין א שטימע, אין וועלכע עס האט זיך געהערט פערשטיקטע טרעהרען.

— ריכטיג — האָט פלאָרא זיך דערפרייט וואָס זי האָט ענדליך בעוועגט איהר בעגלייטערין צום ריידען — איך לייד און אין דער זעלבער צייט בין איך גליקליך מיט מיין ליעבע. אָבער, ווי איך האָב שוין געזאָגט, קענט איהר זיך אויך בערוהיגען, ווען איהר זאָלט עס נאָר וועלען.

— עס איז לייכט צו זאָגען יענעם, מען זאָל זיך בערוהיגען — האָט ראָזי מיט א ערצרייסענדען זיפץ געענטפערט.

— מיר שיינט, אז ווען איך וואָלט געווען אויף אייער פּלאַץ, וואָלט איך אזוי ניט געליטען — האָט פלאָרא אלץ ניט אויפגע־הערט זי צו טרייסטען.

— עס דוכט זיך אייך. דאָס הארץ וויל פון קיין ארגומענטען ניט וויסען...

— דאָס איז ריכטיג. אָבער די נאטור האָט דערפאר געגעבען דעם מענשען א מוח, וועלכער זאָל אין געוויסע אומשטענדען הער־שען איבער דעם הארץ. אין אייער פאל, דארפט איהר זיך צו־האָרכען וואָס דער מח זאָגט אייך.

— די שטימע פון הארצען איז אָבער שטארקער ווי די שטימע פון מח. די ערשטע פערטויבט די לעצטע. פאָלגט איהר דען ניט די שטימע פון אייער הארצען? — האָט ראָזי א קוק געטהאָן מיט שטרייננגע בליקען אויף פלאָרא'ן.

פלאָרא האָט א לייכטען ציטער געטהאָן. זי האָט זיך אָבער גלייך בעהערשט און געזאָגט מיט געמאכטער געלאַסענהייט:

— איך מוז צוגעבען, אז אייער'ע ארגומענטען זיינען שטאר־קער פון מיינע. יא, עס איז וואהר, איך פאָלג טאקע די שטימע פון מיין הארצען. איהר מיינט דאָך דאָ געווים מיין האנדלונג געגען מיין חתן. איך האָב אזוי געהאנדעלט, ווייל איך בין נאָכגעגאנגען וואו מיין הארץ האָט מיר געפיהרט. איך האָב מיין חתן קיינמאָל ניט געליעבט, איך האָב איבערהויפּט ניט געוואוסט וואָס עס איז אזעלכעס ליעבע, ביז איך האָב ניימאן'ען גיט דערקענט. ער איז גע־ווען דער יעניגער וואָס האָט אין מיין הארצען אָנגעצונדען דיעזען

געטליכען פייער, ער איז דער ערשטער וואָס האָט מיר דיזען הי־מעלישען געניוס געגעבען און צו איהם בעלאנגט מיין הארץ אויף אייביג.

— און מיט מיר האָט אויך דאָס זעלבע פּאַסירט — האָט ראָזי מיט א זיפץ געזאָגט — דעם זעלבען פייער האָט ניימאן אויך אין מיין הארצען אָנגעצונדען. ביז איך האָב איהם ניט דערקענט, האָב איך ניט געוואוסט וואָס עס איז אזעלכעס ליעבע. אויך איך האָב איהם מיין הארץ אויף אייביג אוועקגעגעבען.

— עס איז אָבער דאָ אן אונטערשיעד צווישען מיר און אייך. איך האָב ניימאן'ען ליעב בעקומען, ווייל ער האָט מיר מיין לעבען געראַטעוועט. מיט זיין בלוט האָט ער מיין לעבען געוואונען. איהר ווייסט דאָך ווי אזוי מיר זיינען בעקאנט געוואָרען. ווען איך האָב גענומען שפּירען זיין בלוט אין מיינע אָדערען, האָב איך אין דער זעלבער צייט גענומען פיהלען, אז איך בעלאנג צו איהם. איך בין איינענטליך א טהייל פון זיין קערפּער. ער האָט מיר ניט נאָר מיין לעבען געראַטעוועט, נאָר זינט זיין בלוט פליסט אין מיר, בין איך א גאנץ אנדערער מענש געוואָרען. דאָס איז ניט איבערטריבען. איך בין ניט די זעלבע וואָס אמאָל. מיין כאראקטער האָט זיך אין גאנצען געענדערט. איך בין אימער געווען א שטאָלצע, זיך געהאַל־טען פאר אן אריסטאָקראַטקע, איך האָב נאָך קיינמאָל מיט אן אר־בייטער־מיידעל ניט גערעדט. אָבער זינט איך האָב ניימאן'ען ליעב בעקומען, קוק איך מיט פעראכטונג און עקעל אויף דיזען פוסטען שטאָלץ. מיר ציהט יעצט צו די מענשען פון ניימאן'ס קלאַס — צו ארבייטער, און איך גלויב, אז צווישען זיי וועל איך שוין מיינע יאָה־רען אויסלעבען. וואָס איך מיין אלזאָ דערמיט צו בעצוועקען איז, אז ניימאן האָט פון מיר אן אנדערען מענשען געמאכט. אונזער ליעבע טראָגט נאָר אן אנדערען כאראַקטער, זי איז ניט עהנליך צו די געוועהנליכע ליעבעס.

— איך בעגרייף ניט דעם אונטערשיעד, וועגען וועלכען איהר רעדט — האָט ראָזי געענטפערט — איך וויים, אז איך ליעב איהם

פונקט אזוי הייס ווי איהר, און פיעלייכט נאָך הייסער — האָט זי טרויעריג צוגעגעבען — ווייל אייער ליעבע ווערט דאָך ערוויעדערט, ער ליעבט דאָך אייך, ווערהרענד איך...

זיא האָט ווייטער ניט געקענט ריידען. א שטראָם טרעהרען האָט גענומען פליסען פון איהרע אויגען.

פלאָרא'ס הארץ איז צוריסען געוואָרען אויף שטיקלעך אוים רחמנות צו דער ליידענדער. אין עהנליכע פעלע ווערט די געליעב־טע אָנגעצונדען פון אייפערזוכט, ווען זי דערוויסט זיך, אז אן אנ־דערע פרויענצימער איז פערליעבט אין איהר געליעבטען. דאָ איז אָבער געווען א פערקעהרטער פאַל. פלאָרא האָט מיטגעליטען מיט דעם ניום־דיעלער'ס טאָכטער, און דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל ערשטענס, האָט זי ניט געצווייפעלט, אַז ניימאַן וועט איהר קיינמאָל ניט אויסבייטען אויף קיין אנדערע; צווייטענס, האָט זי צו ראָזי'ן געפיהלט אמת'ע פריינדשאַפט צוליעב דעם וואָס זי איז געווען צו איהר אזוי אָפענהערציג און פאַר איהר איהר הארץ געעפענט, אויך צוליעב דעם וואָס דורך איהר פאָטער האָט ניימאַן געזעהן דעם אד־ווערטייזמענט, אז מען דאַרף האָבען בלוט פאַר איהר און הויפטזעכ־ליך, ווייל ניימאַן איז צו דער מיידעל אזוי פריינדליך געווען; און זי האָט דאָך געוואוסט, אז עס איז איהר געליעבטען'ס וואונש, אז זי זאָל צו ראָזי'ן זיין פריינדליך. זי האָט דארום שרעקליך געליטען וואָס ראָזי ליידעט אזוי שטארק און זי האָט איהר געוואָלט בערוהי־גען. זי האָט איהר געלאָזען זיך אביסעל אויסוויינען. פון אייגענער ערפאַהרונג האָט זי געוואוסט, אז אין געוויסע מאָמענטען מאַכען טרעהרען אביסעל לייכטער אויפ'ן הארצען... נאכהער האָט זי זיך אָפגערופען:

— איך האָב אייך פריהער געזאָגט, אז איך ווייס אלעס וואָס עס קומט יעצט פאָר אין אייער הארצען און דאָס לאָזט מיר ניט צו־רוה. איך וויל ניט, אז צוליעב ניימאַן'ען זאָל אימיצער ליידען, בפרט איהר וואָס איהר זייט אזוי גוט געווען צו איהם.

— איז דען דערצו דאָ אַ הילף? — האָט ראָזי נאָך אַלץ ביטער געוויינט.

— געוויס איז דאָ אַ הילף — האָט פלאָרא געענטפערט — דער איינציגער מיטעל איז, איהר זאָלט זיך בערוהיגען. איך וויל, אז איהר זאָלט אָפט קומען צו מיר. איך מיין צו אונז, איהר זאָלט אונז בעטראַכטען פאַר אייערע פריינד, און איך פערזיכער איך, אז איהר וועט זיך בערוהיגען.

פלאָרא האָט איהר ווייטער געטרייסט און געבעטען, זי זאָל בע־זוכען ניימאַן'ען. ביים גזועגענען זיך האָט ראָזי פערשפּראָכען מאָרגען אַבענד, נאָך דער אַרבייט, צו קומען אין האָספּיטאַל אריין.

* * *

ווען פלאָרא איז צוריקגעקומען אין האָספּיטאַל אַריין איז שוין געוועזען שפּעט. זי איז אריין אין ניימאַן'ס צימער. זי איז איבער־ראַשט געוואָרען, געפינענדיג נאָך דאָרט דעם דאָקטאָר. ניימאַן איז שוין געשלאָפען. זי האָט דערקענט, אז מיט איהר אריינקומען האָט זי איבערגעריסען דעם געשפּרעך וואָס דער אַרצט האָט געהאַט מיט דער נוירס.

— איך שטער איך פיעלייכט? — האָט זי מיט אַ שמייכעל געפרעגט.

— געוויס שטערסטו — האָט דער דאָקטאָר כלומרשט בייז אַ זאָג געטהאָן — איבעראַל ביזטו אַ שטערונג. איך דאַרף אהיים געהן און דאָ מוז איך וואַרטען. אַ שעהנער שפּאַציער איז דאָס גע־ווען!

— איך דיינק, אז איהר וואָלט געוועזען העכסט צופריעדען, ווען דער שפּאַציער וואָלט נאָך לענגער געדויערט — האָט פלאָרא גע־זאָגט, שמייכלענדיג.

די נוירס האָט אויף איהר געוואָרפען אַ בליק, פול מיט פאָר־וואורף, וועהרענד דער דאָקטאָר האָט זיך אָפּגערופען:

— מיר ווייסען שוין דיינע חכמות. ווי איהר קוקט איהר אָן — האָט ער זיך געווענדעט צו דער נוירס — האַלט זי זיך פאַר די גרעס־טע חכמת אין דער וועלט.

— עס איז זעהר גוט ווען א מענש האלט פון זיך — האָט די נוירס געענטפערט מיט א ליעבליכען שמייכעל.

זיי האָבען א ווייל'ע נאָך פערבראכט ריידענדיג איבער פער־שיעדענע זאכען. דאַן האָט דער דאָקטאָר זיך פריינדליך געזעגענט מיט דער נוירס און ער איז צוזאמען מיט פלאָרא'ן ארויסגעגאנגען.

— איז זי ניט אן אינטערעסאנטע פערזאָן? — האָט פלאָרא נעפרעגט דעם דאָקטאָר, ווען זיי זיינען אריין אין איהר צימער.

— יא — האָט דער ארצט געענטפערט און פון זיין טאָן איז קענטיג געווען, אז דער געשפרעך וואָס ער האָט געהאט מיט דער נוירס האָט אויף איהם געמאכט א טיעפען איינדרוק — זי איז אין כעס אויף דיר ווארום דו האָסט מיר דערצעהלט איהר לעבענס־גע־שיכטע. איך דיינק, אז זי וועט דערפאר רעזיגנירען פון איהר שטעלע.

— איהר מיינט עס ערנסט? — האָט פלאָרא געפרעגט נער־וועז.

— יא. זי האָט זאָגאר אריינגעוואָרפען א וואָרט וועגען דעם. זי איז זעהר אן עמפפינדליכע און זי וויל ניט, אז מען זאָל וויסען פון איהר פערגאנגענהייט — האָט דער ארצט געענטפערט פער־טראכטענדיג זיך.

— געהט אייך דען אזוי שטארק אין לעבען, אז זי זאָל בלייבען?

— האָט פלאָרא געפרעגט, קוקענדיג אויף דעם דאָקטאָר מיט דורכ־דרינגענדע בליקען.

— איך וועל דיר באלד אָפגעבען רעכענונג צו עס געהט מיר אין לעבען, צו ניט — האָט דער ארצט מיט געמאכטען כעס גע־ענטפערט.

— דאָס הערצעלע קלאפט שוין, הא? עפעס טיאַכקעט שוין דאָרטען, ניט וואהר? — האָט פלאָרא ארויפגעלעגט איהר האנד אויף זיין ברוסט. דער אלטער בחור איז פערוואנדעלט געוואָרען אין א יונגען מאנטשיק...

— צוליעב דיין גרויס מויל וועט זי פון דאנען אוועקגעהן! — איז דער דאָקטאָר ווירקליך געוואָרען נערוועז — יענע פערטרויט

דיר איהר געהיימנים און דו געהסט און צופויקסט עס גלייך !

— און אייך פערדריסט טאקע וואָס איך האָב עס אייך דער־צעהלט ? קוקט מיר נאָך גלייך אין די אויגען אריין און זאָגט מיר צו עס פערדריסט אייך ווירקליך.

דער דאָקטאָר האָט איהר לייכט אָפּגעשטויסען פון זיך און אויף זיין געזיכט האָט זיך בעוויזען א קינדערשער, פערשעהמטער שמיי־כעל.

— זי וועט ניט אוועקגעהן פון דאנען — האָט פלאָרא געזאָגט, צוטוליענדיג זיך צום ארצט, אזוי ווי א קינד לאַסטשעט זיך צו א פאָטער — זייט רוהיג. לאָזט עס איבער צו מיר. איך וועל נאָך היינט האָבען מיט איהר א געשפרעך.

— איך בין דיר מוחל ! — האָט דער דאָקטאָר זיך כלומרשט געבייזערט, אָבער עס איז קענטיג געווען, אז ער האָט זיך געוואונ־שען, זי זאָל מיט איהר ריידען — ווער בעט דיר, דו זאָלסט עפּעס ריידען !

— איך מיין, איך וועל ריידען מיט איהר, אז זי זאָל ניט אוועק־געהן פון דאנען — האָט פלאָרא געשמייכעלט, ווענהרענד איהרע אוי־גען האָבען שעלמיש געקוקט אויף איהר פריינד.

— אז מען בעט עס ביי דיר ניט. אז זי וויל אוועקגעהן, זאָל זי זיך געהן געזונטערהייד.

— איהר ווילט דאָך אָבער ניט, אז זי זאָל רעזיגנירען.

— מאַלע וואָס איך וויל אלץ ניט און איך מוז דולדען ! אָט וואָלט איך וועלען, אז דו זאָלסט זיך פון מיר אָפּטשעפּען און דו קלעפּסט זיך אַלס צו מיר ווי פעך !..

— אויך דאָס ווילט איהר ניט — האָט פלאָרא שטיפעריש איהם געשמייכעלט גלייך אין געזיכט אריין — פעטער, מען קען אייך !...

— אוי, וויל איך דאָס ! נעהם דיר דיין געליעבטען און געה זיך וואו דו ווילסט. זאָל אייך א גוטער מענש ניט קענען !

— אדרבא, גיט איהם מיר כאָטש שוין און איך געה גלייך אוועק פון דאנען.

— דו וועסט איהם קריעגען, דו וועסט איהם קריעגען, דעם תכשיט! נאָך אין א פּאָר טעג ארום און איך וועל איהם פון דאנען ארויסשיקען. איהם וועט שוין קיינמאָל אין לעבען גאָר ניט זיין. ער בעזיצט א ריעזיגע קראַפט.

— און אויך אן עדעלע נשמה און א דיעמענטענע הארץ — האָט פלאָרא מיט בעגייסטערונג צוגעגעבען.

— דאָס קענסטו נאָך ניט וויסען — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט מיט געמאכטע ערנסטקייט.

— איהר וועט מיר שוין דעם שידוך ניט קאַליע מאכען. עס איז שוין צו שפּעט.

— זיי נאָך ניט אזוי זיכער, דו חכמה מיינע — איז דער דאָקטאָר ווירקליך געוואָרען ערנסט — דו היט זיך בעסער, זעה אז עס זאָל זיך מיט דיר ניט אויסלאָזען ווי מיט דער נוירס. די פריילין וואָס קומט צו ניימאַן׳ען...

פלאָרא האָט איהם ווייטער ניט געלאָזען ריידען און איהם אי־בערגעגעבען דעם געשפּרעך וואָס זי האָט געהאַט מיט ראָזי׳ן.

— האָב איך ריכטיג געהאנדעלט? — האָט זי געפרעגט, ווען זי האָט געענדיגט.

— אָבער וואָס פאַר אן איינדרוק האָסטו אויף איהר גע־מאכט? — האָט דער דאָקטאָר אָפּגעענטפערט מיט א פראגע.

— איך דיינק, אז זי האָט זיך עטוואָס בערוהיגט. נאַטירליך, אזעלכע זאכען ווערען ניט אזוי שנעל געטהאָן. אָבער איך האָף, אז זי וועט זיך מיט דער צייט בערוהיגען.

— עס איז אויף איהר א גרויסער מיטלייד, נעבעך.

— עפּעס הער איך פון אייך היינט נייע דבורים! — האָט פלאָ־רא דעם ארצט שטיפעריש א שטויס געטהאָן מיט׳ן עלענבויגען — איהר פלעגט דאָך אימער חוזק מאכען פון „אזעלכע זאכען“. הפּנים דער מלאך פון ליעבע האָט שוין עטליכע פון זיינע פיילען אריינגע־

שאָסען אין אייער הארצען און איהר זייט שוין קליגער געוואָרען...

— דו פאנגסט שוין ווידער אָן!

— ווערט נאָר ניט אין כעס — האָט פלאָרא ליעבליך איהם געגלעט איבער'ן געזיכט — איך וועל מיט אירר היינט רעדען און איך פערזיכער אייך, אז זי וועט פון דאנען ניט אוועקגעהן.

— ניט אנדערש דו ביזט פעררוקט געוואָרען! — האָט דער דאָקטאָר זיך געסטארעט אָנצונעהמען א מינע פון כעס — וואָס האָסטו זיך צו מיר עפּעס צוגעטשעפּעט! וואָס פּלאפּעלסטו עפּעס אזוי פיעל היינט?

— דיעזע מינע פּאסט אייך יעצט ניט — האָט זי ווידער שעלמיש איהם געלאכט אין די אויגען אריין — איהר רעדט דאָך ניט דאָס, וואָס איהר מיינט.

— אזוי? — דו קענסט שוין לעזען יענעמ'ס געדאנקען אויך?

— האָט דער דאָקטאָר געזאָגט מיט איראָניע.

— אוי, קען איך לעזען יענעמ'ס געדאנקען! אָט וועל איך אייך באלד איבערצייגען. איהר דענקט יעצט וועגען מיסס גאָרדאָן, די נאכט נוירס.

— אי, אי, וואָס פאר א חכמה!

— אָבער איך האָב געטראָפען! — האָט פלאָרא א פרעהליכע געפּאטשט מיט די הענד.

— פּונקט ווי א בלינדער שיסער, אזוי האָסטו געטראָפען — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט. אָבער זאָל שוין זיין גענוג וועגען דיעזע נארישקייטען...

— ווידער נארישקייטען?... — האָט זי איהם איבערגע־שלאָגען.

— לאָז מיר אויסרעדען. וואָס הערט זיך עפּעס מכח „יענע זאכען“? האָסט דו בעקומען א בריעף פון פרענק'ען? — האָט דער ארצט געפרעגט“.

אין פלאָרא'ן האָט זיך די שטימונג פלוצלונג געענדערט. זי איז שוין יעצט ניט געוועזן פרעהליך, נאָר ערנסט פערזאָרגט.

— יעס, איך האָב ערהאַלטען פאַר נאַכט פון איהם א בריעף
— האָט פלאָרא טרויעריג געענטפערט.

— וואָס שרייבט ער?

— איהר קענט דאָך פערשטעהן וואָס ער שרייבט. ווידער די אַלטע געשיכטע — האָט זי געענדיגט מיט א שווערען זיפץ.

— ווייז מיר דעם בריעף, איך וויל איהם לעזען.

— איך וועל איהם אייך באַלד צייגען. אָבער פריהער וויל איך זיך מיט אייך וועגען עטוואָס בעראַטהען.

זי האָט זיך א ווײַלע פערטראַכט און באַלד ווידער אָנגע־פאַנגען.

— דיינקט איהר ניט אַז איך דאַרף ניימאַן'ען אַלעס דער־צעהלען?

— וואָס מיינסטו מיט דעם „אַלעס"? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט פערוואונדערט.

— איך מיין אַלעס וואָס געהט דאָ פאָר. ערשטענס, איז מיין געוויסען בעשווערט דערפאַר וואָס איך האָב פאַר איהם סודות. ער האָט געהערט, אַז עס איז דאָ א בריעף צו מיר. האָט ער מיר גע־פרעגט פון וועמען דאָס איז, האָב איך איהם געזאָגט א ליגען, אַז דאָס איז פון דער מאַמען; און איך קען איהם קיין ליגען ניט זאָגען. צווייטענס, דענק איך, אַז ער דאַרף זיך צוגרייטען צו דעם וואָס עס וועט אין דער צוקונפט פּאַסירען.

— איך פערשטעה נאָך אַלץ ניט וואָס דו מיינסט — האָט דער דאָקטאָר איהר אָנגעקוקט פערוואונדערט.

— וואָס פערשטעהט איהר דאָ ניט? — איז פלאָרא געוואָרען אונגעדולדיג — די הויפּט סקאַנדאַלען וועלען זיך ערשט אָנפאַנגען ווען ער וועט אַרויסקומען פון האָספּיטאַל. איהר האָט דאָך מיר אַליין געזאָגט, אַז פרענק האָט געזאָגט, אַז ער וועט זיך פּערזענ־ליך זעהען מיט ניימאַן'ען; און אַז איהר וועט לעזען מיין בריעף, וועט איהר זעהן וואָס ער שרייבט צו מיר. און מיינע עלטערען וועלען אויך ניט שווייגען. אַלזאָ, איך דענק, אַז מיר דאַרפען זיך

צוגרייטען עפּעס צו טהאָן, בפרט ווען איהר זאָגט, אַז ניימאַן וועט אין עטליכע טעג אַרום זיין געזונד און קענען פערלאָזען דאָס בעט.

דער אַרצט האָט זיך טיעף פערטראַכט און נאָכהער זיך אָבגע־רופען אין אַן ערנסטען טאָן:

— עס קען ניט שאַדען, אַז דו זאָלסט איהם אַלעס דערצעהלען. אָבער — האָט ער געצויגען מיט די פּלייצעס — איך וויים ניט וואָס דו מיינסט מיט דעם צוגרייטען זיך.

— איך מיין איינפאַך, אַז מיר מוזען טהוען עטוואָס, וואָס זאָל מאַכען אונמעגליך ווייטערע סקאַנדאַלען.

— צום ביישפּיעל?

— אויב איהר וועט ניט לאַכען פון מיר, וועל איך אייך זאָגען מיין פּלאַן, דיעזער פּלאַן איז מיר דאָס טאַקע יעצט געקומען אויפ׳ן זינען.

— נו, לאָמיר אָקאָרשט הערען. אויב מען וועט דאַרפען פון איהם לאַכען, וועל איך דיר געוויס ניט שאַנעווען...

— דערווייל זייט נאָר ערנסט — האָט פלאָראַ איהם שטיפע־ריש אַ לייכטען קלאַפּ געגעבען איבער דער האַנד — מיין פּלאַן איז, אַז מיר זאָלען געזעצליך הייראַטהען, אָהן מיינע עלטערען׳ס וויסען. ווען זיי וועלען הערען, אַז מיר זיינען שוין פערהייראַטה וועלען זיי שוין מוזען מאַכען אַ שווייג. געפעלט אייך מיין פּלאַן?

— ניין — האָט דער אַרצט געענטפערט, נאָכדיינקענדיג.

— איהר מיינט עס ערנסט? — האָט פלאָרא איהם ערשטוינט אַנגעקוקט.

— געוויס מיין איך עס ערנסט — האָט דער דאָקטאָר, פער־טראַכטענדיג זיך נאָך אַלץ, געענטפערט — און איך וועל דיר ער־קלעהרען וואָרום דיין פּלאַן געפעלט מיר ניט. ערשטענס, וואָלט געווען ראַטהזאַם אַז דו און ניימאַן זאָלט זיך בעסער דערקענען איי־נער דעם אַנדערען. איהר קענט דאָך נאָך ניט איינער דעם אַנדע־רען׳ס כאַראַקטער. פיעלע אונגליקליכע פאַמיליען־לעבענס שטאַ־מען דערפון וואָס מאַן און ווייב האָבען זיך פאַר דער חתונה ניט גוט

געקענט אין זייערע כאַראַקטערע, אין זייערע אנשויאונגען. דו קענסט דאָך נאָך ניט רעכט ניימאַן׳ען, האָסט איהם אין גאַנצען איי־ניגע מאָל געזעהן; און דאָס זעלבע געהט אויך אויף איהם. ער קען דאָך דיך אויך ניט.

— איהר האָט אַן אירטהום, דאָקטאָר — האָט פלאַרא געראַדט שנעל און אין אַ נערוועזען טאָן — איך קען ניימאַן׳ען אַזוי גוט, אַזוי גענוי. מיר דוכט זיך, אַז איך קען איהם שוין פון פיעלע יאָה־רען, און איך גלויב, אַז ער קען מיך שוין אויך גרינדליך.

— דאָס זיינען אַלץ פראַזען, פלאָרא — דיין צוהיצטע פאַנטאַ־זיע מאַכט דיר אַזוי דיינקען. אָבער ניט אימער לעבט דער מענש אונטער דער ווירקונג פון זיין פאַנטאַזיע. עס קומט די ווירקליכ־קייט — די קאַלטע, גרויזאַמע, אונערבאַרמליכע ווירקליכקייט און צוזאַמען מיט איהר די ביטערע ענטוישונג. דו לעבסט יעצט געגנצ־ליך אונטער דעם איינפלוס פון דיין ליעבע, וועלכע האָט זיך מעכטיג צופלאַמט אין דיין האַרצען. אָבער פערגעס ניט, אַז דיעזע פלאַמענ־דע ליעבע עקזיסטירט ניט אייביג. זי ווערט מיט דער צייט אָבגע־קיהלט. דאָס לעבען קיהלט איהר אָב. ביי מאַנכע מענשען זיינען די ליעבעס געפיהלען געגליכען צו אַ פלאַם פון שטרוי, וואָס גיט מעהר ליכט ווי וואַרעמקייט. עס גיט זיך אַ צופלאַקער העל, אָבער באַלד ווערט דער פלאַם שוואַכער, שוואַכער, ביז ער געהט ענדליך אין גאַנ־צען אויס און עס בלייבט ניט מעהר ווי אַש.

— איהר האָט אַ טעות, דאָקטאָר! — האָט פלאָרא, ווערענדיג אַלץ נערוועזער, אויסגעשריען מיט אַנגסט — אונזער ליעבע וועט קיינמאָל ניט אָבגעקיהלט ווערען. די זונן קען גיכער אויפהערען צו שיינען, זיך אויסלעשען, אָבער ניט אונזער ליעבע. אונזער ליעבע וועט קיינמאָל ניט אָבגעקיהלט ווערען אין אונזערע הערצער. זי וועט אימער פלאַקערען און אונז געבען דעם העכסטען לעבענס־גליק.

— דו בעגרייפסט מיר ניט, פלאָרא — האָט דער אַרצט צו איהר געזאָגט מיט פאַטערליכע צערטליכקייט — עס קען זיין, אַז עס איז ווירקליך אַזוי. איך לייקען ניט, אַז עס זיינען פאַראַן מענשען, ביי

וועמען די ליעבע ווערט קיינמאָל ניט אָבגעקיהלט. איך קען פער־זענליך אייניגע אזעלכע. צווישען מיינע פריינד געפינט זיך אן אלט פּאָר פאָלק, וועלכע האָט שוין אור־אייניקלעך און זיי ליעבען זיך נאָך אזוי הייס, אזוי ווי אין די ערשטע יאָהרען פון זייער בעקאנטשאפט. אָבער דאָס זיינען דאָך אַלץ אויסנאהמען, און פון אויסנאהמען קען מען קיין ביישפּיעל ניט נעהמען. ביי די מאיאָריטעט מענשען קומט אָבער פאָר אזוי ווי איך האָב פריהער געזאָגט. די קאַלטע ווירקליכ־קייט פערטרייבט שנעל די יוגענד־פאנטאזיעס, מען דערבליקט דעם לעבען אין זיין גאנצער נאקעטקייט און — כמעט איבעראל פאָלגט די ענטטוישונג. מען דערפיהלט זיך פּלוצלונג, אזוי ווי מען וואָלט פון הויכע הימלען ארונטערגעשליידערט געוואָרען אין א טיעפען תהום אריין... בעגרייף מיר גוט, פלאָרא! — האָט ער זיך ווי גע־בעטען ביי זיין צוהערערין, וועלכע איז יעצט געזעסען שטארק פער־טראכט — איך וויל דאָ ניט שווער מאכען דיין הארץ. וואָס איך בין דאָ אויסען איז, אז דו זאָלסט גוט נאָכדיינקען וועגען דעם שריט וואָס דו געהסט מאכען. איך האָב דיך ליעב און איך וואָלט וועלען, אז דו זאָלסט זיין גליקליך. איך האָב דיר ביז יעצט געהאָלפען אויף דעם וועג צו דיין גליק, ניט קוקענדיג וואָס דיינע עלטערען און פרענק ווערען מיר דערפאר בלוט־שונאים, איך וועל דיר אין דער צוקונפט אויך העלפען. איך בין אָבער אבסאָלוט נעגען דיין פּלאן, אז דו זאָלסט שוין הייראטהען מיט ניימאן׳ען.

— ווארום ? — האָט זיך יעצט אין פלאָרא׳ס שטימע געהערט פערשטיקטע טרעהרען — טרעהרען פון א קינד וואָס בעט עפּעס ביי דער מאמען און מען וויל עס ניט נאָכגעבען — ווארום זייט איהר דאגעגען ?

— וויל איך דאָך דיר דאָס ערקלעהרען — האָט דער דאָקטאָר פאָרטגעזעצט מיט דער זעלבער צערטליכקייט וואָס פריהער — איך גלויב, אז דו ווייסט גאַנץ גוט, אז איך האָב ניימאן׳ען זעהר גינציג. ער איז זעהר א וואוילער יונג. איך האָב איהם ליעב געקראָגען באלד ווי איך האָב איהם דערקענט. ער איז מיר גלייך געפעלען געוועןִ.

אָבער צווישען מיין ליעבע צו איהם און דיינע איז דאָ א גרויסער אונטערשיעד. אז איך זאָל אמאָל ענטוישט ווערען אין איהם, וועט עס ניט זיין אזוי געפעהרליך, ווי ווען דאָס זעלבע זאָל פּאַסירען מיט דיר.

— אָבער וואָס מאַכט איך עפּעס צום דענקען, אז איך וועל פון איהם ענטטוישט ווערען?

— איין זאַך מאַכט מיר אזוי צום דענקען — ער איז א מענש, א מענש און ניט קיין מלאך. אין דיינע אויגען ערשיינט ער פיליכט אלס מלאך, און דאָס איז אויך נאַטירליך. איך בין זיכער, אז אין ניימאַן׳ס אויגען ביזטו אויך א מלאך. אָבער דאָס איז אַלעס, ווי איך האָב שוין פריהער געזאָגט — דער פּראָדוקט פון דער צוהיצ־טער פאַנטאַזיע. איך בין אָבער א זייטיגער מענש, איך קוק אויף דעם מיט אַנדערע אויגען, מיט אויגען פון דער ווירקליכקייט. פלאָרא, איהר קענט זיך נאָך ניט פערבינדען אויף אייביג, איהר טאָרט דאָס ניט טהאָן אין די אינטערעסען פון אייער געמיינזאַמען גליק!

— האָט ער געענדיגט אין א פילאָזאָפישען טאָן.

ער איז א ווײַלע געבליבען שטיל. זעהענדיג אז פלאָרא וויל עפּעס זאָגען, האָט ער פערכאַפּט פריהער, זאָגענדיג:

— איך האָב נאָך ניט געענדיגט. איך וויל דיר אָנגעבען נאָך אורזאַכען וואָרום איך בין געגען דיעזען פּלאַן דיינעם. שטעל דיר פאָר איהר האָט שוין געהייראַטה. וואָס וועט איהר דאַן טהאָן? יעצט דוכט זיך דיר, אז דו וועסט זיין גליקליך, פיהרענדיג אַן אָרימען לעבען. דו האָסט אָבער אַ גרויסען טעות דערביי. עס איז זעהר שווער כאָר א פערזאָן ווי דו זיך צו צוגעוועהנען צו אַן אָרימען לעבען. דו האָסט דאָך קיין מאָל פון קיין נויט נישט געוואוסט, האָסט זיך דאָך אימער געבאָדען אין לוקסוס און אין וואוילטאָג.

פלאָרא האָט ווידער געמאַכט א בעוועגונג, אזוי ווי זי וואָלט וועלען עפּעס ריידען. אָבער דער דאָקטאָר האָט איהר ניט געלאָזען קומען צום וואָרט און פאָרגעזעצט:

— איך ווייס וואָס דו ווילסט זאָגען: דו וועסט זיין גליקליך צו ליידען זאָגאר הונגער צוזאַמען מיט ניימאַן׳ען. דאָס איז אָבער

ניט מעהר ווי פוסטע רייד. איך גלויב דיר, אז דו פיהלסט עס יעצט אזוי. אבער אזעלכע געפיהלען ענדערען זיך אין ווירקליכען לעבען. אין ביכער לעזען מיר אפט ווי רייכע יונגע לייט אדער פריילינס פערליעבען זיך אין ארימע, זיי אפפערען מיט זייער רייכ־טהום צוליעב זייער ליעבע און לעבען גליקליך זאגאר אין ארמוטה און נויטה. אבער דאס, מיין טהייערע, איז ניט מעהר ווי שעהנע שילדערונגען פון דעם פערפאסער'ס פאנטאזיע. אין דעם לעבען געפינט מען כמעט ניט אזעלכע ביישפיעלע. איך קען דיר ברייננגען פיעלע פאקטען, וואס וועלען בעשטעטיגען מיין בעהויפטונג. אלזא דו זאלסט זיך ניט איינריידען, אז דו וועסט קענען זיין די פרוי פון אן ארימען ארבייטער, אונגעאכטעט אויף דעם, ווי היים דו זאלסט איהם ניט ליעבען. מען דארף דארום זעהען פריהער פון אללעם, אז ניימאן זאל זיך צו עטוואס דער שלאגען. דערצו זיינען פאראן צוויי וועגען: דער ערשטער וועג איז, אז דיינע עלטערן זאלען איינוויליגען אויף דעם שידוך. דאן וואלט איהם דיין פאטער שוין פערזארגט, און איך בין זיכער, אז ניימאן וואלט געוועזען פיעל פע־היגער צו ריעל־עסטייט ביזנעס ווי פרענק. דער צווייטער וועג איז, אויב דיינע עלטערן וועלען ניט וועלען איינוויליגען, זאל ער זיך אליין צו עפעס דערשלאגען. פון זיין בריעף, וואס ער האט גע־שריעבען צו דיר, זעה איך, אז ער קען גוט ענגליש. ער בעזיצט אויך, ווי דו ערקלעהרסט מיר, פאלשטענדיג די פראנצויזישע שפראך. ער איז אין אלגעמיין אן אינטעליגענטער מענש. ווען ער וועט ארויסגעהן פון האספיטאל, וועל איך איהם נעהמען צו זיך. ביי מיר יועט ער קענען זיין ווי לאנג ער וועט נאר וועלען, און עס קען זיין, אז איך וועל איהם קענען שאפען א גוטע בעשעפטיגונג. מיינער א פריינד איז א רעדאקטאר פון א גרויסער טעגליכער צייטונג. וועל איך איהם בעטען, ער זאל ניימאן'ען צונעהמען אלס רעפארטער. איך גלויב, אז ער וואלט געוועזען פעהיג אויך דערצו, און מיט דער צייט וואלט ער קענען ווערען א צייטונגס־שרייבער. פון זיין בריעף זעהט זיך אויך, אז ער האט טאלאנט צו שרייבען.

— און וואו וועל איך זיין? — האָט פלאָרא נאאיוו א פרעג געטהאָן.

— וואָס הייסט וואו דו וועסט זיין? אין דער היים וועסטו זיין — האָט דער ארצט געענטפערט.

— ניין, איך וועל זיך שוין מיט ניימאַן'ען ניט שיידען — האָט פלאָרא קאפריזנע ווייטער געזאָגט — איך וועל זיין צוזאמען מיט איהם.

— אונזין! — דו מוזט זיין אין דער היים — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט אין עטוואָס א שארפען טאָן — אויב מען קען אויסמיידען עפענטליכע סקאנדאלען, דארף מען דאָס טהאָן. איך האָף דאָך אליין, אז איך וועל דיינע עלטערן ענדליך איבערריידען. אָבער פריהער איז נויטווענדיג איין זאך. דו זאָלסט געגצליך סעט־לען מיט פרענק'ען.

— איך האָב דאָך שוין מיט איהם אלעס געסעטעלט! — האָט פלאָרא בייז אויסגעשריען.

— ד ו האָסט שוין געסעטעלט, אָבער ניט ער; און ער וועט עס נאָך אזוי שנעל ניט טהאָן — האָט דער דאָקטאָר ווייטער גע־לאסען גערעדט — מען דארף אלזאָ דאָ האנדלען זעהר פערנינפטיג, דיפלאָמאטיש, זאָ צו זאָגען. און מיין מיינונג איז, אז דו זאָלסט אהיים געהן כאָטש מאָרגען. דאָס וואָס דו ביזט דאָ, לעבען ניי־מאַן'ען, מאכט פרענק'ען ווילד. ער וואָלט זיך גיכער בערוהיגען, ווען דו וואָלסט געווען אין דער היים, ווען ער זאָל מיט דיר קענען עפטער ריידען. דיין מאמע איז אויף דיין זייט. זי זאָגט עס אָפען ניט ארויס, ווייל זי האָט מורא פאר דעם טאטען, אָבער איך בין זיכער, אז זי וועט דיר העלפען מיט וואָס זי וועט נאָר קענען צו עררייכען דיין ציעל.

— איך וועל פון דאנען ניט אוועקגעהן — האָט פלאָרא גע־זאָגט עקשנות'דיג — איך מוז בלייבען מיט ניימאַן'ען.

— וואָס האָסטו אזוי מורא? דו דיינקסט אז מען וועט איהם דיר אויסכאפען? קענסט זיין זיכער אז קיינער וועט זיך נאָך דיעזע מציאה ניט יאָגען — האָט דער דאָקטאָר געשמייכעלט.

— דערפאר האָב איך קיין מורא ניט, איך בין מיט איהם זיכער.

— טאָ דארפסטו געוויס אהיים געהן. איך וועל מאָרגען איי־בעררײדען מיט נײמאַן'ען און דו וועסט זעהען, אז ער וועט דיר אליין הייסען אהיים געהן.

— איך וועל איהם ניט פאָלגען. איך וויל זיך מעהר ניט בע־געגענען מיט פרענק'ען.

— איך האָב דיר געזאָגט מיין מיינונג. איבעריגענס טהו ווי דו פארשטעהסט. פון מיינעט וועגען מעגסטו אפילו הייראטהען, און אויב דו וועסט וועלען, וועל איך נאָך זיין אן עדות, ווען דו וועסט ארויסנעהמען די „מעררידזש לייסענס“. איך האָב אָבער געהאלטען אלס מיין פפליכט דיר צו זאָגען מיין מיינונג וועגען דיין פלאַן.

פלאָרא האָט זיך א ווײלע פערטראכט און נאכהער געזאָגט:

— אללעס וואָס איהר האָט געזאָגט איז ריכטיג און לאָגיש. אָבער ביי מיר איז דער פאל גאנץ אנדערש. בעסער קענען לערנען נײמאַן'ען דארף איך ניט. איך קען איהם גרינדליך. איך זעה ניט קיין בעסערען וועג, ווי אזוי ענדליך פטור צו ווערען פון פרענק'ען, ווי נאָר דורך געזעצליכער הייראטה. ווען ער וועט זיך דערוויסען, אז מיר זיינען שוין מאן און פרוי, וועט ער זיך גלייך בערוהיגען. און דאָס זעלבע וועט אויך זיין מיט די עלטערן.

— איך וועל דיר צוגעבען, אז עס וועט ווירקליך אזוי זיין (אָבוואָהל איך בין איבערצייגט, אז דאָס וועט פרענק'ען נאָך מעהר דערצערנען), אָבער איך האלט זיך נאָך אלץ ביי דאָס מיינינגע, אז דו קענסט נאָך ניט נײמאַן'ס כאראקטער און — וואָס דער עיקר איז — דו ווייסט דאָך גאָר ניט וועגען זיין פערגאנגענהייט.

די לעצטע ווערטער האָט ער ארויסגערעדט שארף און אין א פיעל בעדייטענדען טאָן.

— וואָס מיינט איהר דערמיט, אז איך ווייס גאָר ניט וועגען זיין פערגאנגענהייט? — האָט פלאָרא א שטארקען ציטער געטהאָן.

— איך מיין גאנץ איינפאך. דו ווייסט דאָך ניט ווער ער איז,

פון וואַנען ער קומט, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט. האָסטו ווען א טראַכט געטהאָן, פיעלייכט האָט ער ערגעץ איבערגעלאָזען א פרוי מיט קינדער?

פלאָרא האָט געמיינט, אז דער דאָקטאָר מאַכט שפּאַס און זי האָט איהם דערויף געענטפערט מיט א שמייכעל. זי האָט ניימאַן׳ען פערגעטערט — ווי האָט איהר גאָר געקענט איינפאַלען צו טראַכטען אזעלכעס וועגען איהם! ניט נאָר האָט זי ניט אָנגעהויבען צו ריינקען וועגען דעם, נאָר זי איז זאָגאָר זיכער געווען, אז זי איז ביי איהם די ערשטע געליעבטע.

— דו דיינקסט געוויס אז איך מאַך שפּאַס — האָט דער דאָקטאָר ווייטער געזאָגט — אָבער איך מיין עס זעהר ערנסט. איך מאַך דאָ קיינע בעשולדיגונגען, אָבער דאָס קען דאָך מעגליך זיין. ביי איך, אידען, האָט מען זעהר יונג חתונה.

די ערנסטקייט, מיט וועלכע דער דאָקטאָר האָט גערעדט, האָט פערטריעבען דעם שמייכעל פון פלאָרא׳ס געזיכט. זי איז געווען זעהר אומעטיג, אָבוואָהל אין הארצען איז זי נאָך אלץ זיכער געווען, אז ניימאַן האָט ניט קיין פרוי.

— איך האָב וועגען דעם קיינמאָל ניט געטראַכט — האָט זי ענדליך זיך אָפּגערופען מיט אנגסט אין איהר שטימע — ווייל איך בין זיכער, אז ער איז א בחור, ווייל איך בין זיכער, אז איך בין די ערשטע געליעבטע זיינע.

— מעגליך אז עס איז ווירקליך אזוי, אָבער עס קען דאָך אויך זיין פערקעהרט.

— אייער אויפגאַבע איז אימער צו לייגען מיר שטיינער אויפ׳ן הארצען! אימער טראַכט איהר אויס עפּעס אנדערש.

— אויב דו מיינסט עס ערנסט, וועל איך זיך מעהר ניט מישען אין דיינע אנגעלעגענהייטען. פון היינט אָן קענסטו טהאָן ווי דו ווילסט נאָר אליין.

— איהר האָט זיך שוין בעליידיגט?

— געוויס איז דאָס פאַר מיר א בעליידיגונג. איך בין אויסע!

דיין טובה און דו דערצעהלסט מיר א געשיכטע וועגען שווער מאַ־כען דיין הארץ.

— אויב איהר וועט זיך ניט מישען אין מיינע אנגעלעגענהיי־טען, וועל איך זיך אין אייערע אויך ניט מישען — האָט פלאָרא געזאָגט מיט אָנצוהערעניש — איך וועל ניט רעדען מיט דער נוירס...

— פיהרסטו מיך גאָר איבער ! — האָט דער ארצט גוטמוטהיג געשמייכעלט — אז איך וועל דארפען ריידען קען איך עס אליין טהאָן. איך דארף ניט קיין שלוחים.

— איך וועל איהר אָבער דערצעהלען וואָס פאַר א סחורה איהר זייט, וועט זי אויף אייך אפילו א קוק ניט וועלען טהאָן.

זיי האָבען נאָך א ווייל׳ע אזוי געשפּאַסט צוזאַמען. פלאָרא האָט געבעטען דעם דאָקטאָר, ער זאָל מאָרגען פאָדערען ביי נייר־מאן׳ען, ער זאָל איהם דערצעהלען זיין לעבענס־געשיכטע. זי האָט געוואָלט, אז ער זאָל זיך איבערצייגען, אז זי האָט ניט קיין טעות אין איהר געליעבטען, ווען זי בעטראַכט איהם אלס א הייליגען מענשען אין בעצוג צו פערהעלטניסע מיט פרויען...

עס איז שוין געווען שפּעט. דער ארצט האָט שוין געוואָלט אוועקגעהן, אָבער ער האָט זיך דערמאָנט אָן פרענק׳ס בריעף, און ער האָט געבעטען ביי פלאָרא׳ן, זי זאָל איהם געבען דעם בריעף. זי האָט ארויסגענומען פון א קאָנווערט, וואָס איז געלעגען אויף דעם טיש, א בעשריבענע בויגעלע פּאַפּיער און עס איהם דערלאַנגט מיט ציטערענדע הענד.

זי איז יעצט ווידער געוואָרען אויפגערעגט.

דער דאָקטאָר האָט גענומען לעזען דעם בריעף :

„מיין טהייערע פלאָרא !

ערשטמענס דאַנק איך דיר פאַר דיין בריעף. איך בין ניט קיין שרייבער, אום דיר צו קענען שילדערען די שמערצען וואָס דו האָסט מיר פערשאַפט. איך קען דיר בלויז זאָגען, אז איך בין שוין אויס מענש. איך בין געווען אזוי ערביטערט, ווען איך בין אוועק פון דיר, אז מיר האָט זיך געדוכט, אז די גאַנצע וועלט געהט אונטער.

וואָס ווילסטו פון מיר? פאַר וואָס פּייניגסטו מיך אַזוי? עס פרעהט מיר וואָס דו גיבסט צו, אַז דו האָסט מיר ניט גוט בעהאַנ־דעלט, און איך האָף, אַז דו וועסט זיך שנעל אַרומזעהן וואו דו האָלסט אין דער וועלט. איך פערצייהע דיר אַלעס, איך מוז דאָס טהאָן, ווייל איך האָב דיך ליעב. גלויב מיר, ווען אימיצער זאָל אַזוי געגען מיר האַנדלען אין ביזנעס, וואָלט איך ניט פערצייהט. איך וואָלט זיך שוין מיט יענעם אָפּגערעכענט... און דאָס קען דיר דיענען אַלס בעווייז ווי היים איך ליעב דיך.

איך בין געוועזען ביי דאָקטאָר סטענטאָן. איך האָב איהם פער־שפּראָכען, אַז איך וועל זיין רוהיג און אויסמיידען סקאַנדאַלען, און אויך דאָס טהו איך אויס ליעבע צו דיר. איך בין געוועזען היינט ביים רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, וועלכע האָט געשריעבען, אַז דו האָסט מיך אַוועקגעוואָרפען און זיך פערליעבט אין ניימאַן׳ען. איך האָב דאָרט געמאַכט אַ סקאַנדאַל און ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז מאָרגען וועט ער דאָס אָבלייקענען אין דער צייטונג.

פלאָרא, איך בעט דיך, בעדיינק זיך און מאַך שוין אַן ענדע צו דער טרויעריגער געשיכטע. איך דאַרף אין עטליכע טעג אַרום ווידער אָפּפאָהרען אויף אַ וואָך צייט. איך האָב אין אויסזיכט צו מאַכען אַ ברילליאַנטענעם געשעפט, און דו וועסט דאָך ניט וועלען, אַז איך זאָל די ביזנעס ניט מאַכען. עס שטעהט מיר צו פערדיענען אַ שעהנע פּאָאָר טויזענד דאָלאַר.

צו דיר אין האָספּיטאַל וועל איך מעהר ניט קומען, יעדענ־פאַלס ניט די טעג. איך וואַרט דאַרום צו בעקומען פון דיר אַן אַנט־וואָרט דורך אַ בריעף.

פיעלע קושען פון דיין

פרענק".

פלאָרא איז די גאַנצע צייט, וואָס דער דאָקטאָר האָט געלעזען דעם בריעף, אַרומגעגאַנגען איבער׳ן צימער פערזונקען אין טיעפע געדאַנקען. פון צייט צו צייט פלעגט זי וואַרפען אויף איהם אַ בליק, אום צו זעהן וואָס פאַר אַן איינדרוק דער בריעף מאַכט אויף איהם.

ווען ער האָט געענדיגט לעזען, האָט זי זיך אָבגעשטעלט לעבען איהם און געזאָגט מיט פערביטערטקייט:

— איך קען אייך גאָר ניט שילדערען ווי שרעקליך איך לייד ווען איך נעהם יעצט טראַכטען, ווער עס האָט געזאָלט זיין מיין לעבענס־בעגלייטער. איך שעהם זיך פאַר זיך זעלבסט.

— דו דיינקסט איהם צו ענטפערן? — האָט דער דאָקטאָר אויסגעמיעדען אריינצוגעהן מיט איהר אין א דעבאַטע וועגען פרענק'ען.

— קיין איין וואָרט שרייב איך מעהר צו איהם ניט! — האָט פלאָרא מיט כעס אויסגעשריען.

— האָב איך דאָך אודאי רעכט, ווען איך זאָג, אז דו זאָלסט אהיים געהן — האָט דער דאָקטאָר ווייטער גערעדט — זעהסטו, איך האָב דיר דאָס געראַטהען, ניט וויסענדיג וואָס פרענק שרייבט צו דיר. ער וועט אוועקפאָהרען אויף א וואָך און מיר וועלען זיך קענען בענוצען מיט דער צייט. איך וועל ניימאַן'ען שאַפען א גוטע שטעלע, איך וועל ריידען מיט דיינע עלטערן און עס קען זיין, אז דאַן זאָל זיך מיר איינגעבען זיי איבערצורעדען.

פלאָרא האָט א ווײלע וועגען עפּעס נאָכגעדיינקט און נאָכהער געזאָגט:

— די גאַנצע צייט האָב איך אַלץ ניט אויף צו טראַכטען וועגען דעם. איך דיינק, אז איהר האָט ווירקליך רעכט. אָבער גלויבט מיר, עס איז מיר אזוי שווער יעצט צו בעגעגענען זיך מיט פרענק'ען. איך ווער א פערציטערטע, ווען איך הער בלויז דערמאָנען זיין נאָמען

— ווייסטו נאָר וואָס? — האָט דער ארצט געזאָגט — מיר וועלען וועגען דעם איבעררײידען מיט ניימאַן'ען. איהם וועסטו דאָך שוין פאָלגען, האַ?

פלאָרא האָט געשמייכעלט און עס איז קענטיג געווען, אז דער פּלאַן איז איהר זעהר געפעלען געווען.

זי האָט בעגלייט דעם דאָקטאָר ביז צו דער טיהר וואָס פיהרט

ארויס אויפ'ן גאַס און געזעגענענדיג זיך מיט איהם, האָט זי שטי־
פעריש געזאָגט:

— יעצט געה איך זיך נעהמען צו ביזנעס. איך וועל זעהן צו
פערדיענען שדכנות־געלד.

— דו געה בעסער שלאָפען און מאַך זיך ניט נאַריש — האָט
דער דאָקטאָר זי לייכט אַבגעשטויסען פון זיך און איז אוועק.

ווען פלאָרא איז אריינגעקומען אין ניימאַן'ס צימער, האָט איהר
די נוירס פאָרגעוואָרפען, וואָרום זי האָט דערצעהלט פאַר דאָקטאָר
סטעגטאָן איהר לעבענס־געשיכטע. פלאָרא האָט זיך פאַרענטפערט,
אז זי האָט ניט געוואוסט אז זי דאַרף דאָס האַלטען בסוד, און אז
פאַר אַן אנדערען, אויסער דעם דאָקטאָר, וואָלט זי דאָס ניט דער־
צעהלט.

— און איך האָב גראַד ניט געוואָלט, אז דער דאָקטאָר זאָל
דאָס וויסען — האָט די נוירס געזאָגט מיט אנגסט אין איהר שטימע
— איך פיהל זיך יעצט דאָ זעהר ענג. איך וועל מוזען רעזיגנירען.

— רעזיגנירען? — האָט פלאָרא זיך געוואונדערט, זעהענ־
דיג אז דער דאָקטאָר האָט טאַקע ניט געמאַכט קיין שפּאַס, ווען ער
האָט איהר פריהער דאָס זעלבע געזאָגט — וואָרום זאָלט איהר רע־
זיגנירען, עס איז אייך דען דאָ שלעכט?

די נוירס האָט ניט געענטפערט, נאָר ביטערע זיפצען האָבען
זיך פון איהר ברוסט ארויסגעריסען.

— וואָס איז אייך? — איז פלאָרא צו איהר צוגעשטאַנען —
איך זעה, אז עס האָט פלוצלונג מיט אייך עפּעס פּאַסירט און איך
בעט אייך, איהר זאָלט מיר אַלעס דערצעהלען.

די נוירס האָט ווייטער געשוויגען.

— האָט איהר מעהר צו מיר קיין צוטרוי ניט? האָט איהר זיך
אין מיר דען ענטטוישט? — האָט פלאָרא דאָך געוואָלט ארויסקריי־
גען פון איהר א פּאָאָר ווערטער.

— איהר האָט קיין רעכט ניט געהאַט דעם דאָקטאָר צו דער־
צעהלען מיין פערגאַנגענהייט — האָט די נוירס ארויסגערעדט אין
א וויינענדיגע שטימע, ווערענד איהר געזיכט האָט אויסגעדריקט

טיעפע אינערליכע ליידען — עס קומט מיר יעצט אויס ווידער צו נעהמען דעם וואנדער־שטאָק אין האנד און געהן זוכען א נייעם פלאץ.

— פיעלייכט האָב איך געהאט א געוויסען מיין דערביי, ווען איך האָב דאָס איהם דערצעהלט — האָט פלאָרא ענדליך בעשלאָסען צו האָבען מיט איהר אן אָפענעם געשפרעך.

— האָט איהר געדארפט ביי מיר פריהער פרעגען ערלויבנים.

— אין אזעלכע אנגעלעגענהייטען פרעגט מען ניט — האָט פלאָרא ערקלעהרט מיט א פערבאָרגענעם שמייכעל — ווען איך וואָלט אייך ניט בעטראכט פאר אן אמת׳ע פריינדין, וואָלט איך דאָס ניט געווען געטהאָן

דאָ האָט זי פאר די נוירס גענומען שילדערען דעם דאָקטאָר, וואָס פאר אן עדעלער, גוטהערציגער מענש ער איז. זי האָט וועגען איהם גערעדט מיט אזא בעגייסטערונג, מיט אזוי פיעל ליעבע, אזוי ווי ער וואָלט געווען איהר געליעבטער. די נוירס האָט זיך אויפמערקזאם צוגעהערט און פון איהר געזיכט איז קענטיג געווען, אז פלאָרא׳ס ווערטער מאכען אויף איהר א טיעפען איינדרוק.

— ווען איהר האָט מיר נעכטען דערצעהלט אייער לעבענס־געשיכטע — האָט פלאָרא געענדיגט — האָב איך גלייך בעשלאָסען דאָס צו דערצעהלען דעם דאָקטאָר. אָפען גערעדט, איך האָב געוואָלט, אז ער זאָל זיך אין אייך פעראינטערעסירען...

— איהר האָט דאָך זיך געדארפט שטעלען די פראגע, צו איך ווינש דאָס — האָט די נוירס בעמערקט — איהר האָט דאָך זיך געדארפט רעכענען מיט מיר.

— איך בין זיכער, אז ווען איהר וועט זיך מיט איהם בעסער בעקענען, וועט איהר ניט פאראיבעל האָבען אויף מיר ווארום איך האָב דאָס געטהאָן.

— האָט איהר א גרויסען טעות. איך האָב שוין לאנג אָנגעוואָרען דעם גלויבען און צוטרויען צו מענער. איין מאָל אין מיין לעבען האָב איך געגלויבט!... — האָט די נוירס געענדיגט מיט פערשטיקטע טרעהרען אין איהר שטימע.

— אין דעם דאָקטאָר וועט איהר זיך קיינמאָל ניט ענטטוישען, ער איז א מלאך — האָט פלאָרא ווידער גענומען ריידען מיט בע־גייסטערונג — איך וויל, אז איהר זאָלט זיך אין איהם פעראינטע־רעסירען און איהר וועט זיין גליקליך אייער גאַנצען לעבען. זאָגט מיר, וואָס האָט ער דאָ היינט מיט אייך גערעדט, ווען איך בין פריי־הער דאָ אריינגעקומען, האָב איך אָן אייערע ביידענס געזיכטער דערקענט, אז איהר האָט געפיהרט אַן אינטערעסאַנטען געשפּרעך.

די נוירס האָט געשוויגען.

— איהר ווילט מיר ניט זאָגען וואָס איהר האָט גערעדט? — האָט פלאָרא ווייטער געפרעגט.

— ער האָט דוקא געוואָלט וויסען ווער איך בין.

— און איהר האָט איהם ניט געזאָגט?

— געוויס האָב איך איהם ניט געזאָגט.

— און מיר וועט איהר דאָס אויך ניט זאָגען?

— ניין. איהר האָט מיר איין מאָל שוין פערראַטהען.

— דיעזער פערראַטה קען אייך אָבער ברייננען גליק.

— איך האָב שוין לאַנג פערלאָרען דעם גלויבען אין דיעזען זאָרט גליק...

— עס וועט אייך ניט העלפען. איהר מוזט מיר זאָגען ווער איהר זייט.

— געהט בעסער שלאָפען. עס איז שוין אַזוי שפּעט.

— אז איהר וועט דאָס מיר זאָגען, וועל איך אייך עפּעס דער־צעהלען, וואָס עס וועט אייך זעהר אינטערעסירען.

— איהר ווילט מיר מאַכען נייגיעריג?

— דער דאָקטאָר האָט מיט מיר וועגען אייך גערעדט.

איבער דער נוירס' געזיכט זיינען נערוועזע צוקען דורכגע־לאָפען. זי האָט עפּעס געוואָלט זאָגען, זי האָט זיך אָבער צוריק־געהאַלטען.

— ווען איהר וואָלט וויסען וואָס ער האָט מיט מיר גערעדט, וואָלט עס אייך הנאה געטהאָן — האָט פלאָרא ווייטער געזאָגט.

— איהר קענט מיר נייגיעריג ניט מאַכען — האָט די נוירס

געזאָגט מיט א געצוואונגענעם שמייכעל אויף איהר פלאַמענדע געזיכט.

פלאָרא האָט דערקענט אין איהר טאָן אז זי וויל זעהר גערן וויסען וואָס דער דאָקטאָר האָט גערעדט וועגען איהר, נאָר זי שעהמט זיך דאָס איהר פאָרצושלאָגען און זי האָט פאָרטגעזעצט:

— ער האָט מיר געזאָגט, אז איהר ווילט רעזיגנירען. ער איז זעהר ניט צופריעדען געווען דערפון. פון זיינע רייד האָב איך געזעהן, אז ער ווינשט, דאָס איהר זאָלט דאָ בלייבען, אז ער איז פער־אינטערעסירט אין אייך.

— און טאַקע דערפאַר וועל איך די ענדע פון דיעזער וואָך דאָ זיך שוין ניט געפינען — האָט די נוירס געזאָגט מיט ענטשלאָ־סענהייט.

— און איך זאָג, אז איהר וועט דאָ בלייבען — האָט פלאָרא אויך ענטשלאָסען געזאָגט.

און ווייטער האָט זי גענומען פאַר איהר שילדערן דעם דאָק־טאָר׳ס עדעלען כאַראַקטער, ווי יעדער איינער ליעבט איהם און אכ־טעט איהם. זעהענדיג, אז איהרע רייד מאַכען אויף איהר צוהערדין אַן איינדרוק, האָט זי זיך ליעבליך צוגעטוליעט צו איהר און געזאָגט מיט בעגייסטערונג און ליעבליכקייט אין איהר שטימע:

— איהר וועט זיין גליקליך פונקט ווי איך, און איך וויל, אז איהר זאָלט דאָס זיין, ווייל איך האָב אייך און דעם דאָקטאָר זעהר ליעב. איהר מוזט מיר פערשפּרעכען אויף אייער עהרען־וואָרט, אז איהר וועט דאָ בלייבען. פערשפּרעכט איהר מיר דאָס?

— ניין — האָט די נוירס מיט א זיפץ געענטפערט.

— ער וועט שרעקליך ליידען — האָט פלאָרא געזאָגט, ווע־רענדיג אומעדיג.

— דאָס איז ניט מיין שולד, נאָר אייערע. איהר האָט איהם ניט געדאַרפט דערצעהלען קיינע געשיכטעס...

— און אז ער וועט אייך אַליין בעטען, אז איהר זאָלט דאָ בלייבען, אז ער וועט אייך ערקלעהרען, אז ער האָט אייך ליעב?

— דאָס וויל איך טאַקע אויסמיידען.

— איהר וועט דאָס ניט אויסמיידען — האָט פלאָרא מיט עקשנות געזאָגט — מאָרגען וועט ער עס אייך נאָך ערקלעהרען און איהר וועט מוזען בלייבען, איהר וועט מוזען בלייבען — האָט זי קאַפּריזנע געפּאַטשט מיט די הענד.

— געוויס וועט זי בלייבען! — האָט זיך פלוצלונג געהערט ניימאַן'ס שטימע.

פלאָרא און די נוירס האָבען זיך זעהר דערשראָקען, זיי זיינעןביידע געוועזען אזוי פערטהאָן אין זייער געשפּרעך און האָבען אזוי הויך גערעדט, דאָס זיי האָבען גאָר געהאַט פערגעסען, אז זיי קענען נאָך אויפוועקען דעם קראַנקען.

פלאָרא איז די ערשטע צו זיך געקומען, האָט אומגעקעהרט דעם קאָפּ צו איהר געליעבטען און געזאָגט מיט א שמייכעל:

— וואָס מישטו זיך אריין דאָרט, וואו מען דאַרף ניט?

— אז איך זאָג, אז מיסס גאָרדאָן וועט דאָ בלייבען, וועט זי בלייבען — האָט ניימאַן געזאָגט מיט א שמייכעל — דיר וועט זי ניט פאָלגען, אָבער מיר יא, ניט וואהר? — האָט ער זיך געווענדעט צו דער נוירס, וועלכע איז געזעסען אומגעקעהרט צו דער וואַנד מיט'ן געזיכט איינגעגראָבען אין איהרע ביידע הענד.

די נוירס האָט ניט געענטפערט.

— זעהסטו וואָס פאר א בעדייטונג דו האָסט ביי מיסס גאָרדאָן, אז זי וויל דיר אפילו ניט ענטפערען — האָט פלאָרא זיך גוטמוטהיג געררייצט מיט איהר געליעבטען.

— מיסס גאָרדאָן — האָט ניימאַן זיך ווידער געווענדעט צו דער נוירס — איהר ווילט מיר טאַקע ניט ענטפערען?

— וואָס ווילט איהר פון מיר? — האָט די נוירס זיך אומגעקעהרט צו זיי מיט'ן געזיכט, אויף וועלכען עס איז געוועזען אן אויסדרוק פון אינערליכע ליידען — וואָס האָט איהר זיך צו מיר צוגעטשעפּעט? פריהער האָב איך געהאַט איינע און יעצט האָב איך צוויי פייניגער איבער זיך — האָט זי געענדיגט מיט א שמייכעל.

ניימאַן האָט זיך אויפגעזעצט אויף דעם געלעגער. פלאָרא איז

צוגעשפרונגגען צו איהם און איהם געהאָלפען זיך בעקוועם אוועקזעצען. דאַן האָט ער געבעטען א טרונק. די נוירס האָט איהם דערלאַנגט א גלאָז וואסער און ווען ער האָט עס אויסגעטרונקען, האָט ער זיך אָפּגערופען מיט א צופריעדענעם שמייכעל:

— איך האָב געהערט אייער גאַנצען געשפּרעך און איך בעט אייך, איהר זאָלט מיר אויך ערלויבען צו זאָגען מיין מיינונג וועגען דעם.

— אָלל רייט! — האָט פלאָרא א פרעהליכע אויסגעשריען — וועט איהר זיך פערלאָזען אויף זיין מיינונג? — האָט זי זיך געווענדעט צו דער נוירס.

— איך האַנדעל אימער ווי מיינע געפיהלען און געדאַנקען דיקטירען מיר — האָט די נוירס געלאַסען געענטפערט.

— איך בין זיכער, אז מיין מיינונג וועט זיין אין איינקלאַנג מיט אייערע געדאַנקען און געפיהלען — האָט ניימאַן ווייטער געזאָגט.

פלאָרא האָט אויף איהם אויסגעשטעלט א פּאָאר פערוואונדערטע אויגען, וועהרענד די נוירס האָט זיך אָפּגערופען:

— אויב אזוי איז מיר זעהר אינטערעסאַנט צו הערען אייער מיינונג.

— איהר דיינקט און פיהלט דאָ צו בלייבען — האָט ניימאַן דרייסט גערעדט — איהר פיהרט אָבער אָן אין זיך אן אינערליכען קאַמפּף דיעזע געפיהלען אייערע צו דערשטיקען. איהר קענט דאָס נים לייקענען. איך האָב דאָס ארויסגעלעזען פון אייער געזיכט בעטראַכטענדיג אייך די גאַנצע צייט וואָס איהר האָט פריהער גערעדט מיט'ן דאָקטאָר. איהר האָט געמיינט, אז איך שלאָף, אָבער איך בין דאַן געווען וואך. איך קען אייך שוין גראַטולירען מיט אייער גליק, מיסס גאָרדאָן! — האָט ער צו איהר אויסגעשטרעקט זיין האַנד.

פלאָרא האָט גענומען אונטערטאַנצען פון פרייד און פּאַטשענדיג מיט די הענד, האָט זי געזאָגט צו דער נוירס:

— איהר וועט זיך שוין יעצט ניט ארויסדרעהען. ניימאַן האָט איך געכאַפּט ביי דער האנד.

די נוירס האָט געשוויגען. איהר געזיכט האָט נאָך שטאַרקער געפלאַמט און איהרע אויגען, אין וועלכע עס האָט זיך אָפּגעשפּיע־געלט אי פרייד, אי קומער, האָבען געקוקט דאָס אויף פלאָרא׳ן, דאָס אויף ניימאַן׳ען.

— איך ווייס ניט אייער לעבענס־געשיכטע, וועגען וועלכע איהר האָט פריהער גערעדט — האָט ניימאַן ווידער אָנגעפאַנגען — אָבער פון דעם ערשטען בליק האָב איך גלייך דערקענט, אז איהר האָט פיעל געליטען אין אייער לעבען, און איך האָב גלייך געפיהלט א טיעפע מיטלייד צו אייך, דען אויך מיין פערגאַנגענ־הייט איז ווייט ניט קיין פרעהליכע; און ווער קען נאָך מיטפיהלען מיט א ליידענדען ווי דער, וואָס האָט זעלבסט געליטען? אָבער יעצט האָט אייך דער שיקזאַל געגעבען א געלעגענהייט צו זיין גליקליך, אמת גליקליך. פלאָרא האָט אייך פריהער געשילדערט דאָקטאָר סטענטאָן׳ען. זי קען איהם גוט. איך האָב זיך מיט איהם ערשט ניט לאַנג צוריק בעקענט, אָבער איך האָב איהם אויך זעהר ליעב. ער איז א זעלטענער מענש; און איך קען זיך אויף מענשען; איך פערליעב זיך ניט אַזוי שנעל אין א מענשען.. איהר דאַרפט דארום ניט קעמפּפען מיט אייערע געפיהלען, מיסס גאָרדאָן, רייסט ארויס די פערגאַנגענהייט פון אייער הארצען און פערשטויסט ניט פון זיך דאָס גליק.

פון דער נוירס׳ס ברוסט האָט זיך א הערצרייסענדער זיפץ ארויסגעריסען און זי האָט זיך אָפּגערופען אין א ציטערענדע שטימע:

— עס איז לייכט צו זאָגען „ארויסרייסען די פערגאַנגענהייט פון הארצען“. אום דאָס צו טהאָן דאַרף מען ארויסרייסען די גאַנצע הארץ, וועלכע איז אָנגעזאַפּט מיט דער פערגאַנגענהייט... דאָס איז ניט קיין לייכטע זאַך. צווייטענס, איז ביי מאַנכע מענשען די פער־גאַנגענהייט הייליג, מעג זי זיין ווי טרויעריג... ביי מיר איז דיעזער

פאל. מיין פערגאנגענהייט איז ביי מיר הייליג, איך וועל זי טראָגען אין מיין הארצען ביז אין קבר!

— מיסס גאָרדאָן, איך בעגרייף אייך זעהר גוט, אַבוואָהל, ווי איך האָב שוין געזאָגט, איך ווייס ניט פון אייער פערגאנגענהייט — האָט ניימאַן גערעדט מיט טיעפע מיטלייד אין זיין שטימע — איהר וועט דאָך אָבער ניט אַפּליקענען, אז דער דאָקטאָר פעראינטערע־סירט אייך. איך בין אלזאָ זיכער, אז איהר וועט מיט דער צייט אַן אַלעס פערגעסען.

— האָב איך דאָך אייך שוין ערקלעהרט, אז איך וועל מיין פערגאנגענהייט ניט פערגעסען. זי איז ביי מיר הייליג. איך בוק זיך צו איהר, איך לעב מיט איהר...

— א נעגענווערטיגעס גליק איז אָבער בעסער און זאָגאר הייי־ליגער ווי די פערגאנגענהייט (איך מיין נאַטירליך נאָר אזא פער־גאנגענהייט, וועגען וועלכע מיר ריידען).

— עס איז מיר געוועזן אזוי גוט ביז יעצט, איז זי געקומען — האָט די נוירס אָנגעוויזען אויף פלאָרא'ן — און האָט מיר מיין רוהע געשטערט.

— אויב איהר ווילט איהר יעצט דערפאר ניט דאנקען — האָט ניימאַן ליעבליך געשמייכעלט, קוקענדיג אויף פלאָרא'ן, וועט איהר דאָס שפּעטער טהאָן; דעם גאנצען לעבען וועט איהר איהר דאנקבאר זיין. איך זעה דייטליך, אז איהר וועט זיין דאָקטאָר סטענטאָן'ס לעבענס־בעגלייטערין, און איך בין גליקליך וואָס מיין פלאָרא האָט אייך דיעזען גליק פערשאַפט.

פלאָרא האָט זיך ליעבליך צוגעטוליעט צו ניימאַן'ען. די צוויי ווערטער „מיין פלאָרא“ האָבען אין איהר ארויסגערופען אונבע־שרייבליכע פרייד. דעם דאָקטאָרס ווארנונג וועגען ניימאַן'ס פער־גאַנגענהייט האָט יעצט געקלונגען זעהר לעכערליך אין איהרע אוי־ערען.

— דער שיקזאַל האָט אייך אהער געבראַכט, אום איהר זאָלט דאָ אייער גליק געפינען — האָט פלאָרא געזאָגט װענדענדיג זיך צו

דער נוירס — אויך איך האָב דאָ מיין גליק געפונען. עפּעס אַ מזל־דיגער פּלאַץ איז דיעזער האָספּיטאַל...

זיי האָבען נאָך לאַנג גערעדט. פון דרויסען האָבען זיך שוין הורכ'ן אָפּענעם פענסטער אריינגעריסען די ערשטע שטראַהלען פון דער אויפגעהענדער זונן. פלאָרא און ניימאַן האָבען מיט זייערע רייד געהאַט אויף דער נוירס אַ שטאַרקען איינפלוס. אויף זייערע פראַגען צו זי וועט פערבלייבען, האָט זי ניט געענטפערט, אָבער עס איז קענטיג געווען אָן איהר שווייגען, אַז זי וועט שוין ניט אוועק, אַז דער דאָקטאָר פערנעהמט שוין אַ פּלאַץ ביי איהר אין הארצען און נאָך מעהר אין איהר מוח...

פלאָרא האָט זיך געזעגענט מיט איהר געליעבטען, וועלכער האָט איהר שוין ארויסגעטריבען, זי זאָל געהן שלאָפען, און אויך מיט דער נוירס און איז ארויס. אין קאָרדיאָר איז זי געבליבען שטעהן ביי דער טהיר. זי האָט געוואָלט הערען וועגען וואָס זיי וועלען אָנפאַנגען צו ריידען און זי האָט טאַקע באלד געהערט ניימאַן'ס שטימע:

— איהר זייט ניט די איינציגע, מיסס גאַרדאָן — האָט ער געזאָגט — וועלכע רייסט מיט געוואלד ארויס פון הארצען די פער־גאַנגענהייט.

ווי אַ דונער האָבען פלאָרא'ן דיעזע ווערטער געטראָפען. איהר האָט זיך געדוכט, אַז זי האָט געהערט ווי ניימאַן האָט דערביי שטאַרק געזיפצט. „אַלזאָ, ער האָט אויך אַ פערגאַנגענהייט“. — האָט אָן איננערליכע שטימע געהילכט אין איהרע אויערן — „דער דאָקטאָר האָט אַלזאָ קיין טעות ניט געהאַט“... זי האָט געוואָלט צו־ריק אריינגעהן, אָבער זי האָט זיך מיט אַלע כחות צוריקגעהאַלטען. אַ שוידער האָט אויפגעטרייסעלט אַלע איהרע גליעדער. פון דער וויטענס האָבען זיך געהערט טריט און זי איז אַ פערציטערטע שנעל אריינגעלאָפען צו זיך אין צימער.

אין איהרע אויערען האָבען נאָך אַלץ געקלונגען ניימאַן'ס ווערטער, וועלכע האָבען געשניטען איהר הארץ וויא מיט טעמפע מעסערס. אַ ווילדע האָט זי גענומען אומלויפען אי־

בער'ן צימער, קנייפּענדיג זיך דאָס געזיכט און רייסענדיג זיך די האָר פון קאָפּ. ניימאן האָט א פערגאנגענהייט. זי איז ביי איהם ניט די ערשטע — דיעזער געדאנק האָט זיך אלץ טיעפער איינגע־געסען אין איהר נשמה, אין איהר הארצען און איהר פערשאפט אונ־מענשליכע יסורים. זי האָט עטליכע מאָל געהאט בעשלאָסען אריינ־צוגעהן צו ניימאן'ען, בעטען די נוירס, זי זאָל זיי איבערלאָזען אליין און איהם פרעגען, איהם בעטען, ער זאָל איהר דערצעהלען זיין גאנ־צע פערגאנגענהייט. זי האָט זיך אָבער יעדעס מאָל צוריקגעהאל־טען, מורא האָבענדיג אז זי זאָל זיך ניט דערוויסען עטוואָס שרעק־ליכעס — פיעלייכט האָט ער טאקע ערגעץ־וואו א פרוי מיט קינדער. ביי דיעזען געדאנק האָט זי דערפיהלט א שרעקליכען וועהטאָג אין מח און אין די אויגען איז איהר פינסטער געוואָרען.

— דאָס קען ניט זיין! — דאָס קען ניט זיין! — האָט זי פער־צווייפעלט אויסגעשריען אין א פערשטיקטען קול, יעדעס מאָל ווען דיעזער געדאנק איז איהר געקומען אויפ'ן זינען, מאכענדיג דערביי ווילד מיט די הענד, אזוי ווי זי וואָלט איהם ווען פערטרייבען פון זיך. אזוי ווי א טיגער, וועלכען מען האָט נאָר וואָס געפאנגען אין די פרייע, אונענדליכע ווילדערניסען און איהם פערשפארט אין אן אייזערנע שטייג האָט זי זיך יעצט געפיהלט.

זי האָט בעשלאָסען אוועקלויפען צום דאָקטאָר, זי וועט איהם פון בעט ארויסנעהמען, ער מוז גלייך מיט איהר אהער קומען און אויספרעגען ניימאן'ען וועגען זיין פערגאנגענהייט. זי מוז דאָס גלייך וויסען, אלעס, אלעס מוז זי וויסען...

זי איז צוגעלאָפען צום שפּיעגעל, אין איילעניש געבראכט די האָר אין אָרדנונג, געכאפּט אויף זיך דעם אויבערמאנטעל און איז ארויס.

ארויסקומענדיג אויפ'ן גאס, איז פלאָרא געבליבען שטעהן ער־שטוינט, דערזעהענדיג דעם דאָקטאָר'ס אָוטאָמאָביל. זי איז צוגע־גאנגען צום שאָופער און געפרעגט וואו דער דאָקטאָר איז. ער האָט איהר געענטפערט, אז ער איז נאָר וואָס אריין אין האָספּיטאל.

— זייט אזוי גוט און רופט איהם ארויס — האָט זי געבעטען דעם שאָופער — זאָגט איהם, אז איך וואַרט דאָ אויף איהם.

ווען דער שאָופער איז ארונטער פון זיין פּלאַץ און זיך געלאָזען געהן צו די שטיגען וואָס האָבען געפיהרט צום האָספּיטאל האָט פלאָ־ראַ איהם פערהאַלטען:

— וואָס טהוט דער דאָקטאָר דאָ אזוי פריה?

— מיר קומען יעצט פון אַ פּאַציענט — האָט דער שאָופער געענטפערט — מען האָט דעם דאָקטאָר אויפגעוועקט, באַלד ווי ער האָט זיך נאָר וואָס געהאַט געלייגט מען וועט דעם פּאַציענט באַלד ברייננגען אהער און ער וועט איהם דאָ מאַכען אַן אפּעריישאָן.

פלאָרא איז געוואָרען זעהר אונגעדולדיג. זי וועט אלזאָ יעצט מיט דעם דאָקטאָר ניט קענען ריידען. דער שאָופער האָט איהר גע־פרעגט, צו ער זאָל זיין בעל הבית ארויסרופען. זי האָט אַ ווײַלע נאָכגעדיינקט, ניט וויסענדיג ווי זיך צו בעשליסען. ענדליך האָט זי איהם געהייסען זאָגען דעם דאָקטאָר, זי בעט איהם, ער זאָל גלייך ארײנקומען צו איהר אין צימער און זי איז צוריק ארײן אין האָס־פּיטאל.

— וואָס ביזטו עפּעס אזוי פריה אויפגעשטאַנען? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט ביי פלאָרא'ן, בלייבענדיג שטעהן אויף דער שוועל פון איהר צימער.

מיסס זינגער איז צוגעשפּרונגען צו איהם און, פערמאַכענדיג די טהיר, האָט זי נערוועז געפרעגט:

— איך בין נאָך גאָרניט געשלאָפען.

— אויפ'ן ניכטערען מאָגען מאַכסטו שוין שפּאַס? וואָס הייסט, דו ביזט ניט געשלאָפען?

פלאָרא האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויפ'ן בעט און אויסגעבראָ־כען אין אַ היסטערישען געוויין. עס האָט גענומען היבשע עטליכע מי־נוטען ביז דעם דאָקטאָר איז געלונגען איהר איינצושטילען. באַלד האָט ער זיך דערוויסט די אורזאַכע פון איהר וויינען.

— נו, זעהסטו שוין אז איך האָב געהאַט רעכט — האָט ער

זיך אָפּגערופען — עס קען אפילו זיין, אז פון דער גאנצער געשיכטע זאָל זיך אויסלאָזען א נעכטיגער טאָג; עס איז מעגליך, אז ניימאַן האָט קיין זאַך ניט געמיינט, ווען ער האָט געזאָגט. אז יעדער מענש האָט זיך זיין פערגאנגענהייט. ער האָט דאָך דאָס געקענט זאָגען סתם אין דער וועלט אריין. אָבער פּאָרזיכטיג דארף מען יעדענ־פאַלס זיין.

— ער האָט דאָס ניט געמיינט סתם אין דער וועלט אריין — האָט פלאָרא געזיפצט — ווארום האָט ער דאָס ניט געזאָגט, ווען איך בין דערביי געווען, נאָר ערשט ווען איך בין ארויסגעגאנגען? און ווער ווייס וואָס ער האָט דאָרט נאָך גערעדט.

— בערוהיג זיך. איך וועל היינט מיט איהם האָבען אן אָפּעַ־נעם געשפּרעך און איך וועל אלעם דערגעהן.

— איך ווער דערשטיקט, דאָקטאָר! — האָט פלאָרא אויסגעַ־שריען מיט שמערץ, אָנוויינענדיג אויף איהר ברוסט — אָט דאָ שטיקט מיר און עס קלעמט אזוי שטארק!

דער ארצט האָט אונטערזוכט איהר פולס און געזאָגט מיט פּאָ־טערליכע צערטליכקייט:

— דיינע נערווען זיינען צושטרויעט. דו מוזט זיך בערוהיגען. עס קען זיין, אז דו ליידעסט יעצט אומזיסט. דער שאָופער האָט מיר דערצעהלט, אז ער האָט דיר געזאָגט, אז איך קום יעצט פון א פּאציענט, וועלכען מען דארף יעדע מינוט אהער ברייננגען. אלעם ווערט שוין צוגעגרייט צו דער אָפּעראציאָן. אין א האלבע שטונדע ארום וועל איך זיין פערטיג און איך וועל אריינגעהן צו ניימאַן׳ען.

— וועל איך אויך זיין דערביי? — האָט פלאָרא געפרעגט.

דער דאָקטאָר האָט זיך פערטראַכט עטליכע סעקונדען און גע־ענטפערט:

— ניין. עס איז גלייכער דו זאָלסט ניט אָנוועזענד זיין ביי דיע־זען געשפּרעך. פיעלייכט וועט ער אלעס ניט וועלען דערצעהלען. ווען איך וועל זעהן, אז מיין פערדאַכט האָט קיין גרונד ניט, וועל איך דיך אריינרופען.

— איך וועל דאָ משוגע ווערען פון אונגעדולד ! — האָט פלאָ־ רא געזאָגט מיט טרעהרען אין איהר שטימע.

עס האָט זיך געהערט א לייכטער קלאַפּען אין טהיר.

— קאם אין ! — האָט דער ארצט אויסגעשריען.

קיינער איז אָבער ניט אריינגעקומען. פון קאָרידאָר האָבען זיך געהערט לייכטע, שנעלע טריט, אזוי ווי אימיצער וואָלט אנטלויפען.

דער דאָקטאָר איז צוגעלאָפען צו דער טהיר, זי געעפענט און איז געבליעבען שטעהן ערשטוינט. אין דער זעלבער צייט האָט זיך געהערט ווי די טריט אין קאָרידאָר האָבען זיך פלוצלונג אָבגעשטעלט.

— קומט אריין, וואָס אנטלויפט איהר ? — האָט דער ארצט שמייכלענדיג א זאָג געטהאָן. און ווידער האָבען זיך געהערט די זעלבע טריט אויף דעם שטיינערנעם פלאָר פון קאָרידאָר און עס איז אריינגעקומען מיסס גאָרדאָן. זי איז געווען זעהר פערשעהמט .

— וואָס זייט איהר אנטלאָפען ? — האָט דער דאָקטאָר איהר געפרעגט, פערמאכענדיג די טהיר.

די נוירס איז יעצט נאָך מעהר פערשעהמט געוואָרען און האָט געענטפערט מיט ארונטערגעלאָזענע אויגען :

— איך בין פארביי געגאנגען, האָב איך געהערט מיסס זיננגער׳ס שטימע, האָב איך אָנגעקלאַפּט. איך האָב זיך געוואונדערט וואָס זי איז שוין אזוי פריה אויפגעשטאַנען. זי איז ניט לאנג צוריק געגאנ־ גען שלאָפען.

— און אז איהר האָט געהערט מיין שטימע, זייט איהר אנטלאָ־ פען — האָט דער ארצט גוטמוטהיג געשמייכעלט — איך מוז זיין א שרעקליכער מענש וואָס מען אנטלויפט פון מיר...

דער נוירס׳ם געזיכט האָט יעצט געפלאמט פון פערשעהמטקייט.

— וואָס דען, א גוטער מענש זייט איהר ? — האָט פלאָרא זיך אָפּגערופען מיט געמאכטע ערנסטקייט — פון אזא מענשען ווי איהר דארף מען וויכען ווי פון א פייער.

— טאָ ווארום זשע קלעפּסטו זיך צו מיר ווי א ביהן צו האָניג?

— האָט דער דאָקטאָר געשמייכעלט.

— אַ שעהנעםביישפּיעל האָט איהר זיך אויסגעקליבען! — האָט פלאָרא געשפּאסט — צו האָניג בּערגליכט ער זיך גאָר! אָט איך וועל אייך געבען דעם ריכטיגען ביישפּיעל: אז מען דארף דעם גנב, שניידט מען איהם פון דער תליה...

דער ארצט און די נוירס האָבען זיך צולאכט.

עס האָט זיך ווידער געהערט אַ קלאַפּ אין טהיר און עס איז אריין אַ בעדיענער, וועלכער האָט געמעלדעט דעם דאָקטאָר, אַז מען האָט געבראכט דעם פּאציענט.

— זאָל מען איהם אריינטראָגען אין אָפּעראציאָנס־צימער, איך קום גלייך אריין אהין — האָט דער דאָקטאָר געגעבען אַ בעפעהל.

דאן האָט ער זיך געווענדעט צו דער נוירס:

— איהר זייט דאָך שוין יעצט פריי, ניט וואהר?

די נוירס האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף יאָ.

— און וואָס מאכט עפּעס מר. ניימאן? — האָט ער ווייטער געפרעגט.

— ער פיהלט אויסגעצייכענט — האָט זי געענטפערט, קוקענ־דיג אויף פלאָרא'ן — ער איז שוין היינט ארונטער פון בעט.

— ווארום האָט איהר עס איהם ערלויבט? — האָט דער דאָק־טאָר געפרעגט ניט מיט שטרענגקייט.

— איך האָב פּראָטעסטירט, אָבער ער האָט מיר ניט געוואָלט פאָלגען. איך האָב איהם געמוזט דערלאנגען דעם שלאָף־ראָק און ער איז ארונטער פון בעט. ער איז אומגעגאנגען איבער'ן צימער ביי אַ האַלבע שטונדע ווי אַ געזונטער מענש.

פלאָרא'ס געזיכט האָט געשטראהלט פון גליק.

— ער וועט שוין כאפּען פון מיר אַ גאָב דערפאר! — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט מיט געמאכטען כעס.

— אזוי, ער שרעקט זיך טאקע אַ סך פאר אייך! — האָט פלאָ־רא איהם שעלמיש געלאכט אין די אויגען אריין. אַ גאָב וועט ער איהם געבען!...

— מיר האָבען שוין אזעלכע העלדען ווי ניימאן געזעהן.

— ער איז מעהר העלד פון אייך.

— נו, געווים, אז ער האָט אזא העלדין ווי דו פאר א געליעבטע.

— ציהט מיך ניט ביי דער צונג ! — האָט פלאָרא צו איהם גע־מאַכט מיט'ן פינגער — איך וועל אייך באלד עפּעס זאָגען וואָס וועט אייך ניט שמעקען. איהר ווייסט דאָך דאָס שפּריכווערטעל : אז מען האָט א געהאָנגענעם אין דער משפּחה, דארף מען קיין תליה ניט דערמאָנען — האָט זי געענדיגט אין א צוויי־דייטיגען טאָן.

דער דאָקטאָר און די נוירס זיינען געוואָרען פערשעהמט, ווי קליינע קינדער, ווען מען כאפּט זיי ביי עפּעס א שפּיצעל וואָס זיי האָבען אָבגעארבייט.

— יעצט דארפט איהר שוין מעהר ניט חוזק מאכען פון ליעבע — האָט פלאָרא ווייטער געזאָגט מיט אָנצוהערענים.

— נו, גענוג שוין פּלאפּלען ! — האָט דער ארצט גוטמוטהיג א זאָג געטהאָן, ווארפענדיג פון דער זייט א דורשטיגען בליק אויף דער נוירס — אז זי צולאָזט איהר צונג, ווייס זי שוין ניט ווען אויפצו־הערען.

— איהר ווייסט דאָך אז איהר כאפּט א פּאָרציע יעדעס מאָל וואָס איהר טשעפּעט זיך — האָט פלאָרא ווייטער געזאָגט — טאָ פאר וואָס פאנגט איהר אָן ? — נו, געהט שוין טהאָן אייער ארביים, איהר בוטשער ! — האָט זי געענדיגט מיט דעם פריהעריגען שעל־מישען שמייכעל.

— איך דארף שוין טאקע געהן — האָט דער ארצט געזאָגט, צוגעהענדיג צו דער טהיר.

ער איז אָבער געבליעבען שטעהן און, אומקעהרענדיג דעם קאָפּ צו פלאָרא'ן, האָט ער צוגעגעבען :

— ווארום דו רופסט מיר בוטשער, פערשטעה איך ניט. אפשר איז עס דערפאר וואָס איך האָב איינמאָל געשניטען א קעלבעל... מיסס פלאָרא זינגער ?

דאָס זאָגענדיג האָט ער שטיפעריש א מאך געטהאָן צו איהר מיט'ן קאָפּ און איז שנעל ארויס. די נוירס האָט אויסגעבראָכען אין

א הילכענדען, הארציגען געלעכטער, וועלכער האט זיך געהערט אזש אין קארידאר און וועלכער האט ווי הערליכע מוזיק אבגעקלונגען אין דעם דאקטאר׳ס אויערען.

פלארא האט זיך יעצט געפיהלט אין א גוטע שטימונג. די נייעס, אז ניימאן געהט שוין ארום, האט איהר זעהר דערפרעהט. עס האט איהר אויך הארציג געפרעהט, זעהענדיג ווי דער דאקטאר איז ווירקליך פעראינטערעסירט אין דער נוירס, דען זי האט בעמערקט די גנבה׳שע בליקען, וואס ער האט די גאנצע צייט אויף איהר גע־ווארפען. בעטראכטענדיג יעצט די נוירס האט זי אויך פון איהר געזיכט געלעזען, אז איהרע געדאנקען זיינען יעצט פערנומען מיט׳ן דאקטאר. זי האט זיך נאך אמאל איבערצייגט, אז איהרע און ניי־מאן׳ס רייד האבען אויף איהר געהאט א ווירקונג.

— איז ניט דאקטאר סטענטאן א ליעבליכער מענש? — האט זי זיך געווענדעט צו דער נוירס, וועלכע איז געזעסען פערטראכט.

די נוירס האט אויף איהר א קוק געטהאן מיט א ליעבליכען שמייכעל, וועלכער האט מעהר גערעדט, ווי די שארפסטע ווערטער.

— איך פערזיכער אייך, אז איהר וועט איהם בעסער קענען, וועט איהר צוגעבען, דאס איהר האט נאך אזא מענשען ניט בעגע־גענט אין אייער לעבען.

— איך האב דאך אייך שוין געזאגט — האט די נוירס זיך אפגערופען מיט א טיעפען זיפץ — אז איך האב שוין פערלארען דעם גלויבען אין מענשען. איך זעה יעצט אין יעדען מענשען דריי פערטעל טייפעל...

— דאקטאר סטענטאן וועט אייך אומקעהרען צוריק אייער אמאליגען גלויבען — האט פלארא גערעדט מיט בעגייסטערונג — אין איהם וועט איהר קיין שפור פון א טייפעל ניט געפינען — ער איז בלויז מענש, ניין, א מלאך איז ער, א וואהרער מלאך און ווען איהר וועט איהם ליעבען, וועט ער פערוואנדעלט ווערען אין אייערע אויגען אין א גאט...

— איך האָב שוין געהאט אמאָל א גאָט! — האָט די נוירס ווידער ביטער געזיפצט.

עס האָט זיך ווידער געהערט א קלאַפּ אין טהיר און אויף דער שוועל האָט זיך בעוויזען דער דאָקטאָר, אָנגעטהאָן אין א שנעע ווייסען ראָק און אין א לאַנגען פארטוך פון דער זעלבער ווייסקייט וואָס דער ראָק. זיין געזיכט איז יעצט געווען ערנסט, שטרענג. א קוק טהאָנדיג יעצט אויף איהם, האָט זיך געדאכט, אז דיזער מענש בעזיצט נ̇יט אין זיך קיין פונק פון רחמנות, אז ער איז אימער א בייזער און אז זעלטען קען זיך א פרעהליכער שמייכעל בעווייזען אויף זיין געזיכט.

— איך האָב צו אייך א ביטע! — האָט ער העפליך געזאָגט, זיך ווענדענדיג צו דער נוירס.

מיס גאָרדאָן האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט א מינע פון דעם געוועהנליכען רעספּעקט וואָס א נוירס האָט צו איהר דאָקטאָר האָט זי געזאָגט:

— וואָס קען איך פאר אייך טהאָן?

— ענטשולדיגט מיר פאר מיין דרייסטקייט — האָט דער ארצט נאָך העפליכער געזאָגט, א נייג טהוענדיג מיט'ן קאָפּ — איהר זייט דאָך יעצט שוין פריי פון אייער דיענסט און איך וויל אייך בעמיהען, איהר זאָלט מיר צו העלפען ביי דער אָפּעראַציאָן. מיין נוירס איז נאָך ניטאָ. זי קומט געוועהנליך ערשט אום 9 אוהר. איך וואָלט ניט געוואגט אייך צו בעטען, ווען איהר וואָלט שוין געווען איבערגעטהאָן.

— מיט פערגעניגען — האָט די נוירס געענטפערט, ווערענדיג עטוואָס צוטומעלט — איך געה זיך וואשען די הענד.

— אלעס איז שוין צוגעגרייט — האָט דער דאָקטאָר ווייטער אָנגעפאנגען, ווערענד זיין געזיכט האָט געשטראהלט פון אינערליכען גליק — עס וועט ניט לאַנג נעהמען. עס איז א קיים פון אפּענדיסיטיס.

— אז עס איז ניט כדאי אזוי פיעל וועגען דעם צו רעדען — האָט די נוירס געזאָגט, צוגעהענדיג צו דער טהיר.

— מיסס גאָרדאָן — האָט פלאָרא זי צוריסגערופען — איך וואָלט אייך נאָך וועלען זעהן איידער איהר וועט אוועקגעהן.

— געוויס וועל איך אייך נאָך זעהן — האָט די נוירס געענטפערט — איך זאָג דאָך אייך ניט קיין „גוד־באַי“.

דאָס זאָגענדיג איז זי שנעל ארויס פון צימער.

— אי, זייט איהר א חברה־מאַן! — האָט פלאָרא געזאָגט צום דאָקטאָר מיט א שעלמישען שמייכעל — עס ווילט זיך אייך, מיסס גאָרדאָן זאָל אייך צו העלפען...

גלויבסט מיר ניט, אז מיין נוירס איז נאָך ניטאָ? — האָט ער זיך ווי פערענטפערט.

— איך גלויב אייך, איך גלויב אייך! — האָט זי ליעבליך איהם געגלעט איבער'ן געזיכט — איך האָב פאר אייך פרעהליכע נייעס, אָבער דאָס וועל איך אייך שפּעטער איבערגעבען. נו, — האָט זי איהם לייכט געשטויסען פון זיך — סטארעט זיך, אז מיסס גאָרדאָן זאָל זיך אין אייך פערליעבען אלס גרויסער כירורג, דען אלס מענש קען זי אויף אייך ניט קוקען...

דער ארצט איז אוועק מיט א גליקליכען שמייכעל אויף זיין געזיכט, סטראשענדיג שפּאַסיג פלאָרא'ן מיט דעם פינגער, אזוי ווי ער וואָלט זאָגען: ווארט, איך וועל זיך שוין מיט דיר אָברעכענען...

בלייבענדיג אליין, איז פלאָרא ווידער בעהערשט געוואָרען פון אומעדיגע געפיהלען. דער פערדאכט, אז ניימאַן האָט הינטער זיך עפּעס א פערגאנגענהייט האָט ווידער אויפגעלעבט אין איהר מוח און זי האָט געצעהלט די מינוטען אז דער דאָקטאָר זאָל שוין צוריק קומען און האָבען מיט ניימאַן'ען א געשפּרעך. אין דער זעלבער צייט וועט זי רעדען מיט די נוירס און וועט זעהען ארויסצוקריגען פון איהר וואָס ניימאַן האָט איהר דערצעהלט.

א דיענסט האָט אריינגעבראכט פריהשטיק. פלאָרא האָט זיך אָבער צו דעם ניט צוגעריהרט. ניט עסען איז איהר יעצט געלעגען

אין זינען. איהר צוקונפט, איהר גליק, איהר גאנצער לעבען איז יעצט געשטאנען אין קאָן...

אין א פערטעל שטונדע ארום איז ארייגעלאָפען די נוירס מיט א פלאַמענדע געזיכט און מיט בלישטשענדע אויגען — אויגען, וועלכע מען זעהט נאָר ביי א פערזאָן, וועמעס הארץ עס איז איבערפולל מיט גליק. זי איז צוגעשפרונגען צו פלאָרא'ן, אַנגעכאפט איהרעביידע הענד און געזאָגט מיט בעגייסטערונג:

— עס פעהלען מיר ווערטער אום אויסצודריקען מיין ענטציקונג. איך האָב נאָך אזא פעהיגען, אזא געשיקטען כירורג ווי דאָקטאָר סטענטאָן ניט בעגעגענט. איך האָב שוין בייגעוואָהנט פיעלע אָפעראַציאָנען. איך האָב צוגעהאָלפען ביי אָפעראציאָנען, וואָס זיינען געמאכט געוואָרען פון בעריהמטע פראָפעסאָרען פון לאנד. אָבער אזא קינסטלער, ווי דאָקטאָר סטענטאָן האָב איך נאָך ניט געזעהען. וואונדערבארע קונצען בעוויזט ער מיט זיין מעסער. אין פינף מינוטען האָט ער שוין געהאָט דעם אַפענדיקס אויסגעשניטען. וואונדערבאר! וואונדערבאר!

— נו, איהר וועט שוין ניט רעזיגנירען פון אייער שטעלע? — האָט פלאָרא איהר געפרעגט מיט א ליעבליכען שמייכעל.

די נוירס האָט ארויפגעלייגט איהר האנד אויף מיסס זינגער'ס מויל, זאָגענדיג אויך מיט א שמייכעל:

— מיט מיר דארפט איהר דאָך זיך ניט טשעפען.

פלאָרא האָט לייכט אוועקגענומען די נוירס' האנד פון איהר מויל און ווייטער געזאָגט:

— איך מיין עס גאנץ ערנסט. יעצט זייט איהר ענטציקט פון איהם, ווייל ער איז א קינסטלער אין זיין פראָפעסיאָן. ווען איהר וועט איהם בעסער קענען, וועט איהר פיעלייכט נאָך מעהר ענטציקט ווערען, זעהענדיג וואָס פאר אן עדלער, ליעבליכער מענש ער איז. איהר ווייסט דאָך שוין געוויס, אז ער רעגיערט איבער דיעזען האָספיטאל ווי א קעניג איבער זיין קעניגרייך. זיין וואָרט איז דאָ הייליג, זיין בעפעהל — געזעץ. אלע דאָקטוירים און אָנגעשטעלטע ליע־

בען איהם ווי א פּאָטער. ער איז זעהר רייך, אָבער ער האָט זיך קיינמאָהל נאָך קיין רייכטהום ניט געיאָגט. ער האָט בעקומען א גרויסע ירושה פון זיין פּאָטער, וועלכער איז געוועזן א מיליאָנער. אויף דעם האָספּיטאַל לאָזט ער זיך קאָסטען שעהנע סומען. ביז יעצט איז דער האָספּיטאַל געוועזן זיין גאנצער לעבען, זיין גאנצער גליק. און פון יעצט אָן...

די נוירס האָט ווידער ארויפגעלעגט איהר האנד אויף פלאָ־ראַ'ס מויל, זאָגענדיג מיט א גליקליכען שמייכעל אויף איהרע ליפּען..

— ביז יעצט האָט איהר גערעדט צו דער זאַך, האָב איך אייך מיט פערגעניגען אויסגעהערט, אָבער יעצט פאנגט איהר שוין אָן צו ריידען נארישקייטען...

— מיינע רייד! — האָט זיך פּלוצלונג דערהערט דעם דאָק־טאָר'ס שטימע — איאָ זי האַלט אין איין פּלאַפּלען נארישקייטען?

— האָט ער זיך געווענדעט מיט א שמייכעל צו דער נוירס.

ביידע מיידלעך זיינען געבליבען שטעהן שטארק פערשעהמט. פלאָרא איז די ערשטע געקומען צו זיך און געזאָגט מיט געמאכטען כעס:

— א שעהנער דזשענטעלמען זייט איהר! — איהר קומט אריין ניט אָנקלאַפּענדיג אין טהיר און איהר הערט זיך נאָך צו צו א פרעמ־דען געשפּרעך!

— די טהיר איז געוועזן אָפען — האָט דער ארצט זיך ענטשול־דיגט — און צו אייער געשפּרעך האָב איך זיך ניט צוגעהערט. איך בין נאָר וואָס אריינגעקומען. איך האָב בלויז געהערט מיסס גאָר־דאָן'ס לעצטע ווערטער — אז דו רעדסט נארישקייטען.

— נו, טראָגט זיך שוין אָב פון דאנען! — האָט פלאָרא צו איהם געזאָגט — איהר דארפט דאָך ערגעץ געהן.

— איך האָב צייט. עס ברענט ניט — האָט ער זיך מיט איהר גערייצט.

— מיר ווילען אייך אָבער דאָ ניט האָבען. מיר דארפען ענדי־גען אונזער געשפּרעך.

— דו קענסט בלויז ריידען אין דיין נאָמען, אָבער ניט אין מיסס גאָרדאָן'ס נאָמען — האָב איך רעכט ? — האָט דער ארצט זיך גע־ווענדעט צו דער נוירס, איינגראָבענדיג זיך אין איהר געזיכט מיט אויגען, פול מיט ליעבע.

די נוירס האָט געשמייכעלט, ארונטערלאָזענדיג פערשעהמט די אויגען.

— איך בין ניט אריינגעקומען צו דיר — האָט דער דאָקטאר ווידער אָנגעפאנגען, ווענדענדיג זיך צו פלאָרא'ן — איך בין אריינגעקומען צו מיסס גאָרדאָן.

דאָס זאָגענדיג, האָט ער זיך געווענדעט צו דער נוירס און, אויסשטרעקענדיג צו איהר די רעכטע האנד, האָט ער פאָרטגעזעצט אין א ליעבליכע שטימע, וואָס איז געקומען פון טיעפען הארצען :

— איך בין אייך געקומען דאנקען פאר אייער פריינדליכ־קייט וואָס איהר האָט מיר צוגעהאָלפען ביי דער אָפּערײשאָן. דער־ביי מוז איך אייך זאָגען דעם אמת — ניט קיין קאָמפּלימענט — אז איהר זייט אן אויסגעצייכענטע נוירס. איך האָב דאָס ערשט יעצט בעמערקט. אין מיין פּראקטיק האָב איך שוין מיט פיעלע נוירסעס געארבייט, אָבער אזא פעהיגע און פלינקע ווי איהר האָב איך נאָך ניט בעגעגענט. עס איז א פערגעניגען צו ארבייטען מיט אזעלכע אסיסטענטען ווי איהר זייט.

די נוירס האָט געפיהלט ווי א זיסע ווארימקייט נעהמט שטראָ־מען איבער איהר גאנצען קערפּער. א גליקליכער געפיהל האָט זיך פערשפּרייט איבער איהר הארץ, וואָס איז זייט די לעצטע פּאָאר יאָהר געוועזן אָנגעזאפּט מיט גאַל.

— זאָל אייך קיין גוטער מענש ניט קענען ! — האָט פלאָרא א פרעהליכע אויסגעשריען — זי קומט צולויפען מיט א שמחה, אז זי האָט נאָך אזא געשיקטען כירורג ניט געזעהן און ער איז ווידער ענטציקט פון איהר אלס נוירס !

— די אייפערזוכט רעדט שוין ארויס פון איהר — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט מיט א גליקליכען שמייכעל.

— אייפערזוכט ? — האָט פלאָרא ווייטער גערעדט — פון מיינעטוועגען מעגט איהר כאָטש אָט שוין געהן אין סיטי האָלל און הייראטהען.

— מיסס זינגער ! — האָט די נוירס זיך געבעטען ביי איהר מיט איהרע בליקען, אז זי זאָל שווייגען.

— אויב איהר זייט ניט מיער — האָט דער ארצט ליעבליך געזאָגט צו דער נוירס — וועל איך אייך בעטען, איהר זאָלט דאָ נאָך פערבלייבען א ווײלע. איך וועל ארײנגעהן צו נײמאַן׳ען און נאכהער וועלען מיר מיסס זינגער אהיים פיהרען.

— ווער האָט אייך דאָס געזאָגט, אז איך וויל אהיים געהן ? — האָט פלאָרא געפרעגט, ווערענדיג פּלוצלונג ערנסט.

— מיר האָבען דאָך נעכטען אָפּגערעדט, אַז אויב נײמאַן וועט דיר הייסען אהיים געהן וועסטו איהם פאָלגען — איז דער ארצט אויך געוועזען ערנסט.

— איהר ווייסט דאָך נאָך ניט צו ער וועט הייסען.

— איך וועל דאָך מיט איהם ריידען, און דו וועסט אויך מיט איהם ריידען. נו, וועט איהר דאָ בלייבען ? — האָט דער דאָקטאָר זיך געווענדעט צו דער נוירס.

זי האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ אויף יאָ. פון איהרע אויגען האָט מען געקענט לעזען, אז ווען זי וואָלט זיך זאָגאר געפיהלט ווי מיער, וואָלט זי אויך געבליבען...

דער דאָקטאָר האָט שוין יעצט פערנומען א היכשען פּלאַץ אין איהר הארצען.

— אלזאָ, איך געה ארײן צו נײמאַן׳ען. דאָס ערשטע וועט ער פון מיר כאַפּען א גוטע פּאָרציע פאר וואָס ער איז ארונטער פון בעט — האָט דער ארצט זיך געלאָזט געהן צו דער טהיר.

— איך בעט אייך, מאכט איהם ניט קיין פאָרוואורפע — האָט די נוירס זיך ביי איהם געבעטען — עס וועט הייסען, אז איך האָב געמסר׳ט אויף איהם.

— אז איהר פערלאַנגט עס, וועל איך אייך צוליעב טהאָן —

האָט ער געענטפערט, קוקענדיג אויף איהר מיט אויגען, אין וועל־
כע עס האָט זיך אָפּגעשפּיעגעלט א ים מיט ליעבע און גליקזעליגקייט
און איז ארויסגעלאָפען מיט דער פלינקייט פון א שטיפּערשען אינ־
געל.

## צוועלפטער קאַפּיטעל.

— גוט מאָרגען! — האָט דער דאָקטאָר פרעהליך בעגריסט
ניימאַן'ען, וועלכער האָט יעצט געהאַלטען אין מיטען עסען ברעק־
פעסט — א גוטען אפּעטיט!

— אַן אַפּעטיט האָב איך שוין גאָר א גוטען — האָט ניימאַן
שמייכלענדיג געענטפערט — איהר הייסט מיר בעסער דערלאַנגען
עסען. דאָס, וואָס מען גיט מיר איז דאָך גאָר פאַר א קראַנקען.

— און וואָס ביזטו דען?

— איך בין שוין געזונד. איך דאַרף עסען און איהר הייסט מיר
נאָר קאָרמענען אזוי ווי א בייבי.

— ווער זאָגט דאָס דיר, אז דו ביזט שוין געזונד?

— קיינער דאַרף עס מיר ניט זאָגען. איך פיהל עס. איהר
ווייסט, איך בין שוין ארונטער פון בעט און ארומגעגאַנגען איבער'ן
צימער ביי א האַלבע שטונדע.

— די נוירס וועט פון מיר כאַפּען א גאָב דערפאַר — האָט דער
דאָקטאָר כלומרשט זיך געבייזערט — ווארום האָט זי דיר דאָס ער־
לויבט?

— ערשטענס, האָט זי טאַקע ניט געלאָזען. זי האָט פּראָטעס־
טירט, אָבער איך האָב געטהאָן דאָס מייניגע. צווייטענס, וועט איהר
איהר קיין גאָב ניט געבען — האָט ניימאַן געענדיגט מיט א פיעל
בעדייטענדען שמייכעל.

דער דאָקטאָר האָט איהם אונטערזוכט, איבערגעבונדען די
וואונדען, וועלכע זיינען שוין כמעט געוועזן פערהיילט. ניימאַן האָט
א כאַפּ געטהאָן דעם דאָקטאָר'ס האַנד און זי אזוי פעסט געדריקט,
אז דער דאָקטאָר האָט א געשריי געטהאָן פון שמערצען.

— נו, יעצט גלויבט איהר מיר שוין אז איך בין געזונד? — האָט ניימאַן שטיפעריש געזאָגט צום אַרצט — איך האָב אייך געגע־בען אַן איבערצייגענדען בעווייז...

— עפּעס ביזטו מיר היינט אַזוי פרעהליך — האָט דער אַרצט געזאָגט רייבענדיג די האַנד, וועלכע ניימאַן האָט געדריקט.

— איך בין אימער פרעהליך. אין די גרעסטע צרות פערליער איך ניט דעם מוטה. אַזאַ נאַטור האָב איך שוין, און אַ דאַנק דעם האַלט איך זיך נאָך אויף די פיס, זאָגסט וואָלט שוין לאַנג אויף מיר גראָז געוואַקסען.

דער דאָקטאָר האָט זיך געווענדעט צו די נוירס, זאָגענדיג:

— איהר וועט אַזוי גוט זיין און אונז דאָ לאָזען אַליין אויף אַ פּאָאַר שטונדען. אויב איך וועל אייך דאַרפען, וועל איך אייך רופען.

די נוירס האָט העפליך אַ נייג געטהאָן מיט'ן קאָפּ און איז אַרויס.

— איך גלייך ניט די נוירס, די נאַכט־נוירס האָב איך ליעבער — האָט ניימאַן ווייטער געזאָגט אין אַ שטיפערשען טאָן, ווען די נוירס האָט הינטער זיך צוגעמאַכט די טיהר.

— איך וועל דאָס דערצעהלען פלאָראַ'ן — האָט דער דאָקטאָר געשמייכעלט.

— איהר וועט זיך אומזיסט בעמיהען. זי ווייס עס אַליין.

— שפּאַס אָן אַ זייט — איז דער דאָקטאָר געוואָרען ערנסט — איך וויל יעצט מיט דיר וועגען זעהר וויכטיגעס רעדען.

און ער האָט איהם דערצעהלט אַלעס וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישען פלאָראַ'ן און איהרע עלטערן און אויך וועגען פרענק'ען. ניימאַן האָט זיך ערנסט און אויפמערקזאַם צוגעהאָרכט און ווען דער דאָקטאָר האָט געענדיגט, האָט ער זיך אָפּגערופען:

— איהר לאָזט מיר נאָר אַרויסגעהן פון דאַנען און אַלעס וועט שוין זיין אַלל־רייט.

— זיי ניט קיין קינד — האָט דער דאָקטאָר געערגערט מיט האַרץ — דו קענסט נאָך יעצט דעם האָספּיטאַל ניט פערלאָזען. איך וועל

דיר ערלויבען ארומצוגעהן און װעל בעפעהלען, מען זאָל דיר געבען גוט צו עסען, װי פאר א געזונטען מענשען. אָבער דו מוזט דאָ נאָך בלייבען עטליכע טעג, ביז די װאונדען װעלען זיין פאָלשטענדיג פערהיילט.

— װיל איך ניט אז פלאָרא זאָל אהיים געהן. זיי װעלען דאָך איהר פערמוטשען.

דער דאָקטאָר האָט איהם ערקלעהרט אז ער האָט א טעות. עס איז גלייכער, אז זי זאָל זיין אין דער היים.

— לאָז דאָס אַלעס איבער צו מיר — האָט ער געענדיגט — דו װייסט דאָך, אז איך װעל דיר שלעכט ניט ראַטהען.

— איך װיל אָבער ניט, אז זי זאָל זיך באגעגענען מיט מיסטער פרענק'ען! — האָט ניימאן אויסגעשריען פון טיעפען הארצען — ער װעט דאָך איהר פערפייניגען.

— האָב קיין מורא ניט. ער װעט איהר ניט פערפייניגען.

— װאָרום איז ער אזא שװיין? אז זי זאָגט איהם אויסדריק־ליך, אז זי האָט איהם ניט ליעב, פאר װאָס טשעפּעט ער זיך ניט אָפּ פון איהר?

— דו רעדסט זעהר נאאיװ, ניימאן. ער װיל זיך ניט אָפּטשעפּען פון איהר. זי איז דאָך זיין כלה און ער זאָגט, אז ער האָט איהר ליעב.

— דיעזע בעשעפעניש רעדט פון ליעבע! װי קומט צו איהם גאָר אזא הייליגער געפיהל? ער האָט דאָך קיין הארץ ניט. א שטיין האָט ער אנשטאָט א הארץ.

— קענסט עס אָנרופען עגאאיסטישע ליעבע, אָבער ער ליעבט איהר דאָך און דער איינציגער װעג װי אזוי פלאָרא זאָל זיך פון איהם געגצליך בעפרייען, איז, אז זי זאָל אהיים געהען, דו קענסט זיך אויף איהר פערלאָזען. זי האָט א שטאַרקען כאראַקטער און ער װעט איהר ניט בעאיינפלוסען. און זייענדיג אין דער היים, װעט זי מיט דער צייט געװינען די עלטערן אויף איהר זייט, דאָס הייסט דעם פאָטער, דען די מוטער איז שוין יעצט ניט דאגעגען.

דער דאָקטאָר האָט נאָך א היבשע װיילע מיט איהם ארגומענ־

טירט, ביז ער האָט ענדליך צוגעשטימט, אז פלאָרא זאָל אהיים געהן.

— יעצט בלייבט די פראגע: צו וויל זי אהיים געהן? — האָט ניימאַן געזאָגט.

— זי האָט אָנפאנגס ניט געוואָלט הערען דערפון — האָט דער דאָקטאָר איהם ערקלעהרט — אָבער זי האָט ענדליך איינגעווילינגט אז זי וועט דיר פאָלגען. וואָס דו וועסט זאָגען, אזוי וועט זי טאָהן.

— טאָ הייסט איהר אריינרופען, וועל איך איהר זאָגען — האָט ניימאַן זיך אָפּגערופען, זייענדיג העכסט צופריעדען וואָס פלאָרא וויל ניט טהאָן קיין זאַך אָהן זיין צושטימונג.

— לאָמיר דאָס אָפּלייגען אויף שפּעטער — האָט דער דאָק־טאָר געזאָגט.

— ווארום זי שלאָפט דען נאָך? ביז טאָג איז זי דאָ היינט געזעסען. מיר האָבען געהאט אן אינטערעסאנטען געשפּרעך מיט מיסס גאָרדאָן. איהר ווייסט, זי וועט שוין דאָ בלייבען — האָט ניי־מאַן געזאָגט מיט א קלוגען שמייכעל.

— זי שלאָפט ניט — האָט דער דאָקטאָר זיך געמאַכט ניט פער־שטעהענדיג — איך בין נאָך ניט פערטיג. איך וויל מיט דיר נאָך עפּעס ריידען, אָדער בעסער געזאָגט, איך וויל אז דו זאָלסט מיר עפּעס דערצעהלען.

—מיט פערגעניגען.

— איך וויל אז דו זאָלסט מיר יעצט דערצעהלען דיין גאנצע לעבענס־געשיכטע.

— וואָס עפּעס יעצט?

— וואָרום ניט יעצט? וואָס איז, דו האָסט קיין צייט ניט?

— איך האָב גענוג צייט. פיעלייכט האָט איהר קיין צייט ניט. דען דאָס וועט נעהמען א פּאָאָר שטונדען. מיין לעבענס־געשיכטע איז זעהר א רייכע — רייך אין צרות און אונגליקען — האָט ניימאַן גע־ענדיגט מיט א טיעפען זיפץ.

— איך האָב צייט — האָט דער דאָקטאָר איהם ערקלעהרט.

— טאָ זייט אזוי גוט און רופט אריין פלאָרא׳ן. איך וויל אז זי זאָל עס אויף הערען.

דער ארצט האָט אויף איהם געוואָרפען א דורכדרינגענדען בליק און געפרעגט:

— עס מאכט ניט אויס, אז פלאָרא זאָל זיין אנוועזענד?

— ווארום זאָל זי ניט קענען זיין אנוועזענד? — האָט ניימאן איהם ערשטוינט אָנגעקוקט.

— איך ווייס. פיעלייכט ועסטו זיך פיהלען געבונדען אין איהר נעגענוואַרט, ועסט ניט קענען אַלעס דערצעהלען.

— איך פערשטעה אייך ניט, ווירקליך. וואָרום זאָל איך אין איהר נעגענווארט ניט קענען אללעס דערצעהלען? פערקעהרט, איך וויל טאקע, אז זי זאָל וויסען מיין לעבענס-געשיכטע.

—אָבער טאָמער געפינען זיך אין דיין ביאָגראפיע אזעלכע איינצעלהייטען, פאקטען, פון וועלכע פלאָרא קען נאָך ליידען.

— אָה, דאָס מיינט איהר! — האָט ניימאן זיך צולאכט — איהר האָט מורא, פיעלייכט האָב איך א ראָמאנטישע פערגאנגענהייט הינטער זיך, טאָמער האָב איך געהאט געליעבטע און פלאָרא וועט ווערען אייפערזיכטיג. ניין, מיין פערגאנגענהייט איז ריין פון דעם. פלאָרא איז די ערשטע געליעבטע מיינע — די ערשטע און די לעצ־טע. אויב איהר האָט דאָס געמיינט — האָט ער צוגעגעבען — דאן קענט איהר זי דרייסט אהער איינרופען.

דער דאָקטאָר איז צוגעגאנגען צו דער טיהר. אָבער ער האָט זיך אָבגעשטעלט און געזאָגט:

— אפשר ועסט דאָס איהר בעזונדער דערצעהלען?

— איך בעגרייף אייך ניט, דאָקטאָר— האָט ניימאן איהם ערשטוינט אָנגעקוקט — רעדט קלאָהרע דבורים.

— זי איז יעצט ניט אַליין אין איהר צימער — האָט דער דאָק־טאָר ווי פערשעהמט געשטאמעלט — מיסס גאָרדאָן איז מיט איהר.

— טאָ רופט-זשע אריין מיסס גאָרדאָן אויך — האָט ניימאן לעבהאפט געזאָגט — זי מעג אויך זיין אנוועזענד. איך האָב קיינע

סודות ניט. מיין לעבענס־געשיכטע איז א זויבערע, אָהן דעם מינ־דעסטען פלעקעלע. אמת, עס וועט אייך פיעלייכט קיין פערגעניגען ניט פערשאַפען. איהר וועט דאָ הערען א געשיכטע, א וואָהרע גע־שיכטע פון שרעקליכע יסורים, פון טייפעלשע אונגערעכטיגקייטען, פון מענשליכע פערדאָרבענהייט און אכזריות — איהר וועט הערען די געשיכטע פון איינעם פון פיעלע אונגליקליכע, וועלכע זיינען אָפּ־פער פון דער היינטיגער וועלט־אָרדנונג. צוויטענס — האָט ער צונעגעבען מיט א ליעבליכען שמייכעל — ווען מיין לעבענס־גע־שיכטע וואָלט זאָגאר יא ענטהאַלטען אין זיך עפּעס א געהיימנים, וואָלט איך עס אויך ניט פערבאָרגען פון מיסס גאָרדאָן, ווייל איך בעטראַכט זי ניט אַלס פרעמדע. זי...

דער דאָקטאָר האָט ניט געוואָלט ווייטער הערען און איז א פער־שעהמטער ארויסגעלאָפען פון צימער.

ניימאַן איז ארונטערגעשפּרונגען פון בעט און שנעל אויף זיך ארויפגענומען דעם שלאָף־ראָק. דערהערענדיג אין קאָרידאָר טריט, האָט ער זיך בעהאַלטען הינטער די טיהר אַזוי, אז ווען מען וועט זי עפענען, זאָל מען איהם ניט בעמערקען. ער האָט דערקענט פלאָ־ראַ'ס טריט, און אז זי געהט פאָראויס. ער האָט זיך נאָך פעסטער צוגעטוליעט צו דער וואַנד מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטהעם.

— די טיהר האָט זיך געעפענט און פלאָרא איז אריין די ער־שטע. ניט געפינענדיג ניימאַן'ען אין בעט, האָט זי אַן ערשטוינטע ארויסגעשריען:

— דאָקטאָר, ניימאַן איז דאָך גאָר ניטאָ!

דער ארצט איז שנעל אריינגעלאָפען, זאָגענדיג:

— ער האָט שוין דאָ עפּעס אָפּגעשפּיעלט א „טריק". וואו איז ער ערגעץ?

און געפינענדיג איהם הינטער דער טיהר, האָט ער איהם אָנגע־נומען פאַר'ן אויער און כלומרשט מיט כעס א טופּע געטאָהן מיט די פּיס, זאָגענדיג:

— אין בעט אריין זאָלסטו מיר שוין געהן!

ניימאַן האָט א כאַפּ געטאָהן פלאָרא׳ן אין זיינע אַרעמס, זי פעסט צוגעטוליעט צו זיך און גענומען מיט איהר ארומטאַנצען אי־בערן צימער.

— זיין פּלאַטץ דאַרף זיין אין א משוגעים־הויז — האָט דער דאָקטאָר שמייכלענדיג געזאָגט צו מיסס גאָרדאָן, וועלכע האָט אויך ליעבליך געשמייכעלט, צוקוקענדיג צו דיעזער סצענע.

— אויב ער דאַרף דאָרט זיין, דאַרפט איהר אויך מיט איהם מיטגעהן — האָט פלאָרא געענטפערט, וועהרענד איהר געזיכט האָט געשטראַהלט פון גליק.

— גוט געענטפערט! — האָט ניימאַן נאָך פעסטער צוגעטו־ליעט זיין געליעבטע צו זיך.

— דעם אמת געזאָגט, האָב איך שוין יעצט מורא זיך צו טשע־פּען מיט איהם — האָט פלאָרא ווייטער געזאָגט — ער האָט שוין יעצט ווער עס זאָל זיך פאר איהם אָננעהמען...

— האַלט שוין איין אביסעל דיין צונג! האָט דער דאָקטאָר א זאָג געטאָהן מיט א פערשטיקטען שמייכעל.

— ער ציטערט פאר דעם אמת, ווי א טייפעל פאר קדושה — האָט ניימאַן זיך אָבגערופען.

— אָבער מיסס גאָרדאָן איז שוין ניט אַזוי — האָט פלאָרא וויעדער געזאָגט — זי בעליידיגט זיך ניט ווען מען זאָגט איהר דעם אמת. ווען איך האָב איהר געזאָגט, אז איך וויים, אז זי ליעבט...

— שטיל — איז דער דאָקטאָר צו איהר צוגעלאָפען מיט א געמאַכטען כעס — מען האָט שוין געהערט דיינע חכמות. טאָמער האָט נאָך מיסס גאָרדאָן ניט געוואוסט, אז זי איז א נאַר, דאַרף זי עס ארויסצייגען פאר איהר.

— דאָקטאָר, איך וועל מאַכען שלום צווישען אייך און פלאָרא׳ן — האָט ניימאַן געזאָגט, ארויפלייגענדיג זיינעביידע הענד אויף דעם אַרצט׳ס שולטערן — אויף אייער האָכצייט וועט איהר זיך איינער דעם אנדערען איבערבעטען.

— ווערט שוין פערשטומט — האָט דער דאָקטאָר שטיפעריש

איהם ליכט אָבגעשטויסען פון זיך. און ווענדענדיג זיך צו דער נוירס, האָט ער צוגעגעבען, שמייכלענדיג ליעבליך — עס איז ניט אויסצוהאַלטען פון זיי. צוויי משוגעים... דאַנקען גאָט וואָס מיר וועלען כאָטש היינט פון איהר פּטור ווערען — האָט ער אָנגעוויזען אויף פלאָרא'ן.

פלאָרא האָט שוין געוואוסט פון דאָקטאָר וועגען ניימאַן'ס בעשלוס, אַז זי זאָל היינט אַהיים געהן, און זי האָט בעשטימט צו פאָלגען. זי האָט אָבער געוואָלט אָפּענטפערען דעם דאָקטאָר פאַר זיין לעצטע בעמערקונג און א זאָג געטהאָן איראָניש:

— איך וויים, אַז איהר ווילט פון מיר פּטור ווערען און ניט נאָר פון מיר אַליין, זאָנדערן פון ניימאַן'ען אויך. איהר ווילט דאָ בלייבען אַליין מיט... — האָט זי שעלמיש א וואונק געטהאָן אויף די נוירס.

— מיסס זינגער! — האָט די נוירס צו איהר געזאָגט אין א בעטענדען טאָן — עס איז דאָך שוין טאַקע אַביסעל צופיעל... זאָל שוין זיין גענוג.

— דו זעהסט, ניימאַן — האָט פלאָרא געזאָגט צו איהר געליעבטען — זי האָט זיך שוין אָנגעשטעקט פון איהם. זי קען שוין אויך ניט פערטראָגען דעם אמת... איך זאָג דיר, אַז דאָס איז א פּאַסענדע פּאָאָר. דער שיקזאַל ווייסט וואָס ער טהוט...

— מיר פּאַסען זיך גיכער ווי איהר — האָט דער דאָקטאָר זיך אָפּגערופען — דו מיט ניימאַן'ען זייט דאָך גאָר קיין פּאָאָר ניט.

א ווייַלע האָבען זיי נאָך אַזוי געשטיפט, ביז דער דאָקטאָר האָט געמאַכט א פאָרשלאַג, אַז ניימאַן זאָל אָנפאַנגען דערצעהלען זיין לעבענס-געשיכטע. ניימאַן האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן בעט. לעבען איהם האָבען זיך געזעצט אויף שטוהלען דער אַרצט, די נוירס און פלאָרא.

ניימאַן איז פּלוצלונג געוואָרען ערנסט. זיינע גרויסע אויגען האָבען זיך מיט טרויער בעצויגען, ווען ער האָט אָנגעפאַנגען:

— איך בין געבאָרען געוואָרען אין א קליין שטעדטעל אין גאַ־

ליציען. ווען איך בין אויף דער וועלט געקומען, איז מיין פאָטער שוין געווען א מאַן פון א יאָהר עטליכע און זעכציג. די מוטער איז געווען איינגער פון איהם. קיין קינדער האָבען זיך ביי זיי ניט גע־האָדעוועט. פון עלף קינדער בין איך געבליבען מיט מיינע אן עלטע־רע שוועסטער. מיין פאָטער איז אַמאָל געווען זעהר רייך. ער האָט געפיהרט גרויסע וואַלד־געשעפטען. ער איז געווען א וועלטליכער מענש, א פרומער, אָבער ניט קיין פאַנאַטיקער. מיר און די שוועסטער האָט ער געגעבען א אידישע ערציהונג. ער האָט אונז אָבער אויך געלאָזט לעהרנען שפּראַכען און קענטניסע.

מיין שוועסטער האָט געענדיגט א הויכשוהלע, נאַכהער האָט זי געהייראַט און איהר הייראַטה איז געווען אן אונגליק פאר איהר און פאר מיינע עלטערען. זי האָט זיך איינגעליעבט, אין דער שטאָדט, וואו זי האָט שטודירט, אין א יונגען מאַן, וועלכען מיינע עלטערען האָבען ניט געוואָלט, ווייל ער האָט געהאַט א שם אלס א שאַרלאַטאַן. די עלטערען האָבען געוויינט און געקלאָגט פאר איהר, זי זאָל זיך פון איהם דערוויטערען, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען און אזוי ווי זי איז ביי זיי געווען א ציטעריגע, האָבען זיי איהר ענדליך געמוזט נאָכגעבען.

באַלד נאָך איהר הייראַטה האָט זיך ביי אונז דאָס רעדעל פון גליק געגעבען א קעהר אויף צוריק. אין א קנאַפּען יאָהר צייט, האָט דער תכשיט געמאַכט א תל פון א היבשע סומע געלד, וואָס ער האָט בעקומען אלס נדן. איז ער געקומען צום שווער, ער זאָל איהם ווייטער געבען געלד און דער טאַטע האָט געגעבען. עס האָט ניט לאַנג גענומען און ער האָט פון דיעזע געלד אויך געמאַכט א סוף. יעצט האָט ער שוין געשיקט מיין שוועסטער. ער האָט איהר געסטראַשעט, אז אויב זי וועט קיין געלד ניט ברייננגען, וועט ער זי פערלאָזען. זי האָט שוין יעצט געזעהן איהר אונגליק, אָבער זי האָט זיך שוין ניט געקענט העלפען; עס איז שוין געווען צו שפּעט. אגב האָט זי איהם נאָך אַלץ היימ געליעבט. קורץ, דער טאַטע האָט ווידער געגעבען געלד און ער האָט עס ווידער שנעל פערטאַכלעוועט. דאַן האָט ער

זיך גענומען צו שווינדלען. ער האָט געמאַכט עטליכע פאַלשע וועקסלען, אונטערשרייבענדיג מיין פאָטער'ס נאָמען. ער איז זיכער געווען, אז דער טאַטע וועט איהם ניט פערשיקען אין געפענגניס און אזוי איז טאַקע געווען — דער טאַטע האָט ווייטער געצאָהלט.

אָבער א ברונעם שעפּט זיך דאָך אויך אויס. דער חברה מאַן האָט אַלזאָ דעם טאַטען בדלות געשטעלט. די ענדע איז געווען, דאָס ער האָט אונז בע'גנב'עט אויף א היבשע סומע געלד און ציערונג און איז אנטלאָפען קיין אַמעריקא. דאָס איז געווען אַ שרעקליכער קלאַפּ פאַר מיינע אָרימע עלטערן. אויסער וואָס זיי זיינען געבליבען אָרים, איז אויך די שאַנדע געווען זעהר גרויס. מיין אָרימע מוטער האָט זיך דאָס שטאַרק גענומען צום האַרצען און איז דערפון גע־שטאָרבען.

אין ניימאַן'ס אויגען האָבען זיך טרעהרען בעוויזען און ער האָט איבערגעריסען זיין ערצעהלונג. די צוהערער זיינען געזעסען שטיל און זייערע געזיכטער האָבען אויסגעדריקט טיעפען מיטלייד. אַם שטאַרקסטען אָבער איז געווען געריהרט פלאָרא, אין וועמעס אויגען עס האָבען אויך טרעהרען גענומען בלישצען. אַן ערנסטע שטילקייט איז דאָס געווען. אין א ווײַלע ארום, האָט ניימאַן ווייטער גענומען דערצעהלען זיין לעבענס־געשיכטע, פערשטיקענדיג די טרעהרען:

— מיט מיין ליעבע מוטער'ס טויט פאַנגען זיך אָן מיינע צרות — שרעקליכע צרות, וועלכע האָבען אָנגעהאַלטען ביז ניט לאַנג צוריק. איך בין דאַן אַלט געווען אַכטצעהן יאָהר. איך האָב מיטגעהאָלפען מיין פאָטער אין געשעפט, אָבער עס איז שוין באַלד קיין געשעפט ניט געבליבען. די מוטער'ס טויט איז פאַר דעם טאַטען געווען דער לעצטער קלאַפּ. ער האָט בעשלאָסען צו פאָהרען קיין ירושלים, אום דאָרט אויסצולעבען זיינע לעצטע פּאָאָר יאָהר. ער האָט פערקויפט דאָס הויז און צוזאַמענגעקליבען א סומע געלד אויף רייזע־קאָסטען פאַר זיך און אונז. אָבער איך און מיין שוועסטער האָבען ניט גע־וואָלט פאָהרען. זי האָט נאָך געהאָפט, אז דער מאַן וועט זיך צו איהר אָפּרופען; זי האָט געגלויבט, אז קומענדיג אין א נייע לאַנד, וועט

ער זיך סטאַטקעווען, ווערען אַן אַנשטענדיגער מענש — די אומגליק־ליכע האָט איהם נאָך אַלץ געליעבט. איך, וויעדער, וואָלט שוין פיע־לייכט געפאָהרען, איז מיר אָבער אַ מיטלייד געווען אויף מיין אָרימע שוועסטער, זי צו לאָזען איינע אַליין אין אַזאַ צושטאַנד. אין דער זעלבער צייט האָט מיר אָבער געריסען די האַרץ, דערמאָנענדיג זיך, אַז דער אַלטער טאַטע וועט מוזען זיין פערוואָגעלט איינער אַליין אין אַ פרעמדע לאַנד.

ענדליך האָט זיך דער שיקזאַל אַריינגעמישט און פון אונז אונ־זער פאָטער צוגענומען. צוגרייטענדיג זיך צו דער רייזע אין דעם הייליגען לאַנד, איז ער פלוצלינג געשטאָרבען פון אַפּאָפּלעקסיע.

דאָ האָט ער זיך וויעדער אָפּגעשטעלט, שווער אָפּזיפצענדיג און גענומען שנעל פאָרטזעצען:

— דערצעהלען אייך די שרעקליכע יסורים וואָס מיר האָבען איבערגעלעבט ביי אונזער צווייטען בראָך, דיינק איך איז איבעריג. מיט די ביסעל געלד וואָס אונז איז געבליבען, האָבען מיר זיך געלאָ־זען איבער דער ברייטער וועלט. מיר זיינען געפאָהרען קיין פאַריז. מיין שוועסטער האָט בעקומען אַ שטעלע אין אַ גרויסען סטאָר און איך האָב אויך געקראָגען בעשעפטיגונג. קיין פאַריז זיינען מיר געפאָהרען אויף דערוואייל. מיר האָבען געהאַט בעשלאָסען אַז ווען מיר וועלען בעקומען אַ נאַכריכט וואו מיין שוועסטער'ס מאַן געפינט זיך, וועלען מיר גלייך צו איהם פאָהרען.

עס זיינען אוועק טעג, וואָכען און מאָנאַטען — פון דעם תכשיט האָט זיך קיין שפור ניט געהערט. מיר האָבען ניט אויפגעהערט צו שרייבען צו גוטע פריינד אין אַמעריקאַ, זיי זאָלען איהם זוכען, אָבער זיי האָבען אונז גאָר ניט געקענט מיטטהיילען.

מיין אָרימע שוועסטער האָט גענומען איינגעהן פון טאָג צו טאָג. איהר שעהנע, בליהענדע געזיכט איז געוואָרען אַלץ בלייכער, אויסגעדאַרטער, פון איהרע רייצענדע אויגען האָט אַלץ אַ טיעפערע מרה שחורה אַרויסגעקוקט. עס האָט ניט געהאָלפען מיין טרייסטען איהר. די לעבעדיגע, לוסטיגע וועלט־שטאָדט האָט איהר ניט אָנגע־

הויבען צו אינטערעסירען. וויינען, קלאָגען איז געווען איהר טאָג־טעגליכע שפייז. זי איז אויפגעשטאַנען מיט טרעהרען און זיך גע־לייגט מיט טרעהרען. אונצעהליגע שלאָפלאָזע נעכט האָט זי פער־בראַכט און איהרע וואונדער שעהנע אויגען אויסגעוויינט.

איך האָב זיך זעהר געשראָקען פאר איהר — און זי איז דאָך געווען אלעס וואָס איך האָב פערמאָגט אין לעבען. האָב איך גע־מאַכט א פאָרשלאג, אז מיר זאָלען פאָהרען קיין אמעריקא. מיין אונגליקליכע שוועסטער האָט דערביי אויפגעלעבט. עס שטעהט יעצט פאר מיינע אויגען איהר שטראַהלענדע געזיכט, און מיינע אויערען קלינגען יעצט די ווערטער וואָס זי האָט דאַן צו מיר געזאָגט: „ווענסט זעהן, ארטהור, מיר וועלען איהם אויסגעפינען. פרעמדע מענשען, מעגען זיי זאָגאר זיין די בעסטע פריינד, ווילען זיך אזוי פיעל די מיה ניט געבען, אָבער מיר וועלען איהם געפינען, און מיר וועלען אלע זיין גליקליך!“

איך האָב קיין הארץ ניט געהאַט ביי איהר דיעזען גלויבען אוועקצורויבען, אָבער טיעף אין מיין האַרצען בין איך געווען איבער־צייגט, אז אויב מיר וועלען איהם שוין זאגאר געפינען, וועט דער שאַרלאַטאַן איהר נייע שמערצען פערשאַפען. איך בין אָבער געווען העכסט גליקליך, וואָס מיין אָרימע שוועסטער האָט זיך כאָטש א ביסעל בערוהיגט.

ענדליך זיינען מיר געפאָהרען קיין אמעריקא. דאָס איז געווען מיט קנאַפּע צעהן יאָהר צוריק. מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט אין ניו־יאָרק און גלייך פון דעם ערשטען טאָג גענומען זיך צו זוכען דעם יונגענמאַנטשיק. מיר זיינען ארומגעגאַנגען פון איין בעקאַנטען צו דעם אַנדערען, פון איין לאַנדס־מאַן צו דעם אַנדערען — אָבער אלעס אָהן ערפאָלג. קיינער האָט פון איהם ניט געהערט. מיר זיי־נען אָבער נאָך אַלץ ניט מיעד געוואָרען. אין מיין שוועסטער האָט נאָך אלץ געפלאַמט די האָפנונג, אז זי וועט איהם ענדליך געפינען און מיר האָבען ווייטער געאַקערט, געזוכט.

מיר האָבען גענומען וואַנדערען איבער די קלענערע שטעדט־

לעך ניט ווייט פון ניו יאָרק, וואו עס האָבען געוואָהנט אונזערע בע־קאנטע, ביז מיר האָבען געפונען אַ שפּור פון איהם. א לאַנדסמאַן האָט אונז איבערגעגעבען, אז ער האָט איהם מיט א יאָהר צוריק בע־געגענט אין שיקאגאָ, און ער האָט אונז געגעבען איין עצה ווי אזוי איהם צו זוכען. מיר זיינען גלייך געפאָהרען קיין שיקאגאָ, וואו מיר האָבען איהם, נאָך פיעל מיה, אויסגעפונען. דער באנדיט האָט זיך כלומרשט דערפרעהט, וואָס ער האָט זיין פרוי דערזעהן. ער האָט פערשפּראָכען שוין צו זיין גוט און פרום. מיין שוועסטער האָט איהם געגלויבט און איז געווען איבער גליקליך.

אויף מיין פראגע: וואָס ער טהוט, פון וואַנען ער מאכט א לעבען, האָט ער געענטפערט, אז ער איז אין ביזנעס, און אז ער האָט שוין דורך דער צייט געהאַט געמאַכט א סך געלד, אָבער ער האָט עס צוריק פערלאָרען. דאָס איז געווען אָן אָנצוהערענים, אז מיר זאָלען איהם ווייטער געבען געלד.

איך האָב זיך מיט אַללע מיינע קרעפטען בעהערשט, אז איך זאָל דעם באנדיט ניט ערמאָרדען, דען ער איז דאָך געווען דער מלאך־המות פון מיינע עלטערען. דיעזע אָנשטרענגונג האָט מיר גענוג געזונד געקאָסט. ווען ער האָט געהערט וואָס ער האָט אָבגעטהאָן, האָט ער כלומרשט געוויינט, אָבער דאָס זיינען געווען קראָקאָדילען־טרעהרען. מיין אָרימע, לייכטזיניגע שוועסטער האָט איהם אַלעס פערצייהעט און זיי זיינען געגאַנגען וואָהנען צוזאמען. איך האָב אויך ביי זיי געוואָהנט, אָבוואָהל דער לומפּ האָט דאָס שטאַרק ניט געוואָלט. איך האָב בעשלאָסען פון יעצט אָן מיינע אויגען ניט אַרונטערצונעהמען פון מיין שוועסטער. דאָס ביסעל געלד וואָס מיר האָבען געהאַט האָבען מיר איהם אוועקגעגעבען. ער האָט דאָס כלומרשט געדאַרפט צו ביזנעס.

איך האָב זיך גענומען לעהרנען אַן ארבייט — קאָרפּענטעריי. איך האָב גערארע אָנגעטראָפען א גוטען פּלאַץ. דער פאָרמאַן איז געווען א גוטער מענש און ער האָט מיר געלעהרענט די ארבייט. אין

א פּאָר וואָכען ארום האָב איך שוין פערדיענט מעהר וויפיעל איך האָב גערארפט אויף מיין לעבען.

מיט מיין לאַגע וואָלט איך שוין געווען צופריעדען. ליידער האָבען זיך באַלד אָנגעהויבען פאר מיר נייע צרות. אהיים קומענדיג פון דער ארבייט, פלעג איך אָפּט בעמערקען אָן מיין שוועסטער'ס אויגען, אז זי האָט געוויינט. איך בין צו איהר צוגעשטאַנען, זי זאָל מיר זאָגען וואָס עס איז די אורזאַכע פון איהר וויינען. זי האָט זיך אָבער אימער אויסגעדרעהט מיט פערשיעדענע תירוצים. האָב איך בעשלאָסען, אז איך מוז דאָס אליין אויסגעפינען.

א געוויסען פריהמאָרגען בין איך, ווי געוועהנליך, אוועק צו דער ארבייט, אָבער איך בין אין פעקטאָרי ניט געגאַנגען, בין גע־בליבען בעהאַלטען אין הויז. באַלד האָב איך געהערט מיין שוועס־טער'ס פערצווייפעלטע געשרייען: „ניין, דו קענסט מיר אויף טוידט דער'הרג'ענען און דאָס וועסטו ביי מיר ניט אויספיהרען". א פייער האָט זיך צופלאַקערט אין מיין מח, די בלוט האָט אין מיר גענומען זידען. ווי א ווילדע חיה בין איך ארייגעלאָפען אין הויז, און פאר מיינע אויגען האָט זיך פאָרגעשטעלט א שרעקליכע בילד: מיין אָרימע שוועסטער איז געלעגען אויף דעם פלאָר מיט צושויבערטע האָאָר, א צובלוטיגטע, א צוקאַליעטשעטע און איבער איהר איז גע־שטאַנען איהר מאַן, דער מערדער. איך ווייס ניט פון וואַנען עס האָט זיך דאן צו מיר גענומען אזוי פיעל כח, גענוג, אז מיט איין קלאַפּ האָב איך דעם באַנדיט אַוועקגעלייגט אויף דעם פלאָר. ווען ניט די שכנים וואָס זיינען זיך באַלד צוזאַמענגעלאָפען אויף זיינע ווילדע קולות, וואָלט איך איהם זיכער געווען ערמאָרדעט. א ווילדער ראכע־געפיהל האָט זיך אין מיר צופלאַקערט. איך האָב זיך מיט דעם באַנדיט געוואָלט אָברעכענען פאר מיינע אָרימע עלטערען, וועל־כע זיינען דורך איהם פון דער וועלט אומגעקומען, פאר מיין אָרימע שוועסטער, פאר אללעס, פאר אללעס.

אביסעל האָב איך מיין ראכע דורשט געשטילט. איך האָב דעם באַנדיט געלאָזען אין א טייך בלוט, ווען צוויי פּאָליסלייט האָבען מיר

צוגענומען. ווען מען האָט מיר פאַרגעבראַכט פאַר דעם דזשאָדזש, האָב איך דערצעהלט דעם גאַנצען אמת. דער דזשאָדזש האָט אויס־געדריקט זיין מיטלייד און געשיקט נאָך דעם לומפּ און מיין שוועס־טער. זיי זיינען שוין אָבער אין שיקאַגאָ ניט געווען. דער פּאָלים־מאַן וואָס איז נאָך זיי אַוועק, האָט געפונען אין זייער וואָהנונג בלויז די ליידיגע ווענד. דער באַנדיט האָט גלייך אַללעס אויספּערקויפט און איז פערשוואונדען, צוזאַמען מיט מיין שוועסטער. דער דזשאָדזש האָט מיר בעפריים, פערשפּרעכענדיג, אויב איך וועל דעם קערל אויסגעפינען, וועט ער איהם שווער בעשטראָפען.

און ווידער האָבען זיך פאַר מיר אָנגעפאַנגען נייע צרות. איך האָב זיך אַוועקגעלאָזען זוכען מיין אָרימע שוועסטער. ניט האָבענ־דיג קיין שפּור וועגען איהר, בין איך געפאָהרען פון שטאָדט צו שטאָדט. פלעג איך וואו בעקומען ארבייט, פלעג איך אָבאַרבייטען א פּאָר וואָכען אום צו מאַכען אביסעל געלד און דאַן בין איך אַוועק אין אן אנדער שטאָדט. האָב איך קיין ארבייט ניט בעקומען, פלעג איך געהן צו פוס אָדער זיך אַריינ׳גנב׳ענען אין א פראַכט־טריין.

אזוי זיינען אוועק וואָכען, מאָנאַטען און יאָהרען. אויף מיין פוס־רייזע האָב איך זיך בעקענט מיט פיעלע אונגליקליכע יונגע און עלטערע מענשען, וועלכע מען רופט דאָ „טרעמפּס“.

ניימאַן האָט זיך פּלוצלונג אָבגעשטעלט און א היבשע ווייל̇ע זיך טיעף פערטראַכט. נאַכהער האָט ער שאָקלענדיג טרויעריג מיט׳ן קאָפּ, פאָרטגעזעצט מיט א זיפץ:

— די היעגע געזעלשאַפט איז צו גרויזאַם אין איהר בענעהמען זיך צו דיעזע טרעמפּס. אָה, ווען מען זאָל וויסען די שרעקליכע טראַגעדיעס וואָס יעדער פון זיי טראָגט טיעף אין זיין האַרצען! די אונגליקליכסטע מענשען זיינען זיי. אָבער ווער וועט זיך דאָס נעהמען די מיה זיך צו פעראינטערעסירען מיט א טרעמפּ!... צו פעראַכטען, צו האַסען איז פיעל לייכטער ווי צו ליעבען... איך האָב ניט איין פּאָר שטרענגע בליקען אויף מיין אומוואַנדערען בעגעגענט. פיעלע מענשען — הערען און דאַמען — האָבען אויף מיר געקוקט

מיט שפּאָט און פּעראַכטונג, אָבוואָהל איך האָב ביי קיינעם קיין נדבה ניט געבעטען. האָב איך געהאַט עטליכע סענט, האָב איך געגעסען, האָב איך ניט געהאַט קיין געלד, האָב איך געהונגערט. און עס זיינען געווען צייטען, ווען איך האָב צוויי, דריי טעג קיין שפּייז אין מיין מויל ניט געהאַט. איך האָב דעם הונגער מיט קאַלטע וואַסער געשטילט, און ווען דאָס האָט ניט געהאָלפען, פלעג איך קלייבען עסען פון די מיסט־באַרעלס. אָפט פלעגט מיר דערביי פּאָרקומען זיך צו פייטען מיט קאָנקורענטען — הינד און קעץ.

— גאָטעניו! — האָט פלאָרא אויסגעשריען, אָנכאַפּענדיג זיך מיטביידע הענד פאַר'ן קאָפּ — ווי שרעקליך דו האָסט נעביך געליטען!

— דאָס איז נאָך ניט אלעס — האָט ניימאַן מיט א טרויעריגען שמייכעל ווידער אָנגעפאַנגען — הער ווייטער. נאָך אַ פּאָר יאָהר וואַנדערען, האָב איך ענדליך אַ היים געפונען — אין אַ פּריזאָן. מען האָט מיר, צוזאַמען מיט נאָך עטליכע אונגליקליכע ווי איך, געפּאַקט אויף א פראַכט־טריין און מען האָט אונז אַרעסטירט. דער דזשאָדזש האָט אונז אלעמען פעראורטהיילט צו א יאָהר פּריזאָן. מיינע חברים זיינען געווען צופריעדען וואָס זיי וועלען ענדליך האָבען א מאָהלצייט אבצועסען און אן אָרט וואו דעם מיעדען, שוואַכען קאָפּ אוועקצולייגען. אָבער איך בין צופריעדען ניט געווען. איך האָב בעסער געוואָלט ווייטער הונגערען און זוכען מיין אונגליקליכע שוועסטער. אָבער איך האָב דאָך קיין ברירה ניט געהאַט. אין פּריזאָן האָב איך געאַרבייט אַלס קאַרפּענטער און האָב זיך דעם טרייד ציעמליך גוט אויסגעלעהרענט. ביי נאַכט פלעג איך שטודירען די ענגלישע שפּראַך און האָב אויך געמאַכט גוטע פאָרשריטע. פאַר מיין אַנשטענדיגען אויפפיהרען זיך האָט מיר דער וואָרדען זעהר ליעב געהאַט. ווען ער האָט אויסגעפונען אז איך קען פראַנצויזיש, האָט ער מיר אין גאַנצען בעפרייט פון דער אַרבייט און איך האָב געגעבען פראַנצויזישע לעסאָנס זיינע צוויי מיידלעך. אַלע פּריזאָנערס האָבען מיר

מקנא געווען, אָבער קיינער האָט ניט געוואוסט, וואָס פאר א טיעפע וואונדען עס זיינען אין מיין הארצען פערבאָרגען.

ווען עס איז געקומען די צייט פון מיין בעפרייאונג, האָט מיר דער וואָרדען און זיין פרוי געבעטען, איך זאָל ביי זיי פערבלייבען, אָבער איך האָב דערפון ניט געוואָלט הערען און, ארויסגעהענדיג פון פריזאָן, האָב איך זיך ווידער אוועקגעלאָזט וואנדערען. כמעט די גאנצע סאוטה און וועסט האָב איך דורכגעקרייצט און פון מיין אָרי־מע שוועסטער האָב איך אַלץ קיין שפור ניט געפונען.

ענדליך האָב איך בעשלאָסען נאָכצופרעגען ביי מיינע לאנדס־לייט אין ניו־יאָרק, דענקענדיג, פיעלייכט ווייסען זיי עפּעס וועגען איהר. איך האָב זיך דאַן געפונען אין א שטאָדט אין טעקסעס. צוויי וואָכען האָב איך געוואַרט אויף אן אנטוואָרט און ענדליך האָב איך ערהאַלטען א בריעף.

ניימאַן האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען עפּעס זוכען מיט די אויגען, אין וועלכע עס האָבען זיך ווידער טרעהרען בעוויזען.

— וואָס זוכסטו? — האָט דער דאָקטאָר איהם געפרעגט אין א טאָן פון טיעפען מיטלייד.

— וואו זיינען מיינע קליידער? — האָט ניימאַן געזאָגט אין א ציטערענדע שטימע — איך וויל עפּעס פון דאָרט ארויסנעהמען.

— דיינע קליידער געפינען זיך אין דער גארדעראָבע — האָט דער אַרצט איהם ערקלעהרט — וואָס ווילסטו דען פון דאָרט אַרויס־נעהמען?

— אין דער בוזים־טאַש פון מיין ראָק ליגט א נאָטיץ־ביכעל. איך דאַרף עס יעצט האָבען — האָט ניימאַן, ווערענדיג אַלץ מעהר אויפגערעגט, געזאָגט.

דער ארצט איז ארויס און אין א ווייַלע ארום איז ער צוריק אַריינגעקומען, טראָגענדיג אין האַנד דאָס נאָטיץ־ביכעל, וועלכעס ער האָט דערלאנגט ניימאַן׳ען.

מיט ציטערענדע הענד האָט ניימאַן געעפענט דאָס ביכעל,

ארויסגענומען פון דאָרט אַן אויסשניט פון א צייטונג און געזאָגט אין אַן אנגסטפאָלער שטימע.

— אָט דאָס האָבען מיר מיינע לאנדסלייט צוגעשיקט, צוזאמען מיט עטליכע ווערטער. איך האָב שוין מעהר מיין אָרימע שוועסטער ניט געדאַרפט זוכען. זיא האָט געמאכט א סוף צו איהר עלענדען, אונגליקליכען לעבען. זיא האָט זיך דערשטיקט מיט געז און פאר׳ן טויט האָט זי אויפגעשריבען דיעזע ציילען — האָט ער אָנגעוויזען אויף דעם אויסשניט פון דער צייטונג — צו מיר האָט זיא דאָס געשריבען.

די לעצטע ווערטער האָט ער ארויסגערעדט מיט א פערשטיקטען קול, מאכענדיג דערביי א בעוועגונג מיט׳ן קאָפּ, אזוי ווי איינער וואָס שטיקט זיך מיט אַ ביסען. נאַכהער האָט ער פאָרטגעזעצט:

— אָרימע, אונגליקליכע שוועסטער! זא האָט אין די לעצטע מינוטען פון איהר לעבען וועגען מיר געטראכט, איהר לעצטען „גוד באַי" האָט זיא צו מיר געזאָגט.

ער האָט גענומען לעזען איהר בריעף, איבערזעצענדיג איהם אויף ענגליש:

„ליעבער ברודער! טהייערער אַרטהור! איך בין געצוואונגען צו מאַכען אַן ענדע צו מיין עלענדען לעבען. נאָך אין עטליכע מינוטען וועל איך שוין זיין דאָרט, וואו אונזערע ליעבע עלטערען זיינען. איך האָב געקעמפּפט אזוי לאַנג ביז די לעצטע קרעפטען האָבען מיר שוין פערלאָזען. מעהר קעמפּפען קען איך שוין ניט. איידער נאָכצוגעבען די שמוציגע פערלאַנגען פון מיין מערדער, איידער פערטרונקען צו ווערען אין זומפּ, וועל איך בעסער מאַכען א סוף צו מיין לעבען.

אָה, ווי איך וואָלט דיך יעצט וועלען זעהן, טהייערער ברודער מיינער! וואו ביזטו ערגעץ? ווי לעבסטו? דיעזע פראגע עגבערט מיר יעצט מיין מח. ווען איך זאָל וויסען, אז דו ביזט גליקליך, וואָלט מיר דער טויט פיעל ליעבער געווען. ווען מען האָט דיר ארעסטירט, האָט דער באַנדיט מיר מיט געוואַלט ארויסגעפיהרט פון שיקאַגאָ.

ער איז מיט מיר ארומגעפֿאָהרען איבער פערשיעדענע שטעדט. ער האָט מיר געצוואונגען, איך זאָל פיהרען א שמוציגען לעבען און איהם געבען געלד. מיט מיינע אלע קרעפטען האָב איך געגען איהם געקעמפפט. איך האָב געטהאָן די שווערסטע ארבייט: געוואַשען פרעמדע וועש, א דיענסט געווען. יעדען סענט האָט ער ביי מיר צוגענומען. ענדליך האָט ער מיר געבראַכט קיין ניו־יאָרק, וואו מיר זיינען שוין א פּאָר מאָנאַטען. איך האָב דאָ געאַרבייט אין א שאָפּ. מיין גאַנצען פערדיענסט האָב איך איהם אַוועקגעגעבען. פאַר זיך האָב איך בלויז איבערגעלאָזט אויף אַ שטיקעל טרוקען ברויט. אָבער דער גזלן איז דערפון ניט צופריעדען. ער האָט מיר היינט געזאָגט, אויב איך וועל ניט טהאָן וואָס ער פערלאַנגט פון מיר, וועט ער מאָר־גען אַוועקפֿאָהרען און איך וועל מעהר ניט וויסען וואו זיין גע־ביין איז אהינגעקומען.

ער דאַרף באַלד קומען נאָך אַן אַנטוואָרט, און ער וועט מיין אַנטוואָרט בעקומען — מיין לעצטען אַנטוואָרט. צעהן סענט האָב איך געהאַט ביי זיך — מיין גאַנצער פאַרמעגען. פאַר דעם געלד האָב איך געקויפט אַ געז פּייפּ, וואָס וועט מיר העלפען זיך בעפרייען פון אַלע מיינע צרות.

אַדיע, טהייערער ברודער מיינער! לעב גליקליך, טהייערער אַרטהור! פאַר דיין אָרימע שוועסטער איז דאָס לעבען געווען צו גרויזאַם. קיין איין גליקליכע מינוט האָט עס מיר ניט געגעבען. מיין געוויסען איז יעצט זעהר בעשווערט. איך פיהל זיך אויף שולדיג אין דעם טויט פון אונזערע ליעבע עלטערען. אויב עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, וועט ער מיר זיכער פערצייהען, דען איך האָב מיינע זינד אויסגעקויפט מיט מיינע שרעקליכע ליידען. דער גיהנם קען שוין שרעקליכער ניט זיין. לעב דו כאָטש גליקליך, גו־טער, עדעלער אַרטהור! בעוויין ניט דיין אונגליקליכע שוועסטער, דען מיר וועט באַלד זיין זעהר גוט — איך וועל מעהר שוין ניט ליידען. אַדיע, אַדיע, אַרטהור! לעב גליקליך! זאָל אונזער פאַמיליע פון דיר פאָרטגעזעצט ווערען. איך, דיין אונגליקליכע שוועסטער,

וועלכע פאַלט יעצט אַ קרבן אויף דעם אַלטאַר פון ריינע ליעבע, ווינש עס דיר פון טיעפען האַרצען. דאָס איז מיין לעצטער וואונש אין די לעצטע מינוטען פון לעבען. זאָל אונזער נאָמען מיט דיר ניט אָבגעמעקט ווערען. לעב וואָהל, טהייערער ארטהור, לעב וואָהל!
דיין אונגליקליכע שוועסטער

בליהמעלע".

ניימאַן האָט האַסטיג צוגעטראָגען דאָס שטיקעל געדרוקטע פּאַפּיער צו זיינע ליפּען און עס געקושט, אַזוי ווי מען קושט אַ הייליגע זאַך, וועהרענד פון זיינע אויגען האָבען הייסע טרעהרען גענומען פליסען שטראָמען־ווייז. זיינע צוהערער האָבען אויך גע־וויינט. זאָגאַר דער דאָקטאָר, וועלכער איז געוועהנליך גלייכגילטיג צו די שרקליכסטע מענשליכסטע יסורים — זאָגאַר ער האָט יעצט געוויינט. אַ ריהרענדע, אַ הערצרייסענדע סצענע איז דאָס געוועזן. די צוהערער, פונקט ווי ניימאַן, האָבען מיט האַרציגע טרעהרען בע־וויינט דעם יונגען אונשולדיגען קרבן פון ריינער ליעבע, און אין אַלעמענס הערצער האָט יעצט געפלאַמט אַ געפיהל פון האַס און ראַכע צו איהר מערדער. אַ היבשע ווייִלע האָט דיזע סצענע אָנגע־האַלטען. ענדליך האָט ניימאַן זיך ווידער אָבגערופען, סטאַרענדיג זיך צו בעהערשען:

— עס איז איבעריג אייך צו דערצעהלען ווי איך האָב געפיהלט, ווען איך האָב דיזען בריעף פון מיינע לאַנדס־לייט בעקומען. איין געדאַנק האָט מיר בלויז דאַן בעהערשט: אויסגעפונען דעם באַנדיט און איהם ערמאָרדען, צוזאַמען מיט זיך. וועגען קיין אַנדער זאַך האָב איך ניט געטראַכט. און איך האָב ווידער גענומען מיין וואַנ־דער־שטאָק אין האַנד און זיך געלאָזען פון דאָרט צו דאָרט, פון שטאָדט צו שטאָדט. עס האָט גענומען היבשע עטליכע וואָכען ביז איך האָב זיך ענדליך אַהער דערשלעפּט פון טעקסעס. איך האָב די גאַנצע שטאָדט דורכגעאַקערט, אָבער איך האָב דעם באַנדיט ניט געפונען. איך האָב שפּעטער אויסגעפונען, אַז די פּאָליציי האָט איהם אויך געזוכט, און זי האָט קיין שפּור וועגען איהם ניט געקענט דער־

געהן. איך פלעג אָפּט צו מיין שוועסטער'ס קבר געהן און דאָרט מיין ביטער האַרץ אויסגיסען. צו מיינע לאַנדס־לייט האָב איך זיך געשעהמט צו קומען, און זיי האָבען זיך אויך געשעהמט מיט מיר, ווייל איך האָב אויסגעזעהען ווי אַ טרעמפּ. האָב איך זיך ארומגעוואַלגערט אין די פּאַרקס, געקליבען שטיקלעך ברויט פון די מיסט־באַרעלס.

מיין שוועסטער'ס לעצטער וואונש, אז מיט מיר זאָל די פאַמיליע אונזערע ניט אָבגעמעקט ווערען פון דער וועלט, איז מיר קיינמאָל פון געדאַנקען ניט אַרויסגעגאַנגען. די צייט, וואָס היילט אַלע וואונדען, האָט ענדליך מיין וואונד אויך געהיילט. איך האָב גענומען זוכען אַרבייט. לייכט איז מיר ניט אָנגעקומען ביז איך האָב געפונען אַ דזשאָב. איך האָב זיך מיט דער צייט עטוואָס בערוהיגט, און אַזוי זיינען וויעדער אַוועק עטליכע יאָהר. די לעצטע צייט האָב איך זיך ווידער געפונען אין אַ שרעקליכע לאַגע, אָבער אין דיעזער לאַגע האָב איך אויך מיין גליק געפונען — האָט ער געענדיגט, קוקענדיג מיט אַ ליעבליכען שמייכעל אויף פלאָראַ'ן.

מיסס זינגער האָט זיך צוגעטוליעט צו איהר געליעבטען און, גלעטענדיג מיט איהר האַנד זיין געזיכט, אַזוי ווי אַ מוטער, ווען זי וויל איינשטילען איהר צו־וויינטע קינד, האָט זי געזאָגט אין אַ צערטליכען, ליעבליכען טאָן:

— מעהר וועסטו שוין אין לעבען ניט ליידען. פון יעצט אָן וועסטו שוין איממער זיין גליקליך.

דער דאָקטאָר און מיסס גאָרדאָן האָבען אויך געטרייסט נייִמאַן'ען מיט די וואַרעמסטע ווערטער.

— אָפט בעוואונדער איך זיך זעלבסט פון וואנען עס האָבען זיך צו מיר גענומען אַזוי פיעל קרעפטען דיעזע אַללע צרות אריבערצוטראָגען — האָט ניימאַן ווייטער געזאָגט — דאָס וואָס איך האָב איך דאָ דערצעהלט איז נאָך ניט קיין צעהנטע טהייל פון די אַלע ליידען וואָס איך האָב איבערגעלעבט. ווייסט איהר, דאָקטאָר, אז ווען איהר האָט מיר צום ערשטען מאָל דאָ געזעהען, האָב איך דאַן

שוין דריי טעג ניט געהאַט געגעסען? — האָט ער זיך געוואונדערט צום אַרצט — נאָר דעם זעלבען פריה־מאָרגען האָב איך געגעסען אַ גוטען ברעקפעסט. דער עדעלער ניוס־דיעלער האָט מיר געגעבען עט־ליכע סענט. איך האָב ניט געוואָלט נעהמען, אָבער ער האָט עס מיר מיט געוואַלד אין האַנד אַריינגעשטופּט.

— איך האָב געלעזען פון דיין פּנים אַז דו האָסט זעהר פיעל געליטען אין דיין לעבען.

— און איך האָב דאָס ניט בעמערקט — האָט פלאָראַ נאַאיוו געזאָגט — ווען איך האָב אויף דיר אַ קוק געגעבען נאָכדעם ווי דו האָסט מיר שוין געהאַט דיין בלוט געגעבען, האָב איך פון דיינע אויגען אַרויסגעלעזען, אַז דו פיהלסט זיך גליקליך.

— און דו האָסט טאַקע קיין טעות ניט געהאַט — האָט ניימאַן ליעבליך געענטפערט — איך האָב זיך טאַקע דאַן געפיהלט זעהר גליקליך וואָס איך האָב דיין לעבען געראַטעוועט.

פלאָראַ האָט זיך נאָך פעסטער צוגעטוליעט צו איהר געליעב־טען. איהר האַרץ איז יעצט געווען בעשווערט פון אַ שטאַרקען חרטה־געפיהל פאַר וואָס זי האָט גאָר געדיינקט, אַז זי איז ניט די ערשטע געליעבטע ביי ניימאַן׳ען. זי האָט געוואָלט ביי איהם בעטען פערצייהונג, און האָט דאָס איהם דערצעהלט.

ניימאַן האָט גוטמוטהיג געשמייכעלט און געזאָגט:

— עס איז געווען גאַנץ נאַטירליך אַז דו האָסט אַזוי געקענט דיינקען און דו דאַרפסט ביי מיר קיין פערצייהונג ניט בעטען. אַמע־ריקאַ איז אַן אָנגעלאָפענע לאַנד. עס איז דאָ ניט לייכט אויסצוגע־פינען די פערגאַנגענהייט פון אַן אימיגראַנט.

— און איך בין געגאַנגען נאָך ווייטער — האָט דער דאָקטאָר זיך אָבגערופען — איך האָב זאָגאַר געדיינקט, אַז דו ביזט שוין פערהייראַטה.

— יאַ, ער האָט מיר נאָך צוגעלעגט שטיינער אויף מיין האַר־צען — האָט פלאָראַ זיך געפּעסטשעט פאַר איהר געליעבטען.

— און דאָס איז אויך געווען נאַטירליך — האָט ניימאַן גע־

זאָגט מיט דעם זעלבען גוטמוטהיגען שמייכעל וואָס פריהער — אַלעס האָט געקענט מעגליך זיין. אָבער יעצט גלויבט איהר מיר שוין ?

— איך גלויב דיר אַלעס אַ חוץ איין זאַך, וואָס איז מיר זעהר אונגלויבליך — האָט דער אַרצט געזאָגט מיט אַן ערנסטע מינע.

ניימאַן האָט אויף איהם אויסגעשטעלט אַ פּאָר פערוואונדערטע אויגען; מיסס גאָרדאָן האָט אויך אויסגעדריקט ערשטוינונג, וועהרענד אין פלאָרא'ן האָט די האַרץ גענומען האַסטיג קלאַפּען פון שרעק. אַלע האָבען זיי אין דער העכסטער שפּאַנונג ערוואַרטעט צו הערען פון דעם דאָקטאָר וואָס ער מיינט דאָ. דער אַרצט האָט אַ ווײַלע געשוויגען, וועלענדיג שטאַרקער אָנציהען זייער געדולד, נאַכהער האָט ער זיך אָפּגערופען אין אַ געלאַסענעם טאָן:

— עס איז מיר שווער צו גלויבען, איך קען עס גאָר ניט בעגרייפען, אַז אַזא קלוגער, פערנינפטיגער יונג ווי דו זאָלסט זיך ווירקליך האָבען איינגעליעבט אין דיעזער פרייליין — האָט ער מיט'ן קאָפּ אַ מאַך געטהאָן צו פלאָרא'ן — וואו זיינען דיינע אויגען געווען ?

ניימאַן און די נוירס האָבען אויסגעבראָכען אין אַ האַרציגען געלעכטער, וועהרענד פלאָרא איז צוגעשפּרונגען צום דאָקטאָר און געבענדיג איהם עטליכע לייכטע קלעפּ איבער'ן שולטער, האָט זי געזאָגט:

— אַלטער בחור וואָס איהר זייט! וואָס טשעפּעט איהר זיך אַלין צו מיר ? שוין פון יאָהרען ווי ער לאָזט מיר ניט צו רוה — האָט זי זיך געווענדעט צו דער נוירס — אַזוי ווי איך וואָלט שולדיג געווען וואָס קיין מיידעל וויל אויף איהם אַפילו קיין קוק ניט געבען!

— ניימאַן, וואו האָסטו געהאַט דיינע אויגען ? — האָט דער דאָקטאָר ווייטער געזאָגט, אָבשטויסענדיג פון זיך פלאָרא'ן — וואָס האָט זיך מיט דיר געטהאָן ? אַזאַ פּראַקטישער, ערפאַהרענער מענש ווי דו...

— שעהמט זיך כאָטש פאַר מיסס גאָרדאָן — האָט פלאָרא זיך

אָפּגערופען — איהר ווילט דאָך ביי איהר אויסנעהמען און צום סוף פלאַפּעלט איהר נאַרישקייטען.

— ער דאַרף שוין ניט אויסנעהמען — האָט ניימאַן געזאָגט מיט אַ ליעבליכען שמייכעל — זעהסטו דען ניט פון מיסס גאָרדאָן'ס אויגען, אַז זי האָט איהם ליעב?

די נוירס האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן מיט פּאָרוואורף, וועהרענד איהר געזיכט איז געוואָרען רויט ווי צונטער.

— קומט, מיסס גאָרדאָן — האָט דער דאָקטאָר אַ זאָג געטהאָן צו דער נוירס — לאָמיר זיי דאָ אַליין לאָזען. זיי ריידען שוין ביידע פון פייער און פון וואַסער.

אין זיין שטימע האָט זיך געהערט גליק און צופריעדענהייט און זיין געזיכט האָט געפלאַמט פון רויטקייט.

די נוירס האָט זיך אויפגעשטעלט.

— איהר געהט דאָך נאָך ניט אַוועק — האָט פלאָרא צו איהר געזאָגט — איהר וועט מיר אהיים בעגלייטען און איהר וועט ביי אונז עסען מיטאָג.

די נוירס האָט העפליך אַ נייג געטהאָן מיט'ן קאָפּ אויף יאָ און איז שנעל ארויס.

— איהר לאָזט לויפען אייערע צינגער, ניט רעכענענדיג זיך מיט יענעמ'ס געפיהלען! — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט אין אַן ערנסטען טאָן.

— און איהר רעעכנט זיך עפּעס מיט יענעמ'ס געפיהלען — האָט איהם פלאָרא געפרעגט.

דער דאָקטאָר האָט עפּעס געוואָלט זאָגען. אָבער פלאָרא האָט איהם לייכט געשטופּט צו דער טיהר, זאָגענדיג:

— געהט שוין, געהט שוין. דיא הארץ קלאַפּט דאָך אין אייך ווי ביי א גזלן. איהר האָט דאָך אומישנע ארויסגערופען מיסס גאָרדאָן, אום איהר זאָלט מיט איהר ריידען אונטער פיער אויגען. פעטער, מען קען אייך...

דער דאָקטאָר איז אַרויס מיט א מינע פון א פערשעהמטען חדר־

אינגעל, ווען די מוטער דערמאָנט איהם אויף שפּאַס, אז ער וועט אמאָל האָבען א כלה...

פלאָרא איז דאַן צוגעלאָפּען צו ניימאַן'ען און בעדעקט זיין געזיכט מיט הייסע, ליידענשאפטליכע קושען, זאָגענדיג שטיל, מיט אַן איינגעהאלטענעם אָטהעם:

— אָה, ליעבער ארטהור, איך בין יעצט אזוי גליקליך! זינט איך האָב דיין לעבענס געשיכטע דערהערט האָט זיך מיין ליעבע צו דיר נאָך שטאַרקער צופלאַקערט אין מיין הארצען. מעהר וועסטו שוין ניט ליידען, ליעבער, טהייערער ארטהור מיינער! פערגעס אַן אַלע דיינע ליידען און זאָל פון היינט אַן קיין טרויעריגער געפיהל דיין הארץ ניט בעריהרען.

זי האָט פּלוצלונג דערפיהלט א הייסע פלישיגקייט אויף איהר געזיכט. זי האָט אויפגעהויבען איהרע אויגען און דערזעהן אז ניימאַן וויינט.

— וואָס וויינסטו, טהייערער? — האָט זי צערטליך געפרעגט.

— דאָס זיינען פריידענס־טרעהרען — האָט ניימאן געענטפערט, צוטוליענדיג איהר פעסט צו זיין ברוסט און איינגראָבענדיג זיינע ליפּען אין איהר צארטע, סאַמעט־גלאַטע געזיכט — איך בין יעצט דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט. אין דיר האָב איך אויך צוריק מיין שוועסטער געפונען. דו ביזט זעהר עהנליך צו איהר און טאַקע דערפאַר האָב איך דיר פון דעם ערשטען בליק ליעב בעקומען. דיינע מאניערען זיינען עהנליך צו איהרע און אויך דיין הארץ...

— אז דו וועסט ארויס פון האָספּיטאל וועלען מיר ביידע אויף איהר קבר געהן — האָט פלאָרא גערעדט מיט בעגייסטערונג — מיר וועלען איהר קבר מיט בלומען בעציערען און זי וועט אונז מזל טוב ווינשען...

ניימאַן האָט ווידער איינגעגראָבען זיינע ליפּען אין איהר געזיכט און זי לאַנג און הייס געקושט.

אין דער זעלבער צייט האָבען זיך אין דער זעלבער געביידע נאָך צוויי שמאַכטענדע, ליידענדע הערצער מיט גליק געקוויקט. דער דאָקטאָר און מיסס גאָרדאָן האָבען צווישען זיך אין זיין פּריוואַט־צימער אַן אינטימען געשפּרעך געפיהרט.

דער געשפּרעך האָט זיך אָנגעפאַנגען וועגען די גליקליכע פּער־ליעבטע פּאָאָר'ל. פּלוצלונג האָט די נוירס איהם געבעטען, ער זאָל איהר דערצעהלען זיין לעבענס־געשיכטע.

מיט פערגעניגען וועל איך דאָס אייך דערצעהלען — האָט דער ארצט געזאָגט א פריילּיכער — מיין פערגאַנגענהייט איז עהנליך צו אייערע, ווי צוויי טראָפּען וואַסער. אויך איך טראָג אין מיין הארצען אלטע וואונדען...

ער האָט זיך מיט זיין שטוהל צוגערוקט נעהנטער צו איהר און אָנגעפאַנגען:

— דאָס איז געווען מיט עטליכע און צוואַנציג יאָהר צוריק. איך האָב דאַן נאָר וואָס געהאַט געענדיגט קאַלעדזש און בין אָנגעקומען אויף פּראַקטיקע אין א האָספּיטאל. מיין פאָטער איז געווען א פּיעל־פאַכער מיליאָנער און ער האָט ניט געוואָלט, אז איך זאָל פּראַקטיצי־רען מעדיצין. איך האָב נאָך דריי ברידער. זיי האָבען אלע געענ־דיגט קאָלעדזש, אָבער קיינער פון זיי איז ניט געבליעבען ביי זייער פּראָפעסיאָן. זיי זיינען אלע ארייַן צום פאָטער אין די ביזנעס. איך האָב אָבער מיין פּראָפעסיאָן ליעב געהאַט. און בעשלאָסען מיין גאַנצען לעבען איהר צו ווידמען. מיינע עלטערען זיינען דערפאַר מיט מיר א צייט געווען ברוגז. ערשט ווען זיי האָבען געהערט ווע־גען מיינע פאָרטשריטע, ווען איך האָב בעקומען א נאָמען אלס כי־רורג, האָבען זיי זיך מיט מיר איבערגעבעטען.

אין דעם האָספּיטאל איז געווען א נוירס, וועלכע האָט מיר פּעראינטערעסירט באַלד פון דעם ערשטען טאָג וואָס איך בין אהין אָנגעקומען. זי איז אלט געווען א יאָהר אכט און צוואַנציג. קיין זעלטענע שעהנהייט איז זי ניט געווען. א הויכע, שלאַנקע בלאָנדינ־

קע, אָבער אויגען האָט זי געהאט וואונדער שעהנע. איהרער איין בליק האָט געקענט א מענשען פער׳כשוף׳ען און — זי האָט מיר טאַקע בעצויבערט. איהרע אויגען האָבען מיר פערפאָלגט אויף יעדען טריט און שריט. איך האָב געזוכט א געלעגענהייט זיך מיט איהר צו בעקענען, און דאָס איז מיר ניט שווער אָנגעקומען. ביי דער ערשטער בעקאנטשאפט מיט איהר, האָט זי שוין בעמערקט, אז איך בין אין איהר פעראינטערעסירט. איך בין פון דער נאטור אן אָפענהערציגער מענש און איך קען מיינע געפיהלען ניט פערבאָרגען, האָב איך אימיצען ליעב, זאָג איך איהם אָפען און דאָס זעלבע איז פערקעהרט, ווען איך האָב וועמען פיינד. זי איז צו מיר אויך געווען אָפענהערציג. איך האָב זיך דערוואוסט ווער זי איז. זי האָט מיר דערצעהלט איהר לעבענס-געשיכטע, וועלכע האָט נאָך פערגרעסערט מיין אינטערעס אין איהר.

פונקט ווי איהר, איז זי אויך געווען א קינד פון רייכע עלטערן און צוליעב די זעלבע אורזאכע וואָס איהר איז זי געוואָרען א נוירס — זי איז ענטוישט געוואָרען אין ליעבע און האָט בעשלאָסען מעהר קיין גליק אין לעבען ניט צו זוכען. זי האָט קיין רעליגיעזע ערציהונג ניט בעקומען, ווייל איהרע עלטערן זיינען געווען פריידיינקער. זאָנסט וואָלט זי אריינגעטראָטען אין א מאָנאַסטיר.

דיעזע אָפענהערציגקייט צו מיר האָט פאָרטגעזעצט די ארבייט וואָס איהרע אויגען האָבען אָנגעפאנגען. איך האָב זיך אין איהר פערליעבט און אין א קורצע צייט, האָב איך דאָס איהר ערקלעהרט. זי האָט מיר פערשטויסען, ערקלעהרענדיג, אז זי וועט צוליעב מיר מוזען פערלאָזען דאָס האָספיטאל. איך האָב זיך געריכט אויף אַזאַ אַנטוואָרט, דען זי איז געווען פון יענע שטאַרקע נאטור, וואָס בייטען ניט זייערע בעשליסע. איך האָב זיך געבעטען ביי איהר, אז זי זאָל פערליעבט און אין א קורצע צייט האָב איך דאָס איהר ערקלעהרט. פיהלען צו איהר קיין וואָרט ניט צו ריידען. זי האָט מיר געגלויבט און איז פערבליעבען.

מיין ליעבע צו איהר איז אָבער דערפון ניט אָבגעקיהלט געוואָ־

רען, פערקעהרט, זי האָט זיך נאָך שטאַרקער פערנאַנדערגעפלאַ־
קערט. איך בין געווען גליקליך וואָס איך קען כאָטש א פּאָר מאָל
אין טאָג זיך קוויקען מיט איהרע וואונדער שעהנע אויגען, אָבוואָהל
זי פלעגט זיי ארונטערלזאָזען יעדעס מאָל וואָס מיר פלעגען זיך בעגע־
גענען. אין מיין הארצען האָט געלעבט א האָפנונג, אז זי וועט מיר
מיט דער צייט איהר אויפמערקזאמקייט שיינקען.

עס זיינען אזוי אוועק היבשע עטליכע מאָנאַטען. דורך דער
צייט פלעגט זי מיר צוהעלפען ביי פערשיעדענע אָפּעראַציאָנען. איך
בין געווען אזוי גליקליך, ווען איך האָב זי געהאט לעבען זיך!

ליידער איז מיין האָפנונג ניט פערווירקליכט געוואָרען. זי איז
געפאלען אן אָפּפער פון איהר פּראָפעסיאָן. זי האָט געהאט א פּאַ־
ציענט וואָס איז קראנק געווען אויף טיפוס און זי האָט זיך אָנגע־
שטעקט מיט דער זעלבער קראנקהייט. איך האָב וועלטען איינגע־
לייגט אום איהר צו ראטעווען. טאָג און נאכט בין איך ביי איהר
בעט געווען. איהרע פריהעריגע ליידען האָבען אזוי אויסגעמוטשעט
איהר קערפּער, אז זי האָט דעם קריזיס ניט געקענט דורכמאַכען און
איז געשטאָרבען. איך בין געווען לעבען איהר אין די לעצטע מינו־
טען פון איהר לעבען. ווען זי האָט דעם טויט לעבען זיך דער־
שפּירט, האָט זי אויפגעהויבען אויף מיר איהרע אויגען און אין דיע־
זער פּאָזע האָט זי פון דעם לעבען אבשיעד גענומען.

ער איז אויף א ווײַלע אנשוויגען געוואָרען און געבליעבען זי־
צען מיט אן אַרונטערגעזונקענעם קאָפּ. נאַכהער האָט ער אין אַ
פּעסטען טאָן פּאָרטגעזעצט:

— וואָס איך האָב דאן איבערגעלעבט דארף איך אייך ניט דער־
צעהלען. מעהר ווי צוואנציג יאָהר זיינען שוין פארביי זינט יע־
נעם אונגליקליכען טאָג און איהר אנדענקען לעבט נאָך אין מיין האַר־
צען, איך האָב די גאנצע צייט נאָך געפיהלט דעם צויבער פון איהרע
וואונדער־שעהנע אויגען. און איך וואָלט שוין אזוי מיינע יאָהר־ען
געווען אויסגעלעבט, ווען...

ער איז ווידער פלוצלונג אנשוויגען געוואָרען. זיין געזיכט

האָט געפלאַמט מיט יענער רויטקייט, וואָס בעווייזט זיך אויף׳ן געזיכט ווען די האַרץ איז איבערפולט מיט גליק... ער איז אויפגע־שטאַנען און גענומען אומשפּאַנען איבער׳ן צימער. ענדליך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבען דער נוירס, וועלכע איז געזעסען פערזונקען אין אַ ים פון געדאַנקען, און געזאָגט מיט האַרץ:

— ווען איך האָב אייך דערזעהן איז אין מיר אַ געוואַלדיגע אי־בערקעהרעניש פאָרגעקומען. די געפיהלען, וועלכע האָבען מעהר ווי צוויי צעהנדליג יאָהרען אין מיר געשלאָפען, האָבען ווידער ערוואַכט.. און ווי׳ן איך האָב זיך דערוואוסט וועגען אייער לעבענס־געשיכטע, האָבען זיך דיעזע געפיהלען אין מיר אַלץ שטאַרקער צופלאַקערט. און היינט, ווען איהר האָט מיר צוגעהאָלפען ביי דער אָפּעריישאָן, האָבען זיי דערגרייכט די העכסטע שטופע. מיסס גאָרדאָן, איך ליעב אייך! — האָט ער געענדיגט, ריידענדיג פון טיעפען האַרצען.

די נוירס האָט אַ שטאַרקען ציטער געטהאָן און איז געבליבען זיצען שטיל מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ.

— איהר האָט מיר גאָר ניט וואָס צו זאָגען? — האָט דער דער דאָקטאָר ווידער אָנגעפאַנגען נאָך אַ ווײַלע שטיל שווייגען — איך וויל פון אייך הערען אַן אַנטוואָרט. אייער אַנטוואָרט וועט בעשטי־מען, אויב איך קען נאָך האָפען צו זיין אַמאָל גליקליך, אָדער ניט. איך דאַרף דאָך אייך ניט זאָגען, אַז מיין גליק בעשטעהט ניט בלויז אין הייראַטהען. דען דאָס וואָלט שוין לאַנג געווען געשעהן, ווען עס וואָלט אַזוי געווען דער פאַל. ליעבע, הייליגע, וואַהרע ליעבע — אָט דאָס איז מיין גליק, און ביז איצט, ביז איך האָב אייך ניט דערזעהן, האָב איך דאָס ניט געפיהלט. איהר האָט מיר ווידער יונג געמאַכט, אַ נייע, יונגע נשמה האָט איהר אין מיר אַריינגעגע־בען, איך ליעב אייך און וויל מיט אייך גליקליך זיין!

די נוירס האָט אויף איהם אויפגעהויבען איהרע אויגען, אין וועלכע עס האָבען געבלישצעט טרעהרען און געזאָגט אין אַ ציטערענ־דע שטימע:

— אויך אין מיין האַרצען איז אַ געוואַלדיגע ענדערונג פאָרגע־

קומען, זינט איך האָב זיך מיט פלאָרא׳ן און ניימאַן׳ען בעקענט. זייער ערנסטע ליעבע האָט מיר אומגעקעהרט מיין פערלאָרענעם גלויבען אין גליק און הויפּטזעכליך אין מענשען, און אייער יעצטיגע ערצעהלונג האָט דיעזען גלויבען אין מיר נאָך פערפעסטיגט. איך האָב געצווייפעלט אין אמת׳ע ליעבע. דאָס, וואָס איך אליין האָב אזוי הייס און ערנסט געליעבט און אזוי שרעקליך געליטען צוליעב דעם — דאָס איז פאר מיר מעהר קיין בעוויז ניט געווען. אָבער איך זעה, אז איך האָב א טעות געהאט, איך פיהל...

זי האָט פּלוצלונג אָבגעהאקט און אויסגעבראָכען אין א הארציגען געוויין. אין דעם דאָקטאָר׳ס אויגען האָבען זיך אויך בעוויזען טרעהרען — פריידענס־טרעהרען. ער האָט געזעהן, אז זי וועט איהם ניט פערשטויסען און נאָך שטאַרקער האָט ער דאָס געפיהלט... א ווילע האָט אין צימער געהערשט א שטילקייט — א הייליגע שטילקייט איז דאָס געווען. ענדליך איז דער דאָקטאָר צוגעגאנגען צו דער נוירס און אָנגעהמענדיג צערטליך איהר האנד האָט ער געזאָגט אין א שטילען, זאנפטען טאָן, קוקענדיג מיט זיינע פייכטע, ליעבליכע בליקען אין איהרע אויגען אריין:

— זאָלען דיעזע יעצטיגע טרעהרען אייערע זיין דער לעצטער שמערצענס־אויסגוס און פון היינט אָן זאָלט איהר פערגעסען אָן אייער ביטערע פערגאנגענהייט און איהר זאָלט זיין גליקליך מיט דער נעגענוווארט און צוקונפט!

זי האָט ווייטער געשוויגען.

— ווי איז אייער ערשטער נאָמען? — האָט דער דאָקטאָר ווייטער געפרעגט אין דעם זעלבען זאנפטען טאָן, ניט ארויסלאָזענדיג אליץ איהר האנד פון זיינע.

— ביטריס — האָט זי שטיל געענטפערט.

— פון היינט אָן וועל איך אייך ביי דיעזען נאָמען רופען — האָט דער אַרצט ווידערער אָנגעפאנגען — ביטריס, איך ווארט אויף דיין אנטוואָרט. מיין צוקונפט איז יעצט אין דיינע הענד. אָן דיר איז אנבעלאנגט אויב איך זאָל נאָך אמאָל זיין גליקליך אָדער ניט.

אַנשטאָט צו ענטפערען מיט דעם מויל, האָט זי געענטפערט מיט איהרע אויגען, אין וועלכע עס האָט זיך יעצט אָפּגעשפּיעגעלט א ים מיט גליק און ליעבע. דער דאָקטאָר האָט דאָס גוט פערשטאַנען און ער האָט אַ גליקליכער אויסגעשריען:

— ביטרים, איך בין יעצט דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט און פאַר דעם האָב איך נאָר דיר צו פערדאנקען! ווי א גוטער מלאך האָסטו ארונטערגעשוועבט פון הימעל, אום מיר צו בעלאָהנען פאר די פיעל יעהריגע ליידען מיינע! טהייערע ביטרים! איך האָב ניט קיין ווערטער, אום אויסצודריקען די געפיהלען פון מיין הארצען. די גאנצע וועלט האָט יעצט אין מיינע אויגען אן אנדער אויסזעהן בעקומען. ביטרים, ביזטו אויך אזוי גליקליך?

— יא! — האָט זי געענטפערט, קוקענדיג אויף איהם מיט די זעלבע בליקען וואָס פריהער.

ער האָט איהר האסטיג א כאַפּ געטהאָן אין זיינע ארעמס, זי פעסט צוגעדריקט צו זיך און אָבגעפּרעסט א לאנגען, הייסען קוש אויף איהרע ליפּען. זי האָט איהם אויך מיט דעם זעלבען אָפּגעענטפערט.

— קום אריין צו ניימאַן'ען! — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט מיט פרייד — איך וועל זיי אַלעם דערצעהלען און זיי וועלען אונז די ערשטע גליק ווינשען.

די נוירס איז געבליבען שטעהן פערשעהמט.

— וואָס שעהסטו זיך, נאַרעלע? — האָט ער צוגעטוליעט זיין געזיכט צו איהר פּנים — היינט נאָך וועלען דאָס אַלע וויסען, די גאַנצע וועלט וועט היינט פון אונזער גליק וויסען. טעלעגראַפיר גלייך וועגען דעם צו דיינע עלטערען, איך וועל אויך מיין פאַמיליע דאָס לאָזען וויסען. קום!

ער האָט איהר לייכט אויפגעהויבען און זי צוגעטראָגען צו דער טהיר.

— איך וועל שפּעטער אַהין אריינקומען — האָט זי זיך געבעטען מיט אַ פערשעהמטען שמייכעל אויף איהרע ליפּען.

— ניין, איך וויל ניט — האָט ער קאַפּריזנע געענטפערט — איך וויל אַז מיר זאָלען געהן צוזאַמען.

דאָס זאָגענדיג האָט ער געעפענט די טהיר און איז מיט איהר ארויס אין קאָרידאָר.

אריינקומענדיג צו ניימאַן'ען, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט אין א געמאַכטען ערנסטען טאָן:

— ביטרים פאָהרט היינט אהיים.

— ווער פאָהרט היינט אַהיים ? — האָט פלאָרא געפרעגט פער־וואונדערט, ניט פערשטעהענדיג וואָס ער מיינט.

— איך מיין מיסס גאָרדאָן — האָט דער אַרצט אַ זאָג געטהאָן ווי פערשעהמט — איהר ערשטער נאָמען איז ביטרים.

— אז איהר ווייסט שוין איהר ערשטען נאָמען, פאָהרט זי שוין ניט אהיים — האָט ניימאַן געזאָגט אין א שטיפערישען טאָן — ניט וואהר, פלאָרא — האָט ער זיך געווענדעט צו זיין געליעבטע.

די נוירס איז געשטאַנען ביי דער טהיר שטאַרק פערשעהמט. דער דאָקטאָר איז צוגעגאַנגען צו איהר, זי אָנגענומען פאר די האנד און געזאָגט :

— מילא, דו זעהסט דאָך אז מען קען זיך פאר די חברה ניט אויסהיטען, טאָ לאָמיר זיי זאָגען דעם אמת.

— איהר דארפט שוין גאָר ניט זאָגען ! — האָט פלאָרא א פרעהליכע אויסגעשריען — איך האָב דאָס נאָך נעכטען, עהער־נעכ־טען געוואוסט.

און צולויפענדיג צו די נוירס, האָט זי זי גענומען קושען, זאָ־גענדיג :

— איך ווינש אייך גליק ! אָה, איך בין יעצט אזוי גליקליך. ביז יעצט האָב איך זיך מיט אייער אלטען ארומגעקריעגט, אָבער פון יעצט אָן וועלען מיר שוין לעבען בשלום. ער איז אפילו ניט מיט אַלעמען... אָבער איך האָף, אז איהר וועט איהם מאכען פאר א לייט.

דאָן האָט זי זיך געווענדעט צום דאָקטאָר, וועמעס געזיכט עס האָט יעצט געשטראַהלט מיט גליק און געזאָגט, רייצענדיג זיך מיט איהם :

— אהא, האָב איך אייך געזאָגט, אז איך וועל זיך שוין מיט אייך אָפּרעכענען פאַר די גאַנצע צייט וואָס איהר האָט זיך גערייצט מיט מיר! איהר וועט נאָך ווייטער אָפּלאַכען פון ליעבע? איהר וועט נאָך ווייטער זאָגען, אז אלע פערליעבטע זיינען משוגעים?

— איך האַלט זיך נאָך אַלץ ביי דער זעלבער מיינונג — האָט דער דאָקטאָר שמייכלענדיג געענטפערט — איך בין אָנגעשטעקט געוואָרען פון אייך...

ניימאַן איז צוגעגאַנגען צו דער נוירס און, אויסשטרעקענדיג צו איהר די האנד, האָט ער געזאָגט אין א ריהרענדען טאָן:

— נעהמט אויך צו מיין גליקס־וואונש. זאָל דאָס גליק אייך ביידען בעגלייטען אויף יעדען טריט און שריט.

נאָכהער האָט ער זיך געווענדעט צום דאָקטאָר און געזאָגט:

— אייך האָב איך פאַר מיין גליק צו פערדאנקען און מיין גאַנ־צען לעבען וועל איך אייך דאנקבאר זיין — איך און פלאָרא. אונזער גליק איז יעצט נאָך פיעל שטאַרקער געוואָרען דערמיט וואָס איהר זייט אויך גליקליך.

דער דאָקטאָר האָט ניימאַן'ען א כאַפּ געטהאָן אין זיינע ארעמס און איהם געגומען קושען, זאָגענדיג אין א טאָן, פול מיט העכסטער פרייד און גליק:

— לאָמיר אלע זיין גליקליך. מיר זיינען דאָס אלע ווערטה. אלע האָבען מיר גענוג געליטען אין לעבען און יעצט האָט אונז דאָס שיקזאַל בעלאָהנט, גוט בעלאָהנט. ניימאַן, אין דיעזען פייערליכען מאָמענט וויל איך פון דיר, אז דו זאָלסט מיר פארשפּרעכען איין זאַך: איך וויל, אז דו זאָלסט מיר מעהר ניט בעטראַכטען אלס א העכערען פון דיר, נור אלס דיינעם גלייכען, אלס דיינער א פריינד און דו זאָלסט מיר ערלויבען צו זאָרגען פאַר דיר, איך זאָל דיר בעזאָרגען מיט א גו־טע בעשעפטיגונג. פערשפּרעכסטו דאָס מיר?

— יא — האָט ניימאַן געענטפערט.

— אָט אזוי ביזטו א וואוילער יונג! — האָט דער דאָקטאָר איהם ליעבליך געקלאַפּט איבער די פּלייצע — אזוי האָב איך דיך ליעב.

דאן האָט ער זיך געווענדעט צו פלאָרא'ן, זאָגענדיג אין א בע־פעהלענדען טאָן :

— מיסס זינגער, דו ווערסט אזוי גוט זיין זיך צוגרייטען צו דער רייזע. איך וועל דיך אהיים פיהרען מיט מיין אָוטאָמאָביל.

— איהר וועט דאָך בלייבען ביי אונז ? האָט פלאָרא זיך גע־ווענדעט צו דער נוירס.

מיסס גאָרדאָן האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף יאָ.

פלאָרא האָט זיך געזעגענט מיט ניימאן'ען, און איז ארויס, צו־זאַמען מיט דעם דאָקטאָר און די נוירס.

---

## דרייצעהנטער קאַפּיטעל.

ווען דער אָוטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט פאר די זינגערס הויז, איז פלאָרא פלוצלונג געוואָרען אומעטיג. דעם גאנצען וועג האָט זי געשטיפּט, געלאכט, אָבער ווי זי האָט דערזעהן איהר וואָה־נונג, האָט די הארץ גענומען אין איהר קלאפּען.

צוקומענדיג צו דער טהיר, האָט אין פלאָרא'ן די הארץ נאָך האסטיגער גענומען קלאפּען. זי האָט זיך בעהאַלטען אונטער דער נוירס' פּלייצע.

— זאָג, ביטרים, איז זי ניט קיין נאר ? — האָט דער דאָקטאָר זיך געווענדעט צו זיין געליעבטע — זעה נאָר ווי זי ציטערט... און דאָס האלט זיך נאָך פאר אַ העלדין. מען דארף איהר ארייַנפיהרען אין איהר אייגען הויז אריין, פּונקט ווי א סקוהל קינד, ווען עס פארפעהלט א פּאָר טעג צו קומען אין סקוהל און די מוטער פיהרט עס אריין צום טיטשער.

דאָס זאָגענדיג האָט ער אַ דריק געטהאָן דאָס עלעקטרישע גלע־קעל אין טהיר.

פון אינעווענינג האָט זיך געהערט טריט און באַלד האָט זיך די טהיר געעפענט און עס האָט זיך בעוויזען מיסעס זינגער, וועלכע האָט זיך מיט טרעהרען ארויפגעוואָרפען אויף די טאָכטער און זי גענומען קושען.

— ווער איז דאָס דאָרט — האָט זיך געהערט פון א ווייטערן צימער זינגער׳ס בייזע שטימע.

— געה אריין צום פּאַפּאַ, פלאָרא־לעבען — האָט די מוטער צו איהר געזאָגט אין א נערוועזען, פערשטיקטען קול, אויסווישענדיג שנעל די טרעהרען פון די אויגען — און זעה, אז דו זאָלסט איהם ניט ברייגגען אין כעס אריין. מיט גוטען וועסטו ביי איהם אלעס פועל׳ן. פרענק איז אויך דאָ.

דערהערענדיג אז פרענק איז דאָ, האָט פלאָרא א דערשראָקענע גענומען לויפען צוריק. אָבער דער דאָקטאָר האָט איהר אָנגעכאפּט און, האַלטענדיג זי פעסט, געזאָגט צו איהר.

— פלאָרא, דו ביזט משוגע? האָסט פערגעסען וואָס מיר האָבען גערעדט? · איך בין דאָך דאָ.

— לאָזט מיר געהן! — האָט פלאָרא מיט אנגסט זיך ביים דאָקטאָר געבעטען, וועלענדיג זיך ארויסרייסען פון זיינע הענד — איך וויל זיך מיט איהם ניט בעגעגענען!

זינגער איז אריינגעקומען אין קאָרידאָר. דערזעהענדיג פלאָרא׳ן און די איבעריגע געסט, האָט ער א זאָג געטהאָן אין א שטעביגען טאָן:

— זעה נאָר, זעה נאָר ווער איך זעה! א גאסט, כ׳לעבען! נו, וואָס שטעהסטו עפּעס ביי דער טהיר?

די פרוי איז צו איהם צוגעגאַנגען און עפּעס געשעפּטשעט צו איהם. זינגער האָט איהר בייז אָבגעשטויסען פון זיך און ווידער אָנגעפאנגען אין דעם זעלבען טאָן וואָס פריהער:

— וואָס האלט איהר זי, דאָקטאָר? אז זי וויל געהן, זאָל זי געהן.

דער דאָקטאָר האָט יעצט אָפּגעלאָזען פלאָרא׳ן, איז צוגעגאנגען צו זינגער׳ן און געזאָגט אין א פריינדליכען טאָן:

— מיסטער זינגער, איז דאָס דער וועג?..

זינגער האָט איהם אָבער ניט געלאָזען ריידען, צושרייענדיג זיך אויפ׳ן קול:

— שתדלנים האָט זי זיך מיטגעבראַכט! זאָל זי געהן צוריק וואו זי איז געווען ביז יעצט. איך וויל מעהר פון איהר ניט וויסען!

— האָב בושה, עס איז דאָך דאָ א פרעמדע פּערזאָן — האָט זיך די פרוי געבעטען ביי דעם אויפגערייצטען מאַן.

זינגער האָט איהר ווידער אָפּגעשטויסען פון זיך און נאָך העכער געשריען:

— איך וויל זי מעהר אין מיין הויז ניט האָבען. איך האָב שוין גענוג חרפות און בושות פון איהר געהאַט, זאָל זי געהן!

די געשרייען האָבען אריינגעבראַכט פרענק'ען, וועלכער איז געווען זעהר צוטראָגען. דערזעהענדיג איהם, האָט זינגער געזאָגט מיט א שטעכיגען שמייכעל:

— אָט איז זי דאָך דאָ! אבי דו האָסט זיך געזאָרגט, אז זי וועט ניט קומען!

— מיסטער זינגער! — האָט פרענק איהם אָנגעכאַפּט פאַר די האַנד.

אָבער זינגער האָט איהם אויך אָבגעשטויסען פון זיך, זאָגענדיג:

— זי טאָר אין מיין הויז זיך ניט געפינען, אויב זי וועט ניט אויפ'ן שטעל צוזאָגען, אז זי וועט מעהר מיט יענעם טרעמפּ קיין ביזנעס ניט האָבען!

דער דאָקטאָר איז צוגעגאַנגען צו פלאָרא'ן און איהר עפּעס געזאָגט אויפ'ן אויער, נאכהער איז ער צוגעגאַנגען צו זינגער'ן און געזאָגט אין א שאַרפען טאָן:

— מיסטער זינגער, איך וויל אייך בלויז זאָגען עטליכע ווערטער און איך בעט אייך איהר זאָלט מיר אויסהערען. געדענקט גוט, איהר וועט בעדויערען פאַר אייער יעצטיגע האנדלונג. טאָמער געהט פלאָרא יעצט אוועק פון דאנען, וועט זי זיך מעהר צו אייך ניט אומקעהרען צוריק. איך וועל איהר ניט לאָזען. איך האָב אייך בעטראַכט פאַר א קלוגען, פּראַקטישען מענשען, איך זעה אָבער, אז איך האָב א טעות געהאַט.

— איז דאָס אַלעס וואָס איהר ווילט מיר זאָגען? — האָט זינגער געזאָגט, קריצענדיג מיט די צייהן.

— שלאָגט מיר ניט איבער, וועל איך ענדיגען — האָט דער אַרצט געענטפערט — איך וויל אייך זאָגען, אז איך האָב ערוואַרטעט פון אייך א פערנינפטיגערע האנדלונג.

— איך וויל ביי אייך ניט פרעגען ווי אזוי איך דאַרף האנדלען — האָט זינגער בייז א בורטשע געטהאָן.

— און איך וויל אייך חלילה ניט צווינגען, איהר זאָלט פאָלגען מיין ראטה — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט — אלס פריינד אָבער וואָרען איך אייך, אז איהר וועט שפּעטער חרטה האָבען. איהר האָט נאָך יעצט צייט צוריקצוציהען אייערע ווערטער, און פלאָרא וועט דאָ פערבלייבען.

— איך האלט אייך מעהר פאר קיין פריינד ניט — האָט זינ־גער נאָך שטאַרקער געליאַרעמט — איהר זייט אין אלעם שולדיג — איהר און ניט קיין אנדערער. הלואי וואָלט איהר דאַמאָלס מיין טעכטעריל ניט געווען דעם לעבען געראַטעוועט, וואָלט מיר יעצט פיעל בעסער געוועזן. איך וואָלט שוין געווען געהאַט פערגעסען אָן איהר און איך וואָלט פערשפּאָרט יעצט צו האָבען חרפּות און בושות. נעכטען בין איך געוועזן קאָלעקטען רענט, האָבען אלע טענענטס מיר געפרעגט: „מיסטער זינגער, עס איז אמת וואָס די ציי־טונגען האָבען געשריבען וועגען אייער טאָכטער?“ איך האָב דאַן געפיהלט, אז ווען עס וואָלט זיך פאר מיר א גרוב געווען געעפענט, וואָלט איך אהין אריינגעשפּרונגען. וואָרום האָסטו מיר מיין פּנים פערשוואַרצט? ! — איז ער מיט אויפגעהויבענע פויסטען צוגעלאָ־פען צו דער טאָכטער.

דער דאָקטאָר האָט איהם פעסט אָנגעכאַפּט פאר ביידע הענד און מיט כעס געשריען:

— איהר וועט ניט וואַגען אויף איהר א האנד ארויפצולייגען, איהר הערט? פלאָרא האָט ניט געוואָלט אהיים געהן, אָבער איך האָב איהר געבעטען און זי האָט עס מיר צוליעב געטהאָן. ווען איהר גיט איהר אָבער אזא ברוך הבא, געהט זי שוין אוועק און איהר וועט זי מעהר אין אייער הויז ניט זעהען.

— טהוט עס מיר צוליעב, מיסטער זינגער! — האָט פרענק

מיט אנגסט געזאָגט — פערצייהעט איהר און איהר וועט זעהען, אז אַלעס וועט זיין אָלל־רייט!

פלאָרא האָט יעצט אין א שארפען, שטאָלצען טאָן א זאָג גע־טהאָן:

— איך פערלאנג ניט קיין פערצייהונג, וואָרים איך בין קיין שום פערברעכען ניט בעגאנגען.

און צוגעהענדיג נעהנטער צום פאָטער, האָט זי צוגעגעבען, קור־קענדיג איהם שארף אין די אויגען אריין:

— פאפּא, דו ביזט יעצט אויפגערעגט און איך קען דארום צו דיין פערשטאנד ניטריידען. איך וועל דארום ריידען צו דיין הארץ. ווילסטו אז דיין קינד זאָל זיין גליקליך אָדער אונגליקליך? איך בין שוין מעהר ניט קיין קינד, מיינע האנדלונגען זיינען ניט קיין לייכט־זיניגע. דו ווילסט עס יעצט ניט בעגרייפען, אָבער שפּעטער וועסטו חרטה האָבען פאר די אַלע ליידען וואָס דו פערשאפסט מיר. מיין פריינד, דאָקטאָר סטענטאָן, קענענדיג מיר גוט, האָט ריכטיג ער־קלעהרט, אז אויב איך געה יעצט אַוועק פון דיר, וועסטו מיר שוין מעהר ניט זעהען פאר דיינע אויגען. איך בעט זיך ניט ביי דיר, אז דו זאָלסט מיר ערלויבען דאָ צו בלייבען. איך האָב וואו צו זיין, און עס איז מיר דאָרט אזוי גוט ווי ביי דיר. מיר האָט אויך ניט אהיים געבראכט דיין רייכטהום. איך דארף קיין רייכטהום, איך בין גליקליך און דאָס שטעהט ביי מיר העכער ווי די גרעסטע עשירות פון דער וועלט. איך בין אָבער אהיים געקומען, ווייל איך האָב גע־דיינקט, אז דו ליידעסט וואָס איך בין אין דער פרעמד, און איבער־הויפּט די מאמע.

זי איז צוגעלאָפען צו דער מוטער און אויסגעבראָכען אין א הארציגען געוויין.

פלאָרא׳ס רייד האָבען אויף דעם פאָטער געמאכט א שטארקע ווירקונג. ער איז יעצט געווען בלאס ווי קאלך און עס איז קענטיג געווען, אז ער פיהרט אָן מיט זיך אן אינערליכען קאמפף. דער טאָכטער׳ס ווערטער האָבען ווירקליך געטראָפען זיין פאָטערליכע

הארץ. פון דער אנדער זייט האָט אָבער זיין דעספּאָטישער כאראק־טער זיך ניט געוואָלט בויגען.

— מאיר, וואָס ווילסטו פון קינד האָבען? וואָס מוטשעסטו זי? זי האָט דאָך שוין באלד קיין כח ניט! — האָט מיסעס זינגער מיט טרעהרען זיך געבעטען ביים מאַן.

— שאררא·פּ! — האָט זינגער צו איהר אויסגעלאָזען דעם כעס, טופּענדיג ווילד מיט די פיס — מען פרעגט ביי דיר ניט, דו אלטע בהמה!

— קום, פלאָרא לעבען! — האָט די מוטער מיט ביטערע טרעה־רען געזאָגט צו דער טאָכטער — איך וועל דאָ אָהן דיר ניט בלייבען. זאָל ער אלעמען פון הויז פערטרייבען. איך וועל מיט דיר מיטגעהן. מיינע טעג זיינען שוין סיי ווי סיי געצעהלטע. אז איך האָב אויס־געהאלטען די פּאָר טעג וואָס דו ביזט דאָ ניט געווען, בין איך פון אייזען. איך וואונדער זיך וואָס איך לעב נאָך. קום מיין קינד און זאָל ער דאָ בלייבען!

— ענטשולדיגט מיר, מיסטער זינגער וואָס איך מיש זיך אריין — איז מיסס גאָרדאָן צו איהם צוגעגאנגען און געזאָגט אין א פריינד־ליכען טאָן — איך בין דאָ א פרעמדע. איהר זעהט מיר ערשט דאָס ערשטע מאָל. איך קען זיך אָבער ניט בעהערשען און איך מוז אייך אויפמערקזאם מאכען, אז איהר האנדעלט זעהר ניט ריכטיג. איך קען זיך מיט אייער טאָכטער אין גאנצען עטליכע טעג און איך קען אייך זאָגען, אז איך האָב איהר אזוי ליעב בעקומען, ווי זי וואָלט געווען מיינע א שוועסטער. איהר דארפט זיין שטאָלץ און גליקליך מיט איהר און צום סוף פּייניגט איהר זי. בעדענקט זיך, מיסטער זינגער, און מאכט ניט קיינע סקאנדאלען, דען איהר וועט עס זיכער שפּעטער בעדויערען.

— זי איז אין דעם אלעם שולדיג, ניט איך — האָט ער געענט־פערט אין א ווייכען·טאָן, אָן וועלכען עס איז קענטיג געווען, אז ער איז בערייט אלעם נאָכצוגעבען.

— מיר וועלען שפּעטער וועגען דעם ריידען — האָט די נוירס ווייטער געזאָגט מיט דער זעלבער פריינדליכקייט — איך וועל דאָ

פערבלייבען מיט אייער טאָכטער און מיין בעסטע פריינדין, אויב איהר האָט נאַטירליך ניט דאַגעגען.

— איך טרייב חלילה קיינעם ניט פון הויז — האָט זינגער געזאָגט נאָך אין א ווייכערען טאָן און עס איז שוין גאָר ניט קענטיג געווען, אז מיט א פּאָאָר מינוט צוריק איז ער געווען מלא רציחה — יעדער אנשטענדיגער מענש איז ביי מיר א ליעבער גאסט.

— איך האָף, אז איהר וועט ניט ענטוישט ווערען וואָס אנבעלאַנגט מיין אַנשטענדיגקייט — האָט די נוירס ווייטער גערעדט, וועהרענד א זיסער שמייכעל האָט געשוועבט איבער איהר סימפּאַטישע געזיכט — דאָס קען איך דער דאָקטאָר בעשטעטיגען — האָט זי געוואָרפען א ליעבליכען בליק אויף דעם ארצט — און אויב איהר נעהמט מיך צו אלס גאסט, ווילט איהר דאָך מיר ניט עמפּפאנגען דאָ אין קאָרידאָר...

—ביטע, ערלויבט ווייטער — האָט זינגער מיט א פערשעהמטע מינע אָנגעוויזען מיט דער האנד אויף דעם צימער, וואָס איז געווען דער נעהענטסטער פון קאָרידאָר.

— איהר מיינט דאָך ניט בלויז מיר אליין — האָט מיסס גאָרדאָן ווידער ליעבליך געשמייכעלט.

— וואָס האָט מען זיך עפּעס דאָ אוועקגעשטעלט! — האָט זינגער כלומרשט זיך צושריען, אָבער עס איז קענטיג געווען, אז דער פריהעריגער כעס איז שוין יעצט אין גאנצען פון איהם פערשוואונדען.

— כא, כא, כא! — האָט דער דאָקטאָר אויסגעבראָכען אין א פרעהליכען, הארציגען געלעכטער — דאכט זיך, מיסטער זינגער איז שוין ניט קיין יונגערמאנטשיק און דאָך קען נאָך א פריילין אויף איהם האָבען אן איינפלוס? — האָט ער זיך געווענדעט צו דער ווירטהין, וועלכע איז יעצט געווען גליקליך וואָס איהר מאן האָט זיך ענדליך געלאָזען איבערבעטען.

זינגער איז א פערשעהמטער אריין אין צימער. דער דאָקטאָר האָט א כאַפּ געטהאָן זיין געליעבטע אונטער'ן אָרעם און זי וואָרעם צוגעטוליעט צו זיך, אונטער דעם צווייטען אָרעם האָט ער אָנגע־

גומען פלאַרא׳ן, און זיי זיינען אויף אריין אין דעם זעלבען צימער. פרענק איז געווען זעהר ערביטערט. ער איז עפּעס געווען שטאַרק אונצופריעדען פון זיין כלה׳ס נייע פריינדין. קיינער האָט איבער דעם הארטען, שטאָלצען זינגער׳ן ניט געקענט האָבען קיין איינפלוס, נאָר זי — האָט ער געטראכט — און זיין הארץ האָט געשראָקען, אז זי זאָל וויטער איהר איינפלוס איבער איהם ניט אויסאיבען... א טיעפע פיינדשאפט האָט ער געפיהלט צו דיעזער אונבעקאנטער פריילין.

דער דאָקטאָר האָט פאר אַלעמען פאָרגעשטעלט מיסס גאָרדאָן און נאכהער זיי ערקלעהרט, אז דאָס איז זיין צוקינפטיגע לעבענס־בעגלייטערין. דיעזע נייעס האָט אריינגעגעבען נאָך מעהר פרעה־ליכקייט אין דער אַלגעמיינער שטימונג. זינגער און זיין פרוי האָ־בען דעם דאָקטאָר און זיין געליעבטע געוואונשען גליק, פרענק האָט זיי אויך גראטולירט, אָבער אין זיין הארצען האָט זיך אלץ מעהר פערשפרייט דער ביטערער געפיהל, ער האָט זיך אלץ מעהר געשראָ־קען, אז ער וועט פלאָרא׳ן ענדליך פערלירען.

— וואָס ביזטו ניט מכבד עפּעס די געסט? — האָט זינגער אין א פרעהליכען טאָן א זאָג געטהאָן צו דער פרוי, און ווענדענדיג זיך צו דעם דאָקטאָר און מיסס גאָרדאָן, האָט ער צוגעגעבען — זיצט, ביטע!

מיסעס זינגער איז ארויסגעגאנגען. פלאָרא איז איהר נאָכ־געלאָפען, ערקלעהרענדיג, אז זי וועט איהר העלפען.

דער דאָקטאָר האָט זיך אוועקגעזעצט. זעהענדיג ווי פרענק איז צוטראָגען, האָט ער צו איהם געזאָגט:

— וואָרום זיצט איהר ניט?

— איך מוז אוועקגעהן — האָט פרענק געענטפערט אין א נער־וועזען טאָן.

— וואו דארפסטו דאָס פלוצלונג געהן? — האָט זינגער איהם געפרעגט.

— איך דארף אַטענדען געוויסע זאכען — האָט פרענק אונגע־דולדיג געענטפערט.

— בלייב דאָ, וועסט שפּעטער אטענדען — האָט זינגער צו איהם געזאָגט אין א בעפעהלענדען טאָן.

פרענק האָט זיך ניט ווילענדיג אַוועקגעזעצט.

מיסעס זינגער איז אריינגעקומען, טראָגענדיג אויף א טאַץ ליקער און ווײַן. נאָך איהר איז נאָכגעגאַנגען פלאָרא, וועלכע האָט אויך געטראָגען אויף א טאַץ געבעקס. זינגער האָט געהייסען פלאָרא'ן זי זאָל זיך אַוועקזעצען. ער האָט אָנגעגאָסען א גלעזעל ווײַן און געטרונקען א טאָאַסט פאַר דעם געזונד פון דעם דאָקטאָר און זיין געליעבטע. דאן האָט פלאָרא דאָס זעלבע געטהאָן. זי איז געוועזען מונטער, פרעהליך. איהר הארץ איז יעצט געוועזען פול מיט האָפנונג, אז דער פאָטער וועט מעהר ניט שטערען איהר גליק.

די פרעהליכע שטימונג איז אָבער באלד געשטערט געוואָרען. עס איז געקומען די רייהע אויף פרענק'ען. זינגער האָט אָנגעגאָסען א גלעזעל ווײַן און עס איהם דערלאַנגט. פרענק האָט זיך האסטיג אויפגעשטעלט. זיין געזיכט איז געוועזען בלייך ווי קאַלך און אין זיינע אויגען האָט זיך אַ ווילדער כעס אָבגעשפּיעגעלט. אין א פערשטיקטע שטימע האָט ער אָנגעפאנגען, ריידענדיג די גאנצע צייט צום דאָקטאָר:

— איך ווינש אייך גליק אין דעם נייעם שריט וואָס איהר נעהמט יעצט אין לעבען. איך וועל זיך בענוצען מיט דער געלעגענהייט און וועל אייך זאָגען א פּאָאַר זייטיגע ווערטער: דאָקטאָר, איהר זייט יעצט גליקליך, בעט איך אייך, איהר זאָלט ניט צושטערען מיין גליק. איהר דאַרפט שוין יעצט פיהלען ווי עס פיהלט איינער וואָס געפינט זיך אין מיין לאַגע. איך האָב שוין גענוג וועגען דעם גערעדט מיט אייך. איך בעט אייך בלויז...

— זעץ זיך אַוועק, פרענק! — האָט זינגער אויסגעשריען, א קלאַפּ טהוענדיג מיט דער האנד אָן טיש — יעצט איז ניט דער פּלאַץ וועגען דעם צו ריידען.

פרענק האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט דער געהאָרכזאַמקייט פון א גוט קינד.

דער דאָקטאָר האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט אין א ליעב־ליכען טאָן, ווענדענדיג זיך צו אלע אנוועזענדע:

— פון טיעפען הארצען דאנק איך אייך, מיינע פריינדע, פאר אייערע ערנסטע און פריינדליכע צואווינשונגען. און יעצט וועל איך אייך, מיסטער פרענק, ענטפערען אויף אייערע רייד — האָט ער זיך געווענדעט צו פלאָרא'ס חתן, וועלכער איז יעצט געווען נאָך מעהר צוטראָגען, ווי פריהער — איך האָב אייך שוין ניט איינמאָל ערקלעהרט, אז פלאָרא האנדעלט דאָ ווי איהרע אייגענע געפיהלען דיקטירען איהר. פלאָרא בעזיצט איהר פאָטער'ס פעסטען, אונ־בויגזאמען כאראקטער און אין דיעזער הינזיכט קען קיינער אויף איהר ניט ווירקען. קיינער וועט ניט לייקענען, אז איהר ליידעט און מען פיהלט צו אייך סימפאטהיע, אָבער צו דער זעלבער צייט נעהמט מען אויך אין אנבעטראכט פלאָרא'ן. זי האָט אויך א הארץ... קורץ, איך וויל, אז איהר זאָלט פארשטעהן, אז עס איז דאָ קיינעם ניט צו בעשולדיגען.

— איך ווייס אָבער! — איז פרענק ווידער האסטיג אויפגע־שפרונגען — אז פלאָרא...

זינגער האָט איהם ווידער ניט געלאָזען ריידען, זאָגענדיג:

— איך וועל קיינעם יעצט ניט ערלויבען מעהר וועגען דער אנ־געלעגענהייט קיין וואָרט צו ריידען. מיר וועלען נאָך האָבען גענוג צייט וועגען דעם צו שמועסען.

— מיסטער זינגער האָט אבסאָלוט רעכט — האָט דער דאָק־טאָר זיך אָבגערופען — לאָזט דאָס איבער צו דער צייט. אז יעדער צד קאָכט זיך, קען מען צו קיין שלום ניט קומען. מיט גוטען, מיט איבערלייגונג קען מען פיעל מעהר אויפטהאָן אין אזעלכע אנגעלע־גענהייטען.

פלאָרא, וועלכע איז די גאנצע צייט וואָס פרענק און דער דאָק־טאָר האָבען גערעדט געזעסען ערנסט פערטראכט, האָט זיך געווענ־דעט צום פאָטער, ער זאָל איהר ערלויבען צו זאָגען בלויז א פאָר ווער־טער. זינגער האָט איהר ניט געוואָלט ערלויבען, אָבער אויף דער ביטע פון דעם דאָקטאָר, מיסס גאָרדאָן און זיין פרוי ,האָט ער ענד־

ליך איינגעווילִיגט, בעמערקענדיג איהר, אז קיין לאנגען „ספיטש“ זאָל זי ניט האַלטען. זי האָט זיך ניט אויפגעשטעלט און אָנגעפאנ־גען אין א געלאַסענעם טאָן :

— פאפא, דו האָסט מיר ביז יעצט ניט געגעבען קיין געלעגענ־הייט, איך זאָל פאר דיר מיין הארץ עפענען, די בעגרייפסט דארום מיר ניט און דיינקסט, אז איך האנדעל ניט ריכטיג.

— איך האָב דאָך געזאָגט, אז איך וועל מעהר וועגען דעם יעצט ניט ערלויבען צו ריידען — איז זינגער שוין געוואָרען אין כעס און ניט געלאָזען די טאָכטער ענדיגען, — איך האָב געדיינקט, אז דו ווילסט עפעס אנדערש זאָגען.

— טאָ לאָז זשע מיר ענדיגען — האָט פלאָרא זיך געבעטען ביים פאָטער.

— וועגען דעם קיין איין וואָרט ניט ! האָט זינגער מיט כעס געקלאפט אין טיש אריין.

— איך וויל בלויז זאָגען צו פרענק׳ען א פאָר ווערטער — האָט פלאָרא זיך ווייטער געבעטען ביי איהם.

— קיין איין וואָרט ניט יעצט ! וועסט נאָך מיט איהם ריי־דען — האָט זינגער אַלץ ניט געוואָלט נאָכגעבען.

— דער פאפא האָט רעכט — האָט מיסס גאָרדאָן געזאָגט צו פלאָרא׳ן — לאָזט דאָס איבער אויף אן אנדערס מאָל.

דער דאָקטאָר האָט זיך אויפגעשטעלט, ערקלעהרענדיג, אז ער מוז שוין אוועקגעהן. פרענק האָט זיך אויך אויפגעהויבען און גע־זאָגט צום דאָקטאָר, אז ער געהט מיט איהם.

— און וואָס מאכט עפעס אייער פאציענט, איך מיין ניי־מאן׳ען? — האָט זינגער געפרעגט ביים דאָקטאָר.

אין פלאָרא׳ן האָט יעצט די הארץ גענומען טאנצען פון שמחה, הערענדיג אז דער פאָטער אינטערעסירט זיך מיט איהר געליעבטען און זי האָט זיך געוואונדערט, ווי עס קומט צו איהם אזא פלוצליכע ענדערונג. אָבער גאנץ אנדערש האָט פרענק יעצט געפיהלט. איהם האָבען זינגער׳ס ווערטער געשטאָכען ווי געגליהטע שפיזען און ער האָט זיך אויך געוואונדערט פון וואנען עס קומט צו דיזען הארטען

מענשען אזא שנעלע ענדערונג. ער האָט דאָך ביז יעצט ניימאן'ס נאָמען אויף זיינע ליפּען ניט געוואָלט ארויפברייגגען. אנדערש ווי „טרעמפּ" האָט ער איהם ניט גערופען, און טאקע דאָ האָט ער איהם פריהער מיט דעם זעלבען נאָמען אָנגערופען. ער האָט געקוקט אויף דעם ווירטה מיט בייזע, שטעכיגע בליקען.

— ער איז אָלל־רייט — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, זיי־ענדיג אויך איבערראשט פון זינגער'ס פראגע — ער געהט שוין ארום און די טעג וועט ער פערלאָזען דעם האָספּיטאל.

— איהר ווייסט וואָס איך האָב בעשלאָסען — האָט זינגער ווייטער געזאָגט — ער בעקומט פון מיר דריי הונדערט דאָללאַר און זאָל ער זיך געהן געזונטערהייד.

פלאָרא האָט אויפגעציטערט. איהר געזיכט איז פּלוצלונג בלייך געוואָרען און די פריהעריגע פרייד איז מיט אמאָל פערשוואונ־דען פון איהר הארצען. זי האָט עפּעס געוואָלט זאָגען, אָבער דער דאָקטאָר האָט צו איהר א וואונק געטהאָן, אַז זי זאָל שווייגען און אליין האָט ער געזאָגט:

— מיסטער ניימאן וועט ביי אייך קיין איין סענט ניט נעהמען. איהר האָט זיך דאָך שוין איבערצייגט, אז ער וויל קיין געלד ניט, און ער נייטיגט זיך ניט אין קיין געלד. איך וועל איהם נאָך היינט בעזאָרגען מיט א גוטען דזשאב. ער וועט ווערען א רעפּאָרטער פון א גרויסע ענגלישע צייטונג און ער וועט בעקומען גוטע וויידזשעס.

זינגער'ס יעצטיגע ווערטער האָבען פרענק'ען זעהר דערפרעהט, ער האָט געזעהן, אַז ער האָט פריהער א טעות געהאט, ווען ער האָט געדיינקט, דאָס פלאָרא האָט דעם פאָטער אויף איהר זייט און ער האָט זיך אָבגערופען אין אַ וואַזשנעם טאָן, ווענדענדיג זיך צום דאָקטאָר:

— נישט־קשה, ער וועט נעהמען די דריי הונדערט דאָלאַר, און איך וועל איהם אויך געבען אַזוי פיעל — האָט ער נאָך מיט מעהר וואַזשנעקייט צוגעגעבען — זעקס הונדערט דאָלאַר איז אַ שעהנע סומע געלד. ער איז גאָר ניט אַזאַ נאַרר, אַז ער זאָל זיך וואַרפען מיט געלד.

פלאָרא איז יעצט נאָך מעהר אויפגערעגט געוואָרען, זי האָט ווידער געוואָלט עפּעס זאָגען, אָבער דער דאָקטאָר האָט איהר דאָס מאָל אויך געגעבען א בעפעהל אויפ׳ן וואונק, אז זי זאָל שווייגען און ער האָט זיך אָבגערופען:

— אויך אייער געלד וועט מיסטער ניימאן ניט נעהמען. איהר קענט איהם ניט, מיסטער פרענק. ניט נאָר זעקס הונדערט דאָלאר, זאָנדערען זעקס הונדערט טויזענד דאָלאר וועט ער ניט נעהמען. זיין שטאָלץ, זיין מענשען ווירדע איז ביי איהם טהייערער פון מיל־יאָנען.

— א שטאָלצער קבצן — האָט פרענק מיט א שטעכיגען שמייכעל בעמערקט.

— ריכטיג, אזוי איז ער טאַקע — האָט דער דאָקטאָר צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ — און איך האָב ליעב אַזעלכע מענשען. אַ מענש דאַרף אימער הויך שעצען זיין פּערזענליכע ווירדע און דער וואָס בעזיצט ניט דיעזען געפיהל איז ענטוועדער אַ שמאַטע אָדער אַ גראָבער, עקעלהאַפטער עגאָאיסט — האָט ער געענדיגט אין אַ צווײידײטיגען טאָן.

פלאָרא האָט לייכט אָבגעאָטהעמט. עס האָט איהר שטאַרק הנאה געטהאָן וואָס דער דאָקטאָר האָט אזוי שעהן פערטהיידיגט איהר געליעבטען און אין דער זעלבער צייט דערלאַנגט א פּאָרציע פרענק׳ען.

— און איך האָב אויך ליעב אַזאַ מענשען — האָט זיך זינגער אָבגערופען — אַ מענש וואָס לאָזט אויף זיך טרעטען, וואָס ערלויבט מען זאָל איהם שפּייען אין פּנים אַריין — אזאַ מענש האָט ביי מיר קיין ווערטה ניט. איהר האָט רעכט, דאָקטאָר, אַזאַ פּאַרשוין איז אַ שמאַטע.

זינגער איז דאָ גאָר ניט אויסען געוועזן. ער האָט בלויז צוגעשטימט צו דעם דאָקטאָר׳ס מיינונג. אָבער פרענק׳ען האָבען וויעדער דיעזע רייד געשטאָכען און ער האָט וויעדער געקוקט מיט בייזע און ערשטוינענדע בליקען אויף זינגער׳ן, מורא האָבענדיג

אז ער זאָל נאָך עפּעס ערגערעס ניט הערען, האָט ער זיך געווענדעט צום דאָקטאָר, זאָגענדיג:

— קומט, איהר געהט?

— ווארט נאָך איין ווייל׳ע — האָט זינגער פערהאַלטען דעם ארצט — איך האָב צו אייך אַ בקשה. וועט איהר מיר ערלויבען איהם צו זעהן, איך מיין ניימאַן׳ען? איך וויל בלויז מיט איהם אַ פּאָאר ווערטער ריידען.

— געוויס וועט דער דאָקטאָר ניט האָבען דאַגעגען — האָט פלאָרא פערכאַפּט, מורא האָבענדיג, פיעלייכט וועט דער ארצט ניט ערלויבען — איך וועל מיט דיר פאַרנאַכט צוגעהן צו איהם.

— איך פרעג דאָך ניט ביי דיר! — האָט דער פאָטער עט־וואָס בייזליך געזאָגט — ערשטענס, ביזטו דאָך ניט דער באָס פון האָספּיטאַל, צווייטענס, וויל איך ניט, אז דו זאָלסט זיין דערביי. ווען איך וועל מיט איהם ריידען.

— איך האָב ניט דאַגעגען — האָט דער דאָקטאָר געענט־פערט — איך וועל אָנזאָגען, אז מען זאָל אייך צו יעדער צייט צו־לאָזען צו איהם.

— ווילט איהר אפשר, אז איך זאָל מיט אייך מיטגעהן? — האָט פרענק געפרעגט ביי זינגער׳ן.

— איך דאַרף ניט קיין בעגלייטער — האָט זינגער וויעדער מיט כעס געענטפערט — איך קען אַליין טרעפען דעם וועג.

פלאָרא׳ן האָט שוין יעצט ניט פערדראָסען פאַר וואָס דער פאָטער וויל איהר ניט מיטנעהמען. די הארץ האָט איהר אזוי גע־שראָקען, ווען פרענק האָט ערקלעהרט, אז ער וויל מיטגעהן מיט׳ן פאָטער...

דער דאָקטאָר האָט זיך געזעגענט מיט די זינגערס, נאכהער האָט ער זיך געווענדעט צו זיין געליעבטע, זאָגענדיג צו איהר אין דער שטיל:

— לייג זיך צו און רוה זיך אויס, טהייערע. דו ביזט דאָך מיעד. אבענדס וועסטו קומען, ווי געוועהנליך אין האָספּיטאַל אריין און דו זאָלסט אריינשיקען צום סופּעראינטענדענט דיין „רעזיג־

ניישאן". ער וועט שוין וויסען די אורזאכע — האָט ער צוגעגעבען מיט א ליעבליכען שמייכעל, וועלכער האָט געמאכט פלאַמען איהר געזיכט — און ווען ניימאן וועט ארויס פון האָספּיטאל, וועסטו שוין מעהר אהין ניט קומען.

דאן האָט ער זיך געווענדעט צו פלאָרא'ן, זאָגענדיג מיט דעם זעלבען גליקליכען שמייכעל אויף זיינע ליפּען:

— איך וויל, אז דו זאָלסט גוט אכטונג געבען אויף ביטריס'ען, דו הערסט?

— טאקע גוט וואָס איהר דערמאָנט מיר — האָט פלאָרא גע־ענטפערט אויך מיט א שמייכעל — איך האָב זי ליעבער ווי אייך. איהר גיט בעסער אכטונג אויף ניימאַן'ען. ער האָט דאָך דאָרט קיינעם ניט.

— וואָס סוד'עט איהר זיך דאָרט? — האָט זינגער אין א גוט־מוטהיגען טאָן געפרעגט.

— מעגסט הערען, פּאפּא — האָט פלאָרא געענטפערט, לאַ־כענדיג אויפ'ן קול — ער זאָגט מיר אָן, אז איך זאָל אַכטונג געבען אויף זיין געליעבטע.

— איהר קענט זיין רוהיג — האָט זינגער פריינדליך געקלאַפּט דעם דאָקטאָר איבער דער פּלייצע — זי איז ביי אונז א ליעבער גאַסט.

דער דאָקטאָר האָט זיך העפליך פערנייגט און איז אַרויס מיט א גליקליכע מינע אויף זיין געזיכט.

פרענק, זאָגענדיג א קאַלטען „גוד־באַי", איז איהם נאָכגעגאַנ־גען.

* * *

ארויסקומענדיג אויפ'ן גאַס האָט דער דאָקטאָר זיך געזעגענט מיט פרענק'ען און געוואָלט צוגעהן צום אוטאָמאָביל. פרענק האָט איהם אָבער פערהאַלטען, זאָגענדיג:

— איהר געדיינקט איהר האָט מיר פערשפּראָכען, אז איהר וועט מיר ערלויבען זיך צו זעהן מיט ניימאַנ'ען.

— גנעווים געדיינק איך עס — האָט דער ארצט געענטפערט.

— איך וויל, אַז איהר זאָלט מיר ערלויבען יעצט זיך צו זעהן מיט איהם.

— ווארום גראד יעצט?

— ווייל איך קען דאָס שוין לענגער ניט אריבערטראָגען. איך פיהל, אַז איך פערליער דעם זינען. איך מוז איהם היינט זעהן.

— וואָס זשע וועט ניימאַן דען אייך דערצו העלפען?

— אָה, ער קען מיר זעהר פיעל העלפען, ווען ער זאָל נאָר וועלען...

— צום ביישפּיעל?

— ער זאָל פערלאָזען ניו יאָרק. ווען ער וועט דאָ ניט זיין, וועט פלאָרא שנעל איהם זיך ארויסשלאָגען פון איהרע געדאַנקען.

— עס וועט זיין אומזיסט אייער בעמיהען זיך. ניימאַן וועט ניו יאָרק ניט פערלאָזען.

— לאָזט דאָס איבער צו מיר, דאָקטאָר. איהר וועט זעהן, אַז ער וועט יא אוועקפאָהרען פון דאַנען, לאָמיך נאָר מיט איהם ריידען.

פריינק האָט גערעדט אין אַ זיכערען, פעסטען טאָן. דער דאָקטאָר האָט אַ ווייליע געשוויגען, בעטראַכטענדיג זיין בעגלייטער מיט פאָרשענדע בליקען, נאַכהער האָט ער זיך אָפּגערופען:

— איך זאָג אייך נאָך אמאָל, מר. פרענק, אַז אייער אָנ־שטרענגונג וועט זיין אומזיסט. ניימאַן וועט דאָ בלייבען.

— און איך פערזיכער אייך, אַז ווען ניימאַן וועט דאָ ניט זיין, וועט פלאָרא אין אַ גאַנץ קורצע צייט אַן איהם פערגעסען און צווישען אונז וועט אַלעס זיין אָלל־רייט.

דער דאָקטאָר האָט געשמייכעלט.

— איך וויים אַז איהר גלויבט מיר ניט — האָט פרענק ווייטער גערעדט אין דעם זעלבען פעסטען, זיכערען טאָן — איהר וועט זיך אָבער איבערצייגען, אַז איך האָב רעכט געהאַט.

— הערט מיר אויס, מיסטער פריינק — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט מיט דעם זעלבען שמייכעל — איך בין ניט קיין ספּאָרט און

האָב ניט ליעב צו וועטען. אָבער אין דיעזען פאַל וועט איך אייך טויזענד דאָלאַר אויף מיין האָספּיטאַל געגען אייערע פינף הונדערט דאָלאַר, אויב איהר וועט בעוועגען ניימאַן׳ען, אז ער זאָל פערלאָזען נויאָרק.

— געהט עס! — האָט פרענק אויסגעשריען, אָנכאַפּענדיג דעם דאָקטאָר׳ס האַנד — איך נעהם אָן אייער וועט.

— כאַפּט ניט און לאָזט מיר אויסריידען — האָט דער ארצט ארויסגעצויגען זיין האַנד פון פרענק׳ס — איך וויל ניט, אז עס זאָל דאָ זיין א מיספערשטענדניס. די בעדינגונג פון מיין געוועט איז ניט, אז ניימאַן זאָל אוועקפאָהרען פון דאַנען אויף א געוויסע צייט (אַבוואָהל דאָס וועט אויך ניט פּאַסירען). איך מיין, אז איהר זאָלט פועל׳ן ביי ניימאַן׳ען, אז ער זאָל זיך ענטזאַגען פון פלאָראַ׳ן. יעצט פערשטעהט איהר מיך?

— איך פערשטעה אייך גאַנץ גוט און איך נעהם אָן אייער וועט — האָט פרענק נערוועז געענטפערט, ווידער אָנכאַפּענדיג דעם דאָקטאָר׳ס רעכטע האַנד.

אין פרענק׳ס אויגען האָט יעצט געבלישצעט א מאָדנער פייערל, וועהרענד דער ארצט האָט ווייטער גוטמוטהיג געשמייכעלט. איהם האָט די געשיכטע אמוזירט, ווי א גוטער שפּאַס.

— הייסט עס, אז איהר וועט ווירקען אויף ניימאַן׳ען, אז ער זאָל זיך פון פלאָראַ׳ן אין גאַנצען ענטזאַגען — האָט דער דאָקטאָר שפּאַסיג בעמערקט.

— אַבסאָלוט — האָט פרענק צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— און ווי אזוי וועלען מיר דאָס וויסען?

— ניימאַן וועט דאָס זעלבסט ערקלערען.

— מיסטער פרענק — האָט דער דאָקטאָר פריינדליך ארויפגעלעגט זיין האַנד אויף זיין בעגלייטער׳ס שולטער — עס איז א שאָד אויף אייערע פינף הונדערט דאָלאַר, און איך גיב אייך נאָך יעצט א געלעגענהייט צוריק צו ציהען אייער וועט. זעהט איהר, אזוי ווי עס איז מעגליך אז דיעזער אָטאָמאָביל זאָל פערוואַנדעלט ווערען אין א דאַמפּף־שיף — האָט ער אָנגעוויזען אויף זיין מאַ־

שין — אזוי איז מעגליך, אַז איהר זאָלט ווירקען אויף ניימאַנ׳ען, אַז ער זאָל אויפהערען צו ליעבען פלאָראַ׳ן (אַז פלאָראַ זאָל איהם אויפהערען צו ליעבען — וועגען דעם וויל איך גאָר יעצט ניט רייד־ דען).

— ווען ווערען מיר דאָך זעהען. דערוויף האָבען מיר זיך דאָך גע־ ווענט — האָט פרענק געלאַסען געענטפערט.

אין זיינע אויגען האָט ווידער א בליטץ געטהאָן דער זעל־ בער פייער׳ל וואָס פריהער. דער דאָקטאָר האָט דאָס ניט בעמערקט. ער איז געווען פערטראַכט, פאָרשטעלענדיג זיך די סצענע וואָס עס וועט זיך אָבשפּיעלען צווישען פרענק׳ען און ניימאַן׳ען און אָן זיין געזיכט איז קענטיג געווען, אַז דאָס האָט איהם זעהר אַמו־ זירט.

— ווען ווילט איהר געהן צו ניימאַן׳ען ? — האָט דער דאָק־ טאָר געפרעגט ביי פרענק׳ען.

— כאָטש שוין — האָט פרענק געענטפערט אין א נערוועזען טאָן.

— איך וועל אייך אויפשרייבען א „פּעסס“, וועט מען אייך צו ניימאַן׳ען אריינלאָזען.

דער דאָקטאָר האָט ארויסגענומען פון בוזים־טאַש א וויזיט־ קאַרט, אויפגעשריבען עטליכע שורות און דאָס דערלאַנגט פרענק׳ען, זאָגענדיג מיט א שמייכעל :

— איך ווינש אייך ערפאָלג.

— איך דאַנק אייך — האָט פרענק זיך פערנייגט מיט א גע־ מאַכטען שמייכעל און איז שנעל אוועק.

---

## פיערצעהנטער קאַפּיטעל.

ווען דער דאָקטאָר איז אריין אין הויז, האָט איהם זיין בע־ דיענער געמעלדעט, אַז א פריילין וויל איהם זעהן.

— אודאי א פּאַציענט. זאָג איהר, אַז זי זאָל קומען פאַר־ נאַכט — האָט דער אַרצט צו איהם געזאָגט — און דאָס זעלבע

זאָלסטו ערקלערען יעדען וואָס וועט יעצט קומען. איך בין זעהר מיעד און וויל זיך צולעגען אויף א פּאָר שטונדען.

דער בעדיענער איז ארויס, אָבער אין א פּאָר מינוטען ארום האָט ער זיך צוריק אומגעקעהרט, ערקלעהרענדיג, אַז די פריילין איז ניט קיין פּאציענט און אַז זי בעט דעם דאָקטאָר, ער זאָל איהר שענקען בלויז א פּאָר מינוטען צייט.

— אָלל־רייט — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט — פיהר זי אריין אין עמפּפאנגס־זאאל. איך וועל אהין באלד אריינקומען.

דר. סטענטאָן איז ערשטוינט געוואָרען דערזעהענדיג דעם ניוס־דיעלער'ס טאָכטער, ראָזי. ער האָט זיך אָבער באלד קאָנטראָלירט, איז צוגעלאָפען צו איהר און, בעגריסענדיג זי העפליך, האָט ער געזאָגט:

— ענטשולדיגט מיר וואָס איך האָב אייך געלאָזען אזוי לאנג ווארטען. איך האָב ניט געוואוסט, אַז דאָס זייט איהר.

די מיידעל איז געווען זעהר צוטומעלט. איהרע באקען האָבען געפלאמט פון רויטקייט און פון איהרע אויגען האָט א טיעפער אומעט ארויסגעקוקט.

— וואָס זשע ווילט איהר זאָגען עפּעס גוטעס? — האָט דער דאָקטאָר ווידער אָנגעפאנגען מיט דער זעלבער פריינדליכקייט, אוועקזעצענדיג זיך לעבען דער מיידעל.

ראָזי האָט טיעף אָפּגעזיפצט און געזאָגט אין א שטילער, ציטערענדער שטימע:

— איך בין געקומען צו אייך מיט א ביטע, דאָקטאָר, און איך האָף, אַז איהר וועט דאָס מיר ניט ענטזאגען.

— אויב עס וועט נאָר מעגליך זיין, וועל איך מיט פערגעניגען ערפילען אייער פערלאנג — האָט דער ארצט העפליך א נייג געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

— איהר זייט דער איינציגער, וועלכער קען מיר העלפען אין מיין יעצטיגע לאגע — האָט ראָזי ווידער אָנגעפאנגען — און דאָ־

רום וועגד איך זיך צו אייך. מיין בקשה צו אייך איז, אז איהר זאָלט מיר צונעהמען אין אייער האָספּיטאַל אַלס נוירס.

— איך וועל דאָס מיט פערגעניגען פאר אייך טהאָן — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט — אָבער ענטשולדיגט מיר פאר מיין דרייסטקייט: ווי קומט צו אייך עפּעס פּלוצלונג דיעזער פערלאַנג?

ראָזי האָט ווידער טיעף אָבגעזיפצט. איהר געזיכט האָט יעצט נאָך שטארקער געפלאַמט. זי האָט אַרונטערגעלאָזען די אויגען צו דער ערד און געענטפערט:

— דאָס איז יעצט מיין איינציגער וואונש אין לעבען. ווען דיעזער וואונש פערווירקליכט ווערען, בלייב איך לעבען, אויב ניט, האָט דאָס לעבען ביי מיר קיין שום ווערטה ניט.

דער דאָקטאָר האָט פון פלאָרא'ן שוין געוואוסט וואָס עס קומט פאָר אין ראָזי'ס הארצען, און ער האָט מיט איהר שטארק מיטלייד געהאַט. ער איז געוועזן זעהר צופרידען, וואָס ער האָט א געלעגענהייט איהר צו העלפען. ער האָט איבערהויפּט קיינמאָל ניט ענטזאָגט, ווען מען פלעגט זיך צו איהם ווענדען נאָך א טובה. אָבער אין די שטימונג, אין וועלכער ער האָט זיך יעצט געפונען, האָט ער געוואָלט טהאָן בלויז גוטעס. די גאַנצע וועלט האָט ער געוואָלט בעדאַנקען פאר זיין פּלעצליכען גליק. ענדליך האָט ער זיך אָפּגע־רופען מיט פאָטערליכער צערטליכקייט אין זיין שטימע:

— אייער יעצטיגע לאַגע איז מיר גוט בעקאַנט, אָבער איך קען ניט פארשטעהן ווארום איהר האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַזעלכע טרויעריגע געדאַנקען.

— ווער האָט אייך דערצעהלט, וועגען מיר? — איז ראָזי פערציטערט געוואָרען.

— פלאָרא האָט מיר אַלעס נעכטען דערצעהלט. איהר דאַרפט אויף איהר ניט פאראיבעל האָבען דערפאר, דען זי איז אייך אַן אמת'ע פריינדין. זי האָט מיטלייד מיט אייך און זי וואָלט געווען גליקליך ווען זי זאָל אייך עפּעס קענען העלפען. זי איז ניט געוועזן אויסען אייך צו פערראַטהען, ווען זי האָט מיר איבערגעגעבען דעם

געשפּרעך וואָס איהר האָט געהאַט מיט איהר, ווען זי האָט אייך נעכטען בעגלייט.

ראָזי איז געזעסען שטום מיט אַן אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ, ווע־רענד דער דאָקטאָר האָט ווייטער גערעדט:

— זיינען אייערע עלטערן ניט דאַגעגען אייער בעשלום?

— זיי ווייסען נאָך ניט דערפון — האָט ראָזי געענטפערט, ניט ענדערענדיג איהר פּאָזע — איך האָב בעשלאָסען פריהער זיך מיט אייך צו זעהן.

— און ווען זיי וועלען זיין דאַגעגען?

— איך האָף, אַז זיי וועלען יא צושטימען. איך וועל זיי בע־טען.

— ווילט איהר פיעלייכט, אַז איך זאָל מיט זיי רײדען?

— איך וויל אייך ניט בעמיהען. איך גלויב, איך וועל דאָס אליין ביי זיי פּועל'ן.

— זייט איהר פעסט איבערצייגט ביי זיך, אַז איהר וועט ניט קיין חרטה האָבען אויף דיעזען שריט און פיהלט איהר זיך פעהיג צו דיעזער פּראָפעסיאָן?

— איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, אַז איך בעטראַכט דאָס אלס די איינציגע רעטונג פון מיין לעבען, און וואָס אַנבעלאַנגט מיין פעהיגקייט, — דאָס ווייס איך ניט. איך וועל זיך אָבער סטאַ־רען צו ערפילען אַלעס, וואָס מען וועט פערלאַנגען פון מיר.

— פון אַ נוירס פאָדערט זיך הויפּטזעכליך איין זאַך — גע־דולד. א נוירס מוז בעזיצען געדולד פון א מלאך. מען האָט אימער צו טהאָן מיט קראַנקע, ניט נאָרמאַלע מענשען, מען מוז האָבען געדולד אויסצושטעהן אַלע זייערע קאַפּריזען.

— איך גלויב, אַז איך בעזיץ דיזע אייגענשאַפט אין א היבשע מאָס.

— אויב אַזוי וועט איהר זיין אַ גוטע נוירס, און אויב אייערע עלטערן וועלען ניט האָבען דאַגעגען, קענט איהר אפילו היינט נאָך

אָנקומען אין האָספּיטאַל אַריין. פאַר נאַכט וועל איך ריידען מיט דער „העד נוירס“ וועגען אייך, זי איז אַן עדעלע פרוי און זי וועט אייך לערנען וואָס איהר האָט צו טהאָן.

— איך האָב ניט קיין ווערטער אום אייך אָבצודאַנקען פאַר די גרויסע טובה וואָס איהר האָט מיר יעצט געטהאָן! — האָט ראָזי מיט טרעהרען אין די אויגען אויסגעשטרעקט צום דאָקטאָר די האַנד.

דער דאָקטאָר האָט איהר וואַרעם געדריקט די האַנד און געזאָגט:

— איהר האָט מיר גאָר ניט וואָס צו דאַנקען. איך האָב דאָ קיין אויסערגעוועהנליכעס ניט געטהאָן. איך ווינש אייך ערפאָלג אין אייער נייער פּראָפעסיאָן. דאָס ערשטע האַלבע יאָהר וועט איהר זיך לערנען ווי אַזוי אַרומצוגעהן מיט קראַנקע, נאַכהער וועל איך אייך צונעהמען צו זיך און וועט איהר וועט זיין צוויי יאָהר אין האָספּיטאַל, וועט איהר בעקומען אַ דיפּלאָמאַ און דאַן וועט איהר קענען גאַנץ גוט פערדיענען. אויב איהר וועט וועלען אַרויסטרעטען פון האָספּיטאַל, וועל איך אייך רעקאָמענדירען צו מיינע פּריוואַט־פּאַציענטען.

— ניט דאָס איז מיין פּלאַן, דאָקטאָר — האָט ראָזי געזאָגט אין אַ טרויעריגען טאָן — איך וויל ניט ווערען אַ נוירס, אום איך זאָל אַ סך געלד פערדיענען. מיין צוועק איז אַ גאַנץ אַנדערער.

דער דאָקטאָר, זעהענדיג אַז זי ליידעט פון דיעזער בעמערקונג, האָט חרטה געהאַט וואָרום ער האָט דערמאָנט וועגען געלד. ער האָט דאָס געוואָלט פערגלעטען און געזאָגט:

— איך ווייס אַז דאָס איז ניט אייער הויפּט צוועק, איך האָב דאָס גלאַט דערמאָנט פאַרבייגעהענדיג און אויב איך האָב אייך דערמיט פערשאַפט אונאַנגענעהמליכקייט, בעט איך אייך אום פערצייהונג.

— איך וועל פון דעם האָספּיטאַל קיינמאָל ניט אַרויסטרעטען — האָט ראָזי ווייטער גערעדט — איך וועל דאָרטען בלייבען מיין גאַנצען לעבען.

אין איהר טאָן האָט געקלונגען אַ טיעפּער יאוש.

— אזוי זאָגען אלע וואָס קומען צו לערנען זיך אלס נוירס — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט מיט אַ ליעבליכען, גוטמוטהיגען שמייכעל — אָבער טאקע אלע, ווי עס איז מיר בעקאנט פון מיין לאַנגיעהריגער ערפאהרונג. אָבער שפּעטער לאָזט זיך גאָר אַנדערש אויס. פיעלע האָבען חתונה פאר דאָקטוירים, אַנדערע לאָזען זיך אוועק מאַכען געלד, און דאָס איז טאַקע גאַנץ נאַטירליך.

— ביי מיר וועט דיעזער פאל ניט זיין — האָט ראָזי געזאָגט אין אַ פעסטען, בעשטימטען טאָן — איך וועל אין האָספּיטאל שוין אויסלעבען אלע מיינע יאָהרען.

— מיר וועלען זעהען וואָס עס וועט זיך אויסלאָזען אין אַ פּאאר יאָהר ארום — האָט דער דאָקטאָר זיך געסטאַרעט צו בעשטרייטען איהר בעהויפּטונג — אַ מענש דאַרף זיך ניט בעטראַכטען אלס אַן אויסנאַהמע. מיר זיינען אלע מענשען מיט די געוועהנליכע גוטע און שלעכטע אייגענשאַפטען. דאָס לעבען בעזיעגט דעם מענשען, ניט דער מענש דאס לעבען; דאָס לעבען איז מעכטיגער פון אונז. במעט יעדע פריילין וואָס בעשליסט צו ווערען אַ נוירס, טהוט דאָס ניט אוים ליעבע צו דיזער פּראָפעסיאָן. זיי זיינען אלע כמעט ענטטוישט פון לעבען; יעדע פון זיי האָט געהאט אַ „דיסאַפּאָינטמענט" אין ליעבע, און צווישען די קרעבצען, זיפצען און שמערצענס-געשרייען פון די קראַנקע האָפען זיי צו פערטויבען זייערע אייגענע שמערצען און ליידען. אָבער די צייט היילט אוים זייערע וואונדען און זיי זוכען מיט דער צייט ווידער צו געניסען פון לעבען, און דאָס איז, ווי איך האָב שוין פריהער געזאָגט, גאַנץ נאַטירליך.

— איך האָב געהאָפט צו זיין גליקליך — האָט זי מיט פּאַרשטיקטע טרעהרען געזאָגט — איך בין אָבער ביים סאַמע אָנפאַנג ענטטוישט געוואָרען. איך בעשולדיג אָבער קיינעם ניט. קיינער האָט מיר קיין שלעכטעס ניט געטהאָן. אָבער מעהר וועל איך אין לעבען קיין גליק ניט זוכען. איך האָב מיר שוין מיין לעבענספּראָגראַם אויסגעארבייט, און איך האָף איהם דורכצופיהרען.

דער דאָקטאָר האָט איהר ווידער געגומען טרייסטען, ער־קלעהרענדיג איהר, אז זי רעדט זעהר נאַאיוו און אז זי איז נאָך צו יונג אום צו בעגרייפען דאָס לעבען. ער האָט איהר פאַרזיכערט, אז זי וועט דעם פראָגראַם, וואָס זי האָט אויסגעארבייט, ניט דורכ־פיהרען און אַלס ביישפּיעל האָט ער איהר דערצעהלט בקיצור זיין אייגענע לעבענס־געשיכטע און אויך די ביאָגראַפיע פון זיין גע־ליעבטע.

ראָזי האָט דעם דאָקטאָר הערצליך גראַטולירט מיט זיין גליק און איהם נאָך אמאָל געדאַנקט פאַר זיין פריינדליכקייט צו איהר.

— איהר וועט זעהן, אז מיט אייך וועט זיך אויך אזוי אויס־לאָזען — האָט דער דאָקטאָר איהר ווידער געטרייסט — דאָס שיקזאַל איז ניט אַזוי גרויזאַם ווי מען דענקט. עס בעלאָחנט ענד־ליך דעם מענשען פאַר זיינע ליידען.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך געזעגענט מיט'ן דאָקטאָר, וועלכער האָט איהר אַרויסבעגלייט. ביי דער טהיר האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט עטוואָס פערשעהמט:

— ווי לאַנג וועט מיסטער ניימאַן בלייבען אין האָספּיטאַל?

— ער וועט די טעג אַרויסגעהן — האָט דער דאָקטאָר גע־ענטפערט — אנטקעגען וואָס פרעגט איהר דאָס?

— ווען ער וועט ארויס, וועל איך אָנקומען — האָט ראָזי געענטפערט, ווערענדיג נאָך מעהר פערשעהמט.

— איהר זייט דען ברוגז אויף איהם וואָס איהר ווילט זיך מיט איהם ניט בעגעגענען?

— ברוגז? — חלילה — האָט ראָזי טרויעריג געשמייכעלט — איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אז איך בעשולדיג איהם ניט, איך בעשולדיג קיינעם ניט. איך ווינש איהם און זיין געליעבטע אַלל־דאָס־גוטס. אָבער בעגעגען זיך מיט איהם וויל איך ניט. איך וויל איהם זיין גליק ניט שטערען.

— ניימאַן וועט דערפון ליידען, דען ער האָט צו אייך און איי־ער פאַמיליע די בעסטע געפיהלען און איך דיינק, אז איהר האָנ־

דערלט ניט ריכטיג — האָט דער דאָקטאָר אָפּענהערציג בעמערקט.

— דאָס איז איין פּונקט פון מיין לעבענס־פּראָגראַם — האָט ראָזי מיט אַ זיפץ געזאָגט — איך וועל מעהר מיסטער ניימאַן'ען ניט זעהען.

* * *

ווען פרענק איז אַוועק פון דאָקטאָר סטענטאָן'ען, איז ער אַריין אין די באַנק, וואו ער האָט געהאַלטען זיין געלד און אַרויס־גענומען טויזענד דאָלאַר. פון דאָרט איז ער אַוועק אין האָספּיטאַל אַריין. וויזענדיג דעם דאָקטאָר'ס „פּעסס" האָט מען איהם צוגע־פיהרט צום צימער, וואו ניימאַן איז געלעגען און ער איז אַריין.

ניימאַן, דערזעהענדיג דיעזען אונערוואַרטעטען גאַסט, איז אַ ביסעל ערשטוינט געוואָרען, ער האָט זיך אָבער באַלד בעהערשט און איהם בעגריסט מיט אַ פריינדליכע מינע, בעטענדיג איהם, ער זאָל זיך זעצען.

אין פרענק'ען האָט די האַרץ גענומען האַסטיג קלאַפּען, ער האָט זיך אָבער מיט אַלע קרעפטען געסטאַרעט צו בעהערשען זיך און צו זיין פריינדליך. ער האָט געפרעגט דעם קראַנקען ווי ער פיהלט זיך און אויסגעדריקט זיין בעדויערען וואָס עס האָט מיט איהם געטראָפען דיזער פאַל. ניימאַן האָט איהם פריינדליך בע־דאַנקט און איהם ערקלערט, אַז ער פיהלט זיך שוין געזונד, אַז ער קען שוין אפילו היינט פערלאָזען דעם האָספּיטאַל.

ביי די לעצטע ווערטער האָט פרענק אַ לייכטען ציטער געטהאָן.

— מיין וויזיט מוז אייך געוויס וואונדערען — האָט פרענק נאָך אַ קורצע פּויזע געזאָגט אין אידיש, אום די נוירס זאָל ניט פאַרשטעהן.

— יאַ, עס וואונדערט מיך ווירקליך — האָט ניימאַן אָפּענ־הערציג געענטפערט אויך אין אידיש — אָבער יעדענפאַלס זייט איהר ביי מיר אַ ליעבער גאַסט.

— איך האָב מיט אייך זעהר וויכטיגעס צו ריידען — האָט פרענק ווייטער געזאָגט אין דער זעלבער שפּראַך, ווערענדיג אַליין

נערוועזער — ווילט איהר אזוי גוט זיין און הייסען די נוירס ארויסגעהן אויף א ווײלע?

ניימאַן האָט געבעטען די נוירס זי זאָל פערלאָזען דאָס ציר־מער, וואָס זי האָט גלייך געפאָלגט. דאַן איז ער ארונטער פון בעט, אָנגעטהאָן דעם שלאָף־ראָק און זיך אַוועקגעזעצט לעבען פרענק׳ען. ער איז יעצט אויך געווען זעהר צוטראָגען. עפּעס האָט איהם די האַרץ זעהר געשראָקען. דאָס איז ניט געווען קיין פּחד פאַר פרענק׳ען. ער האָט פאַר איהם קיין מורא ניט געהאַט. ער איז בערייט געווען איהם צו זאָגען דעם גאַנצען אמת אונערשראָקען. דיעזע שרעק, וואָס האָט זיך יעצט אריינגע׳גנב׳עט אין זיין האַרצען, איז געווען אַן אונבעוואוסטע.

— איך וועל אייך ערקלערען דעם צוועק פון מיין יעצטיגען וויזיט אָהן הקדמות — האָט פרענק געזאָגט, סטאַרענדיג זיך צו ריידען געלאַסען — איך וועל גלייך צוגעהן צו דער זאַך. ווייסט איהר, מיסטער ניימאַן, אַז איהר האָט מיר געטהאָן אַ שרעקליכע עולה? ווייסט איהר, אַז אויסער די שאַנדע, האָט איהר מיר פערשאַפט זעהר פיעל שמערצען?

— איך ווייס עס — האָט ניימאַן אין אַ רוהיגען אָבער שאַר־פען טאָן געענטפערט — אָבער איך בין דאָ גאָר ניט שולדיג.

— וואָס מיינט איהר, אַז איהר זייט גאָר ניט שולדיג? — האָט פרענק שוין אויפגעהויבען זיין שטימע.

— אוב איהר ווילט, אַז איך זאָל אייך ענטפערען, מוזט איהר ריידען אַביסעל שטילער, מוזט איהר ריידען ווי אַ מענש, ווי אַן אנשטענדיגער מענש — האָט ניימאַן געזאָגט מיט שטאָלץ, קוקענדיג אויף דעם גאַסט מיט שטרענגע בליקען — שרייען קען איך אויך.

— איך שריי, ווייל מיר טהוט וועה, ווייל מיין האַרץ איז פערוואונדעט — האָט פרענק געזאָגט שוין אין אַ שטילערען טאָן.

— האָב איך אייך דאָך שוין געזאָגט, אַז איך בין אין אייע־רע ליידען ניט שולדיג — האָט ניימאַן געענטפערט — און איך

מאַך אייך נאָך אַמאָל אויפמערקזאַם, אַז אויב איהר ווילט מיט מיר ריידען, זאָלט איהר זיך האַלטען אַנשטענדיג, ווי אַ דזשענ־טעלמאַן.

ניימאַן'ס שטאָלצע האַלטונג האָט פרענק'ען נאָך מעהר אויפ־גערעגט. „אַזאַ קבצן און איז אַזוי שטאָלץ ביי זיך!" האָט ער גע־טראַכט. ער האָט זיך אָבער געמוזט אונטערוואַרפען זיין בעפעהל, זעהענדיג, אַז אַנדערש וועט ער מיט איהם גאָר ניט מאַכען, און ער האָט ווידער אָנגעפאַנגען אין אַליין אַ מילדערן טאָן:

— איהר מיינט צו זאָגען, אַז ניט איהר זייט שולדיג, נאָר פלאָראַ, ניט וואַהר?

— איך זעה, אַז איהר פערשטעהט מיר ניט — האָט ניימאַן געענטפערט — פלאָראַ איז אויך ניט שולדיג — אויב עס איז איבערהויפּט דאָ אין דעם פאַל אימיצען צו בעשולדיגען, איז דאָס קיין אַנדערען ווי איך — האָט ער געענדיגט אין אַ שאַרפען טאָן.

— מיך? — האָט פרענק מיט אַנגסט אויסגעשריען, סטאַ־רענדיג זיך ניט אויפצוהויבען זיין קול — איך בין שולדיג? — האָט ער זיך געקלאַפּט אין דער ברוסט — איך?... איך?...

— ניט קיין אַנדערער — האָט ניימאַן רוהיג צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— פלאָראַ זאָגט אויך דאָס זעלבע — האָט פרענק ווידער אָנגעפאַנגען מיט אַ פערשטיקטען אָטהעם — איהר האָט זיך ביי־דע אָבגערעדט מיר דעם זעלבען ענטפער צו געבען. איך בין שול־דיג... וואָס מיינט איהר דערמיט?

— אויב פלאָראַ האָט אייך דעם זעלבען ענטפער געגעבען, האָט זי דאָך וואַהרשיינליך אייך אויך ערקלעהרט וואָס זי מיינט דערמיט. אין דיעזען פאַל איז מיין ערקלעהרונג שוין איבעריג.

פרענק'ס געזיכט האָט זיך אויסגעקרימט פון כעס. ווי וואַגט ער אָנצורופען זיין כלה ביי דעם נאָמען! אונטער אַנדערע אומ־שטענדען וואָלט ער אַזאַ חוצפּה ניט געוועזן פאַרשוויגען. ער האָט

זיך אָבער מיט אַלע קרעפטען בעהערשט, אום ניט צו מאַכען קיין סקאַנדאַל און ווייטער געזאָגט מיט געמאַכטער רוהיגקייט:

— עס איז אמת, פלאָרא האָט מיר אַלעס ערקלערט, אָבער איהר ערקלעהרונג איז אַ פאַלשע. איך פיהל זיך דאָ גאָר ניט שול־דיג. איבריגענס, דאַרף איך זיך פאַר קיינעם ניט פאַרענטפערען — האָט ער שטעכיג צוגעגעבען — איך בין אַהער געקומען מיט אייך צו ריידען וועגען ביזנעס.

— וועגען ביזנעס? — האָט ניימאַן אויף איהם אויסגע־שטעלט אַ פּאאר שטרענגע אויגען.

— יאַ, איך האָב צו אייך אַ ביזנעס „פּראָפּאָזישאַן“. איך גיב אייך טויזענד דאָלאַר אַלס בעלאָהנונג וואָס איהר האָט מיט אייער בלוט געראַטעוועט דאס לעבען פון מיין כלה און איך פערלאַנג פון אייך בלויז איין זאַך.

— אַזוי, טויזענד דאָלאַר גיט איהר מיר?! — האָט ניימאַן איראָניש איבערגעפרעגט.

— יאָ, טויזענד דאָלאַר בעקומט איהר אויפ'ן שטעל — האָט פרענק געזאָגט מיט שטאָלץ — טויזענד דאָלאַר אין קעש, אויב איהר וועט מיר פאַרשפּרעכען די זאַך וואָס איך פאָדער פון אייך.

— טויזענד דאָלאַר אין קעש?! — האָט ניימאַן איראָניש געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— אָט איז דאָס געלד! — האָט פרענק אַרויסגענומען אַ פּעַ־קעלע פּאַפּיער־געלד — ביי מיר איז אַ וואָרט אַ וואָרט.

— און וואָס פערלאַנגט איהר אַזעלכעס פון מיר?

— ניט עפּעס אויסערגעוועהנליכעס, אַ קלייניגקייט פאָדער־איך פון אייך — איך וויל, אַז איהר זאָלט פערלאָזען ניו יאָרק.

— דאָס אַלעס? טאַקע אַ קלייניגקייט... אָבער זאָגט מיר, איך בעט אייך, לוינט זיך אייך צוליעב אַזאַ קלייניגקייט צו בעצאָהלען אַזאַ גרויסע סומע געלד? איהר זייט דאָך עפּעס אַ ביזנעס מאַן...

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז די טויזענד דאָלאַר גיב

איך אייך, דערפאר וואס איהר האט געראטעוועט דאס לעבען פון מיין כלה.

— און וואס שאדעט עס אייך אזוי שטארק אז איך בין אין נויארק ?

— וואס מאכט איהר זיך אזוי קינדיש, מיסטער ניימאן. איהר ווייסט דאך, אז אויב איהר וועט דא זיין, וועט ווייעדער זיין די זעל־בע געשיכטע. פלארא האט זיך אריינגענומען א משוגעת אין קאפ אריין...

— אזוי, א משוגעת !.. און אז איך וועל אוועק פון דאנען, וועט זי זיך דאס „משוגעת“ פון קאפ ארויסשלאגען.

— פאזיטיוו, עס איז ביי מיר קיין שום צווייפעל ניט וועגען דעם.

אין ניימאן'ען האט שוין די גערולד געפלאצט און ער האט א זאג געטהאן אין א שארפען טאן :

— מיסטער פרענק, איהר האט זיך אומזיסט מטריח געוועזן. איך בין ניט קיין ביזנעס־מאן... פון דעם געשעפט וועט גאר נישט ווערען.

— וואס מיינט איהר ? — האט פרענק איהם אנגעקוקט מיט בייזע בליקען.

— דאס, וואס איהר האט געהערט. איך נעהם ניט אן אייער פארשלאג.

— וואס הייסט ? — איז פרענק צוטומעלט געווארען.

ניימאן האט זיך אויפגעשטעלט און, אומגעהענדיג איבער'ן צימער, האט ער געזאגט :

— מיסטער פרענק, איהר זייט דאך א ביזנעס מאן און איהר ווייסט דאך אז „צייט איז געלד“. עס איז א שאד די צייט אייערע.

— איהר האט זיך פיעלייכט בעליידיגט וואס איך גיעב אייך אזא קליינע סומע ? — האט פרענק ווייעדער אנגעפאנגען — איך...

— מיסטער פרענק, איך וויל מעהר קיין ווארט וועגען דעם

ניט הערען! — האָט ניימאַן מיט כעס אַ טופּע געטהאָן מיט'ן פוס — איהר זייט יעצט מיין גאַסט, וויל איך אייך ניט בעליידי־גען, זאָנסט וואָלט איך אייך געוויעזען וואָס עס הייסט מיר מאַכען אַזאַ שמוציגען פאָרשלאַג.

— אַ שמוציגען פאָרשלאַג? — האָט פרענק ביטער געשמיי־כעלט.

— יאַ, אַ שמוציגער, אַ געמיינער פאָרשלאַג איז דאָס! — האָט ניימאַן, ווערענדיג אַלץ מעהר אויפגערעגט, געענטפערט — ביי אייך, ביזנעס־לייט, איז פערקויפען געפיהלען, פערקויפען דאָס געוויסען אַ קלייניגקייט... איך בין אָבער ניט קיין ביזנעס־מאַן. ניט נאָר מיט טויזענד דאָלאַר, נאָר מיט אייער גאַנצען פערמעגען, ווי רייך איהר זאָלט ניט זיין, קענט איהר ביי מיר ניט קויפען מיינע געפיהלען, כאָטש איך בין אַן אָרימאַן.

— ענטשולדיגט מיר, איך האָב ניט געוואוסט, אַז איהר וועט זיך בעליידיגען — האָט פרענק שוין גענומען ריידען מיט חניפה — איך האָב געדיינקט, אַז איהר נויטיגט זיך אין געלד און איך האָב אייך איינפאַך געוואָלט אויסדריקען מיין דאַנקבאַרקייט.

— ווי שעהמט איהר זיך ניט אַזוי צו ריידען? איהר זעהט דאָך שוין, אַז איהר האָט דאָ ניט צו טהאָן מיט קיין אינגעל. אייער דאַנקבאַרקייט האָט איהר געוואָלט אויסדריקען... און וואָס איז עפּעס מכח דעם, אַז איך זאָל פערלאָזען נויאָרק? אויף אייער פערלאַנג אַוועקפאָהרען פון דאַנען!...

אין פרענק'ען האָט זיך יעצט צופלאַקערט דער כעס. ער זאָל זיך דאַרפען אַזוי בעטען ביי דיעזען אָרימען יונג, וועלכער איז נעגאַנגען פערקויפען אַ קוואָרט בלוט פאַר פופציג דאָלאַר! ער האָט זיך אָבער דערמאָהנט אַן פלאָרא'ן, וועלכע שטויסט איהם אָב פון זיך. אין זיין מוח האָט אויפגעלעבט די פריהערדיגע סצענע ביי זינגער'ן אין הויז. עפּעס איז איהם זינגער'ס האַלטונג פאַרגע־קומען מאָדנע. ביז יעצט האָט ער זיך אויף איהם געשטיצט. טאָ־מער האָט מען דעם אַלטען איבערגערעדט און ער וועט צושטימען

צום שידוך. ניין, דאס טאָר ניט געשעהען, דאָס וועט ניט געשעהען! אַלעס מוז זיך ענדיגען יעצט. ער מוז פון דאנען אװעק מיט דער זיכערהייט, אז פלאָרא בלייבט זיינע, אז ניימאַן וועט זיך פון איהר אָבטשעפּען. אָבער ווי אזוי קען דאָס געשעהען?

ער האָט פערשטיקט אין זיך דעם כעס און וויעדער אָנגעפאַנגען, סטאַרענדיג זיך צו זיין וואָס פריינדליכער:

— מיסטער ניימאַן! — געהענדיג אהער צו אייך, איז מיין הארץ געווען פול מיט האָפענונג, אז איהר וועט מיר פערשטעהן, אז איהר וועט בעגרייפען מיין לאַגע. צום סוף זייט איהר אזוי שטרענג צו מיר, איהר ווילט מיר זאָגאר ניט אויסהערען.

— איך בין שטרענג ווייל איך קען ניט פערטראָגען קיין בעליידיגונג — האָט ניימאַן געענטפערט, אװעקזעצענדיג זיך צוריק אויפ'ן בעט — און אויסגעהערט האָב איך אייך מיט אויפמערקזאַמקייט.

— איך האָב אייך נאָך אַלעס ניט ערקלערט און איך בעט אייך, איהר זאָלט מיר שענקען נאָך אביסעל געדולד און מיר וויי־טער אויסהערען.

— אָבער וועגען געלד, בעט איך אייך, אז איהר זאָלט מעהר קיין וואָרט ניט דערמאָהנען.

— ניט וועגען דעם וויל איך יעצט מיט אייך ריידען, נאָר וועגען מיינע געפיהלען. האָט איהר זיך געשטעלט די פראַגע, ווי איך פיהל פון דיזער געשיכטע? ווייסט איהר, אז איך געה די גאַנצע צייט ארום אזוי ווי משוגע?

— הייסט עס, אז איהר פאָדערט פון מיר אן ענטפער, אן ערקלערונג — האָט ניימאַן געלאַסען גערעדט — דעם אמת געזאָגט, פיהל איך זיך מאָראַליש ניט פערפליכטעט אייך דערויף צו אַנטוואָרטען, אָבער דאָך וועל איך אייך געבען אן ערקלערונג. איהר קענט מיר ניט און איהר קענט צווייפלען אין די אויפריכטיגקייט פון מיינע רייד. אָבער איך זאָג אייך דעם ריינעם אמת, דען איך בין א מענש וואָס האס ליגען. אלזאָ, ווען איך האָב גענומען פיהלען,

אז איך ליעב פלאָרא'ן, האָב איך ניט געוואוסט צוויי זאכען: איך האָב ניט געוואוסט אַז זי איז אַ רייך קינד און אויך, אַז זי איז פערלאָבט צו אייך. איהר מעגט עס מיר גלויבען אָדער ניט — אָבער דאָס איז די ריינע וואהרהייט. איהר קענט מיר אַלזאָ ניט חושד זיין אַז איך בין אויסען איהר געלד. אָבער ווען איך וואָלט געוואוסט, אַז זי האָט אַ חתן, וואָלט איך געווים אונטערדריקט מיינע געפיהלען.

— אָבער יעצט ווייסט איהר דאָך שוין! — האָט פרענק אַ זאָג געטהאָן מיט נאָך מעהר כעס.

— יעצט איז שוין צו שפּעט — האָט ניימאַן אין אַ שאַרפען אָבער געלאַסענעם טאָן געענטפערט.

— וואָס מיינט איהר?!

— גאַנץ איינפאַך. עס איז שוין יעצט צו שפּעט צו אונטער־דריקען די געפיהלען, און איהר פערשטעהט דאָס זעלבסט אויך.

אין פרענק'ען האָט זיך נאָך שטאַרקער צופלאַקערט דער כעס. ער האָט געוואָרפען אויף ניימאַנ'ען אַ שטעכיגען בליק און גע־זאָגט:

— איך וויל אייך ווייזען, אַז איך בין אַ דזשענטעלמאַן און איך גיעב אייך נאָך אַ מאָל אַ געלעגענהייט, איהר זאָלט זיך פאַר־בעסערען אייער לאַגע, דאָ האָט איהר די טויזענד דאָלאַר און פער־לאָזט ניו יאָרק.

דאָס זאָגענדיג האָט ער איהם דערלאַנגט דאָס פּעקעלע פּאַפּיער־געלד.

ניימאַן האָט מיט כעס אַ שליידער געטהאָן דאָס געלד אין געזאָגט אין אַ בייזען טאָן, אָנווייזענדיג מיט דער האַנד אויף דער טהיר:

— נעהמט אייער געלד און געהט אַרויס פון דאַנען! איהר זאָלט שוין פערלאָזען דאָס צימער!

— אַזוי! איהר טרייבט מיר אַרויס פון דאַנען, מיסטער ניי־מאַן?! — האָט פרענק ווילד געקריצט מיט די צייהן — איך...

— איך האָב אייך גענוג געוואָרנט, אַז איהר זאָלט מיך ניט בעליידיגען — האָט ניימאַן נאָך שאַרפער יעצט גערעדט. איך האָב אייך געזאָגט, אַז מיר קויפט מען ניט מיט קיין געלד.

פרענק האָט מיט טרייסלענדע הענד אַ כאַפּ געטהאָן דאָס געלד, און צוגעהענדיג מיט האַסטיגע טריט צו דער טהיר, האָט ער געזאָגט, שטעכענדיג דערביי ניימאַנ׳ען מיט זיינע ווילדע בליקען:

— מיסטער ניימאַן, מיר וועלען זיך נאָך זעהען. אונזער רע־כענונג איז נאָך ניט געסעטעלט. אויב איהר האָט ניט געוואָלט, אַז איך זאָל האַנדלען געגען אייך ווי אַ דזשענטעלמאַן, וועל איך מוזען מיט אייך אַנדערש האַנדלען.

— איהר סטראַשעט מיר גאָר? — האָט ניימאַן זיך צולאַכט איראָניש.

— וועלל, מיר וועלען שוין זעהען.

— איך מוז אייך זאָגען, אַז איך בין אַ קנאַפּער פּחדן, מיסטער פרענק.

— איך וויים וואָס איהר זייט, מיין הערר!

— זעהר גוט.

פרענק איז פּלוצלונג אָבגעשפּרונגען פון דער טהיר און צו־טרעטענדיג נאָהענט צו ניימאַנ׳ען, האָט ער געזאָגט:

— מיינע פריהערדיגע אַרגומענטען האָבען גאָר ניט געווירקט. פּיעלייכט וועט דיעזער פאַקט אייך עפענען די אויגען און איהר וועט ענדליך וויסען וואָס איהר האָט צו טהאָן.

ער האָט טיעף אָבגעאָטהעמט און, טרייסלענדיג זיך ווי אין אַ פיבער, האָט ער פּאָרטגעזעצט, ריידענדיג שנעל און אין אַ פער־שטיקטער שטימע:

— איך האָב דאָס געוואָלט אויסמיידען, איך האָב געדיינקט אַז איך וועל קענען אויסקומען אָהן דעם, אַז איך וועל ניט דאַרפען פאַר אייך מיין גאַנצע האַרץ עפענען, אַלע מיינע געהיימניסע דער־ציהלען, אָבער ליידער בין איך געצוואונגען דאָס צו טהאָן. איהר

זאָלט אַלזאָ וויסען, מיסטער ניימאַן, אַז פלאָרא איז ניט בלויז מיין כלה, זי איז... מיין פרוי.

— וואָס? ! — האָט ניימאַן אַ שפּרונג געטהאָן, אַזוי ווי אַ דונער וואָלט איהם געטראָפען. — וואָס האָט איהר געזאָגט? !...

אַ טייפעלשער שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף פרענק'ס געזיכט. ער האָט געזעהען, אַז זיינע רייד האָבען געטראָפען אין ציעל און ער האָט בעשלאָסען נאָך צו גיסען אויל אויף דעם פייער, וואָס האָט זיך איצט צופלאַקערט אין ניימאַן'ס הארצען.

— איך וועל אין מאָנאַטען ניט צונעהמען די קרעפטען, וואָס איך האָב יעצט פערלאָרען, אַרויסגעבענדיג פאַר אייך דיעזע געהיימניס — האָט פרענק ווייטער גערעדט כלומרשט מיט אַנגסט — איך האָב זיך אָבער אַנדערש ניט געקענט העלפען, דען איהר האָט מיט גוטען ניט געוואָלט אָפּטרעטען. אָבער יעצט האָף איך, אַז איהר וועט שוין פאַרשטעהן וואָס איהר האָט צו טהאָן...

ניימאַן איז געשטאַנען בעוועגלאָז ווי אַ פּאַראַליזירטער און געקוקט מיט שטאַרע, אויסגעטאָרטשעטע אויגען אויף פרענק'ען.

פרענק האָט אַ קוק געטהאָן אויף זיין זייגער און געזאָגט:

— איך מוז שוין אַוועקגעהן, אָבער איידער איך געה אַוועק, וויל איך אייך נאָך אַמאָל בעווייזען, אַז איך בין אַ דזשענטעלמאַן. נעהמט צו די טויזענד דאָלאַר, מיסטער ניימאַן.

ניימאַן האָט שוין יעצט ניט פּראָטעסטירט. ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין די זעלבע פּאָזע, שטום, און ער האָט ניט געהערט וואָס פרענק האָט צו איהם גערעדט. זיין מח איז געוועז פערנומען מיט דעם איינעם שרעקליכען געדאַנק: פלאָרא האָט איהם גענאַרט... ער האָט ערוואַכט, ווי פון אַ שרעקליכען חלום ערשט דאַן, ווען פרענק האָט גענומען שטופּען דאָס געלד אין זיינע הענד אַריין.

— מיסטער פרענק! — האָט ער מיט פערשטיקטע טרעהרען אויסגעשריען, אָבשטויסענדיג פון זיך דאָס געלד! — זאָגט מיר דעם אמת, איך בעט אייך! אַ יאָ דאָס וואָס איהר האָט דאָ

פריהער געזאָגט איז ניט וואהר? איהר האָט עס אומישנע געזאָגט, אום איך זאָל פלאָרא'ן פערשטויסען. זאָגט מיר דעם אמת!

— קיין צוויי אמת'ן איז ביי מיר ניטאָ — האָט פרענק געלאַסען געענטפערט — איך האָב אייך דערצעהלט אַן אמת'ן פאַקט און איך בעט אייך, אז מיר זאָלען מעהר וועגען דעם ניט ריידען, וואָרים דאָס פערשאַפט מיר שרעקליכע ליידען.

ער האָט געמאַכט א טריט צו די טהיר. ניימאַן איז איהם פער־שפּרונגען דעם וועג און, אָנכאַפּענדיג איהם מיט ביידע הענד, האָט ער געזאָגט אין א וויינענדיגען טאָן:

— מיסטער פרענק, האָט מיטלייד מיט מיר און זאָגט מיר דעם אמת! איך קען דאָס אויף פלאָרא'ן ניט גלויבען. איך מיין... איך מיין, אַז ווען עס וואָלט ווירקליך אַזוי געוועזן, ווי איהר זאָגט, וואָלט זי מיר... וואָלט זי אייך ניט געוועזן פערשטויסען. עס קען ניט זיין, פלאָרא איז ריין, אונשולדיג ווי א מלאך.

אין פרענק'ען האָט די הארץ געטאַנצט פון פרייד, זעהענדיג ווי ניימאַן ליידעט אַזוי שרעקליך. זיין נקמה־דורשט האָט ער אָבער נאָך ניט געהאַט געלאָשען און ער האָט ווייטער אָנגעפאַנגען אין א געמאַכטען ערנסטען טאָן:

— געווים איז פלאָרא א פיין קינד, דאָס וואָס עס האָט צווי־שען אונז פאַסירט, איז געוועזן מיט אונזער ביידענס צושטימונג. איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, אַז ווען ניט איהר קראַנקהייט, וואָלטען מיר שוין געוועזן יעצט פערהייראַט. און דאָס וואָס איהר וואונדערט זיך וואָרום זי האָט אויסגעהערט אייערע ליעבעס ער־קלעהרונגען און איז פון זיי הינגעריסען געוואָרען — וועלל, א מענש בעגעהט אַמאָל א נאַרישקייט... איך בין אָבער זיכער, אַז זי וואָלט זיך דאָך ענדליך דערמאָנט...

— מיסטער פרענק! — האָט ניימאַן מיט פערבראָכענע הענד זיך ווייטער ביי איהם געבעטען — איך וועל אייך ניט לאָזען אוועק־געהן פון דאַנען און איהר מוזט מיר זאָגען דעם אמת. איך קען אַזא זאַך אויף פלאָרא'ן ניט גלויבען. איך וועל אייך צוזאָגען, אַז

איך וועל אַוועק פון ניו יאָרק, אבי זאָגט מיר דעם ריינעם אמת; און אז איך זאָג עפּעס צו, האַלט איך וואָרט; איהר קענט מיר נאָך ניט. איך וועל אייך אַלעס ענטשולדיגען. איך בעגרייף, אַז אַ מענש אין אייער לאַגע איז אויף אַלעס פעהיג... דער געדאַנק, אַז פלאָראַ האָט מיר ניט פערראַטהען, אַז זי איז ריין און אונשולדיג — אָט דאָס וועט מיר געבען קרעפטען ווייטער צו שלעפּען דעם יאָך פון לעבען. זאָגט מיר דעם אמת, מיסטער פרענק!

—איהר בעליידיגט מיר זעהר שטאַרק, מיסטער ניימאַן — האָט פרענק געזאָגט מיט דער זעלבער געמאַכטער ערנסטקייט וואָס פריהער — און איהר פערשאַפט מיר מיט אייערע רייד שמער־צען. איך קען מעהר וועגען דעם ניט ריידען. אַלעס וואָס איך האָב אייך געזאָגט איז אמת און מעהר האָב איך אייך ניט וואָס צו זאָ־גען. און וואָס אַנבעלאַנגט אייער אַוועקפאָהרען פון ניו יאָרק, איז דאָס מיר יעצט שוין גאַנץ עגאַל. פריהער, איידער איך האָב אייך דאָס ענטדעקט, האָב איך געוואָלט, אַז איהר זאָלט אַוועקפאָה־רען און איך האָב אייך געוואָלט העלפען, און אויך יעצט בעקומט איהר די טויזענד דאָלאַר, אָבער איהר קענט דאָ בלייבען, אויב איהר ווילט.

דער קערל האָט געוואוסט, אַז ניימאַן וועט שוין יעצט אין ניו יאָרק ניט בלייבען, דערפאַר האָט ער עס אַזוי געזאָגט.

פון ניימאַן׳ס ברוסט האָט זיך אַ ביטערער זיפץ אַרויסגעריי־סען, פרענק האָט איהם געטרייסט, אז ער זאָל זיך ניט ערגערען, אז עס פּאַסירען אַזעלכע זאַכען אין לעבען. ער האָט ווייטער גע־רעדט ערנסט, וועהרענד אין האַרצען האָט ער זיך געפרעהט וואָס ער האָט אַזוי גוט געשפּיעלט זיין ראָליע.

— אַלזאָ, איהר נעהמט דאָס געלד? — האָט פרענק ווײ־טער געפרעגט.

ניימאַן האָט שווייגענד געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף ניין.

— גוד באַי! — האָט פרענק צו איהם אויסגעשטרעקט די האַנד — איך האָף, אז מיר וועלען זיך נאָך זעהן. אויב איהר וועט

זיך נויטיגען אין הילף, קומט צו מיר און איך וועל אייך אימער העלפען. איך וועל קיינמאָל ניט פארגעסען וואָס איהר האָט ... טהאָן פאר מיר, דערמיט וואָס איהר גערעטעוועט דאָס לעבען פון מיין פרוי.

די לעצטע ווערטער האָבען ניימאַנ׳ען געטראָפען ווי א גיפ־טיגע פייל אין הארצען. ער האָט ווילד אָנגעכאפּט פרענק׳ס האנד און מיט א פערשטיקטער שטימע, אין וועלכער עס האָט זיך גע־הערט א טיעפער שמערץ און פערצווייפלונג, האָט ער געזאָגט:

— איך וועל אייך ניט לאָזען פון דאַנען אוועקגעהן, ביז איהר וועט זיך ניט מודה זיין, אז דאָס, וואָס איהר האָט מיר יעצט דער־צעהלט, איז ניט וואהר. איך קען דאָס ניט גלויבען! דאָס איז אונמעגליך! ווארום האָט איהר זיך בענוצט מיט אזא שמוציגען מיטעל?

פרענק איז כלומרשט געוואָרען אין כעס. ער האָט ארויסגע־ריסען זיין האנד פון ניימאַן׳ס און געזאָגט בייז:

— איך וויל מעהר אייערע בעליידיגונגען ניט דולדען! וואָס מיינט איהר עפּעס, איהר האָט דאָ צו טהאָן מיט א אינגעל, הא? מיר קאָסטען די רייד בלוט און ער גלויבט מיר ניט! איבעריגענס — האָט ער צוגעגעבען — איהר קענט פרעגען פלאָרא׳ן. זי וועט דאָס ניט אָבלייקענען.

דאָס זאָגענדיג האָט ער האסטיג געעפענט די טהיר און איז ארויס.

ביי די לעצטע ווערטער האָט ניימאַן געפיהלט, אזוי ווי ער וואָלט פלוצלונג ארונטערגעשליידערט געוואָרען פון אַן אונגעהייערע הויכקייט אין א שרעקליך טיעפען אָבגרונד אריין. זיין קאָפּ האָט געגליהט, אין זיינע אויערען האָט ווילד גערוישט, אזוי ווי ער וואָלט א שדים־כאָר געהערט... אין די אויגען איז איהם גע־ווען פינסטער און ער האָט געפיהלט ווי ער זינקט אלץ טיעפער, טיעפער אין דיעזען פינסטערען, אונענדליכען אָבגרונד...

## פופצעהנטער קאַפּיטעל.

פאַר נאַכט האָט זיך ניימאַן ווידער ארויסגע'גנב'עט פון האָספּיטאַל.

ער האָט בעשלאָסען איבערצונעכטיגען אין ניו יאָרק און מאָרגען פאַר־טאָג וועט ער ערגעץ פאָהרען. אין ניו יאָרק וועט ער מעהר ניט בלייבען. ער איז, אוועק אין א ביליגען האָטעל אויף דער באוערי וואו ער האָט גענומען א צימער. ער איז אָבער ניט געשלאָפען. ער האָט א גאנצע נאַכט געשריבען א בריעף צו פלאָרא'ן. א גרויסען בריעף האָט ער געשריבען און ער האָט איהם ניט געענדיגט. ווען עס איז געוואָרען טאָג, האָט ער פערלאָזען דעם האָטעל, איז אוועק צו דער פעררי און איז אריבערגעפאָהרען קיין דזשוירזי סיטי.

די נייעס, אז ניימאַן איז ווידער פערשוואונדען, האָט יעצט אין האָספּיטאַל אָנגעמאַכט מעהר ליארם ווי ווען ער איז דעם ערשטען מאָל נעלם געוואָרען. דער גאנצער האָספּיטאַל איז אומגע־גאנגען ווי אויף רעדלאַך. מען האָט געקערט און געזוכט אין יעדען ווינקעלע, מען האָט געפרעגט ביי אַלע בעדיענער, אָבער פון ניימאַנ'ען איז קיין שפור ניט געווען.

אם מיינסטען האָט געציטערט דער סופּעראינטענדענט. דער פאַקט, אז א פּאַציענט קען ארויס פון האָספּיטאַל אונבעמערקט איז געווען א שארפע קריטיק געגען זיין פיהרען פון דעם האָספּיטאַל. וואָס פיר א תירוץ וועט ער יעצט געבען פאַר דעם דאָקטאָר, פאַר די דירעקטאָרען פון האָספּיטאַל?

דיעזער ליארם איז נאָך פיעל שטארקער געוואָרען, ווען עס איז אָנגעקומען דאָקטאָר סטענטאָן. דיעזער עדעלער, גוטהערציגער מענש איז יעצט פערוואַנדעלט געוואָרען אין א ווילדען טיגער. ער האָט אוועקגעגעבען א היבשע פּאָרציע ניימאַן'ס נוירס, די העד נוירס און די גרעסטע מפלה האָט ארייננעכאַפּט דער סופּעראינ־טענדענט.

— וואָס פאַר אַן אָרדנונג איז דאָ עפּעס, אַז פּאַציענטען קענען פון דאַנען אַנטלויפן? — האָט ער געליאַרעמט.

אַלע זיינען געשטאַנען בלייכע, פערציטערטע און האָבען קיין וואָרט ניט גערעדט. און וואָס האָבען זיי געזאָלט ריידען? זיי האָבען דאָך געוואוסט, אַז עס איז זייער שולד. דער סופּעראינ־טענדענט האָט נאָך דעם זעלבען אָווענד רעזיגנירט פון זיין אַמט.

דער דאָקטאָר איז אָנפאַנגס געווען אַזוי צוטראָגען און אויפגע־בראַכט, אַז ער איז ניט אימשטאַנדע געווען נאָכצודיינקען וועגען די אורזאַכע פון ניימאַן'ס שריט, וואָס האָט איהם יעצט ווידער געצוואונגען צו אַנטלויפען. דער פאַקט, אַז צוויי מאָל איז אַ פּאַ־ציענט פערשוואונדען פון האָספּיטאַל, וועלכעס איז אימער געווען אַ מוסטער פון אַלע האָספּיטאַלס פון ניו יאָרק וואָס אַנבעלאַנגט דיסציפּלין און אָרדנונג — דאָס האָט איהם הויפּטזעכליך שטאַרק געערגערט אין די ערשטע מינוטען. אָבער שפּעטער האָט ער גענו־מען טראַכטען וועגען דעם וואָס עס האָט ניימאַן'ען געטריבען צו אַנטלויפען. ער האָט קיין אורזאַכע ניט געקענט געפינען. ער האָט גענומען די נוירס אויף אַ קרייץ־פערהער. דאָ האָט ער זיך דערמאָנט, אַז פרענק איז געווען ביי ניימאַנ'ען און עס איז שוין ביי איהם קיין צווייפעל ניט געווען, אַז פרענק איז שולדיג אין ניימאַן'ס אַנט־לויפען.

ער איז האַסטיג צוגעשפּרונגען צום טעלעפאָן און געוואָלט אָפּרופען זינגער'ס הויז, דיינקענדיג, אַז פרענק מוז זיך דאָרט יעצט געפינען. ער האָט זיך אָבער גלייך צוריקגעהאַלטען. ער האָט זיך מישב געווען, אַז עס איז בעסער ער זאָל איהם פּערזענליך זעהן. אָבער באַלד האָט ער זיך ווידער געפונען אין אַ פערלעגענהייט. פלאָראַ און זיין געליעבטע וועלען זיכער באַלד אָנקומען. דיעזע נייעס וועט זיין אַ צו שרעקליכער קלאַפּ פאַר פלאָראַ'ן. וואָס איז יעצט צו טהאָן? און דאָ האָט ער געמוזט בעזוכען זיינע פּאַציענטען. ער איז אַזוי געווען צוטראָגען, דאָס ער האָט ניט געוואוסט וואָס פריהער צו טהאָן. הויפּטזעכליך האָט ער געטראַכט וועגען איין זאַך — ווי

אַזוי אויסצומיידען, אַז דיעזע בשורה זאָל ניט שלעכט ווירקען אויף פּלאָראַ'ן.

ער האָט זיך אַ ווײַלע פּערטראַכט און נאָכהער געבעטען די נוירס, זי זאָל אַריינרופען זיין אַסיסטענט. ווען דער דאָקטאָר איז אַריינגעקומען, האָט ער איהם געבעטען, אַז ער זאָל אַטענדען צו זיינע פּאַציענטען, ערקלעהרענדיג איהם, אַז ער איז יעצט ניט אים שטאַנדע קיין זאַך צו טהאָן. דאַן איז ער אַרונטער אויפ'ן גאַס און האָט בעשלאָסען דאָרט צו וואַרטען אויף פּלאָראַ'ן און זיין געליעבטע.

די קיהלע לופט האָט עטוואָס אָבגעקיהלט דעם דאָקטאָר'ס צו־היצטען מח און ער האָט רוהיג גענומען טראַכטען ווי אַזוי ער זאָל פּלאָראַ'ן איבערגעבען דיעזע נייעס. אַז ניימאַן וועט זיך אָברופען — אין דעם האָט ער ניט געצווייפעלט. אָבער ווי אַזוי איבערצייגט מען דאָס איהר? דער עדעלער, גוטער מענש האָט יעצט אין גאַנ־צען פערגעסען אָן זיין אייגענעם גליק. זיינע געדאַנקען זיינען נאָר געווען פערנומען מיט פּלאָראַ'ן.

שטעהענדיג אַ ווײַלע אַזוי פערטראַכט, האָט ער געהערט פון ווייטען פּלאָראַ'ס פרעהליכען געלעכטער. אַ שוידער איז דורכגע־לאָפען דורך אַלע זיינע גליעדער. ער האָט זיך אומגעקוקט אין דער ריכטונג פון וואַנען דער געלעכטער האָט זיך געהערט און ער האָט געזעהן ווי פּלאָראַ שלעפּט זיין געליעבטע שטיפעריש אונטער'ן אָרעם, אָנווייזענדיג מיט דער האַנד אויף איהם מיט אַ פערקלעמ־טע האַרץ איז ער זיי אַנטקעגען געגאַנגען מיט באַזאַכטע טריט און זיי בעגריסט מיט אַ געמאַכטע פרעהליכע מינע.

— וואָס שטעהט איהר עפּעס אויפ'ן סטריט? — האָט פּלאָראַ איהם געפרעגט.

— אָט אַזוי, איך בין אַביסעל אַרויסגעגאַנגען — האָט ער איהר געענטפערט, וועהרענד די האַרץ האָט אין איהם גענומען נאָך האַסטיגער קלאַפּען.

— עה, עס איז ניט „אַזוי" — האָט פּלאָראַ ווייטער געשטיפט — און איך האָב געוואוסט, אַז איהר וועט דאָ וואַרטען — ניט

אויף מיר, נאַטירליך. האָב איך אייך ניט געזאָגט? — האָט זי זיך געֿעדות'ט מיט מיסס גאָרדאָן, וועלכע איז געשטאַנען עטוואָס פאַרשעהמט.

אויף דעם דאָקטאָר'ס געזיכט האָט זיך אַ געצוואונגענער שמייכעל בעוויזען.

— איהר ווייסט — האָט פלאָרא ווייטער גערעדט אין אַ פרעהליכען טאָן — איהר האָט שוין אַ קאָנקורענט און דאָס איז מיין פאַפאַ. ער האָט דאָך איהר ניט געלאָזט אַוועקגעהן און זי האָט געמוזט פערשפּרעכען, אַז זי וועט מאָרגען ווידער זיין ביי אונז.

דער דאָקטאָר איז יעצט געווען דאָפּעלט צופרידען. עס האָט איהם הנאה געטהאָן וואָס זיין געליעבטע ערווערבט זיך אַזוי שנעל פריינד און ער איז אויך צופרידען געווען וואָס פלאָרא איילט זיך ניט אריינצוגעהן אין האָספּיטאַל.

— און די מאַמע איז נאָך מעהר פערליעבט אין איהר — האָט פלאָרא געהאַלטען אין איין דערצעהלען — ווען איהר זייט אַוועק, האָט זי גאָר ניט געוואוסט וואָס מיט איהר צו טהאָן. זי האָט איהר פאָרגעשלאָגען, זי זאָל ביי אונז וואָהנען און זי וועט איהר אָפּגע־בען דעם שעהנסטען צימער, און דער פאַפאַ האָט זי געפרעגט וואָס פאַר אַ פּרעזענט זי וויל, וועט ער איהר קויפען. איך בין שוין באַלד אייפערזיכטיג — האָט זי געענדיגט מיט אַ ליעבליכען שמיי־כעל.

אין דעם דאָקטאָר האָט יעצט די האַרץ געבלוטעט, טראַכטענ־דיג ווי דיעזע פרעהליכע מיידעל וועט זיך פיהלען אין אַ פּאָאר מי־נוטען אַרום, ווען זי וועט דערהערען די אונגעריכטע בשורה. ער האָט זיך אויף זעהר געערגערט וואָס זיין געליעבטע וועט אויך שטאַרק ליידען דערפון, דען ער איז זיכער געווען, אַז זי האָט פלאָרא'ן ניט ווייניגער ליעב, ווי פלאָרא איהר, און פיעלייכט נאָך מעהר, ווייל זי איז דאָך געווען די שדכן'טע; ווען ניט פלאָרא וואָל־טען זיי יעצט ניט געווען אַזוי גליקליך.

— און נאָך א סורפּרייז האָב איך פאַר אייך — האָט מיסס

זינגער אין א ווײַלע ארום ווידער אנגעפאנגען מיט דער זעלבער פרעהליכקייט וואס פריהער — אבער טאקע א סורפרייז. איהר ווייסט, מיסס גארדאן שפּיעלט דאך זעהר שעהן פּיאנא. איך דיינק, אז זי איז א בעסערע פּיאניסטין ווי א נוירס.

דער דאקטאר האט א ליעבליכען קוק געגעבען אויף זיין געליעבטע, וועלכע איז נאך אלץ געשטאנען פערשעהמט, און געזאגט:

— דאס איז ווירקליך פאר מיר אן איבערראשונג און אן אנגענעהמע, זעהר אן אנגענעהמע איבערראשונג. איך האב זעהר ליעב מוזיק. ליידער בין איך אזוי פערנומען, אז איך האב קיין צייט ניט צו בעזוכען אמאל די אפּערא אדער א קאנצערט.

— נו, יעצט וועט איהר שוין האבען מוזיק אין אייער אייגען הויז — האט פלארא איהם געשמייכעלט גלייך אין די אויגען אריין.

— סטאפּ שוין — האט מיסס גארדאן זי א ציה געטהאן ביים ארבעל, קוקענדיג אויף איהר מיט בעטענדע בליקען.

דער דאקטאר האט געוואונשען, אז זי זאל ווייטער ריידען. דער געשפּרעך האט איהם פערשאפט גרויס פערגעניגען. און א חוץ דעם האט ער געוואלט געווינען וואס מעהר צייט צו טראכטען, ווי אזוי ער זאל איהר איבערגעבען וואס עס האט פּאסירט. פּלוצלונג איז איהם א געדאנק געקומען אויפ'ן זינען און ער האט זיך אפּגערופען, ווענדענדיג זיך צו פלארא'ן:

— און איך האב פאר דיר אויך א נייעס.

— פאר מיר א נייעס? — איז פלארא געווארען נייגיעריג.

— יא, פאר דיר, דען מיסס גארדאן קען ניט יענע פּערזאן.

ער האט דערצעהלט וועגען ראזי'ן, אז זי איז געקומען צו איהם און געבעטען, אז ער זאל זי אריינגעהמען אין האספּיטאל אלס נוירס.

— איך האב שוין מיסס גארדאן וועגען איהר דערצעהלט — האט פלארא געזאגט שוין אין אן ערנסטען טאן — עס איז אויף איהר נעבאך א גרויסער מיטלייד. זי איז זעהר אן עדעל קינד.

— זי האָט איהר שוין וועגען דעם דערצעהלט ! — האָט דער דאָקטאָר שפּאַסיג בעמערקט — דאָס ווערטעל וועגען אייך, ווייבער, איז טאקע ריכטיג : וואָס אויפ׳ן לונג איז אויפ׳ן צונג.

— יעצט זייט איהר נאָך אַלץ ניט צופרידען מיט די ווייבער ?

— האָט פלאָרא איהם אָבגעענטפערט אין א וואַזשנעם טאָן — ווער שאַפט אייך אייער גליק אַז ניט מיר, פרויען ? איהר׳ וואָלט דאָך געבליבען אַן אַלטער בחור, ווען ניט...

מיסס גאָרדאָן האָט איהר פערשטעלט מיט דער האנד דאָס מויל און ניט געלאָזען ווייטער רעדען, זאָגענדיג :

— סטאָפּ שוין. וואָס האָסטו עפּעס אזוי צולאָזען דעם צונג :

—אז איהר האלט שוין אויך מיט איהם איז שלעכט — האָט פלאָרא בעפרייט איהר מויל — צוויי געגען איינעם איז נאַטירליך ניט קיין גלייכע פּאָאר. אויב אזוי מוז איך האָבען אימעצען צו הילף. ניימאַן וועט זיכער האַלטען מיט מיר. קומט אריין צו איהם און דאָרט וועלען מיר ענדיגען די דיסקוסיאָן איבער די פראגע וואָס פאר א פּנים די מענער וואָלטען געהאַט, ווען עס וואָלטען קיין פרויען אויף דער וועלט ניט געווען.

דער ארצט איז א פערציטערטער צו איהר צוגעשפּרונגען און אָנכאַפּענדיג זי פאר ביידע הענד, האָט ער געזאָגט מיט אָנגע־שטריינגטער געלאַסענהייט :

— דו קענסט יעצט צו ניימאַנ׳ען ניט אריינגעהן.

— פאר וואָס ?

— איך האָב איהם נאָר וואָס ארויסגעצויגען די „סטיטשעס“ פון די וואונדען. ער האָט געהאַט שמערצען און יעצט שלאָפט ער.

פלאָרא האָט דערפיהלט א ווייטאָג אין הארצען, הערענדיג, אַז איהר געליעבטער האָט געהאַט שמערצען.

דער דאָקטאָר איז געווען זעהר צופרידען וואָס ער האָט געפו־נען א גוטען אויסרייד, ווי אזוי פלאָרא׳ן אָבצוהאַלטען פון אריינצו־געהן צו ניימאַנ׳ען און ער האָט געטראַכט וועגען א מיטעל ווי אזוי

איהר אוועקצופיהרען פון דאַנען. ער האָט געוואָלט געווינען צייט אום זיך צו זעהען מיט פרענק'ען.

— איך האָב אַ פאָרשלאַג — האָט ער זיך אָבגערופען, ווענ־דענדיג זיך צוביידע פריילינס — לאָמיר געהן אין טהעאַטער אריין. איך וועל דיך היינט בעפרייען — האָט ער זיך געווענדעט צו זיין געליעבטע — איך וועל אָנשטעלען אַן אנדער נוירס.

— איך וויל פריהער אַריינגעהן צו ניימאַן'ען — האָט פלאָראַ געזאָגט.

— משוגענע, ער שלאָפט דאָך.

מיסס גאָרדאָן האָט איהר אויך ערקלעהרט, אז עס איז בעסער, זי זאָל ניט אַריינגעהן, ער קען זיך נאָך אויפוועקען.

— וועל איך איהם שוין היינט ניט קענען זעהן? — האָט פלאָרא געזאָגט מיט אנגסט.

— וועט די וועלט אונטערגעהן. אַ קלייניגקייט עפּעס? — האָט דער דאָקטאָר געשפּאַסט.

— איהר זייט אַן עגאָאיסט. איך אינטערעסירט נאָר אייער זאַך...

— ליידיעס, עס איז שפּעט — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, קור־קענדיג אויפ'ן זייגער — מיר האָבען דריי פערטעל שטונדע צייט. געהט און מאַכט זיך פערטיג.

— דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך ניט שטאַרק קיין חשק צו געהן אין טהעאַטער — האָט פלאָראַ גערעדט אין אַן ערנסטען טאָן — ניימאַן ליגט קראַנק, ער האָט היינט געהאַט שמערצען און איך זאָל זיך געהן אַמוזירען. ניין, איך וועל אין טהעאַטער ניט געהן.

פלאָראַ האָט אויסער דעם אין זינען געהאַט נאָך אַ זאַך: דער דאָקטאָר וויל אַוודאי עפּעס רײדען מיט זיין געליעבטער, און ווען זי וועט זיין מיט זיי, וועט זי זיי שטערען. דער דאָקטאָר איז אָבער צוגעשטאַנען צו איהר, אַז זי זאָל מיטגעהן. מיסס גאָרדאָן האָט איהר אויך געבעטען, זי זאָל מיטגעהן. זי האָט אין האַרצען

פערדעכטיגט, אז עפּעס האָט דאָ פּאַסירט. אלס נוירס האָט זי גע־וואוסט, אז מען האָט ביי ניימאַן׳ען קיין „סטיטשעס“ ניט געדראַפט אַרויסציהען. זי האָט גלייך געוואָלט דאָס בעמערקען דעם דאָקטאָר. זי האָט זיך אָבער צוריקגעהאַלטען, וואַרטענדיג אויף אַ געלעגענהייט צו ריידען מיט איהם וועגען דעם, ווען פלאָרא וועט דערביי ניט זיין.

מיסס זינגער האָט ענדליך איינגעוויליגט צו געהן מיט זיי.

— עסס זיך ניט אָב די האַרץ, פלאָרא — האָט דער דאָקטאָר איהר ליעבליך געגלעט איבער׳ן געזיכט — וועסט ניימאַן׳ען מאָר־גען זעהען, און עס קען זיין, אז דו וועסט איהם שוין זעהן ניט אין האָספּיטאַל. איך וועל איהם פּיעלייכט נאָך מאָרגען אויסשרייבען.

ער האָט געהאָפט מאָרגען איהם אויסצוגעפינען.

פלאָרא איז פון דיעזע רייד געוואָרען פריילוך, וואָס עס האָט דעם דאָקטאָר זעהר געפרעהט.

— געה אהיים, פלאָרא, און טהו זיך איבער — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט — אָבער מאַך עס שנעל, און איך וועל מיט מיסס גאָרדאָן צופאָהרען צו איהר וואָהנונג און פון דאָרטען וועלען מיר קו־מען צו דיר.

פלאָרא איז אוועק. דער דאָקטאָר האָט אַריינגעזעצט זיין גע־ליעבטע אין זיין אויטאָמאָביל, וועלכער איז געשטאַנען פאַר דעם האָספּיטאַל און געהייסען דעם שאָופער פאָהרען אויף די אדרעס וואָס זי האָט אָנגעגעבען.

— וואָס האָט דאָ פּאַסירט ? — האָט די נוירס נעפרעגט ביים דאָקטאָר, ווען דער אָטאָמאָביל האָט זיך גענומען ריהרען פון אָרט.

— וואָס מיינסטו ? וואָס האָט געזאָלט פּאַסירען ? — האָט דער ארצט פערוואונדערט אויף איהר אַ קוק געטהאָן.

זי האָט איהם ערקלערט וועגען די „סטיטשעס“. ער האָט גע־זעהען, אז פאַר איהר קען ער דאָס מעהר בסוד ניט האַלטען און ער האָט איהר אַלעס דערצעהלט.

— איך בין זיכער, אז פרענק האָט דאָ אָנגעמאַכט אַ מיאוס׳ע אינטריגע — האָט ער געענדיגט.

— אָבער וואָס וועט זיין, אַז פלאָרא וועט זיך דערפון דערוויסען? — איז די נוירס געוועזן פערזאָרגט.

— זי טאָר זיך דערפון ניט דערוויסען, און איך וויל דיר טאקע בעטען, אז דו זאָלסט זיין מיט איהר צוזאמען. פון טהעאטער וועסטו צו זיי אהיים געהן און וועסט דאָרט נעכטיגען. איך וועל נאָך היינט זעהן פרענק'ען און איך האָף, אז מאָרגען וועל איך אויסגעפינען ניימאַן'ען.

— וואו וועסטו זעהן פרענק'ען וויבאלד אז דו געהסט אין טהעאטער?

— איך האָב שוין וועגען דעם געטראַכט און איך האָב אויסגעקלעהרט א פלאַן: איך וועל באלד אָברופען מיין בעדיענער און איהם זאָגען, אז ארום ניין אוהר זאָל ער אָברופען דעם טהעאטער, וואו מיר וועלען זיין און זאָל מיר הייסען רופען. עס וועט כלומרשט הייסען אַז מען רופט מיך צו א קראנקען, דאן וועל איך זיך פאר איך ענטשולדיגען און אוועקגעהן, און ווען די פאָרשטעלונג וועט זיך ענדיגען, וועסט דו מיטגעהן מיט פלאָרא'ן אהיים. און עס קען זיין, אז איך וועל דאָרט אויך זיין, אויב פרענק וועט דאָרט זיין; און אויב ניט, וועל איך דיר מאָרגען אָברופען דורכ'ן טעלעפאָן און דיר אלעס מיטטהיילען.

זי האָט צופרידען געשמייכעלט און איהם געמאַכט א קאָמפּלימענט פאר די שנעלע און גוטע איינפעלע זיינע.

— אָבער וואָס וועט זיין, אז פלאָרא וועט מאָרגען וועלען געהן צו ניימאַן'ען? — האָט זי אין א וויילע ארום ווייטער געפרעגט.

— דאָס וועלען מיר שוין מאָרגען זעהען. איך קען שוין יעצט מעהר וועגען פלענער ניט טראַכטען. יעצט איז מיין מוח פערנומען נאָר מיט איין זאַך: צו זעהן פרענק'ען.

דעם דאָקטאָר'ס פלאַן איז דורכגעפיהרט געוואָרען.

* * *

דעם זעלבען אבענד איז אין א געוויסען רעסטאָראנט, וואו עס קומען זיך צוזאמען די ניו יאָרקער ריעל עסטייט לייט, פאָרגעקומען

דער פאָלגענדער געשפּרעך צווישען פרענק'ען און פלאָרא'ס פאָטער:

— איך וויל וויסען וואו איך האַלט אין דער וועלט — האָט פרענק זיך געקאָכט —איך וויל מעהר ניט אַרומטאַפּען אין דער פינ־סטער. איהר זייט דער טאַטע און איהר דאַרפט האָבען די דעה, ניט דאָקטאָר סטענטאָן. זעהט איהר דען ניט אז ער האָט דאָ געשפּיעלט אַן אינטריגערישע ראָלע, ווען ער האָט איך ערקלערט, אז פלאָרא איז שוואַך און אז די חתונה טאָר ניט שטאַטפינדען? ווען ניט ער, וואָלטען מיר שוין יעצט געווען פערהייראַט.

— קיינער זאָגט מיר קיין דעות ניט. איך טהו אימער וואָס איך אַליין וויל, און דו ווייסט עס בעסער ווי אַנדערע — האָט זינ־גער איהם געענטפערט — דאָקטאָר סטענטאָן איז ניט קיין אינטרי־גאַנט. ער איז אַן עדעלער מענש.

— אַן עדעלער מענש! — האָט פרענק אויסגעבראָכען אין אַ שפּאָטישען געלעכטער — איהר זאָלט דאָס זאָגען! זעהט איהר דען ניט, אז ער האָט אַ ספּעציעלע אינטערעסע, אַז צווישען מיר און פלאָרא'ן זאָל ווערען אוים שידוך און אז זי זאָל הייראַטען דוקא מיט דעם טרעמפּ?

— אַ ספּעציעלע אינטערעסע? וואָס מיינסטו דערמיט? וואָס איז, ער וויל פערהדיענען שדכנות־געלד?

— ניט דאָס. ער וויל מיר קרענקען. ער איז אויף מיר אין כעס דערפאַר וואָס איך פלעג איהם ניט אָבגעבען אַזוי פיעל כבוד.

—דו רעדסט עפּעס היינט, פרענק, ווי אַ נאַר. האָסט גאָר דעם קאָפּ פערלאָרען. דאָקטאָר סטענטאָן איז ניט קיין עהרגייציגער מענש.

— קענט איהר איהם ניט, מיסטער זינגער. איך האָב מיט איהם היינט גערעדט און איך פערשטעה בעסער ווי איהר וואָס פאַר אַ ראָלע ער שפּיעלט דאָ.

— וואָס פערשטעהסטו?

— איך בין איבערצייגט, אז ער רעדט פלאָרא'ן צו, אז זי זאָל מיר פערשטויסען. דאָס איז אַלץ זיין קאָפּ.

װעהרענד פּרענק האָט זיך ניט אױפגעהערט צו קאָכען, איז זינ־גער געװען קאַלטבלוטיג. ער האָט די גאַנצע צייט געלאָסען בעטראַכט פרענק׳ען און פון צייט צו צייט האָט זיך אויף זיין געזיכט בעװיזען אַ שמייכעל, װאָס עס האָט פּרענק׳ען נאָך מעהר אויפגערעגט. איבער־הויפּט איז פּרענק׳ען ניט געפעלען געװאָרען זינגער׳ס יעצטיגע האַל־טונג.

— דו װייסט, פּרענק — האָט זינגער געזאָגט מיט אַ שמייכעל אויף זיינע ליפּען — איך דערקען דיך גאָר ניט. איך זעה יעצט אין דיר גאָר אַן אַנדערען מענשען. עפּעס רעדסטו װי אַ מענש װאָס איז ניט ביים קלאָהרען זינען. װאָס הייסט דער דאָקטאָר אינטרי־גירט? און פלאָרא׳ן נעהמסטו גאָר ניט אין אַנבעטראַכט? װאָס איז זי אַ בייבי, מען קען איהר איינרעדען? פּרענק, װאָס איז מיט דיר געװאָרען?

די לעצטע בעמערקונג װעגען פלאָרא׳ן האָט געמאַכט אין פּרענק׳ען זידען די בלוט. זיין געזיכט איז געװען בלייך און אויסגע־קרימט. טרייסלענדיג זיך פיבערהאַפט האָט ער מיט אַ װילדען קול אויסגעשריען:

— און איך דערקען אייך אויך ניט, מיסטער זינגער. עפּעס הער איך יעצט פון אייך נייע דבורים. פּיעלייכט... פּיעלייכט געפעלט אייך מעהר ניט אלס צוקינפטיגער איידעם? איך װייס... אפשר געפעלט אייך יענער טרעמפּ בעסער... שעהמט זיך ניט, איהר קענט דאָס מיר זאָגען און מיר װעלען זיין אויס מחותנים. איך װיל ניט, אז מען זאָל זיך מיט מיר װאַרפען!

— דו! דו! צו װעמען רעדסטו דאָס אזױ? — האָט זינגער מיט כעס אַ זעץ געטהאָן אַן טישעל — אַז דו קאָכסט זיך יאָ אזױ, װעל איך דיר טאַקע זאָגען װאָס איך האָב בעשלאָסען: איך װעל מעהר פלאָרא׳ן קיין דעה ניט זאָגען. זאָל זי טהאָן װי זי װיל נאָר אַליין. װיל זי בלייבען דיין כלה, בין איך צופרידען, און אויב ניט, װיל איך איהר מעהר קיין צרות ניט פערשאַפען. דו מיינסט, אז איך האָב װייניג געליטען, זעהענדיג װי שרעקליך זי האָט די לעצטע טעג

אויסגעזעהען. עס האָט מיר געבלוטעט מיין האַרץ, איך האָב זיך אָבער געמאַכט, אַז עס אַארט מיר ניט. זי איז מיין איינציג קינד, מיין אויג אין קאָפּ און איידער זי זאָל ליידען, מעג די גאַנצע וועלט די כפּרה איינגעהמען.

פון דעם גראָבען, פּראָסטען מענשען האָט יעצט אַרויסגערעדט זיין ערדעלעס פּאָטער־האַרץ.

פרענק'ס געזיכט האָט זיך יעצט נאָך שטארקער אויסגעקרימט און קריצענדיג ווילד מיט די צייהן האָט ער מיט אַ פערשטיקטען אָטהעם געזאָגט, קוקענדיג מיט שטעכיגע בליקען אויף זינגער'ן:

— אַזוי! די גאַנצע וועלט מעג אַ כפּרה גערן! ? וואָס אַמאָל העד איך אַלץ מעהר איבערראַשענדע נייעס פון אייך! און מיינע לייד־דען — האָט ער זיך ווילד געקלאַפּט מיט דער פויסט אין ברוסט — מיינע שמערצען און מיין שאַנדע — דאָס איז גאָר ניט, הא? איהר האָט נאָר אין זינען אייער קינד, און וואָס בין איך?

זינגער איז שוין געוואָרען אונגעדולדיג. ער האָט זיך אָבגע־קעהרט פון איהם און האָט געשוויגען.

— איהר האָט מיר ניט וואָס צו ענטפערען, הא? — האָט פרענק ווייטער זיך געקאָכט — וואָס שווייגט איהר?

— קענסט שוין פון מיינטוועגען ריידען ביז מאָרגען, איך וועל דיר קיין וואָרט מעהר ניט ענטפערען — האָט זינגער געזאָגט, ניט אומקעהרענדיג זיך צו איהם.

פרענק האָט ווטהענד פערביסען די ליפּען. ער איז יעצט גע־ווען ווילד ווי אַ טיגער. אַ ווייל'ע האָט ער געשוויגען, נאָכהער האָט ער ווידער געזאָגט אין אַ שטעכיגען טאָן:

— הייסט עס, אַז איהר האָט מיר מעהר גאָר ניט וואָס צו זאָ־גען. אויב אַזוי קומט דאָך אייך שוין אַ מזל טוב. איך גראַטוליר אייך צו דער פערלאָבונג פון אייער טאָכטער מיט דעם בעוואוסטען פּעהיגען ביזנעס מאַן, מיסטער ניימאַן!..

דיעזע איראָנישע בעמערקונג האָט ווירקליך געטראָפען זינ־גער'ן. ביז יעצט האָט ער נאָך אַלץ געדיינקט צו פּועל'ן מיט גוטען

ביי פלאָראַ׳ן, אַז זי זאָל פרענק׳ען ניט פערשטויסען. אָבער די חוצפּה וואָס פרענק האָט יעצט ארויסגעוויזען געגען איהם, האָט איהם פער׳מיאוס׳ט אין זיינע אויגען. ער האָט זיך אומגעקעהרט און געזאָגט אין אַ שאַרפען טאָן:

— פרענק, פון יעצט אָן איז צווישען אונז אַלעס אויס. ניט נאָר איז אויס שידוך, נור אפילו אין די ביזנעס וויל איך דיך מעהר ניט האָבען. אויב דו ווילסט, קענען מיר זיך שוין אָברעכענען און איך וועל דיר בעצאָהלען וואָס דיר קומט. און דאָס וואָס דו שטעכסט מיר מיט ניימאַן׳ען, איז עס זעהר אַ נאַרישע אָנצוהערעניש. פערגעס ניט ווער דו ביזט. ווען דו ביזט צו מיר אָנגעקומען, ביזטו דאָך אויך געווען אַ קבצן. ביי מיר האָסטו געמאַכט דיין פערמעגען! — האָט ער מיט כעס געקלאַפּט מיט׳ן פויסט אָן טיש — איך האָב דיר געמאַכט פאַר אַ מענשען, און יעצט שטעכסטו מיר גאָר! דו ביזט ניט ווערטה ניימאַן׳ס נאָמען צו דערמאָנען. ער האָט געראַטעוועט מיין קינד׳ס לעבען, וועהרענד דו, איהר חתן...

ער האָט פּלוצלונג אָבגעהאַקט, איז האַסטיג אויפגעשפּרונגען פון זיין שטוהל און גענומען שרייען:

— דאָקטאָר! דאָקטאָר!

פרענק איז אַ פערצאַפּעלטער געוואָרען דערזעהענדיג דאָקטאָר סטענטאָן׳ען. ער איז זיכער געווען, אַז ניימאַן האָט דעם אַרצט דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע און ער איז דאָס יעצט וועגען דעם אהער געקומען. ער האָט זיך יעצט געפונען אין אַ שרעקליכע פערלעגענהייט. וואָלט ער זינגער׳ן נאָך געהאַט אויף זיין צד, וואָלט עס איהם ניט אַזוי געאַרט, אָבער וואָס זאָל ער יעצט טהאָן? ער האָט זיך האַסטיג אויפגעשטעלט און געוואָלט אוועקגעהן.

דער דאָקטאָר איז שוין דערווייל צוגעקומען און האָט זיך בעגריסט מיט זינגער׳ן. בעמערקענדיג, אַז פרענק וויל אוועקגעהן, האָט ער געזעהן אַז זיין פערדאַכט, דאָס פרענק איז די אורזאַכע פון ניימאַן׳ס אַנטלויפען, איז ריכטיג און ער האָט זיך מיט איהם אויך בעגריסט, זאָגענדיג:

— וואָס אַנטלויפט איהר עפּעס, מיסטער פרענק? איז עס פיעלייכט דערפאַר וואָס איך בין אַריינגעקומען? שטער איך איך פיעלייכט?

— מיר שטערט איהר גאָר ניט, דאָקטאָר — האָט זיננער גע־ענטפערט, בעטאָנענדיג שטאַרק דאָס וואָרט „מיר" און וואַרפענדיג אַ בייזען בליק אויף פרענק'ען — מיר פרעהט זעהר וואָס איהר זייט גראַד געקומען. איך האָב טאַקע מיט אייך וועגען זעהר וויכטי־געס צו רעדען — האָט ער ווידער געוואָרפען אַ שטעכיגען בליק אויף פרענק'ען, וועלכער האָט זיך יעצט געטרייסעלט ווי אין אַ פיבער.

פרענק האָט שוין געזעהען, אַז זיין מפּלה איז נאָהענט. ער האָט שוין ניט געוואָלט אַוועקגעהן, אום עס זאָל ניט הייסען, אַז ער אַנט־לויפט ווי אַ פיינגלינג און ער האָט זיך אָבגערופען, אָנשטריינגענדיג זיך צו האַלטען רוהיג:

— איהר שטערט מיר אויך גאָר ניט. איך האָב גלאַט געוואָלט אַוועקגעהן.

דער דאָקטאָר האָט אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויף זיינע שולטערן און געזאָגט מיט אַ שמייכעל, אַוועקזעצענדיג איהם אויפ'ן שטוהל:

— זיצט און מיר וועלען צוזאַמען אביסעל פערברייינגען.

— ווי קומט איהר עפּעס אהער, דאָקטאָר? — האָט זיננער געפרעגט אין אַ פריינדליכען טאָן — איהר ווילט אפשר אַריינגעהן אין די ריעל־עסטייט ביזנעס?

דער דאָקטאָר האָט ערקלעהרט, אַז ער איז געווען אין דיעזער געגענד ביי אַ פּאַציענט און, וויסענדיג, אַז אבענדס פערברייינגען זיי אין דיעזען רעסטאָראַנט, איז ער אַריינגעקומען זיך מיט זיי זעהען.

אין דער אמת'ן אָבער האָט ער זיך דערוואוסט פון דיזען רעס־טאָראַנט ערשט מיט אַ האַלבע שטונדע צוריק, ווען ער איז געווען

אין זינגער׳ס הויז, נאָכדעם ווי ער האָט פערלאָזען דעם טהעאַטער. מיסעס זינגער האָט איהם דאָס געזאָגט.

פרענק׳ען איז לייכטער געוואָרען אויפ׳ן הארצען.

זינגער האָט צוגערופען א ווייטער און בעשטעלט א פלעשעל גוטען וויין. זיי האָבען גערעדט וועגען אַלגעמיינע זאכען, אויסלייי־דיגענדיג דערביי עטליכע פלעשלעך וויין. דעם דאָקטאָר איז געוואָ־רען אויפפאלענד זינגער׳ס אויסערגעוועהליך גוטער מוטה און, פערקעהרט, האָט ער זיך געוואונדערט וואָס פרענק איז עפּעס אזוי נידערגעשלאָגען.

ענדליך האָט זיך פרענק אויפגעשטעלט, ערקלערענדיג, אז ער מוז שוין אוועקגעהן. דער דאָקטאָר האָט איהם אָבער פערהאַלטען, זאָגענדיג:

— ווילט איהר אזוי גוט זיין און מיר זאָגען וואָס איהר האָט היינט גערעדט מיט מר. ניימאַן׳ען?

א שוידער איז דורכגעלאָפען איבער פרענק׳ס אלע גליעדער. ער האָט זיך אָבער געמאַכט קוראַזש און געענטפערט שטאָלץ:

— ענטשולדיגט מיר, דאָקטאָר, עפּעס זעהט עס אוים אזוי ווי איהר וואָלט מיר דאָ נעהמען אויף א קרייץ־פערהער. איך בין ניט קיין פערברעכער און ניט איהר זייט א דזשדאָזש!

— איך נעהם אייך ניט אויף קיין קרייץ־פערהער, מיסטער פרענק — האָט דער דאָקטאָר זיך געסטאַרעט צו זיין פריינדליך — איך בעט אייך בלויז.

— קענט איהר דאָך דאָס ביי ניימאַן׳ען פרעגען.

— ניימאַן האָט זיך אַרויסגעגנב׳עט פון האָספּיטאַל און איך וויים ניט וואו ער איז.

— ער איז שוין ווידער אַנטלאָפען? — האָט זינגער זיך גע־וואונדערט.

פרענק האָט טייפעלש געשמייכעלט און געטראַכט ביי זיך: „מיין מיטעל האָט געווירקט“.

— אין דעם איז מיסטער פרענק שולדיג — האָט דער דאָק־טאָר שוין מיט כעס אַ זאָג געטהאָן, וואַרפענדיג אַ שטעכיגען בליק אויף פרענק'ען.

— וואָס מיינט איהר איך בין שולדיג? — האָט פרענק זיך גענומען כלומרשט קאָכען.

— באַלד נאָך אייער אַוועקגעהן פון האָספּיטאַל איז ער אַנט־לאָפען. איהר האָט געוויס עפּעס פערפלאָכטען אַן אינטריגע און איך פאָדער פון אייך, איהר זאָלט מיר זאָגען דעם אמת.

— הערט מיר אויס, דאָקטאָר — האָט פרענק געזאָגט אין אַ וואַזשנעם טאָן — ווען אַן אַנדערער וואָלט געוועזען צו מיר אַזוי ריי־דען, וואָלט איך ענטוועדער איהם גוט בעליידיגט, אָדער איך וואָלט איהם גאָר ניט געענטפערט. איך רעספּעקטיר אייך אָבער און איך בין אייך בערייט צו זאָגען וואָס צווישען מיר און ניימאַן'ען איז פאָרגעקומען.

— שטיל, דו פערדאַמטער ליגנער! — האָט זינגער אויף איהם אַ געשריי געטהאָן — ווי האָסטו ניט קיין בושה אַזוי צו ריידען אין מיין געגענוואַרט. וואָס האָסטו מיט עטליכע מינוטען צוריק דאָ געזאָגט וועגען דעם דאָקטאָר? דו רעספּעקטירסט דעם דאָקטאָר? ! אָה, יעצט זעה איך דיך ערשט אין דיין ריכטיגען גע־שטאַלט! איך קען דיך שוין אַזוי פיעל יאָהרען, אָבער יעצט זעה איך ערשט, אַז איך האָב דיר ניט געקענט. דאָקטאָר! — האָט ער זיך געווענדעט צום אַרצט —, וועלכער האָט געקוקט מיט ערשטוינונג דאָס אויף זינגער'ן, דאָס אויף פרענק'ען — גלויבט איהם ניט קיין איין וואָרט! איהר האָט רעכט. דער יונג האָט אָנגעמאַכט עפּעס אַן אינטריגע. איידער איהר זייט אַהער אַריינגעקומען, האָט ער צווישען מיר און אייך אויך געוואָלט אָנמאַכען אַן אינטריגע. ער האָט מיר געוואָלט איינריידען, אַז איהר זייט מיין ערגסטער שונא. און וועגען דעם האָב איך טאַקע מיט אייך געוואָלט ריידען. ער האָט אַריינגעכאַפּט פון מיר דערפאַר אַ היבשע פּאָרציע און איך האָב איהם געזאָגט, אַז צווישען מיר און איהם איז אַלעס געענדיגט. יעצט האָבען זיך מיר ערשט מיינע אויגען געעפענט..

ער האָט שווער געסאָפּעט, נאָכהער האָט ער זיך ווידער געווענדעט צו פרענק׳ען, זאָגענדיג אין א שטעכיגען טאָן:

— דו דאַרפסט זיך יעצט בעגראָבען פאר שאַנדע, פרענק! פּע, אינטריגעס גאר אָנמאַכען!

פרענק, זעהענדיג, אז ער האָט שוין זיין לעצטע קאָרט אויס־געשפּיעלט, אז ער האָט שוין פערלאָרען די מינדסטע האָפנונג פלאָ־ראַ׳ן צוריק צו געווינען, האָט ער בעשלאָסען ווייטער אָנצוגעהן מיט זיינע אינטריגעס. מיט א שטאָלצער מינע האָט ער זיך אָבגע־רופען:

— מיסטער זינגער, איך לאָז זיך אויס פון אייער מוסר און פון אייערע סטראַשונקעס. איך האָב שוין מיט אייך און מיט איי־ער טאָכטער געסעטעלט. איהר קענט זי שוין חתונה מאַכען מיט וועמען איהר ווילט. וואָס מיינט איהר בין איך עפּעס — א אינגעלע, וואָס איהר וועט זיך מיט מיר וואַרפען? איהר קענט דאָס זאָגען פלאָרא׳ן.

— שטיל! — האָט זינגער מיט רציחה א זעץ געטהאָן אן טיש — איך וועל ניט ערלויבען, אז דיינע שמוציגע ליפּען זאָלען דערמאָנען מיין קינד׳ס נאָמען! אָה, ווי בלינד איך בין געווען! ווע־מען איך האָב דאָס געוואָלט מיין קינד אָנפערטרויען! קומט! — האָט ער אָנגעכאַפּט דעם אַרצט ביים אָרעם — איך קען מעהר זיין פּרצוף ניט אָנקוקען. קומט!

— בערוהיגט זיך, מיסטער זינגער — האָט דער דאָקטאָר איהם איינגעשטילט — ערגערט זיך ניט אַזוי. איך וועל באַלד מיט אייך געהן. איך וויל נאָך מיט מיסטער פרענק׳ען ריידען א פּאָר ווערטער. מיסטער פרענק, וואו איז ניימאַן?

— איך גיב אייך מיין עהרען־וואָרט, אז איך האָב זיך ערשט יעצט פון אייך דאָ דערוואוסט, אז ער איז מעהר ניטאָ אין האָספּי־טאָל — האָט פרענק געענטפערט מיט דער זעלבער שטאָלצער מינע.

— איך גלויב אייך. אָבער זאָגט מיר, וואָס האָט איהר מיט איהם גערעדט?

— דאָקטאָר, איך קען ניט זעהן ווי איהר ערנידעריגט זיך ביי דיעזען קערל, — האָט זיינגער געזאָגט מיט אנגסט — וואָס בעט איהר זיך אזוי ביי איהם? קומט, מיר וועלען שוין נייטמאַן'ען אויס־געפינען.

— איהר וועט איהם שוין ניט זעהן קיינמאָל, — האָט פרענק געזאָגט מיט דעם זעלבען שמייכעל וואָס פריהער אויף זיינע ליפּען.

— וואָס? — האָט דער דאָקטאָר אויסגעשריען א פערציטער־טער.

— יא, ער איז אוועק און וועט מעהר קיין ניו יאָרק ניט קומען. באַלד ווי עס האָט זיך אָנגעפאַנגען די געשיכטע, האָב איך בעשלאָ־סען אויסצוגעפינען ווער ניימאַן איז. איך האָב אָנגעשטעלט פעהי־גע דעטעקטיוום און זיי האָבען אויסגעפונען, אז ער האָט אין באַלטי־מאָר א פרוי מיט צוויי קינדער, וועלכע שטאַרבען פון הונגער.

— און איהר גלויבט אז דאָס אין אמת? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט זיך טרייסלענדיג פון כעס.

— וואָס הייסט צו איך גלויב? די פרוי מיט די קינדער זיינען יעצט אין ניו יאָרק. איך האָב נאָך זיי געשיקט און האָב אליין מיט דער פרוי היינט גערעדט.

ביים דאָקטאָר האָט שוין יעצט די געדולד געפּלאַצט. ער איז א ווילדער צוגעשפּרונגען צו פרענק'ען און געשריען:

— איהר זייט א פערדאַמטער ליגנער! און ניט נור דאָס זייט איהר, נור אויך א מיאוס'ער, נאַרישער אינטריגאַנט. קומט מיט אונז צו דער פרוי, איבערצייגט אונז, אז איהר זייט ניט קיין ליגנער.

— דאָקטאָר, איך וואָרען אייך, איהר זאָלט קאָנטראָלירען איי־ער צונג! — האָט פרענק אויך געשריען, סטראַשענדיג איהם מיט'ן פינגער — איך וועל אייך האַלטען פעראַנטוואָרטליך פאר יעדען וואָרט.

— דו ביזט א פערדאַמטער, עקעלהאַפטיגער ליגנער! — האָט דער דאָקטאָר ווייטער געשריען — און האַלט מיר פעראַנטוואָרטליך!

קום מיט מיר צו דער פרוי! נו, וואָרום ראַטעווען דו ניט דיין עהרע, האַ? האָסט דאָך היינט אַליין גערעדט מיט דער פרוי!...
איהר זעהט, מיסטער זינגער? — האָט ער זיך געווענדעט צו פלאָר־ראַ'ס פאָטער — אָט דעם באַנדיט האָט איהר געוואָלט אָנפערטרויען אייער קינד, אַזאַ גוטע, צאַרטע זעעלע, ווי פלאָראַ איז!

— קומט, דאָקטאָר, — האָט זינגער געזאָגט — איך האָב דאָך אייך פריהער געבעטען, אַז איהר זאָלט מעהר מיט איהם ניט ריידען. איך האָב דאָך געזעהען, אַז קיין איין וואָהר וואָרט געהט ניט אַרויס פון זיין מויל.

פון רעסטאָראַנט איז דער דאָקטאָר מיט זינגער'ן אַוועק אין דער רעדאַקציאָן פון דער צייטונג, וואו דעם דאָקטאָר'ס פריינד איז געווען איינער פון די הויפּט רעדאַקטאָרען. דער אַרצט האָט איהם דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע און זיך מיט איהם בעראַטהען וואָס עס איז דאָ צו טהאָן. דער רעדאַקטאָר האָט געראַטהען, אַז זינגער זאָל אָפּדרוקען אין זיין נאָמען עטליכע ווערטער צו דעם פערשוואונדענעם, און אום ניימאַן זאָל ניט צווייפלען, אַז דאָס קומט ווירקליך פון זינגער'ן, וועט די רעדאַקציאָן מאַכען אַ בעמערקונג, אַז דאָס איז אמת.

— מיר טהוען דאָס געוועהנליך ניט — האָט דער רעדאַקטאָר זיינע געסט ערקלעהרט — אָבער דאָס מאָל וועלען מיר מאַכען אַן אויסנאַהמע.

— און איך וועל פערעפענטליכען אַ פּאָאָר ווערטער צו איהם — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט.

— מאַכט דאָס שנעל — האָט דער זשורנאַליסט זיי ערקלעהרט — וויל אונזער צייטונג געהט באַלד צום דרוק.

אויף מאָרגען זיינען אין דער דערמאָנטער ניו־יאָרקער ענגלי־שער צייטונג ערשיענען צווישען די פּערזענליכע אַנאָנסען די פאָל־גענדע צוויי נאָטיצען:

„מיסטער ניימאַן!

איך, פלאָראַ'ס פאָטער, בעט אייך, אַז איהר זאָלט אויפ'ן

שטעל קומען אין מיין הויז. אַלעס וועט זיין אָל־ראַיט. איך האָב ענדליך איינגעזעהען מיין טעות און יעצט בין איך בע־רייט אייך מיין פּאָטערליכען זעגען צו געבען. מיסטער פּ... האָב איך ווי א משוגענעם הונד פערטריעבען. איך בין זיכער, אז ער האָט געמאַכט א מיאוסע אינטריגע, און איך וועל איהם האַלטען דערפאַר פעראַנטוואָרטליך. קומט, איך ער־וואַרט אייך מיט אָפענע ארעמס.

מאיר זינגער".

„היערמיט בעשטעטיגען מיר, אז די אויביגע אַנאָנסע איז אונז איבערגעגעבען געוואָרען פון מיסטער זינגער'ן פער־זענליך. רעדאַקציאָן."

„ניימאַן!

קום זאָפאָרט צו מיסטער זינגער'ען אָדער צו מיר פער־זענליך. איך בעט דיך דאָס אויך אין דעם נאָמען פון מיסס ג... און אויב דו ווילסט ניט קומען, לאָז מיר וויסען וואו דו געפינסט זיך, וועל איך צו דיר קומען.

דיין וואַהרער פריינד

דר. סטענטאָן."

דער דאָקטאָר און זינגער האָבען פערבראַכט אין דער רעדאַקצ־יאָן ביז נאָך האַלבע נאַכט, ווען די צייטונג איז אַרויס פון דרוק. דאַן זיינען זיי ביידע אַוועק צו זינגער'ן אין הויז. אויף'ן וועג האָבען זיי בעשלאָסען פלאָראַ'ן צו דערצעהלען דעם גאַנצען אמת. זיי זיינען געווען זיכער, אז זי וועט זיך ניט איבערשרעקען, ווי באַלד אז זי וועט הערען אז דער פאָטער ווילינגט איין אויף דעם שידוך.

ווען זינגער און דער דאָקטאָר זיינען אריינגעקומען אין הויז, האָבען זיי געפונען פלאָראַ'ן און מיסס גאָרדאָן זיצען ביים טיש. מיסעס זינגער איז שוין געשלאָפען.

— גוט וואָס איהר זייט געקומען! — האָט פלאָרא א פריי־

ליבע אויסגעשריען — מיר דעבאטירען יעצט טאקע איבער דער דראמע, וואס מיר האבען היינט אבענד געזעהען און מיר קענען צו קיין בעשלוס ניט קומען.

דא האט זי בעמערקט, אז דער פאטער איז עפעס צוטראגען און זי האט א דערשראקענע געזאגט:

— וואס ביזטו עפעס אזוי צוטראגען, פאפא?

— צוטראגען בין איך? — האט זינגער געזאגט מיט א שמייכעל — האסט א טעות. פרייליך בין איך, זעהר פרייליך. עס איז ביי מיר היינט א יום טוב. איך האב שוין מיט איהם כפרות געשלאגען.

— וואס רעדסטו עפעס, פאפא? מיט וועמען האסטו דאס געשלאגען כפרות? — האט פלארא ערשטוינט אנגעקוקט דעם פאטער.

אין דער זעלבער צייט האט דער דאקטאר שנעל איבערגעגעבען זיין געליעבטע די לעצטע נייעס. מיסס גארדאן איז א פרעהליכע צוגעלאפען צו פלארא'ן, ארויפגעווארפען זיך אויף איהר האלז און, קושענדיג זי, האט זי געזאגט:

— איך קען דיר שוין גראטולירען, פלארא!

— וואס טהוט זיך דא עפעס? — איז מיסס זינגער נאך מעהר ערשטוינט געווארען.

דער דאקטאר האט איהר אלעס דערצעהלט און געוויזען די אדווערטייזמענטס אין דער צייטונג זאגענדיג:

— וועסט זעהן, אז מארגען אין דער פריה וועט ניימאן דא זיין.

דער זיבערער טאן, אין וועלכען דער דאקטאר האט גערעדט האט אויף איהר געווירקט און זי האט זיך ניט געערגערט פון ניימאן'ס אנטלויפען. זי איז צוגעפאלען צום פאטער און איהם הייס געקושט. דאן איז זי אריינגעלאפען אין שלאף־צימער, האט אויפגעוועקט די מוטער און איהר דערצעהלט וואס עס האט פאסירט.

אין יעדען ווינקעלע פון הויז האָט יעצט אָבגעקלונגען גליק און פרייד.

* * *

ניימאַן האָט געוואוסט, אַז זיין אנטלויפען וועט אָנמאַכען אַ גערודער און אַז מען וועט איהם זוכען. ווען ער איז אַריבערגעקו־מען קיין דזשווירזי סיטי, איז ער אריין אין אַ סאַלון, זיך אוועק־געזעצט ביי אַ טישעל און גענומען ענדיגען דעם בריעף צו פלאָ־רא׳ן, אין וועלכען ער האָט ערקלעהרט די אורזאַכע פון זיין פער־שווינדען. און ניט בלויז דאָס האָט ער געוואָלט ערקלעהרען; אין די פיעלע זייטען פאַפּיער וואָס ער האָט שוין געהאַט אָנגעשריבען נאָך אין דעם ביליגען האָטעל אין ניו יאָרק, האָט ער אויסגעגאָסען זיין פערוואונדעטע הארץ; ער האָט בעוויינט זיין ערשטע ליעבע, אין וועלכע ער איז אַזוי ביטער ענטטוישט געוואָרען... ניט קיין בריעף, נאָר אַ גרויסער אַרטיקעל איז דאָס געווען.

ער האָט בעשלאָסען דעם בריעף צו שיקען ניט אויף פלאָרא׳ס אדרעס, נאָר צום דאָקטאָר, וויסענדיג, אַז זי וועט זאָ ווי זאָ איהם ציינען דעם בריעף. ער האָט טאַקע אויך צוגעשריבען עטליכע ווער־טער צום דאָקטאָר.

ווען ער האָט געענדיגט שרייבען, האָט ער דעם בריעף אַריינגע־לייגט אין אַ קאָנווערט, איהם פערקלעפּט און מיט איהם געגאַנגען אויף דער פּאָסט. אויף׳ן וועג האָט ער געקויפט די זעלבע צייטונג, אין וועלכער דער דאָקטאָר האָט אדווערטייזט דאַן, ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל פערשוואונדען פון האָספּיטאַל. ער איז זיכער געווען דאָרט היינט ווידער צו געפינען אַן אַנאָנסע צו איהם.

דערזעהענדיג די צוויי אַדווערטייזמענטס, איז ער אויפגע־שפּרונגען פון איבערראַשונג. דעם ערשטען אַדווערטייזמענט האָט ער איינינע מאָל איבערגעלעזען, ניט גלויבענדיג זיינע אייגענע אוי־גען וואָס ער זעהט, אָבער די אנמערקונג פון דער רעדאַקציאָן האָט ענדליך פאַרטריבען פון איהם דעם מינדעסטען צווייפעל. אַ היבשע ווײַלע איז ער געשטאַנען אויף איין אָרט און געטראַכט וואָס ער

האָט דאָ צו טהאָן. ער האָט ניט געקענט בעגרייפען וואָס עס האָט אַזעלכעס פּלוצלונג פּאַסירט. נאָך וואָס וויל פלאָראַ'ס פאָטער איהם זעהן? מיינט ער ווירקליך ווי ער שרייבט אין דעם אַדוועטרטייז־מענט? ווי קומט צו איהם פּלוצלונג אַזאַ ענדערונג?

ער האָט שוין דעם בריעף צו פלאָראַ'ן ניט אַוועקגעשיקט, ער איז אַריין אין אַ דראָג סטאָר און אָפּגערופען דורכ'ן טעלעפאָן דעם דאָקטאָר. דער אַרצט האָט גלייך דערקענט זיין שטימע און צווישען זיי איז פאָרגעקומען דער פאָלגענדער געשפּרעך:

— פאַר וואָס ביזטו וויעדער אַנטלאָפען?

— איך האָב אַזוי געמוזט האַנדלען — האָט ניימאַן געענט־פערט.

— האָסטו געלעזען די אַדוועטרטייזמענט?

— יא.

— קומסטו באַלד?

— ניין.

— וואָס הייסט ניין?

— איך קען מעהר פלאָראַ'ן ניט זעהן.

— וואָס?!

— צווישען מיר און פלאָראַ'ן איז אַלעס אויס.

— דו ביזט משוגע, צו וואָס?

— ליידער בין איך דאָס יעצט נאָך ניט. איך וועל דאָס מיט דער צייט פיעלייכט ווערען. עס וועט מיר זעהר שווער זיין אַריבער־צוטראָגען דיעזע ענטטוישונג און איך וועל געוויס דעם זינען פער־ליערען.

— וואָס רעדסטו, ניימאַן? בעדענק זיך וואָס דו טהוסט!

— איך האָב שוין גוט נאָכגעדענקט וועגען דעם און מיין האַנדלונג איז דער רעזולטאַט פון מיין דענקען. פלאָראַ וועט אין קורצען פון מיר אַ בריעף בעקומען, אין וועלכען איך וועל איהר אַלעס דייטליכער ערקלעהרען.

— ניימאַן, איך מוז דיר זאָפאָרט זעהען. קום גלייך צו מיר!

— עס טהוט מיר לייד, דאָקטאָר, וואָס איך קען אייער פער־לאַנג ניט ערפילען.

— וועל איך קומען צו דיר. איך מוז דיר גלייך זעהען. וואו ביזטו יעצט?

— איך בין ניט אין ניו יאָרק.

— ניט אין ניו יאָרק! — וואו דען?

— דאָס קען איך אייך ניט זאָגען.

— ניימאַן, זיי ניט קיין נאר און קום גלייך צו מיר. איך קען דיר אבסאָלוט ניט בעגרייפען. ניימאַן, דו האָסט יעצט דיין גליק אין דער האנד. האָסט דאָך געלעזען וואָס מיסטער זינגער שרייבט צו דיר.

— ווי קומט עפּעס צו איהם פּלוצלונג אזא ענדערונג?

— אַז דו וועסט קומען צו מיר, וועל איך דאָס דיר אַלעס ערקלעהרען. דו זאָלסט וויסען וואָס פאר אַ מפּלה פרענק האָט אריינגעכאַפּט פון מיסטער זינגער'ען! ער האָט אויף דיר אויסגע־טראַכט אַ מיאוס'ען בלבול.

— אויף מיר — אַ בלבול?

— יא, אָבער איך האָב איהם אַוועקגעגעבען אַ גאָב, אַז ער וועט מיר האָבען צו געדענקען.

ניימאַן האָט זיך פערטראַכט. עס איז איהם מיט אמאָל קלאָר געוואָרען די גאַנצע געשיכטע. פרענק האָט דאָ געשפּיעלט אַן אינ־טריגע. דאָס וואָס ער האָט איהם דערצעהלט וועגען זיינע פערהעלט־ניסע מיט פלאָראַ'ן איז אויך אַ ליגען...

— איך קום שוין צו אייך, דאָקטאָר. איך בין אין דזשוירזי סיטי. אין אַ שטונדע אַרום וועל איך ביי אייך זיין — האָט ניימאַן נערוועז געענדיגט דעם געשפּרעך דורכ'ן טעלעפאָן.

ווען ער איז צוגעקומען צום דאָקטאָר'ס הויז, האָט דער ארצט איהם שוין ערוואַרטעט פאַר דער טהיר. ער האָט איהם מיט פרייד בעגריסט, זאָגענדיג:

— דו האָסט אונז אַ היבש ביסעל שרעק פערשאַפט.

ניימאַן איז געשטאַנען אַ פערשעהמטער, ווי אַ חדר־אינגעל, וועלכען מען האָט געכאַפּט בשעת ער האָט אָבגעטהאָן עפּעס אַ שטיקעל קונדס'שע אַרבייט.

— מיר זיינען אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען — האָט דער דאָקטאָר ווייטער געזאָגט, אָננעהמענדיג ניימאַן'ען אונטער'ן אָרעם און אַריינפיהרענדיג איהם צו זיך אין הויז אַריין.

ניימאַן איז נאָך אַלץ געווען פערשעהמט. שטאַמלענדיג האָט ער דעם דאָקטאָר דערצעהלט די אורזאַכע פון זיין אנטלויפען. ווען ער האָט געענדיגט האָט ער איהם געגעבען דעם בריעף, וואָס ער האָט געהאַט אָנגעשריבען צו פלאָרא'ן, זאָגענדיג:

— איך בין יעצט אַזוי צוטראָגען, אַז איך קען ניט פיעל רע־דען. לעזט דאָס איבער וועט איהר זעהען וואָס איך האָב דורך דיזע עטליכע שטונדען איבערגעלעבט. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך דאָס געשריבען און היינט האָב איך איהם אין דזשוירזי סיטי געענדיגט.

דער דאָקטאָר איז געווען זעהר אויפגעבראַכט, הערענדיג די גע־מיינע אינטריגע וואָס פרענק האָט דאָ אָנגעפיהרט. ער האָט ניימאַנ־ען דערצעהלט וואָס פרענק האָט אויף איהם אויסגעטראַכט. אָנפאַנגס האָט זיך ניימאַן צולאַכט, אָבער נאַכהער איז ער אַזוי אין כעס גע־וואָרען, אַז ער האָט געוואָלט אויפזוכען פרענק'ען און זיך מיט איהם אָפּרעכענען דערפאַר. דער דאָקטאָר האָט איהם קוים צוריק־געהאַלטען, ערקלעהרענדיג איהם, אַז זיכגער וועט זיך שוין מיט איהם אָברעכענען. ער וועט איהם דאָס ניט שווייגען. אין קאָורט וועט ער זיך מוזען פערענטפערען אויף דיעזע אַלע פערלוימדונגען.

דאַן איז דער דאָקטאָר מיט ניימאַן'ען אַוועק אין אַ דעפּאַרט־מענט סטאָר, וואו ער האָט פאַר איהם געקויפט שעהנע קליידער. ניימאַן האָט זיך איבערגעטהאָן ביים דאָקטאָר אין הויז און זיי זיינען אַוועק צו די זינגערס. אויפ'ן וועג האָט דער דאָקטאָר גע־שטיפט, געלאַכט, וועהרענד ניימאַן איז ניט געווען אין קיין פרעה־ליכער שטימונג. אין האַרצען האָט ער ניט אויפגעהערט זיך צו

מאכען פּאָרווירפע, וואָרים ער האָט געקענט גלויבען אזא זאך אויף פלאָרא'ן; און וואָס נעהענטער זיי זיינען צוגעקומען צו זינגער'ס וואָהנונג, אלץ אומעדיגער איז ער געוואָרען. דער ארצט האָט איהם אויפגעמונטערט, זאָגענדיג צו איהם מיט שפּאָס:

— אויב דו וועסט אריינקומען מיט אזא זויערע מינע, וועט דאך פלאָרא אויף דיר ניט וועלען א קוק טהאָן אפילו.

— איך קען אייך ניט ערקלעהרען, דאָקטאָר, ווי איך פיהל יעצט. עפּעס איז מיר אזוי מאָדנע אויפ'ן הארצען...

ווען זיי זיינען צוגעקומען צו זינגער'ס הויז, האָט ניימאַן זיך אָפּגעשטעלט און ערקלעהרט, אז ער וועט יעצט ניט אריינגעהן. ער וועט ביינאַכט קומען. אָבער דער דאָקטאָר האָט איהם פּעסט אָנ־גענומען אונטער'ן אָרעם און אָנגעקלונגען אין טהיר.

— דאָס זיינען פלאָרא'ס טריט — האָט דער דאָקטאָר שטיל געזאָגט, הערענדיג ווי מען לויפט אינוועניג צו דער טהיר.

אין ניימאַן'ען האָט די הארץ גענומען האסטיג קלאַפּען.

די טהיר האָט זיך געפּענט און עס האָט זיך ווירקליך בעוויזען פלאָרא.

— דאָ האָסט דו דעם פערשוואונדענעם בחור ! — האָט דער דאָקטאָר א זאָג געטהאָן צו איהר מיט א שמייכעל, אָנווייזענדיג אויף ניימאַן'ען, וועלכער איז געשטאַנען מיט ארונטערגעלאָזענע אויגען.

פלאָרא האָט זיך א פּאָר סעקונדען אין איהם איינגעקוקט. אין די נייע קליידער האָט ער פיעל שעהנער אויסגעזעהען. איבערהויפּט האָט זי איהם יעצט צום ערשטען מאָל געזעהען אין געוועהנליכע מלבושים. ביז יעצט האָט זי איהם אלץ געזעהען אין האָספּיטאַל־קליידער. זי האָט זיך איהם ארויפגעוואָרפען אויפ'ן האלז און איהם גענומען היים קושען.

— איז דער פּאַפּא דאָ ? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט.

— יאָ, ער וואַרט דאך אויף אונזער גאַסט.

דער דאָקטאָר איז אריין אין די ווייטערע צימערען, פיהרענדיג מיט זיך ניימאַן׳ען. זינגער, דערזעהענדיג דעם גאַסט, האָט ער איהם זעהר פריינדליך בעגריסט און געזאָגט:

— אזוי האָב איך דיר ליעב. איך האָב ליעב אז מען פאָלגט מיר.

מיסעס זינגער און מיסס גאָרדאָן האָבען זיך אויך ארומגע־כאַפּט מיט׳ן גאַסט. ניימאַן׳ס אויגען זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט פריידענס־טרעהרען.

דער דאָקטאָר האָט זיך פערמאַכט מיט זינגער׳ן אין א בעזונ־דערען צימער, וואו ער האָט איהם דערצעהלט די אורזאַכע פון ניי־מאַן׳ס נעכטיגען אנטלויפען.

זינגער איז געוואָרען אזוי אויפגעבראַכט פון דער געשיכטע, אז ער האָט געשריען, אז ער געהט אויפזוכען פרענק׳ען און אז ער וועט איהם דערשיסען ווי א משוגענעם הונד. דער דאָקטאָר האָט איהם אויך קוים געקענט איינשטילען.

אין דער זעלבער צייט האָבען די פרויען ניימאַן׳ען ארומגערינ־געלט און איהם אויסגעפרעגט וואָרום ער איז אוועק. ער האָט פאַר־שעהמט געענטפערט, אז ער האָט זיך געוואָלט דערשלאָגען צו עפּעס א בעשעפטיגונג און אז נאַכהער וואָלט ער זיך געווען אָפּגערופען. די אמת׳ע אורזאַכע האָט ער זיך געשעהמט צו דערצעהלען.

דעם זעלבען טאָג נאָך האָט זיך זינגער געזעהען מיט זיין לאָיער, וועמען ער האָט איבערגעגעבען די קייס געגען פרענק׳ען. דער לאָיער האָט ערקלעהרט, אז ער וועט מאַכען ניט קיין ציוויל קייס, נאָר א קרימינעלע קלאַגע וועגען פערליימדונג וועט ער געגען פרענק׳ען ברייגען.

* * *

עטליכע וואָכען שפּעטער.

ניימאַן האָט בעקומען א שטעלע אין דער דערמאָנטער ענג־לישער צייטונג אלס רעפּאָרטער. דער דאָקטאָר האָט קיין טעות ניט געהאַט, ווען ער האָט פאָראויסגעזאָגט, אז ניימאַן וועט זיין

פּעהיג דערצו. ער איז געווען זעהר בעליעבט ביי אַלע רעדאַקטאָרע פאר זיין פלייסיגע ארבייט און פאר די אויסערגעוועהנליכע פּעהיגקייטען. זינגער האָט איהם אָנפאַנגס געוואָלט אריינגעהמען צו זיך אין די ריעל עסטייט ביזנעס; אָבער דער דאָקטאָר האָט געראַטהען אַז ער זאָל בעסער אָננעהמען דעם דזשאָב אַלס רעפּאָרטער, פערזיכערענדיג, אַז ניימאַן וועט אמאָל זיין אַ גרויסער זשורנאַליסט; און פאר זינגער׳ן איז דאָס געווען ניט קיין קליינער כבוד צו האָבען אַן איידעם אַ צייטונגס־שרייבער.

פרענק איז פאר שאַנדע אַנטלאָפען פון ניו־יאָרק.

פלאָרא איז געווען גליקליך. יעדען אבענד פלעגט זי מיט ניימאַן׳ען פערברייגגען, צוזאמען מיט׳ן דאָקטאָר און זיין געליעבטע, וועלכע האָבען אויך געגאָסען זייער גליק.

אין עטליכע מאָנאַטען ארום האָבען אין אַ געוויסען טאָג שטאַטגעפונען די חתונות פון ביידע פּאָרלעך. צו דעם דאָקטאָר׳ס האָכצייט זיינען זיך צוזאמען געקומען זיינע און מיסס גאָרדאָן׳ס פאמיליע. דער דאָקטאָר, אַלס פריידענקער, האָט קיין צערעמאָניעס אין אַ קירכע ניט געמאַכט. ער איז בלויז נאָכגעקומען די געזעצליכע פאָרמאַליטעטען. דערפאר האָט ער בייגעוואָהנט מיט זיין פרוי די חופה־צערעמאָניע און די גרויסארטיגע סעודה ביי ניימאַן׳ען און פלאָרא׳ן.

זינגער האָט די חתונה פון זיין איינציגע טאָכטער פעראייביגט מיט אַ שעהנעם אנדענקען. ער האָט געקויפט אַ בעטעל פאר דאָקטאָר סטענטאָן׳ס האָספּיטאַל, וועלכעס עס טראָגט דעם נאָמען פון זיין בת־יחידה, און האָט זיך פערפּפליכטעט צו געבען אַ פּאאר טויזענד דאָלאר יעדעס יאָהר ווי לאַנג ער וועט לעבען אויף דעם זעלבען האָספּיטאַל און האָט אויך אין זיין צוואה איבערגעלאָזען אַ געוויסע סומע געלד פאר דעם זעלבען צוועק.

ביי דער צערעמאָניע אין האָספּיטאַל, וואו מען האָט דאָס „פלאָרא־בעטעל“ אויפגעשטעלט, איז צווישען די פיעלע געסט וואָס זיינען איינגעלאַדען געוואָרען אויך געווען ראָזי, דעם ניוס־דיעלער׳ס

טאָכטער. זי איז אָבער דאָרט קיין גאַסט ניט געווען; זי איז שוין געווען אַ נוירס. דערהערענדיג אַז ניימאַן און פלאָראַ זיינען דאָ אין האָספיטאַל, איז זי געקומען זיי גראַטולירען צו זייער האָכצייט.

דאס פּאאר פאָלק האָבען זי געבעטען אַז זי זאָל זיי בעזוכען, אָבער זי האָט ערקלעהרט, אַז זי איז זעהר פערנומען און האָט קיין צייט ניט אויף פערגעניגענס...

איהר איינציגער פערגעניגען אין לעבען איז יעצט געווען, צו העלפען די ליידענדע פּאַציענטען איהרע. דערמיט האָט זי אויך גע־לינדערט איהרע אייגענע שמערצען, מיט וועלכע איהר הארץ איז געווען אָנגעזאַפּט...

ע נ ד ע.

LIBRARY
APR 17 2007
UNIVERSITY OF TORONTO

Digitized by the Internet Archive
in 2018 with funding from
University of Toronto

https://archive.org/details/goldunbluroman00goli

Chas Greenberg
801 Buckeye st

VELUT ARBOR ÆVO

*Presented to the*

LIBRARIES *of the*

UNIVERSITY OF TORONTO

*by*

**Farley Mernick**
**in loving memory of**
**his parents**
**Frank and Belle Mernick**